STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00724

DI MILHOME FUN DI YIDISHE PARTIZANER IN MIZREH-EYROPE

Moshe Kahanovich

Permanent preservation of this book was made possible by
Jeanine & Guy Saperstein
in honor of
Irving & Jean Abkin

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה קאַגאַנאָוויטש

די מלחמה פון די ייִדישע פּאַרטיזאַנער

אין מזרח-אייראָפּע

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

124

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

די רשימה פון די דערשינענע ביכער — צום סוף פונעם בוך

משה קאַגאַנאָוויטש

די מלחמה פון די יידישע פּאַרטיזאַנער

אין מזרח-אייראָפּע

באַנד איינס

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס איירעס, 1956 — תשט״ז

דרוקעריי ברידער זלאַטאָפּיוראָ — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס־איירעס.



משה קאַגאַנאָוויטש

אינהאַלט פון ערשטן באַנד:

פאָרוואָרט צום בוך — XI

פאָרוואָרט פון מחבר — XIII

1. די רוסן — אַ פּאַרטיזאַנער־פּאָלק — 17
2. די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אין די אָקופּירטע געביטן פון סאָוועט־רוסלאַנד — 29
3. דער אָנהייב פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג — 54
4. די צוויי פּאַזעס אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג — 63
5. אָרגאַניזאַציע, קאַמפּס־טאַקטיק און סטראַטעגיע — 87
6. די ווייס־פּוילישע און גרין־אוקראַינישע פּאַרטיזאַנקע אין מערב ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע — 109
7. די אַפּראָוויזאַציע־פּראָבלעם אין פּאַרטיזאַנקע — 124
8. די סיבות פון דער ייִדישער קאַמפּס־פּאַסיוויטעט אין די געטאָס — 134
9. די אונטערערדישע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציעס אין די געטאָס — 148
10. געווער־פאַרזאָרגונג אין די געטאָס — 174
11. ווידערשטאַנד און רעטונגס־וועגן אין די געטאָס און אַרבעטס־לאַגערן — 195
12. ייִדן־אָרגאַניזאַטאָרן און קאָמאַנדירן אין די וועלדער — 216
13. דאָס פּראָבלעם פון ייִדישע נאַציאָנאַלע פּאַרטיזאַנער־אייןהייטן — 256
14. ייִדישע פאַמיליע־לאַגערן אין די וועלדער — 267
15. דער אומקום פון רוסישן ייִדנטום און די סאָוועטישע אונטערערד־באַוועגונג — 288
16. אַנטיסעמיטיזם אין פּאַרטיזאַנקע — 316
17. די סאָוועטישע רעגירונג און פּאַרטיזאַנקע אַלס ייִדן־רעטערס — 365
18. דער ייִדישער מעדיצינישער אַרבעטער אין דער פּאַרטיזאַנקע — 395

די געפאַלענע פאַרטיזאַנער אין די וועלדער, פּושטשעס, בלאָטעס און פליינען פון מזרח־אייראָפּע, אין געראַנגל מיטן בלוטיקן פאַר־טיליקער פון אונדזער פאָלק — געווידמעט.

דער מחבר

**
*

מיט געפילן פון דאַנקבאַרקייט און באַזונדערער אָנערקענונג האָב איך מסכים געווען צו דער ווענדונג אָנצושרייבן אַ פאָררעדע צום וויכטיקן בוך פון הער מ. קאַגאַנאָוויטש „דער קאַמף פון די ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע״. דאַנקבאַרקייט דערפאַר, ווייל דער אומוויסן וואָס הערשט אין דער ייִדישער געזעלשאַפט אויף דעם געביט איז אַ רעטזלהאַפטע דערשיינונג. דער הערשנדיקער אומוויסן גרענעצט זיך מיט נאַציאָנאַלער און מענטש־לעכער באַליידיקונג און הער מ. קאַגאַנאָוויטש האָט מיט זיין בוך אַראָפּגע־נומען פון אונדז די שאַנדע פון אומוויסן און פאַרגעסן.

דער מחבר, וואָס האָט אַליין אָנטייל גענומען אין די פּאַרטיזאַנער־קאַמפן, האָט מיט פיל פליס און געניטער דערפאַרונג אין די ענינים, אויפגעקליבן, צונויפגעזאַמלט און קאָנצענטרירט אַ ריזיקן מאַטעריאַל וועגן דער ייִדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין די שטעט, שטעטלעך, וועלדער, אָטריאַדן און בריגאַדעס, סיי אין די ריין־ייִדישע, סיי אין די נישט־ייִדישע מיליטערישע איינהייטן אין אַלע געגנטן און ראַיאָנען פון רוסלאַנד, ליטע און פוילן.

אין אַ פּשוטן און זאַכלעכן סטיל וויקלט פאַר אונדז דער מחבר פונאַנ־דער די דערהויבענע און אויפציטערנדיקע פּרשה פון דער ייִדישער פּאַר־טיזאַנער־באַוועגונג אין איר גאַנצער פּראַכט און פּאַרכטיקייט. ער שיל־דערט דעם מעכטיקן פאַרנעם פון דער ייִדישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, איר פאָלקסטימלעכן מאַסן־כאַראַקטער, די איבערמענטשלעכע העלדישקייט פון די באַטייליקטע, זייער יסורים־וועג, וואָס איז אין מערסטן טייל געווען בלויז וועגן און שטעגן צו אַ בכבודיקן טויט, אַ טויט דורך קאַמף, אין ביטערן געראַנגל מיטן פיינט.

דער גורל פון אַ פאָלק, וואָס אין קרייץ־צוג אים צו פּאַרטיליקן און

פאַרניכטן, האָבן זיך פאַראייניקט און געמיינזאַם געווירקט טייוולאָנישע פּלענער פון פּראָפּעסיאָנעלע און באַוווּסטזיניקע מערדער, גרויזאַמקייט און רשעות פון אָקופּאַנטן־פייניקער און נידעריקע אינסטינקטן פון אומגעצוימטע שונאים, ווען עס איז אויסגעליפערט געוואָרן דאָס בלוט פון זייערע קרבנות — האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשפיגלט אין דעם גורל און וועג פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און אין דעם גורל פון יעדן קעמפער און אויפשטענדלער, וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר זייער פאָלק און זיין כבוד, ביי אַזעלכע שווידערלעכע אומשטענדן, וואָס זענען ביז דאַן געווען אומבאַוווּסט.

דער מחבר האָט זיך געפלייסט צונויפצוקלייבן ידיעות וועגן יעדער פאַרטיזאַנישער איינהייט, וועגן יעדע אַדורכגעפירטע מיליטערישע אויפגאַבע און פאַרגעבונג, און פאַראייניקן די אַלע פאַקטן און פּרטים צו איין גרויסן כלל: צום כלל — געראַנגל פון אַ פאָלק פאַר זיין לעבן און עקזיסטענץ, צו דעם קאַמף פון די רעשטלעך פון אַ פאָלק פאַר זייער עקזיסטענץ־רעכט און כבוד פון זייער פאָלק. און דאָס אַלץ ווערט פאַר אונדז געגעבן אין דער אַלגעמיינער היסטאָרישער ראַם פון דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין ראַטנפאַרבאַנד און אַנדערע מזרח־אייראָפּעישע לענדער, אין איר אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור און אין די ראַמען פון די מלחמה־אומשטענדן און איר פאַרלויף.

פאַר דעם אַלעמען קומט דעם מחבר עפנטלעכע אָנערקענונג. יהי רצון, אַז דאָס בוך זאָל געפינען אַ וועג צו די הערצער פון דעם דור, כדי זיי זאָלן וויסן און לערנען, נישט נאָר וואָס זיי זענען אַדורך, נאָר אויך וואָס און ווי אַזוי עס האָבן זיך געראַנגלט און געווען טעטיק זייערע ברידער און שוועסטער אין קאַמף פאַר זייער לעבן און פאַרן כבוד פון זייער פאָלק.

פּראָפ. ב״צ דינור

ירושלים.

פאַרוואָרט פונעם מחבר

דער אָנטייל פון די ייִדן אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, אין די יאָרן פון צווייטן וועלט־קריג, איז ביז היינטיקן טאָג געבליבן אַ ספר חתום פאַר דער ייִדישער עפנטלעכקייט אין גאַר דער וועלט. עס זענען שוין דערשינען אַ באַדייטנדיקע צאָל ביכער וועגן דעם ייִדישן חורבן אין די אייראָפּעיִשע לענדער. מיר האָבן שוין אויך נישט ווייניק ביכער וועגן דער טעטיקייט פון די ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס אין די געטאָס און אַרבעט־לאַגערן.

דאַקעגן איז ביז היינט דערשינען בלויז ווייניקע ביכער פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער וואָס דערציילן וועגן זייערע איבערלעבונגען און קאַמפן אין די וועלדער און פושטשעס אין די פאַרשידענע ראַיאָנען, געגנטן און טעטי־קייט־זאָנעס אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע.

נאָכן פאַרלאָזן די וועלדער, און שפּעטער רוסלאַנד, האָב איך פאַר זיך געשטעלט אַ ציל: פאַראייביקן דאָס רומפולע קאַפּיטל פון דער העראָיִשער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג בכלל און דער ייִדישער בפרט.

לויט מיין איניציאַטיוו און אונטער מיין אָנפירונג איז אַנטשטאַנען די היסטאָרישע קאָמיסיע ביים פאַרבאַנד „פראָנט און געטאָ־קעמפער" (באַקאַנט אונטערן פאַרקירצטן נאָמען: „פחח" — פרטיזן־חייל־חלוץ), וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרן אין לאָדזש (מאַי, 1945).

די היסטאָרישע קאָמיסיע האָט דורך אַ נעץ פון קאָרעספּאָנדענטן אין די פּליטים־לאַגערן פון עסטרייך, איטאַליע און דייטשלאַנד, דורך סעמינאַרן פון פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן, וועלדער און ראַיאָנען, פאַרצייכנט במשך פון די וואַנדער־יאָרן 1945—49 די איבערלעבונגען און זכרונות פון פיל הונ־דערטער געוועזענע פּאַרטיזאַנער.

אויפן סמך פון די עדותן און מאַטעריאַלן האָב איך אָנגעשריבן דאָס בוך **„דער יידישער אָנטייל אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג פון סאָוועט־רוסלאַנד"**. (רוים, 1948).

איבעריק צוצוגעבן, אַז אַדאַנק דעם, וואָס איך האָב במשך פון מיין לערך צוויי־יעריקער פּאַרטיזאַנקע אין די פאַרשידענע פּושטשעס און וועלדער פון מערב ווייסרוסלאַנד, נישט פאַרלאָרן מיין זשורנאַליסטישע נייגעריקייט און נויגונג צו פאַראינטערעסירן זיך מיט דערשיינונגען, געשעענישן און פּראָבלעמען — האָט מיר באַדייטנדיק אַרויסגעהאָלפן ביים אָנשרייבן דאָס בוך.

אינצווישן, נאָכן דערשיינען פון דאָס אויבנדערמאָנטע בוך, איז מיר געלונגען צו באַקומען פיל צענדליקער ווערטפולע זכרונות־ביכער וואָס זענען דערשינען אין רוסלאַנד: דורך געוועזענע קאָמאַנדירן פון פּאַרטיזאַנישע בריגאַדעס און פאַראייניקונגען, ווי אויך מעמואַריסטישע רעגיאָנעלע ניי־דערשינענע ביכער פון יידישע פּאַרטיזאַנער וועגן זייערע איבערלעבונגען, קאַמפן און נסיונות אין די וועלדער, אין די פאַרשידענע טעטיקייט־ראַיאָנען.

אין ישראל, וווּ עס קאָנצענטרירן זיך די מערסטע פּאַרטיזאַנער, האָב איך צונויפגעזאַמלט נייעם מאַטעריאַל און פאַקטן צ״אַנד. פון געגנטן און וועלדער פון וועלכע איך האָב פריער גאָרנישט, אָדער כמעט ווי גאָרנישט, געוווּסט.

איך האָב אויסגעברייטערט די ראַם, אַרומנעמענדיק נייע געגנטן און לענדער. די באַדייטנדיקע רעגיאָנעלע פּאַרטיזאַנער־ליטעראַטור האָט געוואָרפן אַ ניי ליכט אויף די אומבאַקאַנטע ווינקעלעך און מיך געצוווּנגען צו רעווידירן געוויסערמאָסן מיין איינשטעלונג צו פאַרשידענע דערשיינונגען און פּראָבלעמען און אַרויסהויבן פיל נייע פּראָבלעמען, וואָס זענען אַרויפגעשווומען מיטן אָנקומען פון יידן אין די וועלדער.

איך האָב אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט דאָס בוך „מלחמה הפרטיזנים היהודים במזרח אירופה (הוצאת „עיינות", תל אביב, 1954), פון וועלכן דאָס ביילינגנדיקע בוך איז אַן איבערזעצונג. עס איז אָבער גענוג צו פאַרגלייכן די איבערזעצונג מיטן מקור, בכדי זיך צו איבערצייגן, אַז די יידישע אויסגאַבע איז באַרייכערט מיט פיל נייע פאַקטן, מאַטעריאַלן און ציטאַטן פון פּאַרטיזאַנער־ביכער, וואָס זענען נישט אַריין אין דער העברעישער אויסגאַבע.

אַ באַזונדערן אינטערעס האָב איך געפונען אין די יידישע מאָמענטן,

וואָס דערציילן וועגן דער ייִדישער טראַגעדיע און ייִדישער העלדישקייט אין דער רייכער רוסישער פּאַרטיזאַנער־ליטעראַטור און האָב זיי איינגעשלאָסן אין בוך.

איך האָב זיך באַמיט צו זיין ווי ווייט־מעגלעך אָביעקטיוו ביים באַהאַנדלען די ייִדישע פּאַרטיזאַנער־פּראָבלעמאַטיק און ביים מאַכן אויספירן, באַזונדערס בנוגע דער דעליקאַטער פּראָבלעם פון די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן ייִדן און נישט־ייִדן אין די וועלדער.

דאָס בייליגנדיקע בוך גיט אַן אומפּאַסנדיק און פול בילד פון ייִדישן אָנטייל אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער אויף אַלע שטחים און קאַמפּס־אָפּשניטן, באַהאַנדלט די געשיכטע און פּראָבלעמאַטיק פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיזאַנקע בכלל און דער ייִדישער בפרט (פאַמיליע־פּראָבלעם, באַשפּייזונג, באַוואָפענונג, באַציִונגען צווישן ייִדן און נישט־ייִדן, נאַציאָנאַלע איינהייטן אא״וו.).

אין צווייטן טייל ווערט געגעבן אַ פילפאַרביקער מאַטעריאַל פון פאַקטן און עפּיזאָדן וועגן ייִדן אין קאַמף, גערוואַגל און נקמה פון זייערע שונאים.

ביי דער געלעגנהייט דאַנק איך דעם ישראל־מיניסטער פאַר דערציִונג און קולטור, פּראָפ׳ ב״צ דינור, פאַר זיין אַרויסגעוויזענער פאַראינטערעסירונג מיט מיין פאָרש־אַרבעט און דערמוטיקנדיקן פאָרוואָרט צו מיין בוך.

אַ דאַנק, פריינט מאַרק טורקאָוו, פאַרן דערמוטיקן און דערמעגלעכן מיר צו מאַכן די אַרבעט אין דער ייִדישער שפּראַך.

אין מיין בייגעלייגטער אַרבעט בין איך אַרויסגעהאָלפן געוואָרן דורך „יד ושם״ אין ירושלים, „בית לוחמי הגיטאות ע״ש י. קצנלסון״ און פיל יחידים מיט שטעלן אין מיין רשות ביכער, דאָקומענטן און פאָטאָגראַפיעס. מיינע בעסטע דאַנקען פאַר זיי.

איך גלייב און האָף, אַז דאָס בוך וואָס פאַראייביקט דאָס קאַפּיטל פון ייִדישער גבורה אין די יאָרן פון נאַציִשן גהינום, וועט פאַרן ייִדישן היסטאָריקער און די ייִדישע מאַסן אין גאַר דער וועלט, דינען ווי אַ מקור פון ידיעות און וועט שאַפן דאָס בילד פון ייִדישן קאַמף, בלוט־צושטייער און ווידערשטאַנד קעגן דער היטלערישער בעסטיע.

און זאָל דאָס זיין מיין לוין!

משה קאַגאַנאָוויטש

תל־אָביב, יולי, 1955.

קאַפּיטל איינס

די רוסן — אַ פּאַרטיזאַנער פאָלק

די ייִדישע און ניט־ייִדישע עפנטלעכקייט ווייס זייער ווייניק, וועגן דעם אָנטייל פון די ייִדן אין דער העראָישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג פון די פעלקער פון ראַטן־פאַרבאַנד, באַזונדערס דאָרט, וווּ זי איז געקומען צום שטאַרקסטן אויסדרוק — אין רספס״ר, ווייסרוסלאַנד און צפון־אוקראַינע.

בכדי צו געבן כאָטש טיילווייז אַ בילד פון דעם ייִדישן אָנטייל אין דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג („פּאַרטיזאַנקע״) אין אַלע אירע אַנטפּלעקונגען, מוז מען זיך פריִער שאַפן אַן אַלגעמיינע, אויבנאויפיקע פאָרשטעלונג, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, וואָס זיינען געווען אירע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען, קאַמפּס־סטראַטעגיע און טאַקטיק; ווי איז געקומען דערצו, אַז אין טיפן דייטשישן הינטערלאַנד („טיל״) 900־600 ק״מ פון דער פראָנט־ליניע, האָבן הונדערטער טויזנטער באַוואָפנטע מענטשן צעטרייסלט און דערשיטערט דעם מעכטיקן דייטשישן כוח און פּרעסטיזש ביי דער באַפעלקערונג? ווי איז עס געקומען דערצו, אַז גאַנצע געגנטן, כמעט גאַנץ ווייסרוסלאַנד, רספס״ר און צפון־אוקראַינע, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאַרטיזאַנער־זאָנעס. ווו די דייטשן פלעגן וואַגן צו קומען נאָר מיט אַ ריזיקן כוח אויף געציילטע טעג און אַוועקגיין צוריק, נאָכן אָפּגיין אין בלוט? ווי איז עס געקומען דערצו, אַז די שוואַך באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער מיט די פאַרזשאַווערטע, קאָמבינירטע ביקסן, אין דער ערשטער תקופה, זאָלן זיך קענען האַלטן, אַפילו געבן שטאַרקע קלעפּ און מיטהעלפן צום זיג איבערן פאַר־

האסטז, בלוטיקן דייטשישן אָקופּאַנט, וועלכער האָט אין אַ קורצער צייט געשטעלט אויף די קני גאַנץ אייראָפּע?

***

א יונגער שפּאַניער געשמידט אין קייטן איז געבראַכט געוואָרן פאַרן פראַנצויזישן אָפיציר וואָס האָט געשוימט פאַר כעס. דער שפּאַניער איז באַשולדיקט געוואָרן אין אָנגעהערן צו אַ קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָנגעגריפן די פראַנצויזישע אַרמיי אין הינטערלאַנד, קעמפנדיק פאַר דער באַפרייאונג פון איר לאַנד פון נאַפּאָלעאָנס טיראַניע.

„וואָס איז דאָס אייגנטלעך? וואָס פאַר אַ מין קריג איז דאָס?" האָט דער אָפיציר געפרעגט מיט ביטול. דער מיליטער־מאַן פון דער רעגולערער אַרמיי האָט נישט געקענט פאַרשטיין אַזוינע משונהדיקע קאַמף־מעטאָדן.

„דאָס איז גערילאַ!" — האָט דער יונגער שפּאַניער שטאָלץ געענטפערט.

אַזוי איז באַשאַפן געוואָרן אין דער געשיכטע דער באַגריף „גערילאַ" (גער, אָדער גערא, באַדייט אויף שפּאַניש — מלחמה; גערילאַ הייסט: „מלחמהלע") — אַ מלחמה, וואָס באַזירט זיך אויף דער טעטיקייט פון קליינע קאַמף־איינהייטן, וואָס גרייפן אָן אומגעריכט און פאַרשווינדן אומגעזען.

דער גערילאַ־קריג איז פאַקטיש איינער פון די עלטסטע מלחמה־פאָרמען. שוין די אַלטע רוימער האָבן זיך אויף זייערע דעראָבערונג־פעלדצוגן אין אייראָפּע אָנגעשטויסן אויף אַט אַזוינע קאַמפס־מעטאָדן. די נאָרמאַנער, די דעראָבערער פון ענגלאַנד, האָבן שוין פאַרזוכט דעם טעם פון די דאָזיקע אונטערגרונט־מלחמות אין די זומפּן און וועלדער אין צפון־מזרח פון לאַנד. און די ענגלענדער אַליין — אויף זייערע דעראָבערונג־מאַרשן איז אין אינדיע האָבן אַט די קריגס־מעטאָדן אָנגעווענדט קעגן דער הערשאַפט פון די מאָנגאָלן אין סוף פון 17טן און אין אָנהויב פון 18טן יאָרהונדערט. וועלס און אירלאַנד אין 14טן און 16טן יאָרהונדערט. מאַכאַרטאַ־שבטים שפּאַנישע פויערים־באַנדעס האָבן אַ סך געהאָלפן דער רעגולערער בריטישער אַרמיי אין דער מלחמה מיט די נאַפּאָלעאָנישע אַרמייען (1808—1813) דורך פּלוצימדיקע אָרויספאַלן און כסדרדיקע סאַבאָטאַזש־אַקטן. דער פראַנצויזישער מאַרשאַל דע־סעקס דערציילט וועגן דער פאַרשטאַרקטער אַקטי־

וויטעט פון די פראַנצויזישע פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן געבילדעט קליינע מיליטערישע אײנהײטן (מיינסטנס רייטער), אין דער צווייטער העלפט פון דער שפּאַנישער „ירושה־מלחמה", אין די יאָרן 1708—1710. עס איז כּדאַי צוצוגעבן, אַז די פראַנצויזישע פּאַרטיזאַנער האָבן געפירט זייער מלחמה מחוץ די גרעניצן פון זייער מדינה (אין די געדיכט־באַפעלקערטע פלאַנדערן). אין „זיבן־יעריקן" קריג (1756—1763) זענען טעטיק געווען צוזאַמען מיט דער רעגולערער אַרמיי כּל מיני „פריי־קאָרפּוסן", „לעגיאָנען", „רייטער־באַטאַליאָנען" פון די „פאַנדורן־איינהייטן" (האָרוואַטער), וואָס האָבן געהערט צו עסטרייך. עס איז אויך כּדאַי צו דערמאָנען די אויפשטאַנדן פון די טיראָלער בערג־איינוווינער, אונטער דער אָנפירונג פון אַנדרעאַס האָפער קעגן די פראַנצויזישע אַרמייען אין אָנהויב פון 19טן י"ה.

אַ פאַרצווייגטע און מוסטערהאַפט־אָרגאַניזירטע „פּאַרטיזאַנקע" איז אָנגעפירט געווען דורכן רוסישן מאַרשאַל קוטוזאָוו אין דער מלחמה קעגן נאַפּאָלעאָן (1812—1813). זיין טאַקטיק האָט זיך באַזירט אויף דער טעטיקייט פון קאָזאַקישע קאַוואַלעריע־אָטריאַדן ביי די פליגלען און אין רוקן פונעם שונא, ווי אויך אין צעטרייסלען די הינטערשטע רייען פון דער אַרמיי — אַ זאַך וואָס איז מעגלעך געווען דורכצופירן, אַדאַנק דעם גרויסן מאַשטאַב פון דער נאַפּאָלעאָנישער אַרמיי און דער אומגעהויערער אויסשפרייטונג פונעם קריגס־שויפּלאַץ.

באַזונדערס באַרימט זענען געווען די איבערפאַל־אָפּעראַציעס אין רוקן פון דער נאַפּאָלעאָנישער אַרמיי, אָנגעפירט פון דעניס דאַווידאָוו (אַן אַטאַמאַן פון אַ רייטער־דיוויזיע). 800 ק"מ וואַלדיקע שטחים איז דאַווידאָוו אַדורכגעגאַנגען, פון סמאָלענסקער גובערניע ביז גראָדנע. אַ חוץ די קאַוואַלעריע־איינהייטן, וואָס זענען געווען טעטיק ביי די פליגלען און אין רוקן פון שונא, האָבן קעגן די פראַנצויזן אויך געקעמפט באַוואָפנטע רוסישע פּויערים־באַנדעס און דעם שונא גורם געווען גרויסע פאַרלוסטן, באַזונדערס בשעת זייער אָפּטרעטן.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען שטאַרקע גערילאַ־באַוועגונגען געווען טעטיק כּמעט אין אַלע, דורך דייטשלאַנד אָקופּירטע, לענדער (פראַנקרייך, דענעמאַרק, נאָרוועגיע, פּוילן א.א.וו.).

אַ גאָר באַדייטנדיקן פּלאַץ אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, נאָך דער

רוסישער, פאַרנעמט די יוגאָסלאַווישע פּאַרטיזאַנקע אונטער דער אָנפירונג פון טיטאָ. כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דער באַוועגונג איז דער פאַקט, וואָס זי איז נישט געשטיצט געוואָרן און האָט ניט מיטגעאַרבעט מיט קיין רעגו־לערער אַרמיי, נאָר איז געשטאַנען אין אַן אינערלעכן קאַמף מיט אַנדערע „גערילאַ"־אַרמייען (מיכאַילאָוויטש). צום סוף האָט זיך טיטאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי פאַרוואַנדלט אין אַ רעגולערער אַרמיי, וואָס האָט באַפרייט יוגאָסלאַוויע פון די דייטשע אָקופּאַנטן.

די אַליאירטע האָבן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געפלעגט און אַנטוויקלט אין אַזיע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונגען קעגן יאַפּאַן, דורך רעקרוטירטע פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. זיי האָבן אויך אויפ־געשטעלט פון זייערע אייגענע אַרמייען ספּעציעלע איינהייטן צו דעם צוועק. די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט געפלעגט אַ פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין כינע און אין די פיליפּינען און די בריטישע אַרמיי — אין בורמאַ. די אַמעריקאַ־נישע אַרמיי האָט פון אירע קאַדרען אויפגעשטעלט אַ פּאַרטיזאַנער־איינהייט (די מאַראָדערן פון מעריל) און די בריטישע אַרמיי — די צינדיטן־איינהייט אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פון אונדזער פריינט, ווינגייט. די איבערפאַל־בריגאַדע פון לאָרד ווינגייט איז באַזונדערס אויסגעשולט געוואָרן פאַר מאַרשן אין דער דזשונגל. אין דער צייט פון די מאַנסון־רעגנס האָט ווינגייט אָנ־געווענדט אַ טיפּישע, עכט פּאַרטיזאַנישע, טאַקטיק. נעמענדיק אין אַכט, אַז ער וועט געצוווּנגען זיין זיך צוריקצוציען דורך דער יאַפּאַנישער פראָנט־ליניע צו זיין באַזע, ביי דער אינדישער גרעניץ, דורך די פולע טייכן און שטראָמען — האָט ער זיין אַרמיי צעטיילט אין קליינע גרופּן, וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן יעדע באַזונדער, אָן וועלכן עס איז קעגנזייטיקן קאָנטאַקט. אויסמיידנדיק באַגעגענישן מיטן פיינט און אונטער דער דעקונג פון דער דזשונגל, איז זיי געלונגען זיך אַדורכצושלייכן אומבאַמערקט דורכן יאַפּאַ־נישן שונא.

נאָכן צווייטן וועלט־קריג האָבן מיר נאָכגעפאָלגט דעם קאַמף פון די פּאַרטיזאַנער־קאָמוניסטן אין די בערג פון צפון־גריכנלאַנד קעגן דער גריכישער רעגירונג. זיי האָבן זיך געקענט האַלטן אַ לענגערע צייט בלויז אַדאַנק די בערג, וואָס האָבן זיי געדינט ווי אַ באַהעלטעניש קעגן דעם מאָדערנעם געווער פון דער רעגירונג און אַדאַנק דער צוגעטיילטער הילף

פון דער שכנישער קאָמוניסטישער אַלבאַניע, וווהין זיי פלעגן אַריבערגיין בעת שווערע סיטואַציעס.

פון דייטשע דאָקומענטן, וואָס זענען אַנטדעקט געוואָרן נאָך דער לעצטער מלחמה, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז די איינציקע סיבה פאַרוואָס דייטשלאַנד האָט מוותר געווען אויף דער אָקופּאַציע פון שווייץ און שוועדן אין איר אייראָפּעיִשן פעלדצוג — איז געווען די מורא פאַר אַ פּאַרטיזאַנישער פאָלקס־באַוועגונג אין די דאָזיקע לענדער — וואָס איז עלול אויפצוקומען, צוליב די גינסטיקע טאָפּאָגראַפישע באַדינגונגען פאַר אַזאַ מלחמה (שוועדן — אַ גרויס לאַנד מיט אַ שיטערער באַפעלקערונג; דער צפון פון לאַנד איז רייך אין וועלדער. די שווייץ — אַ באַרגיק און פעלזיק לאַנד מיט שמאָלע דורכגאַנגען און אַ פאָלקס־אַרמיי אויסגעבילדעט פאַר אַ פּאַרטיזאַנער מלחמה.

אויך אונדזער יידישע געשיכטע איז רייך מיט ביישפּילן פון פּאַר־טיזאַנער־מלחמות. שוין אונדזערע אבות האָבן אָנגעווענדט פּאַרטיזאַנישע טאַקטיק אין זייערע פאַרמעסטונגען מיט די שונאים.

צי איז ניט שמשון הגבור געווען דער ערשטער פּאַרטיזאַן? די טאַקטיק פון אָרגאַניזירן „פּאַרטיזאַנישע" גרופּעס־פוקסן, 300 שטיק, צובינדן זיי עק צו עק מיט ברענענדיקע פאַקלען און אַריינטרייבן זיי אין די פעלדער און ווייגערטנער פון די פלשתים, די באַדריקער פון ישראל — איז אַן עכט פּאַרטיזאַנישע טאַקטיק. אויך דער לעבנס־שטייגער פון שמשונען איז געווען אַ ספּעציפיש־פּאַרטיזאַנישער. זיינע קאַמפס־צוגרייטונגען, דאָס מאַגאַזינירן געווער אין באַהעלטענישן, זיינע קאַמפס־מעטאָדן און שפּיצלעך, זיין באַ־האַלטן זיך אין די בערג און מדבר בעת דער שונא האָט געהאַט אַן איבערוואָג אין כוחות און אַפילו זיין הפקרדיק הוליאַנקע־לעבן איז געווען אַ טיפּיש פּאַרטיזאַנישער.

די העראָיִשע חשמונאים־מלחמה קעגן די גריכן איז אַ ביישפּיל פון אַ גערילאַ־מלחמה קעגן אַ גרויס־מאַכט און אַ רעגולערער אַרמיי, וואָס האָט געבראַכט אַ פולשטענדיקן נצחון. „אַ מלחמה פון ווייניקע קעגן פילע", ווי עס באַצייכנט זי דער יידישער היסטאָריקער. און מיר אַליין זיינען עדות פון דער באַרימטער גערילאַ־מלחמה אין אונדזער היים־לאַנד קעגן די בריטן און אַראַבער, וואָס האָט ניט ווייניק בייגעשטייערט צום דעראָבערן אונדזער אומאָפּהענגיקייט.

***

קיין פאָלק אין דער וועלט, איז לויט זיין כאַראַקטער, לעבנס־שטייגער, געדאַנקען־גאַנג און פּסיכאָלאָגישער איינשטעלונג, ניט פּעיִק צו פירן אַ פּאַרטיזאַנישן קאַמף, ווי דאָס רוסישע פאָלק. קיין לאַנד האָט ניט אַזוינע געאָגראַפיש־גינסטיקע פאַרבאַדינגונגען צו פירן אַ פּאַרטיזאַנקע, ווי רוסלאַנד.

די גאַנצע געשיכטע פון רוסלאַנד, אירע אַלע מלחמות, וועלכע זי האָט געפירט קעגן פרעמדע אָקופּאַנטן און וועלכע האָבן געטראָגן אַ פריי־הייטס־כאַראַקטער, זענען בעיקר געווען פּאַרטיזאַנישע קריגן.

דימיטרי דאָנסקאָיס מלחמה קעגן דער מאָנגאָליש־טאָטערישער אינ־וואַזיע (1380), פּיאָטר דעם גרויסנס קריג קעגן דעם שונא פון צפון, דעם שוועדישן קעניג קאַרל דעם 12טן (1699—1721), מינין און פּאָזשאַרסקיס אויפשטאַנד קעגן די פּוילישע אָקופּאַנטן פון מאָסקווע (1612—1613) און מאַרשאַל קוטוזאָווס סטראַטעגיע אין דער ערשטער פּאַטערלענדישער מלחמה קעגן נאַפּאָלעאָן (1812—1813), זענען געווען ניט נאָר מלחמות מיט רעגו־לערע פראָנטן און געאָרדנטע קאַמפן, נאָר האָבן אויך געהאַט עלעמענטן פון פּאַרטיזאַנישער קאַמפּס־טאַקטיק און סטראַטעגיע, ווו די באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע געביטן האָט גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין קאַמף, און דער אויסגאַנג פון די פאַרמעסטונגען, איז אין אַ גרויסער מאָס דעצידירט געוואָרן אין טיפן הינטערלאַנד פון פיינט.

שוין די אַמאָליקע רוסישע הערשערס האָבן זיך געהאַלטן ביי דער טאַקטיק פון אויפהאַלטן אַ כסדרדיקע פּאַניק ביים שונא, ביי אַרויסטרעטונ־גען קעגן שונא און ווי אַ סיגנאַל צו דעם האָט געדינט דאָס אונטערצינדן שטעט און ישובים (דאָס אונטערצינדן מאָסקווע בעת דעם אויפשטאַנד פון מינין און פּאָזשאַרסקי קעגן די פּאָליאַקן, דאָס אונטערצינדן מאָסקווע בעת דער נאַפּאָלעאָנישער מלחמה אא״וו).

די קריגס־טאַקטיק, וועלכע עס האָבן אָנגעווענדט די רוסן אין זייערע מלחמות פון דער אַ״ג „פאַרברענטער ערד" (ד״ה פאַרניכטן די שפּייז־רעזערוון, סמען די ברונימער, פאַרברענען אַלץ, וואָס עס קען העלפן דעם שונא), און וועלכע עס איז אויך אָנגעווענדט געוואָרן אין דער לעצטער

וועלט־מלחמה קעגן די היטלעריסטישע מערדער־האָרדעס — איז אייגנטלעך אַ פּאַרטיזאַנישע טאַקטיק.

דער גליענדיקער פּאַטריאָטיזם פון רוסישן פאָלק, זיין אומבויגזאַמער נאַציאָנאַלער שטאָלץ, זיין ברענענדיקע ליבע צו פרייהייט און זעלבסט־שטענדיקייט, דאָס ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק צו זיין ווען עס איז פאַר־שקלאַפט און פאַרקנעכט צו פרעמדע אַריינדרינגלערס און אָקופּאַנטן, און דאָס ריזיק־גרויסע, אומענדלעך אויסגעצויגענע לאַנד, וואָס איז שווער איינ־צונעמען און נאָך שווערער צו באַזעצן און באַהערשן, — דאָס אַלץ האָט ניט דערמעגלעכט אַ לענגערע אָקופּאַציע פון די אָנפאַלער־שכנים, ווען עס האָט אין אַלע צייטן געלאָקט דאָס ריזיק־גרויסע געהיימניספולע און לעגענ־דאַר־רייכע רוסלאַנד.

אַ גרויסע טייל פון לאַנד בילדן אומגעהויערע שטחים פון וועלדער, פּושטשעס, (ריזיקע וועלדער פול מיט בלאָטעס און זומפּן), בערג און פעלזן, וואָס שאַפן אידעאַלע באַדינגונגען צו פירן אַ פּאַרטיזאַנקע קעגן פרעמדן אַרייינדרינגלער, וועלכער קען ס׳רוב נישט אַלע וועגן, וועגעלעך, שטעגעלעך און זייטיקע דורכגענג.

דער אָקופּאַנט שרעקט זיך פאַר די געהיימנישפולע ריזיקע, אומענד־לעכע, געדיכטע בלאָטיקע וועלדער, אין וועלכע דער רוס פילט זיך ווי ביי זיך אין דער היים. יעדער רויש פון צווייגל און בלעטל, יעדער שאָרך, וועלכער דערטראָגט זיך פון וואַלד, דערציילט אים וועגן אַ פלוצימדיקן, אומדערוואַרטן אָנפאַל און אומקום.

די ישובים, דערפער און „כוטערס" (איינצל־פאַרמס), זיינען געבויט לענגאויס די וועלדער אָדער געפינען זיך אין האַרץ פון די פּושטשעס.

די וועלדער און פּושטשעס זיינען ס׳רוב געבונדן צווישן זיך (זעלטן מיט קליינע איבעררייסן), און עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט דורכצוגיין דאָס גאַנצע לאַנד, ניט ריזיקירנדיק זיך צוזאַמענצוטרעפן פּנים אל פּנים מיט דער אויבערמאַכט פון שונא, ווען מען האַלט עס פאַר ניט געוווּנטשן.

די פּאַרטיזאַנישע מלחמה, די א״ג „גערילאַ מלחמה" — דער קאַמף אין רוקן פון שונא דורך אומדערוואַרטע, פלוצימדיקע אַרויספאַלן פון פאַרמאַסקירטע ערטער, קוסטעס, וועג־קאַנאַלן, „זאַסאַדעס" (לויערונגען)

אאַ״וו, — איז אַ געפּערלעך געווער קעגן באַצווינגער. דאָס מאַכט אומזיכער יעדע באַוועגונג פון זיינע מיליטער־טיילן אין פרעמדן אומבאַקאַנטן לאַנד.

אויפן פראָנט ווייסט ער אין וועלכער ריכטונג ער האָט צו שיסן, ווער עס זיינען זיינע פיינט, פון וועלכער זייט ער קען דערוואַרטן אַ קויל און ווו ער דאַרף זיך פאַרטיידיקן. אין הינטערלאַנד איז פאַר אים אַ טויט־געשפּענסט יעדער בוים, יעדער קוסט, פעלז, גרוב און געביידע.

דאָס געפיל פון כסדרדיקער אומזיכערקייט, פון אומצוטרוי צו אַלץ און אַלעמען, שוואַכט אָפּ יעדע קאַמפּס־איניציאַטיוו, נעמט אָפּ דעם אויטאָריטעט פון צייטווייליקן באַזיגער ביי דער באַפעלקערונג און ווירקט זיך פּסיכאָלאָגיש שלעכט אויס אויף דער קאַמפּס־שטימונג פון זיינע סאָלדאַטן.

דורך באַדראָען די פאַרבינדונגס־און קאָמוניקאַציע־וועגן (באַנען, שאָסייען, טעלעפאָנען אאַ״וו) ווערט אָפּגעשטעלט, אָדער באַשווערט דאָס צושטעלן געווער, אַמוניציע און אַפּראָוויזאַציע צו די פראָנטן פאַר דער קעמפנדיקער אַרמיי און ס׳רוב דינען דעם שונאס טראַפּייען פאַר דער מיליטערישער פאַרשטאַרקונג פון די, פאַר וועמען זיי האָבן געדאַרפט זיין טויט און אומקום.

עס איז אַלגעמיין באַקאַנט די גרויסע דעצידירנדיקע ראָל אין זיג און ברעכן דעם אייזערנעם בלאָקאַדע־רינג, וועלכע עס האָט אָפּגעשפּילט די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנקע אין בירגער־קריג נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה (1917—1921), ווען 14 מלוכות האָבן אונטערגענומען אַן אינטערווענץ פון אַלע זייטן קעגן דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע און געפּלאַנט זי צו דערשטיקן אין אירע וואָרצלען.

ניט ווייניק לידער ווערן געזונגען, פיל מעשיות און לעגענדעס ווערן דערציילט וועגן דעם העלדישן גערעַנגל, וועלכן עס האָבן געפירט די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער־פירער: שטשאָרס, זשעלעזניאַק, טשאַפּאַיעוו, קאָטאָווסקי, פּאַרכאָמענקאָ, דיאַדיאַ אַליאָשאַ א״אַנד, קעגן דער טשעכישער אַרמיי, קעגן די אַרמייען פון וורעַנגעל, דעניקין, פּעטלורע, קאָלטשאַק, מאַכנאָ, די פּוילישע אַרמיי, בולאַק־באַלאַכאָוויטש, קאָזאַקן־אָפּטיילן, ווייסע צאַרישע אַרמייען, דייטשישע אַרמיי א״אַנד.

אויך די גלענצנדיקסטע, העראָישדיקסטע סאָוועטישע פּאַרטיזאַנקע פון דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט אַרויסגעהויבן הונדערטער און טויזנטער

אָנפירערס, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט אַ פּאַרטיזאַנקע אויף אַלע שטחים, ווו עס איז נאָר אַרויפגעטראָטן דער שווערער פּרייסישער שטיוול און אָן רחמנות זיי פאַרניכטעט און נקמה גענומען פאַרן פאַרגאָסענעם אומשולדיקן בלוט פון מיליאָנען ציווילע בירגערס, פאַרן גאַנצן חורבן, אויסראָט און טויט, וועלכן זיי האָבן געבראַכט אויף רוסלאַנד.

קאָווּפּאַק, זשעלעזניאַק, רודניאַוו, באַזשענקאָ („קאַפּוסטין״), גענ.־מאַיאָר פלאַטאָן, דיאַדיאַ וואַסיאַ, גענעראַל־מאַיאָר לונין, שופּיעני, בולאַט, גענעראַל פיאָדאָראָוו־טשערניגאָווסקי, ברינסקי, לינקאָוו („באַטיאַ״), גענ.־מאַיאָר ביעגמאַ, קאָזלאָוו, מעדוועדיעוו, קאַפּיטאַן סעניטשקין, וואָראָנין, יוריס־זימאַן (אַ ייִד וועלכער האָט פיגורירט אַלס ליטווינער), פּאָלק. מאַר־קאָוו, קאָוואַלאָוו, דאַווידאָוו, גאָרעליק, (די לעצטע צוויי — סאָוועטישע ייִדן), ראַדיאָנאָוו, סאַקאָלאָוו, פּילאַטאָוו, ווערשיגאָראַ, סאַבוראָוו, נאַומאָוו, בולאַק און פיל אַנדערע זענען פאַר זייערע קאַמפּס־לייסטונגען, פאַר זייערע אַרויסגעוויזענע אָרגאַניזאַציע און אָנפירערשאַפט־פעיִקייטן און מיטהילף צום זיג, באַשאָנקען געוואָרן מיט די העכסטע אָרדנס און מיט דער בכבודיקסטער באַצייכענונג „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד״.

דער רוסישער מענטש, וועלכער איז אין די כסדרדיקע קאַמפן און מלחמות פאַר דער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט פון זיין לאַנד פאַר־האַרטעוועט געוואָרן, וועלכער איז צוגעוווינט צו אַ שווער לעבן, און קען זיך לייכט צופּאַסן צו די האַרטסטע לעבנס־באַדינגונגען, ווען מען הונגער און שמוץ, בלאָטע און יסורים, קענען ניט איינברעכן און דערשיטערן אין זיין אייזן־פעסטן ווילן צו זיין פריי און זעלבסטשטענדיק — איז אַ צוגעפּאַסטער מאַטעריאַל פאַר אַ פּאַרטיזאַנער־אַרמיי.

די רוסישע אויסגעהאַלטנקייט ביי די שווערסטע לעבנס־באַדינגונגען איז אַלגעמיין באַקאַנט.

ווען מען האָט נאַפּאָלעאָנען דערציילט, אַז רוסישע סאָלדאַטן טונקען פאַרדאַרטע „סקאָרינקעס״ (אַלט ברויט) אין בלאָטע און עסן דאָס מיט אַפּעטיט, האָט ער געמאַכט אַ לאַקאָנישע באַמערקונג: „קעגן אַזעלכע זעלנער מוזן מיר פאַרשפּילן די מלחמה״...

אַז די דייטשן האָבן געזען די אויסהאַלטעוודיקייט פון סאָוועטישן פּאַרטיזאַן, זיין לעבן ביי די פּרימיטיווסטע וואַלד־באַדינגונגען — אין צייט

פון אָבלאַוועס, הונגעריק, שמוציק, שלאָפנדיק אין די גרעסטע פרעסט אויף קופּעס שניי — אַ לעבן צווישן טיפע בלאָטעס און זומפּן, האָבן די „קול־טורעלע" מפונקים עס ניט באַוווּנדערט, נאָר אויך זיכער געטראַכט דאָס זעלביקע, וואָס נאַפּאָלעאָן זיינער־צייט...

מיר ברענגען דאָ אַ פראַגמענט פון אַ קאָמוניקאַט פונעם גענעראַל־פּאָלקאָווניק סאַמבאַטכיאַ, גענעראַל־שטאַב־שעף פון דער אונגאַרישער אַרמיי, וואָס האָט געקעמפט צוזאַמען מיט די דייטשן. דער דאָקומענט איז אַריינ־געפאַלן צו די פּאַרטיזאַנער פון פיאָדאָראָווס אָטריאַד בשעת אַן אויפרייס פון אַן אויטאָ פון אונגאַרישן גענעראַל־שטאַב אויפן וועג האָמעל—טשערניגאָוו.

אין ערשטן קאַפּיטל, „אַלגעמיינע באַקאַנטשאַפט מיט דער פּאַרטיזאַ־נער־באַוועגונג", שרייבט סאַמבאַטכיאַ:

„די מלחמה קעגן רוסלאַנד האָט אונדז אַקעגנגעשטעלט אַן אויסערגעוויינ־לעכע און אומברחמנותדיקע קריגס־פאָרם, וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייכן — דער קאַמף מיט דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. עס איז ממש אומגלויבלעך וואָס פאַר אַ פאַנאַטיזם, גלייכגילטיקייט צום טויט און אומ־באַגרעניצטן געדולד די רוסן ווייזן אַרויס אין אָט דער קריגס־פאָרם. די רוסישע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג נעמט אָן דעם כאַראַקטער פון אַ פאָלקס־באַוועגונג, וואָס שפּרייט זיך פאַנאַנדער אויף אַלץ־ברייטערע שטחים. ווי אַ פאָלקס־באַוועגונג וואַקסט זי אויס הינטער אונדזערע פראָנט־ליניעס און נישט בלויז ביי די פראָנט־ליניעס, נאָר אויך אין טיפן הינטערלאַנד, הונ־דערטער קילאָמעטערס הינטער דער פראָנט־ליניע. דער פּאַרטיזאַנער־קאַמף איז אויסגעבראָכן מיט אַ מעכטיקן כוח אין דער צייט ווען די רוסישע אַרמיי האָט אָנגעהויבן איר ווינטער־אָפענסיווע. די פאַרטיידיקונג קעגן די פּאַרטי־זאַנער באַדייט פאַר אונדז זייער שווערע טעג, וואָכן און אַפילו חדשים".

(אַ. פיאָדאָראָוו — „געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין אונטערגרונט", ז"ז 400—401).

דער דייטשער גענעראַל־שטאַב (הויפּט־קוואַרטיר) האָט מיט גרויס אומרויקייט אָפּגעשאַצט די גרויסע פּאַרטיזאַנישע דערפאָלגן.

דער גענעראַל פאָן־בראַוכיטש האָט געשריבן:

„רוסישע פּאַרטיזאַנער פון די בריאַנסקער וועלדער אויף זייער מאַרש צו מערב, באַפאַלן ניט נאָר קליינע מיליטערישע גרופּעס און פאָרמאַציעס.

נאָר זיי שטערן אויך די קאָמוניקאַציע, שעדיקן דערמיט די מיליטערישע אָביעקטן און מען קען נישט רעגולער ליפערן צום פראָנט״.

דער דייטשישער גענעראַל, בלאַצמאַן, האָט אין זיין טאָג־באַפעל צו די אַרמייען באַטאָנט:

„אונדזערע אויספירער שטויסן זיך אָן אויף גרויסע פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן. די פּאַרטיזאַנער זיינען גוט באַשוכט און אָנגעטאָן. זיי האָבן גוטע פערד, שליטנס, ליזשוועס און מאַסקיר־כאַלאַטן״.

אַ דריטער גענעראַל, פאָן־גרידוס, האָט געשריבן:

„די פּאַרטיזאַנער שיסן בעסער, קלייבן אויס בעסערע פּאָזיציעס פאַר פּאַרטיידיקונג און אָנגריף. זיי באַקומען פון מאָסקווע דורך עראָפּלאַנען האַרמאַטן און אַמוניציע״.

„שדים און נישט קיין מענטשן״, „ביישפּיללאָזע קעמפער אָן פּחד״, „זיי איבעררוּשן מיט זייערע קאָמבינאַציעס און קאַמף־איינפאַלן״ — דאָס זיינען די באַצייכענונגען פון די דייטשן וועגן די רוסישע פּאַרטיזאַנער, נישט געקוקט דערויף, וואָס אין די אָפיציעלע דאָקומענטן ווערן זיי אָנגערופן „באַנדיטן״ אָדער „סטאַלינס באַנדיטן״...

נישט איין בריוו פון דייטשע זעלנער האָט זיך געענדיקט מיט אַזאַ נוסח: „איך געזעגן זיך מיט אייך אויף אייביק, מען שיקט מיך קעמפן קעגן די רוסישע פּאַרטיזאַנער — דאָס איז אַ זיכערער טויט.״

ווען אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד, וואָס איז טעטיק געווען אין באָברויסקער קאַנט, איז געקומען אין דעם דאָרף מעסטיני, האָבן אים די פּויערים איבער־געגעבן אַ בריוו וואָס עס האָט פאַרלוירן אַ הויכער דייטשער אָפיציר, וועל־כער איז געווען אין דאָרף בשעת עס זענען דורכגעפירט געוואָרן אָבלאַוועס אויף די פּאַרטיזאַנער פון דער אַרומיקער סביבה. דער בריוו איז געווען אַדרעסירט צו זיין ברודער אין דייטשלאַנד:

„די רוסישע פּאַרטיזאַנער געהערן צו די גרעסטע ברואים אין דער וועלט. זיי זענען מוטיק און אונטערנעמעריש, שרעקן זיך ניט אָפּ אָנצוגרייפן טאַנקן מיט קאַלטן כלי־זיין. זיי שפּרינגען פון בוים צו בוים; נישטאָ פאַר זיי קיין שום אָפּהאַלט; נישט קיין טייכן און נישט קיין זומפּן. אין געפאַרן קעמפן זיי ווי לייבן. עס טרעפט, אַז דו רינגלסט זיי אַרום פון

משה קאַגאַנאָוויטש

אַלע זייטן, און צום סוף שטעלט זיך אַרויס אַז אויפן גאַנצן אַרומגערינגלטן שטח געפינט זיך נישט קיין איינציקער פּאַרטיזאַן, ווי די ערד וואָלט זיי פאַרשלונגען, אָדער ווי זיי וואָלטן זיך פאַרוואַנדלט אין לופט. גיין אַקעגן זיי, — הייסט גיין אַנטקעגן אַ זיכערן טויט...״

(**ב. ליוועוצעוו** — „דאָס פּאַרטיזאַנער־לאַנד״, ז׳ **318**).

דער רוסישער מענטש און דאָס רוסישע לאַנד זיינען אידעאַל צוגעפּאַסט צו פּאַרטיזאַנישער קריג־פירונג, און דאָס איז באַשטעטיקט געוואָרן, אין דער פולער מאָס, דורך דער העראָישער, לעגענדאַרער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע אין דער צווייטער פּאַטערלענדישער מלחמה (1941—1945) קעגן דעם מעכ־טיקן פּאַשיסטיש־היטלעריסטישן אָקופּאַנט.



קאַפּיטל צוויי

די פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אין די אָקופּירטע געביטן פון סאָוועט-רוסלאַנד

דער קריגס־ציל פון די דייטשן אין פאַל פון אַ זיג איז געווען, צו צעברעקלען דאָס גרויסע רוסלאַנד אויף פיל באַזונדערע מלוכות, און אויף אַזאַ אופן זיי אויסנוצן פאַר די אייגענע צוועקן.

לויט זייער פּלאַן, האָבן ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע געדאַרפט בילדן באַזונדערע אינטעגראַלע מלוכות. די דייטשן האָבן געבראַכט אויף די אָקו־פּירטע שטחים די רוסישע, ווייס־רוסישע און אוקראַינישע פּאָליטישע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין בערלין און אַנדערע שטעט אין אייראָפּע נאָך דעם אויפקום פון דער ראַטן־מאַכט, וווּ זיי האָבן געוואַרט אויפן טאָג פון זייער „דערלייזונג"... טיילווייז האָט פאַר די דייטשן דער דאָזיקער עלעמענט געבראַכט גרויס נוצן ביים איינשטעלן די אַדמיניסטראַ־ציע און אָרדענונג אין די אָקופּירטע געביטן.

אין קעגנזאַץ צו דער סאָוועטישער לאָזונג פון „פעלקער־פריינטשאַפט", האָבן די דייטשן געפּלעגט די עקסטרעם־שאָוויניסטישע געפילן פון די ווייסרוסן, אוקראַינער א"אַנד פעלקער, אין זייערע באַמיִונגען אָפּצורייסן די דאָזיקע פעלקער פון זייער גרויסן ברודער־פאָלק, די גרויס־רוסן, האָבן זיי דורך זייערע אַגענטן אָנגעהויבן רעפאָרמירן דעם ווייס־רוסישן און אוקראַינישן אַלפאַבעט.

צו דעם צוועק האָט מען לאַטייניזירט די אַלף־ביתן, געפעלשט די געשיכטע וועגן דורותדיקן צוזאַמענלעבן און פּאָליטישן צוזאַמענבונד פון

ווייס־רוסישע און אוקראַינישן פאָלק מיטן רוסישן, פאַרשטעלנדיק די א״ד פעלקער אַלס קרבנות פון רוסישער אַגרעסיע און געוואַלד. זיי האָבן אויך אויסגעלאַכט די זעלבסטשטענדיקייט פון ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע אין דער סאָוועטישער פעדעראַציע, אָנווייזנדיק, אַז נאָר איצט וועלן די פעלקער ווערן אמתדיק זעלבסטשטענדיק...

באַזונדערס האָבן זיי זיך באַמיט צו געווינען די אוקראַינער, דאָס צווייט־גרעסטע פאָלק נאָך די רוסן (42 מיליאָן נפשות) און איינוווינער פון אַ לאַנד פון שוואַרץ־ערדיקער פעטער ערד און נאַטור אוצרות — איינס פון די רייכסטע לענדער אין דער וועלט. די דייטשן האָבן גוט געוווּסט, אַז צווישן אַלע סאָוועטישע פעלקער זענען די אוקראַינער די אַמיינסטנס אומצופרידענע מיטן סאָוועטישן רעזשים. דער בלוטיקער עקשנותדיקער ווידערשטאַנד פון די אוקראַינער זיינערצייט, בעת דער אַדורכפירונג פון דער קאָלעקטיוויזאַציע פון די דאָרף־ווירטשאַפטן — וואָס האָט דערפירט צו אַ מאַסן צוואַנגס־אויסזידלונג פון אוקראַינער קיין סיביר, די נאַציאָנאַליסטישע, שאָוויניסטישע און אַנטיסעמיטישע געפילן פון די אוקראַינער האָט זיי געמאַכט פאַר נאַטירלעכע פאַרבינדעטע פון די דייטשן.

אָט איז אַן אויסצוג פון אַ צירקולאַר פונעם גענעראַל־פעלדמאַרשאַל סאַמבאַטכיאַ, גענעראַל שטאַב־שעף פון דער אונגאַרישער אַרמיי, א״ב „די פאַרטיידיקונג קעגן דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג“:

„אונדזער פּאָליטיק אין אוקראַינע דאַרף זיך באַזירן אויפן באַקאַנטן פּרינציפּ „צעטייל און הערש.“ מיר דאַרפן אָט דעם פּרינציפּ רעאַליזירן דורך דערוועקן ביי די אוקראַינער דעם באַוווּסטזיין, אַז זיי שטייען קולטורעל העכער פון די רוסן, אַז לויט זייער פאַרגאַנגענהייט און אייגנשאַפטן שטייען זיי נעענטער צו די מערבדיקע קולטור־פעלקער ווי צו די רוסן. אין דער „נייער אָרדנונג“ אין אייראָפּע, דאַרפן די אוקראַינער דערפילן אַ העכערע שליחות. אַ גליקלעכן גורל וועלן זיי בלויז קאָנען דערגרייכן, ווען זיי וועלן זיך שטעלן אויף דער זייט פון די מערב־גרויסמאַכטן...“

(א. פּיאַדאַראָוו — „געגנט־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי אין אונטערגרונט“ ז' 401).

פאַקטיש האָבן די דייטשע אָקופּאַנטן געפונען ביי גרויסע טיילן פון דער אוקראַינישער באַפעלקערונג אַ שטאַרקע אונטערשטיצונג. אוקראַינישע

קריגס-געפאַנגענע האָבן זיך מער ווי אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן פרייווילליק מאָביליזירט צום דינסט פון די אָקופּאַנטן. גאָר לייכט איז די אָקופּאַנטן אָנגעקומען צו פאָרמירן אין די באַזעצטע אוקראַאינישע געביטן אַ בירגער־לעכע אַדמיניסטראַציע. זייערע „דאָבראָוואָלצעס" (פרייוויליקע) האָבן דורכ־געפירט די יידישע שחיטות אין די מיינסטע אוקראַאינישע, ווייסרוסישע און פּוילישע ישובים און מיט זייערע מערדערישע מעשים אַפילו אָפּט פאַר־שעמט די דייטשן...

אַ קאָמיסאַר פון אַ פאַרטיזאַנער־בריגאַדע, וואָס איז טעטיק געווען אין די וועלדער אַרום ביאַליסטאָק, האָט געזאָגט צו די יידישע מיידלעך ליזע און חייקע גראָסמאַן:

„איר ווייסט, איך בין אַן אוקראַאינער. ביז היינט האָב איך פאַר אייך פאַרשוויגן מיין אָפּשטאַם. איך האָב זיך געשעמט, וואָס איך בין אַן אוקראַאי־נער. איך, דער באַוווסטזיניקער באָלשעוויסטישער קאָמיסאַר, וואָס קען גרינטלעך די לעניניסטישע לערע — איך האָב מיך פלוצלינג אָנגעהויבן צו שעמען מיט מיין אוקראַאינישן אָפּשטאַם. פונקט ווי די אָנגעהעריקייט צו אַ פאָלק איז עלול — צו פאַרשעמען אַ מענטשן, און דאָך שעם איך זיך. גלויבט מיר, גרויס איז די צאָל פון די אוקראַאינער וואָס אַרבעטן נישט מיט די דייטשן, באַטייליקן זיך נישט אין די פאַרניכטונגס־אַקציעס קעגן אייער פאָלק, און דאָך שעם איך זיך."

(חייקע גראָסמאַן — „מענטשן פון אונטערגרונט" ז' 429).

אין דער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע האָט געשפּילט ניט קיין קליינע ראָל די אַגיטאַציע קעגן דעם סאָוועטישןווירטשאַפטס־סיסטעם.

קענענדיק די שטימונג צווישן אַ טייל פון די פּויערים, און וויסנדיק זייער אומצופרידנקייט מיטן „קאָלכאָז" (קאָלעקטיווע ווירטשאַפט), האָט דער מיניסטער פאַר די מזרח־געביטן, ראָזענבערג, ענדע 1942, אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, וועלכער האָט אָנגעזאָגט דאָס מבטל מאַכן די קאָלעקטיווע ווירט־שאַפטן און אויפבויען צוריק דאָס פּריוואַטע אייגנטום אין דאָרף. ראָזענבערג האָט אָבער אָפּגעלייגט דאָס אויספירן און רעאַליזירן זיין הבטחה אויף נאָך דער מלחמה, און דערווייל געלאָזן פאַר דער דייטשישער אַרמיי די באַקוועמ־לעכקייט צו האָבן גרויסע קאָנצענטרירטע ווירטשאַפטן, וועלכע זאָלן דינען ווי רעזערוואַרן פאַר אַפּראָוויזאַציע פאַרן פראָנט אין הינטערלאַנד.

אין איינער פון זיינע רעדעס, האָט הערמאַן גערינג דערקלערט (ציטירט לויט דער דייטשער פּרעסע):

„מיר האָבן דעראָבערט די פעטע אוקראַינישע ערד. אַז עס וועט פון דאָרט אָנהייבן צו שטראָמען אומאויפהערלעך שפּייז אין אונדזער לאַנד, וועט ערשט די דייטשע באַפעלקערונג אָפּשאַצן די גרויסע באַדייטונג פון אונדזער זיג. אוקראַינע פאַרמאָגט אייער, פוטער, וווּרשט און ווייץ אין אומגעהויער גרויסע קוואַנטומס. אָט דאָס גרויסע רייכטום איז היינט אונדזערס — דייטשיש.״

(מעדוועדיעוו — „גייסטיקע טיטאַנען״, ז׳ 173).

און אָט איז אַן אויסצוג פון אַ טאָג־באַפעל פונעם גענעראַל־קאָמיסאַר פאַר אוקראַינע, עריך קאָך, צו די אַרמייען פונעם מזרח־פראָנט, צום געבורטס־טאָג פונעם „פירער״:

„גלויבט מיר, אַז איך וועל אַרויספירן פון אוקראַינע דאָס לעצטע ביסל שפּייז, כדי צו פאַרזאָרגן אייך און אייערע עלטערן מיט אלע הצטרכותן.״

(מעדוועדיעוו, דאָרט, ז׳ 173).

ביידע מלוכות, ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע, וואָלטן פאַקטיש, לויט די דייטשישע פּלענער, געדאַרפט ווערן וואַסאַלן־מלוכות, וועלכע וואָלטן דורך זייערע אייגענע, כלומרשט זעלבסטשטענדיקע רעגירונגען, געדאַרפט אויספירן די באַפעלן פון מעכטיקן דייטשלאַנד.

דער טרוים פון דייטשן אימפּעריאַליזם במשך פון דורות, צו פאַרוואַנדלען די שוואַרץ־ערדיקע, פּרוכטבאַרע און אין נאַטור־אוצרות געבענטשטע אוקראַינע אין אַ דייטשישער קאָלאָניע, האָט איצט געדאַרפט רעאַליזירט ווערן.

די דייטשן האָבן געשאַפן אַ ווייסרוסישע רעגירונג מיט פּרעזידענט אַסטראָווסקי בראש, אַן אוקראַינישע רעגירונג — מיט פּראָפ׳ סטעצקי בראש און געגעבן די איניציאַטיוו צו שאַפן נאַציאָנאַלע אַרמייען און אַדמיניסטראַציעס. אין אָנהויב 1943 האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די אַדמיניסטראַציע דאַרף זיין באַזעצט דורכויס נאָר פון די פעלקער וועלכע דאָמינירן אין דעם באַטרעפנדיקן לאַנד. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן בכדי צו שאַפן אַן אילוזיע פון פולער זעלבסטשטענדיקייט.

זייערע הבטחות פאַר די דאָזיקע פעלקער נאָכן דערוואַרטן זיג, זייערע „ליבע־דערקלערונגען" און פריינטשאַפט־דעקלאַראַציעס, זענען געווען מער ווי באַשיידן.

דער גענעראַל־קאָמיסאַר פאַר ווייסרוסלאַנד, קובע (דערמאָרדעט דורך פּאַרטיזאַנער, אין יוני 1943), דער גענעראַל־קאָמיסאַר פאַר אוקראַינע, עריך קאָך און דער מיניסטער פאַר די מזרח־געביטן — דער באַקאַנטער ראַסן־אידעאָלאָג ראָזענבערג, האָבן זיך דערקלערט, און דורך זייערע אידעאָלאָגישע פריינט צווישן די ווייס־רוסן און אוקראַינער, פאַרגעשטעלט געוואָרן אַלס די גרעסטע פריינט פון די א"ד פעלקער.

דער ציל פון די דייטשע הבטחות אויפצושטעלן „זעלבסטשטענדיקע מדינות", איז געווען, צו געווינען די הערצער פון די באַזיגטע פעלקער, כדי זיי אויסצונוצן צו זייערע קריגס־צוועקן. די דערקלערונג פון גענעראַל־קאָמיסאַר פאַר ווייסרוסלאַנד, ווילהעלם קובע, אַז מען דאַרף „שאַפן אַן אילוזיע פון גלייכבאַרעכטיקונג, און ערשט נאָכן נצחון וועלן מיר וויסן ווי אַזוי צו רעאַליזירן אונדזער אויבערהערשאַפט" — אילוסטרירט אַמבעסטן דעם דייטשן צוגאַנג צו די דעראָבערטע פעלקער אין רוסלאַנד.

בעת אַ קאָנפערענץ פון די געביטס־קאָמיסאַרן אין באַראַנאָוויטש (פרילינג, 1943) וועגן דער דייטשישער פּאָליטיק אין ווייסרוסלאַנד, זאָגט קובע צוו"אַנד.:

„מיר מוזן נעמען אין אַכט דעם פאַקט אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך קעגנער פון אַ גאַנץ אַנדערן מין ווי מיר האָבן זיי אין אייראָפּע... די באָלשעוויקעס זענען שטאַרק אין זייער אָרגאַניזאַציע און דער „קאָמסאָמאָל" איז אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע, וואָס נעמט אַרום די מערהייט פון דער רוסישער יוגנט. וועגן זייער עקשנות און העלדישקייט קענען אונדז דערציילן אונדזערע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געקעמפט קעגן קאָמסאָמאָל־איינהייטן. מיר מוזן גריגדן אין ווייס־רוסלאַנד אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע, געבויט לויטן מוסטער פון קאָמסאָמאָל. פאַרשטייט זיך, אַז זי דאַרף זיין טעטיק לויטן אינטערעס און גייסט פון גרויס־דייטשלאַנד... מיר מוזן אין ווייסרוסלאַנד אָרגאַניזירן אַ נאַציאָנאַלע מיליטערישע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל קענען קעמפן קעגן רוסישע פּאַרטיזאַנער. דאָס ווייסרוסישע פאָלק איז נומעריש קליין און מיר דאַרפן נישט מורא האָבן, אַז עס קען אויסנוצן די געלעגנהייט וואָס מיר גיבן אים און קעמפן קעגן אונדז. נאָכן נצחון וועלן מיר שוין וויסן ווי אַזוי צו אַנווענדן אונדזער אויבער־

הערשאַפט. דערווייל מוזן מיר שאַפן די אילוזיע פון אַ גלײַכבאַרעכטיקטע ווייסרוסישע באַפעלקערונג... מיר דאַרפן אָרגאַניזירן עקסקורסיעס פאַר דער ווייסרוסישער יוגנט קיין דייטשלאַנד, כדי זיי זאָלן זען מיט די אייגענע אויגן, וואָס מען זאָגט זיי צו. איך האָב פון „פירער" באַקומען זיין הסכמה צו אָט דעם פּלאַן..."

(ג. לינקאָוו — „די מלחמה אין שונאס הינטערלאַנד", ז"ז 431־432).

בדרך כלל אָבער, איז געווען אַלגעמיין באַוווּסט, אַז די דייטשן האָבן באַטראַכט די סלאַווישע פעלקער אַלס אַ נידעריקערע ראַסע, אַלס מענטשן, וואָס שטייען אויף אַ נידעריקערער קולטור־מדרגה, און דאַרפן זיין באַשטימט צו דינען די אינטערעסן פון דער „הערן־ראַסע".

די דייטשן האָבן אָבער געקענט פאַרבאַהאַלטן זייערע ענד־צילן בנוגע צום אוקראַינישן און ווייסרוסישן פאָלק אין אַ מענטעלע פון צביעות און הויך־קלינגענדיקע פראַזעס.

די פעלקער אָבער האָבן נישט געהאַט קיין איבעריק גרויסן צוטרוי צו די דייטשע הבטחות. מען האָט דערזען די דייטשע רוצחים אין זייערע טאָג־טעגלעכער אויפפירונג און פּראַקטיק. גאַנץ ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע זענען באַדעקט געווען מיט תליות. פאַר דעם קלענסטן פאַרברעכן האָט מען עפנטלעך געהאַנגען אויף די מערק און פּלעצער. די דייטשן האָבן איינגע־פירט דאָס עפנטלעכע שמייסן און אַנדערע מיטלאַלטערלעכע פּייניקונגען, פון וועלכע דאָס צובינדן אַ מענטש צו אַ סלופּ אין אַ הענגענדיקער פּאָזע איז געווען דער פּאָפּולערסטער.

עס איז נישט געווען קיין מאָס און קיין גרענעץ פאַר דער סאַדיסטישער דערפינדערישקייט פון די דייטשע אכזרים.

נ. לינקאָוו, אַ רוסישער פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדיר, ראַט סאַדאָווסקין, דעם פאָרזיצער פון סאָראָטשינער קאָלכאָז, אַז זיי זאָלן הרגענען דייטשן, ווען זיי קומען אין דאָרף.

סאַדאָווסקי דערציילט, אַז פאַר הרגענען אין דאָרף סטאַריע לאַווקי איין געסטאַפּאָוויעץ זיינען דערשאָסן געוואָרן דורך אַ דייטשישן שטראָף־באַטאַליאָן פערציק אומשולדיקע מענטשן און פאַרברענט אַ האַלבער דאָרף.

„און נאָך אַ פאַל. אין לוקאָמל האָט זיך דערשלעפּט אַ פערד און וואָגן. אין וואָגן איז געלעגן אַ דערשאָסענער, אַן איבערזעצער און אַ שווער

פּאַרוווּנדעטער דייטשער אָפיציר. מענטשן דערציילן, אַז ער האָט בלויז באַוויזן פּאַרן טויט צו זאָגן: „יודע... אַ ייד האָט מיך דערהרגעט."

די דייטשן האָבן אַרויסגעפירט 150 יידישע פאַמיליעס פון לוקאָמל און מיט קוילנוואַרפערס זיי אַלעמען אויסגעשאָסן. די קינדער האָט מען באַגראָבן לעבעדיקערהייט. און איר זאָגט אונדז: „הרגעט דייטשן אין דאָרף."

סאַדאָווסקי דערציילט לינקאָוון, אַז אין לוקאָמל איז ניט געבליבן קיין איין ייד. די איבעריקע זענען זיך צעלאָפן הינטער נעשקאָוו, אין די וועלדער וווּ עס געפינט זיך אַ גרויסער יידישער לאַגער פון גאַנצן געגנט.

לינקאָוו באַמערקט, אַז נישט צוליבן דערמאָרדן דעם דייטש האָט מען אויסגעהרגעט די יידן אין לוקאָמל. די דייטשן מאָרדן אויס די יידן אָן שום סיבה. און, אַז די יידן וואָס זענען אַנטלאָפן זיך ראַטעווען אין די וועלדער, וועלן סוף כל סוף ווערן פּאַרטיזאַנער."

(„די מלחמה אין שונאס הינטערלאַנד" — ז"ז 104־105).

דעם מצב אין ווייסרוסלאַנד כאַראַקטעריזירט אַמבעסטן דער אונטן־ציטירטער דאָקומענט: אין פרילינג 1942 האָט די קאָמוניסטישע אונטער־גרונט־באַוועגונג אין ווייסרוסלאַנד פאַרפאַסט אַ בריוו צו סטאַלינען. דער בריוו איז באַהאַנדלט געוואָרן דורך די אונטערגרונט־קאָמיטעטן אין ווייס־רוסלאַנד און דורך די פּאַרטיזאַנער־איינהייטן אין די וועלדער, און איז דורך זיי געחתמעט געוואָרן. אין דעמדאָזיקן בריוו ווערט געשילדערט די לאַגע אין ווייסרוסלאַנד אונטער דער בייטש פונעם אָקופּאַנט.

ער מאָלט אַ שוידערלעך בילד פון די 10 חדשים פאַשיסטישע הער־שאַפט אין ווייסרוסלאַנד. מיר ברענגען אייניקע אויסצוגן פון אָט־דער שילדערונג:

„גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, נייע בנינים, בליענדיקע דערפער, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש און שטויב. בליענדיקע פעלדער און סעדער — אין טויזנטער קברים פון אַרבעטער, פויערים און אינטעליגענץ. תליות „באַצירן" די פלעצער, ווו די יוגנט האָט פריער געטאַנצט. אָט אַזוי זעט אויס די „נייע אָרדנונג", וועלכע עס האָבן איינגעפירט די אָפיצירן און סאָלדאַטן פון היטלערס אַרמיי. דעם 18טן יאַנואַר זענען די גאַסן פושקין און סאָוועטסקאַיאַ באַדעקט געוואָרן מיט מתים. דעם טאָג זענען דערשאָסן געוואָרן צענדליקער טויזנטער סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע, די טויטע זענען פיל וואָכן נישט געבראַכט געוואָרן צו קבורה. פון די ווייסרוסישע דערפער האָבן זיי אַרויסגעפירט די פי, דאָס ברויט און אַנדערע

לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. אין די שטעט הערשט הונגער און נויט טויזנטער מענטשן זענען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. פאַר דער קלענסטער שולד ווערט מען אומברחמנותדיק געפּייניקט אָדער דערשאָסן דער איינציקער לוין פאַר שווערער אַרבעט איז 100 גראַם ברויט.

אין אונדזער יום־טוב־טאָג — 7טן נאָוועמבער 1941, האָבן די היטלע־ריסטישע קעפּ־שניידער איינגעאָרדנט פּאָגראָמען אין אַלע ווייסרוסישע שטעט און שטעטלעך. פיל צענדליקער טויזנטער יידן זענען דעם טאָג אויסגע־מאָרדעט געוואָרן. מען האָט זיי צעשאָסן און פיל אויך באַגראָבן לעבעדי־קערהייט. קינדישע קעפּלעך זענען צעשפּאָלטן געוואָרן אויף שטיינער, מען האָט זיי צעריסן אויף שטיקלעך. אין זאַסלאַוואַ, סמאָלעוויטש, אוזדע, דזשערזשינסק און אַנדערע שטעט האָט מען אויסגעקוילעט אַלע יידן. אין חודש אָקטאָבער האָט מען אויפגעשטעלט תליות אין צענטער פון מינסק במשך פון צוויי וואָכן האָבן זיך געוויגט די קערפּערס פון 63 געהאַנגענע הײנט, בעתן שרייבן דעם בריוו, וויגט דער ווינט אין צענטער פון דער שטאָט מינסק 30 געהאַנגענע."

(ב. ליוועגצעוו „דאָס פּאַרטיזאַנער לאַנד" — ז"ז 190־192).

אין יעדער שטאָט, ווו די דייטשן זענען אַריין, איז צוזאַמענגערופן געוואָרן די באַפעלקערונג און געוואָרנט געוואָרן, אַז אין פאַל פון דערמאָרדן איין דייטש, וועלן דערמאָרדעט ווערן 100 ניט־יידן און 200 יידן (דער „פּרייז" איז ניט געווען אין אַלע ערטער דער זעלביקער...).

אַלע וועלכע האָבן נאָר פאַרנומען אַ וועלכן ניט איז אַמט אין דער צייט פון דער סאָוועטישער הערשאַפט (1939—1941) זיינען געהאַנגען און געשאָסן געוואָרן אָן רחמנות. עס איז פּראַקטיצירט געוואָרן די סיסטעם פון נעמען ערובניקעס, דאָס רוב גייסטלעכע און אינטעליגענץ, און אין פאַל פון אַ פיינטלעכן אַקט קעגן די דייטשן, פלעגן די ערובניקעס דערשאָסן ווערן.

דאָס צעטל חטאים, פאַר וועלכע עס פלעגט דראָען טויט־שטראָף, איז געווען זייער אַ לאַנגס, און קיינער איז ניט געווען באַשיצט פון אַרונטערפאַלן אונטער דער חטאים־קלאַסיפיקאַציע.

מיטן אויפקום און פונאַנדערוווקס פון דער פּאַרטיזאַנקע אין די א"ד לענדער, האָט זיך אַנגעהויבן אַ שרעקלעכער קרייץ־צוג קעגן די, וועלכע מען האָט חושד געווען אין צוזאַמענאַרבעט מיט פּאַרטיזאַנער.

דער אונטן־ציטירטער פראַגמענט איז פון אַ קאָמוניקאַט פונעם גענע־

ראַל־פּאָלקאָווניק סאַמבאַטכיאַ, „ווי אַזוי צו באַקעמפן די רוסישע פּאַרטי־זאַנער":

„מלחמה מיט די פּאַרטיזאַנער הייסט, נישט נאָר פאַרניכטן זייערע אָטריאַדן. מען דאַרף פון זיי אָוועקנעמען יעדע מעגלעכקייט פון אָרגאַניזאַ־ציע, פּראָוויאַנטירונג, מענטשלעכע און מאַטעריעלע רעסורסן. די נשמה פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג זענען די קאָמוניסטישע פירער, וואָס זענען ספּעציעל איבערגעלאָזט געוואָרן אין הינטערלאַנד צו דעם צוועק. די קאָמור־ניסטישע פאַנאַטיקער וואָס גייען מיט עקשנות צו דערגרייכן זייער ציל, זענען באַזונדערס געפערלעך. נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַ ליבעראַלע באַ־ציונג צו קאָמוניסטן..." „יעדער ייד אָן אונטערשייד פון עלטער און געשלעכט איז אַ סימפּאַטיקער פון די פּאַרטיזאַנער. עס איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר רחמנות אין דער באַציונג צו יידן. בלויז טאָטאַלע פאַרניכטונג פון דער ציוויל־באַפעלקערונג, אָן רחמנות און סענטימענטן, וועט אונדז פירן צום ציל — די אויסראָטונג פון דער רויטער פּאַרטיזאַנקע."

(אַ. פיאַדאָראָוו „געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין אונטערגרונט" — ז' 402).

בשעת דער ערשטער דייטשער באַלאַגערונג אין דער ליפּיטשאַנער פּושטשע (דעצעמבער 1942), האָבן די דייטשן פאַרברענט די דערפער גרויס און קליין וואָליע, טראָכימאָוויטש, קאָזיבאָר און אַ סך אַנדערע ישובים, און אויסגעהרגעט זייערע איינוווינער. די העכער צוויי טויזנט פּויערים, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן, האָבן אין די דייטשע קאָמוניקאַטן פיגורירט ווי פּאַרטיזאַנער, וואָס זענען געפאַלן אין די שלאַכטן...

אין פאָלעסיע האָבן זיי פאַרברענט און אויסגעהרגעט די איינוווינער פון די דערפער באָבראָוויצע, וויאַדאַ, וויגאָנטשי און קראַסנע (טעלעכאַנער קרייז). נאָך אַ שלאַכט צווישן דייטשן און סטרעלקאָווס אָטריאַד (2טן מאַי 1943), בעת וועלכער די דייטשן האָבן געליטן גרויסע פאַרלוסטן, האָבן זיי, אַלס נקמה, פאַרברענט דאָס דאָרף פּאַסטאַרינאַ (האָראָדישטשער קרייז), מיט 200 איינוווינער. פאַר געפינען אַ טויטן דייטשישן זעלנער אין דער סביבה פון שטעטל סקידל, זענען אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד פיר דערפער מיט זייערע איינוווינער.

אין פעברואַר 1943 האָבן די דייטשן געמאַכט אָבלאַוועס אויף פּאַרטי־זאַנער אין דער סביבה פון די שטעט סטאָראָוויץ, זשיטקאָוויץ, גלוסק (מזרח־

ווייסרוסלאַנד). הונדערטער דערפער אַרום די וועלדער, ווו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן פּאַרטיזאַנער, זענען פאַרברענט געוואָרן. אין אייניקע דערפער האָבן די דייטשן אַריינגעטריבן די גאַנצע באַפעלקערונג אין די הייזער און זיי אונטערגעצונדן פון אַלע זייטן. אין דעם דאָרף ראָמאַנאָוויטש האָבן זיי צונויפגעטריבן גרויס און קליין, העכער 300 נפשות אין אַ שול־בנין און אים אונטערגעצונדן. די וואָס האָבן געפּרוווט זיך ראַטעווען פון דער שריפה, זענען דערשאָסן געוואָרן פון אויטאָמאַטישן געווער.

אין דער צייט פון דער גרויסער אָבלאַווע אין דער נאַליבאָקער פּושטשע (יולי—אויגוסט 1943), האָבן די דייטשן פאַרברענט צענדליקער דערפער, דערמאָרדעט טויזנטער פּויערים און העכער 20 טויזנט מענטשן האָבן זיי אַוועקגעפירט אין די אַרבעטס־לאַגערן פון דייטשלאַנד.

מיר ברענגען דאָ אַ שילדערונג פון דער דייטשער נקמה אין דער ציווילער באַפעלקערונג, נאָך דער אָבלאַווע אויף די פּאַרטיזאַנער אין קלי־טשעוויטשער ראַיאָן (באָברויסקער געגנט), אין נאָוועמבער 1942:

„מאַקאָוו, אַ נישט־גרויס דאָרף, וואָס איז אַנטשטאַנען פאַר דער מלחמה, איז אויסגעגלייכט געוואָרן מיט דער ערד. אַפילו די ביימער ביי די גאַסן־זייטן זענען פאַרברענט געוואָרן. דער גאַנצער לעבעדיקער און טויטער אינווענטאַר איז פאַרברענט געוואָרן. בלויז אַ טייל פונעם שול־בנין שטאַרצט אַרויס פון צווישן די חורבות. די פאַשיסטן האָבן צונויפגעטריבן אַלע דאָרף־איינוווינער אין דער שול־געביידע און זיי אונטערגעצונדן. צוליב דער גרויסער ענגשאַפט, זענען די מענטשן פאַרברענט געוואָרן שטייענדי־קערהייט. אין דאָרף טראַקטאָר זענען אויסגעשאָסן געוואָרן אַלע איינוווי־נער. אין יעדן ווינקל וואַלגערן זיך מתים. אין די הייזער, אויף די וועגן — דערמאָרדעטע מאַמעס און קינדער. אַזעלכע בילדער אַנטפּלעקן זיך פאַר אונדזערע אויגן אין די מייַנסטע דערפער.״

נ. ליוועניצעוו „דאָס פאַרטיזאַנער־לאַנד״ — ז״ז 319־320).

אין יאָר 1943 האָבן די דייטשן אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן פון ערא־פּלאַנען די דערפער און די פאַרטיזאַנער־זאָנעס. אַ סך דערפער זענען אונ־טערגעצונדן און חרוב געוואָרן. אַז דייטשע סאָלדאַטן פלעגן זיך דערנענטערן צו אַ דאָרף, פלעגן די איינוווינער אַנטלויפן אין די נאָענטע וועלדער, ביז דער שטורעם וועט פאַרביי.

פּאַמיליעס וואָס זייערע זין האָבן געקעמפט אין די פּאַרטיזאַנער־רייען, זענען אָן אַ משפּט פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. אַזוינע פּאַמיליעס האָבן זיך אָנגעהויבן, אין יאָר 1943, צו קאָנצענטרירן אין פאַמיליען־לאַגערן אין די וועלדער, אונטערן שוץ פון די פּאַרטיזאַנער.

די אָרדנונג־ליבנדיקע און מוסטערהאַפט־דיסציפּלינירטע דייטשן האָבן געהאַט אַ סדר אויך אין דער ריי ביים פאַרניכטן פעלקער, לייגנדיק אַכט אויף דער חשיבות, וואָס די פאַרשידענע פעלקער האָבן ביי זיי פאַרנומען... אין דער ערשטער ריי אויף פריינטשאַפט איז געווען דאָס ליטווישע פאָלק; נאָך אים — די אוקראַינישע, טאַטאַרישע און ווייסרוסישע פעלקער און צום סוף — דאָס פּוילישע און רוסישע.

א. פיאָדאָראָוו דערציילט וועגן אַ פרוי פון אַן אַקטיוון קאָמוניסט, אַ מוטער פון פיר קינדער, וואָס איז געבליבן אָן אַ באַשפּייזער, נאָכדעם ווי איר מאַן איז אַנטלאָפן צו די פּאַרטיזאַנער. זי האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט אויף איר ביטערן גורל און צווישן אַנדערן דערציילט וועגן איר שמועס מיט אַ דייטשן מאַיאָר, וואָס האָט זיך איינגעקוואַרטירט אין איר דירה:

„איך האָב אים געפרעגט: צי ווייסט דער הער מאַיאָר, אַז מיין מאַן איז אַ קאָמוניסט? מיינע קינדער האָבן מורא זיך צו באַווייזן אויף דער גאַס. די פּאָליציי שלאָגט זיי מערדעריש צוליב זייער פאָטער. די פּאָליציסטן זאָגן: עס וועט אייך אַפילו נישט העלפן דער דייטשער אָפיציר וואָס וווינט ביי אייך."

דער מאַיאָר שערמאַן האָט מיר געענטפערט מיט דער הילף פון זיין איבערזעצער:

„ביי אונדז דייטשן איז דער עיקר — אָרדנונג. אַלץ ווערט ביי אונדז געטאָן לויט באַפעל. פאַראַן אַ ריי אויף פאַר פאַרניכטונג... די ערשטע אין דער ריי זענען די יידן און די קאָמוניסטן. אין דער צווייטער ריי — די פּאַרטיזאַנער און די וואָס זענען מיט זיי פאַרבונדן. אין דער דריטער — די פאַמיליעס פון די קאָמוניסטן. אין דער פערטער — די פאַמיליעס פון די אָפיצירן פון דער רויטער אַרמיי. דו געהערסט צו דער דריטער ריי. דערווייל איז נאָך דיין ריי נישט געקומען... די פּאָליציי פאַרלעצט אַזוי אַרום דאָס געזעץ און די אָרדנונג..."

(„געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין אונטערגרונט" — ז' 281).

די אַרומיקע באַפעלקערונג האָט אַקטיוו מיטגעהאָלפן די דייטשן אין אויסראָטן און אויסרויבן די יידן. דער טאָטאַל־אויסראָט פון די יידן האָט

געפונען די פולע צושטימונג פון די פעלקער אין די אָקופּירטע געביטן, אָבער דער איינדרוק פון די שווידערלעכקייטן און סאַדיסטיש־צוגעטראַכטע טויטן, האָט דאָך ביי אַ טייל געשאַפן אַ מיינונג וועגן די דייטשן, ווי וועגן אַ מערדער־פאָלק.

די פּאָליאַקן, ווייסרוסן און אוקראַינער פלעגן מיט ציטער איבערחזרן: „גלייך ווי די דייטשן וועלן פאַרענדיקן מיט די ייִדן, וועלן זיי זיך נעמען צו אונדז!"

איינער פון די צילן פון ייִדן־אויסראָט איז טאַקע געווען אָנצוּוואַרפן אַ מורא אויף דער באַפעלקערונג און האַלטן זי אין צוים. דאָס האָט פאַר זיי געדאַרפט זיין אַ קלאַסישע לעקציע, אויף וואָס די דייטשן זענען פעיִק, בעת זיי קומט אויס זיך אָפּצורעכענען מיט קעגנערס.

די דייטשן האָבן געריסן פון דער באַפעלקערונג, פון טויט און פון לעבעדיק. זיי האָבן פאַרמלוכהשט די פריצישע הויפן, די גרויסע לאַטי־פונדיעס און צוגענומען כמעט די גאַנצע גערעטעניש פאַר זיך.

די נאָרמעס, וועלכע די פּויערים פלעגן דאַרפן געבן, זענען געווען איבער זייערע כוחות. די דייטשן האָבן גערויבט און געפירט אַלץ צום פראָנט און קיין דייטשלאַנד. אַזוי זענען אויך אַרויסגעפירט געוואָרן אַלץ־גרעסערע און וויכטיקערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען (עלעקטרישע סטאַנציעס, טראַקטאָרן אא״וו.).

נויטיקנדיק זיך אין אַרבעטס־כוחות אויף די פאַבריקן און אין די גרובן, האָבן זיי מאַסנוויַיז אָנגעהויבן אַרויסצופירן די יוגנט פון די אָקופּירטע געביטן קיין דייטשלאַנד. יעדער איינער, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטע אַרבעט, וואָס האָט געהאָלפן דעם דייטש צו דער קריגס־פירונג, איז מיט גוואַלד אַרויסגעפירט געוואָרן.

די בריוו, וועלכע פלעגן אָנקומען פון דאָרט, האָבן אין אַ פאַרשטעל־טער שפּראַך דערציילט פון אַ שרעקלעכער עקספּלאָטאַציע און הונגער. די באַפעלקערונג, וועלכע איז געווען באַדראָעט דורך דעם אַרויספיר, האָט אַלץ געטאָן, כדי אויסצומיידן דעפּאָרטאַציע. פיל זענען געלאָפן צו די פּאַר־טיזאַנער אין די וועלדער.

די באַפעלקערונג האָט זיך אומעטום געטיילט אויף צוויי טיילן. אַזעלכע, וואָס האָבן קאָלאַבאָרירט מיט די דייטשן (אין דער פּאָליציי און אין דער

אַדמיניסטראַציע), און דער איבערוועגנדיקער טייל, וועלכער האָט פיינט געהאַט די אָקופּאַנטן און בלויז מוראַ געהאַט פאַר אים און זיין אומברחמנות־דיקער „יוסטיץ״.

מסירות און אָפּרעכענונגען זענען געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. די דייטשן האָבן זיך איינגעקויפט די גוט־פּריינטשאַפט פון זייערע מיט־אַרבעטערס, דורך לאָזן זיי רויבן. אין דער ערשטער ריי איז אויסגעליפערט געוואָרן אויף זייער חסד די יידישע באַפעלקערונג.

דער פאַרטיזאַנער־קאָמאַנדיר ג. לינקאָוו דערציילט ווי אַזוי די דייטשן האָבן, אויף אַזאַ אופן, זיך דערוואָרבן מיטאַרבעטער צווישן דער ווייסרוסי־שער באַפעלקערונג:

„אין דערפל קאַשטשאַנאַ זענען געקומען עטלעכע צענדליק געסטאַ־פּאָווצעס פון קראַסנאַלוקי. זייער עלטסטער האָט פון אַ רשימה אויסגעלייענט 13 נעמען פון פויערים און זיי געמאָלדן, אַז זיי זענען באַשטימט צו זיין פּאָליציאַנטן.

צווישן די נאָמינירטע, זענען געווען פינף, וואָס האָבן ניט סימפּאַטיזירט מיט די אָקופּאַנטן. איינער פון זיי האָט דרייסט דערקלערט, אַז ער האָט ניט בדעה צו ווערן אַ פּאָליציאַנט. דער געשטאַפּאָ־אָפיציר האָט אים באַלד אויפן אָרט דערשאָסן אַלס „רויטן פאַרטיזאַנער״. די איבעריקע האָבן באַלד „איינגעשטימט...״

די ערשטע „אויפגאַבע״ וואָס מען האָט זיי פאַרגעבן איז געווען: צעשיסן אין קראַסנאַלוקי צוויי יידישע פאַמיליעס. דאָס פאַרמעגן פון די יידן איז זיי אָוועקגעגעבן געוואָרן אַלס טראָפעי... דריי פון די פּאָליציאַנטן זענען באַלד נאָך דעם פאַל אַנטלאָפן צו די פאַרטיזאַנער, אין די וועלדער. זיי האָבן דערקלערט: „שלאַגעגן, זיי צווינגען אונדז צו דערשיסן מענטשן. ווי וועלן מיר שפּעטער קענען זיך צוריקקערן צו די אייגענע?...״

אויף אַזאַ וועג, דורך אַריינציען די ווערבירטע פּאָליציאַנטן אין מאָרד און רציחה, האָבן זיי אָפּגעשניטן פאַר דער פּאָליציי דעם וועג אויף צוריק און זיי געמאַכט פאַר מיטשותפים צו די פאַרברעכנס.״

(„די מלחמה אין שונאס רוקן״ — ז׳ 97).

אין די אָקופּירטע לענדער איז אָנגעגאַנגען אַ קעגנזייטיקע פאַר־ניכטונג. די דייטשן האָבן אויסגענוצט די נאַציאָנאַלע קעגנזאַצן, אָנווענדנ־דיק דעם קלאַסישן כלל: ׳צעטייל און הערש״.

די פּאָליאַקן אויפן רעכטן ברעג פון ניעמאַן האָבן געמאָרדעט די

ווייסרוסישע מינדערהייט, די איינצלנע שוצלאָזע ייִדן, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין די דערפער און וועלדער, און האָבן געקעמפט קעגן די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער. די דייטשישע פריינט האָבן געמאָרדעט די פאַ־מיליעס פון די מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און סאָוועטישע אַקטיוויסטן.

אין וואָלין און גאַליציע האָבן די נאַציאָנאַליסטישע אוקראַאינער, באַנדעראָווצעס און בולבאָווצעס געמאָרדעט די פּוילישע מינדערהייט און די ייִדישע שארית הפליטה און געקעמפט קעגן די רוסישע פּאַרטיזאַנער. גענעראַל־מאַיאָר ווערשיגאָרא ברענגט אין זיין בוך „מענטשן מיט ריינעם געוויסן" (ז"ז 224—225) אַ דראַמאַטישע שילדערונג וועגן דער פאַרניכ־טונג פון פּוילישע דאָרף־איינוווינער דורך אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן אין צפונדיקן טייל פון וואָלין. און צום סוף די דייטשישע מערדערס אַליין, וואָס האָבן דערקלערט די מלחמה פאַר אַ טאָטאַלע, אין וועלכער עס איז נישטאָ קיין אָרט פאַר סענטימענטן און רחמנות־געפילן און וועלכע האָבן געזען אין אכזריות און רשעות דעם וועג וואָס פירט צום ציל, צום נצחון.

וואָס מער די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג האָט זיך געשטאַרקט אין די אָקופּירטע געביטן, אויף וויפל אומזיכערער עס איז געוואָרן די באַווע־גונגס־פרייהייט פון די דייטשן און זייערע מיטהעלפער, אַלץ מער איז געפאַלן זייער חשיבות אין די אויגן פון דער באַפעלקערונג.

די פלוג־בלעטלעך פון די פּאַרטיזאַנער און די „סוואָדקעס" (פראָנט־קאָמוניקאַטן) פון דער סאָוועטישער אינפאָרמאַציע־ביוראָ, וועלכע פלעגן דורך געהיימנישפולע וועגן פאַרשפרייט און אַפּישירט ווערן אין די שטעט, שטעטלעך און דערפער, האָבן געהאָלפן וואַרפן אַ שיין אויף דער ליגנע־ריש־באַרימערישער פּראָפּאַגאַנדע פון די דייטשן און זייערע אַגענטן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

די הויפּט־אויפגאַבע פון די פּאַרטיזאַנער איז טאַקע געווען צו גע־ווינען דאָס פאַרטרויען, די סימפּאַטיע און די הילף פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וואָס אָן דעם וואָלטן די קאַמפן און דער עצם קיום פון דער באַוועגונג כמעט נישט מעגלעך געווען.

די גרויסע הילף וואָס די פּאַרטיזאַנער האָבן באַקומען פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג: אין שפּיאָנאַזש, אינפאָרמאַציעס, שפּייז, קליידער

אאַ״וו איז נאָר מעגלעך געווען אַ דאַנק דער באַפעלקערונג, וואָס איז לויטן אָפּשטאַם, שפּראַך, נאַציאָנאַליטעט, לעבנסשטייגער און סימפּאַטיע צום סאָוועטישן רעזשים געווען אידענטיש מיט די אונטערגרונט־מענטשן (רוסן, ווייסרוסן, אוקראַינער, פּאָליאַקן אאַ״וו).

מאַרשאַל קלימענטי וואָראָשילאָוו, דער אָנפירער פון דער פּאַרטי־זאַנער־באַוועגונג, האָט בעת זיין באַגעגעניש מיטן קאָמאַנדיר פונעם פּאַר־טיזאַנער־אָטריאַד פּיאָדאָראָוו־טשערניגאָווסקי (נאָוועמבער 1942) באַזונדערס אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די גוטע באַציִונגען, וואָס דאַרפן געפלעגט ווערן מיט דער באַפעלקערונג:

„דער רושם וואָס איר וועט איבערלאָזן אויפן פאָלק, אויף די מאַסן, מיט אייערע מעשים און פּראָפּאַגאַנדע, וועט אונדז דערוועריבן טויזנטער שותּפים. דאָס איז אַ זייער וויכטיקער טייל פון אונדזער אַרבעט.״

(א. פּיאָדאָראָוו „געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין אונטערגרונט״ — ז׳ 444).

די באַציִונגען צווישן די פּאַרטיזאַנער און דער באַפעלקערונג דריקט ווערשיגאָראָ אויס אין דעם פאָלגנדיקן זאַץ:

„דער בעסטער מאַסשטאַב צו דער פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט אין שונאס הינטערלאַנד איז די מיינונג פון פאָלק איבערן אָטריאַד אָדער איבערן קאָמאַנדיר.״

און פאַקטיש איז די פּאַרטיזאַנער געלונגען צו געווינען די מערהייט פון דער באַפעלקערונג אויף זייער זייט. עס איז קלאָר, אַז די ידיעות וועגן די כּסדרדיקע קלעפּ וואָס די דייטשישע חילות האָבן באַקומען אויף די פראָנטן און דער פאַראויסמאַרש פון דער רויטער אַרמיי האָט געשאַפן אַן אָפּהענגיקע שטימונג ביי די דייטשן און אין דער זעלבער צייט — פאַר־שטאַרקט דעם קאַמפס־גייסט און איניציאַטיוו פון די פּאַרטיזאַנער און אויך פאַרשטאַרקט די פּאָזיטיווע באַציִונג און פאַרשידנאַרטיקע הילף פון דער באַפעלקערונג צו די פּאַרטיזאַנער.

די באַפעלקערונג האָט כּסדר געלעבט אין דערוואַרטונג פון גרויסע געשעענישן. פון מויל צו מויל פלעגן איבערגעגעבן ווערן ידיעות וועגן

דער לאַגע אויף די פראָנטן, וועלכע מען פלעגט אונטערהערן פון געהיימע ראַדיאָס פון סטאַנציעס פון די פאַרבינדעטע מלוכות.

די דייטשן האָבן געזען ווי פון טאָג צו טאָג פאַלט זייער אָנזען און דער גלויבן אין זייער נצחון און האָבן דעריבער אויסגעלאָזט זייער כעס צו דער ציוויל־באַפעלקערונג.

אַלע פרוון פון די דייטשן אויסצונוצן די ווירטשאַפטלעכע און מענטש־לעכע רעסורסן פון די אָקופּירטע געביטן, זענען גוואַלטיק פאַרשווערט געוואָרן דורך דער אויסגעוואַקסענער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. דער גרעסטער טייל פון די אָקופּירטע געביטן, אַ חוץ די ישובים האַרט ביי די שטעט, ווו עס האָבן סטאַנציאָנירט גאַרניזאָנען, איז פאַקטיש געווען אָפּגעשלאָסן פאַר די דייטשן, ווייל דאָס זענען אַלץ געווען פּאַרטיזאַנער־זאָנעס, ווו די דייטשן האָבן קיין שליטה נישט געהאַט.

די ווייסרוסישע „סאַמאָכאָווע" (זעלבסט־שוץ), וואָס די דייטשן האָבן געשאַפן, בכדי צו קעמפן מיט די פּאַרטיזאַנער און האָט שפּעטער געזאָלט בילדן דעם קערן פאַר דער געפּלאַנטער ווייסרוסישער אַרמיי, זענען צע־קלאַפּט אָדער איבערגערעדט געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער, און מיטן דייטשן געווער, זענען זיי אַוועק אין וואַלד.

די פרוון אין וואָלין און אוקראַינע צו שאַפן לעגיאָנען האָבן געליטן אַ גרויסן דורכפאַל. נאָכדעם, ווי די דייטשן זענען אָפּגעגאַנגען אין בלוט אויף די פראָנטן און פאַרלירנדיק ביי סטאַלינגראַד, מאָסקווע און אָריאָל זייערע קאַדער־אַרמייען, האָבן זיי געפּלאַנט, נאָך אַ קורצער מיליטערישער אויסשולונג, צו שיקן די אוקראַאינישע און ווייסרוסישע יוגנט אויף די פראָנטן, בכדי צו ראַטעווען די „ציוויליזאַציע" קעגן די באָלשעוויסטישע „באַרבאַרן" און ניט דערלאָזן דעם צוזאַמענבראָך פון דער „נייער אָרדנונג" אין איירָאָפּע.

די אוקראַאינישע יוגנט האָט אָבער גאָר ניט געטראַכט צו דינען אַלס „האַרמאַטן־פליייש" פאַרן גוסטדיקן דייטשלאַנד און איז זיך צעלאָפן מיט געווער אין די וועלדער, בילדנדיק אַ גרין־פאַשיסטישע פּאַרטיזאַנקע, די א"ג „או.פּ.אַ." (אוקראַינסקאַ פּיווסטאַנטשאַ אַרמיאַ — אוקראַאינישע אויפ־שטענדלער אַרמיי), וועלכע האָט געקעמפט גלייכצייטיק קעגן די דייטשן און קעגן די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער.

אויך די ליטווישע אַרמיי פון גענעראַל פּלעכאַוויטשיוס, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן לויט דער דייטשישער איניציאַטיוו, צום קאַמף קעגן פּאַרטיזאַנער, האָט זיך אין 1943 צעשאָטן, צוליב דער דייטשישער פאָדע־רונג, אַז זיי זאָלן זיך איינשליסן אין דער דייטשישער אַרמיי און גיין קעמפן אויף די פראָנטן. די ליטווינער זענען זיך צעלאָפן אין זייערע היימען. אַ קלענער טייל האָט זיך איינגעשלאָסן אין די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן. אייניקע ליטווישע מיליטער־איינהייטן האָבן איבערגעגעבן זייער באַוואָפענונג דער ליטווישער פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע פון יורגיס.

די אוקראַינישע און ווייסרוסישע פאַשיסטן, וועלכע האָבן געטרוימט וועגן גרויסע זעלבסטשטענדיקע לענדער, זענען געוועזן זייער געטראָפן און שטאַרק אַנטוישט פון די נייע פּאָליטישע מאַפּעס, וועלכע די דייטשן האָבן צוגעשניטן פאַר דער „נייער נאָכמלחמהדיקער אָרדענונג אין אייראָפּע". לויט דער נייער מאַפּע, האָבן די דייטשן מיט אַ „פרייער האַנט" געשניטן און געטיילט געגנטן אויף רעכטס און לינקס. פון אוקראַינע איז אויסגעטיילט געוואָרן מזרח־גאַליציע, וועלכע איז פאַרייניקט געוואָרן צום גענעראַל־גאָווערנאַמענט (פּוילן). קאַרפּאַטן־רוסלאַנד איז צוגעטיילט געוואָרן צו אונ־גאַרן. אוקראַינישע טעריטאָריע צווישן דרום־בוג און דניעסטער מיט דער פּאָרט־שטאָט אָדעס (א"ג טראַנסניסטריע) איז אָפּגעגעבן געוואָרן רומעניע, אַלס קאָמפּענסאַציע פאַר טראַנסילוואַניע.

די אוקראַינישע געוועזענע הויפּטשטאָט כאַרקאָוו איז אויף די דייט־שישע מאַפּעס געוועזן איינגעשלאָסן אין רוסלאַנד. אַלס קאָמפּענסאַציע זענען צו אוקראַינע פאַראייניקט געוואָרן ווייסרוסישע אָרעמע געגנטן: בריסק און פּינסק.

די ווייסרוסישע געביטן גראָדנע און ביאַליסטאָק, וועלכע האָבן אין די יאָרן 1939—41 געהערט צו דער סאָוועטישער ווייסרוסישער רעפּובליק, זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אין „דריטן רייך". אַלס קאָמפּענסאַציע זענען צוגעזאָגט געוואָרן ריין־רוסישע שטחים ביז סמאָלענסק.

פון פּוילן (א"ג גענ'־גאָווערנאַמענט), האָט פאַקטיש געזאָלט בלייבן בלויז קאָנגרעס־פּוילן ביזן בוג און מזרח־גאַליציע, שלעזיען, פּויזן, פּאָמערן און לאָדזשער קרייז זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אין „דריטן רייך".

קיין וווּנדער נישט, אַז די אוקראַינישע, פּוילישע און ווייסרוסישע

נאַציאָנאַליסטן, וועלכע האָבן געליגט אַזוי פיל האָפענונגען אויפן פאַשיס־טישן דייטשלאַנד, האָבן זיך גיך אויסגעניכטערט, אַנגעהויבן באַקעמפן די דייטשן און שאַפן זייערע מיליטערישע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציעס.

די דייטשן האָבן די לאַגע אין די אָקופּירטע געביטן ניט געקענט באַהערשן, און זענען פאַרן ריקצוג געווען געצוווּנגען שלום מאַכן מיטן פאַקט פון זייער אוממעכטיקייט און הילפלאָזיקייט.

דער גענעראַל־פּאָלקאָווניק סאַמבאַטכיאַ מוז זיך מודה זיין, אַז די דייטשישע באַמיִונגען צו געווינען די סימפּאַטיע פון די אוקראַאינער האָבן זיך נישט איינגעגעבן.

אין קאַפּיטל „וויאַזוי צו באַקעמפן די פּאַרטיזאַנער" ווערט געזאָגט:

„עס דאַרף פּאַר אונדז קלאָר ווערן, אַז די פּאַטריאָטישע שיכטן פון דער אוקראַאינישער באַפעלקערונג האָבן נישט קיין שום געמיינשאַפטלעכעס מיט די צענטראַלע גרויסמאַכטן. סוף כל סוף איז דאָך אונדזער רעגירונג און אַרמיי פאַר זיי נישט מער ווי אַ פיינטלעכער אָקופּאַציע־רעזשים און פרעמדע בעלי־בתּים".

(א. פיאָדאָראָוו „געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין אונטערגרונט" ז' 401).

די דייטשן זענען אינעם ערשטן יאָר מלחמה געווען פאַרשיכורט פון זייערע לייכטע, גרויסע נצחונות אין רוסלאַנד און אייראָפּע און זיי האָבן פאַרלאָרן יעדן חוש פאַר פּאָליטישן טאַקט אין זייערע באַציִונגען מיט די אָקופּירטע פעלקער.

זייער אוממענטשלעכע באַציִונג צו די סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע האָט דערפירט דערצו, אַז עס האָבן באַלד אויפגעהערט די דעזערטיר־דערשיינונגען און דאָס איבערגעבן זיך אין געפאַנגענשאַפט צו די דייטשן — אַ זאַך, וואָס איז געווען אַ פאַרשפּרייטע דערשיינונג אין די ערשטע טעג נאָך דעם אומגעריכטן קלאַפּ (22סטן יוני 1941). יעדער סאָוועטישער זעלנער האָט געוווּסט, אַז געפאַנגענשאַפט ביים דייטש באַדייט אַ זיכערן, אין בעסטן פאַל, אַ לאַנגזאַמען הונגער־טויט, און האָט זיך געשלאָגן עקשנותדיק ביזן סוף.

די דייטשן האָבן מיט זייער איינשטעלונג דערפירט, אַז די שנאה צו

**זיי זאָל ווערן אַן אַלגעמיינע פאָלקס־דערשיינונג און האָבן אַזוי אַרום אויפ־
געהויבן קעגן זיך כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג.**

די דייטשן אַליין האָבן מיט זייער מערדעריש צוגאַנג צו דער באַפעל־

צוגעבונדענע רוסישע געפאַנגענע, פאַרן צעשאָסן ווערן
דורך די דייטשן

**(די דאָזיקע פאָטאָגראַפיע האָט אַ יידישע פרוי, וועלכע האָט
געלעבט בעת דער מלחמה אין באַדגאַסטיין (עסטרייך), באַקומען
פון אַ דייטש, וועלכער איז געקומען אויף אורלויב).**

קערונג פון די אָקופּירטע געביטן, מיט זייער מאַסן־פאַרפייניקונג דורך
הונגער און צעשיסונג פון הונדערטער טויזנטער סאָוועטישע קריגס־געפאַנ־
גענע, מיט דער שוידערלעכער, אין דער געשיכטע ניט־באַוווסטער, טאָטאַלער

פאַרניכטונג פון די יידן און אַכזריותדיקער באַציִונג צו אַלץ און אַלעמען, וואָס געהערט ניט צום „הערן־פאָלק", דערפירט צו דעם גראַנדיעזן פונאַנדערוווקס פון דער פאַרטיזאַנקע און זי פאַרוואַנדלט אין אַן אַלגעמיינער פאָלקס־באַוועגונג פון „נקמה־נעמערס" („מסטיטיעלי"), וועלכע האָט אַקטיוו מיטגעהאָלפן גראָבן דעם קבר פאַר דעם מערדער־פאָלק און צואיילן זיין מפלה און פאַרניכטונג.

***

איבערזעצונג פון דער ווייסרוסישער פאַרטיזאַנער־צייטונג „טשי־רוואָנאַיאַ זוויעזדאַ" (רויטער שטערן) פון 17טן פעברואַר 1944, נר. (214) 13־12, אַרויסגעגעבן דורך דעם באַראַנאָוויטשער צענטראַלן קרייז־קאָמיטעט פון דער ווייסרוסישער קאָמוניסטישער פאַרטיי און געדרוקט אין נאַליבאָקער פושטשע.

צוויי פיסיקע חיות אין סלאָנים

די דייטשישע אָקופּאַנטן האָבן געבראַכט די באַפעלקע־רונג פון סלאָנים טויט און איבערמענטשלעכע ליידן.

(דאָ גיבן מיר אַן אַרטיקל, צוגעשיקט דורך אַ סלאָנימער איינוווינער, וועלכער איז אַ לעבעדיקער עדות פון דעם, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין סלאָנים פון מאָמענט, ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט די שטאָט ביז היינט צו טאָג).

חבר! ליִען און נעם נקמה פון די דייטשן פאַר דעם בלוט און די טרערן פון אונדזערע מענטשן!

שוידערלעכע יידישע פּאָגראָמען

דער ערשטער גרויסער יידישער פּאָגראָם אין סלאָנים איז דורכגעפירט געוואָרן דורך די דייטשן ענדע נאָוועמבער 1941. שכורע דייטשישע זשאַנ־דאַרמען און סלאָנימער פּאָליציי־לייט האָבן פון פרי ביז אָוונט געווילדעוועט אין די יידישע הייזער. קינדער האָט מען אַרויסגעוואָרפן דורך די פענצ־טערס. געווען פאַלן ווען מען האָט זיי לעבעדיקערהייט צעריסן. אַלע יידן האָט מען צוזאַמענגעטריבן אויפן פּלאַץ ביי דער גרויסער שול. עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ „סאָרטיראָווקע". די, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי די דייטשן, זענען באַפרייט געוואָרן. די איבעריקע האָט מען שרעקלעך

געשלאָגן, געלאָדן אויף מאַשינען און אַרויסגעפירט צום דאָרף טשעפּיע־ליאָווע, מילאָוויטשער ראַיאָן, ווו עס זענען שוין געווען אויסגעגראָבן גריבער.
לויטן דייטשישן באַפעל האָבן זיך די אומגליקלעכע יידן געמוזט אויסטאָן ביז די וועש. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דערשיסן. די שכורע אויסוורפן האָבן געצוווּנגען די פאַרויסגייענדיקע צו זינגען „קאַטיושע". אַנדערע תלינים האָבן אויסגעקליבן מיידלעך, צוזאָגנדיק זיי צו באַפרייען, אַוועק־געפירט אין די קוסטעס, פאַרגוואַלטיקט און דערנאָך צעשאָסן.
מער ווי 50 פערזאָן זענען משוגע געוואָרן פאַרן טויט. איבער 8 טויזנט יידן זענען יענעם טאָג אומגעקומען. צווישן די דערהרגעטע איז געווען די פאַמיליע פון פאָפּולערן ד"ר כירורג פּאַרעצקי און פיל אַנדערע דאָקטוירים און אינזשינערן.

מיט דער שוידערלעכער עקזעקוציע האָבן אָנגעפירט די דייטשן־סאַדיסטן: שולץ ריינערס, רעהנער, שטעליע. אין די פּייניקונגען און איזדיע־קעווען איבער די אומגליקלעכע האָבן זיך אויסגעצייכנט די סלאַנימער פּאָליציסטן: סוראַווסקי וולאַדימיר, באַנאַסיאַק סטעפאַן און מיראָטשניק יאָסיף.

נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן דאָס רויבן פון פאַרמעגן פון די אומגע־בראַכטע. דאָס בעסערע האָבן די דייטשן צוגערויבט פאַר זיך. די ערגערע האָבן זיי אונטערגעוואָרפן אַ „ביינדל" זייערע געטרייע דינערס פון מאַגיסטראַט און פּאָליציי. באַזונדערס פיל האָט אָנגערויבט דער בירגער־מייסטער, קיסלי אַלעקסאַנדער און זיין סעקרעטאַר, וואַסילעני אַלעקסיי — דער פאַרזיצער פון ב. פּ. ס. זאַבאַילאַ.
דעם 29טן יולי 1942 איז דורכגעפירט געוואָרן די צווייטע מאַסן־פאַרניכטונג פון די יידישע איינוווינערס.

בכדי די יידן זאָלן זיך ניט קענען אויסבאַהאַלטן, האָבן די דייטשן און פּאָליציי אונטערגעצונדן דעם יידישן קוואַרטאַל. אין דער זעלביקער צייט איז געוואָרן אונטערגעצונדן דער שפּיטאָל מיט 40 קראַנקע (אויף מיכאַי־לאָווער גאַס). אינגאַנצן איז פאַרברענט געוואָרן די זשאַביע גאַס, די רעכטע זייט פון אָגינסקי בולוואַר און אַ סך אַנדערע גאַסן.

די דייטשן און פּאָליציי האָבן געוואָרפן אין פייער לעבעדיקע מענטשן. אויף דעם רויכערנדיקן אַש זענען געלעגן פאַרברענטע קערפּערס. אין גערשטן־געסל, אין דעם ערשטן הויז נעבן דער שטשאַרע, איז געלעגן אַ קופּע מענער, פרויען און קינדער, בערך 50 נפשות. אויף די גאַסן פון שטאָט זענען געלעגן מענטשן דורכגעשאָסענע פון אויטאָמאַטן סעריעס. אין דער זעלביקער צייט האָט מען צום דאָרף פּיעטראַליעוויטש געיאָגט מאַסן־מענטשן. דאָרט האָט מען זיי אויסגעשטעלט פאַר די גריבער און מיט אַ שאָס

פון הינטן דערהרגעט, און דאָס ראַבירן פון יידיש האָב און גוטס האָט זיך ווייטער געצויגן. אַ ווילדע רויב־דורשט האָט אַרומגעכאַפּט די מערדערס. עס זענען געווען פאַלן, ווען די רויבערס, ניט קענענדיק זיך צעטיילן מיטן רויב, האָבן זיך געשלאָגן צווישן זיך. די רויבערייען און מערדערייען האָבן געדויערט אַ גאַנצע וואָך. אין דער צייט זענען אויסגעהרגעט געוואָרן בערך 9.000 מאַן, צווישן זיי — דער עלעקטראָ־אינזשעניר מירסקי, דער ד״ר וואָלפאָוויטש, בערגער קאַגאַן א״אַנד.

דעם אַריינמאַרש אין סלאָנים האָבן די דייטשן באַצייכנט מיט אַ מאַסן־דערשיסונג פון די רויקע פרידלעכע איינוווינערס. זיי האָבן געצוווּנגען מקבל פנים צו זיין די רויב־אַרמיי מיט ברויט און זאַלץ. נאָר די מענטשן, וועלכע האָבן ניט באַוויזן אַוועקצוגיין פון שטאָט, האָבן זיך פאַרקליבן אין די קעלערן. דערזעענדיק די פּוסטע גאַסן, זענען די היטלעריסטן אַריין אין אַ ווילדער רציחה. זיי האָבן געגישטערט איבער יעדן הויף און וועמען זיי האָבן געפונען, פלעגן זיי גלייך דערשיסן. זיי האָבן אויסגעראָט גאַנצע משפחות. פאַר מיינע אויגן האָבן זיי, אָן קיין שום זינד, דערשאָסן אַ זון פון אינזש׳ ריבינסקי, די משפחה פון דרוקער פּאַראַזאָווסקי און פיל אַנדערע.

דעגענעראַטן, אויסוואורפן און פאַרברעכער אין דינסט ביי די דייטשן

די ערלעכע סלאָנימער בירגערס זיינען ניט געגאַנגען דינען דעם דייטשישן שונא. מאַכנדיק גלייך אַ „זעלבסט־פאַרוואַלטונג״, האָבן די דייטשן זי באַזעצט אין דער ערשטער ריי מיט זייערע אַלטע שפּיאָנען, צוגעבנדיק צו זיי די גרעסטע פאַרברעכערס און אַנטיסאָוועטישע עלעמענטן.

אין מאַגיסטראַט האָבן זיי באַזעצט דעם געבראַכטן עמיגראַנט געניעק יאָסיף, דעם געוועזענעם סעקרעטאַר פון דער פּוילישער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע,דעם וויים־גוואַרדייער ליובאַנסקי, פאָליצייאישער דעגענעראַט, געוו׳ גראַף וכדומה.

דעם אַלטן דייטשישן שפּיאָן, רימין, האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אין שפּיץ פון דער פּאָליציי, וועלכע איז באַשטאַנען בלויז פון פאַרברעכערס און באַנדיטן. דאָ האָט זיך „איינגעאָרדנט״ דער פּוילישער פאַשיסט, כמיעלעווסקי, דער געוו׳ קאָמענדאַנט פון די סלאָנימער געהיים־אַגענטן.

די גאַנצע פאַרברעכערישע כנופיה האָט געאַרבעט לויט די אָנווייזונגען פון דער „געשטאַפּאָ״ און אויסגעראָט די רויקע איינוווינערס, אין דער ערשטער ריי — די סאָוועטישע אָנגעשטעלטע.

נאָך לאַנגע, שווערע יסורים, זענען צעשאָסן געוואָרן די געוועזענע

אָנגעשטעלטע פון סלאָנימער ראַיאָן־סאָוועט: גלובאָוויטש, דאַנילעוויטש, דער פאָרזיצער פון קאַסטענעווער סעל־סאָוועט, מיסקאָ מיקאָליי, דער פאָרזיצער פון זשיראָוויצער סעל־סאָוועט, טורליי, א״אַנד.

אַ באַזונדערן „רעקאָרד״ אין אומברענגען די סלאָנימער פרידלעכע באַפעלקערונג האָט געשלאָגן דער פאַרטרעטער פון געביטס־קאָמיסאַר, דער דייטשישער סאַדיסט, גיך, און דער דייטש־פאַשיסטישער מיטשלעפּער, אַן עמיגראַנט פון דייטשלאַנד, דער פאַרברעכער קישקאָ. דער לעצטער, האָט פרעך דערקלערט, אַז ער האָט שוין אויסגעהרגעט ביי אַ 500 סלאָנימער איינוווינערס. אין דער צאָל אומגעבראַכטע דורך דעם מערדער, געפינט זיך אויך דער באַקאַנטער ד״ר כעמיע, גראַדזענסקי, פיל לערערס, אינזשענירן און קריגס־געפאַנגענע — געוועזענע קאָמאַנדירן פון דער רויטער אַרמיי.

תליה — דער סימבאָל פון דער היטלעריסטישער „נייער אָרדנונג״

די „נייע אָרדנונג״ ווייזט זיך אַרויס אין דעם, וואָס די גאַנצע שטאָט לעבט אין פּחד. יעדער דייטש אָדער סתם כוליגאַן, וועלכער איז אין דינסט ביי די דייטשן, קען אָן שום משפּט און מורא אָפּרעכענען זיך מיט יעדן איינעם אין גאַס און אין זיין אייגענעם הויז.

די יידישע איינוווינערס איז פאַרבאָטן געוואָרן פון ערשטן טאָג צו גיין אויף די טראָטואַרן. זיי מוזן טראָגן געלע לאַטעס אויף די מלבושים, און דערנאָך ווערן זיי אומגעבראַכט אויף אַ חיהשן אופן.

די דייטשן האָבן אַרויסגעפירט דעם גאַנצן שפּייז־רעזערוו און איבער־געלאָזן די שטאָט אַ הונגעריקע. די דייטשן גיבן אַרויס צו 200 גראַם ברויט נאָר די, וועלכע אַרבעטן ביי זיי. די שטערבלעכקייט צוליב הונגער האָט אָנגענומען אַן אומגעהויערן מאַסשטאַב. די צאָל פון דער באַפעלקערונג אין פאַרגלייך מיט דעם פאַרמלחמהדיקן צושטאַנד האָט זיך באַדייטנדיק פאַר־קלענערט. אויף דעם גאַנצן חורבן הערשט די אויפגעשטעלטע תליה אויפן מיטן מאַרק — דער סימבאָל פון דער היטלעריסטישער „נייער אָרדנונג״ אויף וועלכער זיי הענגען הונדערטער אומשולדיקע מענטשן.

די דייטשן ברענגען אום זייערע באַדינערס

דער טעראָר ווערט אָבער נישט באַגרענעצט מיט דער יידישער באַפעלקערונג אַליין. מיט אַזאַ קראַפט און שווידערהאַפטיקייט ווערט ער אויך אָנגעווענדעט צו אַלע בירגערס. אין שטאָט פונקציאָנירט די דייי־

טשישע זיכערהייטס־פּאָליציי. יעדער איינער ווערט דורך זיי באַכגעקוקט. טויזנטער מענטשן זענען געפאַלן קרבנות פון דער געשטאַפּאָ. וועגן די „נישט זיכערע" אָדער די, וואָס זענען אַריינגעפאַלן צו די דייטשישע פּראָ־וואָקאַטאָרן פאַר אַרויסזאָגן זיך אָפּן וועגן דער אומצופרידנקייט מיטן אָקופּאַנט, איז שוין אָפּגערעדט. זיי ברענגט מען אום אָן שום משפט און אויספאָרשונג. נאָר אפילו די, וואָס דינען דעם דייטש, זענען שוין אויך אַריינגעפאַלן אין אומחן.

דער גלח גראַבאָווסקי, וורעבליאָווסקי, דאַלענסקי, ליובאַנסקי, גע־נאָך א"אַנד מענטשן, וועלכע האָבן געדינט דעם דייטש און פלעגן אַרויס־געבן הונדערטער אומשולדיקע מענטשן, זענען אַליין אויך געפאַלן קרבנות פון זייערע דייטשישע בעלי־בתים. נאָר אייניקע פון זיי האָט זיך איינגעגעבן פאַר אַ גרויסן אויסקויף אָדער שפּיאָנאַזש זיך אַרויסצו־ראַטעווען פון געשטאַפּאָ.

אַבלאַוועס אויף מענטשן

נאָכן אויסראָטן די יידן האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־אויסראָט פון דער ווייסרוסישער און פּוילישער באַפעלקערונג. דאָס ווערט דורכגעפירט אונטערן פּרעטעקסט פון „אַבלאַוועס אויף פּאַרטיזאַנער". דייטשישע סאָלדאַטן, ס. ד. און פּאָליציי רייסן זיך אַריין בייַנאַכט אין די הייזער. צעראַבירן זיי און די מענטשן פירן זיי אַוועק. אַ טייל שיקט מען אַוועק אויף דייטשישער קאַטאָרגע און אַ טייל צעשיסט מען.

אַזאַ „אַקציע אויף פּאַרטיזאַנער" האָבן די דייטשן דורכגעפירט פון 12טן ביז דעם 23סטן דעצעמבער 1942. אין צייט פון דער אַבלאַווע זענען דערשאָסן געוואָרן הונדערטער מענטשן לעבן דאָרף פּיעטראַלעוויטש און באַגראָבן געוואָרן אין די זעלביקע קברים, וואָס די יידן האָבן געגראָבן דעם 29סטן יולי.

אַ קרבן פון פאַשיסטישן טעראָר איז געפאַלן דער לערער פון דער ווייסרוסישער שול, זיעמטשאַנקאָ וו., דער גלח שטאַרק, אויטאָ־מעכאַני־קער סופּריי און זייערע משפחות און נאָך טויזנטער אַנדערע. אין דער זעלביקער צייט האָט מען געכאַפּט העכער 1200 יונגעלייט און אָפּגעשיקט אין דייטשלאַנד אויף קאַטאָרגע.

מען דאַרף באַמערקן, אַז אין שטאָט איז טעטיק אַן אַרבעטס־בירזשע. לויט איר טעטיקייטס־כאַראַקטער איז זי ענלעך צו דער ס. ד. דורך דער בירזשע זענען אין יאָר 1943 אַרויסגעפירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד הע־כער 6.500 איינוווינער פון סלאָנים. אָבער מיט דעם האָבן זיך די דייט־טשישע שקלאַפן־הענדלערס נישט באַגנוגנט.

סעפּטעמבער 1942 פירן זיי ווידער דורך אַן „אַבלאַווע אויף מענטשן".
אויף אַ באַנדיטישן אופן גיט זיי זיך איין צו כאַפּן ביינאַכט 3.000 יונגע סלאָנימער איינוווינערס, פון די אַרומיקע דערפער. חוץ דעם האָבן זיי אַרעסטירט בערך 150 מאַן פון דער אינטעליגענץ — דאָקטוירים, לערערס, אַפּטייקערס, אַנגעשטעלטע פון פליישׂ־קאָמבינאַט — און אַלעמען אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד אין קאָנצלאַגערן.

מיט דער גאַנצער מערדערישער אַרבעט האָבן אָנגעפירט די דייטשישע אויבער־תלינים: דער סלאָנימער געביטס־קאָמיסאַר, ערען, שעף פון ס.ד., ווערנער און דער זשאַנדאַרמעריע־שעף, בורגער.

די סלאָנימער תפיסה איז איבערפולט מיט אַרעסטירטע. די דייטשישע תלינים באַווייזן ניט צו הענגען אַלע „פאַרברעכערס."

אָבער אַלע סלאָנימער בירגער פאַרשטייען, אַז דער בלוטיקער טעראָר איז אַ סימן פון שוואַכקייט, אַז דער טאָג פון באַפרייאונג וועט גיך קומען.

סלאָנימסקי

קאַפּיטל דריי

דער אָנהייב פון דער פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג

נאָכן אומגעריכטן, פאַרעטערישן קלאַפּ, וואָס די דייטשן האָבן געגעבן דער רויטער אַרמיי דעם 22טן יוני 1941, איז זיי געלונגען — אַדאַנק זייער איבערוואָג אין מענטשן און טעכניק, בליץ־שנעלן אָנגרייפן דורך וואַרפן דעסאַנטן־גרופּעס אין הינטערלאַנד פון דער סאָוועטישער, אין פּאַניק אָפּ־טרעטנדיקער אַרמיי און דעם שענדלעכן פאַראַט פון אַ געוויסן טייל סאָוועטישע קאָמאַנדירן און אַ ריי אַנדערע סיבות — אַרויסצורופן אַן אַלגעמיינע פּאַניק און דעזאָרגאַניזאַציע אויף די פראָנטן און הינטערלאַנד און געצוווּנגען די סאָוועטן אָפּצוטרעטן טיף אין רוסלאַנד אויף נייע פּאָזיציעס.

די גוט־באַקאַנטע דייטשישע קריגס־טאַקטיק פון „איינקרייזן" און „איינקעסלען" האָט דערפירט דערצו, אַז פיל הונדערטער טויזנטער רויט־אַרמייער, גאַנצע דיוויזיעס און אַרמייען, זענען צוזאַמען מיט זייער אָנפירונג און קריג־אויסשטאַטונג אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די דייטשן.

שוין דאַמאָלסט, אין יענע פּאַנישע טעג פון ריקצוג און מפּלות, זענען פיל רויט־אַרמייער, ייִנגערער און עלטערער קאָמאַנדירנדיקער פּערסאָנאַל, געבליבן אין די וועלדער און ריזיקע פּושטשעס פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע מיט זייער געווער און לייכטער אַמוניציע. איינצלנע, קליינע גרופּעס, האָבן אַרומגעבלאָנקעט איבער די רחבותן פון די אומענדלעכע וועלדער און בלאָטעס, זיך פאַרזאָרגט מיט שפּייז אין די נאָענט־ליגנדיקע דערפער און כוטאָרעס און מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די געשעענישן.

די מענטשן זענען געווען סאָוועטישע פּאַטריאָטן, אָן אַ גרענעץ ליב געהאַט זייער היימלאַנד און זיי זענען געווען דעצידירט צו לעבן, בכדי צו קעמפן מיטן פאַרוויסטער און מערדער פון זייער פאָטערלאַנד, צו שטאַרבן, בכדי צו דערמעגלעכן פאַר זייערע פעלקער אַ פריי לעבן.

ענדלעך איז אָנגעקומען די פריילעכע ידיעה, אַז די דייטשישע אַרמייען זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן אין זייער פאַרויסמאַרש, אַז די סאָוועטן האָבן באַוויזן צו איבערגרופּירן זייערע כוחות, אַריינפירן אָרגאַניזאַציע, אָרדענונג און דיסציפּלין אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי און, אַז זיי גיבן די ערשטע שטאַרקע קלעפּ די דייטשישע אַרמייען, וועלכע האָבן געטרוימט וועגן אַ „בליץ־קריג״, וועגן אַריינמאַרש אין מאָסקווע און לענינגראַד במשך פון 10—14 טעג.

די דאָזיקע ידיעות האָבן דערמוטיקט די אַלע, ביי וועמען עס האָט זיך אַריינגעגנבעט נאָגנדיקע ספקות אין דעם ווידערשטאַנדס־כוח פון ראַטנפאַר־באַנד, געשטאַרקט אין זייער גלויבן און טיפער איבערצייגונג די, וועלכע האָבן אין די שווערסטע מינוטן געגלויבט אין זיג פון דער גערעכטער זאַך, אין דער אומבאַזיגבאַרקייט פון קיינמאָל אין דער געשיכטע, ניט באַזיגבאַרן רוסלאַנד.

במשך פון דער צייט, זענען צו די איינצל־אַרומבלאָנקנדיקע פּאַרטיזאַ־נער, וועלכע האָבן נאָך ניט געפירט קיין קאַמפּס־טעטיקייט, נאָר בלויז זיך אויסבאַהאַלטן פון די דייטשישע נעגל, צוגעקומען הונדערטער ווייסרוסן, פּאָליאַקן און אוקראַינער פון פּאַרטייַיש־סאָוועטישן אַקטיוו פון דער אָרטי־קער ציוויל־באַפעלקערונג (מיטגלידער פון שטאָטישע און דאָרפישע סאָ־וועטן, פּאַרטיי־מיטגלידער, קאָמסאָמאָלצעס, אַקטיוויסטן א״אַנד), וועלכע די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַרעסטירן און צעשיסן פאַר קאָמוניזם און מיט־אַרבעט מיט דער סאָוועטן־מאַכט אין די יאָרן 1939—41.

דאָס זענען געווען מענטשן אָרטיקע, וועלכע האָבן געקענט אַלע שטע־געלעך און וועגעלעך, אַלע „טראַפּינקעס״, וועגן און אומוועגן אין די וועלדער, געקענט גוט די געגנטן און באַפעלקערונג, צווישן וועלכע זיי האָבן אָפּגע־לעבט אַ לעבן. די פּאַרטיזאַנער פון די מזרח־געביטן האָבן אין זיי געפונען אַ זייער נוצלעכן עלעמענט פאַר דער פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט.

לויטן באַפעל פון דער אויבערקאָמאַנדע פון דער רויטער אַרמיי, זענען

געבליבן אין אייניקע וועלדער באַוואָפנטע מיליטערישע איינהייטן, מיטן צוועק צו אָרגאַניזירן אַן אונטערגרונט־באַוועגונג קעגן די אָקופּאַנטן. מענטשן וואָס האָבן פאַרנומען אַן אָנפירנדיקע שטעלונג אין דער אַדמיניסטראַציע און אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זענען נישט אָפּגעטראָטן מיט דער אַרמיי, נאָר געבליבן אויף די ערטער, כדי צוצוגרייטן די מאַסן צו אַ פּאַר־טיזאַנער־מלחמה, צום קאַמף קעגן די אָקופּאַנטן.

אַזאַ, למשל, איז געווען סידאָר קאָוופּאַק. אַ זקן פון אַ יאָר זעכציק, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה אַלס זעלנער אין דער צאַרישער אַרמיי און שפּעטער אין בירגער־קריג אונטער דער קאָמאַנדע פון טשאַפּאַיעוו. און נאָכדעם — אַלס קאָמאַנדיר פון אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד קעגן מאַכנאָ, אין די סטעפּעס פון אוקראַינע, זיין פאָטערלאַנד.

ביים אויסברוך פון דער דייטש־רוסישער מלחמה, איז ער געווען פאָר־זיצער פון שטאָט־סאָוועט אין פּוטיוואָל (צפון־אוקראַינע). ביים דערנענטערן זיך פון די דייטשן, האָט ער אָרגאַניזירט אַ פּאַרטיזאַנער־איינהייט אין הינטערלאַנד און צו דעם צוועק געשאַפן שפּייז־באַזעס אין די אַרומיקע וועלדער. אַז די דייטשישע טאַנקן זענען שוין געשטאַנען פאַרן בנין פון שטאָטישן סאָוועט, האָט קאָוופּאַק אין דער לעצטער מינוט פאַרלאָזט די שטאָט. פיל טעג האָט ער אַליין אַרומגעבלאָנקעט אין וואַלד. עס האָט זיך צו אים אָנגעשלאָסן אַ גרופּע אויסשפּירער פון דער רויטער אַרמיי. עס איז אים אויך געלונגען צו קאָנצענטרירן אַרום זיך אַ גרופּע פּוטיוואָלער פון 28 מענטשן.

קאָוופּאַק האָט אָנגעהויבן מיט קליינע סאַבאָטאַזש־אַקטן און דערמיט צוגעצויגן צו זיך די רויטאַרמייער, וואָס זענען געבליבן שטעקן אין דער סביבה, אָפּגעשניטן דורכן שונא. נאָך דער מלחמה איז זיין נאָמען באַרימט געוואָרן, אַלס קאָמאַנדיר פון די העלדישסטע פּאַרטיזאַנער־איינהייטן. ער איז נאָמינירט געוואָרן אַלס גענעראַל־מאַיאָר און איז דעקאָרירט געוואָרן מיטן העכסטן אָרדן „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד" (צווייפאַך).

אויך סעמיאָן רודנאָוו איז געבליבן אין פּוטיוואָל, כדי צו אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנער אָטריאַד. ער איז געווען אַן אויסגעשולטער מיליטערמאַן און אַלע זיינע יאָרן געדינט אין דער רויטער אַרמיי, ווו ער איז דערגאַנגען צום ראַנג פון אַ רעגימענט־קאָמיסאַר. ביים אויסברוך פון דער מלחמה איז ער

געוועזן דער לייטער פון „אָסאָוויאַכים“ (בירגערלעכע פּאַרט־ידיקונג) אין פּוטיוואַל. בעתן אַריינמאַרש פון די דייטשן איז ער, בראש פון אַ גרופּע פון עטלעכע און צוואַנציק מענטשן, אַוועק אין די וועלדער און זיך אָנגעשלאָסן אין דעם אָטריאַד פון קאָווּפּאַק אַלס קאָמיסאַר. צום סוף איז ער געפאַלן בעת די שלאַכטן אין דער סביבה פון די קאַרפּאַטן. אַלס שטאַב־נאַטשאַלניק איז נאָמינירט געוואָרן דער דירעקטאָר פון דער פאַלקס־שול אין פּוטיוואַל, אָ. באַזימאַ, וועלכער האָט זיך אָנגעשלאָסן צו קאָווּפּאַקן נאָך איידער ער איז אַרויס אין די וועלדער.

אויך אַ. פיאָדאָראָוו, דער סעקרעטאַר פון געגנט קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין טשערניגאָוו, (אוקראַינע), איז ניט אָפּגעטראָטן און איז אַראָפּ אין אונטערגרונט כדי צו לייטן מיט דער אויפשטאַנד־באַוועגונג אין הינטערלאַנד. ניקיטאַ כרושטשעוו, דאַן דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אוקראַינע, האָט דעם פּלאַן באַשטעטיקט און אין דער לעצטער מינוט האָט פיאָדאָראָוו פאַרלאָזן די שטאָט צוזאַמען מיט די איבעריקע מיטגלידער פון געגנט־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין די אַרומיקע וועלדער האָבן זיי רעכט־צייטיק זיך פאַרזאָרגט מיט שפּייז־זאַפּאַסן. די פּאַרטיזאַנער איינהייטן פון פיאָדאָראָוו־טשערניגאָווסקי זענען שפּעטער באַרימט געוואָרן און איר אָרגאַניזאַטאָר איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיטן אָרדן „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד.“

דער אָרגאַניזאַטאָר פון די פּאַרטיזאַנער אין די רודע־דאָמבראָווטשיזנער וועלדער, בולאַט, אַן אָפיציר פון דער רויטער אַרמיי, וואָס איז געבליבן אין אַרומרינגלונג, איז תיכף אַריין אין די וועלדער און אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד.

ער האָט געפונען אַ געטרייען שותף אין בולאַקן, דער אָרגאַניזאַטאָר און קאָמאַנדיר פון אַן אָטריאַד, וואָס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן צו אַ ברייגאַדע אונטערן נאָמען „פּאָביעדאַ“ (נצחון). בולאַק, וואָס איז געוועזן פאָרזיצער פון דאָרף־ראַט אין גרויסן דאָרף אָסטראָווע (דערעטשינער געגנט), איז אַנטלאָפן דורכן פענצטער ווען די דייטשן זענען געקומען אים אַרעסטירן אַלס אַקטיוון קאָמוניסט. ער האָט זיך אַרומגעשלייכט אין די וועלדער, ביז ער האָט זיך געטראָפן מיט בולאַטן, דעם געניטן מיליטערמאַן, און צוזאַמען

האָבן זיי אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד. בולאַק האָט בולאַטן נאָמינירט אַלס שטאַב־נאַטשאַלניק פון זיין אָטריאַד.

דער ייד גילטשיק איז פאַר דער מלחמה געווען לייטער פון „זאַגאָטס־קאָט" (מלוכהשע האַנדלס־געזעלשאַפט פאַר פלייש־ליפערונגען) אין שטעטל קאַפּוליע (מינסקער גובערניע). נאָכן אַנקומען פון די דייטשן, איז ער באַלד אַנטלאָפן אין ראַיאָנוסקער וואַלד און זיך אָנגעשלאָסן אין אַ קליינער רוסי־שער פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון קאָמוניסטישע אַקטיוויסטן. שפּעטער איז ער געוואָרן קאָמאַנדיר פון יידישן אָטריאַד „זשוקאָוו" (בריגאַדע טשאַפּאַיעוו, פאַראייניקונג פון גענעראַל־מאַיאָר קאַפּוסטין).

עס זענען אויך געווען אַ סך יידן, וואָס זענען לכתחילה נישט אַריין אין די געטאָס, נאָר זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער אָדער האָבן זיך אויס־באַהאַלטן ביי באַקאַנטע פּויערים. דאָס זענען מיינסטנס געווען ישובניקעס, וואָס האָבן געוווינט אין דערפער און אויך אַזעלכע יידן, וואָס האָבן פאַר־נומען פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אין דער סאָוועטישער אַדמיניסטראַציע און אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און זיי האָבן גוט געוווּסט וואָס פאַר אַ גורל עס דערוואַרט זיי פון די מערדערישע אָקופּאַנטן

די ברידער טוביה, זוסיע (היינט ביידע אין ישראל) און עשהאל ביעלסקי זענען אַנטלאָפן פון זייער דאָרף סטאַנקעוויטש (ביי נאָוואָגרודעק), און זיך באַהאַלטן אין די וועלדער, אַרומגעוואָגלט פון אָרט צו אָרט, ביז זיי האָבן אָרגאַניזירט זייער באַקאַנטן אָטריאַד.

מאיר בליט (קאָוועל) איז אַוועק מיט 15 מאַן פון געמיינע דאָרטן (קאָוולער ראַיאָן) שוין דעם 28טן יולי 1941, ווען מען איז אים געקומען אַרעסטירן פאַר קאָמוניסטישן אַקטיוויזם, און זיך געשטעלט בראש פון אַ יידישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, ביזן אָנשליסן זיך צום לאַגווינאָוו־אָטריאַד.

יעקב קאָניוכאָווסקי, פון וואָראָנאָווע, איז צוליב די זעלביקע טעמים, באַלד נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן, אַוועק אַרבעטן אַלס סטאָליאַר אין דאָרף מיזאַנצע (נאָטשער פּושטשע), בכדי אין יעדן סכנה־פאַל צו קענען אַריינלויפן גלייך אין וואַלד.

שלמה וואָלקאָוויסקי און זיין שוועסטער, געניע (באַראַנאָוויטש), זענען אַנטלאָפן צוזאַמען מיט דער אָפּטרעטנדיקער רויטער אַרמיי. די דייטשן זענען פאַרלאָפן דעם וועג און זיי זענען געבליבן שטעקן אין מאָהילעווער געגנט.

פון דאַנען האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרטיזאַנעווען אין די וועלדער מיט קליינע רוסישע גרופּעס.

דער יידישער לערער שלום באַס, פון זשעטל, איז געווען איינער פון די ערשטע פאַרטיזאַנער אין דער ליפּיטשאַנער פּושטשע. ער האָט זיך דאָרט

פסח שמש
דער ערשטער יידישער פאַרטיזאַן אין די צומאַנער וועלדער, שפּעטער — אַ קוילנוואַרפלער אין מעדוועדיעווס אָטריאַד (וואָלין)

מאיר בליט (פּסעוודאָ. קוזנעצאָוו)
סטאַרשינאַ פון דער בריגאַדע „אַנישטשענקאָ" (טעטיקייטס־ראַיאָן, קאַמין־קאָשירסקער קרייז, וואָלין)

באַוויזן שוין סוף 1941, ווען קיין פאַרטיזאַנער זענען נאָך בכלל ניט געווען. מיטן אויסברוך פון דייטשיש־סאָוועטישן קריג, נעפינט ער זיך אַלס לייטע־נאַנט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי. בעת איר אָפּטרעטן אויף מזרח

איז ער אַרומגערינגלט געוואָרן מיט זיין אָפּטיילונג דורך די דייטשן און ער איז געבליבן שטעקן אין די וועלדער. ער פיגורירט דאָ אונטערן פוילישן נאָמען ראַדיעצקי, און שפּעטער אַלס גרוזין אין דעם אָטריאַד „וואָראָשילאָוו" (אומגעבראַכט געוואָרן אַלס שפּיאָן דורך דעם אָטריאַד־קאָמאַנדיר פּעטיאַ מאַקאַראָוו, ווען באַס האָט געוואָלט אַריבערגיין אין דעם ניי־געשאַפענעם קאַפּלינסקיס יידישן אָטריאַד). ער האָט פיל מיטגעווירקט צו דער אָרגאַניזאַציע פון אויבנדערמאָנטן רוסישן אָטריאַד.

פסח שמש איז געווען דער ערשטער פּאַרטיזאַן אין די צומאַנער וועלדער (וואָלין). סוף אָקטאָבער 1941 איז ער ביי בריאַנסק אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט, אַנטלויפט פון דאָרט און פאַרמאַסקירט אַלס אוקראַינער קערט ער זיך צוריק אום קיין זאָפּיווקע, ווו ער האָט קרובים. ער גייט אַרויס אין די וועלדער און פאַרטיזאַנעוועט מיטן אוקראַינער אַלעקס פיליוק. מיטן אָנקומען פון מעדוועדיעווס אָטריאַד, שליסט ער זיך אין אים אָן אַלס קוילנוואַרפלער און שפּעטער — אַלס אויסשפּירער, ביז דער באַפרייונג (היינט־צו־טאָג אין ישראל).

אַ געוויסן אויפשוונג האָט די פּאַרטיזאַנקע באַקומען אין די חדשים מערץ־אַפּריל 1942, ווען אין די וועלדער האָבן אָנגעהויבן לויפן טויזנטער סאָוועטישע זעלנערס, וועלכע האָבן באַוויזן אויסצומיידן דייטשישע געפאַנגענשאַפט, און זיך איינגעאָרדנט אַלס אַרבעטער ביי די פויערים, ס'רוב פאַר אַ טרוקן שטיקל ברויט. די פויערים זענען געווען צופרידן פון די דאָזיקע אַרבעטסזאַמע „קנעכט" און די דייטשן האָבן טאָלערירט, צוליב טעמים פון פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער, די דאָזיקע לאַגע. אין די דאָזיקע חדשים פון 1942, האָט די דייטשישע מאַכט פלוצים אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז אַלע סאָוועטישע בירגער פון די מזרח־געביטן און געוועזענע זעלנער פון דער רויטער אַרמיי, מוזן זיך מעלדן אין די „ראַיאָן־צענטערס", בכדי צו באַקומען דאָקומענטן.

די נאַיווע, וועלכע האָבן אין דעם געגלויבט און געמאָלדן זיך, זענען תיכף אָפּגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אויף צוואַנגס־אַרבעט און זענען אינטערנירט געוואָרן. די פאָרזיכטיקערע האָבן אָפּגעוואַרט און צעלאָפן זיך אין די וועלדער.

אין יענער צייט זענען אויך געקומען צולויפן אין די וועלדער יידן,

וועלכע האָבן באַוויזן זיך צו ראַטעווען פון די שחיטות, וואָס האָבן אין דער ערשטער העלפט פון 1942 אַרומגעכאַפּט אַלע שטעט און שטעטלעך פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַיִנע.

די ערשטע טעג פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג זענען געווען שווערע און ביטערע. די באַפעלקערונג האָט נאָך פעסט געגלויבט אין נצחון פון די דייטשן, וואָס זענען אַלץ טיפער אַריינגעדרונגען אינעם רוסישן שטח. די ידיעות פון די פראָנטן האָבן נישט געקענט דערמוטיקן די קליינע צאָל פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער. די דייטשן האָבן נאָך געוואַגט צו קומען אין די דערפער נעבן און אין די וועלדער. ביי דער שטימונג, וואָס האָט דאַמאָלט געהערשט צווישן די פּויערים, האָט געלויערט די סכנה פון פאַראַט מצד יענע, וואָס זענען באַוואָלהט געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער (ביים רעקווירירן שפּייז־פּראָדוקטן).

אַפילו אין קאָוופּאַקס אָטריאַד, וואָס איז זיינע רייען האָבן זיך געפונען אָפּגעקליבענע מענטשן (צווישן זיי, אַזוינע וואָס האָבן זיך באַטייליקט אינעם בירגער־קריג נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה), האָט זיך אייך געפילט אַ פאַרלאָרנקייט און צעטומלעניש. כדי צו איבערצייגן די סאָלדאַטן, אַז דער „טייוול איז נישט אַזוי שרעקלעך", פלעגן דער קאָמאַנדיר און דער קאָמיסאַר — קאָוופּאַק און רודנאָוו — אַליין גיין אויספירן סאַבאָטאַזש־אַקטן.

איז נישט קיין וואונדער, וואָס די פּאַרטיזאַנער האָבן געמוזט זיין אויסער־געוויינלעך וואַכזאַם און פאָרזיכטיק. זיי פלעגן שלאָפן אין די מלבושים מיטן געווער נעבן זיך, תמיד גרייט אויף אַן אַלאַרם און איבערפאַל. זיי האָבן נאָך נישט געוואַגט צו אונטערנעמען ערנסטע אָפּעראַציעס מיט דעם קליינעם קוואַנטום פעלערהאַפטן וואָפן, וואָס זיי האָבן געהאַט. זיי האָבן זיך נישט דערווייטערט פון זייערע באַזעס אין די זומפּיקע ערטער אין די וועלדער. די הויפּט־זאָרג איז געווען דאָס שאַפן שפּייז אין דער נאָענטער סביבה, זיך אָפּצוהיטן און וואַרטן וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט ברענגען.

אין ווינטער 1942—1941 פלעגן פּאַרטיזאַנער פאַרלאָזן זייערע באַזעס בלויז אין נעכט פון שניי־זאַווערוכעס, ווען דער שניי האָט פאַרשאָטן די שפּורן פון זייערע טריט. צוריקגייענדיק האָבן זיי אָנגעווענדט פאַרשידענע פּרימיטיווע מיטלען כדי צו פאַרווישן זייערע שפּורן. קליינע פּאַרטיזאַנער־גרופּן זענען געלעגן אין בונקערס, וועמענס אַריינגאַנג איז געווען גוט פאַר־

משה קאַגאַנאָוויטש

מאַסקירט און האָבן זיי וואָכנלאַנג נישט פאַרלאָזט, ביז זיי האָבן זיך געמוזט פאַרזאָרגן מיט שפּייז.

דער כסדרדיקער וווּקס פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג און די הילף, וואָס זי האָט באַקומען פון דער סאָוועטישער מאַכט אין אָרגאַניזאַציע, וואָפן און אַמוניציע, האָט אינגאַנצן געענדערט די לאַגע און רייף געמאַכט די באַוועגונג צו גרויסע פאַרבעסערונגען. די קאַמפּס־רייען זענען פון טאָג צו טאָג געוואַקסן. פון אַ באַוועגונג פון יחידים איז די פּאַרטיזאַנקע אויסגעוואַקסן צו אַ קאָלאָסאַלער פאָלקס־באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגענומען צענדליקער און הונדערטער טויזנטער. די דייטשן, וואָס האָבן אין אָנהויב נישט געלייגט קיין גרויס אַכט אויף די קליינע באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער־גרופּן, וואָס האָבן זיך אַרומגעשלייכט אין די וועלדער, האָבן מיט שרעק געזען ווי עס האָט זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן טיף אין זייער הינטערלאַנד אַ מעכטיקע רעוואָלט־באַוועגונג און שפּעטער האָבן זיי טאַקע אָנגעהויבן אָננעמען קעגן איר שאַרפע מיטלען.

קאַפּיטל פּ״ד

די צוויי פאַזעס אין דער פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג

די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנקע ווערט לויט איר אַנטוויקלונג, פאַרנעם, באַוואָפענונג, אָרגאַניזאַציע, קעמפער־קאַדרען און קאַמפּס־היקף, איינגעטיילט אין צוויי פאַזעס:

די ערשטע פאַזע נעמט אַרום די צווייטע העלפט פון יאָר 1941 און כמעט דאָס גאַנצע יאָר 1942.

די צווייטע פאַזע כאַפּט אַרום די יאָרן 1943—1944, ביז דער באַפרייונג דורך דער רויטער אַרמיי.

דאָס, וואָס עס כאַראַקטעריזירט די פּאַרטיזאַנקע אין דער ערשטער תקופה, איז:

1) די באַגרענעצטע צאָל קעמפערס. די קאַדרען נעמען אַרום:

א) די איבערגעבליבענע פון דער אַרומרינגלונג אין די וועלדער, נאָכן גרויסן צוריקטריט פון דער רויטער אַרמיי אין די חדשים יוני—יולי 1941.

ב) דעם פּאַרטייאיש־סאָוועטישן אַקטיוו פון דער אָרטיקער באַפעל־קערונג.

ג) די געוועזענע רויטאַרמייערס, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי די פּויערים און זענען שפּעטער געווען באַדראָעט אינטערנירט און אַרויסגעשיקט צו ווערן קיין דייטשלאַנד.

ד) די יידן, וועלכע זענען געלאָפן פון די שחיטות אין די שטעט און שטעטלעך.

2) די שוואַכע באַוואָפענונג און מיליטערישע אויסריכטונג. עס האָט זיך געפילט אַ גוואַלדיקער מאַנגל אין געווער און אַמוניציע. געווען גרופּעס און אָטריאַדן, וועלכע האָבן געהאַט געווער נאָר פאַר אַ טייל פון זייערע מיטגלידער. דאָס געווער איז געווען שלעכט און פּרימיטיוו. דאָ האָט מען געזען דעם לאַנגן פראַנצויזישן ביקס, צו־גלייך מיט דער פּוילישער „קאַראַבינע", אַ רוסישע „ווינטאָווקע" און אַ קורצע „אָטרעזאַנקע" (אַ ביקס מיט אַן אָפּגעשניטענער לופע, וועלכע פלעגט שיסן אויף אַ קורצן שטח און ניט אין ציל).

אין פיל פאַלן פלעגן די ביקסן זיין קאָמבינירטע, צוזאַמענגעשטעלטע פון צוגעקליבענע טיילן מיט אַ דערמאַכטער „לאָזע" (הילצערנער טייל פון ביקס), וועלכע פלעגט ניט אַלע מאָל שיסן, ווען און וווהין מען האָט געוואָלט, אָבער מיט וועלכער מען האָט געקענט אָנוואַרפן אַ מורא אויף די פויערים און שאַפן די לעגענדע, אַז די פּאַרטיזאַנער זענען באַוואָפנט. דאָס אידעאַלע געווער פון די פּאַרטיזאַנער — דער רעוואָלווער און דער אויטאָמאַט — זענען כמעט ווי אינגאַנצן ניט געווען בנמצא. קוילן זענען געווען ווייניק און עס פלעגט יעדן צוגעטיילט ווערן אַ באַגרענעצטע צאָל. אָפט פלעגט מען מוזן איבערייסן אַ קאַמף אָדער אָפּזאָגן זיך פון אַ געפּלאַנטער קאַמפּס־אָפּע־ראַציע צוליבן מאַנגל אין קוילן.

אין דעם פּעריאָד איז דער וויכטיקסטער באַוואָפענונג־מקור — דאָס אָפּגענומענע געווער ביי די וואַלד־וועכטערס און פויערים.

די פּאַרטיזאַנער געפינען שוין די מעטאָדן, ווי אַרויסצובאַקומען ביי די פויערים דאָס פאַרבאַהאַלטענע געווער, וועלכע זיי האָבן אין גרויסע קוואַנטומס צונויפגעזאַמלט נאָכן פאַנישן אַנטלויפן פון דער רויטער אַרמיי.

בעת די נאַכט־אָנפאַלן אויף די קליינע דייטשישע פּאָליצײ־גאַרניזאָנען אין די דערפער, פלעגן אַ טייל פּאַרטיזאַנער זיין באַוואָפנט מיט שטעקנס, וועלכע האָבן געהאַט דאָס אויסזען פון ביקסן און דאָ פלעגט דער הילכיקער „הוראַ"! און „וופּיעריאָד"! (פאָרויס)־געשריי אָנוואַרפן מער מורא, ווי דער רעש פון די אַרויסגעשאָסענע קוילן.

מעדוויעדיעוו דערציילט, ווי אַזוי, נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, האָט ער באַשלאָסן נישט אָפּצוואַרטן ביז דער דייטשישער באַטאַליאָן וועט

אים איבערפאַלן, נאָר אָנצוגרייפן דעם שונא אומגעריכט (דער קאַמף אין דאָרף קאַראַטשין, ביי דער אייזנבאַן־ליניע ראָוונע־סאַרנע):

„די פאַשיסטן האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך אויסצולאָדן פון די וואַגאָנעס, ווי מיין אָטריאַד האָט זיי אומגעריכט באַפאַלן מיט אַ „הוראַ״־געשריי. דער הילכיקער שטאַרקער „הוראַ״ האָט אַרויסגערופן ביי זיי אַ פּחד און פּאַניק. די שלאַכט איז געווען אַ דעצידירנדיקע. די דייטשן האָבן זיך אין גרויס בהלה צוריקגעצויגן.״

(מעדוועדיעוו „גייסטיקע טיטאַנען״ — ז׳ 169).

3) עס איז ניט געווען קיין צענטראַליזירטע אָנפירונג און פאַרבינדונג מיט מאָסקווע. יעדע גרופּע אָדער אָטריאַד האָט געאַרבעט אויפן אייגענעם חשבון. פון צייט צו צייט פלעגן נאָענט־שטייענדיקע גרופּעס זיך צוזאַמענרעדן, בכדי אונטערצונעמען אַ געמיינזאַמען אָנפאַל אויף אַ קליינעם גאַרניזאָן אָדער אַנדערע קאַמפּס־אָפּעראַציעס. עס זענען ניט געווען קיין בריגאַדעס און „סאָיעדיניעניעס״ (פאַרטיזאַנער־פאַראייניקונגען, וועלכע פלעגן אַרומנעמען אַ גרעסערע צאָל בריגאַדעס). עס זענען נאָך ניט געווען די באַפּולמעכטיקטע פון דער סאָוועטן־רעגירונג און קאָמוניסטישער פּאַרטיי, בכדי אָנצופירן מיט דער באַוועגונג. עס איז נאָר געווען אַ שוואַכע פאַרבינדונג מיט דער סאָוועטישער רעגירונג, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין אַדורכגיין אומבאַמערקט די פראָנט־ליניע און קומען צוריק מיט אינסטרוקציעס. זעלטן ווו עס איז געווען אַ ראַדיאָ־אויפנעם־סטאַנציע. קיין אָפּגעב־סטאַנציעס, דורך וועלכע מען זאָל קענען אינפאָרמירן און אינפאָרמירט ווערן, זענען ניט געווען. עס זענען נאָך ניט געקומען פון יענער זייט פראָנט־ליניע די ספּעציעלע דיווערסיע־גרופּעס און די באַוועגונג איז נאָך מיט גאָרניט באַזאָרגט געוואָרן דורך מאָסקווע. אַלץ קומט פון אייגענער איניציאַטיוו, פון מענטשן פונעם מיליטערישן קאָמאַנדירנדיקן פּערסאָנאַל פון דער רויטער אַרמיי אָדער פון פּאַרטיי און קאָמסאָמאָל־איניציאַטיוו, וועלכע זענען זיכער, אַז די באַוועגונג וועט זיך פאַנאַנדערוואַקסן, און אַז מאָסקווע וועט, פריִער צי שפּעטער, איילן מיט הילף צו די קעמפערס אין טיפן הינטערלאַנד פון שונא.

4) דער קאַמפּס־פּאַרנעם פון די אָפּעראַציעס קעגן שונא איז אַ באַגרענעצטער. אין אָנהייב באַגנוגנט מען זיך מיט אויסבאַהאַלטן דאָס אייגענע

נאַקעטע לעבן און זיך פאַרזאָרגן מיט שפּייז ביי די פּויערים. שפּעטער הויבט מען אָן ברענען די הויפן, וועלכע שטייען אַלע אונטער דייטשישן קאָנטראָל און דינען זיי, ווי צושטעלערס פון שפּייז פאַרן פראָנט און דייטשלאַנד, ווי בכלל אַלע אונטערנעמונגען, וועלכע ברענגען נוצן דער דייטשישער קריגס־ווירטשאַפט, (טאַרטאַקן, סמאָלע־פאַבריקן, מעלקערייען אאַ״וו) און זענען דורך זיי דאַן ניט געהיט אָדער שוואַך באַוואַכט געוואָרן.

מען מאַכט שוין לויערונגען קעגן קליינע גרופּעס דייטשן און פּאָליציי־לייט און מען באַוואָפנט זיך אויף זייער חשבון. מען פּאַלט אָן פּלוצים ביינאַכט אויף די קליינע גאַרניזאָנען אין די דערפער, מען צעשיסט די, וועלכע באַווייזן זיך ניט צו ראַטעווען, און מען פאַרטרייבט די איבעריקע אין די שטעט.

אַזוי אַרום זענען אַלץ מער אָפּגערייניקט געוואָרן געגנטן און שטחים פון די פיינטלעכע כוחות און זיי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאַרטי־זאַנער־זאָנעס, וועלכע אַ דייטשער פוס האָט נישט געוואַגט אַריבערצוטרעטן.

די דייטשן היטן נאָך בכלל ניט די אייזנבאַן־ליניעס און עס זענען דאָ גרויסע מעגלעכקייטן, אָן ריזיקע, צוצוגיין און מינירן זיי, אָבער עס פילט זיך אַ גוואַלטיקער מאַנגל אין דינאַמיט און אויפרייס־מאַטעריאַלן (טאָל) און די אַרבעט קעגן די קאָמוניקאַציע־ליניעס איז צוליב דעם אַ באַגרענעצטע.

צו דעם צוועק האָט מען אָנגעהויבן זיך באַנוצן מיט האַרמאַט־סנאַריאַדן און מיט ניט אויפגעריסענע עראָפּלאַן־באָמבעס, וואָס זענען געפונען געוואָרן נאָך די פאַרגעקומענע קאַמפן. נאָכן אַרויסנעמען פאַרזיכטיק די „קאַפּסולן", פלעגט מען אַרויסשיטן דעם אויפרייס־מאַטעריאַל פון סנאַריאַד אָדער באָמבע און צוגרייטן פון דעם מינעס פאַר דיווערסיע און סאַבאָטאַזש־אַקטן קעגן די קאָמוניקאַציע־ליניעס פון שונא (אייזנבאַן, שאָסייען אאַ״וו). מען האָט גע־דאַרפט זיין זייער פאַרזיכטיק ביי דער דאָזיקער סכנותפולער אַרבעט. ניט איין אומגליקס־פאַל איז געשען ביים אַרויסנעמען און אַריבערפירן די אויפרייס־מאַטעריאַל פון די סנאַריאַדן און די מינעס. ביז רוסלאַנד האָט אָנגעהויבן צושטעלן מיט אַ ברייטער האַנט מאָדערנע מינעס, האָט מען זיך באַנוצט מיט פאַרשידענע פרימיטיווע מינעס פון זעלבסט־פּראָדוקציע.

אין דער צווייטער העלפט פון 1942, פירן שוין דורך די פּאַרטיזאַנער

אָנפאַלן אויף די גרעסערע דייטשישע גאַרניזאָנען און ראַיאָן־צענטערס מיט גרויס דערפאָלג.

עס קומען דאַן אויף די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס ד״ה גאַנצע ראַיאָנען, וועלכע זענען באַהערשט דורך די פּאַרטיזאַנער, געפינען זיך אונטער זייער ממשלה און באַוועגן זיך דאָרט פריי און אומגעשטערט בייטאָג און ביינאַכט (מחוץ די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס באַוועגט מען זיך אויסשליסלעך אונטערן מאַנטל פון דער נאַכט פינצטערניש).

די דייטשן ציִען זיך צוריק אין די ראַיאָן־צענטערס (שטעט און שטעטלעך) ווו עס קאָנצענטרירן זיך אַלע פּאָליציסטן און דייטשן פון די צעטריבענע דאָרפישע פּאָליציי־פּאָסטנס, פאַרגראָבן און פאַרפעסטיקן זיך אין „דאָטן״ (בעטאָנירטע פייער־פונקטן), „דזאָטן״ (געוויינלעכע ערד פייער־פונקטן) און בונקערס, אַרומגעצוימטע מיט שטעכיקן דראָט, געמויערטע ווענט אאַ״וו, בכדי צו זיין צוגעגרייט קעגן אַן אָנפאַל פון די פּאַרטיזאַנער אויפן ראַיאָן־צענטער. עס פאַלט אַרויף אויף זיי אַ שרעק און זיי האָבן מורא אַרויסצורוקן די נאָז.

עס קומט די רומפולע פאַזע פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. מיט יעדן טאָג קומען אָן אַלץ נייע מענטשן. די פושטשעס און וועלדער ווערן פול מיט קעמפערס. פון אַלע דייטשישע אַרבעטס־לאַגערן, פון די געפאַנגענשאַפטס־לאַגערן, פון אַלע שטעט, ווו די דייטשן האָבן קאָנצענטרירט די עוואַקוירטע פון די חרובע און בייפראָנט־געביטן, קומען אָן טאָג־טעגלעך גרופּעס און יחידים.

עס דאָמינירן די געפאַנגענע, וועלכע ווערן מאַסנווייז אָן רחמנות געפייניקט, אויסגעהונגערט און צעשאָסן פון די דייטשן. עס העלפן נישט די פאַרשטאַרקטע וואַכן, דאָס האַלטן אונטער שטאַכל־דראָט, די רעפּרעסיעס און די מאַסן־עקזעקוציעס. מען לויפט אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער ראַטעווען זיך, קעמפן קעגן מערדער־פאָלק, נקמה נעמען פאַר אַלץ און אַלעמען.

מען לויפט פון אינטערנירונגס־לאַגערן פאַר געפאַנגענע, פון די אַר־בעטס־לאַגערן פאַר די אַרויסגעפירטע אויף צוואַנגס־אַרבעט. מען לויפט לויט די שטערן, לויטן „גרויסן בער״, לויט די זון־שטראַלן, לויט עצות פון גוטע פויערים אין די דערפער, אין וועלכע מען כאַפּט זיך אַריין פאָרזיכטיק

שטילן דעם הונגער. פאַרויס, פאָרויס צו מזרח, ווו עס געפינען זיך באַ־וואָפנטע פאַרטיזאַנער־אַרמייען.

די פאַרטיזאַנער שיקן שליחים און פויערים א. ג. „לעגאַלשטשיקעס", וועלכע גיבן איבער בריוו, פאַרזלן און רופן אין וואַלד אַריין צום קאַמף.

מען פאַרבינדט זיך מיט איינצלנע פון דער פּאָליציי, וועלכע שיקן איבער פאַרטרויליכע ידיעות וועגן דייטשישע פּלענער קעגן די פאַרטיזאַ־נער, וועגן צוגעגרייטע אָבלאַוועס א. א. וו. די פאַרטיזאַנער וויסן שוין, וואָס זיי האָבן צו טאָן. אָבלאַוועס טרעפן זיי צוגעגרייט. די דייטשן זענען פאַרקערט גאָרנישט צוגעגרייט צו לויערונגען, וועלכע וואַרטן זיי אָפּ אויף די געהעריקע ערטער און פאַרניכטן זיי. אין רעזולטאַט פון די פאַרבינדונגען און וואַקסנדיקן כוח פון די פאַרטיזאַנער קומען צולויפן מיט זייער געווער יחידים און קליינע גרופּעס פּאָליציסטן (ווייס־רוסן, פּאָליאַקן, אוקראַינער) פון די דייטשישע גאַרניזאָנען.

דער דייטש האָט אָרגאַניזירט אַ גאַנצע אַרמיי פון פרייוויליקע, די אַזוי גערופענע „ר. אָ. אַ." („רוסקאַיאַ אָסוואָבאָדיטעלנאַיאַ אַרמיאַ" — רוסישע פרייהייטס־אַרמיי), אָדער ווי זי איז געווען פּאָפּולער אונטערן נאָ־מען פון איר אָרגאַניזאַטאָר, דעם סאָוועטישן פאַרעטער גענעראַל וולאַסאָוו — „וולאַסאָווצעס". די אַרמיי האָט זיך רעקרוטירט פון קריגס־געפאַנגענע. פיל פון זיי טוען אָן די דייטשישע אוניפאָרם, בכדי זיך צו ראַטעווען פון אַ קויל אָדער וואָס נאָך ערגער — פון הונגער־טויט. די דייטשן נוצן זיי אויס אויף צו האַלטן אָרדענונג, היטן אייזנבאַן־בריקן, האַלטן וואַך ביי די געביי־דעס פון עפנטלעכן דינסט און מלוכהשע אַמטן. זיי ווערן דורך די דייטשן גוט באַשפּייזט, מען באַזאָרגט זיי מיט אַלעס נויטיקן און מען זאָגט זיי צו אַ זעלבסטשטענדיקע רוסישע מלוכה, פריי פון באָלשעוויסטישן און ייִדישן „יאָך", אָן קאָלכאָזן און קאָמוניזם.

פיל פון זיי ווערן אַנטעלאָקט פון די צוזאָגן. די דייטשע דעקלאַראַציעס און הבטחות וועגן באַזייטיקן דעם ייִדיש־קאָמוניסטישן רעזשים („זשידאָ־קאָמונאַ") און די קאָלעקטיווע ווירטשאַפט („קאָלכאָזן"), שמייכלען צו די קריגס־געפאַנגענע, מייסטנס פויערים, וואָס זענען פיינטלעך איינגעשטעלט צום „קאָלכאָז"־סיסטעם, די דייטשע פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע זריעה פאַלט דאָ אויף אַ פרוכטבאַרן באָדן.

די דייטשן האָבן זיי געגעבן פולע פרייהייט צו רויבן די אָרטיקע באַ־פעלקערונג, צו מאָרדן און רויבן אומגעשטערט די ייִדן און זיי האָבן געטריי אויסגעפּילט זייער שליחות. דערלעבט אַזאַ נקמה פון דער „זשידאָ־קאָמונע״, וועלכע האָט חרוב געמאַכט זייער פּאַטערלאַנד...

אָבער די מלחמה פּאַרציט זיך, מען רעדט שטאַרק, אַז די דייטשישע מענטשן־רעזערוון שעפּן זיך אויס און אַז זיי, די „וואָלאָסאָוצעס״, וועלן געשיקט ווערן צו די פראָנטן. דער טרויס וועגן אַ גיכן אַריינמאַרש אין מאָס־קווע, לענינגראַד, איז שוין לאַנג צערונען. פּאַרקערט, די סאָוועטן האַלטן נישט נאָר איין דעם פּאָרויסמאַרש, נאָר גיבן שטאַרקע קלעפּ, צערייבן און פּאַרניכטן די „קאַדער״־טיילן פון דער דייטשישער אַרמיי און טרייבן זי צוריק.

די פריער האָפערדיקע דייטשן לייגן אָפּ זייער ענדגילטיקן זיג איבער רוסלאַנד פון דער ווינטער־אָפענסיווע אויף זומער און פון זומער אויף האַרבסט. אַלע רעדן, אַז דער דייטש מוז און וועט מיאוס פּאַרשפּילן די מלחמה.

עס וועט דאַן אויסקומען זיך אָפּצורעכענען מיט דער שווער שטראָפּנ־דיקע האַנט פון דער סאָוועטישער יוסטיץ פאַרן פּאַראַט קעגן אייגענעם ברו־דער, קעגן אייגענעם לאַנד. די פּאַרטיזאַנישע בריוועלעך און געדרוקטע פלוג־בלעטער, וועלכע זיי באַקומען, דערמאָנען און וואָרענען:

„קומט צו אונדז מיט דעם דייטש־אָנפּאַרטרויטן געווער, דערמאָרדעט די דייטשן, פירט דורך אַ דיווערסיע פון אָביעקט, וועלכן איר היט! דערפילט אייער חוב צום פּאַטערלאַנד! קויפט אויס אייער גרויסן חטא. כל זמן עס איז נאָך נישט שפּעט, דורך קאַמף אין די פּאַרטיזאַנישע רייען. עס וועט אייך דאַן אַלץ זיין פּאַרגעבן. גיט זיך אָפּ אַ רעכענונג, אַז נאָכן זיכערן און שנעלן נצחון וועט איר נישט האָבן וווהין צו לויפן! פאַר די דייטשן אַליין וועט אין דייטשלאַנד קיין אָרט נישט זיין!״

און דאָ קומען אָן די ידיעות פון אַלע זייטן וועגן דעם ריזיקן פונאַנדער־וווקס פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג און די געלונגענע שטיקלעך אַרבעט קעגן די דייטשן. זיי אַליין זען ווי אויף דעם דייטש, ציטערט די הויט, ווי נאָר ער דאַרף אַרויסרוקן די נאָז, אָדער ער דערהערט בלויז דאָס וואָרט — פּאַרטיזאַן.

און אַזוי ווי די שאַנסן צו פּאַרבלייבן אַלס זיגערס און הערשערס אין

רוסלאַנד און אוקראַינע ווערן אַלץ נישטיקער און עס ווערט פון טאָג צו טאָג וואַרשיינלעכער דער אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי קיין בערלין, באַשליסן זיי אַוועקצוגיין אין דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע, אויסצוקויפן זייער גרויסן חטא קעגן פאָטערלאַנד.

בכדי צו קומען מיט אַן „אַקטיוו", ווי העלדן, דערהרגעט מען אָפט די געציילטע דייטשן, מיט וועלכע מען איז צוזאַמען, מען פירט דורך אַ דיווער־סיע־אַקט און מיט געווער אין די הענט קומט מען אין די וועלדער, ווו מען ווערט וואַרעם אויפגענומען.

אַזוי אַנטלויפן צום אָטריאַד „איסקראַ" (לידער ראַיאָן) פיר אוקראַינער, וועלכע היטן אָפּ די אייזנבאַן־בריק ביי לידע, נאָך דעם ווי זיי האָבן אויס־געקוילעט פינף שלאָפנדיקע דייטשן, וועלכע זענען מיט זיי געווען אויפן פּונקט לאָדן אויף דאָס גאַנצע געווער אויף אַ פריַער צוגעגרייטער פור און קומען שוין מיט אַ קאַמפּס־אַקטיוו אויף זייער חשבון אין אָטריאַד אַריין.

פופצן רוסישע אַרבעטערס פון די עוואַקויִרטע פון די בייפראַנט־שטחים פון סמאָלענסק און וויאַזמע, וועלכע אַרבעטן אין דער לידער עלעק־טראָ־סטאַנציע, מינירן דעם מאַשינען־זאַל מיט אַ באַקומענער מינע פון דערמאָנטן אָטריאַד און אַנטלויפן צו זיי.

מער ווי הונדערט אוקראַינער פון גאַרניזאָן, וועלכער האָט סטאַציאָנירט אין שטעטל איוויע (ראַיאָן־שטעטל נישט ווייט פון נאַליבאָקער פּושטשע) און איז געוואָרן אויסגענוצט אויף צו קעמפן מיט די פּאַרטיזאַנער, אַנטלויפן נאָך אַ פאַרשטענדיקונג צום אָטריאַד „אַלעקסאַנדער ניעווסקי" (נאַליבאָקער פּושטשעס).

עס ווערן געשאַפן פאַרבינדונגען דורך ספּעציעלע שליחים מיט אַלע גאַרניזאָנען און פּונקטן, ווו עס געפינען זיך רוסישע געפאַנגענע, וועלכע זענען אַריבער אין דייטשן דינסט און זיי ווערן אַגיטירט צו ריכטן, דאָס דורכן דייטש אָנפאַרטרויטע געווער קעגן אָקופּאַנט. גרויסע טיילן, אָפטמאָל גאַנצע גאַרניזאָנען (אַ חוץ די פּרינציפּיעלע פאַרביסענע קעגנערס פון באָל־שעוויזם), ווערן אין פינצטערע נעכט פאַרשוואונדן. די דייטשן קענען שוין נישט זיין זיכער מיט זיי בעת אַן אָבלאַווע־אַרויספאָר אויף די פּאַרטיזאַנער. מען הערט זיי אויף צו פאַרטרויען דאָס געווער און עס ווערט פאַרשטאַרקט די השגחה איבער זיי.

זיינער צייט האָט אַרויסגערופן גרויס אויפזען די ידיעה וועגן אַריבער־גאַנג פון גענעראַל ראַדיאָנאָוו מיט זיין גאַנצער, גלענצנדיק־באַוואָפנטער אַרמיי צו די פּאַרטיזאַנער.

ראַדיאָנאָוו, פון ראַנג אַ מאַיאָר פון דער רויטער אַרמיי, איז בעת דעם גרויסן צוריקטריט (יוני 1941) אַריינגעפאַלן ביי מינסק אין אַרומרינגלונג און ער האָט זיך פריייוויליק איבערגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט, צוזאַמען מיט זיין גאַנצער דיוויזיע צו די דייטשן. די דייטשן האָבן אים אָנפאַרטרויט די ווייטערדיקע אָנפירונג איבער דער דיוויזיע און געגעבן אים דעם ראַנג גענעראַל. ראַדיאָנאָוו האָט זיינע גאַרניזאָנען צעשטעלט אין די שטעט און שטעטלעך פון מאָלאָדעטשנער ראַיאָן (דאָקשיץ, גלובאָקע, דאָלהינאָוו א. א. וו.) און פון דאָרט אויס אָנגעהויבן אָנצוגרייפן די פּאַרטיזאַנער, אין קעגנזאַץ צו די דייטשן, וועלכע האָבן מורא געהאַט פאַר די וועלדער, פלעגן זיינע רוסישע סאָלדאַטן קריכן אין די וועלדער און בלאָטעס און פאַרשאַפן די פּאַרטיזאַנער גרויסע פאַרלוסטן.

ער האָט אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן צו בלאָקירן דעם מינסקער ראַיאָן, אָנהויבנדיק פון די שטעטלעך מאָלאָדעטשנאָ, ויליאַ האָט ער געטריבן די פּאַרטיזאַנער צום טייך בערעזינא, וווּ ער האָט זיי געוואָלט אַרומרינגלען און פאַרניכטן. צוליב דעם איבערגעוויכט פון ראַדיאָנאָווס כוח זענען די פּאַרטיזאַנער געווען געצווונגען אָפּצוטרעטן צו דער בערעזינא.

ראַדיאָנאָוו איז דאַן אַוועק אין דער ריכטונג דאָקשיץ־קרולעווטשיזנע־דאָלהינאָוו־פּאָלאָצק, וווּ עס זענען געשטאַנען פּערצן בריגאַדעס, וועלכע פלעגן אָנפאַלן אויף דער ליניע מאָלאָדעטשנאָ־פּאָלאָצק. ראַדיאָנאָווס ציל איז געווען צו דערגרייכן דעם ראַיאָן, וווּ עס איז געשטאַנען די באַרימטע בריגאַדע פון זשעלעזניאַק, וועלכע האָט ביי וויעליקאָיע־סיעלאָ געהאַט אַן אַעראָדראָם.

פּלוצים האָט ער דורך אַ בריוו געמאָלדן זשעלעזניאַקן, אַז ער וויל מיט זיין גרויסער אַרמיי, געווער און אַמוניציע, איבערגיין צו די פּאַרטיזאַנער און קעמפן האַנט ביי האַנט קעגן פריערדיקן דייטשישן פאַרבינדעטן.

נאָך אַ פאַרשטענדיקונג מיט מאָסקווע איז דער פאָרשלאַג אָנגענומען געוואָרן. דערביי איז אים געשטעלט געוואָרן אַ פאַרבאַדינג, אַז ער זאָל צעקלאַפּן די דריי דייטשישע גאַרניזאָנען אין דאָקשיץ, דאָלהינאָוו און קרולעוויש־

טשיזנע. נאָכן אויספילן די אויפגאַבע מיט גרויס דערפאָלג (אויסגעהרגעט די דייטשן, צוגענומען ריזיקע טראָפייען) — איז ער דורך די פּאַרטיזאַנער אויפגענומען געוואָרן.

ער איז אַריבער מיט אַן אַרמיי פון 8.000 מאַן, גלענצנדיק באַוואָפנט דורך די דייטשן מיט קליינע טאַנקען, פּאַנצער־מאַשינעס און לייכטער אַר־טילעריע, געפירט דורך פערד.

די דייטשן האָבן אָפּגעצויגן מיליטערישע כוחות פון פראָנט און זיי געוואָרפן אויף אים. גענעראַל וולאַסאָוו האָט אָנגעהויבן קעגן אים צו קעמ־פן פאַרביטערט. ראַדיאָנאָוו האָט כסדר געשטורעמט די דייטשישע גאַרני־זאָנען אין פלעשניצער און מינסקער ראַיאָנען. בכדי צו פאַרגרעסערן זיינע קעמפער־קאַדרען, האָט ער דורכגעפירט אין די דערפער צוואַנגס־מאָבי־ליזאַציע פון דער אָרטיקער פויערישער באַפעלקערונג.

ראַדיאָנאָוו האָט, לויט אַ ווערסיע, מאָטיווירט זיין איבערגעבן זיך די דייטשן און מיטאַרבעט מיט זיי מיט זיין ווילן צו באַוואָפענען זיך אויפן דייטשישן חשבון, בכדי שפעטער צו קענען קעמפן קעגן זיי.

ער איז געפאַלן העלדיש, זעקס וואָכן פאַר דער באַפרייונג, ווען זיינע אָטריאַדן זענען דורך די דייטשן בלאָקירט געוואָרן ביי דער בערעזינאַ (פּאָלאָצק) און צעקלאַפּט געוואָרן. בעת יענער בלאָקאַדע איז אויך אומגע־קומען זשעליעזניאַק, וועמענס אָטריאַדן זענען נישט ווייט פון דער פראָנט־ליניע געוואָרן אין קלעם דורך ריזיקע דייטשישע אָפּטרעטנדיקע כוחות פוןביידע זייטן און זענען צעשמעטערט געוואָרן.

ענדע 1943 ווערט לויט אַ באַפעל פון מאָסקווע דורכגעפירט דורך די פּאַרטיזאַנער אַ צוואַנגס־מאָביליזאַציע פון דער אָרטיקער פויערישער יוגנט, בכדי נישט צו דערלאָזן די דייטשן רעאַליזירן זייער מאָביליזאַציע פאַר דער געפלאַנטער ווייסרוסישער אַרמיי, וועלכע האָט געזאָלט געשאַפן ווערן לויט דער איניציאַטיוו פון דייטשישן וואַסאַל אין ווייס־רוסלאַנד, פּרעזידענט אָס־טראָווסקי, צום קאַמף מיט די פּאַרטיזאַנער.

די דערפער פלעגן פּלוצים אַרומגערינגלט ווערן און די יוגנט פלעגט אָפּגעפירט ווערן אין די וועלדער און איינגעשלאָסן ווערן אין די פּאַרטיזאַ־נער־אָטריאַדן.

פון אַלע זייטן איז מען געלאָפן אין די וועלדער; יוגנטלעכע, וועלכע

זענען געווען באַדראָט אַרויסגעפירט צו ווערן קיין דייטשלאַנד אויף צוואַנגס־אַרבעט און הונגער; ווייס־רוסן פון דער רעכטער זייט ניעמאַן (פליסט דורך ווייס־רוסלאַנד און ליטע), וועלכע זענען טעראָריזירט און געמאָרדעט געוואָרן דורך די „ווייסע פּאָליאַקן“ (פאַשיסטישע באַוואָפנטע באַנדעס, וואָס האָבן געקעמפט קעגן די רויטע פּאַרטיזאַנער), וועלכע האָבן באַהערשט די געגנט; פּאָליאַקן אויף וואָלין, וועלכע זענען געמאָרדעט געוואָרן דורך די אוקראַינישע פאַשיסטישע פּאַרטיזאַנער־באַנדעס (באַנדעראָווצעס, בולבאָווצעס). אַלע זענען געלאָפן זוכן שוץ צו די רויטע פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער.

מען איז געלאָפן פון די דערפער, שטעט, שטעטלעך, געטאָס און אַרבעטס־לאַגערן. מען איז געלאָפן צוליב מורא פאַר רעפּרעסיעס און קאָלעקטיווע שטראָפן, וועלכע פלעגן אָנגעווענדט ווערן דורך די דייטשן פאַר יעדן קלענסטן חטא. עס זענען געלאָפן אַלע, וועלכע האָבן זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט קעגן דער „סאָוועטישער יוסטיץ“. און ס׳איז געלאָפן אַ גרויסער טייל פון דער פויערישער יוגנט פון די דערפער אין די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס, וועלכע זענען געווען באַדראָט מיט זייער לעבן אין פאַל פון אַן אָבלאַווע פון דייטשן, וועלכע פלעגן די באַפעלקערונג פון די זאָנעס אידענטיפיצירן מיט די פּאַרטיזאַנער.

געווען אויך אַזעלכע וועמען ס׳האָט געלאָקט די פּאַרטיזאַנישע ראָמאַנטיק; דאָס פרייע זאָרגלאָזע לעבן, עסן צו דער זעט און טראָגן אַ ביקס אויפן אַקסל, האָבן דאָס געפיל אַז יעדער ציטערט פאַר דיר און דערפילט אַלע דיינע ווונטשן. דאָס האָט מייסטנס געלאָקט די פויערים, וועלכע די פּאַרטיזאַנער פלעגן אָפט באַזוכן אין זייערע הייזער און זיי צוגערעדט מאַכן אַט דעם שריט. עס האָבן צום גיין אין די וועלדער אויך מיטגעווירקט פּראַקטישע אויסרעכענונגען אויף שפּעטער, נאָכן נצחון.

עס קומען אַזוי פיל מענטשן אין די וועלדער, אַז פון יעדן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד בילדעט זיך אויס אַ בריגאַדע (אַן איינהייט, וועלכע נעמט אַריין אייניקע אָטריאַדן). זייער פיל אָטריאַדן לעבן שוין נישט אין די וועלדער און פּושטשעס, נאָר אין די דערפער, אין די ראַיאָנען און בלויז זייערע פּראָוויאַנט־באַזעס געפינען זיך אין די פּושטשעס. אַהין גייען זיי בלויז אַריין אין פאַל פון אַן אָנקומענדיקער אָבלאַווע.

עס ווערן מאַסנווייז געוואָרפן אין אַלע פּושטשעס און ראַיאָנען ספּעציעלע דיווערסיע־גרופּעס, גוט־באַוואָפנטע, וועלכע בילדן זיך אויס מיטן צושטראָם פון אָרטיקע עלעמענטן אין גרויסע אָטריאַדן און שפּילן אַ גרויסע ראָל ביים אָרגאַניזירן, דיסציפּלינירן און אויסברייטערן די באַוועגונג. אומעטום באַקומען די פּאַרטיזאַנער נישט נאָר ראַדיאָ־אויפנעם־אַפּאַראַטן, נאָר אויך אָפּגעב־סטאַנציעס, וועלכע ווערן באַדינט דורך אויסגעשולטע ראַדיסטן פון רוסלאַנד, און ווירקן מיט צו דער עפעקטיווער אויסנוצונג פון די פּאַרטיזאַנישע כוחות און זייער פאַרבינדונג מיט מאָסקווע.

אַ באַזונדערס אינטערעסאַנטן קאַפּיטל שטעלט מיט זיך פאָר די פּאַרטיזאַנישע פּרעסע, וואָס איז דערשינען אין די וועלדער. די נעמען פון די צייטונגען זענען געווען די זעלביקע, ווי פאַר דעם מלחמה־אויסברוך און אַלס אַרויסגעבער האָבן פיגורירט די ראַיאָן־קאָמיטעטן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אונטערגרונט. דער פאָרמאַט איז געווען אַ קליינער, נישט זעלטן אַ העפט־זייטל. דער מאַנגל אין פּאַפּיר און שריפט, די פּרימיטיווע וואַלד־באַדינגונגען, די כסדרדיקע באַרייטקייט צו פאַרלאָזן דאָס אָרט אין פאַל פון אַ דייטשישן איבערפאַל — האָט פאַראומעגלעכט אַ רעגולערע פּרעסע.

צוזאַמען מיט געווער און אַמוניציע האָבן סאָוועטישע אַעראָפּלאַנען אַראָפּגעוואָרפן קליינע דרוקערייען, צוגעפּאַסטע צו די וואַלד־באַדינגונגען. דאָס איז געווען דער איינציקער אינפאָרמאַציע־מקור, מחוץ דער דייטשישער טענדענציעזער פּרעסע, צוליבן פאַרבאָט צו האַלטן ראַדיאָס אונטער דער דראָונג פון טויט־שטראָף.

די פּאַרטיזאַנער־פּרעסע האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף די שטימונגען און געדאַנקען־גאַנג פון דער באַפעלקערונג.

מלך באַקאַלטשוק דערציילט אין זיין בוך „זכרונות פון אַ יידישן פּאַרטיזאַן" וועגן דעם פאַרשפּרייט פון די פּאַרטיזאַנישע פּרעסע און פּובליקאַציעס:

„צוערשט זענען זיי פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן. דערנאָך זענען זיי פאַרשפּרייט געוואָרן אין די דערפער. אפילו ווען פּאַרטיזאַנער פלעגן זיך לאָזן אויף דיווערסיעס אויף צענדליקער ק"מ האָבן זיי מיטגענומען אונדזערע פּובליקאַציעס צו פאַרשפּרייטן. פאַרבינדלער

פון דער פויערישער באַפעלקערונג האָבן זיך באמית, אַז סטאַליגס באַפעל
אין דייטש זאָל דערגיין צו די דייטשישע זעלנער און באַאַמטע.

לויט אונדזערע פעסטשטעלונגען זענען אונדזערע פובליקאַציעס אַריינ־
געדרונגען אין דייטשישע סטרעפּעס. ביי די פויערים איז עס געווען אַ
מסחר ענין. זיי פלעגן אין די שטעט פאַרקויפן אונדזערע אַ צייטונג פאַר
10 טויזנט דייטשישע מאַרקן. דער פרייז פון אַ ראַדיאָ־קאָמוניקאַט איז גע־
ווען פינף טויזנט מאַרק". (דאַרט, פון כתב־יד).

איבער די פּושטשעס און וועלדער קרייזן אַרום אין די נעכט סאָוועט־
טישע אַעראָפּלאַנען און וואַרפן אַראָפּ, אין הסכם מיט די אָפּגערעדטע סמנים
און סיגנאַלן דורך ראַדיאָ צוליב אָריענטאַציע פאַר די פּליער, געווער און
אַמוניציע.

אין די גרעסערע פּושטשעס זענען שוין אויך פאַראַן געהיימע אַעראָ־
דראָמען, ווו עס לאָזן זיך אַראָפּ סאָוועטישע אַעראָפּלאַנען און ברענגען געווער,
מעגטשן, באַפעלן, אָנווייזונגען, ליטעראַטור א. א. וו. און פירן אָוועק באַריכטן
און ערנסט־פאַרוואונדעטע.

ווײַלנדיק אין פּאָלעסיע האָט קאָוופּאַק געזוכט אַ פּאַסיקן פּלאַץ פאַר אַן
אַעראָדראָם. די איבער הונדערט פאַרוואונדעטע, אַ טייל זייער שווער, האָבן
זייער באַשווערט זיין פּאַרטיזאַנער „פּאַרייניקונג" און איר כסדרדיקן מאַרש
און מאַנעווערס. עס האָט זיך ביי אים אויך שוין געלאָזט פילן אַ שטאַרקער
מאַנגל אין אַמוניציע, אַזוי ווי די בלאָטיקע פּאָלעסיער ערד איז נישט געווען
צוגעפּאַסט פאַר אַן אַעראָדראָם, האָט אין קאָוופּאַקס קאָפּ אויפגעבליצט אַ גע־
דאַנק, אַז די אַעראָפּלאַנען זאָלן לאַנדן אויף דער איינגעפראָרענער „פּרינץ"־
אָזיערע. במשך פון דעם חודש יאַנואַר 1943, האָט מען אויסגענוצט די אָזיערע
אַלס פּלי־פּלאַץ פאַר די פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונגען פון קאָוופּאַק און לינקאָוו
(דרך אגב, דער יידישער פּליער, לונץ, באַאָרדנטער מיטן ערן־טיטל „העלד
פון ראַטן־פאַרבאַנד" איז געווען דער פאַרבינדער צווישן מאָסקווע מיט קאָוו־
פּאַקס איינהייט אויף פּאָלעסיע).

צוליב דעם ענגן קאָנטאַקט, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן מיט מאָסקווע
דורך די ראַדיאָ־סטאַציעס, ווערט אָפטמאָל אין די שווערע מאָמענטן צוגעשיקט
הילף צו די פּאַרטיזאַנער. אַזוי, למשל, נעמען די סאָוועטישע אַעראָפּלאַנען
אָנטייל אין די קאַמפן פון זשעליעזניאַק קעגן די דייטשן אין מינסקער און
פּלעשניצער ראַיאָנען.

די פּאַרטיזאַנער־בריגאַדעס, וועלכע שטייען האַרט הינטער דער דייטשי־שער פראָנט־ליניע און וועמען עס קומט אויס כסדר צו פירן פאַרביטערטע קאַמפן מיט דער דייטשישער „צווייטער אַרמיי־ליניע", ווערן אָפט אַרויס־געהאָלפן דורך די סאָוועטישע אַעראָפּלאַנען, וועלכע איילן צו הילף אויף די אָנגעגעבענע ס. אָ. ס.־רופן דורך ראַדיאָ.

אויך די פּאַרטיזאַנער אין ליפּיטשאַנער פּושטשע ווערן בעת דער גרוי־סער בלאָקאַדע פון די וולאַסאָווצעס פאַר דער באַפרייאונג (יוני, יולי 1944), אַרויסגעהאָלפן דורך סאָוועטישע אַעראָפּלאַנען, וועלכע באָמבאַרדירן די דייטשישע גאַרניזאָנען און קאָנצענטראַציעס פון פיינטלעכן מיליטער; באַקרי־שאַק, רודע־יאַוואָרסקע, זשעטל א. אנד. דאַן באַווייזט זיך דאָס אידעאַלע גע־ווער פון פּאַרטיזאַנער: אויטאָמאַטן, גראַנאַטן, רעוואָלווערן, צוגעפּאַסטע צו די פּאַרטיזאַנישע קאַמפס־באַדינגונגען, וועלכע מען קען באַנוצן אויף אַ נאָענטער דיסטאַנץ. די פּאַרטיזאַנער זענען שוין גלענצנדיק באַוואָפנט און נעמען אונ־טער וואָס ווייטער אַלץ מער, ריזיקאַלישע, דרייסטערע קאַמפס־אָפּעראַציעס אויף גרעסערע גאַרניזאָנען, צעקלאַפּן זיי און באַקומען פיל דייטשיש געווער און אַמוניציע אַלס טראָפייען.

אָנשטאָט די ביז איצטיקע פאַרשיידנאַרטיקע, פּרימיטיווע און פאַר־זשאַווערטע געווערן פון פאַרשיידענע מדינות און תקופות, האָבן שוין איצט די פּאַרטיזאַנער מאָדערנעם, סטאַנדאַרט געווער פון צוויי סאָרטן:

א) דייטשע געווער, וואָס איז דערוואָרבן געוואָרן אין די שלאַכטן און לויערונגען („זאַסאַדעס").

ב) דאָס רוסישע מאָדערנע געווער וואָס איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אין גרויסע קוואַנטומס אויף סאָוועטישע פאַראַשוטן אין די פּאַרטיזאַנישע זאָנעס.

די פּאַרטיזאַנער האָבן געפונען אין די וועלדער טאַנקען און האַרמאַטן וואָס די רויטע אַרמיי האָט ביי איר ראַשיקן צוריקטריט און אויס מאַנגל אין ברענשטאָף, אָדער צוליב דעפעקטן איבערגעלאָזן. דאָס סאָוועטישע מיליטער האָט אַ סך געווער און אַמוניציע דערטרונקען אין די טייכן און אָזיערעס, נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט עס אַריבערצופירן דורך די אויפגעריסענע בריקן און נישט ווען עלנדיק עס איבערלאָזן ווי טראָפייען פאַרן שונא.

בולאַקס אָטריאַד האָט אַרויסגענומען פון טייך שטשאַראַ אַ פאַנצער־אויטאָ, עטלעכע קליינע טאַנקען און איין גרויסן טאַנק פון טיפּ „ק. וו.". מען

האָט אים פּאַריכט און געמאַכט געברויכספּעיק. דאָס פּאַרריכטן דעם טאַנק האָט אַרויסגערופן אַ בהלה ביי די דייטשן, און זיי האָבן תיכף געמאַכט אַן אָבלאַווע אויף בולאַקס טעטיקייטס־ראַיאָן. אונטער דער דעקונג פונעם טאַנק, וועלכער האָט פון דאָרף מאָסקאַלי (ביים ברעג פון טייך שטשאַראַ) מיט דער־פאָלג באָמבאַרדירט די דייטשע קאָנצענטראַציעס אין די דערפער רודאַ־יאַ־וואָרסקאַ און רודאַ־ליפּיטשאַנסקאַ — האָבן זיך די פּאַרטיזאַנער אין דער פינצטערער נאַכט צוריקגעצויגן דורך די וואַלד־שטעגעלעך אין אַנדערע ראַיאָנען. נאָכדעם ווי זיי האָבן אויסגענוצט די געציילטע סנאַריאַדן און עס האָט זיך געענדיקט דער ברענשטאָף, האָבן די פּאַרטיזאַנער פאַרן אָפּטרעטן אונטערגעצונדן דעם טאַנק.

בשעת דעם אָנגריף אויף די דייטשע גאַרניזאָנען אין רודאַ־יאַוואָרסקאַ, זשעטל, נאַקרישקי און זשאָלודעק, האָט די אַרטילעריע פונעם אַטריאַד „באָר־באַ" פיל מיטגעווירקט ביים שטורעמען די דייטשע בעטאָן־פּאַרפעסטיקונגען און פייער־פּונקטן. קאָוופּאַקן איז געלונגען צו דעראָבערן פונעם שונא צוויי קוילנוואַרפערס, אַ מינענוואַרפער און אַ האַרמאַט. זיין אָטריאַד האָט אויך געהאַט לייכטע ב"ט קאַנאָנען (45 מ"מ) און אפילו אַ פעלד האַרמאַט (76 מ"מ). איינער פון די האַרמאַטן, וואָס איז באַזונדערס געווען צוגעפּאַסט צו די פּאַר־טיזאַנישע קאַמפּס־באַדינגונגען (קורץ און לייכט־באַוועגלעך) איז ספּעציעל געבראַכט געוואָרן פון רוסלאַנד מיט אַן אַעראָפּלאַן הינטער די פיינטלעכע ליניעס. די אָטריאַדן, וואָס זענען געשטאַנען האַרט הינטער די פראָנט־ליניעס אין מזרח־ווייסרוסלאַנד, האָבן זיך באַנוצט אין זייערע קאַמפן מיט שווערע האַרמאַטן. אויך די פאַראייניקונג פון גענעראַל־מאַיאָר באָשענקאָ האָט מיט זיך געפירט אייניקע לייכטע האַרמאַטן און באַטאַליאָנען־מינענוואַרפער בשעת איר מאַרש פון קאַפּוליער ראַיאָן צו די גראָדנער און ביאַליסטאָקער געביטן.

אָבער אַרטילעריע, טאַנקן און האַרמאַטן זענען נישט געווען צוגעפּאַסט צו די פּאַרטיזאַנישע באַדינגונגען אין די וועלדער. פאַר דער אַרטילעריע האָט תמיד אויסגעפעלט סנאַריאַדן און ברענשטאָף.

אין פאַל פון אַ דייטשער אָבלאַווע איז נישט מעגלעך געווען אַרויסצו־ראַטעווען פון דער אַרומרינגלונג די טאַנקן און האַרמאַטן, אומבאַמערקבאַר פאַרן שונאס אויג און עס איז אָפט אויסגעקומען זיי איבערצולאָזן אין די וועלדער.

די „באָזשענקאָ"־בריגאַדע איז געווען געצוווּנגען איבערלאָזן אירע האַר־מאַטן און מינענוואַרפערס אין דער „רוסקע" פּושטשע, נאָכדעם ווי זי איז פון די דייטשן אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זייטן און זי איז געווען געצוווּנ־גען זיך צוריקציען, דורך זומפּיקע וועגן צו דער פּאַרטיזאַנישער זאָנע אין די וועלדער פון ליפּיטשאַני. אויך קאָוופּאַק איז געווען געצוווּנגען צו איבערלאָזן זיינע האַרמאַטן אין די קאַרפּאַטן־בערג נאָך די שלאַכטן, וואָס ער האָט גע־פירט מיט איבערוויגנדיקע דייטשע כוחות, וועלכע האָבן פאַר אים אָפּגע־שלאָסן דעם צוריקטריט־וועג צו וואָלין און פּאָלעסיע.

אין דער פּאַרטיזאַנקע האָט די אַרטילעריע געהאַט מער אַ פּסיכאָלאָ־גישן ווי פּראַקטישן ווערט. קאָוופּאַק'ס פּאַרטיזאַנקע פלעגט זיך נוהג זיין צו עפענען אַ האַרמאַטן־פייער אויף די דייטשן ווען זיי פלעגן פאַרביימאַר־שירן פאַרביי זיי. צענדליקער סנאַריאַדן זענען געריכטעט געוואָרן צו די דייטשע גאַרניזאָנען פון קרולעוויטש און פּינסק. דאָס איז געווען אַ מין פּאַרטיזאַנישע הוליאַנקע, אָבער גלייכצייטיק אויך אַ דעמאָנסטראַציע פון כוח, זעלבסטזיכערקייט און ווי געזאָגט איז דאָ אויך געקומען אין באַטראַכט דער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט — די אויסווירקונג, וואָס אַזאַ באָמבאַרדי־רונג האָט געמאַכט אויף דער באַפעלקערונג און אויף די דייטשן.

בעת דער באַראַטונג פון די פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדירן אין קרעמל (1942 31.8.) האָט סטאַלין געזאָגט: „דער פּאַרטיזאַן נויטיקט זיך אין אַן אויטאָמאַט, קוילנוואַרפער, האַנט־גראַנאַט, אויפרייס־מאַטעריאַלן און מינעס פאַר סאַ־באָטאַזש־אַקטן אויף דעם שונאס קאָמוניקאַציע־ליניעס און סטראַטעגישע בנינים — מער נישט".

די פּאַרטיזאַנער וואַגן שוין צו מאַכן אָנפאַלן אויף ראַיאָן־צענטערס, וווּ עס זענען איינגעקוואַרטירט גרויסע דייטשישע גאַרניזאָנען.

פיל שטעטלעך נאָענטע צו די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס ווערן באַזעצט דורך די פּאַרטיזאַנער.

קאָוופּאַק האַלט זיך צוויי טעג (9.11.1942־8) אין שטעטל באָהומען (מינסקער קרייז). ער האָט אויך איינגענומען דעם 19 פעברואַר 1943 די שטעטלעך באָלשאָי סטידען (ראָוונער געגנט), סקאַלאַט (מזרח־גאַליציע) א"אַנד.

נישט זעלטן האָבן די פּאַרטיזאַנער זייערע באַזעס, האַרט ביי די דייטשי־

שע גאַרניזאָנען און שטערן זייערע באַוועגונגען און פּראָוויאַנטירונג דורך לויערונגען און אָנפאַלן.

די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג איז געווען צו צעטרייסלען און דערשיטערן די דייטשישע קאָמוניקאַציע־ליניעס און אויפצורייסן די צוגן, וואָס האָבן געפירט געווער, אַמוניציע און זעלנער צו די פראָנטן. פיל אַטריאַדן באַזירן זיך טאַקע אין וועלדער, וואָס גרענעצן זיך מיט די אייזנבאַן־ליניעס.

פיל טויזנטער צוגן מיט קריגס־טעכניק און מיליטער ווערן אַרויסגע־זעצט אין דער לופטן אויף די לאַנגע וועגן פון „דריטן רייך״, ביז אין די טיפענישן פון רוסלאַנד. טויזנטער אייזנבאַן־בריקן ווערן מינירט און אויפ־געריסן. די דייטשן זענען געצוווּנגען צו לאָזן די באַנען נאָר בייטאָג. זיי שטעלן אָפּ די קאָמוניקאַציע אויף פיל ליניעס און באַגרענעצן זיך מיט דער־האַלטן נאָר די צענטראַלע ליניעס, וועלכע ווערן דורך זיי זאָרגפול אָפּגע־היט דורך ספּעציעל באַוועגלעכע פּאַטרולן, א.ג. „שטרייף״, און דורך באַ־פעסטיקטע בונקערס לענגאויס דער ליניע. שפּעטער רייסן זיי בכלל איבער דעם מאַרשרוט פון צוגן אין די נעכט.

בכדי צו באַשווערן דעם צוגאַנג און אָפּגאַנג צו די אייזנבאַן־ליניעס שניידן זיי אויס אויף אייניקע הונדערט מעטער די וועלדער און קוסטעס. די דייטשן פּעלט אָבער סאָלדאַטן צו היטן די אייזנבאַן־ליניעס אויף אַ לענג פון טויזנטער און צענדליקער טויזנטער קילאָמעטער. די פּאַרטיזאַנער קענען יעדן צוגאַנג, וויסן ווו עס זענען לאָקירט די „דאטן״ און „בונקערס״, און קומען אונטער יעדעס מאָל דאָרט, ווו מען דערוואַרט זיי אַמווייניקסטן. זיי אָפּערירן מיט אַ שפע פון טאָל, דינאַמיט און מאָדערנסטע מינעס, קעגן וועל־כע אַלע דייטשישע פאָרזיכטס־מיטלען ווייזן זיך אַרויס פאַר נישט גענוגנדיק.

עס זענען געווען בריגאַדעס, וועלכע זענען דורך דער אויבער־קאָמאַנדע פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג באַשטימט געוואָרן צו רעאַליזירן אויסער־אָרדנטלעכע און באַזונדערס וויכטיקע אויפגאַבן. געווען אויך איינהייטן וואָס זענען לכתחילה אויפגעשטעלט געוואָרן ספּעציעל פאַר אַזוינע צוועקן.

לויט אַ פּערזענלעכן באַפעל פון סטאַלינען צו סידאָר קאָווּפּאַקן, האָט זיין פּאַרטיזאַנער־איינהייט געדאַרפט זיך דורכברעכן אַ וועג, אָנגעהויבן פון אָריאָ־לער אומגעגנט (צענטראַל רוסלאַנד) ביז צו די קאַרפּאַטן־בערג אין מזרח־

גאַליציע, (13 טויזנט קילאָמעטער), און דורכפירן סאַבאָטאַזש־אַקטן אין די גרויסע נאַפט־ראַפינעריעס, וואָס זענען דורך די דייטשן אויסגענוצט געוואָרן פאַר מלחמה־צוועקן. קאָווּפּאַק האָט די אויפגאַבע אַדורכגעפירט מיט דער־פאָלג.

גענעראַל־מאַיאָר פּעטראָ וווערשיגאָראַ, קאָווּפּאַקס פּאַרטרעטער, באַ־צייכנט אין זיין בוך „מענטשן מיט אַ ריינעם געוויסן״, די אויפגאַבע, וואָס האָט געהייסן „סטאַלינס איבערפּאַל־מאַרש״ מיט פּאָלגנדיקע ווערטער:

> „לויט סטאַלינס באַפעל האָבן מיר געדאַרפט אַדורכמאַרשירן סטעפּעס און וועגן, אַנגעהויבן פונעם אַריאַלער אומגעגנט ביז צו דער מערב־אוקראַינישער גרענעץ (גאַליציע), פאָרסירן די טייכן דניעסטער, דניעפּער, פּריפּעט און אַ ריי אַנדערע קליינע טייכן, שאָסייען און אייזנבאַן־ליניעס, אַדורכגיין פון צפון־מזרח אוקראַינע ביז צו דער מערבדיקער גרענעץ — אַ שטח, וואָס איז אַזוי גרויס ווי פּאָרטוגאַל, שפּאַניע און איטאַליע צו־זאַמען״. (דאָרט, ז׳ 53).

פון די בריאַנסקער וועלדער אין צענטראַל־רוסלאַנד, ביז פּאָלעסיע און וואָלין האָט פּאַראַלעל צו קאָווּפּאַקס מאַרש — געמאַרשירט די גרויסע פּאַר־טיזאַנער־פּאַרייניקונג פון סאַבוראָוו.

אין אַפּריל 1943 איז געקומען קיין וואָלין מיט אַ ספּעציעלער מיסיע פּיאָדאָראָווס איינהייט, וועמענס באַזע איז געוועזן אין טשערניגאָווער געגנט (מזרח־אוקראַינע). אויך דער אָטריאַד פון לינקאָוון (באַקאַנט אונטערן פּסעוו־דאָנים „באַטיאַ״), האָט דורכגעמאַרשירט 600 ק״מ, אָנגעהויבן פון די בערע־זינער בלאָטעס ביז צו די פּאָלעסיער זומפּן (פּינסקער געגנט), טראָגנדיק דעם גאַנצן וועג דעם גאַנצן באַגאַזש אויף די רוקנס.

אַ דריטע אויפגאַבע — פּאַרוואַנדלען ביאַליסטאָקער און גראָדנער געגנטן, וואָס זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אין „דריטן רייך״ אין פּאַרטיזאַנער־זאָנעס — איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער פּאַרייניקונג פון גענעראַל־מאַיאָר באָזשענקאָ (קאַפּוסטין). צו דעם צוועק זענען זיי אַריבער פון די קאַ־פּוליער וועלדער אין גראָדנער און ביאַליסטאָקער געגנטן. די רייטער בריגאַ־דע פון נאַאומאָוו האָט אין די ווינטער חדשים פון יאָר 1943 דורכגעפירט אַ דרייסטן מאַרש איבער די שוואַך באַוועלדערטע געגנטן פון דרום־אוקראַינע.

ווי געזאָגט זענען געוויסע אָטריאַדן און בריגאַדעס לכתחילה באַשטימט

געוואָרן פאַר ספּעציעלע צוועקן. עס זענען געווען איינהייטן, וואָס זייער אויפ־גאַבע איז געווען שפּיאָנאַזש און קעגן־שפּיאָנאַזש; אָרגאַניזאַציע פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג און די ווידערשטענדלער אַקטיוויסטן אין די גרויסע שטעט; סאַבאָטאַזש־אַקטן אין ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דייטשע פראָנטן; אַטענטאַטן אויף וויכטיקע דייטשע פּער־זענלעכקייטן און זייערע מיטאַרבעטער; כאַפּן „צונגען" ד. ה. „קידנעפּן" הויכע אָפיצירן, פון וועלכע מען קען אַרויספּרעסן וויכטיקע מיליטערישע סודות, לאַנדקאַרטעס, אאַ"וו (אַזוינע „צונגען" פלעגט מען מיט עראָפּלאַנען אַריבערפירן קיין מאָסקווע).

אַזוינע פאָרמאַציעס פלעגן אויסמיידן צו רייצן די דייטשן דורך אויפ־רייסן אייזנבאַן־ליניעס, אָדער אַדורכפירן אַנדערע דיווערסיע־אַקטן, כדי נישט צו שטעלן אין סכנה, און נישט צו שטערן דאָס דורכפירן די הויפּט־אויפגאַבע, וואָס איז פאַר זיי באַשטימט געוואָרן.

דער אָטריאַד פון פאָלקאָווניק דאַווידאָוו אין דער ליפּיטשאַנער פושטשע (און שפּעטער איז דער זובראָווער פושטשע) האָט זיך מיינסטנס באַשעפטיקט מיט שפּיאָנאַזש און אויפקלייבן אינפאָרמאַציעס וועגן די דייטשע קאָנצענ־טראַציעס אין הינטערלאַנד, די באַוועגונג אויף די אייזנבאַן־ליניעס, די שטימונג און געדאַנקענגאַנג פון דער באַפעלקערונג אאַ"וו די אינפאָרמאַ־ציעס זענען איבערגעשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע.

אויך די פּאַראַשוטיסטן־פאָרמאַציע פון פאָלקאָווניק מעדוועדיעוו, העלד פון ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס איז געווען טעטיק אין אַ באַזונדערס וויכטיקער סביבה (אין דער געגנט פון ראָוונע די הויפּטשטאָט פון אוקראַינע און דער זיץ־אָרט פון היטלערס פאָרשטייער — גענעראַל — קאָמיסאַר, עריך קאָך) — האָט זיך מיינסטנס אָפּגעגעבן מיט שפּיאָנאַזש, מיליטערישע אינפאָרמאַציעס, סאַבאָטאַזש אין די דייטשע אונטערנעמונגען און אויך געשאַפן אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציעס אין אַלע מערב־אוקראַינישע שטעט (ראָוונע, זדאָלבונאָוו, לוצק א. אנד.) און אין די דערפער. די געוועזענע קאָמוניסטן וואָס האָבן איצט געאַרבעט ביי די דייטשן אויף פאַרשידענע פּאָסטנס האָבן לויטן באַפעל פון מעדוועדיעוו דורכגעפירט פאַרשידענע שפּיאָנאַזש אויפגאַבעס און דיווערסיע אַקטן.

דער העלד פון מעדוועדיעווס בוך „גייסטיקע טיטאַנען" איז אַ פּאַרטיזאַן

פון זיין אָטריאַד, מיטן נאָמען ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש קוזנעצאָוו, פון פּראָפע־סיע אַן אינזשיניער. קוזנעצאָוו האָט צווישן די דייטשע אינזשינירן אין אוראַ־לער געגנט גרינטלעך דערלערנט די דייטשע שפּראַך. דורך פאַרשידענע קאָמבינאַציעס איז אים געלונגען זיך אַריינצודרייען אין דער דייטשער קאָ־מענדאַנטור פון ראָוונע, אַלס דייטשער אָפיציר, אָפּשטאַמיקער פון קעניגסבערג אונטערן נאָמען, פּאַול זיבערט. קוזנעצאָוו האָט דערשאָסן דייטשישע הויכע אָפיצירן, פאַרכאַפּט אין געפאַנגענשאַפט גענעראַלן און אַרויסבאַקומען פון זיי מיליטערישע סודות פון אויסעראָרדנטלעכער וויכטיקייט פאַר מאָסקווע.

קוזנעצאָוו איז געווען דער, וואָס האָט גענומען אין געפאַנגענשאַפט דעם גענעראַל פאָן האַן, אָפּטיילונגס־ליטער פון רייכס־קאָמיסאַריאַט אין ראָוונע, און דעם רייכס־ראַט פאַר קאָמוניקאַציע — רייס. בעת דער אויספאָרשונג האָט מען זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן האָבן געצויגן אַן אונטערערדישן קאַבל פון היטלערס רעזידענץ אין בערלין ביז צום אוקראַינישן דאָרף יאַקושינצי (אין דער געגנט פון וויניצע, אוקראַינע) — די רעזידענץ פון דייטשן גענע־ראַל־שטאַב אין רוסלאַנד.

קוזנעצאָוו האָט דערמאָרדעט אין זיין אַרבעטס־צימער דעם ס. ס. אויבער־פירער אַלפרעד פונק; ער האָט פאַרכאַפּט דעם גענעראַל פאָן־איל־גען, וועלכער איז מיט אַ ספּעציעלן אַעראָפּלאַן אָפּגעפירט געוואָרן קיין מאָסקווע. אין לעמבערג האָט ער אין מיטן דער גאַס דערהרגעט דעם ד״ר בייער (וויצע־גובערנאַטאָר פון גאַליציע) און ד״ר היינריך שניידער, ליי־טער פון דער גובערנאַטאָר־קאַנצעלאַריע אין לעמבערג. קוזנעצאָוו האָט אויך צוגעגרייט אַן אַטענטאַט אויפן גענעראַל־קאָמיסאַר עריך קאָך, בעת דעם פייערלעכן עפנטלעכן פאַראַד צום געבוירנטאָג פון היטלער. דער פּלאַן איז אָבער צונישט געוואָרן צוליב דעם, וואָס קאָך איז נישט דער־שינען צום פאַראַד.

פון די דאָקומענטן און מיליטערישע סודות וואָס ער האָט אַרויס־באַקומען איז פון באַזונדערס וויכטיקער באַדייטונג די ידיעה פון דייטשן שפּיאָנאַזש־דינסט וועגן דעם געפּלאַנטן אַטענטאַט אויף די „דריי גרויסע״, בעת זייער באַגעגעניש אין טעהעראַן. אַ דאַנק דער וואָרנונג וואָס איז תיכף טראַנסלירט געוואָרן קיין מאָסקווע איז דער אַטענטאַט־פּלאַן צונישט געוואָרן. קוזנעצאָוו איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך אוקראַינישע באַנדעראָוו־

צעס אין דער געגנט פון לעמבערג, עטלעכע וואָכן פאַרן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי. נאָכן טויט איז ער דעקאָרירט געוואָרן מיטן אָרדן „העלד פון ראַטן־פאַרבאַנד".

אַן אויסער אָרנטלעך וויכטיקע אויפגאַבע האָט דורכגעפירט אַ ווייסרוסישע מיידל, האַלינאַ מאַזאַניק, וועמען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט פאַרן אָפּטרעטן איבערגעלאָזט אין מינסק אויף אונטערגרונט אַרבעט. דאָס איז די דערמאָרדונג פונעם גענעראַל־קאָמיסאַר פון ווייסרוסלאַנד, ווילהעלם קובאַ, דורך אונטערלייגן אַ מינע אונטער זיין בעט (25סטן אָק־טאָבער 1943). דער אַטענטאַט איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אַ מאָסקווער דעסאַנטניק פון שטשערבינס אָטריאַד (דער קאָמיסאַר פון אָטריאַד — דוד קעמאַך (קמח), אַ סאָוועטישער ייִד, אַ פּאַראַשוטיסט). ביי דער דאָזיקער אַקציע האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט האַטגאַוו כאַריטאָן, אַ פּאַרטיזאַן פון קעמאַכס אָטריאַד, לויט נאַציאָנאַליטעט אַן אָסטענער. ער האָט די אַטענטאַטערין, האַלינאַ מאַזאַניק, צוזאַמען מיט איר פאַמיליע באַלד אַרויס־געפירט פון מינסק אין די וועלדער און פון דאָרט מיט אַן אַעראָפּלאַן — קיין מאָסקווע.

וועגן דער דערמאָרדונג פון קובאַ איז פאַראַן אויך אַ צווייטע ווערסיע פון ייִדישן שרייבער מענדל מאַן. לויט אים, איז דער דייטשישער מערדער קובאַ דערהרגעט געוואָרן דורך אַ ייִדיש מיידל מיטן נאָמען סאַראַ (שרה) אַבראַמאָוונאַ (טאָכטער פון אברהם). און געשען איז עס אַזוי:

שרה האָט צוזאַמען מיט אַ גרופּע פּאַראַשוטיסטן זיך אַראָפּגעלאָזט אין הינטערלאַנד פון שונא און פון דאָרט זענען זיי צופוס געקומען אין דער אומגעגנט פון מינסק. נאָך אַ לענגערן אויסשפּיר, איז זי געקומען צו דער אָטריאַד־קאָמאַנדשאַפט מיטן פּלאַן צו דערהרגענען דעם גאַולייטער קובאַ, נעמענדיק אויף זיך, דורכצופירן דעם אַטענטאַט. מיט דער הילף פון גע־פעלשטע דאָקומענטן, אויפן נאָמען פון ראָזאַליאַ גראַכוס, אַ טאָכטער פון דייטשע עלטערן, וואָס האָבן זיך מיט אַ סך יאָרן צוריק באַזעצט אין רוס־לאַנד, איז איר געלונגען צו באַקומען אַרבעט אין מינסקער געביטס־קאָ־מיסאַריאַט. איינמאָל האָט זי איינגעלאַדן קובאַן צו אַן אויספלוג אין זיין אויטאָ און געריכטעט די נסיעה הינטער דער שטאָט, צו אַן אָרט ווו עס האָט שוין געוואַרט אויף זיי אַ פּאַרטיזאַנישע לויערונג. נאָר איידער

קובאַ האָט באַוויזן אַרויסצוציען זיין רעוואָלווער האָט אים אַ פּאַרטיזאַנער־קויל אָוועקגעלייגט. די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך צוריקגעצויגן אין די וועלדער.

דער מחבר ברענגט די דאָזיקע שילדערונג לויט דער דערציילונג פון שרהס אַ חברטע, אַ וויסרוסין. פון אַנדערע מקורות איז נישטאָ קיין באַשטעטיקונג פאַר דער דאָזיקער ווערסיע.

אין דעם צווייטן פעריאָד פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די מיליטערישע דיסציפּלין. אין יעדן אָטריאַד איז געשאַפן געוואָרן אַ „באַזונדערע אָפּטיילונג" (נ. ק. ג. ב.), וואָס האָט באַשטראָפט פאַר יעדן אָפּנייג און חטא קעגן דעם מיליטערישן קאָדעקס.

די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג וואָלט נישט געקענט דורכפירן די פאַרשידענע געפערלעכע אויפגאַבן אין פיינטלעכן הינטערלאַנד אָן אַ שטרענגע מיליטערישע, סטראַטעגישע און אָרגאַניזאַציאָנעלער דיסציפּלין, וואָס איז אויפגעצווונגען געוואָרן אויף דער גאַנצער באַוועגונג דורך דער העכסטער פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג אין מאָסקווע. דאָס איז געווען אַ האַנט, וואָס האָט קאָנצענטרירט, געריכטעט, געצאַמט און סטימולירט דורך אירע באַפעלן, אָנווייזונגען און פאַרשריפטן, וואָס עובר זיין אויף זיי האָט באַטייט — טויט דורך דערשיסן.

סטעכאָוו, פאַרטרעטער פון קאָמאַנדיר אין מעדוועדיעווס אָטריאַד, האָט אין אַ רעדע פאַר געוועזענע רויטאַרמייער וואָס זענען אַנטלאָפן פון דייטשער געפאַנגענשאַפט, — דעפינירט דעם באַגריף „פּאַרטיזאַן" און „פּאַרטיזאַנקע" מיט פאָלגענדיקע ווערטער:

> „מיר נעמען אייך אָן אין אונדזערע רייען, נאָר וויסן זאָלט איר, אַז די דיסציפּלין איז ביי אונדז אַ שטרענגע און אַ גרויזאַמע. דער באַפעל פון קאָמאַנדיר איז אַ געזעץ! פאַר פאַרברעכנס באַשטראָפט מען מיט טויט דורך דערשיסן. אַלקאָהאָלישע געטראַנקען זענען פאַרבאָטן! קאָרטן־שפּיל — פאַרבאָטן! פאַר רויבן — טויט־שטראָף! מלבושים און ווערט־זאַכן, וואָס ווערן קאָנפיסקירט פון פאַררעטער און דייטשישע מיטהעלפערס, מוזן געבראַכט ווערן אין דער ווירטשאַפטס־ראַטע און זיי ווערן פאַרטיילט לויטן אייגזען פון דער אָנפירונג. אפילו טאַבאַק איז פאַרבאָטן צו קאָנפיסקירן פאַרן אייגענעם געברויך"...

„געדענקט! (האָט ער געוואָרנט) — נישטאָ ביי אונדז קיין „פּאַרטי-

זאַנקע" און ס'וועט נישט זיין! מיר זענען דאָ אַלע זעלנער, וואָס דערפילן אונדזער הייליקן חוב — דעם פּאַראַגראַף 133 פון דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע וועגן דער פאַרטיידיקונג פון פאָטערלאַנד".

(ד. מ. מעדוועדיעוו — „גייסטיקע טיטאַנען" ז' 37)

סוף יאָר 1943, דערגרייכט די פּאַרטיזאַנקע איר העכסטן פונקט. גאַנץ ווייסרוסלאַנד און דער גרעסטער טייל פון אוקראַינע און רספס"ר, אַנגעהויבן פון די בריאַנסקער וועלדער, זענען פּאַקטיש אין גרויסע פּאַרטיזאַנער־זאָנע, ווו די דייטשן זיצן אין שרעק און מורא נאָר אין שטעט און לענגאויס די וויכטיקסטע באַן־ליניעס.

אין דער רוסישער פּאַרטיזאַנער־ליטעראַטור ווערן די פּאַרטיזאַנישע־זאָנעס באַצייכנט מיטן נאָמען „די קליינע ערד" אין קעגנזאַץ צו די רוסישע נישט אָקופּירטע געביטן וואָס ווערן אָנגערופן מיטן נאָמען „די גרויסע ערד". דאָס פּאַרטיזאַנישע שפּריכוואָרט „דער טאָג געהערט צו די דייטשן און די נאַכט צו די פּאַרטיזאַנער" האָט שוין איצט אָנגעווירן זייך באַטייט, ווייניקסטנס אין די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס.

לויט אַ באַפעל פון מאָסקווע זענען אין אַ באַשטימטער נאַכט אַלע פּאַרטיזאַנער אין הינטערלאַנד אַרויס, כדי אויפצורייסן די אייזנבאַן־רעלצן, מיט די „טאָל"־אייער, וואָס זענען צו דעם צוועק אין גרויסע קוואַנטומס ספּעציעל אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך עראָפּלאַנען. די אָפּעראַציע האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט. די אייזנבאַן־רעלצן זענען אויפגעריסן געוואָרן אויף אַ לענג פון טויזנטער קילאָמעטער און די קאָמוניקאַציע צו די פראָנטן איז געגנצלעך איבערגעריסן געוואָרן אויף 6־5 טעג. די דאָזיקע אַקציע איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג — מיטן נאָמען „רעלסאָוואַיאַ וואָינאַ" — „די רעלצן מלחמה".

אַזוינע אָפּעראַציעס ווי אויך דאָס אויפרייסן דעם שונאס צוגן מיט מענטשן, אַמוניציע און געווער אויף זייער וועג צו די פראָנטן — זענען געוויינטלעך פאַרשטאַרקט געוואָרן פאַר אַ דייטשער אָדער סאָוועטישער אָפּענסיווע.

די דייטשן אַליין האָבן מודה געווען, אַז פיל פון זייערע אָפּענסיווע־

משה קאַגאַנאָוויטש

פלענער זענען צונישט געוואָרן צוליב די סאַבאָטאַזש־אַקטן פון די פּאַרטיזאַנער אויף זייערע קאָמוניקאַציע־ליניעס.

די דייטשן, אַנמעכטיק קעגן דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעוואָקסן צו אַן אימפּאָזאַנטער פאָלקס־באַוועגונג — האָבן אויסגעלאָזט זייער כעס צו דער ציווילער באַפעלקערונג. זיי האָבן בלית־ברירה געמוזט שלום־מאַכן מיטן באַשטייענדיקן מצב, האָפנדיק, אַז אַן אַנטשידענער זיג אויף די פראָנטן וועט אויך פאַרניכטן די פּאַרטיזאַנער אין הינטערלאַנד. אָבער אין 1943, נאָך דער מפּלה אין סטאַלינגראַד הייבן אויך די דייטשן אָן צו צווייפלען אין זייער נצחון און זיי הייבן אָן צו־צוגרייטן אַקציעס אויף אָפּצורייניקן דאָס הינטערלאַנד פון פּאַרטיזאַנער, כדי צו דערמעגלעכן דעם צוריקטריט אין דער מערדער־הייל, קיין דייטשלאַנד.

קאַפּיטל פינף

אָרגאַניזאַציע, קאַמפּס־טאַקטיק און סטראַטעגיע

דער אָנפירער און פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין גאַנץ רוסלאַנד איז געווען, מאַרשאַל קלימענטי וואָראָשילאָוו. יעדע סאָוועטישע רעפּובליק, וואָס איז אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן, האָט געהאַט איר אייגענעם פּאַרטיזאַנער־שטאַב. בראש פון שטאַב, פון דער ווייסרוסישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג איז געשטאַנען דער סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ווייסרוסלאַנד, גענעראַל פּאָנאָמאַרענקאָ. בראש פון אוקראַינישן פּאַרטיזאַנער־שטאַב — דער פּאַרזיצער פון מיניסטאָרן־ראַט און פּאַרטיי־סעקרעטאַר פון אוקראַינע — ניקיטאַ כרושטשעוו. דער זיץ־אָרט פון אַלע פּאַרטיזאַנישע שטאַבן איז געווען אין מאָסקווע.

שוין באַלד ביים אָנהייב פון דער מלחמה זענען דורך דער סאָוועטישער רעגירונג געשאַפן געוואָרן אין מאָסקווע א. אנד. ערטער, שולן פאַר אויסבילדן דיווערסאַנטן, ספּעציעלע גרופּעס, פאַר באַזונדערע קאַמפּס־אויפגאַבעס, אינסטרוקטאָרן, ראַדיסטן, וועלכע זענען געשולט געוואָרן אַלס צוקונפטיקע פּאַרטיזאַנער אין טיפן הינטערלאַנד פון שונא.

דאָרט איז געלערנט געוואָרן קאַמפּס־טאַקטיק און סטראַטעגיע, צוגעפּאַסט צו די פּאַרטיזאַנישע פאָרמען פון קאַמף.

בדרך כלל זענען מאָביליזירט געוואָרן אין די פאָרמאַציעס, באַשטימטע צו פּאַראַשוטירן אין די אָקופּירטע געביטן, מענטשן, אָפּשטאַמיקע פון יענע געגנטן, וואָס קענען גוט די שפּראַך, אומגעגנט און די באַפעלקערונג. מען האָט זיך אויך באַמיט, אַז זיי זאָלן זיין אָנגעהעריקע פון דעם פאָלק וואָס באַוווינט די געגנט, כדי זיי זאָלן קענען געווינען דעם צוטרוי פון

דער באַפעלקערונג און אַריינצ׳ען זיי אין קאַמף קעגן די דייטשישע אַריינדרינגלער.

צוערשט זענען דורך דער פראָנט־ליניע דורכגעפירט געוואָרן אינסט־רוקטאָרן, אָרגאַניזאַטאָרן און גאַנצע גרופעס פאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט פיל הונדערטער קילאָמעטער מאַרשן, פיל געפאַרן און קאַמפן ביים דורכרייסן די באַן־ליניעס און גאַרניזאָנען, ביז זיי זענען מיט זייער געווער און אַמוניציע־לאַדונגען אָנגעקומען צום אָנגעצייכנטן פאַר זיי קאַמפס־ראַיאָן. שפּעטער זענען אַזעלכע אָפּטיילונגען און יחידים געוואָרפן געוואָרן דירעקט אין די ראַיאָנען מיט פאַראַשוטן פון עראָפּלאַנען.

די סאָוועטישע רעגירונג האָט אין דער פולער מאָס אָפּגעשאַצט דעם גרויסן באַטייט פון פאַרטיזאַנישן קאַמף אין דער מלחמה און זיג איבערן אָקופּאַנט און אים געווידמעט די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט.

אין די טאָג־באַפעלן פון גענעראַליסימוס סטאַלין, ביי דער געלעגנהייט פון פאַרשידענע ימים־טובים (1טער מאַי, אָקטאָבער, טאָג פון דער רויטער אַרמיי א״אַנד) און אין זיינע עפנטלעכע אַרויסטריטן, זענען די פאַר־טיזאַנער גערופן געוואָרן צו שטערן די קאָמוניקאַציע־ליניעס פון שונא, שטערן די פאַרבינדונגען און צושטעלונגען פון געווער, אַמוניציע און אַפּ־ראָוויזאַציע צום פראָנט, דורכפירן דיווערסיע־אַקטן און שלאָגן דעם דייטש אויף שריט און טריט.

אַ לענגערע צייט זענען אין די קריגס־קאָמוניקאַטן פון דער העכסטער אָנפירונג פון דער רויטער אַרמיי אויך איבערגעגעבן געוואָרן ידיעות וועגן דער קאַמפס־טעטיקייט פון די פאַרטיזאַנער אין פאַרשיידענע געגנטן קעגן דעם שונא.

מיר האָבן שוין אין פאָריקן קאַפּיטל דערציילט, אַז אָנפירנדיקע פער־זענלעכקייטן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און דער סאָוועטישער אַד־מיניסטראַציע זענען נישט אָפּגעטראָטן מיט דער רויטער אַרמיי, נאָר איבערגעבליבן אין אָקופּירטע שטחים, אַרויס אין די וועלדער און אָרגאַ־ניזירט די באַוועגונג פון די „נקמה־נעמער״ — די פאַרטיזאַנער־באַוועגונג. אין ראַיאָנען, ווו אַזוינע אָנפירנדיקע אָרגאַניזאַטאָרן זענען נישט איבער־געבליבן, האָט מען אַראָפּגעוואָרפן פון פאַראַשוטן אַחריותפולע מענטשן פאַר אָרגאַניזאַציע און קאָמאַנדשאַפט. ס׳רוב זענען עס געווען מענטשן,

וואָס האָבן פאַרנומען פאַר דער מלחמה, שליסל־פּאָזיציעס אין דער פּאַר־טייאישער און ציווילער אַדמיניסטראַציע אין די באַטרעפנדיקע ראַיאָנען, אין מערהייט פאַלן איז דער אָנפירער פון דער פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונג גלייכצייטיק געווען דער באַפולמעכטיקטער פון דער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי אין באַטרעפנדיקן ראַיאָן.

די פּאַרטיזאַנער אויפן שטח פון אַ גאַנצן „אָבלאַסט" (געגנט) האָבן געבילדעט אַ פאַראייניקונג. אין אַזאַ „איינס" זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אַ גרעסערע צאָל בריגאַדעס. יעדע בריגאַדע האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט פון 4־8 אָטריאַדן. אַן אָטריאַד האָט ס׳רוב געציילט 2־3 ראָטעס. קלענערע „איינסן" זענען געווען אַ „וזוואָד" און אַן „אָטדעלעניע" (אָפּטייל).

יעדע בריגאַדע איז געווען צוגעטיילט צו אַ געוויסן ראַיאָן פאַר קאַמפּס־טעטיקייט און אַפּראָוויזאַציע, לויט דער פאַרמלחמהדיקער סאָוועטישער איינטיילונג. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע־פאָרם איז געווען אָנגענומען אין כמעט אַלע פּאַרטיזאַנער ראַיאָנען. עס זענען אָבער געווען אָטריאַדן און פאַראייניקונגען מיט קליינע ענדערונגען אין דער אָרגאַניזאַציע־פאָרם.

די פאַראייניקונג פון קאָווּפּאַק, למשל, איז באַשטאַנען פון פיר באַטאַליאָנען. יעדער באַטאַליאָן, אָפּהענגיק פון זיין גרויס איז באַשטאַנען פון עטלעכע ראָטעס לויטן געווער־באַזיץ און די באַשטימטע פאַר אים אויפגאַבעס (ביקסן, קוילנוואַרפערס, אויטאָמאַטן, מינירונגס־ראָטעס, דיווער־סיע, שפּיאָנאַזש אאַז״וו). נישט געקוקט, וואָס די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג איז געווען געבויט לויטן מוסטער פון דער רעגולערער אַרמיי, האָט זי אָבער דאָך אין אַ נישט קליינער מאָס אָפּגעשפּיגלט די באַזונדערע פּאַר־טיזאַנער־אייגנשאַפטן, לעבנס־שטייגער, ספּעציפישע קאַמפּס־טאַקטיק און קריגס־מעטאָדן.

די אָנפירונג איז באַשטאַנען פון אָטריאַד־קאָמאַנדיר, קאָמיסאַר, שטאַב־נאַטשאַלניק, אויסשפּיר־נאַטשאַלניק („ראַזוויעדקאַ"), נאַטשאַלניק פון דער „באַזונדערער אָפּטיילונג" (נ. ק. ג. ב.), פּאָליטישער דערציִער („פּאָליט־רוק") און ראָטע־קאָמאַנדירן. עס זענען אויך געווען קאָמאַנדירן פון קליי־נע „איינסן" פאַר ספּעציעלע אויפגאַבן (שפּיאָנאַזש, דיווערסיע, מינירונג, אויסשפּיר, אַפּראָוויזאַציע אאַז״וו).

דער מיליטערישער ראַנג איז נישט געווען באַשטימענדיק ביים נאָמינירן קאָמאַנדירן אין דער פּאַרטיזאַנקע. די דערמאָנטע ראַנג־קלאַסיפיקאַציע איז געבליבן אין קראַפט ביזן סוף פון דער מלחמה, נישט געקוקט אויף די פיל ענדערונגען, וואָס זענען אין דעם פּרט פאָרגעקומען אין דער רויטער אַרמיי.

אין אַ טייל ראַיאָנען האָבן די אָטריאַדן און בריגאַדעס געטראָגן די נעמען פון רוסישע היסטאָרישע קריגס־העלדן, סאָוועטישע פירערס און פּאַרטיזאַנער־העלדן פון די יאָרן פון בירגערקריג (1917־1921). אין אַנדערע ראַיאָנען זענען די אָטריאַדן גערופן געוואָרן לויט די נעמען פון זייערע קאָמאַנדירן און אָרגאַניזאַטאָרן. געווען אויך מיליטערישע פּאַרטיזאַנער־איינסן, וועלכע זענען באַצייכנט געוואָרן מיט נומערן.

די פּאַרטיזאַנישע קאַמפּס־טאַקטיק און סטראַטעגיע איז אַ לגמרי אַנדערע ווי די פון דער רעגולערער אַרמיי אויפן פראָנט, ווו כסדר־דיקע קאַמפן און איבערוואַג אין מענטשן און געווער דעצידירן דעם מלחמה־גורל.

דער פּאַרטיזאַנער מיידט אויס אָפענע קאַמפן מיט אַ שטאַרקערן כּוח, וועלכער וואָלט אים באַזיגט. זיינע קאַמפס־אונטערנעמונגען פירט ער אויס אין דער נאַכט אָדער פאַרטאָג, אומגעריכט און אומדערוואַרט פאַרן שונא.

זיינע באַליבטסטע קאַמפס־פאָרם איז די „זאַסאַדע" (לויערונג) פון קוסטעס, וואַלד־ראַנדן, בערגלעך, קאַנאַלן ביי די שאָסייען אד"גל.

מען לאָזט דורך די ערשטע מאַשינען פון שונא און מען עפנט אַ געדיכטע שיסעריי פון די פּאַרמאַסקירטע פּאָזיציעס אויף די ווייטערדיקע, וועלכע ווערן צעשמעטערט, נאָך איידער זיי אָריענטירן זיך און באַווייזן צו פאַרנעמען פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס. אָפט הייבט מען אָן דעם קאַמף בעת עס באַקומט זיך אַן אויפרייס פון דער פריער־אונטערגעלייגטער מינע אויפן שאָסיי, וואָס צווינגט די מאַשינען צו בלייבן שטיין. נאָכן אָפּטאָן די דיווערסיע־אַרבעט „שמירט מען די פּיאַטעס" (סמאַזאַט פּיאַטקי"), מען אַנטלויפט צוריק צו די אייגענע באַזעס, אין די וועלדער נאָך איידער עס קומען אָן דייטשישע פאַרשטאַרקונגען.

אין דעם בוך פון באַרימטן דייטשן סטראַטעג קלאַוזעוויץ *) „וועגן דער מלחמה" ווערט געזאָגט:

„דער הויפּט־פּרינציפּ פון פּאַרטיזאַנער־איינהייטן איז נישט אַז זיי זאָלן זיין נומעריש גרויס און שטאַרק אין כוח, נאָר זיי דאַרפן זיין פּיל־און לייכט־באַוועגלעך. זיי דאַרפן זיין פעיק צו דערשיינען, פאַרשווינדן, צוריקקומען און זיך פון צייט צו צייט ווידער פאַראייניקן".

גענעראַל־מאַיאָר פּעטראָ ווערשיגאָראַ, קאָווּפּאַקס פאַרטרעטער, ברענגט אין זיין בוך „מענטשן מיט אַ ריינעם געוויסן", אייניקע כללים און דעפיניציעס צו דער קאַמף־ און סטראַטעגיע־טאַקטיק פון די פּאַרטי־זאַנער — אויפן סמך פון זיינע דערפאַרונגען, דערוואָרבענע בשעת דעם „סטאַלינישן" מאַרש צו די קאַרפּאַטן:

„מען דאַרף אויפנעמען אַ קאַמף נאָר אויף אַזאַ אָרט און ביי אַזוינע באַדינגונגען, וואָס זענען באַקוועם פאַר די פּאַרטיזאַנער און נישט באַקוועם פאַרן שונא. אַלץ הענגט אָפּ דערפון, ווער עס האָט די איניציאַטיווע. אין דעם פּאַרטיזאַנער־קריג איז די איניציאַטיוו תמיד אין אונדזערע הענט. דער שונא ווייס נישט און קען נישט וויסן ווו מיר געפינען זיך און פון וואַנען ער קען אונדז דערוואַרטן. אין יעדן פאַל ווייסט ער דאָס נישט אַזוי לאַנג ביז עס באַווייזן זיך נישט קיין שפּיאָנען און פאַררעטער". (דאָרט, ז' 78).

די הויפּט טאַקטישע חכמה פון די אונטערגרונט־כוחות באַשטייט אין כסדרדיקן אָנגרייפן — פאַרשטייט זיך, נאָר ביי גינסטיקע באַדינגונגען פאַר די פּאַרטיזאַנער און קיינמאָל נישט אַריינצוגיין אין אַ פאַרטיידי־קונגס־קאַמף, אַפילו נישט אויף סטאַבילע פּאָזיציעס, און געוויס נישט ביי באַדינגונגען פון אַן אַרומקרייזונג. אין פאַל פון אַ גרויסער אָבלאַווע אָדער בלאָקאַדע דורך גרויסע פיינטלעכע כוחות, איז פאַראַן נאָר איין וועג: „זיך צעשיטן אין קליינע גרופּעס און זיך אַדורכשמוגלען דורך די שפּאַלטן פון דער פיינטלעכער קאָנצענטראַציע, מחוץ דער אַרומרינגלונג און דאָרט זיך ווידער קאָנצענטרירן" (די טאַקטיק פון דעניס דאַווידאָוו, אַ רוסישער

*) געדינט אין דער רוסישער אַרמיי אין דער מלחמה פון 1812 און גוט געקענט די פּריסישע דערפאַרונג אין פּאַרטיזאַנישע אָפּעראַציעס אין פריהייטס־קריג קעגן די פראַנצויזן אין דייטשלאַנד (1813).

פּאַרטיזאַנישער קאַוואַלעריע־אָפיציר אין דער מלחמה פון 1812. זיינע רייטער פלעגן, בשעת זיי זענען אָנגעגריפן געוואָרן פון שטאַרקע פראַנצויזישע כוחות, זיך צעשיטן און זיך ווידער צונויפזאַמלען נאָכדעם אויף אַ פון פריער באַשטימטן פלאַץ).

אָבער עס זענען פאַראַן פאַלן, ווען נישט די פּאַרטיזאַנער זענען די וואָס באַשטימען די צייט און די קאַמפּס־באַדינגונגען. ווערשיגאָראַ רעזומירט די כאַראַקטעריסטישע פאָרם פון אַ פּאַרטיזאַנער־קאַמף אין פאַרטיידיקונג:

„אַ פאַרטיידיקונגס־קאַמף איז זעלטן ווען אינטערעסאַנט. מען דאַרף נישט דערלאָזן, אַז דער שונא זאָל צוגיין צו דעם פּאַרטיזאַנישן באַזיס. מען דאַרף מאַסקירן און שיצן דעם שטאַב, די פאַרוואונדעטע און די אַפּראָוויזאַציע־רעזערוון, פאַרציען דעם קאַמף ביז זונפאַרגאַנג אָן דעם, אַז דער שונא זאָל זיך דערוויסן דעם אמתן מצב פון די פּאַרטיזאַנער אין מענטשן, געווער און אַמוניציע. אַלע כוחות דאַרפן געהאַלטן ווערן אין רעזערוו פאַרן אַנטשיידנדיקן מאָמענט, אין פאַל ווען דעם פייַנט זאָל געלונגען צו קאָנצענטרירן שטאַרקע כוחות נאָך אין דעם זעלביקן טאָג. פאַרציט זיך דער קאַמף ביזן אָוונט, דאַרף מען איבעררייסן דעם קאָנטאַקט מיטן שונא און נעלם ווערן”.

(דאָרט ז׳ 68).

זיך אַרויסדרייען פון שונא, פאַרווישן די שפּורן און פאַרשווינדן, דאָס איז די טיפּישע פּאַרטיזאַנער־טאַקטיק אין אַלע סיטואַציעס. אין פאַל פון אַ נצחון אַנטלויפט מען צוזאַמען מיט די טראָפייען אין אַמוניציע און געווער, ווייל עס קענען אינצווישן אָנקומען פאַרשטאַרקונגען און הילף פאַרן שונא. אין פאַל פון אַ מפּלה איז דאָס פאַרשווינדן דער איינציקער וועג נישט פאַרניכטעט און צעריבן צו ווערן דורך די רעדער פון שונאס מאָדערנער טעכניק. די געדיכטע רוסישע וועלדער און די גרויסע שטחים דערמעגלעכן לייכט דאָס פאַרשווינדן אומזעבאַר פון שונא.

עס טרעפט אָבער אויך, אַז די גאַנצע פּאַרטיזאַנישע טאַקטיק נוצט נישט און עס איז נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט אַרויסצודרייען זיך פון אַ קאַמף מיטן שונא. אין אַזאַ פאַל נעמט דער פּאַרטיזאַנישער קאַמף אָן די טאַקטישע און סטראַטעגישע פאָרם פון אַ רעגולערער אַרמיי. דער

פּאַרטיזאַן קען נישט בלייבן אַ לענגערע צייט אַ בלאָקירטער אין די וועל־דער, פּשוט, צוליב דער דראָענדיקער סכנה פון אַ הונגער־טויט:

„פון אַן אַרומרינגלונג און בלאָקאַדע מוז מען זיך וואָס גיכער אַרויס־באַקומען, אָדער זיך קיינמאָל נישט אַרויסבאַקומען".
(ווערשיגאָראַ, דאָרט ז' 17).

אויב די דייטשע בלאָקאַדע איז געווען אַזאַ געדיכטע, אַז ס'איז פּשוט נישט געווען מעגלעך צו אַנטלויפן דורך די „שפּאַלטן" פון דעם שונאס קאָנצענטראַציע, פלעגט מען מאַכן אַ פּלוצלינגדיקן קאָנצענטרירטן אַנגריף אויף איין פליגל פון שונא (אָפּציִענדיק דעם שונאס אויפמערקזאַמקייט אין אַנדערע ריכטונגען), ס'רוב אונטערן דעקמאַנטל פון דער נאַכט־פינצטער־ניש, דעם געטרייען פריינט פון די פּאַרטיזאַנער און אַזוי אַרום, מיט קאַמף אַרויסדרייען זיך פון דער בלאָקאַדע.

איינע פון די הויפּט־אונטערשיידן צווישן דער רעגולערער אַרמיי און די פּאַרטיזאַנער איז: מאַקסימאַלע קאָנצענטראַציע ביי דער רעגולערער אַרמיי; מאַקסימאַלע פּאַנאַנדערשפּרייטונג — ביי די פּאַרטיזאַנער.

די פּאַראייניקונג פון גענעראַל באָזשענקאָ, וועמענס טעטיקייטס־זאָנע איז געווען די קאַפּוליער וועלדער (מזרח־ווייסרוסלאַנד) האָט באַקומען פון מאָסקווע אַ באַפעל צו פאַרוואַנדלען אין פּאַרטיזאַנישע זאָנעס די ראַיאָנען גראָדנע און ביאַליסטאָק, וואָס זענען דורך די דייטשן איינגעשלאָסן גע־וואָרן אין די גרענעצן פון „רייך".

אין נאָוועמבער 1943 האָט די פּאַראייניקונג פאַרסירט דעם ניעמאַן מיט איר גאַנצן באַגאַזש (לערך 5.000 פּאַרטיזאַנער, הונדערט וועגענער, אַרטילעריע, אַמוניציע אאַז"וו) און געמאַרשירט אין מיטן העלן טאָג לענג־אויס דעם שאָסיי לידאַ־גראָדנע. דער מאַרש אַהינוועגס איז געווען איין גרויסער נצחון פאַר דער פּאַרטיזאַנער פּאַראייניקונג (דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט זיך באַטייליקט אין מאַרש). גרופּן מינירער האָבן אויפגעריסן די אייזנבאַן־רעלצן, אַנגעגריפן די קליינע גאַרניזאָנען און די פּאָליציי־סטאַנציעס אין די דערפער.

מען האָט מודיע געווען די דייטשע געביטס־קאָמיסאַרן אין גראָדנע און ביאַליסטאָק, אַז די רוסן האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון עראָפּלאַנען אַ שטאַר־קע דעסאַנט־אַרמיי מיט שווערע וואָפן.

די געביטס־קאָמיסאַרן האָבן אָפּגעהאַלטן שטאַרקע דייטשע כּוחות וואָס זענען געפאָרן צו די פראָנטן און זיי געוואָרפן אויף די פּאַרטיזאַנער. די באָמבאַרדירונג פון צוויי עראָפּלאַנען־עסקאַדריליעס און די בלאָקאַדע פון גרויסע דייטשע כּוחות האָט נישט דערמעגלעכט די פּאַרטיזאַנער זיך באַזירן אין דער „רוסקער" פּושטשע, וווהין זיי האָבן זיך אַריינגעריסן מיט קאַמף. די פּאַראייניקונג האָט איבערגעלאָזן איר גאַנצע אויסריכטונג: די האַרמאַטן, מינען־וואַרפערס און אַפילו פערד פון די אויסשפּיר־אָפּטיילונגען און געווען געצוווּנגען זיך צוריקצוציִען מיט שווערע פאַרלוסטן דורך זומפּן און וועלדער, צו דער פּאַרטיזאַנער־זאָנע אין דער ליפּיטשאַנער פּושטשע.

אין אַפּריל 1944 האָט גענעראַל באָזשענקאָ אַריבערגעפירט זיין פּאַראייניקונג אין די ראַיאָנען גראָדנע און ביאַליסטאָק, אָנווענדנדיק אַן עכט־פּאַרטיזאַנישע טאַקטיק: ער האָט זיי אַריבערגעשיקט אין קליינע גרופּעס אָטריאַדנווייז דורך זומפּן און וועלדער און זיי האָבן זיך צעשפּרייט איבער אַלע וועלדער און געגנטן. דאָס מאָל איז אים די אויפגאַבע געלונגען, די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך פאַרפעסטיקט און אַוועקגענומען פון די דייטשן יעדע מעגלעכקייט אַריינצוגיין אין אַן אָפענעם קאַמף מיט דער גאַנצער פּאַראייניקונג אין איין אָרט.

ווערשיגאָראַס דעפיניציע, אַז „דאָס וואַנדערן, די באַוועגונג, איז די מוטער פון דער פּאַרטיזאַנישער סטראַטעגיע און טאַקטיק" (דאָרט, ז' 305) — האָט באַקומען איר פולע באַשטעטיקונג ביים רוסישן קאָמאַנדיר, קוטוזאָוו. אין זיין בריוו צום פּאַרטיזאַן דאָראָכאָוו, וואָס פלעגט זיך נוהג זיין אָננעמען אַ טאַקטיק פון פאַרטיידיקונג, ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט:

> „דער פּאַרטיזאַן דאַרף בלייבן אויף איין אָרט, בלויז כּדי צו פאַרזאָרגן די מענטשן און די פערד מיט עסן. די כּסדרדיקע באַוועגונג איז פאַרן פּאַרטיזאַן די באַקוועמסטע פּאָזיציע".
> (ווערשיגאָראַ, דאָרט ז' 206).

די פּאַראייניקונג פון קאָווּפּאַק האָט טאַקע אָנגעווענדט דעם מעטאָד פון כּסדרדיקער באַוועגונג. ווערשיגאָראַ זאָגט וועגן דעם קאַמפּס־נוסח פון דער דאָזיקער פּאַראייניקונג:

„אונדזערע קריגס־טעטיקייט האָבן מיר תּמיד דורכגעפירט גייענדיק

און אונדזער טאַקטיק איז דערויף געבויט, אַז נישט דאַרפנדיק פּאַרטיידיקן קיין שטחים זאָלן מיר דעם שונא אַנגרייפן דורך כסדרדיקע איבערפאַלן. דאָס איז דאָך טאַקע דער קערן פון אונדזער טאַקטיק — פּאַראומממעגלעכן דעם שונא אונדז צו בלאָקירן".

(דאָרט ז' 51).

עס האָבן פּאַקטיש עקזיסטירט פּאַרטיזאַנישע אײנהייטן, וואָס האָבן זיך באַפעסטיקט אין די געדיכטע וועלדער און זומפּן און זיך דאָרט כסדר אויפגעהאַלטן. די דייטשן האָבן בשום אופן נישט געקענט אַהין צוקומען מיט זייער מעכאַניזירטן שווערן געווער.

אָבער אויך אַזוינע אָטריאַדן מיט אַ סטאַבילן זיץ־אָרט פלעגן בייטן זייערע באַזיסן, כדי צו מאַסקירן און פאַרווישן זייערע שפּורן.

אין 1943 האָט אַ קאָנקרעטער טייל פון פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד זיך אויפגעהאַלטן אין דערפער אינערהאַלב די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס. זיי פלעגן אויסקלייבן די דערפער, וואָס געפינען זיך ביי די ראַנדן פון וועלדער, כדי אין פאַל פון אַ סכנה, צו האָבן די מעגלעכקייט באַלד אַריינבאַפּן זיך אין זייער „פעסטונג", אין די וועלדער.

אַן אַלגעמיינע דעפיניציע פון דער פּאַרטיזאַנישער טאַקטיק איז דער פּרינציפּ: „גרייף אָן און אַנטלויף!" אָדער לויטן פאָלקסטימלעך־פּאַרטיזאַנישן אויסדרוק: „שמירן די פּיאַטעס", נאָך דער דורכגעפירטער אויפגאַבע, אַנטלויפן צו דער באַזע, צו די, פּאַרן פיינט, אָפּגעשלאָסענע וועלדער און זומפּן. אין דער געדיכטעניש פון גרויסן וואַלד פילט זיך דער פּאַרטיזאַן זיכער. ער ווייסט, אַז אַהין וועלן אים די דייטשן נישט וואַגן נאָכצולויפן. דער בוים און די פינצטערע נאַכט זענען די פאַרבינדעטע פון דעם פּאַרטיזאַנער.

אין דער פּאַרטיזאַנישער קאַמפס־טאַקטיק פאַרנעמט אַ וויכטיקן פּלאַץ פּיפּיקייט, איבערקליגן דעם שונא און פאַרנאַרן אים. מען בעט דורכן טעלעפאָן אין דער דייטשער שפּראַך הילף ביי אַ גאַרניזאָן און דאָ וואַרט מען שוין אָפּ אויף אַ צוגעפּאַסטן אָרט און מען פאַרניכטעט אים. די רוסישע פּאַרטיזאַנער־ליטעראַטור דערציילט וועגן פיל פאַלן פון אָפּנאַרן און פאַרפירן די „פריצן".

אַלס כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל קען דינען דער פאַל, ווי אַזוי די

בריגאַדע א״ב „קיראָוו״ (טעטיקייטס־ראַיאָן, לידע־נאָוואָגרודעק), האָט פאַר־נאַרט און פאַרניכטעט דעם דייטשן גאַרניזאָן פון דאָרף בערעזאָווקע.

אַ ווזוואָד פון יידישן אָטריאַד „אָרדזשאָניקידזע״ (נאָוואָגרודקער ראַ־יאָן) איז אין מיטן העלן טאָג אַריינגעפאַלן אין דאָרף וואַסילעוויטש און אָנגעהויבן שיסן אין דער לופטן, שלאָגן די פויערים, ראַבירן און באַפוילן צוגרייטן די דאָרפישע באָד אויף 4 אַזייגער נ. מ. מען האָט אינסצעניזירט אַן אַנטוואָפענונג פון די פאַרטיזאַנער, כלומרשט צוליב זייער שיכרות. דאָס איז אַלץ געטון געוואָרן, בכדי עס זאָל זיך געפינען אַ פויער, וואָס זאָל מסרן אין נאָנטסטן דייטשן גאַרניזאָן, אַז אַ קליינע גרופע אומבאַ־וואָפנטע, שיכורע, יידישע פאַרטיזאַנער הוליען אין דאָרף און קענען זיין אַ לייכטער רויב פאַר די דייטשן. די פאַרטיזאַנער וועלנדיק זיין זיכער מיטן דערפאָלג, האָבן אַרויסגעשיקט אַ פויערישן פאַרבינדונגס־מאַן צו דענונצירן.

דאָס שפּיצל האָט זיך איינגעגעבן. זיבן פורן מיט פּאָליציי־לייט און מאַשינעס מיטן דייטשן לייטענאַנט קורט בראש, זענען געפאָרן קיין וואַ־סיליעוויטש נעמען לעבעדיקערהייט אין געפאַנגענשאַפט די שיכורע יידי־שע פאַרטיזאַנער. אָבער אויפן מיטן וועג זענען זיי באַגעגנט געוואָרן מיט אַ הוראַגאַן־פייער פון לויערונגען דורך אַ ריי אָטריאַדן פון דער א״ד ברי־גאַדע. נאָך אייניקע מינוטן זענען געלעגן לערך 50 דערהרגעטע ווייס־רוסישע פּאָליציסטן און דייטשן, צוזאַמען מיט דעם לייטענאַנט קורט. זייער גאַנץ געווער און אַמוניציע זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די פּאַר־טיזאַנער.

אין דער ערשטער תקופה פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, ווען עס האָט זיך געפילט אַ געוואַלדיקער מאַנגל אין געווער, איז אַלץ געטון גע־וואָרן צו מאַסקירן פאַר די פויערים, דעם דאָזיקן בלויז. ביי די פויערים האָט געמוזט הערשן די אילוזיע, אַז די פּאַרטיזאַנער שטעלן מיט זיך פאָר אַ כוח און זענען גוט באַוואָפנט.

ביים אַריינפאָרן ביינאַכט אין אַ דאָרף (דאָן פלעגט מען אַרויסגיין פון די וועלדער נאָר ביינאַכט), פלעגט דער קאָמאַנדיר ספּעציעל אויסשרייען זיינע באַפעלן הויך, אַז דאָס גאַנצע דאָרף זאָל הערן: אַ ווזוואָד אויף לינקס,

אַ ווזוואָד אויף רעכטס; צווי קוילן־וואַרפערס ביי איין ברעג און צווי ביים צווייטן ברעג פון דאָרף! אויטאָמאַטשיקעס הינטער די שייערן!״ ... אאַז״וו.

הגם דאָן זענען נאָך טיילן פון די אָטריאַדן נישט געווען באַוואָפנט, האָט דער פויער פאַר זיינע אויגן נישט געזען קיין אומבאַוואָפנטן פאַרטיזאַן. צוליב דעם פלעגט אויסקומען איבערצוגעבן איינער דעם צווייטן די עטלעכע ביקסן ביים אַריינגיין צו אַ פויער אין הויז.

ביי די פויערישע איינגעבוירענע געוווינהייטן צו איבערטרייבן, איז די צאָל פון די פאַרטיזאַנער געוואַקסן אין זייער פאַנטאַזיע הונדערט־פאַכיק און זייער שרעק און ערנסטע באַציִונג האָבן זיך איבערגעגעבן די דייטשן און דער פאָליציי, אויף וועמען עס איז געפאַלן אַ מורא פאַרן פאַרטיזאַנישן כּוח.

אין דער ערשטער תקופה ווען די פאַרטיזאַנער זענען באַשטאַנען פון איינצלנע קליינע גרופּעס און האָבן נאָך נישט געוואַגט אָנצוגרייפן דעם שונא — איז דער ווינטער פאַר זיי געווען אַ שווערע און געפערלעכע צייט. די שפּורן אין שניי האָבן לייכט געקענט פאַרראַטן זייערע באַזיסן און באַהעלטענישן. דאַקעגן אין דעם צווייטן פעריאָד, ווען די דייטשע האָבן שוין נישט געוואַגט זיך צו דערנענטערן צו די וועלדער אָן שטאַרקע מיליטערישע כּוחות, איז דער ווינטער געוואָרן באַקוועם פאַר די פאַרטיזאַנער. אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם גענעראַל־מאַיאָר ווערשיגאָראַ:

„נישטאָ קיין פּאַסיקערע צייט פאַר פאַרטיזאַנישע אַקציעס, ווי אין דעם שווערן רוסישן ווינטער ווען אַלע וועגן זענען באַדעקט מיט טיפע שנייען און דער גאַנצער אויטאָ־ און מאַשין־פאַרקער מוז זיך באַשרענקען בלויז מיטן שאָסיי. ווינטער פאַרלירט דער פיינט זיין הויפּט־איבערוואָג — די שנעלע מאַנעווירירונג, ער קען מאַנעווירירן בלויז מיט שליטנס. אַזוי ווי די איניציאַטיוו איז אין אונדזערע הענט, ווייל מיר דיקטירן די ריכטונג, הייסט עס, אַז דער ערשטער מיטל אין מלחמה־מאַנעווירירונג איז אויף אונדזער זייט.

„ווינטער איז די נאַכט לאַנג און דער טאָג קורץ. בייגאַכט הערשן די פאַרטיזאַנער. די צווייטע מעלה: די פיינטלעכע עראָפּלאַנען־טעטיקייט אין דער צייט איז פול מיט געפאַרן. און די דריטע און פערטע מעלה: שווערע באַדינגונגען אויף אויסצושפּירן און אַנטדעקן אונדזערע פּאָזיציעס. נאָך איידער דער פיינט דערגייט צו אונדזערע באַזיסן, פאַלט צו די נאַכט און צומאַרגנס דאַרפן זיי אָנהייבן אַלץ פון דאָס ניי.

„אויפן אָרט וווּ דער אָטריאַד איז געשטאַנען נעכטן איז ער שוין היינט נישטאָ. ווינטער־צייט קענען מיר אָנפאַלן אומעטום וווּ מיר ווילן נאָר".

(„מענטשן מיט אַ ריינעם געוויסן", ז' 192).

דאָס געפינען זיך פיל הונדערטער קילאָמעטער אין טיפן הינטערלאַנד פֿון שונא, אַרומגערינגלט פֿון גאַרניזאָנען און פּאָליציי־ פּאָסטנס, האָט געצווונגען די פּאַרטיזאַנער, אין דער ערשטער פּאַזע פֿון איר אַנטוויקלונג, צו די פֿאַרשיידנסטע פּאַרזיכטס־מיטלען, וועלכע האָבן געדאַרפט באַוואָרענען פּלוצימדיקע אָנפאַלן פֿון שונא אויף דער באַזע פֿון אָטריאַד און אויף זייער וועג צו קאַמפּס־ און ווירטשאַפטס־אויפגאַבעס.

די פּאַרטיזאַנער אויפן וועג צו זייערע קאַמפּס־אויפגאַבעס מחוץ דער פּאַרטיזאַנער־זאָנע פּלעגן קיינמאָל נישט אַריינגיין אין קיין שטוב, נישט איבערלאָזנדיק קיין וואַך־פּאָסטן אין דרויסן, כדי זיי זאָלן נישט איבערפאַלן ווערן אָן אַ וואָרענונג.

פּאַרטיזאַנער האָבן אין זייער מאַרשן נישט געטאָרט איבערלאָזן קיין שפּור. מען פּלעגט פֿאַרווישן יעדן שפּור נאָך זיך, בכדי אין פֿאַל פֿון אַ מסירה, זאָל דער שונא נישט קענען זיי פֿאַרפֿאָלגן.

אין די צייטן פֿון גרויסע אָבלאַוועס, ווען מען איז געווען געצווונגען אָוועקצוגיין פֿון אייגענעם ראַיאָן, בכדי אויסצומיידן אומגעוווּנטשענע קאַמפן מיטן פיל שטאַרקערן שונא, פּלעגט מען ביים אַריבערגיין אַ באַן־ליניע אָדער אַ טראַקט, גיין הינטערווייַלעכטס, אַזוי, אַז די טריט זאָלן אויסקומען פֿאַרויס. מען פּלעגט אויסמיידן ווי ווייט מעגלעך דערפער און ישובים און גיין דורך וועלדער און בלאָטעס. בכלל פּלעגט מען אויסזוכן וועגן, אויף וועלכע עס בלייבן נישט קיין סימנים.

באַזונדערס באַשווערט איז געווען צו פֿאַרווישן די שפּורן ווינטער־צייט ווען דער שניי האָט געמסרט יעדע באַוועגונג פֿון די פּאַרטיזאַנער און דאָס זיך־אָרט. די פּויערים האָבן פֿאַר קיין פֿאַל נישט געטאָרט וויסן דעם גענויעם זיך־אָרט פֿון אָטריאַד און זיי איז נישט געווען דערלויבט דערנענטערן זיך צו דער וואַלד־זאָנע פֿון די פּאַרטיזאַנער. אַ פּויער, וועלכער איז געכאַפּט געוואָרן אין שכנות פֿון זיך־אָרט פֿון די אָטריאַדן, איז אויף יעדער עווענטואַליטעט אָפּגערוימט געוואָרן, ווייל די דייטשן פּלעגן ספּע־

ציעל אַרויסשיקן פּויערים־שפּיאָנען, מיט דער אויפגאַבע צו דערוויסן זיך דעם זיץ־אָרט און פּלאַן פון דעם פּאַרטיזאַנער־לאַגער. אַ פּויער, וועלכער פלעגט זיך נאָר אינטערעסירן וועגן דעם אין אַ שמועס מיט פּאַרטיזאַנער, איז שוין געווען אונטערן חשד פון שפּיאָנאַזש.

אַזוי ווי אַ טייל פּויערים האָבן זיך געפּילט באַעוולט פון די פּאַרטיזאַנער צוליב דעם כסדרדיקן נעמען ביי זיי שפּייז און מלבושים בעת די פּאַרגרייטונגען („באָמביאָזשקעס״ — אויפן פּאַרטיזאַנישן לשון), האָט מען געמוזט זיין זייער פּאָרזיכטיק מיט די סודות פון אָטריאַד און זיין באַזע. מען דאַרף אויך ־נישט פּאַרגעסן, אַז צווישן די פּויערים זענען געווען קרייזן, וועלכע זענען געווען איינגעשטעלט פיינטלעך קעגן דער סאָוועטן־מאַכט און במילא אויך קעגן דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע.

די פּאַרטיזאַנער האָבן אָן רחמנות אויסגעראָטן די פּויערים, וועלכע מען האָט חושד געווען אין שפּיאָנאַזש און מיטאַרבעט מיט דער אָקופּאַציע מאַכט. דאָס צעשיסן די קעגנערס און פּאַרברענען זייערעווירטשאַפטן האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף די פּויערים און זיי צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז זיי דאַרפן זיך אונטערדאָרדענען יעדן באַפעל פון די פּאַרטיזאַנער און באַטראַכטן זיי, ווי די פּאַקטישע הערשערס פון געגנט.

עס זענען געווען פאַלן, ווען פּויערים פלעגן מחמת נקמה, וואָס די פּאַרטיזאַנער האָבן ביי זיי רעקווירירט שפּייז אָדער זאַכן, מסרן אין דעם נאָענטסטן גאַרניזאָן דאָס זיץ־אָרט, אָדער די באַוועגונגען פון די קעמפּערס און צוליב דעם פלעגן זיי נישט זעלטן באַצאָלן מיט קרבנות. אַזאַ פּויער פלעגט שוין נישט וואַרטן אויף חסד, פלעגט אַנטלויפן און אויסבאַהאַלטן זיך אין אומגעגנט, וווּ עס פלעגט סטאַציאָנירן אַ דייטשער גאַרניזאָן.

די וועלדער, אין וועלכע עס זענען געשטאַנען פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן, זענען טאָג און נאַכט אָפּגעהיט געוואָרן דורך „קאַראַולן״ (וואַכן), וואָס האָבן געדאַרפט, אין פאַל פון אַ סכנה, אַלאַרמירן פּרייציייטיק דעם אָטריאַד וועגן דער דראָענדיקער געפאַר.

די וואַך האָט אַריינגעלאָזן אויפן שטח פון אָטריאַד נאָר דעם, וועלכער האָט געוווּסט דעם אָפּגערעדטן „פּאַראָל״ פון טאָג. פאַר שלאָפן אָדער דרעמלען אויף דער וואַך איז געווען איין שטראָף — טויט, אָן אַפּעלאַציע.

חוץ די וואַכן ביים ראַנד פון די וועלדער ליגן פּאַרמאַסקירט וואַכן

אויף אַ „סעקרעט" (געהיים־אָרט) ביי די צענטראַלע וועגן, וועלכע האָבן געפירט צו די גאַרניזאָנען. אַלס דערגענצונג צו דעם אַלעמען האָט געדינט דאָס רייטער־אויסשפּיר־דינסט, וואָס האָט זיך געפונען ביי יעדן אָטריאַד און בריגאַדע און פלעגט זיך באַוועגן האַרט ביי די גאַרניזאָנען.

די פאַרבינדונגס־מענער, (סוויאַזניע), אָדער א. ג. „לעגאַלשטשיקעס" אין די דערפער, וועלכע פלעגן אינפאָרמירן די פּאַרטיזאַנער וועגן די באַוועגונגען פון די דייטשן, שטימונגען ביי דער באַפעלקערונג און אַרויסגעבן די פויערים־שפּיאָנען, וועלכע האָבן קאָלאַבאָרירט מיטן דייטש, האָבן פיל מיטגעהאָלפן צו דער עקזיסטענץ־מעגלעכקייט און פונאַנדערוווקס פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. אָפט פלעגט אַזאַ פאַרבינדונגס־מאַן מיט דער הסכמה פון דער פּאַרטיזאַנער־לייטונג, זיין גלייכצייטיק דער „סאָלטיס" (דאָרף־עלטסטער) פון דאָרף און קומען אין דירעקטער פאַרבינדונג מיט דייטשן. נישט זעלטן פלעגן זיי אַפילו דורכפירן קאַמפס־אויפגאַבעס אין די שכנישע שטעטלעך, ווי, למשל, אַוועקלייגן מינעס, וואָס זיי האָבן באַקומען פון די פּאַרטיזאַנער. אַזוינע פאַרבינדלערס זענען געווען סימפּאַטיקער פון סאָוועטישן רעזשים. אַ סך פון זיי האָבן געוווּסט דעם אָרט פון די פּאַרטיזאַנער־באַזיסן און אַפילו געהאַט אַ פרייען צוטריט צו זייערע לאַגערן. די דאָזיקע פאַרבינדלער פלעגן אויך אינפאָרמירן די פּאַרטיזאַנער וועגן פרעמדע חשד־פולע מענטשן וואָס דרייען זיך אַרום אין די דערפער, און וועלכע זענען פאַרדעכטיקט אַלס דייטשע שפּיאָנען.

אַ באַזונדערס וויכטיקער פאַקטאָר האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דער אויסשפּיר־דינסט, וואָס איז טעטיק געווען אָן איבעררייס, סיי בשעת דער אָטריאַד האָט געמאַרשירט און סיי ווען ער האָט גערוט אָדער געקעמפט. אין יעדע פּאַרטיזאַנער־פאָרמאַציע איז געווען אַן אָפּטיילונג פון רייטער־אויסשפּירער, וואָס פלעגן צוקומען גאָר נאָענט צו די פיינטלעכע קאָנצענטראַציעס און זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן זייערע באַוועגונגען און דייטשע פלענער. אין פאַל פון אַ באַמערקטער דייטשער קאָנצענטראַציע און צוגרייטונג צו אַן אָנגריף, האָבן דאָס די אויסשפּירער תיכף געמאָלדן דעם פּאַרטיזאַנער־שטאַב. וויכטיקע ידיעות זענען איבערגעגעבן געוואָרן קיין מאָסקווע דורך ראַדיאָ. לויט די מסקנות, אויפן סמך פון די אויסשפּיר־

רעזולטאַטן, פלעגט דער שטאַב אונטערנעמען די נייטיקע שריט צו עוואַ־קואַציע פון דער באַזע אָדער קאַמפּס־אָפּעראַציע.

אַ וויכטיקע ראָלע דערפילט די אויסשפּיר־רייטער־אָפּטיילונג בשעת דער אָטריאַד איז אין באַוועגונג. די אויסשפּירער צעשפּרייטן זיך איבער אַלע ישובים, אויף די וועגן ווו דער אָטריאַד גייט פאַרביי, פאַלגט נאָך די שפּורן פון דעם שונאס באַוועגונגען און קאָנצענטראַציעס און פאַרזיכערט אַזוי אַרום דעם „עק" און די פליגל פונעם אָטריאַד.

די דייטשן האָבן באַטראַכט די פּאַרטיזאַנער, נישט ווי אַן אַרמיי וואָס קעמפט פאַר באַפרייאונג, נאָר ווי „באַנדיטן"... (אין אַלע זייערע עפנטלעכע פּובליקאַציעס פלעגן זיי באַצייכענען די פּאַרטיזאַנער אַלס „סטאַלינס־באַנ־דיטן...") דאָס אינטערנאַציאָנאַלע געזעץ וועגן קריגס־געפאַנגענע איז דאָ לגמרי נישט געווען חל. די פּאַרטיזאַנער האָבן געקעמפט אונטערן לאָזונג: „אַ טויט די דייטשע אָקופּאַנטן און אַריינדרינגלער".

שרעקלעך איז געווען דער גורל פון אַ פאַרוווּנדעטן פּאַרטיזאַן, וועלכער האָט נישט געקענט אַנטלויפן צוזאַמען מיט די אָפּטרעטנדיקע חברים. אין איילעניש פלעגן די פּאַרטיזאַנער נישט זעלטן זיין געצוווּנגען איבערצולאָזן דעם פאַרוווּנדעטן חבר אויף זיין אייגענעם גורל.

דער גורל פון אַ פּאַרטיזאַן, וועלכער פלעגט אַריינפאַלן אַ לעבעדיקער צו די דייטשן, איז געווען אַ פאָרויס באַשטימטער — עפנטלעכע תליה נאָך שרעקלעכע פּייניקונגען.

דאָס האָט געדאַרפט ווירקן אָפּשרעקנדיק אויף דער באַפעלקערונג. לויטן פּאַרטיזאַנישן קריגס־געזעץ האָט אַ פּאַרטיזאַן נישט געטאָרט לאָזן זיך נעמען לעבעדיקערהייט אין געפאַנגענשאַפט. ער פלעגט זיך אַליין מוזן דערשיסן מיט דער לעצטער קויל. אין פאַל פון אַן אוממעגלעכקייט מיט־צונעמען דעם פאַרוווּנדעטן, האָבן זיינע חברים אים געדאַרפט דערשיסן, בכדי ער זאָל נישט אַרויסגעבן קיין סודות אונטערן דרוק פון די דייטשע טאָרטור־אויספאָרשונגען.

די פּאַרטיזאַנער פלעגן אָבער אויך אָפּצאָלן די דייטשן מיט דער זעל־ביקער מטבע. זייערע קעגנזייטיקע קאַמפּס־מעטאָדן זענען געווען אומ־ברחמנותדיקע. בלויז אין זעלטענע פאַלן האָט מען אַ געפאַנגענעם שונא געלאָזט לעבן. באַזונדערס ווען דער געפאַנגענער האָט געהערט צו יענע

פעלקער, וואָס זענען דורך די דייטשן אויפגעצוווּנגען געוואָרן צו קעמפן אין זייערע רייען (אונגאַרן, בולגאַרן אאַז"וו) און ער האָט אויסגעדריקט זיין ווונטש צו קעמפן אין די פּאַרטיזאַנער־רייען. עס זענען אויך געווען פאַלן ווען געפאַנגענע העכערע אָפיצירן זענען מיט ערָאָפּלאַנען איבער־געפירט געוואָרן קיין מאָסקווע, כדי אַרויסצובאַקומען פון זיי וויכטיקע מיליטערישע סודות.

אין סוף 1942 האָבן זיך די דייטשן איבערצייגט, אַז אין זייער הינ־טערלאַנד איז אויפגעקומען אַ מעכטיקער כוח וואָס באַדראָט זייערע נצחונות אויף די פראָנטן, זיי האָבן אָנגעהויבן מאַכן אָבלאַוועס און בלאָ־קאַדעס אויף די פּאַרטיזאַנער־וועלדער.

אַ גאָר ערנסטע סכנה האָבן געבילדעט פאַר זיי די פּאַרטיזאַנישע פאָרמאַציעס, וואָס זענען טעטיק געווען ביי די פראָנט־געביטן און ליניעס. אַ פאַרבאַדינג צו אַ דייטשער אָפּענסיווע איז אַלעמאָל געווען — אַן אַקציע קעגן פּאַרטיזאַנער ביי די פראָנט־ליניעס. די דאָזיקע אָטריאַדן האָבן אויך געהאַט גרויסע פאַרלוסטן און אַ סך פון זיי זענען געגנצלעך פאַרניכטעט געוואָרן פון מעכטיקע דייטשע כוחות וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער צווייטער פראָנט־ליניע. אַ סך פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונגען זענען געווען געצוווּנגען אַריבערצוגיין אין ראַיאָנען אין טיפן הינטערלאַנד (מערב־ווייסרוסלאַנד, פּאָלעסיע, צפון־וואָלין אאַז"וו), אין ערטער ווו די וועלדער זענען געווען גרויסע און די דייטשע כוחות באַגרענעצטע.

די דייטשן האָבן אָנגענומען פאַרשידענע מעטאָדן אויף צו פאַרניכטן די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. זיי האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין באַשטימטע פּונקטן אינערהאַלב די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס, איינגעאָרדנט לויערונגען אויף די וועגן, וואָס האָבן געפירט צו די אייזנבאַן־ליניעס, און צו די דערפער ווו די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך פאַרשאַפט שפּייז אָדער אויף זייערע עווענ־טועלע אָפּטרעט־וועגן. אין געוויסע ערטער האָבן זיך די דייטשן באַפעס־טיקט אין די וועלדער גופא און זיך דאָרט געהאַלטן, נישט געקוקט אויף די פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען פון די פּאַרטיזאַנער זיי אַרויסצוטרייבן (נאַקרישאָק, רודאַ־יאַוואָרסקע אין דער ליפּיטשאַנער פּושטשע אאַז"וו). די אָבלאַוועס, וואָס די דייטשן האָבן דורכגעפירט מיט גרויסע כוחות וואָס זיי פלעגן ספּעציעל צו דעם צוועק אָפּציען פון די פראָנט־ליניעס, זענען

נאָך עטלעכע טעג איבערגעריסן געוואָרן. די פּאַרטיזאַנער האָבן דערפון פּאַקטיש נישט געליטן, ווייל זיי פלעגן אָפּטרעטן אויף אַ געוויסער צייט אין אַנדערע ראַיאָנען. נאָך יעדער אָבלאַווע פלעגן די דייטשן פאַרעפנטלעכן באַרימערישע קאָמוניקאַטן, אַז זיי האָבן ליקווידירט די פּאַרטיזאַנער, אָנגעבנדיק לעגענדאַרע ציפערן פון אויסגעהרגעטע.

צום סוף האָבן זיי זיך איבערצייגט אַז די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן

מען הענגט געכאַפּטע פּאַרטיזאַנער

נעבן זיי — אַן אויפשריפט אין רוסיש און דייטש: „מיר, פּאַרטיזאַנער האָבן געשאָסן אויף דייטשישע סאָלדאַטן". די דייטשן האָבן צוזאַמענגעטריבן די באַפעלקערונג, צוצוקוקן זיך צו דער עפנטלעכער תליה־עקזעקוציע.

אינצווישן שוין באַוויזן זיך אומצוקערן צו זייערע פריערדיקע באַזעס, האָבן כמעט גאָר קיין פאַרלוסטן נישט געהאַט און אַז אין דער צאָל דערהרגעטע לויט די דייטשע קאָמוניקאַטן זענען איינגעשלאָסן געווען די איינוווינער וואָס האָבן געלעבט אין די וואַלד־געגנטן און זענען דורך די דייטשן באַצייכנט געוואָרן ווי „פּאַרטיזאַנער".

דאָס פאַרברענען די דערפער און אויסמאָרדן די באַפעלקערונג האָט

באַצוועקט אַוועקצונעמען פון די פּאַרטיזאַנער אַפּראָוויזאַציע מעגלעכקייטן און זייער „לעבנס־רוים".

אין יאָר 1943 האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אויסצונוצן זייער לופט־פלאָט צום קאַמף קעגן די פּאַרטיזאַנער. דייטשע עראָפּלאַנען פלעגן פליען איבער די וואַלד־געביטן, כדי אויסצושפּיאָנירן און באָמבאַרדירן די פּאַרטיזאַנישע באַזיסן. ביים דערהערן דעם אַלאַרם־רוף („וואָזדוך" — לופט), פלעגט מען תיכף אויסלעשן די פלאַקערן („קאָסטיאָר") וועמענס אויפשטייגנדיקע רויכן האָבן געקענט פאַרראַטן.

אָבער דאָס באָמבאַרדירן פון עראָפּלאַנען, דאָס צילן פון דער הויך אויף אַ באַשטימטן פּונקט, האָט נישט געגעבן קיין שום רעזולטאַטן. (די עראָפּלאַנען האָבן פאַרשטענדלעך נישט געקענט זיך אַראָפּלאָזן נידעריק איבער די וועלדער). בעתן באָמבאַרדירן פלעגן זיך די פּאַרטיזאַנער פאַרמאַסקירן אונטער ביימער און זיך צונויפגיסן מיט דער אַרומיקער גרינקייט פון וואַלד. פון אַזוינע וואַלד־באָמבאַרדירונגען פלעגן די פּאַרטיזאַנער אַרויסגיין כמעט אָן שום פאַרלוסטן.

די דייטשע עראָפּלאַנען האָבן אָן שום ריקזיכט באָמבאַרדירט די דערפער אין וועלכע עס האָבן סטאַציאָנירט פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן. דאָס איז געווען אַ בלינדע נקמה — באָמבאַרדירונג אויף הונדערטער דערפער אינערהאַלב די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס. אַזוינע באָמבאַרדירונגען האָבן געטראָפן די ציווילע באַפעלקערונג און זייער פאַרמעגן, און נישט די פּאַרטיזאַנער, וואָס פלעגן תיכף אַריינלויפן אין די נאָענטע וועלדער.

די דייטשן האָבן אויך געפּרווט דורך פאַרשיידענע פּראָפּאַגאַנדע־מיטלען צו צעברעכן די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. זיי האָבן כסדר געוואָרפן פלוג־בלעטלעך און גערופן די פּאַרטיזאַנער שטראָפלאָז זיך אומצוקערן צו אַ נאָרמאַל לעבן. יעדעס מאָל פלעגט אָנגעגעבן ווערן אַ טערמין, ביז וועלכן די פּאַרטיזאַנער קענען זיך אומבאַשטראָפט מעלדן אין די ראַיאָן־שטעט און יעדעס מאָל פלעגן די טערמינען פאַרלענגערט ווערן...

דערביי פלעגט מען די „בעלי תשובות" צוזאָגן גוטע פּאָסטנס, גלענצנדיקע לעבנס־באַדינגונגען און פּרעמיעס.

די דייטשן זענען נישט מיד געוואָרן אויסצוקלערן די משונהדיקסטע ליגנס און באָבע־מעשיות, בכדי צו געפינען לייכט־גלויביקע, וועלכע וועלן



Der Höhere SS- und Polizeiführer
Russland Nord
Az. Ia
Riga, den 30. Juli 1942

Pol. Batl. 310
[illegible] 5. [illegible] 1942

Reichsführer-SS wünscht, dass die Bezeichnung "Partisanen" nicht mehr gebraucht wird. In Befehlen, Berichten usw. ist künftig die Bezeichnung "Banditen" anzuwenden.

Im Auftrage:
[illegible]
SS-Sturmbannführer.

Verteiler:
Pol.Regt.Nord = 1
Kampfgruppe Jeckeln = 5
Res.Pol.Batl. [illegible] = 1
" " " [illegible] = 1
" " " [illegible] = 1
Pol.Batl. 305 = 1
" " 306 = 1
" " [illegible] = 1

[illegible]

פאָטאָ־קאָפּיע פון באַפעל פון ס״ס־רייכס־פירער, צו באַצייכענען
די פּאַרטיזאַנער אַלס „באַנדיטן״

דער דאָקומענט איז דאַטירט דעם 30סטן יולי, 1942, און איז אונטערגעצייכנט דורך מולטע, ס״ס שטורמבאַנפיורער.

(**פון רוסישן בוך** „דאָקומענטן באַשולדיקן״)

זיך אונטערגעבן זייער סוגעסטיע און וואַרפן דאָס געווער. ווייניק האָבן אָבער געגלויבט די דייטשע לעגענדעס און זייערע הבטחות.

איבעריק צוצוגעבן, אַז די דייטשן האָבן אין זייער אַגיטאַציע אויס־געניצט אַנטיסעמיטישע און אַנטי־סאָוועטישע מאָמענטן. די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג האָבן זיי פאָרגעשטעלט ווי אַ יידישע באַוועגונג, וואָס דינט די אינטערעסן פון וועלט־יידנטום. אין זייער פּראָפּאַגאַנדע, פלוג־בלעטלעך און אין דער פּרעסע איז „יודע” אידענטיפיצירט געוואָרן מיט באָלשע־וויזם...

עס איז קלאָר, אַז די פּאַרטיזאַנישע דערפאָלגן און זייערע פּאַרמעס־טונגען מיט די דייטשן, איז אין דער ערשטער ריי אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס גאַנץ אייראָפּע איז פאַר די דייטשן געוואָרן איין גרויסער אויסגע־צויגענער פראָנט פון רעגולערע קאַמפּס־ליניעס און אַ ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אַלע אָקופּירטע לענדער. זיי האָט פּשוט געפעלט סאָלדאַטן אין אַ גענוגנדיקער מאָס צו באַזעצן און פאַרזיכערן די מעכטיקע שטחים און רוימען, וואָס זענען דורך זיי אָקופּירט געוואָרן. די אָבלאַוועס און בלאָקאַדעס, וועלכע די דייטשן פלעגן מאַכן מיט גרויסע מיליטערישע כוחות, ספּעציעל אָפּגעצויגענע פון די פראָנט־ליניעס, האָבן אָנגעהאַלטן בלויז אַ קורצע צייט. די דייטשן האָבן זיך נישט געקענט דערלויבן צו האַלטן בלאָקירט כסדר די פּאַרטיזאַנער־וועלדער און זאָנעס. זיי האָבן דאָס מיליטער געמוזט אָפּשיקן צוריק צו די באַדראָטע פראָנטן.

די געדיכטע וועלדער דורכגעשניטן מיט זומפּן, טייכן און טייכלעך, אויף די ריזיקע שטחים פון רספס״ר, מזרח־ און מערב־ווייסרוסלאַנד, פּאָ־לעסיע, אַ טייל פון ליטע און אוקראַינע — האָבן דערמעגלעכט דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף אין טיפן פיינטלעכן הינטערלאַנד (600־1.000 ק״מ), וואָס האָט אַרומגענומען הונדערטער טויזנטער מענטשן און אויך צו שאַפן פּאַרטיזאַנער־זאָנעס אויף אַזוינע גרויסע שטחים. דאַקעגן האָבן די פּאַר־טיזאַנער נישט געקענט באַשטיין קעגן דעם איבערוואָג פון פיינטלעכע כוחות און מאָטאָריזירטע געווער אין די נאַקעטע וואַלדלאָזע געגנטן. אַפילו אַזאַ מוסטערהאַפטע באַוואָפנטע און גוט אויסגעשולטע פּאַראייניקונג ווי קאָוופּאַקס האָט זיך נישט געקענט האַלטן אין די קאַרפּאַטן־בערג (מזרח־גאַליציע). דער אָטריאַד האָט געליטן שווערע פאַרלוסטן אין מענטשן,

געווען געצוווּנגען איבערצולאָזן די אַרטילעריע און אויסשטאַטונג און מיט פּאַרביטערטע שלאַכטן אַדורכרייסן די אַרומרינגלונג און אַנטלויפן צוריק אין די וואַלדיקע געגנטן.

אויך נאַומאָוו, קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנישער רייטער־פּאַראַי־ניקונג, וואָס האָט אין ווינטער 1943 דורכגעפירט אַן איבערפאַל־מאַרש דורך די דרומדיקע וואַלד־שיטערע געגנטן פון אוקראַינע, האָט געליטן שווערע פּאַרלוסטן און געצוווּנגען געווען זיך צוריקצוציען אין די פּאַר־טיזאַנישע וואַלדיקע געגנטן.

אַ גרויסע ראָל האָבן אָפּגעשפּילט די פּאַרטיזאַנער בעת דער אָפּענ־סיווע פון דער רויטער אַרמיי. זיי האָבן צעריסן די בריקן און פּאַראָומ־מעגלעכט דעם ריקצוג פון די דייטשן. זיי האָבן גענומען די דייטשן אין קלעם און געזייט צווישן זיי טויט און פּאַניק, געמאַכט לויערונגען און פּאַרניכטעט די באַזונדערע קליינע גרופּעס, וועלכע זענען געלאָפן אין אומאָרדענונג דורך די וועלדער און פּושטשעס. אַ טייל אָטריאַדן האָבן אין די לעצטע טעג פאַר דער באַפרייאונג געליטן גרויסע פּאַרלוסטן אין קאַמף מיט די אָפּטרעטנדיקע דייטשן.

מ. באַקאַלטשוק דערציילט אין זיין בוך, אַז עס זענען אַפילו געווען פאַלן ווען די פּאַרטיזאַנער זענען געקומען צוהילף אַרומגערינגלטע טיילן פון דער רויטער אַרמיי:

„אָנהייב 1944 איז די רויטע אַרמיי שוין געווען ביים דניעפּער און פּריפּעט. צוויי סאָוועטישע דיוויזיעס זענען שוין געווען אויפן מערב־ברעג פון פּריפּעט. די דייטשן האָבן זיי גענומען אין קלעם. פון מאָסקווע האָט מען דאַן געגעבן אַ באַפעל סאַבוראָוון, אַז ער זאָל אַרויספירן פון דער אַרומרינגלונג די צוויי דיוויזיעס און אַריבערפירן זיי אין די דובניצער וועלדער.

„סאַבוראָווס אײַנהייט איז געווען גלענצנדיק באַוואָפנט און גוט גע־קענט די וועלדער און סביבה אַרום פּריפּעט. די סאַבוראָווצעס האָבן דורך קאַמפן מיט דייטשישע פּראָנט־רעגימענטן זיך אַדורכגעריסן צו די איזאָ־לירטע דיוויזיעס און צוזאַמען מיט זיי זיך צוריקגעקערט אין דובניצער וואַלד".

(„זכרונות פון אַ יידישן פּאַרטיזאַן", פון כתב־יד).

אייניקע פּושטשעס האָבן פאַר דער באַפרייאונג געגעבן פיל פּאַרטי־

זאַנער־קרבנות צוליב די גרויסע בלאָקאַדעס פון ריזיקע צאָלן דייטשן און וולאַסאָווצעס, וועלכע האָבן בלאָקירט אַלע וועגן און צוגענג צו זיי.

בולאַקס בריגאַדע „פּאָביעדאַ" אין ליפּיטשאַנער פּושטשע האָט ביי אַ פּרוּוו דורכצורייסן די בלאָקאַדע אויפן ווילנער טראַקט אויסגעלייגט אירע בעסטע פּאַרטיזאַנער און קאָמאַנדירן.

די פּאַרטיזאַנער האָבן לסוף, צוזאַמען מיט דער באַפרייענדיקער רויטער אַרמיי, אָנטייל גענומען אין וויטערדיקן זיג־מאַרש ביים באַפרייען די שטעט און שטעטלעך פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע.

עס האָט ווידער אַ הילך געטון דאָס זיגערישע פּאַרטיזאַנער ליד פון די יאָרן 1917־1921:

עס וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן יענע צייט
ווען פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן האָבן שטעט באַפרייט.

קאַפּיטל זעקס

די ווייס־פּוילישע און גרין־אוקראַינישע פּאַרטיזאַנקע אין מערב־ווייסרוסלאַנד און מערב־אוקראַינע

דער טייך ניעמאַן טיילט מערב־ווייסרוסלאַנד אויף צוויי טיילן. אויפן לינקן ברעג לעבן בעיקר ווייס־רוסן, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך אַ פּוילישע מינדערהייט. אויפן רעכטן ברעג דאָמינירן די פּאָליאַקן צווישן וועלכע עס געפינען זיך ווייניק ווייס־רוסישע דערפער.

זייט דורות איז ווייסרוסיש געווען די מוטער שפּראַך פון די פּאָליאַקן אין מערב־ווייסרוסלאַנד. אויך לויט זייער מענטאַליטעט, מנהגים און שטייגער־לעבן אונטערשיידן זיי זיך נישט פון דער אַרומיקער ווייסרוסישער באַפעלקערונג. פון די ווייסרוסן טיילט זיי אָפּ בלויז די רעליגיע. זיי זענען קאַטאָליקן, בעת די ווייסרוסן האַלטן זיך ביים אַלט־אָרטאָדאָקסישן פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן.

ביזן יאָר 1939, ווען מערב־ווייסרוסלאַנד איז געווען אונטער פּוילישער הערשאַפט, איז די נאַציאָנאַלע דעפיניציע געווען, אַז אַ קאַטאָליק איז אַ פּאָליאַק. די פּוילישע רעגירונג האָט אַלץ געטון און האָט פיל דערגרייכט אין פאַרשטאַרקן דאָס פּוילישע נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין צווישן די קאַטאָליקן און אין אָפּרייסן זיי פון דער ווייסרוסישער שפּראַך. מען דאַרף צוגעבן, אַז די קאַטאָליקן האָבן זיך אַליין באַטראַכט אַלס פּאָליאַקן, הגם נישט אַלע מאָל איז דאָס נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין געווען ביי זיי קלאָר.

ווען די סאָוועטן האָבן אין סעפּטעמבער 1939 פּאַראייניקט מערב־ווייסרוסלאַנד צו סאָוועטיש־ווייסרוסלאַנד (מזרח), האָבן זיי אונטערגעהאַלטן די טעזע, אַז די קאַטאָליקן זענען לויט זייער נאַציאָנאַליטעט ווייסרוסן.

אמתע פּאָליאַקן זענען געווען בלויז די אַ״ג „אָסאַדניקעס״ — אויס־געדינטע זעלנער, וועלכע מען האָט באַזעצט אויף די ראַנד־געביטן פון דער פּוילישער רעפּובליק, און האָבן געהאַט קעגן זיך די מערהייט פון דער אָרטיקער ווייסרוסישער באַפעלקערונג. די פּוילישע „אָסאַדניקעס״ האָבן פאַרנומען די גאַנצע פאַרצעלירטע ערד פון די גרויסע גוט־באַזי־צערס, וועלכע זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער אַגראַר־רעפאָרם, גע־לעבט פאַרמעגלעכער, ווי די אָרומיקע אָרעמע ווייסרוסישע פּויערישע באַ־פעלקערונג, וועלכע האָט שטענדיק געליטן פון באָדן־מאַנגל און באַטראַכט זיי ווי אַ פיינטלעכן אינוואַזיע־עלעמענט, וואָס האָט אַוועקגערויבט אויף אייביק זייער האָפענונג אויף צוגאָב־באָדן פון די גרויסע פּריצישע גוט־באַזיצן.

דורך איר קאָלאָניזאַציע־פּאָליטיק האָט די פּוילישע רעגירונג געוואָלט פאַרשטאַרקן דעם פּוילישן עלעמענט (דערצו נאָך, מיליטעריש־אויסגע־שולטן) אויף די „קרעסן״, די גרענעץ־געביטן מיט סאָוועטרוסלאַנד, וווּ עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַ מערהייט פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן (ווייסרוסן, אוקראַינער א״אַנד), וואָס זענען, אין זייער מערהייט געווען פיינטלעך איינגעשטעלט צו פּוילן און האָבן געפאָדערט פאַר זיך טערי־טאָריעלע זעלבסטשטענדיקייט. מער ווי די אַנדערע מינדערהייטן זענען די ווייסרוסן אויך אַרונטערגעפאַלן אונטער די קאָמוניסטישע השפעות. דאָס איז געווען אַ קוואַל פון אומאויפהערלעכע סכסוכים אין מערב־ווייסרוסלאַנד.

אָנהייב 1940 האָט די סאָוועטן־מאַכט צוליב זיכערקייטס־טעמים אַרויס־געשיקט פון מערב־ווייסרוסלאַנד אין די ווייט־אָפּגעלעגענע געגנטן די פּוילישע „אָסאַדניקעס״, וואַלד־וועכטערס („לעסניטשעס״) און בכלל אַלע, וועלכע האָבן פאַרנומען אַ העכערע שטעלע אין דער פּוילישער אַדמי־ניסטראַציע און אַרמיי. אַ טייל פון זיי איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן אין די וועלדער און אויסמיידן די פאַרשיקונג.

דער דאָזיקער עלעמענט צוזאַמען מיט די רעזערוו־אָפיצירן און זעל־נער פון דער פאַנאַנדערגעלאָזענער פּוילישער אַרמיי, זענען עס געווען די אָרגאַניזאַטאָרן און גרונטשטיין־לייגערס פון דער וויס־פּוילישער פּאַר־טיזאַנקע:

ענדע 1942 האָט זיך אָרגאַניזירט אַ פּוילישע פּאַרטיזאַנקע אין די געגנטן פון די שטעטלעך וואַסילישאָק, זשעלודאָק, זשעטל און שטשוטשין. אין אָנהייב האָבן זיי מיטגעאַרבעט מיט סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אויפן לינקן ברעג פון טייך ניעמאַן (ליפּיטשאַנער פּושטשע).

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, איז דער אָטריאַד א״ב „וואָראָשילאָוו", וועלכער האָט געהאַט זיין באַזע אין ליפּיטשאַנער פּושטשע, פּלוצלינג באַפאַלן געוואָרן דורך ווייסע־פּאָליאַקן אין דאָרף באַיאַרי, לעבן זשעלודאָק. עס זענען אויסגעהרגעט געוואָרן פיל רוסישע פּאַרטיזאַנער (יוני 1943).

נאָך דעם פאַל האָבן זיך אָנגעהויבן כסדרדיקע קאַמפן צווישן די ווייסע פּאָליאַקן, וועלכע האָבן געהאַט זייערע ראַיאָנען אויפן רעכטן ברעג ניעמאַן, וווּ עס האָט דאָמינירט אַ פּוילישע באַפעלקערונג, מיט די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער, וועמענס ראַיאָן עס איז געווען דער לינקער ברעג ניעמאַן, וווּ די מערהייט איז געווען אַ ווייסרוסישע באַפעלקערונג.

דער טייך ניעמאַן איז געוואָרן אַן אמתע גרענעץ־ליניע צווישן דיביידע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונגען און פון ביידע זייטן לענגאויס זענען ביי די וויכטיקסטע דורכגאַנגס־פּונקטן געלעגן לויערונגען, וועלכע האָבן געהיט פאַר אַן איבערפאַל און איינרייסן זיך פון פיינט אין זייער זאָנע. די ווייסע פּאָליאַקן האָבן זיך אָפּט פאַרבונדן מיטן אָקופּאַנט פון זייער לאַנד — די דייטשן, גענומען ביי זיי געווער און געהאָלפן זיי אַקטיוו אין קאַמף קעגן דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע.

ביי שפּעטערדיקע אָבלאַוועס און אָנפאַלן אויף די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער פאַרנעמען אַלע מאָל די ווייסע פּאָליאַקן אַ געוויסן פּראָצענט־אָפּשניט אינערהאַלב די דייטשע קריגס־אָפּעראַציעס קעגן די רוסישע פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן זיך באַוועגט פריי, באַוואָפנט, אָן וועלכער עס איז קעגנערשאַפט מצד די דייטשן. זיי האָבן אָבער אויך אונטערגעהאַלטן ראַדיאָ־פאַרבינדונגען מיט דער לאָנדאָנער פּוילישער רעגירונג און באַקומען פון דאָרט פאַרשיידנאַרטיקע אינסטרוקציעס און הילף.

אין ראַיאָן נאַליבאָקער פּושטשע האָבן די געשעענישן אָנגענומען לגמרי אַן אַנדער ווענדונג. אָנהייב יוני 1943 האָט אַ געוויסער סאָוועטישער מאַיאָר וואַסילעוויטש, אַ געבוירענער פון שטעטל נאַליבאָק, פון נאַציאַ־

נאַליטעט אַ פּאַליאַק, וועלכער איז געבליבן אין אַרומרינגלונג און אַנטלאָפן פון דער דייטשער געפאַנגענשאַפט, אָרגאַניזירט די פּוילישע פּאַליציי פון איוויעניצער גאַרניזאָן (לפי ערך 200 מאַן) און צוזאַמען מיט די פּאַליאַקן פון שטעטל אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן די דייטשן.

אַלע דייטשן פון אָרטיקן גאַרניזאָן אין צאָל פון 80 מאַן, צוזאַמען מיט זייער קאָמאַנדיר, אַ געוויסער געשטאַפּאַניק, האַנטשקע, זענען אויסגעהרגעט געוואָרן. לויט אַ פריִערדיקן אָפּרייד איז זיי געקומען צו הילף די „סטאַלינסקע בריגאַדע", וועלכע איז געשטאַנען נישט ווייט פון דאָרט (נאַליבאָקער פּושטשע).

אייניקע הונדערט פּאַליאַקן זענען דאַן אַנטלאָפן אין די וועלדער פון נאַליבאָקער פּושטשע מיט פיל געווער און אַמוניציע. זיי האָבן געשאַפן אַ באַזונדערן פּוילישן פּאַרטיזאַנער־לעגיאָן, א״נ „קאָשטשושקאָ", וועלכער האָט ענג צוזאַמענגעאַרבעט מיט די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער אין אַלע קאַמפּס־אָפּעראַציעס קעגן די דייטשן, און אַרויסגעוויזן העלדישקייט און איניציאַטיוו, בעת דער אַבלאַווע אין יולי־אויגוסט 1943.

די אָפּרעכענונג מיט די דייטשן איז שטעטל איוויענעץ, ווי אויך די געמיינזאַמע קאַמפן קעגן דעם בשותפותדיקן שונא, האָט פאַרשטאַרקט די פריינטשאַפט צווישן די פּאַליאַקן און רוסן אין יענער געגנט.

אין סאָוועטישן פּאַרטיזאַנער־שטאַב פון נאַליבאָקער פּושטשע, מיט וועלכן עס האָבן אָנגעפירט גענ׳ מאַיאָר פּלאַטאָן און דובאָוו, איז געזעסן אַלס פאַרבינדונג־אָפיציר דער א. ד. מאַיאָר וואַסילעוויטש, אויף וועמענס קאַנדידאַטור עס האָבן זיך געאייניקט די פּוילישע רעגירונג אין לאָנדאָן און אויך דער אָנפירער פון דער ווייסרוסישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג — גענעראַל פּאָנאָמאַרענקאָ. זיי זענען געווען אויטאָנאָם און געטראָגן זייערע נאַציאָנאַלע פּוילישע עמבלעמען. מיט דעם לעגיאָן א״נ „קאָשטשושקאָ" האָט דערנאָך אָנגעפירט אַ געוויסער פּוילישער אָפיציר, מילאַשעווסקי.

די גוטע באַציִונגען און ענגע צוזאַמענאַרבעט צווישן די רוסן און פּוילישע פּאַרטיזאַנער אין געגנט פון נאַליבאָקער פּושטשע האָבן אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט דעם, וואָס די ווייסע פּאַליאַקן האָבן דערמאָרדעט זיבן ייִדן פון זאָרינס ייִדישן פאַמיליע־אָטריאַד נומער 106.

צוועלף ייִדן פון זאָרינס אָטריאַד זענען געקומען אין דאָרף פּאָלעסיע, ביים שטעטל איוויענעץ, דורכפירן אַ ווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציע פאַר זייער אָטריאַד. פון דערבייאיקן דאָרף סלאָדאַצקי זענען אָנגעפאַלן פערציק פּוילישע רייטער־לעגיאָניסטן און אונטערן תירוץ פון נעמען שפּייז אין אַ פרעמדער זאָנע האָט מען די ייִדן אַנטוואָפנט און פאַרשפּאַרט אין אַ שטוב. ווען זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי זענען פּאַרטיזאַנער פון זאָרינס ייִדישן אָטריאַד און קעמפן פאַר ראַטנפאַרבאַנד, האָט מען זיי פאַרבונדן די הענט מיט שטעך־דראָט און אַרויסגעפירט הינטערן דאָרף. אַ געוויסן שימאַנאָוויטש בערל (פון שטעטל רוביזשעוויטש) צוזאַמען מיט נאָך פיר ייִדן איז געלונגען צו אַנטלויפן. די איבעריקע זיבן ייִדן (אַלע מינסקער) זענען דערשאָסן געוואָרן. די אַנטלאָפענע ייִדן האָבן גלייך געבראַכט די ידיעה וועגן מערדערישן פאַרראַט פון די מכלומרשטע פאַרבינדעטע אין דובאָווס פּאַרטיזאַנער־שטאַב.

שוין פון פריִער זענען די לעגיאָנערן געווען אונטער אַ חשד פון אונטערהאַלטן באַציִונגען מיט די ווייס־פּוילישע פּאַרטיזאַנער פון לידער, וואָסילישקער און אַנדערע געביטן, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט געפירט פאַרביטערטע קאַמפן מיט די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער אין יענע געגנטן, און ביי יעדער געלעגנהייט געמאָרדעט קליינע גרופּעס רוסישע פּאַרטי־זאַנער, וועלכע זיי פלעגן אָנטרעפן גייענדיק אויף קאַמפּס־אויפגאַבעס.

אינצווישן זענען איבערגעריסן געוואָרן די באַציִונגען צווישן דער סאָוועטישער און דער לאָנדאָנער רעגירונג צוליב סכסוכים וועגן דער צו־קונפטיקער גרענעץ־געשטאַלטונג צווישןביידע לענדער.

די פּוילישע שיקאָרסקי־רעגירונג האָט זיך קעגנגעשטעלט, אַז מערב־ווייסרוסלאַנד, וואָלין און מזרח־גאַליציע, וואָס זענען אָקופּירט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי אין סעפּטעמבער 1939, זאָלן אָפּגעריסן ווערן פון דער פּוילישער טעריטאָריע.

רוסלאַנד האָט דאַן אויפגעשטעלט אַ פּוילישע אַרמיי מיט וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ און פּולקאָווניק בערלינג בראש, מיטן צוועק צו העלפן דער רויטער אַרמיי ביים איינעמען פּוילן און פאַרוואַנדלען זי אין אַ סאַטע־לימן־מדינה פון ראַטנפאַרבאַנד.

עס האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אַנדערע ווינטן צווישן די פּוילישע פּאַר־

טיזאַנער־לעגיאָנערן אין נאַליבאָקער פּושטשע. דער צוטרוי צו זיי, ספּעציעל נאָכן פאַל פון דערמאָרדן די זיבן יידישע פּאַרטיזאַנער פון זאָריגס אָטריאַד, ווי אויך אַ ריי אַנדערע דערשיינונגען (די העפטיקע דייטשע אַגיטאַציע קעגן סאָוועטרוסלאַנד, מעשה קאַטין, די שנאה צו סאָוועטרוסלאַנד צוליב אַרויספירן די פּוילישע באַפעלקערונג פון מערב־ווייסרוסלאַנד אין 1939־1941), האָבן פאַרויסגעזאָגט אַ פאַראַט מצד די פּוילישע לעגיאָנערן.

דעצעמבער 1943 איז געקומען אַ געהיימער באַפעל פון מאָסקווע וועגן אויפלייזן דעם פּוילישן לעגיאָן אַלס באַזונדערן אויטאָנאָמען אָטריאַד און אַריינגיסן זיי אין די רוסישע אָטריאַדן. די איינצלנע פּאָליאַקן אין די רוסישע אָטריאַדן, ווי אויך דער לעגיאָן א״נ „קאָשטשושקאָ״, זענען אַרומגערינגלט און אנטוואָפנט געוואָרן. אַ טייל פון זייער שטאַב איז געלונגען צו אַרעסטירן און פאַרוטשניק מילאַשעווסקי איז מיט אַן עראָפּלאַן אָפּגעשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע.

פיל הונדערטער פּוילישע לעגיאָנערן זענען געהאַלטן געוואָרן ווי געפאַנגענע, די, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט, זענען דערשאָסן געוואָרן. פיל פּאָליאַקן איז אָבער געלונגען באַצייטנס צו אַנטלויפן און זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ ווייס־פּוילישע פּאַרטיזאַנקע אויך אין ראַיאָן נאַליבאָקער פּושטשע.

ווי אין אַלע אַנדערע געגנטן, האָבן אויך אין נאַליבאָקער פּושטשע די ווייסע פּאָליאַקן אָנגעהויבן אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער און קעגן יידן. אויב אַ רוסישער איינצלנער פּאַרטיזאַן, וועלכער איז אַריינגעפאַלן צו די ווייסע פּאָליאַקן, האָט נאָך אַמאָל געהאַט אַ שאַנס נאָכן אַנטוואָפענען צו בלייבן לעבן, איז דער גורל פון אַ באַוואָפנטן יידישן פּאַרטיזאַן, אָדער אַ ייד פון פאַמיליע־לאַגער, געווען אַ באַשטימטער.

אין די ערשטע טעג פון מאַי 1943, איז דער יידישער פּאַרטיזאַן פון „קראַסנאָגוואַרדייסקי״ אָטריאַד, באַיאַרסקי שמואל (פּינסק), צוזאַמען מיט נאָך דריי קריסטלעכע פּאַרטיזאַנער אַוועק מינירן די אייזנבאַן־ליניע לידאַ־וואָלקאָוויסק, ביי דער סטאַנציע סקריבאָווע. עס איז זיי אויסגעקומען דורכצוגיין דעם ראַיאָן פון די ווייסע פּאָליאַקן (אויפן רעכטן ברעג ניעמאַן), און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין וועלדל אָפּרוען. איינער פון די קריסטלעכע פּאַרטיזאַנער, וועלכער איז געווען פון נאַציאָנאַליטעט אַ פּאָליאַק, האָט צו

ווייסן געגעבן די ווייסע פּאָליאַקן און מען האָט די גאַנצע גרופּע אומגעבראַכט געצונען געפאַנגען. די דריי קריסטן האָט מען געלאָזט לעבן און דעם ייִד באַיאַרסקי האָט מען אויף אַ שוידערלעכן אופן דערמאָרדעט.

די פּאָליאַקן פלעגן אויסזוכן אין זייערע ראַיאָנען די איינצלנע ייִדן, וועלכע זענען געווען באַהאַלטן ביי פּויערים, און זיי אויף אַ בעסטיאַלישן אופן אומברענגען.

אין די ראַיאָנען, ווו עס זענען געווען די ווייסע פּאָליאַקן איז כמעט קיין איין ייִד נישט געבליבן לעבן

די ווייסע פּאָליאַקן פלעגן ייִדן נישט שיסן, נאָר פּאַרפּייניקן. אַזוי האָבן זיי פּאַרפּייניקט דעם ייִדישן „סטאַרשינאַ" פון דער 3טער ראָטע פון אָרליאַנסקי־אָטריאַד, מעקלער (ביעליצע). זיי האָבן אים געכאַפּט בעת אַ לויערונג לעבן דאָרף גרויס־זאַטשעפּיטש און אים דערהרגעט מיט רעדער פון אַ וואָגן.

די צוויי יונגטלעכע ייִדישע פּאַרטיזאַנער פון אָרליאַנסקי־אָטריאַד איצקאָוויטש שלמה (באַראַנאָוויטש) און היידוקאָווסקי אַהרן (זשעטל), וועלכע זענען געווען באַזונדערס באַליבט אין אָטריאַד פאַר זייער קעמפּעריש־קייט און דרייסטקייט, זענען, גייענדיק מיט אויפריס־מאַטעריאַלן מינירן אַ דייטשן צוג ביי דער סטאַנציע ראַזשאַנקע (באַן־ליניע לידאַ־גראָדנע), דערמאָרדעט געוואָרן מיט העק דורך ווייסע פּאָליאַקן אויפן רעכטן ברעג ניעמאַן.

פיל ייִדישע פּאַרטיזאַנער און פיל הונדערטער ייִדן נישט־פּאַרטיזאַנער זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די ווייסע פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ הייליקן ציל צו פאַרענדיקן פולשטענדיק דאָס, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעהויבן:

נישט דערלאָזן קיין ייִד איבערצולעבן די מלחמה.

אין די געביטן ווו עס האָבן דאָמינירט ווייסע פּאָליאַקן, איז נאָך דער מלחמה כמעט קיין ייִד נישט געבליבן לעבן. אין נאָוועמבער 1943 איז אַ ווייס־פּוילישער אָפיציר געפאַנגען געוואָרן דורך דער פאַראייניקונג פון גענעראַל־מאַיאָר באָזשענקאָ, ביים פאַרסירן דעם ניעמאַן. בעת דער אויס־פאָרשונג האָט ער, אויף דער פראַגע פונעם שרייבער פון די שורות, (וואָס

האָט דערפילט די פונקציע פון אַ דאָלמעטשער ביי אויספאָרשונגען פון געפאַנגענע): „פאַרוואָס דערמאָרדעט איר באַוואָפנטע ייִדן?" געענטפערט: „מיר באַקומען די אינסטרוקציעס פון דער פוילישער רעגירונג אין לאָנ־דאָן און עס ווייזט אויס, אַז זי האָט געגעבן איר הסכמה צו דער אויסראָטונג פון ייִדן.

בדרך־כלל, האָבן די ווייסע פּאַליאַקן אין זייערע פלוג־בלעטלעך און צייטונגען געשריבן, אַז זיי קעמפן קעגן ביידע אָקופּאַנטן: די דייטשן (הגם ווי געזאָגט, האָבן זיי אין דער ערשטער צייט מיטגעאַרבעט מיט זיי) און די סאָוועטן. די סאָוועטן האָבן זיי באַטראַכט ווי אַ געפערלעכערן שונא, ווייל די דייטשן, האָבן זיי געוווסט, וועלן אַוועקגיין פון דעם געביט און די סאָוועטן וועלן בלייבן.

זיי זענען געווען קעגן דעם, וואָס די סאָוועטן פירן אַ פּאַרטיזאַנקע אויף אַ געביט, וואָס געהערט, לויט זייער איינשטעלונג, צו פּוילן.

עס איז זיי געווען שווער צו באַקעמפן, ווייל די פוילישע באַפעלקע־רונג פון זייערע ראַיאָנען האָט זיי אַקטיוו אונטערגעשטיצט און מיטגע־האָלפן מיט אַלעם נייטיקן. חוץ דעם, פלעגן זיי בייטאָג זיך אויסמישן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג און אַרבעטן אויף די פעלדער. אָבער ווי עס פלעגט ווערן טונקל, פלעגן זיי זיך צעלייגן אויף לויערונגען און אָפּוואַרטן קליינע סאָוועטישע גרופּעס, וועלכע פלעגן מוזן דורכגיין דורך זייערע זאָנעס, בכדי דערגרייכן די אייזנבאַן־ליניעס. דורך דעם איז שטאַרק געשטערט געוואָרן די קאַמפּס־טעטיקייט און באַוועגונג פון די סאָווע־טישע גרופּעס, העלפנדיק אַזוי אַרום דירעקט דעם דייטשן אָקופּאַנט. די דייטשן זענען פאַרשטענדלעך געווען צופרידן פון דעם, וואָס די אויפמערק־זאַמקייט איז אַוועק פון זיי און די אָקופּירטע באַפעלקערונג שלאָגט זיך צווישן זיך.

די ווייסע פּאַליאַקן האָבן אויך אויף זייער בלוטיקן חשבון פיל פאַר־ברענט ווייסרוסישע דערפער און דערמאָרדעטע ווייסרוסן אין זייער ראַ־יאָן אויף דער רעכטער זייט ניעמאַן.

אין ראַיאָן פון נאַטשער פּושטשע, אין דער אומגעגנט פון די שטעט־לעך: ראַדון, וואַסילישאַק, זאַבלודאָווע זענען זיי אין 1943 געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז די בריגאַדע „לענינסקי קאָמסאָמאָל", וועלכע איז דאָרט גע־

שטאַנען איז געווען געצווונגען אַריבערצוגיין אין זובראָווער פּושטשע (ביי די שטעטלעך: מאַרציקאַנץ, נאָווידוואָר א״א).

אין איינעם פון די קאַמפן אין דאָרף בערעזאָווצע (וואַסילישקער ראַיאָן), צווישן רוסישע פּאַרטיזאַנער פון „לעניַנסקי קאָמסאָמאָל״, וועלכע זענען אַרומגערינגלט געוואָרן דורך איבערוויגנדיקע כוחות פון ווייסע פּאָליאַקן, זענען אומגעקומען צוו. אַנד. דער קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע — סטאַנקעוויטש אַנאַטאָלי און דער יידישער אַדיוטאַנט, קאַץ לייבל פון אָלקעניקי (ווילנער קרייז).

די ווייסע האָבן אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1943 באַזעצט דעם לידער ראַיאָן פון אָטריאַד „איסקראַ״ (קיראָוו־בריגאַדע). זיי האָבן זיך געשטיצט אויף דער פּוילישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט אין ראַיאָן דאָמינירט (פאַר זייער צענטער האָבן זיי געמאַכט דאָס דאָרף פּילאָנאָווצע, ביים שטעטל דאָקודאָווע) און פון דאָרט געמאַכט אָנפאַלן אויפן לינקן ברעג ניעמאַן, ווו עס זענען געשטאַנען די אָטריאַדן פון דער „קיראָוו־בריגאַדע״ און געפירט מיט זיי אומאויפהערלעכע קאַמפן. אין די נעכט פלעגן זיי אויך אָנפאַלן אויף קליינע דיווערסיע־גרופּעס, וועלכע זענען געגאַנגען אויף קאַמפּס־אויפגאַבעס אויף די ליניעס: לידע־מאָלאָדעטשנאָ, לידע־ווילנע, ביי וועלכע מען האָט נישט געקענט אויסמיידן דעם לידער ראַיאָן.

אין אַפּריל 1943 האָט די רייטער אויסשפּיר־דינסט געמאָלדן, אַז די ווייסע פּאָליאַקן דערנענטערן זיך צום דאָרף אָלעכאָווקע אויפן לינקן ברעג ניעמאַן, וואָס איז געווען דער ראַיאָן פון אָטריאַד „איסקראַ״. גלייכצייטיק האָבן געמאַרשירט פון דער ריכטונג פון איוויער גאַרניזאָן, דייטשן, וולאַסאָווצעס, ליטווינער א״אַנד.

זייער ציל איז געווען (לויט אַ פריִערדיקן אָפּרייד מיט די פּאָליאַקן), צו נעמען די רוסישע פּאַרטיזאַנער אין אַ קלעם פוןביידע זייטן און צודריקן זיי צום טייך.

אייניקע אָטריאַדן פון דער קיראָוו־בריגאַדע מיטן אָטריאַד „איסקראַ״ בראָש, האָבן אַרומגערינגלט אָלעכאָווקע (נאָוואָגרודקער ראַיאָן) און פון אַלע זייטן געשטורעמט דאָס דאָרף. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ פאַרביסענע שלאַכט, בעת וועלכער די ווייסע פּאָליאַקן האָבן געליטן אַ צעשמעטערנדיקע מפּלה. נישט ווייניקער ווי עטלעכע און אַכציק מאַן זענען געבליבן

ליגן טויטע און פיל צענדליקער פאַרוואונדעטע. די איבעריקע זענען מיט חרפה אַנטלאָפן און אייניקע חדשים פאַר דער באַפרייאונג האָבן זיי גע־מאַכט אַ פאָרשלאַג די סאָוועטישע פאַרטיזאַנער וועגן שלום און געמיינ־זאַמע קאַמפן מיט די דייטשן.

אין מערב־אוקראַינע (וואָלין און מזרח־גאַליציע) האָט געבושעוועט די גרינע פאַרטיזאַנקע פון די אוקראַינישע פאַשיסטישע נאַציאָנאַליסטן מיט סטעפּאַן באַנדערא, בולבאַ באַראָוועץ און אַנדריי מעלניק בראש.

באַזונדערס האָט זיך אויסגעטיילט באַנדעראַ, איינער פון די אַטענ־טעטער אויפן פוילישן אינערן־מיניסטער, פּיעראַצקי אין לעמבערג פאַר דער מלחמה. באַנדעראַ איז אַנטלאָפן קיין בערלין און דאָרט באַקומען אַזיל־רעכט אַלס פּאָליטישער פּליט. נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט אוקראַינע, איז ער צוריקגעקומען און צוזאַמענגעשטעלט אין לעמבערג אַן אוקראַאינישע רעגירונג — מיט אים אַלס פּרעמיער.

באַנדעראַס רעגירונג האָט פולשטענדיק מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן אין זיכערקייט־אַפּאַראַט, פּאָליציי און אין די אוקראַינישע קאָמפּס־באַטאַליאָנען וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן. די דייטשן האָבן אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלע ס. ס.־דיוויזיע פון אוקראַינישע פרייוויליקע אונטערן נאָמען „האַליטשינאַ״, (גאַליציע — אַלע פרייוויליקע זענען געווען גאַליציאַנער), וואָס האָט געהאַט די „זכיה״ אָנטיילצונעמען אין די פראָנט־קאַמפן צוזאַ־מען מיט די דייטשן.

באַנדעראַ, וואָס האָט געבויט זיין גאַנצע האָפענונג אויף אַ גרויסער זעלבסטשטענדיקער אוקראַינישער מדינה, (סאַמאָאיסטינאַ אוקראַינאַ״) איז באַלד אַנטוישט געוואָרן.

ער האָט זיך איבערצייגט, אַז די דייטשן טראַכטן גאָרנישט אויפצו־שטעלן אַ זעלבסטשטענדיקע אוקראַינע, נאָר אַ וואַסאַלן־אוקראַינע, וועמענס רייכטימער וועלן אויסגענוצט ווערן פאַר זייערע צוועקן. דאָס אַרויס־פירן קיין דייטשלאַנד און צו די פראָנטן ריזיקע שפּייז־רעזערוון, די באַ־ציונג פון די דייטשן צו די אוקראַינער, ווי צו מינדערווערטיקע און דער עיקר — דאָס אָפּרייסן פון דער אוקראַינישער טעריטאָריע גרויסע שטחים באַפעלקערטע מיט אוקראַינער און זייער אָנשלוס צו אַנדערע מדינות — האָט איבערפולט די מאָס. באַנדעראַ, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געקעמפט

אין די רייען פון אַן אוקראַאינישער טעראָריסטן־אָרגאַניזאַציע קעגן דער פּוילישער רעגירונג און פאַר אַן אוקראַאינישער מזרח־גאַליציע, האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיט דער נייער היטלעריסטישער מאַפּע, לויט וועל־כער מזרח־גאַליציע איז גאָר אָנגעשלאָסן געוואָרן אין פּוילישן „גענעראַל־גאָווערנאַמענט": קאַרפּאַטאָ־רוס — צו אונגאַרן און אָדעס מיט איר אומ־געגנט (טראַנסניסטריע) צו רומעניע. אַז באַנדערא האָט געבראַכט צום אויסדרוק זיין פאַרביטערונג קעגן דעם „נייער אָרדענונג" האָט ער פאַר־לוירן די סימפּאַטיע פון די דייטשן. ער איז אַראָפּ אין אונטערגרונט און אָרגאַניזירט דעם „או. פּ. אַ." („אוקראַאינסקאַ פּיווסטאַנטשאַ אַרמיאַ" — אוקראַאינישע אויפשטענדלער־אַרמיי), וואָס האָט זיך מייסטנס קאָנצענט־רירט אין מזרח־גאַליציע און דרומדיקן וואָלין.

בשעתן חתמענען דעם שלום־הסכם מיט דער רוסישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג (28סטן אָקטאָבער 1942) האָט דער אַטאַמאַן בולבאַ ריידנדיק וועגן דער דייטשער ליגנערישער פּאָליטיק דערקלערט:

„היטלער האָט אונדז, די אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן צוגעזאָגט די ערשאַפט אין אַ זעלבסטשטענדיקע אוקראַאינע און לסוף אויף אַ שענד־לעכן אופן אָפּגענאַרט. ער האָט אונדז די ערשאַפט נישט איבערגעגעבן". (ד. מעדוועדיעוו — „גייסטיקע טיטאַנען" ז' 83).

אין צפונדיקן טייל פון וואָלין האָבן זיך קאָנצענטרירט די פאַשיסטישע באַטאַליאָנען פון אַטאַמאַן בולבאַ באָראָוועץ (בולבאַ — לויטן נאָמען פונעם לעגענדאַרן אוקראַאינישן פרייהייט־קעמפער אין גאָגאָלס באַקאַנטן בוך „טאַראַס בולבאַ"). פאַר דער מלחמה איז באָראָוועץ געווען אַן אייגנטימער פון אַ שטיינהאַקעריי אין לודוויפּאָלער ראַיאָן (ראָוונער קאַנט). אין יאָר 1939 פאַרן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי קיין וואָלין, איז ער אַוועק קיין בערלין און דאָרט אַבסאָלווירט אַ קורס פאַר שפּיאָנאַזש און סאַ־באָטאַזש.

אַז די דייטשן זענען אַריין קיין וואָלין, איז בולבאַ צוריקגעקומען צוזאַמען מיט די געוועזענע פּעטלוראָווצעס און אַנדערע קעגנער פון סאָ־וועטישן רעזשים, וועלכע האָבן געלעבט אין דייטשלאַנד און אין די אָקופּירטע לענדער. אויך בולבאַ איז לכתחילה אַריינגעטרעטן אין דייטשן דינסט און זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין דער פאַרניכטונג פון קאָמו־

ניסטישע אַקטיוויסטן און מיטאַרבעטער פון סאָוועטישן אַדמיניסטראַציע־אַפּאַראַט. ער האָט אומברחמנותדיק אומגעבראַכט גאַנצע פאַמיליעס, אַלטע פרויען און קינדער.

יעדער פאַרדעכטיקטער אין סימפּאַטיעס צום קאָמוניזם איז דער־מאָרדעט געוואָרן, זיין ווירטשאַפט איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע משפחה־מיטגלידער.

אין וואָלין און גאַליציע האָבן געבושעוועט נאָך פיל אוקראַינישע באַנדעס, וואָס האָבן גערויבט און געמאָרדעט קאָמוניסטישע סימפּאַטיקער. געהרגעט יידן וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין פּויערישע הייזער אָדער אין די אַרומיקע וועלדער און מיט אַ באַזונדער פאַרביסנקייט האָבן זיי געקעמפט קעגן די פאַרהאַסטע רויטע פּאַרטיזאַנער.

דער פּאַרטיזאַנער קאָמאַנדיר, מעדוועדיעוו, וואָס איז אַ לענגערע צייט געווען טעטיק אין דער אומגעגנט פון ראָוונע שרייבט וועגן זיי:

„די אוקראַינישע פאַשיסטן זענען אַראָפּ אין אונטערגרונט מיט דער פולער הסכמה פון דער געשטאַפּאָ. זייערע אַנטי־דייטשע קאָמוניקאַטן און פלוג־בלעטלעך מיט דער אונטערשריפט פון די אַטאַמאַנען זענען געדרוקט געוואָרן אין דייטשע דרוקערייען און אונטער דייטשער אויפזיכט".

(ד. מ. מעדוועדיעוו — „גייסטיקע טיטאַנען", ז' 181).

למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אין אָנהייב פון זייער טעטיקייט (אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1942) האָבן זיי געהאַט עטלעכע שלאַכטן מיט די דייטשן, אַזוי לאַנג ווי יענע זענען נאָך געווען שטאַרק, און לויט דער טאַקטיק פון די נאַציאָנאַליסטן האָט מען די דייטשן געמוזט אָפּשוואַכן. נאָך די דייטשע מפּלות אין רוסלאַנד, האָבן די אוקראַינער זייער גאַנצן כוח געוואָרפן אין קאַמף קעגן די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט פאַר אַ פיל געפערלעכערן שונא. אין זייערע פלוג־בלעטער האָבן זיי געשריבן:

„די דייטשן זענען אונדזערע צייטווייליקע שונאים. כל־זמן דו ועסט זיי בישט דערצערנען, וועלן זיי זיך בישט טשעפּען, אַזוי ווי זיי זענען געקומען, אַזוי וועלן זיי פון דאַנען אַוועק".

(מעדוועדיעוו, דאָרט, ז' 81).

די גרעסטע סכנה האָבן זיי געזען אין די רוסישע פּאַרטיזאַנער, וואָס קעמפן אויף דער אוקראַיִנישער טעריטאָריע. זייער הויפּט־אויפגאַבע איז דערייבער געווען צו רייניקן צפון־אוקראַינע און דרום־ווייסרוסלאַנד (פּאָלעסיע, וואָס גרענעצט זיך מיט וואָלין) — פון די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער.

דעם 28טן אָקטאָבער 1942 איז געחתמעט געוואָרן אַ הסכם צווישן בולבאַ און אַלעקסאַנדער לוקין, מעדוועדיעווס פּאַרטרעטער וועגן גוטע שכנישע באַציִונגען און בשותפותדיקע אַקציעס אין קאַמף קעגן די דייטשן. די איניציאַטיוו צו אָט דעם אָפּמאַך איז געקומען פון בולבאַן. דער שלום האָט אָבער נישט געהאַט קיין אַריכת ימים. די בולבאָוועס, באַנדעראָוועס און מעלניקאָוועס האָבן ווידער אָנגעהויבן צו באַלעסטיקן די רוסישע פּאַרטיזאַנער אין צפון־וואָלין און אין די שכנישע זאָנעס פון פּאָלעסיע און פלעגן אָנפאַלן אויף זיי פון לויערונגען. (די רוסישע פּאַרטיזאַנער זענען געווען קאָנצענטרירט אויף דער רעכטער זייט פון דער אייזנבאַן־ליניע, קאָוועל־סאַרני).

די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטישע באַנדעס האָבן אין זייער שנאה צו סאָוועטרוסלאַנד און צו יידן ווייט איבערגעשטיגן אַפילו די ווייסע פּאָליאַקן. זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ הייליקן ציל אויסצוהרגענען די לעצטע יידן וואָס האָבן זיך נאָך אויסבאַהאַלטן ביי פּויערים און אין די וועלדער פון וואָלין.

צווישן די אוקראַינער און פּאָליאַקן האָט אייביק געהערשט אַ שנאה, וועמענס וואָרצלען עס שטעקן אין דער געשיכטע פון די ביידע פעלקער. אויך דאָ האָט די פּוילישע רעגירונג זיך באַמיט, מיט פאַרשיידענע מיטלען צו פאַרפּוילישן די געגנט ווו עס האָבן דאָמינירט אוקראַינער. זי האָט עס געטון דורך קאָלאָניזאַציע פון פּוילישע „אָסאַדניקעס" אין דער לאַנד־ווירטשאַפט און שטיצן דעם פּוילישן שטאָטישן עלעמענט, דורך באַפאָר־צוגן אים ביים באַהערשן האַנדל־ און אינדוסטריע־פּאָזיציעס, אויפן חשבון פון די יידן. די אוקראַינער האָבן זיך מיט כעס צוגעקוקט צו די באַמי־אונגען זיי צו פאַרוואַנדלען פון אַ מערהייט אין אַ מינדערהייט. זיי האָבן אַצינד אין מלחמה־כאַאָס געזען די בעסטע געלעגנהייט פּטור צו ווערן פון זיי.

די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן־באַנדעס האָבן געברענט די פּוילישע דערפער און אומברחמנותדיק אויסגעהרגעט די פּוילישע באַפעלקערונג, יונג און אַלט, מענער און פרויען. ווערשיגאָרא און מעדוועדיעוו שילדערן אין זייערע ביכער דעם טראַגישן גורל פון דער פּוילישער מינדערהייט אויף וואָלין. די פּאָליאַקן זענען זיך צעלאָפן אין די גרויסע שטעט און דערפער, ווו עס האָבן סטאַנציאָנירט דייטשע גאַרניזאָנען. פיל זענען אַנטלאָפן מיט זייערע פערד און קי אין די וועלדער, ווו זיי האָבן אונטערן שוץ פון די רוסישע פּאַרטיזאַנער געלעבט אין פאַמיליע־לאַגערן.

די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנקע, שטייענדיק אויפן יסוד פון פעלקער־פריינטשאַפט איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם דאָזיקן באַרבאַריזם פון די אוקראַינישע פאַשיסטן, און די פּוילישע באַפעלקערונג אויף וואָלין האָט צוליב דעם געהאַט סימפּאַטיעס פאַר דער רוסישער פּאַרטיזאַנקע. צוליב דעם, וואָס די פּאָליאַקן האָבן דאָרט געבילדעט אַ מינדערהייט, און אַליין נישט געווען ביכולת צו שאַפן אַ ווייס פּוילישע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, האָבן אַ טייל פון די פּאָליאַקן זיך אַנגעשלאָסן אין דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע. עס איז דאָרט געווען טעטיק אַ פּוילישער אָטריאַד אונטער דער אָנפירונג פון פּוילישן קאָמאַנדיר, מאַקס און אַ גרויסע פּוילישע פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונג א״נ „נאָך איז פּוילן נישט פאַרלוירן״ („יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ״).

אָפּט פלעגט די פּוילישע פּאָליציי, וועלכע האָט מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן אַלס רעוואַנש פאַרברענען אוקראַינישע דערפער. די דייטשן האָבן אַזוי אַרום פּיפיק אויסגענוצט די נאַציאָנאַלע אַנטאַגאָניזמען אין מערב־ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע פאַר זייערע צוועקן.

סיי די ווייס־פּוילישע פּאַרטיזאַנקע אין מערב־ווייסרוסלאַנד און סיי די גרין־אוקראַינישע אין מערב־אוקראַינע, זענען געווען אויפן האַנט פון די אָקופּאַנטן און איז דורך זיי אונטערגעשטיצט געוואָרן, באַזונדערס אין דער ערשטער צייט.

ביידע באַוועגונגען זענען, לויט זייער מהות, געווען ענג נאַציאָנאַליסטיש, פאַשיסטיש, אַנטיסאָוועטיש און זאָאָלאָגיש־אַנטיסעמיטיש. פאַר די געראַטעוועטע ייִדן אין די דאָזיקע געגנטן זענען זיי געווען געפערלעכער און שרעקלעכער ווי די דייטשן אַליין.

די מלחמה פון די יידישע פּאַרטיזאַנער

די דאָזיקע פּאַשיסטישע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונגען זענען געווען אַקטיוו אויך נאָך דער מלחמה קעגן דער סאָוועטן־מאַכט און קעגן דער פּוילישער דעמאָקראַטישער רעגירונג אין די א. ד. געביטן און עס האָט געדויערט איניקע יאָר, ביז מען האָט זיי גענצלעך אויסגעראַמט. פיל פון די באַנדעס זענען אָפּגעטראָטן צוזאַמען מיט די דייטשן קיין דייטשלאַנד און פון די פּליטים־לאַגערן זיך צעשפּרייט מיט דער הילף פון „אונראַ" איבער אַלע לענדער

קאַפּיטל זיבן

די אַפּראָוויזאַציע־פּראָבלעם אין פּאַרטיזאַנקע

א. קוועלעס פון אַפּראָוויזאַציע

די פּאַרטיזאַנער האָבן געהאַט אַ באַרעכטיקונג צו נעמען ביי דער אָרטיקער באַפעלקערונג (בעיקר דאָרפישער, ווייל צו די שטאָטישע איינוווינערס איז דער צוטריט געווען כמעט ווי אַן אָפּגעשלאָסענער, צוליב די גרעסערע גאַרניזאָנען פון דייטשן, ליטווינער, אוקראַינער, לעטן און פּויליש־ווייסרוסישע פּאָליציי, וועלכע האָבן דאָרט סטאַציאָנירט), אַל־דאָס נייטיקע, בכדי צו דערמעגלעכן די עקזיסטענץ פון צענדליקער און הונדערטער טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן זיך געכאַפּט צום געווער קעגן פאַרהאַסטן פאַרכאַפּער פון דער היימישער ערד.

עס האָט געהייסן, אַז די באַשפּייזונג, באַקליידונג און פאַרזאָרגונג מיט אַלעם נייטיקן פאַר די פרייהייט־קעמפער איז די זאַך פון די פאָלקס־מאַסן אַליין, וועמענס קאַמף עס פירן די פּאַרטיזאַנער. די סאָוועט־רעגירונג האָט ביי די געגעבענע מלחמה־באַדינגונגען פאַר קיין פאַל נישט געקענט אַפּראָווירן די פּאַרטיזאַנער און די באַפעלקערונג אויף די ערטער האָט געמוזט נעמען אויף זיך די לאַסט.

די אַפּראָוויזאַציע־פּראָבלעם איז געווען אַ פיל שווערערער אין די מזרח־געביטן פון רוסלאַנד ווו די רעגירונג, האַלטנדיק זיך ביי דער קריגס־טאַקטיק פון „פאַרברענטער ערד״, האָט אַרויסגעפירט און עוואַקויִרט אַלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, אין הינטערלאַנד און ווו צוליב די פאַרצויגענע מלחמה־אָפּעראַציעס און קאַמפן איז אַלץ אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד.

אַ פיל לייכטערער מצב אין דעם פּרט איז געווען אין די מערב־געביטן (פּוילישער טייל פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע, וועלכע זענען באַזעצט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי, סעפּטעמבער 1939), ווו די ערד איז געווען אַ מער פּרוכטבאַרע, די ווירטשאַפטן — פּריוואַטע, די געזעטעניישן און רעזערוון זענען געבליבן אויף די ערטער און די געגנטן זענען צוליב דעם שנעלן אָפּטרעטן פון דער רויטער אַרמיי נישט חרוב געוואָרן און געבליבן כמעט ווי אומבאַרירט פון די מלחמה־אָפּעראַציעס.

די פּויערים זענען אין זיינער גרעסטן טייל נישט געווען צופרידן פון דעם, וואָס זיי האָבן אויף זייערע פּלייצעס געמוזט אויסהאַלטן די פּאַרטיזאַנער, וואָס זייער צאָל האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט און זייערע באַדערפענישן זענען געוואָקסן פון טאָג צו טאָג.

דער פּאַרטיזאַנער האָט זיך גענויטיקט אין אַלץ וואָס עס מוז האָבן אַ קולטור־מענטש און זיי האָבן מיטן כוח פון געווער אַלץ גענומען בעתן דורכפירן די ווירטשאַפטס־אָפּעראַציעס („כאָז־זאַדאַניעס"), אָדער ווי מען פלעגט דאָס באַצייכענען פאַלקסטימלעך „באָמביאָזשקע" (באָמבאַרדירונג)... דאָס געפינען זיך 24 שעה אין מעת־לעת אין וואַלד־לופט, דאָס כסדרדיקע באַוועגן זיך אויף אויפגאַבן, אָפּטמאָל אויף צענדליקער און הונדערטער ק"מ, האָט אַרויסגערופן ביי די מענטשן אַ וועלפישן אַפּעטיט. דער עסן איז געווען אַ סטאַנדאַרטנער, איינזייטיקער און איז בעיקר באַשטאַנען פון פלייש און חזיר־פעטס. דער לעפל (מען פלעגט דאָס רופן גוטמוטיק — „ליטשנאָיע אָרוזשיע" — פּערזענלעך געווער, באַצייכענונג פאַר אַ פּיסטאָלעט) איז נאָך דער ביקס געווען דער וויכטיקסטער מכשיר, אָן וועלכן אַ פּאַרטיזאַנער פלעגט זיך נישט קענען באַגיין.

דער פּאַרטיזאַנער האָט נישט געמאַכט קיין ווייטע חשבונות. ער האָט געלעבט מיטן טאָג. זיין לעבנס־דעוויז און פילאָזאָפיע איז געווען: „אכול ושתה כי מחר נמות", עסן און טרינקען, ווייל מאָרגן וועלן מיר שטאַרבן.

ער האָט אין טיפן הינטערלאַנד, זייענדיק אַרומגערינגלט פון אַזאַ מעכטיקן שונא געקענט דערוואַרטן יעדע מינוט דעם טויט. דעם טאָג, וואָס ער האָט געלעבט, האָט ער געוואָלט געניסן פון לעבן אין דער פולער מאָס.

די מקורות פון אַפּראָוויזאַציע זענען געווען:

1) די פּריציש־מלוכהשע גוטבאַזיצן. די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, וואָס האָט פאַרויסגעזען אַ פולע מלוכהשע קאָנטראָל אויף די הויפן און גרויסע לאַנד־באַזיצן, וועלכע האָבן ביז דעם אָנהייב פון דער מלחמה געהערט צו פוילישע פּריצים און פירשטן. פאַר דער קורצער תקופה פון דער סאָוועטישער הערשאַפט אין מערב־ווייסרוסלאַנד און מערב־אוקראַינע זענען די א. ד. הויפן נאַציאָנאַליזירט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „קאָלכאָזן" און „סאָווכאָזן" (מלוכהשע ווירטשאַפטן). די גוטבאַזיצערס זענען זייַנערצייט פאַרשיקט געוואָרן אַלס בורשויען און קאָנטררעוואָלוציאָנערן אין די ווייט־אָפּגעלעגענע ווינקלען פון רוסלאַנד, אָדער זענען זיך צעלאָפן אין באַהעלטענישן, בכדי אויסצומיידן פאַרשיקונג. אַ טייל פון זיי איז געלונגען אַריבערצוכאַפּן זיך קיין ווילנע אין די טעג פון דער ליטווישער הערשאַפט איבער דער שטאָט און דאָרט דערוואַרטן זיך אויף זייער טאָג פון „גאולה".

די דייטשן האָבן דערלויבט די צוריקגעקומענע אייגנטימער צו אַדמיניסטרירן אין זייערע הויפן אָדער אַריינגעזעצט קאָמיסאַרן דאָרט, ווו קיין אייגנטימער איז נישט פאַרבליבן, און כמעט די גאַנצע גערעטעניש צוגענומען פאַר דער באַשפּייזונג פון פראָנט און דייטשלאַנד.

אין 1942 האָבן די פּאַרטיזאַנער אין גאַנץ ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע געפירט אַ סיסטעמאַטישע, אינטענסיווע אַקציע קעגן די פּריצישע הויפן. דאָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ וויכטיקע קאַמפּס־אַקציע קעגן אָקופּאַנט, וועלכער האָט אין די גוט־באַזיצן געהאַט אַ שטענדיקן גרויסן צושטעלער פון אַלעם נייטיקן און דערמעגלעכט נישט צו באַשווערן מיט גרויסע נאָרמעס די פּויערישע איינצל־ווירטשאַפט, צוליב וואָס די דייטשן האָבן זיך איינגעקויפט אין פרייַנטשאַפט ביי די פּויערים.

אַ חוץ דעם האָט דער אַפּראָוויזאַציע־מקור פון די גרויסע הויפן דערמעגלעכט די פּאַרטיזאַנער צו פירן אַ שטיקל צייט אַ ליבעראַלע באַציאונג צו די פּויערים און נישט אָנרירן זייערע ווירטשאַפטן.

שפּעטער האָט דער מקור אויפגעהערט צו זיין אַ רעאַלער און פאַרלוירן זיין ווערט אַלס אַפּראָוויזאַציע־קוועלע.

2) אין די מזרח־געביטן איז דאָס אָנפאַלן אויף קליינע דייטשע טראַנס־

פּאַרטן, וועלכע האָבן געפירט פּראָוויאַנט צום פראָנט און גאַרניזאָנען, אויך געווען אין אַ געוויסער מאָס אַ מקור פון פאַרזאָרגונג פאַר די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער.

3) די פּאַרטיזאַנער פלעגן אויך אָנפאַלן אויף מעלקערייען אין די שטעטלעך אַרום די פּושטשעס, ווו עס פלעגן פּראָדוצירט ווערן ריזיקע קוואַנטומס מילך־אויסאַרבעטונגען (פּוטער, קעז אאַז״וו) פון די פּאַרפליכטנ־דיקע מילך נאָרמעס. די מעלקערייען פלעגט מען פאַרברענען אָדער אויפ־רייסן, וואָס עס פלעגט אויף אַ לענגערע צייט אָפּשטעלן די פּראָדוקציע און באַשווערן די דייטשע אַפּראָוויזאַציע־פּלענער.

4) מען פלעגט אויך אָפּוואַרטן די פורן מיט פּראָדוקטן־נאָרמעס, וועל־כע די פויערים פלעגן דאַרפן צושטעלן דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט, צונעמען זיי און די פויערים אַרויסגעבן אַ באַשטעטיקונג אויף דעם, בכדי זיי זאָלן זיך קענען רעכטפאַרטיקן פאַר די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען. גרויסע קוואַנטומס שפּייז און מלבושים פלעגט מען אויך נעמען ווי טראָ־פייען ביים צעקלאַפּן דייטשע גאַרניזאָנען און פּאָליציי־פּאָסטנס.

ב. די פויערן־ווירטשאַפטן — די שפּייזערס פון די פּאַרטיזאַנער.

ווי געזאָגט איז דער פויער געווען דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פון אַפּראָוויזאַציע. די פויערישע ווירטשאַפטן האָבן אויסגעטראָגן אויף זייערע פּלייצעס דאָס אויסהאַלטן מיט אַלעם נייטיקן די ריזיקע פּאַרטיזאַנער־אַרמייען, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין די וועלדער אין די יאָרן 1943־1944.

עס האָבן עקזיסטירט געזעצן, וועלכע האָבן רעגולירט די קאָמפּלי־צירטע אַפּראָוויזאַציע־פּראָגע.

אין דער ערשטער ריי זענען געווען הפקר די ווירטשאַפטן פון די פאַמיליעס, וואָס זייערע פאַמיליע־מיטגלידער האָבן געדינט אין דער דייטשער פּאָליציי, ווייסרוסישע „סאַמאָכאָוועּ״, בירגערמייסטערס (עלטסטע איבער 10־20 דערפער) און דייטשע שפּיאָנען. די פאַרמעגנס פון אַזעלכע פלעגן קאָנפיסקירט ווערן און אָפט איז עס אויך געווען פאַרבונדן מיטן אויסמאָרדן פון זייערע פאַמיליעס.

בדרך־כלל האָט מען זיך גערעכנט מיט דער פאַרמעגלעכקייט פון פויער. אין די מזרח־געביטן פון רוסלאַנד, ווי אויך אַ טייל פון די מערב־געביטן, פלעגן די פויערים אָדער „קאָלכאָזן״ צאָלן די „נאַרמעס״ אין נאַטור צו די פאַרטיזאַנער, געגוי ווי זיי האָבן עס געטון פריִער בנוגע דער סאָוועטן־רעגירונג.

אין גרעסטן טייל איז עס אָבער געמאַכט געוואָרן דורך זעלבסטפאַר־גרייטונגען, דורך די באַזונדערע ווירטשאַפטס־ווזוואָדן. די ווירטשאַפטלעכע אָפעראַציעס פלעגן דורכגעפירט ווערן ביינאַכט, מיט דער אויסרעכענונג, אַז פאַרטאָג זאָל מען זיך שוין געפינען מיט די פורן פראָדוקטן אין דער פאַרטיזאַנער־זאָנע, ווו די געפאַר פון אַ דייטשן אָנפאַל איז געווען אַ מי־נימאַלע.

עס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן צו נעמען ביי די פויערים נישט נייטיקע זאַכן, וועלכע זענען נישט דרינגענדיק פאַרן זעלבסט־געברויך. טראָץ די שטרענגע שטראָפן, וועלכע זענען געווען פאָרויסגעזען פאַר רויבן (און זענען אָפט אויך אויסגעפירט געוואָרן), האָט מען דאָך ביי די וואַלד־פאַרהעלטענישן נישט געקענט צוימען די פאַרטיזאַנישע „אַפּעטיטן״, און אָפט פלעגט מען זוכן אין די „קופערטס״ (הילצערנע קאַסטנס), ווו דער פויער האַלט זיינע וועש און מלבושים — קי און פערד...

עס איז אויך געווען פאַרבאָטן צו נעמען ביי די פויערים אין די דערפער לעבן די פּושטשעס, ווייל מיט זיי, וועלכע האָבן געוווסט מער ווייניקער די זיך־ערטער און אויך סודות פון די אָטריאַדן, האָט מען געמוזט אָנהאַלטן די בעסטע באַציִונגען. אַזוינע דערפער האָבן זיך גערופן „פאַרטיזאַנישע״, און דאָרט פלעגט זיצן אַ קאָמענדאַנט פון די פאַרטיזאַ־נער, וועלכער האָט פּאַקטיש רעגולירט דאָס גאַנצע לעבן פון דאָרף, באַ־שטעלט פורן פאַר די אָטריאַדן צו די אויפגאַבעס אאַ״וו. אין די פאַרטיזאַ־נישע דערפער האָט מען געמעגט בלויז אַריינגיין אָפּעסן, פאַרברענגענדיק דאָרט אין שליחות פון דער אָנפירונג. יעדער פויער איז געווען מחויב צו געבן אָפּעסן יעדן פאַרטיזאַנער, וועלכער גייט צו אים אַריין. מען האָט אויך נישט געטאָרט נעמען ביי די פויערישע פאַרבינדונגס־מענטשן און אינפאָרמאַטאָרן.

דאַקעגן האָט מען נישט מקפיד געווען אויף ווייט־אָפּגעלעגענע ראַיאָ־

נען מחוץ די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס און ספּעציעל אין די ראַיאָנען, וועלכע זענען געווען אין דער דייטשער „איינפלוס־ספּערע" (לעבן די שטעטלעך און גאַרניזאָנען). דאָרט איז געווען אַ מצווה צו נעמען אַלץ, ווייל דורכדעם נעמט מען עס אַוועק פון דייטש.

אין פּאַרטיזאַנקע האָט נישט עקזיסטירט קיין איינהייטלעכע אוניפאָרם. אַ חוץ יחידים, וועלכע זענען געווען געקליידט מיליטעריש, איז דער איבערוויגנדיקער טייל פון די פּאַרטיזאַנער געווען אָנגעטון ציוויל. די פּאַרטיזאַנישע „באַפּוצונג" איז געווען: אַ רויטער שטערן אויפן היטל און איבערגעוואָרפענע לעדערנע אָדער געקרייצטע קוילן־פּאַסן.

מען האָט זיך אָנגעטון אין די מלבושים, וועלכע מען האָט זיך דער־וואָרבן בעת די ווירטשאַפטס־אָפּעראַציעס. מען האָט דאָ געקענט זען פּויערישע „סיערמיעגעס" און אַ שטאָטישן שוואַרצן אָנצוג, אַ געוויינ־לעך צעריסן היטל און אַ געטורעמטן צילינדער, געוואַנט־הויזן און אַ באַל־פּראַק מיט אַ שפּאַלט... ביי די זומפּיקע וואַלד־באַדינגונגען און קעלטן זענען שטיוול און פּויערישע פּעלצן געווען די וויכטיקסטע מלבושים, אָן וועלכע אַ פּאַרטיזאַנער האָט זיך נישט געקענט באַגיין.

יידישע פּאַרטיזאַנער פלעגן זיין זייער פּילעוודיק אויף אַנטדעקטע יידישע זאַכן. אַזעלכע זאַכן פלעגן קאָנפיסקירט ווערן און נישט זעלטן פלעגן די פּויערים געשלאָגן ווערן דערפאַר.

דאָס פּראָבלעם פון מאַטעריעלער פאַרזאָרגונג איז געווען באַזונדערס קאָמפּליצירט דאַן, ווען אין די וועלדער האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן ריזיקע מענטשן־מאַסן און גרויסע אַרמייען, (צווייטע העלפט פון 1943). נאָך קאָמפּליצירטער איז געוואָרן די לאַגע, ווען אין 1944 האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט די פּושטשעס מיט אַ גאַרטל פון גוט באַפעסטיקטע גאַר־ניזאָנען פון „וולאַסאָוועצעס" און קאָזאַקן, וועלכע זענען אָפּגעטראָטן מיט די דייטשן, נאָך זייערע מפּלות אויף די רוסישע פראָנטן און זענען אויס־געניצט געוואָרן דורך די דייטשן צום קאַמף קעגן די רוסישע פּאַרטיזאַנער.

דאָס פאַרשטאַרקן זיך פון דער ווייס־פּוילישער פּאַרטיזאַנקע אין מערב־ווייסרוסלאַנד און גרין־אוקראַינישער — אין מערב־אוקראַינע, האָט אויך שטאַרק באַשווערט די אַפּראָוויזאַציע־פּראָבלעם. די באַוועגונגס־פריי־הייט אין די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס איז איינגעשרומפּן געוואָרן, און די

אַטריאַדן פֿלעגן זיין געצווונגען מיט קאַמף זיך אַריינצורייסן אין די פֿיינט־לעכע זאָנעס און דאָרט מאַכן די שפּייז־פֿאַרגרייטונגען.

אין צייט פֿון גרויסע אַבלאַוועס און בלאָקאַדעס אויף פּאַרטיזאַנער פֿלעגט מען, נאָכן אויסנוצן די „ענזע"־שפּייזן („ענזע" — ניעפּריקאָסנאָ־וויענני זאַפּאַס — אומבאַדינגטער רעזערוו פֿון סוכאַרעס און שמאַלץ, וועלכער פֿלעגט צוגעגרייט ווערן פֿאַר יעדן איינעם אויפֿן פֿאַל פֿון אַן אַבלאַווע), בוכשטעבלעך הונגערן.

אַזוי זענען די פּאַרטיזאַנער פֿון ליפּיטשאַנער פּושטשע בעת דער גרויסער בלאָקאַדע (יוני־יולי 1944), האַרט פֿאַר דער באַפרייאונג, געווען געצווונגען צו עסן פֿערדן־פֿלייש און געווען באַדראָט פֿון אַ זיכערן הונגער־טויט, ווען עס וואָלט נישט אונטערגעקומען די באַפרייענדיקע רויטע אַרמיי.

כדי צו באַשווערן די פּאַרטיזאַנער זייער אויפהאַלט און עקזיסטענץ, האָבן די דייטשן בעת די גרויסע אַבלאַוועס אומברחמנותדיק פֿאַרברענט פֿיל צענדליקער דערפֿער און טויזנטער איינצל־ווירטשאַפֿטן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען ביי דער פּושטשע, אַלס „פּאַרטיזאַנישע".

דער פּויער איז געווען צווישן האַמער און קאָוואַדלע. פֿלעגט ער נישט געבן די „נאָרמע" די דייטשן, פֿלעגן זיי אים מאָרדן און ברענען אַלס „פּאַרטיזאַנער". די פּאַרטיזאַנער, ווידער, פֿלעגן מיטן כוח פֿון געווער נעמען אַלדאָס נייטיקע פֿאַר זיך. די פּויערים פֿלעגן טענהן: „איר נעמט און דער דייטש נעמט, ווו זאָלן מיר נעמען פֿאַר אַלעמען?" דער גרעסטער טייל פּויערים האָט געגעבן דעם פּאַרטיזאַנער מער פֿאַר מורא ווי באַ־וווסטזיניק, זיי פֿלעגן אויך כסדר פֿרעגן: „ווען וועט שוין אַ סוף נעמען צו דער מלחמה?" געמיינט האָבן זיי אָבער נישט די פֿראָנט־מלחמה אויף דער גרויסער וועלט, נאָר די פּאַרטיזאַנער־מלחמה אַרום זיי.

פֿיל קעגנזייטיקע קאָנפֿליקטן פֿלעגן אַרויסקומען צווישן די פּאַרטי־זאַנער גופֿא, צוליבן אַריינדרינגען פֿון איין אָטריאַד אין צווייטנס ראַיאָן (יעדער אָטריאַד האָט געהאַט זיין צוגעטיילטן ראַיאָן אויף צו מאַכן שפּייז־פֿאַרגרייטונגען).

בדרך־כלל האָבן די פּויערים פֿון די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס זינט 1943 אויפֿגעהערט געבן זייערע „נאָרמעס" דער דייטשער מאַכט, און די ראַיאָ־

נען האָבן געדינט אַלס מקור פון אַפּראָוויזאַציע, אויסשליסלעך פאַר די הונגערטער טויזנטער קעמפנדיקע פּאַרטיזאַנער.

אין וואַלין האָבן די פּאַרטיזאַנער אויך באַקומען פּראָדוקטן פון נאָנט־ליגנדיקן באָדן ביי די וועלדער, וועלכער איז באַאַרבעט געוואָרן דורך די יידישע פאַמיליע־לאַגערן.

דער פּאַרטיזאַנער אַליין האָט נישט געאַרבעט. ער האָט געקעמפט, און פיזישע אַרבעט איז ביי אים געווען פאַררעכנט ווי אַ זאַך, וועלכע מינ־דערוועדיקט דעם קעמפער.

די צוויי און אַ האַלב יאָר פּאַרטיזאַנקע האָט אויסגעליידיקט די פּויע־רישע ווירטשאַפטן אין די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס. אין ליפּיטשאַנער פּושטשע, למשל, זענען פאַר דער באַפרייאונג געווען דערפער, ווו עס איז געבליבן איין קו אויף פיר, פינף ווירטשאַפטן, איין פערד אויף צוויי דריי ווירט־שאַפטן אאַז״וו.

מען דאַרף צוגעבן, אַז דער פּאַרטיזאַנער האָט זיך נישט אָן ערך בעסער דערנערט, ווי דער זעלנער פון דער רעגולערער אַרמיי און ווי דער ציוויל מענטש.

די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג האָט קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט. דער פּאַרטיזאַן האָט באַרעכטיקט זיין אויסהאַלט מיט דעם קאַמף, וואָס ער פירט מיטן אָקופּאַנט פאַר דער פרייהייט פון פאָלק. ער האָט גע־געבן זיין בלוט, זיין יונג לעבן — האָט ער זיך געדאַרפט רעכענען מיט די קליינלעכע, ענג־עגאָיסטישע אויסרעכענונגען פון קאַרגן פּויער?

ג. די פּלאָג פון שיכרות

פּאַרטיזאַנקע איז אין אַ געוויסער מאָס געווען אַ הפקר־לעבן, און בראָנפן איז געוואָרן דער באַגלייטער פון דעם פּאַרטיזאַנישן לעבן. אַ חוץ דער „נאָרמאַלער שוואַכקייט" פון רוס צום „ביטערן טראָפּן" איז צוגעקומען דער מאָמענט פון שאַפן זיך שטימונג פאַרן גיין אויף אַ קאַמפּס־אויפגאַבע.

טרינקען, שיכורן איז געווען אַ זאַך פון פּאַרטיזאַנישן „באָן־טאָן". אָפט פלעגט מען מעסטן די קעמפערישע קוואַליטעט פון אַ פּאַרטיזאַן מיט

דער מאָס פון די גלעזער „סאַמאָגאָן"" (אייגן־פּראָדוצירטע בראָנפן פון קאַרטאָפל, קאָרן אאַז"וו), וועלכע ער פלעגט קענען אַריינציִען...

גנעטרונקען האָבן אַלע: דער געוויינלעכער פּאַרטיזאַן, די קאָמאַנדירן און אַפילו די פּאַרטיזאַנקעס. אַ פּאַרטיזאַנער האָט זיך נישט געזעצט צום טיש אָן דעם פלעשל „סאַמאָגאָן" און פלעגט זיך נישט אויפהייבן פון אָרט ביז ער איז נישט געווען זיכער, אַז ביים פויער איזווירקלעך מער נישטאָ פון דעם ביטערן געטראַנק...

פיל הונדערטער און אפשר טויזנטער פּאַרטיזאַנער האָבן פאַרטרונקען זייערע לעבנס. זייענדיק אין אַ שיכורן צושטאַנד, באַוווסטלאָז, פלעגן זיי זיין אַ לייכטער רויב פאַר די דייטשן און פּאָליציי. שיכורע פלעגן געוויינטלעך נישט היטן די פּאַרטיזאַנישע פאָרשריפטן פון זיכערקייט און וואַכזאַמקייט פאַרן שונא, וואָס האָט געקענט אונטערקומען פון אַ נאָענטן גאַרניזאָן, צוליב אַ מסירהלע פון פיינטלעכע פויערים, שפּיאָנען אאַז"וו.

דורך דער אָנפירונג זענען אָנגענומען געוואָרן מיטלען קעגן דער שיכרות־מגפה. עס איז געפירט געוואָרן אַן אויפקלער־אַרבעט אונטער דער לאָזונג „שנאַפּס איז דער פאַרבינדעטער פון דייטש". עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ שטרענגער געזעץ, וואָס האָט פאַרבאָטן צו טרינקען מחוץ די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס און גייענדיק אויף אויפגאַבעס. אָבער דאָס אַלץ האָט ווייניק געהאָלפן און קיין זאַך האָט נישט געקענט אָפּהאַלטן פּאַרטיזאַנער פון ריזיקירן אַפילו מיטן לעבן צוליב דער האָפענונג צו באַקומען אַ ליטער „סאַמאָגאָן..."

בראָנפן איז געוואָרן אַן אַרטיקל פון ערשטן געברויך. יעדער פויער האָט זיך געפלייסט איבערצוליציטירן אין קוואַליטעט פון אויסגעאַרבעטן בראָנפן, און געוויסע פויערים האָבן זיך אַפילו אויסגעאַרבעט „פאַבריקמאַרקעס", וועלכע זענען געווען פּאָפּולער ווייט און ברייט איבער גאַנצע געגנטן. טויזנטער פורן קאָרן האָט מען „פאַרטריבן" (לויטן רוסישן אויסדרוק) אין „וואָדאָטשקאַ" (פאַרצערטלט — בראָנפן). עס איז געגאַנגען אַ האַנדל מיטן טייערן געטראַנק און פויערים מיט איניציאַטיוו און אַ סוחרישן חוש האָבן זיך געמאַכט דערביי פאַרמעגנס. דער פּאַרטיזאַנער איז געווען גרייט אָפּצוגעבן אַלץ וואָס ער האָט דערוואָרבן בעת אַ „באָמביאָזשקע" פאַרן „ביטערן וואַסערל". עס פלעגט טרעפן, אַז אין איין כוטאָר פלעגט

מען נעמען אַ פערד אָדער אַ קו, און אין אַ צווייטן — פלעגט מען זיי אויסבייטן אויף אַ באַשטימטער צאָל „פלעשלעך...“

די פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג האָט געפירט אַ קאַמף מיט דער שיכרות־כוואַליע, וועלכע האָט אָפּגעשוואַכט די קאַמפס־גרייטקייט, דערפירט צו פיל אומזיסטע קרבנות און אויך מיטגעווירקט צו דעם, אַז פּאַרטיזאַנער זאָלן אין אַ שיכורן צושטאַנד באַגיין פאַרברעכנס כלפּי דער באַפעלקערונג, שלאָגן, שיסן, פאַרגוואַלטיקן, רויבן אד״גל, וואָס עס איז געווען קעגן דער טאַקטיק פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, וועלכע איז געווען בלויז פאַר־אינטערעסירט איינצוהאַלטן ווי וויט מעגלעך די בעסטע באַציִונגען מיט דער אָרומיקער באַפעלקערונג און דערווערבן איר סימפּאַטיע.

די פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג איז לסוף געווען געצוווּנגען אומהיילבאַרע און אומפאַראַנטוואָרטלעכע שיכורים צו דערשיסן „פערעד סטראָיעם“ (ד״ה, פאַר די רייען פון די אויסגעשטעלטע פּאַרטיזאַנער) אָדער אויפן אָרט, ווו עס איז באַגאַנגען געוואָרן דער פאַרברעכן. דורך באַפעלן פלעגט עס מיט־געטיילט ווערן די פּאַרטיזאַנער און דאָס האָט געווירקט אָפּשרעקנדיק פאַר אַלעמען.

כדאי צוצוגעבן, אַז די ייִדן זענען אויך ביי די וואַלד־באַדינגונגען געבליבן דאָס ניכטערע פאָלק. אַ ייִדישער פּאַרטיזאַן האָט זיך קיינמאָל נישט אָנגעטרונקען ביז באַוווסטלאָזיקייט און נישט באַגאַנגען אומפאַר־אַנטוואָרטלעכע פאַרברעכנס. אָבער אויך דער ייִדישער קעמפער האָט זיך אויסגעלערנט טרינקען און אַנדערע פלעגן אַפילו שלאָגן „רעקאָרד“ לגבי די רוסישע פּאַרטיזאַנער...

קאַפּיטל אַכט

די סיבות פון דער יידישער קאַמפס-פּאַסיוויטעט אין די געטאָס

די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער האָבן צווישן אַנדערע טענות אויף פאַר־געוואָרפן די ייִדן דאָס לאָזן זיך אויסקוילענען, נישט שטעלנדיק קיין ווי־דערשטאַנד.

פאַרוואָס איז נישט געווען קיין פאַרצווייפלונגס־ווידערשטאַנד?

פאַרוואָס האָט מען גייענדיק צו די גריבער אויף אַ זיכערן טויט נישט געוואָרפן זיך מיט מעסערס און העק אויף די שוחטים־דייטשן, נישט גע־ביסן זיי די גאָרגלען?

צי וואָלטן זיי עס געקענט מאַכן מיט אַן אַנדער פאָלק, מיט ווייסרוסן אָדער מיט פּאָליאַקן?

פאַרוואָס זענען די ייִדן נישט געלאָפן אין די וועלדער און אַליין נישט געגרינדעט קיין פּאַרטיזאַנקע?

עס דערמאָנט זיך אַן אָקטאָבער־נאַכט 1943 אין ליפּיטשאַנער פושטשע ביים „קאָסטיאָר" (פלאַקער), די נאָר־וואָס אָנגעקומענע פּאַראַשוטיסטן, פון יענער זייט פראָנט־ליניע, האָבן אונדז פאַרשאָטן מיט פראַגעס. די פראַגעס האָבן אונדז געבריט און קיין רו נישט געגעבן. אָנשטאָט פאַר־שטענדעניש פאַר די איינציקע, לעבנגעבליבענע פון גרויסע ישובים, האָבן מיר געזען אַ טענדענץ אונדז צו טרעפן, באַליידיקן, שיטן זאַלץ אויף די ווונדן. מיר האָבן געפּרווט אויפהויבן דעם פאַרהאַנג. מיר האָבן געגעבן אַ בילד פון די פאַרהעלטענישן אין געטאָ און באַרירט אַלע מאָמענטן, וועלכע האָבן געדאַרפט אויפקלערן אונדזער פאָלקס־טראַגעדיע.

1. די ייִדן האָבן געטראַכט מיט מענטשלעכע קאַטעגאָריעס און נישט געקענט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז די דייטשן וועלן אָן שום פּרעטעקסט אויסהרגענען אַ גאַנץ פֿאָלק.

נישט אין דער וועלט־געשיכטע און נישט אין דער בלוטיקער ייִדי־שער געשיכטע איז נישט געווען אַן ענלעכער פּרעצעדענט. ווען עס זענען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות וועגן שחיטות אין ליטע, וועגן שחיטות אין שכנישע שטעט און שטעטלעך האָבן מיר אַליין צוגעטראַכט תירוצים, וועלכע האָבן געדאַרפֿט אויפֿקלערן די סיבות פֿון דער שחיטה. מיר האָבן נישט געקענט און נישט געוואָלט גלייבן, אַז אַזוינס איז מעגלעך.

2. די ייִדן, אַלס שטאָטישער עלעמענט, האָט מען לייכט געקענט קאָנ־צענטרירן, אויפֿנעמען „אין הויפֿן" און האָבן אויף זיי אַן אויג, וואָס עס וואָלט טאַקע געווען פֿיל שווערער מיט אַנדערע פֿעלקער, וועלכע לעבן צעשאָטן איבער צענדליקער טויזנטער דערפֿער און פֿאַרוואָרפֿענע ישובים.

3. עס איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד אין די געטאָס, אַפֿילו נישט קיין פֿאַרצווייפֿלונגס־ווידערשטאַנד. עס איז נישט געווען קיין געווער, און צוליב דער אַלגעמיינער זאָאָלאָגישער שנאה פֿון דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג, איז מען ביים פּרווון שאַפֿן פֿאַרבינדונ־גען כסדר געווען אויסגעשטעלט אויף פּראָוואָקאַציעס און מסירות, וואָס זייערע רעזולטאַטן זענען געווען פֿריצייטיקע שחיטות.

4. די באַרימטע ייִדישע פֿאַמיליע־צוגעבונדנקייט, וועלכע איז אין נאָרמאַלע צייטן געווען אַ ברכה פֿאַר אונדזער פֿאָלק, איז אין יענע יאָרן פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קללה. צענדליקער און הונדערטער טויזנטער ייִדן האָבן פֿרייוויליק אויסגעקליבן דעם טויט צוזאַמען מיט זייערע פֿרויען און קינדער, און אָפּגעוואָרפֿן די געמאַכטע פֿאָרשלאָגן בעת דער „סאָרטי־ראָווקע" וועגן בלייבן לעבן אָן זיי אָדער פּרווון זיך ראַטעווען אויף אַן אַנדער וועג. די פֿאַמיליעס האָבן געבונדן, געפּענטעט, נישט דערלאָזן צו קיין איניציאַטיוו וועגן ווידערשטאַנד אין די געטאָס. צוליב דעם, וואָס אין פּאַרטיזאַנקע און אין די וועלדער איז געווען כמעט אוממעגלעך דאָס לעבן פֿאַר פֿאַמיליע־מענטשן מיט קליינע קינדער, באַזונדערס אין דער ערשטער צייט, זענען פֿיל ייִדן נישט געגאַנגען אין פּאַרטיזאַנקע.

5. נאָך אַ באַרימטע ייִדישע אייגנשאַפֿט און כאַראַקטער־שטריך,

וועלכער האָט געהאָלפן אונדזער פאָלק אַדורכגיין פיל שווערע, בלוטיקע תקופות און נסיונות — דער גוט־באַקאַנטער יידישער בטחון, די אייביקע יידישע האָפענונג, דער גלויבן — איז דאָסמאָל געווען פאַר אונדז אַ שטרויכלונג, אַ נעץ צו טאָטלאָזיקייט, אָפּהענטיקייט, צו פאַרוויגן זיך אין אילוזיעס, זעלבסטאיינרעדעניש אַון חלומות.

דער בטחון, אַז מען וועט אַדורכהאַלטן, איבערלעבן די שונאים, אַז עס וועט (מוז) געשען אַ נס פון הימל, ווי עס האָט געטראָפן פילמאָל מיט אונדזער פאָלק אין זיין לאַנגער, בלוטיקער, טויזנט־יעריקער געשיכטע, האָט אין די אומקום־יאָרן פאַרפירט און אָפּגענאַרט. דער יידישער בטחון, אָפּטי־מיזם און פאַרלאָזן זיך אויפן גנאָד פון די הימלען האָט אונדז דאָסמאָל זייער טייער געקאָסט.

אויך די רעליגיעזע איינשטעלונג, אַז דאָס איז אַ שטראָף פון הימל, אַ גזר־דין פון רבונו של עולם פאַר די שווערע חטאים פון זיין „אויסדער־וויילטן פאָלק", האָט באַדייטנדיק מיטגעהאָלפן צו פאַרטיפן די פּאַסיוויטעט און גלייכגילטיקייט צו דעם וואָס דאַרף קומען. ביים ראַנד פון די מאַסן־קברים האָט מען נאָך געגלויבט און געוואַרט אויף אַ נס, אַ פּאַסירונג, וואָס וועט ראַטעווען, אין דער לעצטער מינוט.

6. מען האָט קיינמאָל נישט געקענט וויסן, ווען עס וועט פאָרקומען אַן „אַקציע" (אַ שחיטה). די „נאַרישע יעקעס" האָבן כסדר איבערגעכיט־רעוועט און אָפּגענאַרט דאָס צעטומלטע „קלוגע פאָלק". זיי פלעגן עס יעדעס מאָל און אין יעדן אָרט מאַכן אַנדערש; פּלוצלינג, ווען מען האָט זיך אויף דעם אַמווייניקסטן געריכט, אַזוי, אַז אַלע פּרעווענטיווע פאַרהיטונגס־און צוגרייטונגס־מיטלען צום ווידערשטאַנד (מאַלינעס אאַז"וו), פלעגן גאָר־נישט קענען אויסגענוצט ווערן.

7. דער דייטש האָט נישט גלייך אויסגעהרגעט אַלע יידן. פאַרקערט, ער האָט זיך באַמיט צו שאַפן די אילוזיע, אַז די יידן, וועלכע זענען איבער־געלאָזט געוואָרן נאָך אַ שחיטה, וועלן בלייבן לעבן ביזן סוף פון קריג און אַז קיין מאַסן־שחיטות וועלן שוין מער נישט זיין. די „יידן־ראַטן", האָבן פיל מיטגעהאָלפן צו אונטערהאַלטן די דאָזיקע אילוזיעס, בכדי עס זאָל זיין גרינגער זייער אַרבעט און (ווי אַ טייל האָבן עס געמיינט ערלעך) ראַ־

טעוּוען וואָס עס לאָזט זיך און נישט געבן די דייטשן פּרעטעקסטן צו מאַכן־„אַקציעס״.

8. די דייטשן איז דורך אַ ריי דערנידעריקונגס־ און באַליידיקונגס־געזעצן געלונגען צו שאַפן אַ מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס ביי די ייִדן. זיי האָבן די ייִדן מאָראַליש און פּסיכיש איינגעבראָכן און דערנידעריקט. צוליבן נישט זען קיין אויסוועג איז מען געוואָרן פּאַסיוו, אָפּהענטיק, האַלב־טויט און נישט געוועזן פעיִק צו אונטערנעמען עפּעס ערנסטעס. מען האָט גלייכגילטיק אָפּגעוואַרט דעם טויט, וועלכער וועט באַפרייען פונעם שענד־לעכן לעבן. מען האָט געשאַפן אַ פילאָזאָפיע, אַז עס לוינט נישט צו קעמפן פאַר אַזאַ לעבן, אַז עס איז אַ שאַנדע צו לעבן אין אַזאַ מערדערישער וועלט, אַז מיר זענען נישט בעסער, ווי די אַנדערע, וועלכע זענען אומגעקומען און אַז קיין וועג איבערצולעבן די מלחמה איז ממילא נישטאָ.

9. דאָס טיפע פאַראַנטוואָרטלעכקייטס־געפיל פאַרן כלל, פאַרן פאָלק, האָט אָפּגעהאַלטן די בונטאַרן און אָרגאַניזאַטאָרן פון ווידערשטאַנד אין די געטאָס עפּעס אונטערצונעמען. די „ייִדן־ראַטן״ האָבן געדראָט און צייטנווייז אויך געמסרט. די ייִדישע מאַסע, וועלכע האָט נישט געקענט (פרויען, קינדער, זקנים אאַז״וו), נישט געגלויבט און נישט געוואָלט קיין רעוואָלט און פּאַרטיזאַנקע איז געווען קעגן די בונטאַרן, און מען האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם אַחריות־געפיל, אַז אַ וועלכע עס איז אַקציע קעגן די דייטשן קען ברענגען אָדער צואיילן אַ שחיטה (דער מאָמענט ווערט אויך באַרירט אין די פאַרעפנטלעכטע קינות וועגן „אויסגעקוילעטן ייִדישן פאָלק״, פון טראַגיש אומגעקומענעם העברעיִשן דיכטער קאַצע־נעלסאָן ז״ל).

אַ כאַראַקטעריסטישע באַמערקונג אויף דער טעמע, געפינען מיר אין בוך „דפים מן הדליקה״ פון קאָמאַנדיר פון דער ביאַליסטאָקער ווידער־שטאַנדס־אָרגאַניזאַציע, מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָוו, אונטערן טיטל:

„פאַרוואָס האָבן מיר נישט אָנגעהויבן קיין קאָנטער־אַקציע״:

„מיר האָבן געוווּסט, אַז דער סוף פון ביאַליסטאָקער יידנטום איז ליקווידאַציע, פולע ליקווידאַציע ביזן לעצטן. מיר האָבן אָפּגעגעבן דעם מולך די ערשטע טויזנטער, כדי (נישט צו ראַטעווען! — דאָס איז אוממעגלעך) צו פאַרלענגערן דאָס לעבן פון אַ צענט־חלק פון פוילישן יידנטום מיט נאָך אַ

חודש, מיט נאָך צוויי חדשים. ביי דער איצטיקער סיטואַציע אויף די פראָנטן און אין דער מדינה), קען יעדן טאָג קומען די גאולה. דעם „ניין" האָבן מיר געזאָגט. מיר זענען די פאַראַנטוואָרטלעכע. ווען נישט דאָס, וואָלט שוין דאָ לאַנג קיין איין ייד נישט געבליבן".

(דאָרט ז' 94)

אין די זכרונות־ביכער פון די לעבנגעבליבענע קעמפער ווערט גע־ווידמעט פיל אָרט פאַר דעם געראַנגל צווישן פאַראַנטוואָרטלעכקייטס־געפיל פון די ווידערשטענדלער פאַרן גורל פון די יידישע מאַסן און דעם דראַנג קעגנצושטעלן זיך די דייטשע שוחטים פאַר יעדן פרייז. די ווידער־שטאַנדס־אָרגאַניזאַציעס האָבן באַשלאָסן אָנהייבן דעם אויפשטאַנד אין די געטאָס נאָר דאַן ווען עס וועט זיין קלאָר, אַז דער געטאָ שטייט פאַר פולער ליקווידאַציע און עס איז שוין נישטאָ וואָס צו פאַרלירן און מורא צו האָבן פאַר פאַטאַלע אויסווירקונגען.

ד"ר דוואָרזשעצקי שרייבט וועגן דעם גורלדיקן נשמה־געראַנגל צווישן די פ. פ. אָ.־חברים אין ווילנע:

„ווען איז די פאַסיקע צייט אָנצוהייבן דעם אויפשטאַנד אין געטאָ?

— בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

ווי וועט זיך באַציען די פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע צו אַ טיילווייזע ליקווידאַציע פון געטאָ? צי דאַרף מען וואַרטן ביזן לעצטן טאָג פון געטאָ און ערשט דאַן זיך קעגנשטעלן? אָדער טאָן דאָס רעכטצייטיק בעת די ערשטע אַקציעס, ווייל שפּעטער וועט שוין זיין צו שפּעט? —

אין די אויסטייטשונגען צו די תקנות פון דער „פאַראייניקטער פאַר־טיזאַנער אָרגאַניזאַציע (פ. פ. אָ.) איז געגעבן געוואָרן פאָלגנדיקער ענטפער:

„די פאַראייניקטע פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע וועט אָנהייבן דעם געראַנגל בעת עס וועט אַנגעגרירט ווערן די עקזיסטענץ פון געטאָ אַלס גאַנצן.

עס זענען מעגלעך פאַרשיידענע פאָרמען פון איזדעק, רציחות, אַקציעס פון לאָקאַלן כאַראַקטער, שטראָף־אָפּעראַציעס פון דער געסטאַפּאָ, וואָס וועלן זיך ענדיקן מיטן טויט פון יחידים, צענדליקער און הונדערטער יידן.

מיר האַלטן, אַז עס איז כדאי צו פאַרטיידיקן און מען טאָר נישט אָפּ־געבן אַן ווידערשטאַנד צו די רוצחים דאָס לעבן פון אַן איינציקן ייד. אָבער אַזוי ווי די פ. פ. אָ. שטעלט נישט פאַר מיט זיך קיין שטאַרקן מיליטערישן כוח, וואָס זאָל קענען אויפנעמען דעם אומגלייכן געראַנגל מיטן דייטשן שונא, קען ער נישט אַרויסגיין פאַרטיידיקן יעדן איינצלנעם יידן. אויפטרעטן פריצייטיק וועט זיין אַ לייכטזיניקייט; פאַרשפּעטיקן —

וועט זיין אַ פאַרברעכן. די פּ. פּ. אָ. וועט אויפטרעטן דאַן ווען זי וועט אין אַ דייטשער אַקציע, אומאָפּהענגיק פון דער צאָל יידן, זען דעם אָנהייב פון סוף. ווען עס וועט האַלטן ביי אַן אַלגעמיינעם אומקום, וועלן מיר אַרויס אין קאַמף, אַפילו אויב מיר וועלן נישט זיין באַוואָפנט...״

די מיטגלידער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע „יחיאל״ (יחיאל שיינבוים, וואָס האָט פּראָפּאַגירט, אַז מען דאַרף באַלד אַרויסגיין אין די וועלדער צום פּאַרטיזאַנישן קאַמף) האָבן געגעבן אַ קעגנזעצלעכן ענטפער אויף דער פראַגע „וואָס מיינט ליקווידאַציע פון געטאָ?״:

„די ליקווידאַציע איז אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ערשטע טראַנספּאָרטן פון ווילנער יידנטום און בעיקר פון אירע מענער — דער נאַטירלעכער שוץ־כוח; די ליקווידאַציע ווערט סיסטעמאַטיש פאָרגעזעצט דורך די „אַקציעס״ אין געטאָ גופא. אַזוי אַרום וועט דער געטאָ זיך ליקווידירן פון „אַקציע״ צו „אַקציע״ און, אַז ס'וועט קומען צו דער „לעצטער אַקציע״ וועט דער געטאָ נישט פאַרמאָגן קיין ממשותדיקן כוח צו ווידערשטאַנד.

„צוליב דעם איז בעסער רעכטצייטיק, אַרויס צו פירן אין די וועלדער די באַוואָפנטע און קאַמפּס־פעיקע כוחות. אַנדערש — וועלן אין לעצטן טאַג פון געטאָ, ליקווידירט ווערן אויך די ווינציקע כוחות, וואָס מיר פאַרמאָגן, אַפילו אָן דער מעגלעכקייט צו באַשיצן די געטאָ־איינוווינער״.

(„ירושלים ד'ליטאָ במרי ובשואָה״ ז״ז, 198, 199).

10. מיר האָבן גאָר קיין פאָרשטעלונג נישט געהאַט, וואָס פאַר אַ ברענענדיקע שנאה עס האָט געטליעט קעגן אונדז ביי אונדזערע שכנים. כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג אין פוילן, ווייסרוסלאַנד, ליטע און אוקראַינע האָט זיך אומפאַרשעמט אַקטיוו אַנגאַזשירט אינעם יידן־אויסראָט, ס'רוב, נאָך מיט מער רציחה און מענטשנפרעסערישקייט, ווי די דייטשן אַליין. אַלע האָבן זיי איינגעטונקען זייערע הענט אין יידיש בלוט און רויב און אַלע זענען זיי געווען פאַראינטערעסירט, אַז עס זאָלן נישט בלייבן קיין לעבעדיקע עדות. די יידן, וועלכע עס איז געלונגען זיך צו ראַטעווען פון די נעגל פון טויט, זענען אַנטלויפנדיק פאַרפייניקט געוואָרן דורך פויערים אָדער איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון געשטאַפּאָ. די יידן, וועלכע זענען געווען באַהאַלטן ביי זייערע „גוטע פריינט״, זענען, מערסטנטייל, פריער אָדער שפּעטער דורך זיי דערמאָרדעט געוואָרן, נאָכן צונעמען ביי זיי זייער האָב און גוטס, די באַציונג פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג צו

די ייִדן, האָט אײַנגאַנצן פּאַראומממעגלעכט יעדן וועג פון רעטונג, פון שאַפן אַן אייגענע ייִדישע פּאַרטיזאַנקע.

איצט קען מען שוין פעסטשטעלן מיט פולער זיכערקייט, אַז די ייִדן אַליין אָן די אָנוועזנהייט פון רוסן אין די וועלדער וואָלטן נישט געקענט אויפשטעלן קיין פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

די ייִדן האָט געפעלט מיליטערישע אויסשולונג און זיי האָבן נישט געהאַט קיין דערפאַרונג אין פּאַרטיזאַנישער טאַקטיק און סטראַטעגיע. אַ ספק, צי ייִדישע פּאַרטיזאַנער אַליין וואָלטן געוואַגט אָנצווווענדן קעגן די פויערים יענע הארבע, אָבער נויטווענדיקע מאָסנאַמען, וואָס די רוסישע פּאַרטיזאַנער האָבן אָנגענומען לגבי יחידים און אַפילו גאַנצע דערפער, פאַר מיטאַרבעט מיט די דייטשן, פאַר ווידערשפּעניקן די פּאַרטיזאַנישע באַפעלן אאַז״וו. וואָס האָט דערפירט צו איינשטעלן אַ פּאַרטיזאַנער־ממשלה אויף ריזיקע שטחים (א. ג. „פּאַרטיזאַנער־זאָנעס״).

די רוסישע, ווייסרוסישע, אוקראַינישע פּאַרטיזאַנער זענען לויט זייער נאַציאָנאַליטעט, לעבנס־שטייגער, מנהגים און מענטאַליטעט געווען אידענטיש מיט דער באַפעלקערונג, צווישן וועלכער זיי האָבן געלעבט און געווירקט און דעריבער זיך שנעל צוזאַמענגעלעבט מיט זיי. די באַפעלקערונג האָט אין זיי, די געוועזענע סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי, געזען די פאָרשטייער פון סאָוועט־רוסלאַנד, וועלכע וועט פריִער אָדער שפּעטער, זיין די לעגיטימע הערשערין פון די געביטן און דעריבער געשטרעבט שוין היינט צו געפינען ביי זיי חן דורך מיטאַרבעט און מיטהילף.

די פויערים וואָלטן קיינמאָל נישט באַטראַכט ייִדן, ווי פאָרשטייער פון סאָוועט־רוסלאַנד, אַפילו ווען די ייִדן וואָלט געלונגען איינצושטעלן דעם קאָנטאַקט און באַקומען הילף פון מאָסקווע.

די פויערים וואָלטן נישט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז ייִדן זאָלן ביי זיי נעמען אומזיסט, מיטן כוח פון ביקס, אַלעס נויטווענדיקע, דיזעלבע ייִדן, וועלכע ער האָט געזען באַליידיקטע, באַשפּיגענע און באַשטימטע צו טאָטאַלער פאַרניכטונג. די פויערים וואָלטן אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיט דער דייטשער מאַכט ביים אויסראָטן די ייִדישע פּאַרטיזאַנער פון די וועלדער.

עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז די משפחות וואָלטן אין אַזאַ פאַל געווען אַ גוואַלדיקע באַלאַסטונג, אַ שוועריקייט נישט צום באַזייטיקן.

בלויז מיטן אויפקום פון דער רוסישער פּאַרטיזאַנקע איז געעפנט געוואָרן פאַר די ייִדן דער וועג צו נקמה און אַ שאַנס צום לעבן.

11. די אַנטיסעמיטישע באַציִונג פון די פּאַרטיזאַנער צו די אָנגע־קומענע ייִדן אין די וועלדער. פאַלן פון מאָרדן ייִדן דורך פּאַרטיזאַנער (באַזונדערס אין דער ערשטער תקופה, ווען די פּאַרטיזאַנקע איז נאָך געווען אָן קיין שום קאָנטראָל און פעסטער אָרגאַניזאַציע), האָט אָפּגע־האַלטן פיל ייִדן פון לויפן אין די וועלדער. „צו וואָס נאָך גיין זוכן דעם טויט, בעת מיר האָבן אים דאָ אָן שום אָנשטרענגונגען?" — האָט מען באַ־רעכטיקט דאָס נישט גיין אין פּאַרטיזאַנקע.

מען דאַרף צוגעבן, אַז די מאַסן־שחיטות אין מערב־ווייסרוסלאַנד און מערב־אוקראַינע, זענען פּאָרגעקומען אין דער ערשטער העלפט פון 1942, ווען קיין פּאַרטיזאַנער זענען נאָך נישט געווען אין די פּושטשעס און וועלדער. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען די פּאַרטיזאַנקע, זענען געבליבן נאָר געציילטע געטאָס, מיט אַ נישטיקער צאָל ייִדן אין זיי.

12. אויך אַנדערע פעלקער וואָלטן אַזוי געשטאָרבן, ווי אונדזער פאָלק, ווען זיי זאָלן לעבן ביי די זעלביקע אומשטענדן. איבעריקנס, זענען מיר אַלע געווען עדות, ווי די דייטשן האָבן אויסגעמאָרדעט צענדליקער און הונדערטער טויזנטער סאָוועטישע געפאַנגענע אָן דעם מינדסטן פּאַר־צווייפלונגס־ווידערשטאַנד.

בעת דער אָבלאַווע אין ליפּיטשאַנער פּושטשע און רודער וועלדער (צווישן די טייכן שטשאַרע און ניעמאַן) דעצעמבער 1942, אין נאַליבאָקער פּושטשע (מערב־ווייסרוסלאַנד) יוני־יולי 1943, זענען צענדליקער טויזנ־טער פּויערים, מענער, פרויען און קינדער, ווייסרוסן און פּאָליאַקן פון די דערפער און כוטאָרעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין ראַיאָן פון די א"ד וועלדער, אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן אָן דעם קלענסטן ווידער־שטאַנד, אַלס באַשולדיקטע אין העלפן די פּאַרטיזאַנער (איצט ווייסן מיר שוין אויך וועגן צענדליקער טויזנטער פּאָליאַקן, וועלכע זענען נאָך דער אונטערדריקונג פון וואַרשעווער אויפשטאַנד אונטער דער אָנפירונג פון באָר־קאָמאַראָווסקי, אומגעבראַכט געוואָרן אין אוישוויץ). מיר האָבן אויך געזען ווי הכנעהדיק, שפלדיק און מיאוס, עס זענען געשטאָרבן די באַרימ־

נטע קריגערס פון „הערן־פאַלק“, ווען זיי זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנ־געשאַפט צו די פאַרטיזאַנער.

קעגן דער באַוואָפנטער איבערמאַכט איז קיין ווידערשטאַנד פון ווער־לאָזן, פאַרצווייפלטן — נישט מעגלעך. עס זענען מעגלעך בלויז, העראָישע פאַרצווייפלונגס־אַקטן פון יחידים.

13. עס איז פון גרונט אויס פאַלש די הנחה, אַז די ייִדן זענען מחדנים, אַז ייִדן ווילן נישט קעמפן און אַז די ייִדן קלאַמערן זיך שטאַרקביים לעבן.

די ייִדן אין פאַרטיזאַנקע און אין די פאַרשיידענע אַרמייען האָבן באַוויזן, וואָס ייִדן קענען אויפטון, בעת עס ווערט זיי געגעבן די מעגלעכקייט צו קעמפן. די פיל טויזנטער ייִדן, וועלכע זענען געפאַלן בעת די קאַמפן און קאַמפס־אָפּעראַציעס, די צענדליקער טויזנטער ייִדישע העלדן, וועמענס העלדן־טאַטן זענען אָפּגעמערקט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער קאָמאַנד־שאַפט, לייקענען אָפּ די אויבנדערמאָנטע טעזיס, וועלכע זענען אונטער־געהאַלטן געוואָרן דורך געוויסע אַנטיסעמיטישע קרייזן פון דער פאַרטי־זאַנקע.

עס איז נישט זיכער, צי עס איז אונדז געלונגען צו איבערצייגן פול־שטענדיק די רוסישע פאַרטיזאַנער־חברים, אָבער די ערלעכע פון זיי האָבן צוגעגעבן, אַז די א״ד מאָמענטן קלערן אויף די סיבות פון דער ייִדישער טראַגעדיע.

איצט מאַכן מיר אָבער דעם חשבון פאַר זיך, און מיר מוזן זען דעם אמת, ווי ביטער ער זאָל פאַר אונדז נישט זיין. נישט אַלע מאָמענטן און נישט אַלץ, וואָס עס וויטיקט אין אונדז טיף האָבן מיר געקענט אויפדעקן פאַר זיי.

מיר האָבן אַליין פיל געטראַכט און געוויטיקט איבער דעם, ווי אונדזערע זענען אומגעקומען און געזען די זאַך פיל טיפער, ווי מיר האָבן זיך עס געקענט דערלויבן זיי פאַרצושטעלן.

וואָס זענען אייגנטלעך די טיפערע סיבות, וועלכע האָבן געבראַכט דערצו, אַז גרויסע ייִדישע ישובים זאָלן געפירט ווערן, ווי שאָף צו דער שחיטה. אַז זעקס מיליאָן ייִדן, אַזאַ ריזיקע מענלעכע יוגנט, זאָל מיט

קליינע אויסנאַמען, גיין צו די גריבער און טויט־פאַבריקן און נישט מיט־שלעפּן מיט זיך כאָטש געציילטע דייטשע תּלינים?

א) די ייִדן אין גלות האָבן נישט געהאַט קיין קאַמפּס־טראַדיציע, זענען נישט דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון קעמפן פאַרן לעבן מיט געווער אין די הענט. מען האָט זיי נישט געלערנט, ווי זיך צו באַגיין מיט געווער, און נישט געשאַפן קיין פּיעטעט־באַציִונג צו דעם. דער ווייסרוס און פּאָליאַק האָבן זיך געכאַפּט צום געווער, וואָס עס האָט געוואָרפן, די אין פּאַניק אָפּטרעטנדיקע רויטע אַרמיי, עס פאַרבאַהאַלטן אין דער ערד אויף אַ פאַסיקן מאָמענט און שפּעטער איז עס טאַקע דורך די פּאַרטיזאַנער אויסגענוצט געוואָרן. די ייִדן האָבן עס נישט געטון, הגם זיי האָבן גע־ווּסט, וואָס זיי האָבן צו דערוואַרטן פון די דייטשן.

ב) די ייִדישע יוגנט האָט געקראָגן אַ היפּער־פּאַציפיסטישע דערציִונג. מיר זענען דערצויגן געוואָרן אויף אַ תּורה, וועלכע האָט אונדז געלערנט, אַז דעם מענטשנס לעבן איז אַ הייליקטום. אונדז איז פאַרזאָגט געוואָרן: „ואת הדם לא תאכלו, כי הדם הוא הנפש" (און דאָס בלוט זאָלט איר נישט עסן, ווייל דאָס בלוט איז נשמה), און ווען מען וויל אַרויסנעמען אַ טיי־בעלע פון נעסט, דאַרף מער פריִער אַרויסשיקן די מוטער. אַזאַ מין דער־ציִונג האָט ביי אונדז אָפּגעטויט יעדעס געפיל פון קאַמף און נקמה.

ג) מיטן אונטערגאַנג פון דער ייִדישער זעלבסטשטענדיקייט, איז אויך אונטערגעגאַנגען די ייִדישע גבורה. די ייִדישע העלדישקייט איז ענג פאַרבונדן מיט דער צייט, ווען די ייִדן זענען געזעסן אויף זייער אייגענער ערד. בר־כּוכבא איז געווען דער לעצטער העלד, אויף ארץ־ישראלדיקן באָדן, וועלכער האָט געצויגן די שווערד פון זיין שייד.

עס קומט דער גלות און מיט אים די גאַנצע גלות־פּסיכאָלאָגיע. אַנשטאָט גבורים קומען אויף די „משיחי־השקר", אַנשטאָט גבורה — די פּאַסיוויטעט, דער קידוש־השם. אין אונדזער גאַנצער גלות־עפּאָכע האָבן מיר נישט געהאַט קיין העלדן, וואָס אויף זייערע מעשים און העלדישקייט זאָל זיך דערציִען אונדזער יוגנט, און פון וועמען זי זאָל לערנען העלדיש־לעבן און העלדיש־שטאַרבן, אין קאַמף פאַרן לעבן.

ד) מיר האָבן נישט דערצויגן און נישט געפלעגט אין אַ געזונגנדי־קער מאָס, דאָס געפיל פון ייִדישן נאַציאָנאַלן שטאָלץ, פון קעמפן פאַר

מענטשלעכערווירדע, נאַציאָנאַלן כבוד, און בלוטיקער אומברחמנותדיקער נקמה פון פיינט. מען האָט אונדז נישט געלערנט מקיים זיין די מצווה „הבא להרגך השכם להורגו" (אויב איינער וויל דיך טויטן, טויט אים פריער). מען האָט אונדז דאַקעגן כסדר געלערנט „זיין שטילער פון וואַסער און נידעריקער פון גראָז".

ה) מיר האָבן נישט געגעבן אונדזער יוגנט קיין ספּאַרטאַנישע דערציונג, מיר האָבן זי נישט צוגעגרייט צו שווערע טעג, מיר האָבן זי נישט דערצויגן בייצוקומען שווערע צייטן, און ווען די בלוטיקע צייט איז געקומען, זענען מיר בכלל נישט געווען גרייט זי אויפצונעמען.

פיל טויזנטער יידן האָבן זיך געקענט ראַטעווען דורך אַוועקגיין אין פּאַרטיזאַנקע. אָבער די מורא פאַר פאַרלירן די באַקוועמלעכקייט פון בעט, ריינעם בעטגעוואַנט און דעם דאַך איבערן קאָפּ (וואָס איז אין געטאָ, ביי דעם גאַנצן שווערן לעבן, דאָך געווען) און די שרעק פאַר דער געהיימנישפולער פּושטשע, פאַר דעם אומבאַקאַנטן, האָט פיל אָפּגעהאַלטן פון גיין אין פּאַרטיזאַנקע.

נאָך דער גרויסער אָבלאַווע אויף די פּאַרטיזאַנער אין נאַליבאָקער פּושטשע (מערב־ווייסרוסלאַנד) אין יולי 1943, האָבן לערך הונדערט יידן, וועמען עס איז געווען שווער איבערצוטראָגן דאָס לעבן אין די וואַלדבאַדינגונגען, רעזיגנירטע זיך אומגעקערט צוריק אין לידער געטאָ און אין אַ פּאָר חדשים אַרום (סעפּטעמבער 1943) אַרויסגעפירט געוואָרן קיין מיידאַנעק.

דאָדל אַבראַמאָוויטש דערציילט וועגן דער פאַמיליע יודקאָווסקי און אַ צווייטע פאַמיליע, זשוכאָוויצקי, וואָס האָבן נישט געקענט איבערטראָגן דעם הונגער און די קעלט, וואָס האָבן געהערשט אין פאַמיליע־לאַגער פון די ביטענער יידן אין די וועלדער פון „וואָלטשע נאָרע" און זענען אַוועק צוריק קיין ביטען, ווו עס האָבן נאָך געלעבט לערך 50 יידישע פאַכמענער אין דער „באָלניצע". די פאַמיליע יודקאָווסקי איז אויפן וועג, לעבן דאָרף קאָכאַנאָוואַ, דערשאָסן געוואָרן דורך פּאָליציאַנטן. די צווייטע פאַמיליע זשוכאָוויצקי, איז אומגעקומען צוזאַמען מיט די יידן פון „באָלניצע" דעם 19טן סעפּטעמבער 1942.

(„פנקס ביטען" ז"ז 377, 378).

די ייִדישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון שטעטל זאַפּיוווקע האָט באַשלאָסן הרגענען דעם אוקראַיִנער פּאַנטשענקאָ, וועלכער האָט זיך איזדעקעוועט איבער די פּאָר צענדליק ייִדישע גאַרבער־משפּחות, וואָס זענען איבערגע־לאָזט געוואָרן ביים לעבן. לויטן פּלאַן האָבן זיי אים געדאַרפט אָפּוואַרטן ביי אַ וואַלד־סטעזשקע בעת זיין וועכנטלעכע נסיעה קיין לוצק מיט די אויסגעאַרבעטע פעל. מיט געוויינערייען האָבן די ייִדישע גאַרבערס זיך אָפּגעבעטן, אַז מען זאָל דאָס נישט טון, ווייל דאָס וועט ברענגען אַן אומ־גליק אויף זיי. וועגן אַרויסגיין אין די וועלדער האָבן זיי נישט געוואָלט הערן. זיי האָבן געגלויבט אין די דייטשע צוזאָגן, אַז זיי זענען „מיוחסים" גאַרבערס און אַז זיי וועט קיין שלעכטס נישט געשען... זיי האָבן קירצלעך געטיילט דעם גורל פון אַלע אַנדערע ייִדן.

(גד ראָזענבלאַט — „פון אַ פונק צו אַ פלאַם", פון כתב־יד).

און נאָך אַ רעטזעל־האַפטערע דערשיינונג...

בעתן אָנגריף פון דער „טשקאַלאָוו"־בריגאַדע אויפן שטעטל האָראָדאָק (וואָלאָזשינער געגנט) אין חודש יאַנואַר 1943, האָט זי נאָכן פאַרנעמען דאָס שטעטל געפונען דאָרט 12 ייִדישע בעלי־מלאכות, וואָס זענען איבער־געלאָזט געוואָרן אַלס פאַכמענער „צייטווייליק", כדי צו באַדינען די דייטשן.

די ייִדישע פּאַרטיזאַנער פון דער א״ד בריגאַדע האָבן געראַטן די ייִדן צו אַנטלויפן מיט זיי אין די וועלדער. אָבער ווי פאַרוואונדערט זענען זיי געוועזן ווען די ייִדן האָבן אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג!... לויט זייערע רייד זענען זיי געווען זיכער מיטן לעבן, היות די דייטשן נייטיקן זיך אין זיי און דערמעגלעכן זיי אַ מענטשלעכע עקזיסטענץ...

צומאָרגנס, נאָכן אָפּטרעטן פון די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אין שטעטל צוריקגעקערט די דייטשן און פּאָליציסטן. זיי האָבן די צוועלף ייִדן איבער־געפירט אין דעם שכנישן שטעטל, ראַדאָשקאָוויטש, ווו זיי זענען אומגע־קומען צוזאַמען מיט די שטעטלשע ייִדן...

אויך די גאַרבערס, וועלכע זענען דורך די דייטשן איבערגעלאָזט געוואָרן צייטווייליק, נאָכן מאַכן דאָס שטעטל, איוויע „ייִדן־ריין" (13טער יאַנואַר 1943 — עוואַקוירט די שטעטלשע ייִדן קיין באָריסאָוו), האָבן נישט געוואָלט הערן די עצה פון די פּאַרטיזאַנער קינקולקין און קאַבאַק (אָטריאַד

„סטאַלין״), אונטערצוציינדן די גאַרבעריי און אַנטלויפן מיט זיי אין די וועלדער...

אויך ייִדישע דאָקטוירים פון די געטאָס, צו וועלכע עס זענען געשיקט געוואָרן ספּעציעלע שליחים מצד די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן זיי צו ברענגען אין די וועלדער (די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך באַזונדערס גענויטיקט אין זיי), האָבן זיך אָפּגעזאָגט, אָדער עס אָפּגעלייגט אויף שפּעטערע טערמינען (זע פּאַקטן אין קאַפּיטל אַכצן „דער ייִדישער מעדיצינישער אַרבעטער אין דער פּאַרטיזאַנקע״).

ו) עס איז ביי אונדז געפּלעגט געוואָרן דער געדאַנק פון אַ הייליקער באַציִונג צום לעבן. ביי נאָרמאַלע אומשטענדן איז עס אַ געזונטע דערשיי־נונג. מיר דאַרפן אָבער וויסן, אַז מיר לעבן אין אַ רוצחישער וועלט, וווּ נאָר כוח דעצידירט וועגן דער עקזיסטענץ און באַציִונג צו אַ פאָלק. אַ לעבנס־דעוויז איז פאַר אונדז געווען די פּסעוודאָ־פּראַקטישע „קהלת״־פילאָזאָפיע פון „טוב כלב חי מארי מת״ (בעסער אַ לעבעדיקער הונט, ווי אַ טויטער לייב), און נישט דער געזונטער אמתדיקער צוגאַנג, „אַז בעסער שטאַרבן אויף די פיס, איידער לעבן אויף די קני״, „בעסער אַ העלדישער טויט, איידער אַ שענדלעך לעבן״. מען האָט זיך געקלאַמערט אָן שענדלעכן לעבן, אַבי איבערצולעבן. דער רעזולטאַט איז אָבער געווען אַ מיאוסער טויט.

ז) איינער פון אונדזערע גרעסטע אומגליקן איז געווען דער „גלות קאָמפּלעקס״, וועלכער איז במשך פון יאָרהונדערטער איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור, און איז אַטאַוויסטיש אַריין אין אונדזער בלוט, געוואָרן אַ טייל פון אונדזער יעדנס „איך״. עס האָט געווירקט דאָס באַוווּסטזיין, אַז מען איז אויף חסד ביי פרעמדע פעלקער, אויף פרעמדן באָדן. אויף אַלע גזירות, פּאָגראָמען און באַליידיקונגען האָט אַ ייִד געהאַט איין באַרעכ־טיקונג: „מיר זענען דאָך אין גלות!״. עס האָט געפעלט דאָס „היים־געפיל״, די אָרגאַנישע צוגעבונדנקייט צום באָדן. אַפילו די סאָוועטישע ייִדן, וועלכע זענען 25 יאָר געווען יורידיש און פּאַקטיש פולשטענדיק גלייכבאַרעכ־טיקטע, וועלכע זענען נישט געווען באַלאַסטעט מיט מינדערווערטיקייטס־געפילן פון בירגערס פון צווייטער מדרגה, האָבן אויך נישט געהאַט דאָס

היים־געפיל, די אָרגאַנישע צוגעבונדנקייט צום באָדן. אַנדערש וואָלט נישט געווען פאַרשטענדלעך אויך זייער פּאַסיווער טויט.

דאָס היים־געפיל גיט אינספּיראַציע, כּוח און מוט מקריב צו זיין די יונגע לעבנס אויפן מזבח פון דער הייליקער, גרויסער זאַך. דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין האָט סטימולירט צענדליקער און הונדערטער טויזנטער יידן אין ארץ־ישראל צום קאַמף קעגן דער בריטישער און אַראַבישער אויבער־מאַכט, וואָס האָט געבראַכט צום אויפקום פון מדינת ישראל.

דאָס איז דערפאַר, ווייל דאָרט איז געווען דאָס היים־געפיל, דאָס באַוווסטזיין, אַז „בתוך עמי אַני יושב" (איך זיץ צווישן מיין פאָלק), די אָרגאַנישע פאַרבונדנקייט מיט דעם יסוד פון אַלץ — מיט דער מאַמע־ערד.

קאַפּיטל נײַן

די אונטערערדישע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין די געטאָס

די ייִדישע עפנטלעכקייט האָט שוין געהאַט די געלעגנהייט זיך צו דערוויסן דורך אַ ריי דערשינענע ביכער וועגן די ייִדישע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציעס און ווידערשטאַנדן אין די געטאָס פון וואַרשע, ווילנע, ביאַליסטאָק, טשענסטאָכאָוו א״אַנד, מען ווייסט אָבער גאָרנישט וועגן דעם, אַז אין פיל שטעט און שטעטלעך פון ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע, ליטע און פּוילן האָבן עקזיסטירט אונטערערדישע געהיימע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציעס.

זייער אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין אָרגאַניזירן די ייִדישע יוגנט, באַוואָפענען זי, צוגרייטן צום אַקטיוון קאַמף און ווידערשטאַנד אין פאַל פון אַ שחיטה, שאַפן פאַרבינדונגען און אַרויספירן זיי צו די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער.

די אָרגאַניזאַציעס זענען אויפגעקומען נאָך די ערשטע שחיטה־כוואַליעס, אין דער ערשטער העלפט פון 1942, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די דייטשן האָבן באַשלאָסן טאָטאַל אויסצוראָטן דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק.

די ייִדן־ראַטן און מיט זיי דער גרעסטער טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, זענען געווען קעגן די פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציעס און קעגן אַרויסגיין אין די וועלדער. זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר פּריצייטיקע שחיטות, וועלכע קענען קומען אַלס רעזולטאַט פון דעם, און עס האָט ביי זיי געטליעט אַ האָפענונג, אַז אפשר וועלן די דייטשן האַלטן זייער וואָרט

און לאָזן איבערלעבן די נישט־באַדייטנדיקע צאָל יידן, וועלכע זענען נאָך פאַרבליבן אין די אַרבעטס־לאַגערן און געטאָס אַלס „נוצלעכע יידן״.

די קעגנערס פון גיין אין פּאַרטיזאַנקע האָבן מאָטיווירט זייער שטאַנד־פּונקט צוו״אַנד אויך מיט השערות און אויסרעכענונגען בנוגע דער מלחמה־דויער; אויב די מלחמה איז אַ לאַנג־דויערנדיקע, איז ממילא נישטאָ קיין מעגלעכקייט איבערצולעבן זי ביי די וואַלד־באַדינגונגען און מען וועט נאָך באַוויזן צו אַנטלויפן דאַן, ווען דער פראָנט וועט זיך דערנענטערן. אויב, ווידער, די מלחמה וועט זיך פאַרענדיקן גיך, וועט דער דייטש נישט באַווייזן אָדער נישט וועלן אין דער לעצטער מינוט אויסהרגענען דאָס ביסל פאַרבליבענע יידן.

געווען אָבער אַ נישט־באַדייטנדיקער טייל פון דער יידישער יוגנט, וואָס האָט זיך ניט איינגעבראָכן, ניט געלאָזט זיך פאַרוויגן אין אילוזיעס און האָט בשום אופן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן געדאַנק פון שטאַרבן מיט אַ שענדלעכן טויט אָן ווידערשטאַנד און נקמה.

נישט ווייניק האָט דאָ געווירקט די באַקומענע נאַציאָנאַלע דערציִונג אין די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און די געפּלעגטע געפילן פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ, יידישער און מענטשלעכער ווירדע במשך פון פיל יאָרן.

בדרך־כלל זענען פון די געטאָס אין ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע אַרויסגעגאַנגען יידן אומאָפּהענגיק פון זייערע פּאָליטישע אָנשויאונגען און עס איז אַ באַוווסטזיניקע פעלשונג, ווען מען פּרוּווט צושרייבן דער אָדער יענער באַוועגונג די איניציאַטיוו און פאַרדינסט פון אָרגאַניזירן די פּאַר־טיזאַנער־באַוועגונג און דעם אַרויסגאַנג אין די וועלדער.

אויב אין די גרויסע שטעט וואַרשע, ווילנע, ביאַליסטאָק, בענדין א״אַ, ווו עס האָבן עקזיסטירט שטאַרקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס מיט אַ צאָלרייכן אינטעליגענטן־אַקטיוו, האָבן זיי אָפּגעשפּילט אַ גרויסע ראָל ביים אָרגאַניזירן און שאַפן די אונטערערדישע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, איז דאָס ווייט נישט געווען דער פאַל אין די טויזנטער שטעטלעך פון ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע. אויב אין דעם אָדער אין יענעם שטעטל איז גע־קומען די איניציאַטיוו פון אַ באַשטימטער ריכטונג, האָט דאָס מער געהאַט צו טון מיט דעם, וואָס די אונטערערדישע אַרבעט האָט געפאָדערט די שטרענגסטע קאָנספּיראַציע און נישט יעדן זייטיקן האָט מען געקענט

פּאַרטרויען די סודות פון דער אָרגאַניזאַציע. דאָך קען מען אַלס כלל פעסטשטעלן, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון אַלע ריכטונגען האָבן אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע ראָל ביים אָרגאַניזירן די אונטערערדישע פּאַר־טיזאַנער־באַוועגונג אין די געטאָס און דאָס אַרויסגיין אין די וועלדער.

דאָ דאַרף באַמערקט ווערן, אַז די וויניקע לעבנגעבליבענע יידישע אינטעליגענץ איז אין יענע שווערע, בלוטיקע טעג נישט געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך. די פאַמיליע־צוגעבונדנקייט איז ביי די יידישע אינטעליגענטן געווען אַ שטאַרקערע און זיי זענען אַלס עלעמענט, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין דירעקטן מגע־ומשא מיטן דאָרף, מיט די שליאַכן און וועגן, מיט די וואַלד־מאַסיוון, ווי דער דאָרפס־פּאַרער, פערד־הענדלער, בעל־עגלה, וואַלד־אָנגעשטעלטער א״אַ — פּסיכאָלאָגיש נישט געווען צוגעגרייט און זיך נישט פאָרגעשטעלט אַ לעבן מיט קינדער, פרויען און זקנים אין וואַלד.

אויב אין די גרויסע שטעט זענען געווען פאַרבינדונגען מיט נישט־יידישע ווידערשטאַנדס־אָרגאַניזאַציעס מחוץ די געטאָס און עס האָבן גע־הערשט אילוזיעס בנוגע הילף אין געווער און מאָראַלישער אונטערשטי־צונג אין פאַל פון אַ ווידערשטאַנד, איז אין די טויזנטער שטעטלעך פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע נישט געווען קיין אָרט פאַר אַזעלכע אילוזיעס. דאָרט האָבן בכלל נישט עקזיסטירט קיין שום נישט־יידישע ווידערשטאַנדס־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע וואָלטן געקענט קומען אין באַטראַכט אַלס עווענ־טועלע שותפים און מיטהעלפערס אין פאַל פון אַ ווידערשטאַנד.

די יידישע יוגנט האָט געוווּסט, אַז זי קען נישט מיט איר בלייבן אין די געטאָס ראַטעווען די משפחות און אַפילו נישט נקמה נעמען. עס זענען נישט געווען קיין אָביעקטיווע מעגלעכקייטן און קיין שאַנסן אויף דעם. זי קען בלויז אַנטלויפן צו די פאַרטיזאַנער אין די וועלדער און נקמה נעמען פאַר זייער טויט.

די אַרבעט פון די פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציעס אין געטאָ האָט זיך דעריבער אין גרעסטן טייל באַגרענעצט אין אָרגאַניזירן גרופּעס און אַרויס־פירן זיי אין די וועלדער. דאָס שטעלן אַ ווידערשטאַנד איז געווען פאָרויס־געזען בלויז אין פאַל ווען די שחיטה זאָל קומען נאָך פאַרן אַרויסגיין פון געטאָ.

ביים פּיינטלעכן איינשטעל פון די ייִדן־ראַטן, וועלכע האָבן געדראָט און געמסרט און מצד דעם גרעסטן טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וועלכע איז נישט געווען גרייט און נישט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון איבערלעבן די מלחמה אין וואַלד, איז די אַרבעט פון די ווידערשטאַנדס־אָרגאַניזאַציע געווען זייער באַשווערט, געפערלעך און מסירות־נפשדיק.

די טעטיקייט פון די אָרגאַניזאַטאָרן האָט באַדראָט אין דער ערשטער ריי זייערע פאַמיליעס און עס איז נישט געווען אַזוי לייכט זיך צו דעצי־דירן צו שטעלן אין סכנה אין פאַל פון אַ דורכפאַל דאָס לעבן פון די שטוביקע. (אויב עמעצער פון אַ משפּחה פלעגט זיך פאַרזינדיקן קעגן דייטשן געזעץ, פלעגן דערשאָסן ווערן אַלע משפּחה־מיטגלידער, אָפטמאָל אַלע, וועלכע האָבן געהאַט דעם זעלבן פאַמיליע־נאָמען).

אין קעגנזאַץ צו די באַרויקנדיקע און אָפּטימיסטישע ידיעות, וועלכע עס האָבן פאַרשפּרייט די ייִדן־ראַטן, איז די אויפגאַבע פון די בונטאַרן געווען צו שאַפן אַ פּעסימיסטישע שטימונג בנוגע דער מעגלעכקייט איבער־צולעבן די מלחמה אין די געטאָס און אָפּטימיסטישע איינשטעלן בנוגע דער מעגלעכקייט צו דערלעבן די באַפרייאונג אין וואַלד. זייער אויפגאַבע איז אויך געווען אַרויסצוטרעטן קעגן דער פּסיכאָלאָגיע פון מיתה בציבור, שטאַרבן קאָלעקטיוו אין געטאָ, וואָס עס איז געווען שטאַרק איינגעוואָרצלט ביי ייִדן.

יעדער ייִד האָט זיך באַמיט נישט עובר צו זיין אויף די דראַקאָנישע, מענטשן פרעסערישע געזעצן, וואָס האָבן געדראָט מיט דער מינימאַלער דייטשער שטראָף־טויט, אָן אויספאָרשונג און משפּט. אין דער זעלבער צייט האָבן זיי שלום געמאַכט מיטן געדאַנק פון אַן אומפאַרמיידלעכן טויט בעת אַ דייטשער מאַסן־„אַקציע". דאָס האָט מען געזען ווי אַ „גזירה מן השמים", וואָס איז נישט אויסצומיידן. אָבער דערמאָרדעט ווערן ווי אַ יחיד פאַר פאַרזינדיקן זיך קעגן די דייטשע „ייִדן־געזעצן" האָט געהייסן „נעמען דעם טויט מיט די אייגענע הענט", זיין דער שולדיקער אין אייגענעם טויט.

די פּסיכאָלאָגישע איינשטעלונג האָט געקאָסט דעם געטאָ נישט ווינציק קרבנות, האָט געשאַפן אַ פּסיכאָז פון אָפּהענטיקייט און האָט אָפּגעטויט יעדע איניציאַטיוו צו קאַמף און ווידערשטאַנד.

געווען געטאָס, וועלכע זענען געווען שוואַך באַוואַכט אָדער עס פלעגט

געלינגען דאָרטן צו שאַפן גוטע באַציִונגען מיט דער געטאָ־וואַך און דער אַרויסגאַנג איז געווען כמעט אַ געזיכערטער. פיל פלעגן זיך אַרויסגנבענען פון די אַרבעטס־פלעצער מחוץ די געטאָס, וועלכע זענען נישט זעלטן געווען נאָנט צו די וועלדער. אין די געטאָס איז דער פּאָפּולערסטער מיטל געווען איבערשניידן ביינאַכט די דראָט־פאַרצוימונגען אין אַ שוואַך באַוואַכט אָרט און פאַרזיכטיק זיך אַדורכשלייכן אונטער דעם דעק־מאַנטל פון דער נאַכט־פינצטערניש.

פיל מאָל פלעגט אויסקומען אַרויסצובאַקומען זיך מיט אַ טריק, בכדי אָפּצוציִען די אויפמערקזאַמקייט פון דער געטאָ־וואַך. נאָכדעם ווי אַ גרופּע יוגנטלעכע פון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין שטעטל מאַניעוויטש (וואָלין) איז נישט געלונגען אַרויסצובאַקומען זיך פון געטאָ ביינאַכט און זיי האָבן דערביי פאַרלוירן זייער חבר ראָזענבלום ליאָווע, האָבן זיי אונ־טערגענומען אַ מער דרייסטערן פּלאַן. אין מיטן העלן טאָג האָט אַ. חזן צוגעגרייט אַ באַנד־אָפּצייכן פון דער יִדישער געטאָ־פּאָליציי און אַרויס־געפירט די גרופּע דורכן טויער צום האָלץ־פּלאַץ הינטערן שטעטל, מכלומרשט אויף אַרבעט.

אויסנוצנדיק אַ מאָמענט, ווען די דייטשן און אוקראַינער זענען נישט געווען אויפן פּלאַץ, האָבן זיי זיך אַריינגעכאַפּט אין נאָנטן וועלדל און אָנגעקומען בשלום אין די גרויסע פּאָלעסיער וועלדער.

אין קעגנזאַץ צו די געטאָס פון די גרויסע שטעט, וועלכע זענען געווען באַוואַכט דורך ס. ס.־לייט, איז דאָס פאַרלאָזן די געטאָס אין די קלענערע שטעטלעך, וועמענס טויערן זענען ס׳רוב אָפּגעהיט געוואָרן דורך פּאָליציי (אין פיל פאַלן דורך דער יִדישער אָרדענונגס־דינסטן) געווען באַדייטנדיק לייכטער.

די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע אין קאָוונער געטאָ האָט געמאַכט פיל פּרוּוון צו פאַרבינדן זיך מיט די פּאַרטיזאַנער אין די רודניצקער וועל־דער. אָבער אַלע נסיונות זענען אַדורכגעפאַלן און האָבן אָפּגעקאָסט פיל מענטשלעכע לעבנס. ערשט דאַן איז מען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס זענען נישטאָ קיין אויסזיכטן פאַר אַ מאַסן רעטונג צו די רודניצ־קער וועלדער, אויב מען דאַרף גיין צופוס 150־160 קילאָמעטער (דער מרחק פון קאָוונע צו די רודניצקער וועלדער). עס איז דאַן געלונגען זיך

צו פאַרבינדן מיט אַ ליטווישן שאָפער פון אַ לאַסט־אויטאָ, וועלכער האָט מסכּים געווען איבערצופירן דרייסיק יוגנטלעכע, מיט זייער געווער אין דער אומגעגנט פון די וועלדער.

דעם 14טן דעצעמבער 1943, איז אַרויסגעפאָרן פון געטאָ אַ מאַשין וואָס האָט כּלומרשט געפירט אַן אַרבעטס־גרופּע אויף אַרבעט אין דער פּראָווינץ. די לעצטע פערציק קילאָמעטער לענג־אויס דער אייזנבאַן־ליניע ווילנע־גראָדנע, זענען זיי אַדורך צופוס און אָנגעקומען בשלום צום באַזיס פון דעם פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד „אַ טויט די אָקופּאַנטן", אין די רודניצקער וועלדער. אויף אַזאַ וועג זענען אַרויסגעפירט געוואָרן נאָך אַכט גרופּעס חברים פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, וואָס יעדער פון זיי האָט געציילט 30־35 חברים און אַלע זענען אָנגעקומען בשלום אין די ווייטע רודניצקער וועלדער.

בעת איינעם פון די געוואַגטע פּרוּוון אַרויסצופירן אַ גרופּע יוגנטלעכע אין די וועלדער (5טער אַפּריל 1944) איז צוליב אַ פּראָוואָקאַציע געפאַלן חיים יעלין, דער אָנפירער פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע.

דער שאָפער, וואָס האָט געזאָלט קומען נעמען די גרופּע, איז געוואָרן אַרעסטירט. חיים יעלין, וואָס האָט דאַן געלעבט מחוץ דעם געטאָ האָט זיך דערדעדט מיט אַן אַנדערן ליטווישן שאָפער וועגן אַ באַגעגעניש. אַז ער איז געקומען צום אָפּגערעדטן אָרט, האָט אים באַגעגנט אַ געשטאַפּאָ־אַגזשענט מיט אַ געשריי: „הענדע האָך!". יעלין האָט זיך נישט פאַרלוירן, ער האָט באַוויזן צו פאַרוונדן דעם געשטאַפּאָ־אַגענט און איבערשפּרינגענ־דיק אַ צאַם, איז ער אַריבערגעלאָפן אין אַן אַנדער גאַס. אויפן אָפּהילך פון די שאָסן זענען אָנגעלאָפן דייטשע סאָלדאַטן און פּאָליציי, וואָס האָבן באַלד אָנגעהויבן אַ געיעג אויף יעלינען. וועלנדיק אַרויסגיין פון דער אַרומרינגלונגס־רינג האָט יעלין געמאַכט אַ פּרוּוו אַריינצוכאַפּן זיך אין אַ זייטיקן דורכגאַנג, אָבער דאָ האָבן אַ דייטשער אָפיציר און אַ ליטווישער פּאָליציסט אָפּגעשלאָסן פאַר אים דעם וועג. מיט די לעצטע צוויי רעוואָל־ווער־קוילן האָט ער מאַשינעל זיי אַוועקגעלייגט טויטע און אַליין פאַר־שווונדן שפּורלאָז. שפּיר־הינט האָבן אים אַנטדעקט מיט אויפגעשניטענע אָדערן פון האַלדז (נאָך זיין טויט אויסגעצייכנט געוואָרן מיטן הויכן סאָוועטישן אָרדען „פּאַטערלענדישע מלחמה" ערשטע קלאַס).

טראָץ דעם, וואָס עס האָט נישט עקזיסטירט קיין שום קאָנטאַקט צווישן די באַזונדערע געטאָס צוליב דעם באַוועגונגס־פאַרבאָט פאַר ייִדן, האָבן דאָך די פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציעס געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו פאַרשטענדיקן זיך וועגן רעטונגס־שריט און קעגנזייטיקער אינפאָרמאַציע (איבערשיקן בריוועלעך דורך פּאַרטרוילעכע פויערים, דורך ייִדישע שליחים מיט אַן אַרישן אויסזען, דורך ייִדישע פּאָליציסטן אויף שיינען און אַזוי ווייטער).

אַזוי האָט די פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע פון מאַניעוויטש אָנגעהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער אונטערערדישער גרופּע פון פּאָווארסקער געטאָ (וואָלין), בראָש פון וועלכער עס איז געשטאַנען מישע עדעלשטיין (געב. קאַליש, געפאַלן). אַזוי האָט פּאַסירט אויך אין אַנדערע ערטער.

למען האמת דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז אין אַ טייל שטעטלעך זענען די ייִדן־ראַטן אָדער אייַנצלנע מיטגלידער פון זיי, ווי אויך די ייִדישע געטאָ־פּאָליציי געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך, מיטגעהאָלפן און אַפילו זיך אַקטיוו אַנגאַזשירט אין דער אַרבעט פון די פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציעס.

אין זשעטל (נאָוואָגרודקער קרייז) אָרגאַניזירט אַדוואָקאַט אלתר דוואָרעצקי, וועלכער איז געווען וויצע־פּאָרזיצער פון ייִדן־ראָט, אַ געהיימען שטאַב פון זעקס פּערזאָן, וואָס בראָש פון אים שטעלט ער זיך אַליין. זייענדיק פּאָרזיצער פון ייִדן־ראָט, דער פאַרבינדונגס־מאַן צווישן געטאָ מיט די דייטשן, טראָגט ער ביי זיך כסדר אַ רעוואָלווער, כדי אין אַ געהעריקן מאָמענט צו רעאַגירן קעגן אַ פאַשיסטישן מערדער. דעם אַמט אַלס פאָרזיצער, וועלכן ער האָט אָנגענומען אונטערן דרוק פון דער זשעטלער עדה, איז פאַר אים געווען גינסטיק, בכדי צו האָבן פרייע הענט, געלט־מעגלעכקייטן און איינפלוס אויף די איבעריקע מיטגלידער פון ייִדן־ראָט.

אויף אַ בוידעם־שטיבל ביי דעם קאָמיטעט־מיטגליד אָגולניק שלום, פלעגט מען דרוקן אויפרופן צו דער באַפעלקערונג און דורך פאַרשיידענע וועגן איבערשיקן עס אין די דערפער. אין די אויפרופן פלעגט מען דערציילן דעם אמת וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן און געוואָרנט, אַז עס איז דאָ אַ שטראָפנדיקע, באַוואָפנטע האַנט, וועלכע וועט נקמה נעמען פון

די דייטשע מערדערס און זייערע מיטהעלפערס פון דער אָרטיקער באַ־פעלקערונג. דאָס האָט געשטאַרקט דעם מוט פון די אָפּהענטיקע, אָנגע־וואָרפן אַ מורא אויף די פּאָליציי־לייט און קאָלאָבאָראַנטן און געשאַפן דעם גלויבן, אַז דער טאָג פון נצחון איז נאָענט. ער האָט זיך אַליין אַנגאַזשירט אין די זאַמלונגען פון פאָנד פון דער אָרגאַניזאַציע. עס זענען געמאַכט געוואָרן באַמיִונגען זיך איינצושאַפן וואָפן. דאָס איינגעקויפטע געווער איז

אַדוו' אלתר דוואָרעצקי

אָרגאַניזאַטאָר פון דער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג אין זשעטל, געפּלאַנט אַרויסצו־פירן די יידישע געטאָ־יוגנט אין די וועלדער. געפאַלן פון אַ פאַררעטערישע קויל.

(אַרכיוו פון „בית לוחמי הגיטאות ע"ש יצחק קצנלסון" — ישראל).

מאַגאַזינירט געוואָרן אין קעלער פון מיעדוויעצקי יונה (געפאַלן נאָך דער באַפרייאונג פון די ווייס־פּוילישע באַנדעס).

דוואָרעצקי האָט אויסגענוצט אַלע אומצופרידענע עלעמענטן און גע־שטויסן זיי צו גיין אין וואַלד, שטיצנדיק זיי מיט ראַט, געלט און געווער. אַזוי האָט ער אָפּגעשיקט אַ גרופּע סאָוועטישע זעלנערס, צווישן זיי אַ יידישן עלטערן לייטענאַנט פון דער רויטער אַרמיי, ישראל קאַצאָוויטש (פון לאַפּיטשי, ביי באָברויסק) צו די פּאַרטיזאַנער אין דער ליפּיטשאַנער פּושטשע.

הגם דורך דער פּראָוואָקאַציע פון געווער־פאַרמיטלער, דעם סאָוועטישן זעלנער וואַניאַ, איז אויפגעדעקט געוואָרן די זשעטלער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע און עס איז אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט דער מיטגליד פון שטאַב, שלום פיאַלון און דער גאַנצער שטאַב מיט אַלתר דוואָרעצקי בראש האָבן געמוזט פריצייטיק אַנטלויפן אין וואַלד (כמעט אַלע געפאַלן אין די קאַמפן), איז דאָך די אַרבעט אין געטאָ ווייטער פאָרגעזעצט געוואָרן.

דוואָרעצקיס זריעה אין זשעטלער געטאָ איז נישט געפאַלן אויף אַ פוסטן באָדן. גלייך נאָך דער צווייטער שחיטה (6טן אויגוסט 1942) איז די איבער 800 ייִדן, וועלכע האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן אין פריִער צוגעגרייטע אונטערערדישע „מאַלינעס״ אין זייערע הייזער, געלונגען זיך אַרויסצובאַקומען אונטערן דעק־מאַנטל פון דער נאַכט און אַוועקגיין אין דער נאָענט־ליגנדיקער ליפּיטשאַנער פּושטשע.

די אַלע אַנטלאָפענע זשעטלער ייִדן האָבן געגרינדעט דעם ייִדישן פאַרטיזאַנער־אָטריאַד, בראש פון וועלכן עס האָט זיך געשטעלט, קאַפּלינסקי הירש, און שפּעטער איז ער איינגעגלידערט געוואָרן אין רוסישן אָרליאַנסקי אָטריאַד אַלס דריטע ייִדישע ראָטע.

עס איז קלאָר, אַז ווען נישט די טעטיקייט פון אַדוואָקאַט אַלתר דוואָרעצקי און פון דער זשעטלער פאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע, וואָלטן אַזוי פיל זשעטלער ייִדן זיך נישט געראַטעוועט. די ווידערשטאַנדס־אָרגאַניזאַציע האָט צוגעגרייט פּסיכאָלאָגיש די ייִדן פון זשעטלער געטאָ צום ווידערשטאַנד און צו גיין אין פאַרטיזאַנקע.

אויך דער פאָרזיצער פון ייִדן־ראַט אין ניעסוויזש (נאָוואָגרודקער קרייז) דער וואַרשעווער אַדוואָקאַט מאַגאַליף האָט מיטגעאַרבעט מיט דער פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע, בראש פון וועלכער עס זענען געשטאַנען: דמשק משה, דוקער און קאַגאַן. אַ צעכן־ראַט געשאַפן פון פאָרשטייערס פון אַלע צעכן־קאָמיטעטן, האָט פאַראייניהייטלעכט איר אַרבעטס־פּראָגראַם מיט די פּלענער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און מיטגעהאָלפן איר אין אַלץ און אַלעמען.

אין דער ווידערשטאַנדס־אָרגאַניזאַציע פון באַראַנאָוויטשער געטאָ פלעגן, אין געהיימען טונעל, די געוועזענע מיליטער־לייט לערנען די נישט

דערפּאַרענע, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט געווער. אין די זעלביקע בונקערס אָדער פּאַרמאַסקירטע ווענט איז דאָס געווער פּאַרריכט און געבראַכט געוואָרן אין אָרדענונג דורך סטאָליאַרעס און שלאָסערס. בכדי צו דערמעגלעכן אַ טייל חברים אויסצופילן די פּאַרשיידנאַרטיקע פונקציעס און פליכטן פון דער אָרגאַניזאַציע, פלעגט ד״ר אַבראַשע אַבראַמאָווסקי אַרויסגעבן יעדן טאָג אַ באַשטימטע צאָל קראַנקן־צעטלען, וועלכע באַפרייען פון גיין צו דער אַרבעט. מיט דער באַראַנאָוויטשער געהיימער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע האָבן אָנגעפירט: לייזער לידאָווסקי, מאָניעק מושינסקי, ד״ר אַבראַמאָווסקי און אַנדערע.

לעבן יעדן הויז אין געטאָ פלעגן אין די נעכט דיזשורירן וואַכן. זייער אויפגאַבע איז געווען נאָכצושפּירן די באַוועגונגען אין דער נאָענטסטער אומגעבונג. די וואַכן פלעגן היטן פון האַלבע נאַכט ביז זון־אויפגאַנג — די צייט ווען די דייטשן פלעגן געוויינטלעך אָפּשליסן די געטאָס מיט אַ קאָרדאָן פון פּאָליציי, פאַרן אָנהייבן פאַרטאָג די אַקציעס. ווי נאָר די וואַכן פלעגן באַמערקן אַ חשדפולע באַוועגונג, פלעגן זיי באַלד אויפהויבן די מענטשן פון זייערע בעטן און אַלע זענען אַראָפּ אין די פּאַרמאַסקירטע „מאַלינעס״, וואָס מען האָט צוגעגרייט אונטער די פּאָדלאָגעס.

די אָרגאַניזאַציע אין באַראַנאָוויטש האָט באַשטימט אַ סיגנאַל וואָס דאַרף אַלאַרמירן און אָנזאָגן די אָנקומענדיקע סכנה. נאָענט לעבן פּאָליציי־בנין אין געטאָ איז געלעגן אַ פלעשל בענזין מיט אַ קנויט, כדי אונטערצוצינדן דעם נאַצישן וואַך־פּאָסטן אין געטאָ.

עס איז כדאי אָפּצומערקן די געציילטע אַנטי־פאַשיסטישע נישט־יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן די אונטערערדישע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין די געטאָס.

אין סלאָנימער אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט זענען געווען מיטבאַטייליקט אויך איינזיקע שטאָטישע קריסטלעכע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אַקטיוו מיטגעאַרבעט און געדינט אַלס פאַרבינדלערס מיט דעם נישט־יידישן אַקטיוו מחוץ דעם געטאָ. דער סלאָנימער קאָמיטעט האָט באַוויזן זייער פיל צו לייסטן. אין דער אַרבעט האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט: ד״ר בליומאָוויטש, קרעמען זרח (ביעליצע, היינט אין ישראל), מיליקאָוו־

סקי זעליק (סלאָנים), אַבראַמסאָן וועלוול (לענינגראַד) מאַלאַך העניעק (וואַרשע), שוסטעראָוויטש, בובליאַצקי (סלאָנים), שטיין עריק א״אַ.

די אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציעס אין די געטאָס פון קאָוונע און מינסק זענען אין אַ געוויסער מאָס געשטיצט געוואָרן דורך די שטאָטישע קאָמיטעטן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין אונטערגרונט, וועלכע האָבן אויך אָרגאַניזירט אַן אומפּאַרטייאישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע און דערמעגלעכט יידן אַרויסצוגיין אין די וועלדער און זיך איינשליסן אין די פּאַרטיזאַנער־קאַמפן.

די אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציעס אין די אויבנדערמאָנטע געטאָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל, אַרויסצופירן די יוגנט אין די וועלדער און איינגלידערן זיי אין דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע. דער גורלדיקער וויכוח, וואָס האָט זיך געפירט אין ווילנער געטאָ — קאַמף אין געטאָ אָדער אַרויסגאַנג אין די פּאַרטיזאַנער־וועלדער — האָט אין די א״ד געטאָס קיין אָרט נישט געהאַט.

בראש פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אין קאָוונער געטאָ איז געשטאַנען אַ קאָמיטעט פון זיבן פּערזאָן: חיים יעלין, גאָרדאָן, שערמאַן, ד. האַלפּערן, מ. לאַן, ראַבינסאָן און א. סופר. חיים יעלין איז געווען די נשמה פון אַלע אָפּעראַציעס און אויפטוען, און, ווי געזאָגט, איז ער נאָכדעם אַריבער אויף דער אַרישער זייט, כדי אָנצופירן מיט דער אַרבעט און אונטערהאַלטן ענגערע פאַרבינדונגען מיטן שטאָטישן קאָמיטעט פון דער ליטוויש־קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אונטערגרונט.

איינע פון די אויפגאַבן איז געווען אַדורכצופירן דיווערסיע־אָפּעראַציעס אויף די אַרבעטס־פּלעצער. דער לאָזונג פון די אָרגאַניזאַציע־חברים איז געווען: „שעדיקן דעם שונא אין הינטערלאַנד אומעטום און מיט אַלע מעגלעכקייטן".

אין אַ פעברואַר־נאַכט 1942, זענען אונטערגעצונדן געוואָרן די דריי גרויסע טאַרטאַקן ביים טייך ניעמאַן, וואָס האָבן פּראָדוצירט טיילן פון באַראַקן און געצעלטן פאַר די דייטשע סאָלדאַטן אויף די פראָנטן. אין דער דאָזיקער סאַבאָטאַזש־אַקציע האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אויך לייב סאַגאַלאָוו, אַ חבר פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע.

די דייטשן האָבן דעם פינפטן פאַרט (פעסטונג) אין קאָוונע פאַר־

וואַנדלט אין אַ געווער־סקלאַד. יידן פון קאָוונער געטאָ האָבן דאָ געאַרבעט בײַ אַ שווערער און געפאַרפולער אַרבעט — אויפלאָדן און עקספּעדירן געווער און אַמוניציע. אָבער די חברים פון דער אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע האָבן דווקא באַפאַרצוגט דעם אַרבעטס־פּלאַץ. ווען די וואַך פלעגט זיך אויף אַ רגע אַוועקדרייען אָן אַ זייט, פלעגט מען באַהאַלטן קוילן און האַנט־גראַנאַטן און גלעגענהייטלעך זיי אַריינשמוגלען אין געטאָ. מען פלעגט אויך קאַליע מאַכן געווער און אַמוניציע דורך איבערבייטן די צינדערס צו די האַנט־גראַנאַטן, אָדער דורך אַרויסוואַרפן זיי בכלל. אין חודש יולי 1943, האָבן אָרגאַניזאַציע־חברים אויפגעריסן דעם מאַגאַזין. בעת דער עקספּלאָזיע זענען אומגעקומען מ. לוריע און פּ. פּאַראַד. ר. שינייק איז געוואָרן שווער פאַרוווּנדעט און עס האָט אים אָפּגעריסן אַ האַנט.

אָרגאַניזאַציע־מיטגלידער האָבן זיך אַריינגעשמוגלט אין דער געטאָ־פּאָליצײַ און אין אַרבעטס־אַמט, כדי צו דערמעגלעכן הילף דער אונטערגרונט. אַזוי איז אַ דאַנק דעם דערמעגלעכט געוואָרן אַ גרופּע פון 20 מאַן מיט צאַדיקאָוו און לייזער בראש, אַרויסצוגיין אין די וועלדער פון דרום־ליטע, בשכנות פון די גדיכטע אַווגוסטאָווער וועלדער (160 קילאָמעטער פון קאָוונע). די גרופּע האָט באַקומען פון דער געטאָ־לייטונג דריי פורן און געפעלשטע דאָקומענטן, וואָס האָבן באַשטעטיקט, אַז זיי בילדן אַן אַרבעטס־בריגאַדע, וואָס פאָרט אַרויס אויף אַרבעט אין דער פּראָווינץ. די גאַנצע גרופּע, אַ חוץ נ. ענדלין און שמואל מאַרדקאָווסקי זענען אומגעקומען אין צוזאַמענשטויסן מיט ליטווישע פּאָליצײַ, נאָך פאַרן אָנקומען צו זייער געפּלאַנטן באַזיס. אַ דאַנק דער באַגעגעניש פון אַלבינע, אַ קאָמוניסטישע אַקטיוויסטין פון ווילנע און חיים יעלין מיטן פּאַראַשוטיסט יורגיס, דער קאָמאַנדיר פון אַ ליטווישער פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע אין די רודניצקער וועלדער, איז דער מענטשן־שטראָם פון קאָוונער געטאָ געריכטעט געוואָרן צו די רודניצקער וועלדער.

אַלע זענען אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין דעם אָטריאַד „סמיערט אָקופּאַנטאַם" (אַ טויט די אָקופּאַנטן) און אין די אַנדערע אָטריאַדן פון דער ליטווישער בריגאַדע.

די אָרגאַניזאַציע האָט אויף פאַרשיידענע וועגן פאַרשאַפט שטיוול און מלבושים פאַר די באַשטימטע אַרויסצוגיין אין די וועלדער. יידישע אַר־

בעטער האָבן געגנבעט שטאָפּן און לעדער פון די דייטשע וואַרשטאַטן, מאַגאַזינען און פאַבריקן, און גענייט אין געטאָ קליידער און שטיוול פאַר די אַוועקגייענדיקע. די געטאָ־וואַרשטאַטן זענען געווען איינע פון די הויפּטקוואַלן פאַר דער אויסריכטונג פון די פּאַרטיזאַנער. די אָרגאַניזאַציע־מיטגלידער פלעגן באַהאַלטן אונטער זייערע קליידער די געגנבעטע זאַכן אין די וואַרשטאַטן און פלעגן מיט דער הילף פון די אָרגאַניזאַציע־חברים, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע אַדורכגיין בשלום די „קאָנטראָל", בעתן פאַרלאָזן די וואַרשטאַט בנינים.

אַ דאַנק דער אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע אין קאָוונער געטאָ זענען פיל הונדערטער יוגנטלעכע אַרויס (הגם זייער שפּעט) אין די וועלדער און אַדורכגעלעבט אַלע מלחמה־גרוילן.

די ייִדישע אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע אין מינסק האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט באַלד נאָכן אַנטשטיין פון געטאָ (אויגוסט 1941). אין צענטראַל־קאָמיטעט זענען אויסגעוויילט געוואָרן: י. קירקאַישטאַ, א. ב. וויינהויז און הערשל סמאָליאַר. די לאָזונגען פון דער אָרגאַניזאַציע זענען געווען: „אַרויס פון געטאָ!" „דער וועג פון געטאָ פירט צו די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן", „ניטאָ קיין מעגלעכקייטן פאַר אַן אויפשטאַנד אין געטאָ. אַ באַוואָפנטער קאַמף אין געטאָ וועט ברענגען צו אַ באַלדיקער פאַרניכטונג פון די ייִדן. אונדזער ציל איז אַרויסצונעמען די מענטשן פון געטאָ צו לעבן, קאַמף און נקמה! צי דאַרפן מיר זיך טאַקע אײַנגאַנצן מיאש זיין און טראַכטן נאָר וועגן אַ בכבודיקן טויט.

שוין אין סעפּטעמבער 1941, איז אין געטאָ געקומען דער ערשטער שליח פון אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד, אַ יונגער בחור אונטערן פּסעוודאָנים „פעדיאַ" (זיין נאָמען איז געווען שעדלעצקי). ער איז געקומען אין שליחות פון זיין קאָמאַנדיר, קאַפּיטאַן ביסטראָוו (גרינדער פון ערשטן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד אין ווייסרוסלאַנד, באַלד נאָכן דייטשן אַריינמאַרש, יולי 1941), כדי צו קריגן מלבושים און אַנדערע דרינגנדע זאַכן פאַר זיין אָטריאַד. די אָרגאַניזאַציע־מיטגלידער האָבן אין געטאָ צונויפגעקליבן מעדיקאַמענטן, שטיוול און וואַרעמע קליידער.

אינצווישן איז דער אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע געלונגען צו שאַפן אַ קאָנטאַקט מיט פאַרטרעטער פון קאָמוניסטישן, אונטערערדישן צענטראַל־

קאָמיטעט, מחוצן געטאָ. די אַקטיוויסטן האָבן אָפּגעוואָרפן סאָלווקעס (פאַר־בינדלער פון קאָמוניסטישן צ״ק) פּאָרשלאַג, אַז זיי זאָלן ווײַנען מחוצן געטאָ, כדי זיך צו ראַטעווען פון אַן עווענטועלער „אַקציע״. זיי האָבן גע־ענטפערט: „ניין! מיר ווילן נישט זיין ווי מייז, וואָס אַנטלויפן די ערשטע פונעם זינקענדיקן שיף. מיר דאַרפן טון אַלץ, צו ראַטעווען דעם געטאָ פון פאַרניכטונג״.

די אָרגאַניזאַציע האָט פאַר זיך געשטעלט פאָלגנדיקע אויפגאַבן:

1) קאָנצענטרירן אַלע קאַמפס־פעיקע אין „צענטלעך״ און צוגרייטן זיי צום אַרויסגאַנג אין די וועלדער.

2) זאַמלען געווער און אַמוניציע.

3) שאַפן אַ רעזערוו פון מעדיקאַמענטן און אַדורכפירן אַ רעגיסט־ראַציע פון דאָקטוירים פאַר די פּאַרטיזאַנער איינהייטן.

4) שאַפן אַ הילפס־פאָנד פון די אַרבעטנדיקע פאַכמענער, פאַר די הונגער־ליידנדיקע אין געטאָ.

די ערשטע צוויי גרופּעס זענען אַוועק אין קאָלאָדינער וואַלד צום פּאַרטיזאַנער־לאַגער פון קאַפּיטאַן ביסטראָוו און עס איז פון זיי געשאַפן געוואָרן אַ קויל־נוואַרפער־אָפּטיילונג.

נ. פעלדשטיין און א. רובינשטיין, וואָס האָבן געאַרבעט אין די געטאָ־וואַרשטאַטן (באַשטימט פאַר די דייטשן), האָבן אָרגאַניזירט אַ שמוגל פון גרעסטן טייל פּראָדוקציע פון שוכוואַרג, קליידונג, וועש אאַז״וו.

געווען פאַלן ווען פּאַרטיזאַנער, איבערגעטאָענע אין דייטשע מונדירן, זענען מיט אויטאָבוסן פאָרפאָרן צו די געטאָ־וואַרשטאַטן און אַרויסגעפירט גרויסע טראַנספּאָרטן פון שוכוואַרג, מלבושים, זאַלץ און זייף. די אויס־שטאַטונג איז באַלד אַריבערגעפירט געוואָרן צו די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער, אָדער צוגעטיילט געוואָרן די אַרויסגייענדיקע גרופּעס אין די וועלדער. די אָרגאַניזאַציע האָט באַפוילן אירע חברים, וואָס האָבן געאַר־בעט אין ראַדיאָ־פאַבריקן און ראַדיאָ־טעכניקער, וואָס האָבן געאַרבעט אין דייטשע אינסטיטוציעס צו גנבענען ראַדיאָ־טיילן, לאָמפּן, אַקומולאַ־טאָרן. פון די אַריינגעשמוגלטע טיילן אין געטאָ זענען קאָנסטרוירט גע־וואָרן ראַדיאָ־אַפּאַראַטן פאַר די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן אין די וועלדער.

אין אַן אונטערערדישן טונעל האָט מען אינסטאַלירט אַ ראַדיאָ אויפצונעמען די קאָמוניקאַטן פון „סאָוואינפאָרמביוראָ" (סאָוועטישע אינפאָרמאַציע־ביוראָ), וועלכע מען פלעגט אָפּגעדרוקטע פאַרשפּרייטן אין געטאָ.

נאָכן באַשלוס פון שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט אַוועקצושטעלן אַ דרוקעריי צו דרוקן פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל און אַ טאָג־צייטונג, האָבן ייִדישע דרוק־אַרבעטער אַנגעהויבן אַריבערשמוגלען אין געטאָ זאַץ, בליי און פאַרשיידענע דרוק־מאַטעריאַלן. מישע טשיפּענסקי איז אַריבער לעבן מחוץ דעם געטאָ, כדי צו אָרגאַניזירן די דרוקעריי. די פּראָפּאַגאַנדע־ און די אויפקלערונגס־אַרבעט האָט אָנגענומען גראַנדיעזע פאָרמען. פון האַנט צו האַנט און דורך געהיימע אויפגעקלעפּטע אויף די ווענט אין דערפער און שטעט — פּלאַקאַטן, אויפרופן, נייס־קאָמוניקאַטן וועגן מצב אויף די פראָנטן און אין הינטערלאַנד האָבן זיך באַוויזן לרוב. עס איז אויך באַנייט געוואָרן די אויסגאַבע פון דער צייטונג „זוויעזדאַ" (דער שטערן) אָרגאַן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי אין ווייסרוסלאַנד פאַר דער מלחמה.

די אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע האָט געזאָרגט פאַר מעדיצינישער הילף פאַר די נישט־ייִדישע פּאַרטיזאַנער, וואָס זענען געקומען שווער פאַרוווּנדעטע פון די וועלדער, ווו עס האָט אין דער ערשטער צייט געהערשט אַ גרויסער מאַנגל אין דאָקטוירים און מעדיקאַמענטן. די אָרגאַניזאַציע האָט אויך געזאָרגט, אַז זיי זאָלן אָנגענומען ווערן אין די געטאָ־שפּיטעלער און אין שטאָט — מיט דער הילף פון זיינע פאַרטרויאונגס־מענער.

די אָרגאַניזאַציע האָט מיטגעאַרבעט מיט אַ טייל מיטגלידער פון יודן־ראַט (צווישן זיי — אויך מיטן פאָרזיצער אלי מושקין), מיט די לייטערס פון די ווירטשאַפטס־אָפּטיילונגען און מיט דער ייִדישער פּאָליציי און אויסגענוצט די גרויסע מעגלעכקייטן צו שאַפן אויסריכטונג און מלבושים פאַר די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן אין די וועלדער און פאַר די אַרויסגייענדיקע פון געטאָ. די ייִדישע פּאָליציי איז אויסגענוצט געוואָרן צו פאַרשיידענע אומגעזעצלעכע טעטיקייטן (פעלשונגען פון דאָקומענטן, אומלעגאַלע דירות, אַרויספירן פּעקלעך פון געטאָ אין שטאָט אַריין אאַז"וו). אַ דאַנק דידאָזיקע פאַרבינדונגען האָט די אָרגאַניזאַציע געוווּסט די נעמען

פון די מענטשן, וואָס די דייטשן האָבן געזוכט, זייערע אינסטרוקציעס און באַפעלן, און געקענט רעכטצייטיק אונטערנעמען די נויטיקע שריט.

אין דער ערשטער צייט איז דאָס אַוועקגיין צו די פּאַרטיזאַנער נישט געווען באַזונדערס קאָמפּליצירט. די אָרגאַניזאַציע־מיטגלידער, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן צו פאַרלאָזן דעם געטאָ, פלעגן זיך אָנשליסן אין די אַרבעטס־קאָלאָנעס און אויף אַזאַ אופן פאַרלאָזן דאָס געטאָ. נאָכן אַראָפּ־נעמען די געלע לאַטעס, האָבן זיי מיטן באַקומענעם פּאַראָל זיך געמעלדעט אויף דעם באַשטימטן אַדרעס. כדי אָנצוהאַלטן דעם כסדרדיקן מענטשן־שטראָם פון געטאָ צו די וועלדער, איז געפונען געוואָרן אַן אָריגינעלער און זיכערער מיטל. די אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע פון די אייזנבאַן־אַר־בעטער, אונטער דער אָנפירונג פון קוזנעצאָוו, האָט זיך אונטערגענומען צו העלפן די יידן פון מינסקער געטאָ צו אַנטלויפן אין די וועלדער. העכער 500 יידן זענען אריבערגעפירט געוואָרן אין די לאָקאָמאָטיוון און קוילן־וואַגאָנען צו די לעבן־ליגנדיקע סטאַנציעס ביי די וועלדער און פּאַרטיזאַ־נישע באַזיסן.

אַזוי ווי פון די אָטריאַדן איז מען מער נישט געקומען אַרויסצונעמען מענטשן פון געטאָ און די פאַרבינדונג מיטן שטאָטישן קאָמיטעט איז איבערגעריסן געוואָרן, האָט די אָרגאַניזאַציע באַשלאָסן, אין אָנבליק פון דער שווערער לאַגע אין געטאָ, צו שאַפן באַזונדערע פּאַרטיזאַנער־באַזיסן פאַר יידן.

דעם 10טן אַפּריל 1942, האָט אַ גרופּע פון העכער צוואַנציק מענטשן מיט ישראל לפּידות בראש, פאַרלאָזט דאָס געטאָ און זענען אַוועק אין די סלוצקער וועלדער. אין געציילטע טעג האָט זיך די צאָל פון דער גרופּע פאַרגרעסערט ביז פופציק. אין דער זעלבער צייט איז נ. פעלדמאַן מיט אַ גרופּע פון 25 מאַן אַוועק אין די וועלדער פון זאַסלאַווי און קוידאַנאָוו. די דאָזיקע צוויי באַזיסן זענען געווען דער אַדרעס פאַר אַלע, וואָס זענען אַרויס פון געטאָ. פון דאָרט האָבן זיי זיך צעשפּרייט אין אַלע ריכטונגען און אויפגענומען געוואָרן דורך די רוסישע אָטריאַדן.

נאָך די גרויסע שחיטה אין מינסקער געטאָ, וואָס האָט אָנגעהאַלטן דריי טעג אָן איבעררייס (28־30טן יולי 1942), האָט די אָרגאַניזאַציע אַרויס־געלאָזט אַן אויפרוף, אַז ווער עס וויל און קען — זאָל אַנטלויפן אין די

וועלדער. אויף אַזאַ אופן האָט די מינסקער אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע גע־ראַטעוועט עטלעכע טויזנט ייִדן, צווישן זיי אַן ערך 700 אומקאַמפּס־פּעיִקע, וואָס האָבן געפונען זייער אָרט אין אָטריאַד נומער 106, אונטער דער אָנ־פירונג פון זאָרינען.

אין דער צייט, ווען אין קאָוונער און מינסקער געטאָס האָבן די אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציעס געלייגט דאָס הויפּטגעוויכט אויף אָרגאַניזירן ייִדישע פּאַרטיזאַנער פאַר די וועלדער — האָבן זיך אין די געטאָס פון ביאַליסטאָק און גראָדנע געפירט הייסע דעבאַטן אַרום דער פראַגע: פאַר־טיידיקן דאָס געטאָ, אָדער אַרויסגיין אין די וועלדער? אַ טייל פון די אַקטיווע אונטערגרונטלער פון די דערמאָנטע געטאָס זענען געקומען פון וואַרשע און ווילנע. אַ געוויסע צייט האָבן זיי אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיטן אונטערגרונט פון די דאָזיקע צוויי געטאָס מיט דער הילף פון ייִדישע מיידלעך, מיטגלידערינס פון ציוניסטיש־חלוצישע אָרגאַניזאַציעס (השומר הצעיר, „דרור", הנוער הציוני, החלוץ א"אַ), וואָס האָבן איינגעשטעלט דערביי זייערע ל'עבנס.

אין זומער 1942 זענען אין ביאַליסטאָקער געטאָ געווען צוויי אונטער־גרונט־אָרגאַניזאַציעס: דער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט פון די קאָמוניסטן און דעם לינקן פליגל פון „בונד" און אַ צווייטע, וואָס האָט אַרומגענומען „דרור" (פּוע"צ — צ. ס.), „הנוער הציוני", „ביתר" און דעם רעכטן פליגל פון „בונד". דער „השומר הצעיר" האָט מיטגעאַרבעט מיטביידע אָרגאַ־ניזאַציעס און זיך באַמיט זיי צו פאַראייניקן. נאָך דער ערשטער שחיטה אין ביאַליסטאָקער געטאָ (דעם 5טן פעברואַר 1943), האָבן זיך ביידע אָרגאַניזאַציעס פאַראייניקט אין איין קערפּערשאַפט, וואָס אין איר שפּ־יץ זענען געשטאַנען: מרדכי טענענבוים (טאַמאַראָוו) פון „דרור" אַלס קאָמאַנדיר און אַלס זיין שטעלפאַרטרעטער — דניאל מאָשקאָוויטש, פון די קאָמוניסטן.

די פאַראייניקטע אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע האָט צוגעגרייט און אָר־גאַניזירט דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין דעם ערשטן טאָג פון דער ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ (16טן אויגוסט 1943) און אַריינ־געשריבן אַ ליכטיקן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יענע פינצטערע יאָרן. אַ חוץ יחידים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט, זענען אַלע איבעריקע געפאַלן אין דעם אומגלייכן קאַמף קעגן אַכזריותדיקן שונא.

כּאָטש עס זענען נישט געווען קיין חילוקי־דעות צווישן די פאַרשײ־דענע צדדים אין דעם עצם ציל פון קאַמף, זענען אָבער יאָ געווען אונטער־שיידן אין דעם צוגאַנג און אין דער אויפפאַסונג פון דער אונטערגרונט־אידעאָלאָגיע און טעטיקייטס־שיטות. אין דער צייט ווען די קאָמוניסטן האָבן באַפאָרצוגט דעם קאַמף אין די וועלדער און האָבן אַהין געשיקט זייערע בעסטע חברים און די בעסטע געווער — האָבן די אַנדערע געפּאָ־דערט צו ווידמענען די עיקר אויפמערקזאַמקייט דעם קאַמף אינערהאַלב דער געטאָ־מויער, זעענדיק אין אים אַ נאַציאָנאַלן קאַמף. אויך דער „השומר הצעיר" און „דרור" זענען נישט געווען קעגן דער פּאַרטיזאַנישער מלחמה.

מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָוו האָט עס פאָרמולירט אויף אַ פּאַרזאַמ־לונג פון „הנוער הציוני", ביי וועלכער עס האָבן זיך פאַרשטאַרקט די שטימונגען, צו פאַרלאָזן דעם געטאָ און זיך ווי עס איז ראַטעווען און לעבן, לעבן פאַר יעדן פּרייז:

„איך האָב זיי געזאָגט: איך פאַרשטיי אייך. נאָך אַזאַ קאַטאַקליזם פאַר־שטאַרקט זיך ביים מענטשן דער לעבנס־אינסטינקט. אָבער מיר טאָרן נישט — כל־זמן מיר דענקען נאָך — אַזוי עגאָאיסטיש און ענגהאַרציק אָפּשטעלן די פראַגע. אַפילו ווען עס וואָלט אַזוי געווען (געמיינט, באַדינגונ־גען פאַר פּאַרטיזאַנישן קאַמף אין די וועלדער ביי ביאַליסטאָק — מ. ק.) וואָלטן מיר אויך נישט פאַרלאָזן דעם געטאָ. דאָס איז אַ נאַציאָנאַלער פאַר־ראַט. דאָס באַשטימענדיקע און דעצידירנדיקע אין דער נקמה איז דער יידיש־נאַציאָנאַלער אַספּעקט. נישט אַריינפאַלן פון איין עקסטרעמיטעט אין דער צווייטער, אָדער וואַלד, אָדער געטאָ. אונדזער שטעלונג איז: דער־פילן די נאַציאָנאַלע אויפגאַבע אין געטאָ (נישט איבערלאָזן די זקנים אַליין!). אויב דו ביסט געבליבן לעבן — באַוואָפן זיך און גיי אין וואַלד אַריין".

(דפים מן הדליקה" ז"ז, 91, 92).

מרדכי טענענבוים האָט אין זעלבן גייסט רעזומירט דעם וויכוח, וואָס האָט זיך געפירט אויף אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון קיבוץ און „דרור"־אַקטיוויסטן אין ביאַליסטאָק, דעם 27טן פעברואַר 1943, וועגן דעם וועג וועלכן מען דאַרף אויסוויילן:

„די שטעלונג פון די חברים איז אַ קלאָרע. מיר וועלן אַלץ טאָן, כּדי אַרויסצושיקן אַ גרויסע צאָל מענטשן צום פּאַרטיזאַנישן קאַמף אין וואַלד.

„אָבער דער פון אונדז וואָס וועט זיין אין געטאָ בעת דער נאָענטער אַק־ציע דאַרף רעאַגירן באַלד מיטן כאַפּן דעם ערשטן ייִד. אין אונדזער מחנה איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אַ דינגעניש אויפן לעבן".

(מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף — „דפים מן הדליקה", ז' 107).

די אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָק האָט עטלעכע מאָל געפּרוּווט אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנער־מחנה אין די נאָענט־ליגנדיקע וועל־דער. די פּרוּוון האָבן זיך אָבער נישט איינגעגעבן און האָבן געקאָסט פּיל מענטשלעכע לעבנס. צום סוף איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ פּאַרטיזאַני־שער אָטריאַד א"נ „פּאָרויס", וואָס האָט זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין דער רוסישער בריגאַדע פון וואָיטשעכאָווסקי.

אין איוויע (ביי לידע) איז אַנטשטאַנען די אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע באַלד נאָך דער גרויסע שחיטה (12טער מאַי 1942). ווי אין אַנדערע צענד־ליקער געטאָס, זענען אויך דאָ אַוועקגעשטעלט געוואָרן נאַכט־וואַכן אין די הייזער, פון וואַנען מען האָט געקענט אָבסערווירן די באַוועגונגען פון די דייטשן אין שכנות פון געטאָ. אין דער ערשטער צייט, ווען די אָרגאַניזאַ־ציע האָט נאָך נישט געהאַט קיין שום געווער האָט זי איניצירט פּרימיטיווע ווידערשטאַנדס־מיטלען. מיט דער הילף פון דעם ייִדישן וועטערינאַר־דאָקטאָר, זשיטאַנער (אומגעבראַכט געוואָרן דורך די ווייסע פּאָליאַקן), וואָס האָט זיך געמעגט פריי באַוועגן מחוצן געטאָ, האָבן זיי אַריינבאַקומען עט־לעכע פלעשלעך וויטריאָל. דער וויטריאָל איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן די געטאָ־איינוווינער, צוזאַמען מיט אינסטרוקציעס, אַז אין פאַל פון אַן אַקציע, זאָל מען בשעתן אַנטלויפן, עס גיסן אין די אויגן און אויף די פּנימער פון די דייטשן און פּאָליציסטן. ווי אין אַ סך אַנדערע געטאָס האָט מען אויך דאָ אַריינגענומען אין דער באַוועגונג די ייִדישע געטאָ־פּאָליציי. אַ דאַנק זייערע פאַרבינדונגען, באַוועגונגס־פרייהייט און דאָס, וואָס אין זייערע הענט איז געלעגן די באַוואַכונג פון דעם געטאָ־טויער — האָבן זיי אַ סך מיטגעהאָלפן ביי דער רעאַליזירונג פון די צוגעגרייטע טעטיקייטס־פּלענער. צום קאָמיטעט האָבן געהערט: ד"ר מלמד ז"ל, דער שרייבער פון די שורות, ט. אינגעל, שעפּטעל (געפאַלן אין די וועלדער), א. כ"ץ (געשטאָרבן פון טיפוס אין די וועלדער), מ. סטאָצקי (געשטאָרבן

אין געטאָ מיט אַ נאַטירלעכן טויט), ל. קאַלמאַנאָוויטש (געפאַלן אין די וועלדער) און אַנדערע.

די שחיטה אין סווענציאַנער געגנט (ביי ווילנע), איז, ווי אין אַלע אַנדערע קליינע שטעטלעך אין ליטע, אַדורכגעפירט געוואָרן, באַלד נאָכן דייטשן אַריינמאַרש. די יידן פון אַלע שטעטלעך (אַן ערך זיבן טויזנט נפשות) זענען צונויפגעבראַכט געוואָרן אין די סוכות־טעג 1941, צום „פּאָליגאָן" (געדינט פאַר דער מלחמה, ווי אַן אָרט פאַר איבונגען און מאַנעוורעס פון דער פּוילישער אַרמיי — 3 קילאָמעטער פון נײַ־סווענציאַן) און דאָרט דערשאָסן און באַגראָבן געוואָרן. אין אַ פּאָר שטעטלעך האָבן די דייטשן איבערגעלאָזט געציילטע בעלי־מלאכות. אין סווענציאַן האָבן זיי געלאָזט לעבן 500 פּערזאָן.

עס איז באַלד אַנטשטאַנען אַ יוגנטלעכע אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע, וועמענס איינציקער ציל איז געווען: פאַרבינדן זיך מיט פּאַרטיזאַנער און אַרויסגיין אין די וועלדער. א. רודניצקי (היינט צו טאָג אין צה"ל, ישראל), ג. באַק און מ. שומאַן, וואָס האָבן געאַרבעט אין די דייטשע געווער־מאַגאַזינען האָבן אַרויסגעגנבעט געווער און אַמוניציע פאַר דער אָרגאַניזאַציע. באַזונדערס אַקטיוו זענען געווען: ש. גרעטמאַן, דודקע יאַכאַי (ביידע העלדיש געפאַלן, אַלס פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „וואָראָשילאָוו") און י. רודניצקי. פון אַן אינסטאַלירטן, געהיימען ראַדיאָ־אַפּאַראַט אין אַ קעלער האָבן זיי געוווּסט וועגן אַלץ, וואָס עס געשעט אין דער גרויסער וועלט און אויך וועגן דער פאַרניכטונג פון די יידן אין אַלע אָקופּירטע לענדער. לויט זייער פאָדערונג (מערסטנטייל יינגלעך פון 16־20 יאָר), האָבן זיי באַקומען פון יידן־ראַט אַ גרעסערן סכום געלט, וואָס האָט געקלעקט איינצוקויפן פיר רעוואָלווערן. אין חודש מערץ האָט אַ גרופּע פון 24 באַוואָפנטע יוגנטלעכע פאַרלאָזט דעם סווענציאַנער געטאָ און אַוועק אין די לינטופּער וועלדער (ביי קאַזאַן).

אין קאָברין האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע, וועלכע איז אַוועק אין די וועלדער פון דיווינער געגנט. די גרופּע האָט געציילט לערך 80 מאַן. אין משך פון ווינטער 1942־43 — האָט די גרופּע זיך פאַרקלענערט דורך פיל געפאַלענע צוליב פויערישע מסירות. שפּעטער זענען זיי אַוועק אין די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן „וואָראָשילאָוו" (בריסקער פאַראייניקונג, דאָ־

מאַמשעווער געגנט), „סוואַראָוו" (יאַנאָוו־פינסקער געגנט) און „קאַטאָוו־סקי" (בריסקער פאַראייניקונג, קאָברינער געגנט).

אין קאַמיען־קאַשירסקער געטאָ האָבן די דריי ברידער צווייבל אָרגאַניזירט די ווידערשטאַנדס־אָרגאַניזאַציע און געקויפט פאַר גאָלד און מלבושים געווער ביי באַקאַנטע פויערים. נאָך פאַר דער צווייטער שחיטה זענען די דריי ברידער אַרויס אין וואַלד מיט אַ גרופּע פון 17 מאַן, אויף די טשערוויטשער כוטאָרעס און פאַרבונדן זיך מיט די פּאַרטיזאַנער פון „קרוקס" אָטריאַד, וועלכער איז דאַן געווען אין סטאַדיום פון אַנטשטיין און מיטגעווירקט צו זיין פונאַנדערוווקס און פאַרשטאַרקונג.

אין פיל ערטער האָבן עקזיסטירט גלייכצייטיק פאַרשיידענע גרופּעס, וועלכע האָבן זיך געגרייט אַרויסצוגיין אין די וועלדער. יעדע גרופּע איז אַנטלאָפן אין דער ריכטונג, ווו זי האָט געהאַט פאַרבינדונגען, אָדער ווו מענטשן פון דער גרופּע האָבן געקענט די געגנט. אַזוי איז מען פון לידער געטאָ געלאָפן גלייכצייטיק אין נאַטשער, נאַליבאָקער און ליפּיטשאַנער פושטשעס. פון גלובאָקע, נעסוויזש, מיר א"אַ, איז מען געלאָפן אין די קאַפּוליער־וועלדער און אין נאַליבאָקער פושטשע.

וואָלינער יידן זענען אין זייער גרעסטן טייל געלאָפן צו די גרויסע פּאָליעסער וועלדער און בלאָטעס.

שפּעטער האָבן די ריכטונגען פון גיין באַשטימט די יידישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע פלעגן קומען אין די געטאָס אַרויסנעמען יידן און אַוועקפירן זיי אין ראַיאָן, פון וועלכן זיי פלעגן קומען.

געווען אָבער אויך פאַלן, ווען פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציעס פלעגן אַרויסשיקן קלענערע גרופּעס אויף צו שאַפן פאַרבינדונגען און אויסבויען ערד־הייזלעך, בכדי צוצוגרייטן אַ באַזע פאַר די נאָכקומענדיקע.

די אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע פון קאָווּנער געטאָ האָט אַרויסגעשיקט גרופּעס מענטשן כדי אויפצושטעלן פּאַרטיזאַנישע פאָרמאַציעס אין די אַרומיקע וועלדער. אַ גרופּע וואָס איז אַוועק אין וואַלד פון בעטיגאָלער ראַיאָן, האָט אויסגעבויט אַ ריי ערד־שטיבלעך און פאַרבאַהאַלטן דאָרט זייער געווער. אַנדערע גרופּעס זענען שוין גרייט געווען נאָכצוקומען, אָבער די דייטשן האָבן באַלד אַנטדעקט די באַזע אוןביים ערשטן צוזאַמענשטויס זענען געפאַלן דער קאָמאַנדיר און זיינע מיטהעלפערס.

אויך די פּרווון צו שאַפן באַזיסן אין טשעקישקער וואַלד האָבן זיך נישט איינגעגעבן. די אָרגאַניזאַציע האָט געשיקט גרופּעס אין פאַרשיידענע ריכטונגען, כדי זיך צו פאַרבינדן מיט פּאַרטיזאַנער און צו שאַפן באַזיסן אין די וועלדער.

אַ גרופּע פון פינף חברים מיט ישראל מילשטיין בראש, איז צו דעם צוועק אַוועק אין די וועלדער פון מזרח־ליטע, אויסגעשטאַט מיט רעוואָל־ווערן, האַנט־גראַנאַטן, מאַפּעס און קאָמפּאַסן. אַ צווייטע גרופּע מיט אַהרן ווילענטשוק בראש איז צו דעם זעלבן צוועק אַוועק אין די וועלדער פון יעזנעסער ראַיאָן. די מענטשן פון די אַלע גרופּעס זענען אונטערוועגס דערהרגעט געוואָרן אין צוזמענשטויסן מיט דייטשן.

די קליינע ליטווישע וועלדער און אָלעסניקעס זענען נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר פּאַרטיזאַנישע באַזעס און טעטיקייט. אויך די ליטווישע באַפעלקערונג, וואָס האָט כמעט אינגאַנצן קאָלאַבאָרירט מיט די דייטשן, האָט נישט דערמעגלעכט צו שאַפן פּאַרטיזאַנישע זאָנעס.

די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון מינסקער געטאָ האָט אין יאָר 1942 גע־שיקט צוויי גרופּעס אין די סלוצקער וועלדער.

אַ טייל פון די אָרגאַניזאַציע־מיטגלידער אין איוויע איז אַוועק אין די וועלדער, כדי צוצוגרייטן אַ באַזע פאַר די איבעריקע חברים און אויס־געבויט ערד־שטיבלעך („זיעמלאַנקי") אין דער סביבה פון שטעטל (מאַ־רינער וואַלד).

פון אַ סך שטעטלעך זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אויסשפּיר־גרופּעס צו זוכן פאַרבינדונגען מיט רוסישע פּאַרטיזאַנער און צוצוגרייטן באַזיסן פאַר די נאָכקומענדיקע מענטשן. (קאָזאַן, באַראַנאָוויטש, זשעטל, פּרוזשאַ־ני א"אַ). מיטגלידער פון דער אונטערגרונט האָבן זיך צעשפּרייט אין די וועלדער, מייגסטנס אין קליינע גרופּעס, נאָך פאַר די גרויסע שחיטות. אַלס וועגווייזער האָבן געדינט די חברים וואָס זענען ספּעציעל געקומען פון די וועלדער אין די געטאָס, איינשטעלנדיק זייער לעבן.

נאָכן אַנטלויפן פון גאַנצע גרופּעס יונגנטלעכע זענען די יידן־ראַטן גע־ווען געצוווּנגען צו פאַרבאַהאַלטן דעם פאַקט פון זייער פאַרשווינדן דורך פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס און תירוצים, כדי נישט צו געבן די דייטשן

אַ פּרעטעקסט פאַר אַן אַלגעמיינער שחיטה, אָדער צעשיסונג פון די פאַמי־ליעס פון די פאַרשוווּנדענע.

עס זענען געווען צענדליקער שטעט און שטעטלעך, אין וועלכע עס זענען נישט געווען קיין שום אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציעס. דאָס אַנטלויפן איז פאָרגעקומען ספּאָראַדיש, אין דער לעצטער רגע אונטערן האָגל פון דייטשע קוילן. דער פּחד פאַר דעם שענדלעכן „דייטשן טויט" האָט גע־צוווּנגען צו מאַכן דעם לעצטן פאַרצווייפלטן פּרוּוו, נאָכדעם ווי עס איז שוין נישט געווען וואָס צו פאַרלירן.

אַזוי זענען אַנטלאָפן פון סערניק און דאָמבראָוויטש (וואָלין) אַ גרויסע צאָל יידן (פון סערניק 272 נפשות). די וועלדער אין דער נאָענט פון שטעטל סערניק און דער באַקוועמער דורכגאַנג דורכן טייך סטאָוועלאַ, האָבן דערמעגלעכט דאָס אַנטלויפן אין דער לעצטער רגע, ווען דאָס געטאָ איז שוין געווען אַרומגערינגלט.

מ. גילדענמאַן (דיאַדיאַ מישאַ), זיין זון שמחה (ליאָנעק — היינט ביידע אין ישראל) און נאָך 9 יידן האָבן פאַרלאָזן דאָס קאָרעצער געטאָ (וואָלין) דעם 23טן סעפּטעמבער 1942, ווען די אָבסערוואַטאָרן האָבן צווויסן גע־געבן, אַז צום פּאָליציי־בנין זענען אָנגעקומען מחוץ דער שטאָט אַ צאָל לאַסט־אויטאָס מיט פּאָליציסטן. נאָכדעם ווי זיי האָבן געזען, ווי די פּאָליציי הייבט אָן אַרומצורינגלען דאָס געטאָ און אָוועקשטעלן פּאָסטנס אַרום שטעטל — האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז מען טאָר לענגער נישט וואַרטן און אין גרופּעס צו דריי מענטשן זענען זיי אַנטלאָפן פון געטאָ, האָבנדיק בלויז איין־איינציקן רעוואָלווער און פינף קוילן... עס איז זיי געלונגען אַריבער־צוגיין דעם טייך סלוטש און צו געפינען אַ באַהעלטעניש אין די געדיכטע וועלדער לעבן דאָרף מישאַקאָוו. די דאָזיקע גרופּע האָט געבילדעט דעם קערן פון דער „יעווגרופּאַ" (יידישע גרופּע), וואָס איז שפּעטער אַנטשטאַ־נען אונטער דער אָנפירונג פון „דיאַדיאַ מישאַ".

אָבער נישט תמיד איז דער אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע געלונגען צו באַגייסטערן די מאַסן און זיי געווינען פאַר אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד קעגן די דייטשן. עס האָט זיי געפעלט דער ווילן, דער מוט און גלויבן אין אייגענע כוחות. איינגעבראָכענע און דערשלאָגענע פון די דאָזיקע איבער־לעבונגען, זענען זיי פיזיש און פּסיכיש נישט פעיִק געווען צו אַקטיווע

פּאַרמעסטונגען. אויך זענען די יידישע מאַסן געווען צו שטאַרק צוגע־בונדן צו זייערע משפּחות, עופּהלעך און זקנים, עלטערן. אַ חוץ דעם האָט זיי נישט פאַרלאָזט דער יידישער בטחון אויף אַ נס, וואָס מוז נאָך געשען. אַפילו אין די טויט־לאַגערן, ביי די גריבער, ביים סאַמע אָפּגרונט פון טויט האָבן זיי נאָך אַלץ געהאָפט און געוואַרט אויף אַ נס...

די חברים פון „דרור" און „השומר הצעיר" האָבן באַשלאָסן אָפּצו־ראַמען פון וועג די גראָדנער געשטאַפּאָ־אָפיצירן סטרעבלאָוו און וויזע, וועמענס רציחות, אַכזריות און איזדעק איבער די געטאָ־יידן, האָט גאָר קיין גרענעץ נישט געהאַט.

דאָס הרגענען די מערדער האָט געזאָלט דינען ווי אַ סיגנאַל צו אַן אַלגעמיינעם מאַסן־ווידערשטאַנד און מאַסן־ אַנטלויף. דער אַטענטאַט אויף סטרעבלאָוון, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך מ. קאַפּלאַן און נ. קראַ־וויעץ פון אַ לויערונג ביים געטאָ־טויער, איז דורכגעפאַלן. נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן אַרויסצונעמען דעם רעוואָלווער, זענען זיי באַלויכטן גע־וואָרן דורך סטרעבלאָוון און אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

דער פּלאַן צו דערמאָרדן וויזען איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך מיטגלידער פון די דערמאָנטע צוויי אָרגאַניזאַציעס, בעת מען האָט די גראָדנער יידן צונויפגעטריבן אין שול אַרייַן אַוועקצושיקן אין די טויט־לאַגערן (18־19טן יאַנואַר 1943). ווען די ענגשאַפט אין שול איז געוואָרן זייער גרויס איז דערשינען דער רוצח וויזע און באַפוילן, אַז מען זאָל פאַר אים מאַכן אַ פרייען דורכגאַנג צווישן דער געדיכטער מענטשן־מאַסע. אין דער רגע האָט שייקע מאַסיס געוואָרפן אַן אייזן־שטאַנג אין זיין קאָפּ. עס איז געוואָרן אַ בהלה, שייקע איז צוגעלאָפן צום פענצטער און געשריגן: „אַנטלויפט! אַנטלויפט!..." פון אַלע זייטן האָט מען געהערט געשרייען: „יידן, וויזע איז דערמאָרדעט, אַנטלויפט! אַנטלויפט!" די מיטגלידער פון גראָדנער אונטערגרונט, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין שול, זענען זיך צעלאָפן דורך די אויפגעריסענע טירן און פענצטער, אָבער די מאַסע האָט זיך נישט גערירט פון אָרט...

אַריה קאָפּעליק דערציילט אין בוך „מיין שטעטעלע בערעזנע":

„לערך 300 יידן האָבן געאַרבעט אין אַ לאַגער ביי קאָסטאָפּאָל. צוויי אַזייגער ביינאַכט האָט מען אַרומגערינגלט דעם לאַגער און צעשטעלט

צו פיר אין אַ ריי. אַ ייד פון שטעטל מעלינסק האָט אַ געשריי געטון: „הוראַ״ און פיל האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן. עטלעכע יידן האָבן פאַרגע־שלאָגן, אָנצופאַלן אויף די צוויי באַוואָפנטע דייטשן און די פויערים, וואָס האָבן געהאַט בלויז שטעקלעך אין די הענט. אָבער די אַנדערע יידן האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט...

(דאָרט, ז׳, 156, 157).

אויך ברעדער דערציילט, אַז די איינגעבראָכענע יידישע מאַסע איז אַפילו ביים ראַנד פון די גריבער נישט געווען גרייט צו שטעלן אַ ווידער־שטאַנד:

„פיר אַזייגער פאַרטאָג (דינסטיק 12 טעג אין אלול) האָט מען אויפ־געוועקט די בערעזענער יידן און זיי געזאָגט, אַז מען פירט זיי אויף אַרבעט. אָנשטאָט דעם האָט מען זיי אַריינגעטריבן אין אַ פאַרצאַמטן שטח, וווּ די אוקראַינער האָבן שוין געוואַרט אויף זייערע קרבנות... מען האָט זיי אַרויסגעפירט צום בית הקברות... די פּאָליציי האָט געשלאָגן די ווייי־נענדיקע יידן אויפן וועג און אַזוי איז מען געקומען צו די דריי צוגע־גרייטע גריבער.

„גאָדל דעם קצבס זון האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח און אויסגעשריגן: „יידן! לאָמיר זיך אַנטקעגנשטעלן! מען פירט אונדז פון אַזאַ שיינער וועלט, צום טויט!״ ער איז באַלד דערשאָסן געוואָרן דורך אַ פּאָליציסט. אַ פול־שטענדיקע גלייכגילטיקייט צום גורל האָט אַלעמען באַהערשט און עס האָט זיך אָנגעהויבן די שחיטה...״

(„מיין שטעטעלע בערעזנע״ — ז׳, 167).

אויך אין ביאַליסטאָק און אין אַנדערע שטעט איז די אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע נישט געלונגען צו געווינען די ברייטע יידישע מאַסן צום אַקטיוון קאַמף קעגן די דייטשן. בלויז יחידים האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו די יידישע ווידערשטענדלער. די יידישע מאַסן זענען געבליבן גלייכגילטיק צו זייער גורל און בלויז אַ האָפענונג אויף אַ „נס״ האָט נאָך געטליעט אין זייערע הערצער, אַפילו אין די טעג פון די „אַקציעס...״

אַ סך האָבן זיך געראַטעוועט אַ דאַנק די בונקערס און „מאַלינעס״, וואָס געטאָ־יידן האָבן געמאַכט אונטער זייערע הייזער. נאָך דער אַקציע פלעגט מען ביינאַכט אַרויסשלייכן זיך פון געטאָ און אַוועקגיין אין די וועלדער. העכער 800 זשעטלער האָבן זיך אויף אַזאַ אופן געראַ־טעוועט בעת דער צווייטער שחיטה און זענען אַוועק אין די ליפּיטשאַנער

וועלדער. (לויט פּאַרלעסלעכע אינפאָרמאַציעס איז דאָס געווען די גרעס־טע צאָל געראַטעוועטע פון אַ שטעטל).

אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציעס האָבן עקזיסטירט אין הונדערטער שטעט־לעך און שטעט פון ווייסרוסלאַנד, פּאָלעסיע און מערב־אוקראַינע. צום באַדויערן האָבן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס אַרומגענומען בלויז אַ גאָר קליינעם טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. די סיסטעמאַטישע אויפ־קלערונגס־אַרבעט און זייער מסירות־נפשדיקע טעטיקייט האָבן אָבער אָנ־געצייכנט און געוויזן פאַר די פאַרצווייפלטע געטאָ־יידן אַ וועג פון רעטונג און נקמה.

אַ דאַנק דער טעטיקייט פון די א״ד אָרגאַניזאַציעס זענען אַ סך יוגנט־גרופּעס אַוועק אין די וועלדער נאָך פאַר די שחיטות. יידן האָבן זיך שוין נישט געשטעלט אויפן באַפעל פון די דייטשן און די יידן־ראַטן צו די דייטשע אַקציעס, נאָר זיך אויסבאַהאַלטן אין פאַרשיידענע ערטער. אויך נישט אָרגאַניזירטע יידן האָבן זיך געוואָרפן אויף די דייטשן אין די שחיטה־טעג, געצונדן הייזער, איבערגעשניטן שטעכל־דראָטן, אַנטלאָפן אין די וועלדער און פּושטשעס און מיטגעהאָלפן צום אויפקום און פונאַנדער־בליי פון דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

קאַפּיטל צען

געווער־פאַרזאָרגונג אין די געטאָס

די ווייכטיקסטע פּראָבלעם פאַר די ווידערשטאַנדס־אָרגאַניזאַציעס אין די געטאָס איז געווען דאָס באַזאָרגן זיך מיט געווער. מען האָט דאָס נייטיק געהאַט, בכדי צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד אין פאַל פון אַ שחיטה. דאָס איז אויך געווען אַן אומבאַדינגטער מוז, בכדי אַרויסצוגיין אין וואַלד און אָנצוקומען צו די פּאַרטיזאַנער (צוליב דעם מאַנגל אין געווער, וואָס עס האָט זיך באַזונדערס שטאַרק געלאָזט פילן אין ערשטן פּעריאָד פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, האָט מען נישט אָנגענומען קיין יידן אין די רוסישע אָטריאַדן אָן געווער). געווער האָט מען געהאַט נייטיק שוין באַלד ביים פאַרלאָזן דעם געטאָ. אָן געווער איז דער וועג צו די פּאַרטיזאַנער־באַזיס אין די וועלדער געווען פיל סכנותפולער.

געווער האָט מען באַקומען בעיקר פון די „בויטן־לאַגערס" (סקלאַדן, אין וועלכע די דייטשן האָבן מאַגאַזינירט די ריזיקע סכומים רוסישע טראָפייען אין אַמוניציע און געווער, וועלכע זיי האָבן איבערגעלאָזן בשעתן ראַשיקן אָפּטרעטן אין יוני־אָקטאָבער 1941) און דורך איינקויפן ביי פּויערים, וועלכע האָבן דאָס געוואָרפענע סאָוועטישע געווער פאַרבאַהאַלטן.

יידישע מיידלעך און בחורים, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע, ס. ס., פּאָליציי, מיליטער־טיילן און אין די בויטן־לאַגערס האָבן, ריזיקירנדיק טאָג־טעגלעך מיט זייערע לעבנס און לעבנס פון זייערע משפחות, אויף די משונהדיקסטע אופנים געגנבעט און אַריבערגעשמוגלט געווער און אַמוניציע אין די געטאָס. דאָס געווער

פלעגט מען מאַגאַזינירן אין גוט־פאַרקאָנספּירירטע אונטערערדישע „מאַ־לינעס".

עס פלעגט אויך טרעפן, אַז איינצלנע דייטשן פלעגן פאַרקויפן פאַר געלט געווער. נישט זעלטן פלעגן סאָלדאַטן פון אַנדערע פעלקער אין אייראָפּע, וועלכע זענען דורך די דייטשן מאָביליזירט געוואָרן אין אַרמיי צו געהילפס־אַרבעטן און האָבן געטראָגן אין האַרצן אַ שנאה צו זייערע פאַרשקלאַפערס (איטאַליענער, האָלענדער, בעלגיער, פראַנצויזן אאז"וו), געהאָלפן אָדער געמאַכט זיך נישט זעענדיק, ווי די יידן גנבענען געווער.

אַ באַשטעטיקונג צו דעם, אַז סאָלדאַטן פון אַנדערע פעלקער האָבן פאַרקויפט געווער צו יידן, געפינען מיר אין אַן אָפיציעלן דייטשן דאָקו־מענט. אין ראַפּאָרט פון ס"ס־בריגאַדע־פירער און גענעראַל־מאַיאָר פון דער פּאָליציי אין דיסטריקט גאַליציע, קאַצמאַן, צום העכערן ס"ס־פּאָליציי־פירער אין גענעראַל־גאָווערנאַמענט, קריגער, וועגן דער „לעזונג פון דער יידנפראַגע אין דיסטריקט גאַליציע" פון 30טן יוני 1943, ווערט געזאָגט:

„וואָס קלענער די צאָל פאַרבליבענע יידן, אַלץ גרעסער איז געווען דער ווידערשטאַנד. געווער פון אַלע סאָרטן, באַזונדערס פון איטאַליענישער אָפּשטאַמונג, זענען באַנוצט געוואָרן צו פאַרטיידיקונג. די איטאַליענישע געווער איז געקויפט געוואָרן דורך די יידן פון סטאַציאָנירטע איטאַליע־נישע סאָלדאַטן אין דיסטריקט, פאַר הויכע זלאָטע־סכומים. די בייגעלייג־טע בילדער גיבן אַ קליינעם פראַגמענט פון וואָפן־אויסוואַל. באַזונדערס געפערלעך זענען געווען די אָפּגעשניטענע ביקסן פון אַלע סאָרטן".

(ז' 24, דאָקומענט 18 — L פון די מאַטעריאַלן פון נירענבערגער פּראָצעס).

אין א"ד ראַפּאָרט ווערט דערציילט וועגן יידן, וואָס האָבן געוואָלט מיט דער הילף פון דייטשע שאָפערן, פאַר אַ געהעריקן לוין, אַריבערפירן 30־20 יידן פון לעמבערגער יידן־לאַגער קיין בראָד. די יידן זענען אַריינ־געפאַלן אין אַ נעץ און אַנשטאָט קיין בראָד האָבן די שאָפערן זיי געבראַכט צו דער קאָמאַנדע פון N.J.K.K. אין לעמבערג. עס פאָלגן איניקע ציטאַטן פון באַריכט, וואָס איז נוגע דעם געווער־איינקויף פון איטאַליענער:

„די יידן, טיילווייז באַוואָפנטע מיט רעוואָלווערן און אָפּגעשניטענע ביקסן, זענען דורך, אַ פון פריער צוגעגרייטער קאָמאַנדע, אַנטוואָפנט גע־וואָרן. עס איז ביי זיי געפונען געוואָרן פאָלגענדע געווער: (דאָ קומט אַ

באַשרייבונג פון די רעוואָלווערן און ביקסן, קאַליבער, נומער. צוזאַמען 9 שטיק געווער).

(ז' 55, פון דאָקומענט 18 — L פון די מאַטעריאַלן פון נירענבערגער פּראָצעס).

אויפן זייט 57 פון א"ד ראַפּאָרט ווערט דערציילט:

„2 פּיסטאָלעטן האָבן די יידן געקויפט פון איטאַליענישע סאָלדאַטן פאַר 2000 זלאָטעס פּראָ שטיק. די נעמען פון די סאָלדאַטן זענען נישט פעסט־געשטעלט געוואָרן".

דער ס"ס־בריגאַדע־פירער, קאַצמאַן פאַרגעסט נישט צו דערציילן אין זיין ראַפּאָרט וועגן יעדן סאָרט פון געפונענעם געווער ביי יידן בעת אָב־לאַוועס אויף יידישע גרופּעס אין די וועלדער:

„דעם 21.5.43 איז געלונגען צו פאַרניכטן אַ יידישע באַנדע ביי ראַווע־רוסקע, וואָס זענען געווען אויסגעריכטעט מיט איטאַליענישע 0.8 רע־וואָלווערן (אינצווישן האָבן אַלע איטאַליענישע סאָלדאַטן פאַרלאָזט גאַליציע).

(ז' 66, דאָקומענט 18 — L פון די מאַטעריאַלן פון נירענבערגער פּראָצעס).

כמעט אומעטום פלעגט מען דערפאַר באַצאָלן לעגענדאַרע פּרייזן. איז די געטאָס איז אָנגעגאַנגען אַ שטילער האַנדל מיט געווער. עס זענען אַפילו געווען „בערזע־פּרייזן" אויף פאַרשיידענע מינים געווער, אָפּהענגיק פון דער שטימונג אין געטאָ בנוגע אַרויסגיין אין פּאַרטיזאַנקע.

אין לידער געטאָ, למשל, האָט דער פּרייז פון אַ ביקס דערגרייכט ביז צען טויזנט רובל, און פון אַ רעוואָלווער — פופצן, צוואַנציק טויזנט רובל.

נאָך דער גרויסער שחיטה אין מינסקער געטאָ (20טן נאָוועמבער 1942) איז באַדייטנדיק געוואַקסן די נאָכפראַגע אויף געווער און אַמוניציע. מען פלעגט צאָלן מיט האַנט־זייגערלעך, גאָלד־מטבעות און אָנצוגן. מ. רודינסקי האָט פאַרקויפט זיינע אַלע ווערטפולע חפצים און איינגעהאַנדלט אַ ביקס פאַר צוועלף טויזנט רובל. אַלע האָבן געשטרעבט צו באַזיצן אַ „שטיקל" געווער. פאַר אַ רעוואָלווער, אַ האַנט־גראַנאַט, קוילן אאַז"וו, האָט מען אָפּגעגעבן אַלץ, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון דער האָרעוואַניע פון

דורות. אין מינסקער געטאָ האָט מען אַ „כלי״ (געווער) באַצייכנט „דער נייער סאָוועטישער פּאַספּאָרט״.

יעדן פלעגן פאַרקויפן דאָס לעצטע, כדי זיך צו דערווערבן אַ שטיקל געווער. אַ ביקס — דאָס איז געווען אַ שאַנס צום לעבן, אַ מעגלעכקייט אַרויסצוגיין אין וואַלד, אַ גאַראַנטיע אויפגענומען צו ווערן אין אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד.

דאָס אַריינטראָגן געווער אין די געטאָס איז געווען באַזונדערס באַשווערט צוליב די רעוויזיעס פון דער געשטאַפּאָ און פּאָליציי ביי די געטאָ־טויערן, בעתן צוריקקערן זיך פון די אַרבעטס־פּלעצער מחוצן געטאָ.

אין לידע האָבן יידישע בחורים, וועלכע האָבן געלאָדן טראָפייען־געווער אין וואַגאָנעס, געגנבעט טיילן, אויפן אייגענעם לייב זיי אַדורכגעטראָגן און נאָכדעם זיי צוזאַמענגעשטעלט אין די יידישע וואַרשטאַטן פון לידער געטאָ.

קוילן פלעגט מען אַרויסטראָגן אין לעבלעך ברויט, אין פאַרשיידענע עסנוואַרגן, אויף וואָס די דייטשן האָבן נישט געהאַט קיין פאַרדאַכט. האַנטגראַנאַטן פלעגט מען ס׳רוב אונטערבינדן אונטער די פּאַכוועס פון די הענט און צווישן די פיס. ביקסן און געווער־טיילן פלעגט מען אַריבערטראָגן אויפן לייב און שפּעטער פלעגט מען עס אין די געטאָ־וואַרשטאַטן פונדאַסניי צוזאַמענשטעלן. אין פיל פאַלן פלעגט מען זיין געצוווּנגען אָפּצוקירצן די לופע פון אַ ביקס, בכדי צו דערמעגלעכן דאָס אַריבערטראָגן זי אויפן אייגענעם גוף.

מען פלעגט אַריינפירן אין די געטאָס געווער אויך אין האָלץ, אין געשפּאַנען און אויף הונדערטער פאַרשיידענע אופנים, צו וועלכע די לאַגע האָט געצוווּנגען זיך צו דערטראַכטן.

דער זיכערסטער מיטל איז געווען דאָס אַריינפירן געווער אין טאָפּל־ווענט פון אַסעניזאַציע־פעסער, וועלכע פלעגן אַרויספירן די געטאָ־צואָה צו די פעלדער. דער וואָגן פלעגט קיינמאָל נישט קאָנטראָלירט ווערן דורך די דייטשן און אויף דעם וועג זענען קיין דורכפאַלן נישט געווען.

עס זענען געווען ספּעציעלע פאַרמיטלערס, וועלכע פלעגן אין די נעכט זיך אַרויסגנבענען פון די געטאָס און דורך באַקאַנטע פויערים איינ־

קויפן געוועהר ביי דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. ס׳רוב פלעגט אויס־קומען די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע אַרויסצוגיין דורך די דראָטן אויף פריער אָפּגערעדטע פונקטן.

עס פלעגט טרעפן, אַז דער געווער־פאַרמיטלער איז געווען אַ פּראָוואָ־קאַטאָר, וואָס האָט אַלעמאָל געבראַכט צו קרבנות.

אַזוי איז צוליב דער פּראָוואָקאַציע פון געוועזענעם סאָוועטישן זעלנער, אַ געוויסן וואַניאַ, וועלכער איז איבערגעבליבן אין זשעטל (נאָוואָגרודקער קרייז), אַלס פאַרבינדונגס־מאַן צווישן דער אַוועקגעגאַנגענער רוסישער גרופּע אין וואַלד און דעם פאַרטיזאַנער־שטאַב אין זשעטלער געטאָ, אומ־געקומען אויף אַ טראַגישן אופן, שלום פיאַלון ז״ל.

אין אַ געוויסן טאָג האָט וואַניאַ געמאָלדן אלתר דוואָרעצקין, אַז עס איז דאָ צו קויפן אַן אויטאָמאַט און אַ רעוואָלווער און ער דאַרף האָבן אַ מענטשן, וועלכער זאָל דאָס געווער אָפּנעמען. עס האָט זיך געמאָלדן פרייוויליק דער טעטיקער מיטגליד פון שטאַב, דער יונגער שלום פיאַלון.

דורכרייסנדיק זיך דורך די דראָטן פון געטאָ איז ער אין אַ פינצטע־רער נאַכט אַוועק צום באַשטימטן אָרט אין מיראָוושטשיזנער וועלדל. וואַניאַ האָט אים באַוויזן אַ צעבראָכענעם אויטאָמאַט. איידער פיאַלון האָט זיך נאָך באַוויזן אַרומצוקוקן, איז ער אַרומגערינגלט געוואָרן פון דייטשן און פּאָליציי. ער איז אַריינגעפאַלן אַ לעבעדיקער אין די הענט פון די דייטשע סאַדיסטן. עטלעכע טעג האָבן זיי אים שרעקלעך געפייניקט אין דער זשעטלער זשאַנדאַרמעריע, בכדי אַרויסצובאַקומען די סודות פון דער אָר־גאַניזאַציע, אָבער דער העלדישער פיאַלון האָט נישט פאַרראַטן און דעם הייליקן סוד מיטגענומען אין קבר.

ער האָט פון דער תפיסה־צעלע געשריבן אַ בריוו מיט זיין אייגן בלוט, איבערגעגעבן דורך אַ קריסטלעכער פרוי צו די חברים פון דער פּאַרטי־זאַנער־באַוועגונג אין געטאָ:

„חברים, מען מאַטערט מיך און מען פייניקט מיך שרעקלעך! אָבער זייט רויק, איך וועל אייך נישט פאַרראַטן. נעמט נקמה פאַר אַלעמען און אויך פאַר מיין בלוט!״.

ער איז געשטאָרבן מיט אַ מאַרטירער־טויט מיט דער האָפענונג, אַז די אַרבעט וועט פאַרגעזעצט ווערן.

No. 502

גערשקע באַק, דוד יאָכאַי און ראובן מיאַדזולסקי, חברים פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע אין סווענציאַנער געטאָ, האָבן אויף אַ בוידעם פון איינעם פון די הייזער, וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיטן געטאָ־צאַם, אויסגעפּרובירט דריי איינגעקויפטע רעוואָלווערן. מיאַדזולסקי האָט אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער פון באַהעלטעניש און געזאָגט:

— ווען וועט שוין ענדלעך קומען דער טאָג פון נקמה?

שלום פּיאַלון

דאָס יינגל, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין די געשטאַפּאָ־הענט בעתן געווער־איינקויף און פּאַרפּייניקט געוואָרן צום טויט.

ער האָט לייכט אָנגערירט מיטן פינגער אויפן רעוואָלווער־צינגל און אויסגעשריגן:

— פאַר מיין טאַטן, מאַמען, שוועסטער און ברידער!

פלוצלינג האָט דער רעוואָלווער אויסגעשאָסן. די קויל האָט געטראָפן אין דערלעבנשטייענדיקן, באַק, אַריין דורכן מויל און אַרויס דורכן האַלדז. דעם שאָס האָט מען געהערט אין געטאָ און אין די שכנישע גאַסן מחוץ דעם געטאָ. דוד יאָכאַי האָט נאָך באַוויזן צו אַנטלויפן. די געשטאַפּאָ האָט אויפן אָרט אַרעסטירט דעם פאַרוווּנדעטן באַק און מיאַדזולסקין (13טער

מאַי 1942). במשך פון דריי טעג האָט מען זיי געפּאָרשט, ווער זענען זייערע חברים און פון וואַנען האָבן זיי באַקומען דאָס געווער. טראָץ די שרעקלעכע פּייניקונגען, האָבן זיי קאַטעגאָריש זיך אַנטזאָגט צו ענטפערן אויף די פראַגע פון זייערע אויספאָרשער־פּייניקער. דעם 16טן מאַי 1942 זענען זיי דערשאָסן געוואָרן אויפן יידישן בית־עלמין.

„...נאָך דער ערשטער שחיטה אין שטעטל ביטען (ביי סלאָנים — שבת נחמו, דעם 25סטן יולי 1942), האָט דער ווייסרוסישער פויער סטרושעווסקי פאַרקויפט דער פאַמיליע דעסאַער אַ ביקס. דעסאַער האָט זיך געגרייט אַרויסצוגיין אין די שכנישע וועלדער. נאָך דעם ווי דער פויער האָט איבערגעגעבן דער יידישער פאַמיליע די ביקס, האָט ער זיי פאַרמסרט אין דער זשאַנדאַרמעריע. וואָס האָט גלייך דורכגעפירט אַ רעוויזיע ביי די דעסאַערס. נאָכן געפינען די ביקס האָבן די מערדערס אַרויסגעפירט די יידן אין גאָרטן און אויפן אָרט זיי דערשאָסן".

(משה פּיטקאָווסקי — „פנקס ביטען", ז' 241).

אין ליודוויפּאָלער געטאָ האָבן 15 מאַן זיך אָרגאַניזירט און באַשלאָסן צו שאַפן געווער, בכדי אין אַ געהעריקן מאָמענט צו קענען שטעלן אַ ווידערשטאַנד און אַנטלויפן אין די אַרומיקע וועלדער. בראש פון דער גרופּע זענען געשטאַנען: אליהו טיקטין, סטאַוו לייב און גוטערמאַן יוסף.

פאַר גאָלד געלינגט זיי איינצוקויפן ביי אוקראַאינישע פויערים און ביי אייניקע פּאָליציאַנטן אין קוילנוואָרפער, זעקס ביקסן, הונדערטער קוילן. זיי האָבן עס באַהאַלטן אין גוט־פאַרמאַסקירטע ערטער.

אייניקע אוקראַינער האָבן שפּעטער אָנגעוויזן אויף די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, ישראל דובינע און אַ געוויסן דוד, אַלס די, וועלכע האָבן ביי זיי געקויפט געווער. פירנדיק זיי צום שיסן געלינגט ישראל דובינען צו אַנטלויפן אין וואַלד, און דוד ווערט דערמאָרדעט.

אַ קאָרעצער יידישע גרופּע, וועלכע איז געקומען אויף אַן אָפּגערעדט אָרט קויפן געווער פאַר קאָסטיומען און אַ גאָלדענעם זייגער, איז דורך דער פּאָליציי נאָכגעשפּיאָנירט געוואָרן און די גרופּע האָט געמוזט פריצייטיק אַנטלויפן אין וואַלד.

דער מירער ייד, ברוך שימאַנאָוויטש האָט פאַרהאַנדלט מיט אַ געוויסן פויער כודאָבאַ, וועגן באַקומען געווער. כודאָבאַ האָט וועגן דעם געמאָלדן

דער פּאָליציי. זיי האָבן אים געגעבן אַ רעוואָלווער, מיט וועלכן ער איז אַוועק צו שימאַנאָוויטשן.

לויטן אָפּגערעדטן פּלאַן, האָט די פּאָליציי געדאַרפט אָנקומען אין מאָמענט פון די פאַרהאַנדלונגען און דאָס האָט געזאָלט דינען אַלס פּרע־טעקסט צו אַ מאַסן־שחיטה.

די פּראָוואָקאַציע איז נישט געלונגען נאָר אַ דאַנק דער וואָרענונג פון אָסוואַלד רופאייזן — אַ ייד, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס פאָלקס־דייטש אין דער מירער זשאַנדאַרמעריע.

שימאַנאָוויטש איז אָבער דערשאָסן געוואָרן.

נישט אַלעמאָל איז מען מצליח אַדורכצוגיין בשלום די קאָנטראָל ביי די געטאָ־טויערן. אַזאַ דורכפאַל באַטייט אַ זיכערן און פּייניקונגספולן טויט. אין אַנדערע פאַלן קען עס אויך גורם זיין צו אַ פריצייטיקער קלע־נערער אָדער גרעסערער שחיטה. פיל קרבנות זענען געפאַלן פון יחידים, וואָס פלעגן פּרווון אַריבערשמוגלען געווער אין געטאָ, נישט האָבנדיק קיין באַגריף פון די פאָרזיכטס־ און קאָנספּיראַציע־מיטלען, וואָס פאָדערן זיך ביי אַזאַ אויפגאַבע.

דער קאָוונער געטאָ־קאָמענדאַנט האָט געכאַפּט דעם זייגערמאַכער מעק, קריכנדיק דורך די געטאָ־דראָטן. בעת דער רעוויזיע האָט מען ביי אים געפונען אַ רעוואָלווער. מעקן האָט מען געהאַנגען, זיין פאַמיליע דער־שאָסן און אַלס קאָלעקטיווע שטראָף זענען דערשאָסן געוואָרן נאָך צוואַנ־ציק יידן.

אויך אין מינסקער געטאָ זענען געווען אַזעלכע דורכפאַלן.

די געשטאַפּאָ האָט באַזעצט דאָס הויז פון 15־יעריקן בחורל, נ. מאַר־קאָוויטש. בעת דער רעוויזיע האָבן זיי געפונען אייניקע הונדערט קוילן צו ביקסן און אַ ראַדיאָ־אָפּנעמער. די געשטאַפּאָ האָט אַרעסטירט אים, זיין מוטער און אַ 10־יעריק ברודערל. טראָץ די שרעקלעכע טאָרטורן און פּייניקונגען, וואָס האָבן באַגלייט די אויספאָרשונג, האָבן די פּייניקער נישט מצליח געווען אַרויסצוציען פון אים אַפילו איין איינציקן וואָרט. ווען מען האָט אים פאַרבייגעפירט לעבן בנין פון „יידן־ראַט" האָט ער אויסגעשריגן: „מיך וועט איר דערמאָרדן, אָבער מיינע חברים, וואָס לעבן וועלן נקמה נעמען פאַר מיין בלוט;" די פאַמיליע מאַרקאָוויטש איז דערשאָסן געוואָרן.

די מינסקער געשטאַפּאָ האָט אַנטדעקט די „מלינה", ווו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט צוועלף יוגנטלעכע מיט זייער געווער, שפּייז און אויס־שטאַטונג צוגעגרייטע אַרויסצוגיין אין וואַלד. די געשטאַפּאָ האָט זיי אויפ־געפאָדערט אַרויסצוגיין פון דער מלינה. די יוגנטלעכע האָבן געוווּסט, אַז זיי דערוואַרט בלויז אַ שענדלעכער טויט און, זיי די געציילטע מיט פיר קאָמבינירטע ביקסן, איניקע האַנטגראַנאַטן און אַביסל קוילן, האָבן אויפ־גענומען דעם קאַמף מיט דער גרויסער צאָל, פון קאָפּ ביז די פיס, באַ־וואָפנטע דייטשן. דער נישט־גלייכער קאַמף האָט געדויערט אַ האַלבע שעה. אַלע יוגנטלעכע זענען דערהרגעט געוואָרן, אַ חוץ דער פאַרבינדלער, וואָס איז געקומען פון לפּידותעס אָטריאַד אין געטאָ אַריין אַרויסצופירן זיי אין וואַלד. ער איז געוואָרן שווער פאַרוווּנדעט. די געשטאַפּאָ האָט אויך אַנטדעקט דאָס באַהעלטעניש, ווו עס איז געווען אינסטאַלירט דער ראַדיאָ פון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע. דאָס הויז איז באַוואָרפן געוואָרן מיט האַנט־גראַנאַטן. צוו״אַנד איז דאַן געפאַלן אויף זיין פּאָסטן, חנן גוסינאָוו, וואָס פלעגט פאַרצייכענען די קאָמוניקאַטן פון „סאָוואינפאָרם־ביוראָ". אַזוי אַרום האָט די אָרגאַניזאַציע פאַרלוירן די מעגלעכקייט צו אינפאָרמירן דעם געטאָ וועגן די געשעענישן אין דער גרויסער וועלט. די אַלע אַדורכ־פאַלן זענען געווען אַ רעזולטאַט פון מסירות.

דער מיטגליד פון ביאַליסטאָקער אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, גאָלאַנד, וואָס האָט געאַרבעט מחוץ געטאָ, האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן, בעת אַ געמאַכטן פּרווו זיך צו דעררייכן מיט אַ דייטש וועגן קויפן געווער. פאַר דעם דורכפאַל איז אים געלונגען צו קויפן עטלעכע מאָל געווער ביי אַן אַנדער דייטש. טראָץ אַלע פייניקונגען איז דער געשטאַפּאָ נישט געלונגען אַרויסצוציִען ביי אים אַפילו אַן איינציקן וואָרט.

עס פלעגט אָבער אויך געלינגען ביי אַ דורכפאַל צו פאַרווישן און פאַרטושן די זאַך דורך אַ גרויסן שוחד.

דורך אַ באַראַנאָוויטשער געשטאַפּאָוויעץ איז געכאַפּט געוואָרן אַ צוועלף־יעריק ייִנגעלע, אין וועמענס וואָגן מען האָט בעת אַ רעוויזיע אַנטדעקט אַ זעקעלע מיט 73 קוילן געגנבעטע ביי די דייטשן. נאָך אַ פאַרהער פון ייִנגעלע, וועלכן מען האָט שרעקלעך צעשלאָגן און געדראָט צו שיסן, האָט ער זיך מודה געווען, אַז די קוילן האָט צווישן די האָלץ

אַריינגעלייגט מאַניעק מושינסקי, בכדי אַזוי אַרום אַריינצושמוגלען עס אין געטאָ.

אין דעם פֿאַל איז געווען פּאַרמישט נאָר איין געשטאַפּאָוויעץ און מיט אַ גרויסן שוחד איז געלונגען דעם גאַנצן ענין צו פּאַרטושן. מאַניעק מושינסקי איז אָפּגעקומען בלויז מיט 50 שמיץ.

אויך אין לידער געטאָ איז געווען אַ פֿאַל, ווען בעת אַ רעוויזיע אין אַ יידישער שטוב זענען געפונען געוואָרן קוילן און טיילן פון אַ נאַגאַן. עס איז געשטאַנען די געפאַר פון אַ שחיטה. דורך אַ שוחד איז געלונגען צו ליקווידירן דעם ענין און בלויז דער דירעקט־שולדיקער האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן.

די דייטשן האָבן ס׳רוב געמאַכט „אַקציעס" לויטן פּלאַן, נאָר דאַן ווען עס איז געקומען אַ באַפעל פון דער העכערער מאַכט.

די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע אין באַראַנאָוויטש האָט דערוואָרבן געווער מיט דער הילף פון יונגע מיידלעך, חברות פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן צו אַרבעטן אַלס באַדינערינס ביי דייטשן, וואָס פלעגן באַוואַכן די געווער־סקלאַדעס. די מיידלעך, וועלכע האָבן געלעבט אין כסדרדיקן טויט־שרעק, האָבן סיסטעמאַטיש געגנבעט געווער און אַמוניציע און עס אַריבערגעטראָגן אויף זייערע קערפּערס אין געטאָ אַריין.

באַזונדערס קאָמפּליצירט איז געווען דאָס אַריבערטראָגן אַ געגנבעטן ביקס דורך די געטאָ־טויערן. די קאָנטראָל פון די אַרבעטער־קאָלאָנעס, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט אונטער אַ באַוואָפנטער וואַך — איז געווען אַ שטרענגע. שרהלע, איינע פון די אָרגאַניזאַציע חברטעס האָט מצליח געווען אַרויסצוגנבענען אויף איר אַרבעטס־פּלאַץ אַ ביקס אָן אַ לופע און זי האָט אים שנעל באַהאַלטן אין דער ערד אויפן הויף. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך משער געווען, אַז זונטיק איז דער פּאַסיקסטער טאָג אַריבערצוטראָגן די ביקסן, ווייל געוויינטלעך פלעגט מען אין דעם טאָג נישט רעווידירן. שרהלע האָט געוווסט, אַז דער לאַנגער ביקס וועט איר שטערן אין גאַנג. יענעם זונטיק האָט זי פּלוצלינג אָנגעהויבן אונטערהינקען. די דייטשן אויפן אַרבעטס־פּלאַץ האָט זי דערקלערט, אַז זי האָט אויסגעגלונקען אַ פוס אין דער נאַכטיקער געטאָ־פינצטערניש. פאַרן גיין אַ היים האָט זי זיך

שטיל צוגעשאַרט צו אַ באַהעלטעניש, אַרויסגענומען די ביקס און אין בית־הכסא, זי צוגעפּעסטיקט צום נאַקעטן קערפּער. דערנענטערנדיק זיך, האָט זי דערזען, אַז צום שלימזל קומט פאָר אַ רעוויזיע ביים געטאָ־טויער. אַרויסוואַרפן די ביקס אין גאַס, וואָלט געדינט ווי אַ באַווייז, אַז די ייִדן טראָגן אַריין געווער אין געטאָ. די אָרגאַניזאַציע־חברים, וואָס האָבן מיט אַ צייטערדיקן אומגעדולד אָפּגעוואַרט שרהלען ביים טויער, זענען געווען פאַרצווייפלט און האָבן געטראַכט ווי אויסצומיידן, דאָס זיך דערנענטערנ־דיקע געפאַר פאַרן געטאָ. פּלוצלינג האָט אויפגעבליצט אַ געדאַנק, וואָס האָט ביי די געגעבענע אומשטענדן געקענט זיין דער איינציקער אויסוועג: זיי האָבן אינסצעניזירט אַ געשלעג, זיך אַרויסגעריסן פון געטאָ און אָנגעפאַלן אויף די פּאָליציי. עס זענען געווען אמת געווען איניקע פאַרווונדעטע פון די דייטשע ביקס־פאַבריקלאַדן, אָבער אין אַנטשטאַנענעם כאַאָס און טומל האָט שרהלע זיך דערווייל אַריינגעכאַפּט אין געטאָ אָן אַ קאָנטראָל. קיינער אין באַראַנאָוויטשער געטאָ האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי איז עס געקומען צו אַ געשלעג און פאַרוואָס. בלויז די חברים פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס זענען געלעגן פאַרוווּנדעטע אין שפּיטאָל האָבן דעם סוד פאַרשטיקט אין זייערע הערצער.

די חברים פון באַראַנאָוויטשער אונטערערד האָבן זיך באַפריינדעט מיט פאַרשיידענע סאָלדאַטן־טיפּן. אַ באַזונדערן אינטערעס האָבן זיי געהאַט צו באַקענען די האָלענדישע סאָלדאַטן פון דער מיליטערישער בוי־שטעלע, וועלכע זענען מאָביליזירט געוואָרן דורך די דייטשן אַלס טעכניקער, בוי־אַרבעטער אאַז״וו, אין אַ ספּעציעלער פאָרמאַציע „צום דינסט פון דייטשן מיליטער". זיי האָבן פיינט געהאַט די דייטשן, וועלכע האָבן זיי באַטראַכט ווי מינדערווערטיקע. זיי האָבן רחמנות געהאַט אויף די אומגליקלעכע שוצלאָזע ייִדן און זיי דערטיילט הילף אין געווער: האַנט־גראַנאַטן, רעוואָל־ווערן און קוילן. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס האָט געפאָדערט פיל געלט. די אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אַ ספּעציעלן פאָנד פאַר געווער־איינקויף, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון די פאַרקויפטע חפצים פון די אומגליקלעכע טשעכישע ייִדן.

זומער 1942, האָבן די דייטשן געבראַכט קיין באַראַנאָוויטש אַ טראַנס־פּאָרט טשעכישע ייִדן. פאַר דער עוואַקואַציע האָט מען זיי געזאָגט, אַז מען

פירט זיי אויף אַרבעט נאָך „אָסטן", קיין מינסק און, אַז זיי זאָלן מיטנעמען זייערע פּאַרמעגנס און ווערטפולע־זאַכן. פון דער אייזנבאַן־סטאַנציע אין באַראַנאָוויטש, זענען זיי אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ דערלעבנדיקן וואַלד און צעשאָסן געוואָרן ביזן לעצטן. די ווערטפולע זאַכן זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד און די רעשט חפצים זענען פאַרקויפט געוואָרן דער גוייִשער באַפעלקערונג צו ביליקע פרייזן. חברים פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן געאַרבעט ביים סאָרטירן די זאַכן, איז געלונגען צו גנבענען אַביסל פון די חפצים און פאַרקויפן. צום האַלבן יאָר עקזיסטענץ פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע האָט זי פאַרמאָגט: 78 האַנט־גראַנאַטן, 2 מאַשין־געווער, 5 רעוואָלווערן און אַ קעסטל דינאַמיט. נאָכן אַדורכפאַל מיט די דריי־און־זיבעציק קוילן און דעם פאַל מיט שרהלען, האָט מען אָנגעהויבן אַריינפירן געווער אין געטאָ אויף אַן אַנדער וועג. איינער פון די אָרגאַניזאַציע־חברים, אַרקאַדי ליפּניק פלעגט אַרויספירן פון געטאָ די צואה אין אַסעניזאַציע־פעסער צו די פעלדער אויסערן שטאָט. אין צוגעמאַכטע דאָפּל־ווענט פון די פעסער איז אַריבערגעפירט געוואָרן געווער אין באַראַנאָוויטשער געטאָ.

די אַנטיפאַשיסטישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אין קאָוונער געטאָ האָט אירע מיטגלידער געשיקט צו אַזוינע אַרבעט־פּלעצער, ווו עס זענען פאַראַן אויסזיכטן צו פאַרשאַפן זיך געווער. די אָרגאַניזאַציע־מיטגלידער ב. יפה, מענדעלסאָן און אַנדערע, האָבן פאַר זיך געשטעלט אַ ציל: אָן רעוואָלווערן און ביקסן־טיילן פונעם „וואָפּענמייסטער" (געווער־וואַרשטאַט) זיך נישט אומקערן אין געטאָ אַריין. דער שלאָסער שמושקאָוויטש, וואָס האָט דאָרט געאַרבעט, האָט צונויפגעשטעלט צוויי מאַשין־געווערן פון טיילן, וועלכע ער האָט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אַריבערגעפירט אין געטאָ. די יונגע שולמית לערמאַן האָט זיך אַרומגעדרייט אויף די קאָוונער גאַסן אַלס פאַרקויפערין פון בעזימער, אין וועלכע זי האָט געהאַלטן באַהאַלטן געווער־טיילן און אַמוניציע.

אין דערווערבן געווער און אַריינשמוגלען אין געטאָ, האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט י. לוי. ער האָט אויסגעזען ווי אַ טיפּישער ליטווישער פויער. ביי די ליטווישע און דייטשע וואַך האָט ער נישט אַרויסגערופן קיין שום פאַרדאַכט. אָבער אויף יעדן פאַל האָט ער ביי זיך געהאַט אַ געפעלשטן

דאָקומענט אויפן נאָמען אַנטאָנאַס גודאַוסקאַס. אַ דאַנק זיין קאַלטבלוטיקייט, ענערגיע און פּאַרזיכטיקייט, האָט ער דורכגעפירט די געפערלעכסטע אויפגאַבן און געבראַכט פאַר דער אָרגאַניזאַציע גרויסע קוואַנטומס געווער. די מיידלעך ראָבינסאָן, שוואַרץ און אַבראַמסאָן האָבן געשלעפּט געווער פון זייער אַרבעט־פּלאַץ, דעם דייטשן „קאָנצענטראַציע־פּונקט פאַר קראַנקע". אין זייערע כלים און קרוגן פלעגן זיי תמיד איבערלאָזן זופּ אויף מיטנעמען אין געטאָ. די כלים האָבן געהאַט אַ טאָפּלטן דעקל, און דאָרט האָבן זיי באַהאַלטן רעוואָלווערן און קוילן. ל. שער האָט אַריינגעשמוגלט געווער אין געטאָ אַריין אין אויסגעהוילטע האָלץ שייטלעך. די דייטשן איז גאָר נישט איינגעפאַלן, אַז די צום טויט־פאַראורטיילטע יידן, וואָס ציטערן פאַר אַ דייטשן בליק, זאָלן גאָר וואַגן צו גנבענען געווער.

דאָס געגנבעטע געווער איז אָבער נישט געווען גענוג. מען האָט אויך געמוזט קויפן וואָפן. פאַרבינדלער פון דער אָרגאַניזאַציע און אויך מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט האָבן זיך באַמיט אויסצוזוכן געווער ביי סוחרים מחוצן געטאָ. מיט סכנות־נפשות פלעגט מען אַדורכקריכן די שטעכל־דראָטן פון געטאָ, כדי צו דערטאַפּן אַ רעוואָלווער, אַ ביקס אָדער קוילן. איינצלנע ליטווינער זענען געווען מיטבאַטייליקט אין איינקויף. איינער פון זיי, וויטאַוטאַס גודאַוסקאַס, איז בשעת־מעשה געכאַפּט געוואָרן דורך דער געשטאַפּאָ און איז דערשאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד.

כדי צו פאַרזאָרגן אַ וואָס גרעסערע צאָל מענטשן מיט געווער האָט מען אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן אין אייגענעם וואַרשטאַט (וואָס האָט זיך געפונען אין אַ פאַרמאַסקירטן בונקער) אויך „קאַלטע וואָפן": מעסערס, העק און אַנדערע פאַסיקע זאַכן פאַר אַן אָנפאַל. די אָרגאַניזאַציע האָט פעסטגעשטעלט דעם קוואַנטום פון „הייסע לאָקשן" (הייסע געווער) און „קאַלטע לאָקשן" (קאַלטע געווער), וואָס דאַרף זיך געפינען אין יעדן אָרגאַניזאַציע־בונקער. די וואָס זענען אַרויס אין די וועלדער זענען אויסגעריכט געוואָרן אַפילו מיט קאָמפּאַסן און גענויע מאַפּעס פון די וואַלדראַיאָנען.

אָנהייב 1944 איז פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז נאָך די אַלע אַקציעס און אויסזידלונגען וועט דאָס געטאָ פולשטענדיק ליקווידירט ווערן. די

צאָל פון די וואָס ווילן אַרויס אין די וועלדער האָט זיך געמערט פון טאָג צו טאָג. אַ פאַרשפּעטיקונג פון אַ טאָג — האָט נישט זעלטן באַטייט, פאַרלירן דאָס לעבן.

אָבער אָן געווער קען מען מענטשן נישט שיקן. האָט דער אונטערגרונט־קאָמיטעט באַשלאָסן דורכצופירן צוויי געפערלעכע און קאָמפּליצירטע אָפּעראַציעס, כדי צו באַקומען געווער.

אין דעם קאָונער מיליטער־שפּיטאָל האָט זיך אויך געפונען אַ געווער־לאַגער. מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט, האָבן צוגעגרייט אַ גענויע מאַפּע פונעם בנין און נאָכדעם, ווי זיי האָבן צוגעפּאַסט אַ שליסל צו דער טיר פון געווער־מאַגאַזין, זענען אין איינע פון די יאַנואַר־נעכט 1944, אַדורכגעגאַנגען די געטאָ־דראָטן: מיקלישאַנסקי, מאָשקאָוויטש און גנוזשינסקי — דורכצופירן די אויפגאַבע.

בעת די גאַנצע וועלט איז געלעגן פאַרזונקען אין טיפן שלאָף, זענען זיי געלעגן אין טיפע שנייען פונעם בית־עלמין קעגנאיבער דעם מיליטער־שפּיטאָל און געוואַרט. דאַן זענען זיי אין די ווייסע מאַסקיר־כאַלאַטן צוגעקראָכן צו דער טיר פון געווער־מאַגאַזין און אומבאַמערקט פון דער וואַך האָבן זיי אַרויסגעטראָגן דריי זעק מיט ביקסן און רעוואָלווערן. פאַרטאָג איז געקומען אַן אויטאָ און דאָס געווער אוועקגעפירט אין שטאָט אַריין אויף אַ גוט־פאַרמאַסקירטן זאַמל־פּונקט.

דער צווייטער ציל איז געווען: דער דייטשער געווער־מאַגאַזין פון דער „פלאַק" (אַנטילופט־שוץ). מיקלישאַנסקי, מאָשקאָוויטש און לעווין האָבן אויך די דאָזיקע אויפגאַבע דורכגעפירט. די טראָפייען, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט, איז דאָס מאָל געווען פיל מער. די צוויי אָפּעראַציעס האָבן דערמעגלעכט, אַז מען זאָל אַרויסשיקן אין די וועלדער אין משך פון די חדשים פעברואַר־מערץ 1944, אַ סך גוט־באַוואָפנטע גרופּעס.

איינע פון די הויפּט־צילן פון דער מינסקער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז געווען: „זאַמלען געווער און אַמוניציע מיט אַלע מיטלען". דער פּאַראָל: „באַוואָפנט אייך!" האָט געפונען אַ באַגייסטערטן אָפּקלאַנג אין מינסקער געטאָ, נאָך די צוויי גרויסע און אַכזריותדיקע שחיטות (דעם 7טן און דעם 20טן נאָוועמבער 1941), זענען איינגאַנצן צערונען געוואָרן אַלע אילוזיעס,

אַז עס וועט מעגלעך זיין אויפצונעמען אין געטאָ אַ קאַמף מיט די רוצחישע נאַציס. ווי אין אַלע געטאָס זענען אויך דאָ, די דייטשע געווער־לאַגערן און דאָס קויפן געווער ביי די ווייסרוסן געווען די הויפּט־מקורות פאַר דער ייִדישער באַוואָפענונג.

פון צייט צו צייט, האָט די אָרגאַניזאַציע אויך באַקומען געווער מיט דער הילף פון חברים פון דער קאָמפּאַרטיי — ווייסרוסן מחוצן געטאָ — לויט דער איניציאַטיוו פונעם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט. מיט דער הילף פון ווייסרוס, קודריאַקאָוו, האָבן מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס זענען געקומען קיין קאַלוואַריאַ (הינטער מינסק) דערוואָרבן 13 ביקסן און פיר טויזנט קוילן, וואָס זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון אַ באַהעלטעניש. צוריקוועגס, זענען זיי דורכגעפאָרן דורכן צענטער פון שטאָט (פאַרשטייט זיך אָן די געלע לאַטעס) זענען זיי אָנגעקומען אין וואַלד באָבראָוויטשין (30 קילאָמעטער פון מינסק) און דאָרט געשאַפן אַ פאַרטיזאַנישע באַזע.

די „צענטלעך" — די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם פון אונטערגרונט אין געטאָ האָבן אַליין געדאַרפט זאָרגן פאַר זייער באַוואָפענונג. זיי האָבן זיך דערפאַר באַמיט אַריינצובאַקומען אויף אַרבעט אין די פאַרשיידענע דייטשע געווער־ און אַמוניציע־מאַגאַזינען און אין דייטשע אינסטיטוציעס. אין דייטשן מאַגאַזין פון „קראַסני אַראָטשיצע" האָבן זיי זיך אָפּגעשמועסט מיט די דייטשן און געקויפט פון זיי היפשע קוואַנטומס געווער. לויט באַקומענע באַגלויבטע ידיעות האָבן זיי אין געטאָ אין דער זעלאָני־גאַס אויסגעגראָבן 6 ביקסן און עטלעכע הונדערט קוילן. אין מינסק זענען געקויפט געוואָרן דורך באַקאַנטע ווייסרוסן געווער, וואָס סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי האָבן באַהאַלטן, נאָכדעם ווי זיי זענען געבליבן שטעקן אין אַרומרינגלונג.

די אונטערגרונטלער האָבן אַליין אויך אַנטדעקט געווער־באַהעלטענישן. זשיטלזייף, קאָמאַנדיר פון אַ „צענטל" האָט אַרויסגעגראָבן פון דער ערד (מחוצן געטאָ), דריי ביקסן און אַ גרויסע צאָל קוילן. אַ צווייטע גרופּע האָט געפונען פאַרגראָבן אין דער ערד, נישט ווייט פונעם שאָסיי מאָהילעוו, הונדערטער קוילן, באַשטאַנדטיילן פון ביקסן, קוילן־לענטעס צו קוילן־וואַרפערס אאַז"וו.

נישט נאָר די אָרגאַניזאַציע נאָר אויך יעדער יחיד האָט געדאַרפט זאָרגן צו דערווערבן זיך וואָפן אויף פאַרשיידענע אופנים, דורך איינקויפן אָדער גניבה אויף די דייטשע אַרבעטס-פּלעצער. אַ סך איז אַפילו געלונגען צו דערטאַפּן אויטאָמאַטיש-געווער.

די באַקומענע געווער און אַמוניציע איז מאַגאַזינירט געוואָרן הינטער דער שטאָט. באַשעדיקטע און דעמאָנטירטע וואָפן זענען געבראַכט געוואָרן אין די געהיימע וואַרשטאַטן פון דער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ.

אַ גרויסע הילף ביים באַקומען, פאַריכטן און צוזאַמענשטעלן געווער פאַר די פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציעס אין די געטאָס, זענען געווען די יידישע טעכניקערס, שלאָסערס, סטאָליאַרעס, מאָנטיאָרן, וועלכע האָבן געאַר־בעט ביי די דייטשן אָדער אין אַרבעטס־וואַרשטאַטן אין די געטאָס.

וועלוול אַבראַמסאָן (אַ לענינגראַדער ייד), וועלכער האָט געאַרבעט אין סלאָנימער „בויטן־לאַגער", אַלס מייסטער ביים פאַרריכטן קוילן־וואַרפערס האָט צוגעשטעלט דעם סלאָנימער אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט פינף קוילן־וואַרפערס צוזאַמען מיט קוילן־לענטעס. ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט אַוועקצוגיין מיט אַ גרופּע אין וואַלד, אָבער נישט קוקנדיק אויף דער דראָענדיקער טויט־געפאַר, האָט ער אויסגעוויילט צו בלייבן אַרבעטן אין „בויטן־לאַגער", בכדי צו באַזאָרגן מיט געווער די גרופּעס, וועלכע זענען שוין אַרויס אין די וועלדער פון וואָלטשע־נאָרע און געשאַפן די 51טע יידישע גרופּע ביים אָטריאַד א"נ „שטשאָרס". לאַנג האָט אָבער נישט געדויערט זיין מסירות־נפשדיקע אַרבעט, גאָר אינגיכן האָבן די דייטשן אַנטדעקט דאָס סיסטעמאַטישע גנבענען פון געווער און אַבראַמסאָנען מיט זיינע חברים געהאָנגען.

וועלוול קרופּסקי, אַן ערשטקלאַסיקער שלאָסער, וועלכער איז געווען דער ליבלינג פון לידער געביטס־קאָמיסאַר האַנוועג, פאַר צונויפשטעלן און אויסרעמאָנטירן פאַר אים אַ באַשעדיקטן דייטשן טאַנק, שטעלט צונויף אין די לידער געטאָ־וואַרשטאַטן, געווער פאַר די אַרויסגייענדיקע יידן פון געטאָ.

העניעק מאַלאַך (וואַרשע) האָט געאַרבעט אין סלאָנימער „בויטן־לאַגער" און האָט צוזאַמען מיט אירקע ווייסלפיש (וואַרשע), זלמן שוסטע־ראָוויטש און אברהם בובליאַצקי (סלאָנים) אַרויסגעטראָגן זייער פיל געווער

און אַמוניציע, מאַלאַך האָט צוזאַמען מיט די א״ד חברים אָרגאַניזירט צוויי סאַבאָטאַזש־אַקטן בײַם אָפּטראַנספּאָרטירן געווער קיין האַמעל. זיי האָבן פאַרביטן די אויפשריפטן אויף די וואַגאָנעס און די טראַנספּאָרטן זענען אַוועק נישט צו זייער באַשטימטן ציל.

ביים אויפלייגן שלעסער צו ביקסן האָט מען געפונען אַ גאַנצן קאַסטן שלעסער מיט קורצע „איגליצעס" (שיס־נאָדלען). זיי האָבן די שלעסער אַריינגעלייגט אין די ביקסן און זיי אָפּגעשיקט צום פראָנט. אין אַ קורצער צייט אַרום איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז די ביקסן שיסן נישט און דער קאָמענדאַנט האָט פאַראָרדנט אַ קאָנטראָל פון יעדן ביקס פאַרן אַרויסשיקן צום פראָנט.

עריק שטיין, אַ דייטשער ייִד פון פראַנקפורט איז נאָכן אַדורכמאַכן אַ שטורמישע יוגנט מגולגל געוואָרן קיין לאָדזש און נאָכן דייטשן אַריינמאַרש אַנטלאָפן קיין סלאָנים, וווּ ער איז אַלס דייטשער ייִד באַשטימט געוואָרן אַלס „פייערוועקער" — ד״ה, דער פאַקטישער באַלעבאָס פון „בויטן־לאַגער". דער סלאָנימער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט געלינגט אָנצובינדן מיט אים אַ קאָנטאַקט נאָך דער שחיטה (28טן יוני 1942), ער האָט שוין אַפילו אַליין געזוכט פאַרבינדונגען מיט די פאַרטיזאַנער און דעריבער פאַרבאַהאַלטן „דעפיציט־סחורה"; צוויי הונדערט נאַגאַנען און 2.000 פּ. פּ. ד.־קוילן (צו אויטאָמאַטן).

אַ דאַנק אים איז דערמעגלעכט געוואָרן דאָס סיסטעמאַטישע באַגנבע־נען פון לאַגער און די ערשטקלאַסיקע באַוואָפענונג פון דער 51טער ייִדי־שער גרופּע ביים אָטריאַד „שטשאָרס" (בלויז קוילן־וואַרפערס — 18!).

ער האָט זיך אויך אַרומגעטראָגן מיט אַ גראַנדיעזן פּלאַן פון אויפרייסן דעם „בויטן־לאַגער" צוזאַמען מיט דער אייזנבאַן־סטאַנציע און צוויי אייזנ־באַן־בריקן. אָבער פון אויפרייס וואָלט געטראָפן געוואָרן די פאַרשטאָט „זאַמאָסטיע" וווּ עס זענען דעמאָלט געווען קאָנצענטרירט די 800 לעבנ־געבליבענע סלאָנימער ייִדן, און פון דעם איז גאָרנישט געוואָרן. (געפאַלן אין פאַרטיזאַנקע).

די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָקער געטאָ האָט ווי־איר וויכטיקסטע אויפגאַבע, געזען דאָס איינשאַפן געווער. באַזונדערס האָט זיך געפילט אַ מאַנגל אין אויטאָמאַטישן געווער און אָן דעם האָט מען

נישט געקענט טראַכטן וועגן אַן ערנסטן ווידערשטאַנד אין דעם דעצידירנ־דיקן טאָג פאַרן געטאָ. די אָרגאַניזאַציע האָט געמוזט פאַרזאָרגן מיט געווער אויך די מענטשן, וואָס זענען אַרויס אין די וועלדער, צו פאַרלייגן אַ פּאַרטיזאַנישן באַזיס. די דרינגלעכקייט צו באַקומען געווער האָט געצווונגען אַדורכצופירן עטלעכע דרייסטע און געפערלעכע אָפּעראַציעס.

אין דער אומגעגנט פון געטאָ איז געווען אַ „בויטן־לאַגער", ווו עס האָבן געאַרבעט עטלעכע ייִדישע שלאָסער. איינער פון די אַרבעטער האָט אָפּגעגאָסן פאָרמעס פון די שליסלען און שפּעטער נאָכגעמאַכט שליסלען, אין די געטאָ־וואַרשטאַטן.

אין אַ פינצטערער נאַכט איז דורכן געטאָ־צאַם אַדורך אַ גרופּע פון פינף מענטשן מיט נחום אַבעלעוויטש בראש, וועלכער איז מיטגעגאַנגען ווי אַ וועג־וויזער. איר איז געלונגען אַרומצוגיין די דייטשע וואַך־פּאָסטנס און די אָפּעראַציע איז געלונגען אויף הונדערט פּראָצענט. זיי האָבן זיך צוריקגעקערט בשלום אין געטאָ מיט 23 „שטיקלעך" לאַנגן געווער...

דעם זעלבן נחום, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס שלאָסער אין געשטאַפּאָ־בנין איז געלונגען, נאָך אַ ריי אַדורכגעפאַלענע פּרוון, אַרויסצוטראָגן אַ דייטשן אויטאָמאַט דורך אַ הינטערטיר, ווען שליסלען ער האָט געהאַט.

אויך אין ביאַליסטאָקער געטאָ האָט מען דערוואָרבן געווער דורך איינקויפן ביי פּויערים און דייטשן. חיהקע גראָסמאַן (לעבט אין ישראל) האָט אַריבערגעפירט געווער איינגעקויפטע ביים פּויער יאַן פון דאָרף וואַשילקאָוו, אין אַ דייטשישער טאַקסי פון „טעקסטיל־אינדוסטריע"־צענטער. דער דייטשער שאָפער, קודלאַשעק, האָט איר געגלויבט, אַז זי איז אַ שמוגלערקע און אים איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז אין זיין מאַשין פירט מען איבער האַנט־גראַנאַטן, ביקסן און איינמאָל, אַפילו אַ פונאַנדערגענומענע מאַשין־געווער, געפּאַקט ווי פּעקלעך חזיר־פעטס.

ייִדישע מיידלעך, וואָס האָבן, אַ דאַנק זייער אַרישן אויסזען, געלעבט מחוצן געטאָ, האָבן ריזיקירנדיק מיטן לעבן, דערוואָרבן און אַריבערגעפירט געווער אין געטאָ. נאָכדעם ווי ביאַליסטאָק איז געוואָרן „ייִדן־ריין" פלעגן די זעלבע מיידלעך צושטעלן געווער פאַר די ייִדישע פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „פאָרויס", וואָס איז געווען טעטיק אין די וועלדער אַרום ביאַליסטאָק.

שמעון ציבולסקי, אַ סטאָליער פון מיכאַלאָווע, וואָס האָט געאַרבעט זײַן דער דייטשער קאַסינאָ „פּאָסטהיים", איז געלונגען צו קויפן ביי עטלע־כע דייטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אין קאַסינאָ, האַנט־גראַנאַטן און געווער־טיילן.

די אינזשעניערן הענאָך פאַרבער (פּסעוודאָנים — קאָוואַדלע), פּישער, סכראַניס און דער פּיראָטעכניקער קובע ראַגאַזשינסקי האָבן זיך אָפּגע־געבן נישט בלויז מיטן פאַרריכטן און צוזאַמענשטעלן די געקויפטע און געגנבעטע געווער, נאָר אויך פּראָדוצירט האַנט־גראַנאַטן, באַנוצנדיק זיך מיט צינדערס פון ביקסן־קוילן.

נתן סאַלוצקי (זעלווע) האָט געאַרבעט אַלס שלאָסער ביי די דייטשן. ער האָט אַרויסגעגנבעט אַן אויטאָמאַט און אַ „צענטל" מיט 500 קוילן. זיין פאָטער געלינגט צו קויפן דריי ביקסן ביי פּויערים· מיט דעם געווער אַנטלויפן אַ גרעסע צאָל יידן אין רודער־דאָבראָוושטשיזנער וועלדער און קומען אָן אין בולאַקס אָטריאַד א"נ „פּאָביעדאַ" (נצחון).

די פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין פּרוזשאַנער געטאָ געלינגט צו באַ־קומען 200 ביקסן, 2 האַנט־קוילן־וואַרפערס, אַן אויטאָמאַט, גראַנאַטן, איי־ניקע פּיסטאָלעטן און אַ פּיליפּס־ראַדיאָ. דאָס געווער האָבן זיי באַקומען אין „בויטן־לאַגער", ביים קאָמענדאַנט, אַן עסטרייכער, פאַר גאָלד א"אַ ווערטפולע חפצים. דאָרט האָט געאַרבעט אַלס מייסטער יוסף אונטערשול, וועלכער האָט אַליין אַרויסגעטראָגן 7 ביקסן און 2 קוילן־וואַרפערס.

דער יונגער עלמאַן, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס אָנטרייבער ביים פּרוזשאַנער בירגערמייסטער, נוצט אויס דעם בירגערמייסטערס שליטן, אויף וועלכן עס פאַלט נישט קיין חשד און פירט אַריבער 7 ביקסן מיט אַן אויטאָמאַט אין געטאָ אַריין. מיט דעם צונויפגעזאַמלטן געווער רייסט זיך אַרויס, נאָכן איבערשניידן די געטאָ־דראָטן און נאָך אַ קאַמף מיט דער וואַך, אַ גרעסערע גרופּע פון עטלעכע פופציק פערזאָן אין די וועלדער.

די פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע פון שטעטל מיר (נאָוואַגרודקער קרייז) האָט באַקומען פיל געווער דורך אָסוואַלד (שמואל) רופאייזן, אַ געוועזענער קיבוצניק פון פאַר דער מלחמה אין אַלגעמיין־ציוניסטישן הכשרה־פּונקט „עקיבא" אין ווילנע. אַ דאַנק זיין אַרישן אויסזען און געפעלשטע דאָקו־מענטן איז אים געלונגען אַריינצובאַקומען זיך אין דער דייטשער זשאַנ־

דאַרמעריע און פּאָליציי פון שטעטל מיר, אַלס פאָלקס־דייטש. אַרבעטנדיק אַלס דאָלמעטשער געווינט ער זייער צוטרוי אויף אַזוי פיל, אַז שפּעטער ווערט ער נאָמינירט אַלס ראַיאָן־קאָמענדאַנט.

מאַי 1942 האָט מען אַלע איבערגעבליבענע יידן פון דער ערשטער שחיטה צונויפגעקליבן אויף איין אָרט אין שלאָס פון די פירשטין מירסקי, בכדי זיי צו האָבן אויפן אויג. די מירער יידן בערל רעזניק, שלמה באַרכאַס, געוועזענע קיבוצניקעס אין ווילנע, דערקענען אין דעם דאָלמעטשער אָס־וואַלד דעם פאַרמלחמהדיקן ווילנער קיבוצניק שמואל רופאייזן (געבוירן קראַקאָווער וואָיעוואָדשאַפט). ער לאָזט זיך דערקענען און בינדט אָן אַ קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין מירער געטאָ.

צוליב קאָנספּיראַציע טעמים שיקט ער איבער געווער און ידיעות דורך הירש פּיערניקאָוו, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס משרת אין „גמינע" און פאַניע שמושקאָוויטש, אויפרוימערין אין דער מירער קאָמענדאַנטור. ער אַליין ברענגט אין די נעכט צו די געטאָ־טויערן 11 ביקסן, 8 „נאַגאַנען", 10 גראַנאַטן, עטלעכע טויזנט קוילן, וועלכע עס נעמען איבער מיטגלידער פון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האַלטן ספּעציעל וואַך ביים טויער.

די מירער יידן האָבן געוווּסט, אַז אָסוואַלד איז אַ ייד און ווען צום יידן־ראַט האָבן זיך דערטראָגן ידיעות, אַז אַ געוויסער פּאָליציאַנט אונ־טערשטיצט די יידישע יוגנט מיט געווער, לאָזן זיי אַרויס אַ קלאַנג, אַז דער פּאָליציאַנט איז אַ פּראָוואָקאַטאָר און וויל דורך דעם ברענגען אַן אומגליק אויפן געטאָ.

ער האָט דאָס אויך אונטערגעזאָגט די יידן, אַז אויף דעם 13טן אויגוסט 1942 איז באַשטימט געוואָרן די פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון מירער געטאָ. אַ דאַנק זיין אינפאָרמאַציע זענען, זונטיק דעם 9טן אויגוסט 1942, אַנטלאָפן פון געטאָ אין נאָענטן וואַלד 60 באַוואָפנטע און 150 אומבאַ־וואָפנטע יידן.

צוליב זיין דעמאַסקירונג איז ער שפּעטער אַליין געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן אין וואַלד און אַנגעקומען אין ביעלסקיס אָטריאַד.

דאָס אַנטלויפן מיט געווער פון געטאָ איז געווען קאָמפּליצירט אין רויקע טעג, ווער שמועסט אין טעג פון פּאַר אָדער בעת אַן „אַקציע". אין

די מערסטע פאַלן האָט מען גאָרנישט געקענט צוקומען בעת אַ שחיטה צו די געווער־באַהעלטענישן און אויב מען האָט שוין יאָ מצליח געווען צוצוקומען, איז געווען אוממעגלעך עס שנעל אַרויסצובאַקומען פון די גוט־פאַרמאַסקירטע באַהעלטענישן אין די „מלינה"־ווענט, אָדער צווישן די קלעצער. אין די שחיטה־טעג האָט אַ סעקונדע דעצידירט דעם מענטשלעכן גורל און אויף אַרויסצונעמען דאָס געווער, האָט זיך געפאָדערט פיל שעהן. אָפטמאָל איז מען געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן אָן דעם געווער און שפּעטער קומען אין אַ פינצטערער נאַכט, אַריינשלייכן זיך און אַרויסבאַקומען.

לכתחילה איז געשטאַנען דאָס פּראָבלעם ווי אַזוי אַריינצובאַקומען דאָס דערוואָרבענע געווער אין געטאָ; שפּעטער, ביים אַנטלויפן, ווי אַזוי אַרויסצוגיין אומבאַמערקט מיט דעם. דורך פאַרשיידענע וועגן און קאָמבינאַציעס האָט מען אַרויסגעפירט דאָס געווער פון געטאָ: דורך דעם געטאָ־צאַם אין די נעכט, מיט די וועגענער פון „יידן־ראַט", אין לעבלעך ברויט (באַזונדערס, „פּערזענלעכע געווער" — רעוואָלווערן), אויפן אייגענעם גוף אונטער די מלבושים אאַז"וו. אַנגעלערנט פון דער ביטערער דערפאַרונג, פלעגט מען שוין נישט אַריינטראָגן דאָס געווער אין געטאָ, נאָר פאַרבאַהאַלטן עס באַלד אויסערן שטאָט לעבן אַ וואַלד אאַז"וו.

די דייטשע באַפעלן האָבן נישט איינמאָל צונישט געמאַכט אַלע פּלענער פון די ווידערשטאַנדס־אָרגאַניזאַציעס. עס פלעגט טרעפן, אַז מען פלעגט די חברים און די אַקטיוויסטן אַוועקשיקן אין אַרבעטס־לאַגערן, אין אַנדערע ראַיאָנען, און די מאַסן זענען געבליבן ווי שאָף אָן אַ פּאַסטעך. אָבער די לאַגע האָט געצוווּנגען די פאַרבליבענע פאָרצוזעצן די אַרבעט. די אומשטענדן האָבן אַרויסגערוקט נייע אָרגאַניזאַטאָרן, וואָס האָבן פאָרגעזעצט די אַרבעט פון געווער־פאַרזאָרגונג און אַרויסגעאַנגען אין די וועלדער.

דאָס צוגרייטן זיך געווער אין די געטאָס איז בעיקר געווען אויסגערעכנט אויף אַרויסצוגיין אין די וועלדער. דאָס האָט מען געמוזט האָבן אין פאַל, ווען עס איז אויסגעקומען צו לעבן אַלס אַ באַזונדערע גרופּע. דאָס איז אויך געווען אַ גאַראַנטיע אויף אויפגענומען צו ווערן אין די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן.

קאַפּיטל עלף

ווידערשטאַנד און וועגן פון רעטונג אין די געטאָס און אַרבעטס־לאַגערן אין מערב־ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע

ווי געזאָגט איז אין די געטאָס צוליב אַ ריי טעמים נישט געווען קיין מעגלעכקייט פון ווידערשטאַנד, אַפילו נישט פון קיין פאַרצווייפלונג־ווידער־שטאַנד. אָבער דאָך איז אין אַ ריי ערטער געקומען צו ספּאָנטאַנישע מאַסן־אַרויסטריטן און אַקטיוון ווידערשטאַנד קעגן די דייטשן, בעת זיי זענען געקומען דורכפירן זייערע „אַקציעס".

פיל צענדליקער דייטשע פּגרים זענען געבליבן ליגן אויף די ברוקן פון די געטאָס, דערהרגעטע מיט טעמפּע מכשירים אָדער אַפילו מיט אַרויס־געכאַפּטע ביקסן פון די דייטשע הענט.

די ווידערשטאַנדס־אָרגאַניזאַציעס אין די געטאָס האָבן צוגעגרייט די יידישע באַפעלקערונג צו צינדן די הייזער אין פאַל פון אַ שחיטה. דאָס האָט בעיקר געדאַרפט פאַראומעגלעכן דעם שונא דורכצופירן מיט „דייטשער פּינקטלעכקייט" די „אַקציעס" און העלפן די יידן פון געטאָ זיך צו ראַטע־ווען אין דער צייט פון דער אַנטשטאַנענער בהלה און פּאַניק ביי די דייטשן.

די יידן האָבן אויך פאַרן אומקומען נישט געקענט שלום־מאַכן מיטן געדאַנק איבערצולאָזן זייערע, אַזוי שווער־פאַרהאָרעוועטע פאַרמעגנס און הייזער במשך פון דורות, פאַר זייערע שוחטים, — די דייטשן און זייערע „ליבהאַרציקע שכנים", — די ווייסרוסן, אוקראַינער און פּאָליאַקן, וועלכע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן טאָג פון יידישן אומקום, בכדי זיי צו ירשהנען.

אין ניעסוויזש, גלובאָקע, קלעצק, סטויפּץ (נאָוואָגרודקער קרייז), קרע־מעניעץ, טוטשין (וואָלין), לאַכווע (לוניניעצער געגנט, פּאָלעסיע), און פיל אַנדערע שטעט און שטעטלעך האָבן די ייִדן בעת די שחיטות אַליין געצונדן זייערע הייזער.

דער אָרגאַניזאַטאָר פון אונטערצינדן די געטאָ אין קלעצק איז געווען משה פיש, אַ געוועזענער זעלנער פון דער פּוילישער אַרמיי. ווי נאָר די דייטשן האָבן אין דער נאַכט פון 20טן יולי 1942 אַרומגערינגלט די געטאָ, האָבן אַלע ייִדן אונטערגעצונדן די הייזער, אַרויסגעלאָזט די פעדערן פון די בעטגעוואַנט און אין דעם אַנטשטאַנענעם כאַאָס איז לערך 400 פּערזאָן געלונגען אַרויסצובאַקומען זיך מחוץ דעם געטאָ.

אין קלעצק האָבן די, וועמען עס איז געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון געטאָ, אויך געצונדן די הייזער פון די „מיעשטשאַנעס״ (נישט־ייִדישע שטאָ־טישע באַפעלקערונג), וועלכע האָט אַקטיוו מיטגעהאָלפן די דייטשן רויבן און מאָרדן די ייִדן.

ווען דער וויצע־פּאָרזיצער פון ייִדן־ראַט אין טוטשין (ראָוונער קרייז, וואָלין), מאיר הימלפאַרב, האָט זיך דערוווּסט, אַז עס גרייט זיך אַ שחיטה, האָט ער צוזאַמענגערופן די ייִדן אין שול און זיי אַזוי געזאָגט:

„מיר טאָרן נישט איבערלאָזן אונדזערע פאַרמעגנס פאַר אונדזערע שוחטים. זאָל יעדער קומען צו מיר נעמען אַ פלאַש נאַפט. זאָל ביי יעדן אויפן בוידעם זיין צוגעגרייט היי און שטרוי. זאָל יעדער בעת דער שרפה זיך וואַרפן אויף די געטאָ־דראָטן און אויף די דייטשן!״ די ייִדן האָבן גע־פאָלגט זיין עצה און בעת דער „אַקציע״ איז אַ דאַנק דער אַנטשטאַנענער פּאַניק ביי די דייטשן און פּאָליציי געלונגען ביי 3.000 ייִדן צו אַנטלויפן אין די וועלדער.

אין גלובאָקע (ווילנער קרייז) האָבן די ייִדן געצונדן מיט פריִער צוגע־גרייטן בענזין, די הייזער און דעם געטאָ־פּאַרקאַן, ווען מען איז געקומען אַרויסצופירן זיי קיין לובלין. די דייטשן האָבן געעפנט אַ פייער אויפן געטאָ, בכדי צו דערוויסן זיך, צי די ייִדן האָבן באמת געוווער, לכתחילה האָבן די ייִדן נישט געענטפערט, אָבער ווען אָפּטיילונגען פּאָליציי און ס. ס. זענען אַריין אין געטאָ, האָט מען אויף זיי אָנגעהויבן שיסן דורך די פענצטער און

ב׳ידעמער. אין אַנטשטאַנענעם כאַאָס, אונטערן דעקמאַנטל פון גוואַלטיקן רויך, זענען איבער 200 ייִדן זיך צעלאָפן.

אין בראַסלאַוו (ווילנער קרייז) האָבן די ייִדן זיך פאַרבאַריקאַדירט אין די הײַז און עפּענענדיק אַ פייער פון רעוואָלווערן און ביקסן, נישט צוגעלאָזן די דייטשן און פּאָליציי צו זיך. ווען די ייִדן האָט שוין פאַרפעלט קוילן, האָבן די דייטשן זיך דערנענטערט און באַוואָרפן די שטוב מיט גראַנאַטן. די קעמפערס זענען אומגעקומען אונטער די חורבות (מערץ 1943).

אין סטויפּץ האָט די יוגנט, אונטערן אײַנדרוק פון העלדישן ווידערשטאַנד אין קלעצק און ניעסוויזש, צוגעגרייט אַ פּלאַן פון אונטערצינדן די געטאָ און די אַרבעטס־פּלעצער. אויפן בוידעם פון דער דייטשער קאָמענדאַנטור האָבן ייִדישע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן דאָרט געאַרבעט, צוגעגרייט בענזין. די עלעקטרישע אינסטאַלאַציע פון דער קאָמענדאַנטור איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צו דער עלעקטרישער נעץ אין געטאָ, בכדי אין פאַל פון אַן אַקציע זאָל מען קענען אויסלעשן דאָס ליכט אין שטאָט, וואָס עס וואָלט פאַרגרינגערט דאָס אַנטלויפן. די דייטשן האָבן אָבער איבערגעקליגט די ייִדן. זיי האָבן אַרויסגענומען 500 יוגנטלעכע און אַוועקגעפירט אויף אַרבעט אין דער באַראַנאָוויטשער „טאָדט״־אָרגאַניזאַציע און דורך דעם צונישט געמאַכט אַלע פּלענער פון ווידערשטאַנד.

ייִדן אין סאַרני און יאַנאָוו (פּאָלעסיע) זענען זיך צעלאָפן בעת די „אַקציעס״ דורך די געטאָ־דראָטן און פון די רייען, ווען מען האָט זיי געפירט צום טויט.

אין ראַדון (לידער קרייז) האָט אַ גרופּע יוגנטלעכע, וועלכע זענען געפירט געוואָרן אונטער אַ שטאַרקער וואַך פון זשאַנדאַרמען און פּאָליציי צו גראָבן מחוץ דער שטאָט גריבער פאַר די ראַדונער ייִדן (בעת דער גרויסער שחיטה דעם 8טן מאַי 1942), פּלוצלינג אויף אַ „הורראַ״־געשריי פון איינעם זיך געוואָרפן אויף די באַגלייטערס מיט רידלען און זיך צעלאָפן. די דייטשן האָבן געעפנט אַ געדיכטע שיסערײַ און פיל זענען געפאַלן. נײַנצן יוגנטלעכע איז געלונגען צו אַנטלויפן אין דער נאָענט־ליגנדיקער נאַטשער פּושטשע.

גד ראָזענבלאַט דערציילט וועגן אַן ענלעכן פאַל אויף וואָלין:

„אויך אין זאָפּיווקע (וואָלין) איז געקומען צו אַ ספּאָנטאַנעם ווידערשטאַנד ביים גראָבן די גריבער.

יום כפור, 1942, פיר אַזייגער פאַרטאָג, האָבן די דייטשן און אוקראַיִנישע שוצמאַן־לייט אַרומגערינגלט דעם געטאָ, וווּ עס האָבן געלעבט די לעצט־פאַרבליבענע פון דער יידישער עדה — אַ פּאָר צענדליק גאַרבער־משפחות. אַז די יידן האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און דערזען אַז דער געטאָ איז אַרומגערינגלט, האָבן זיי געפּרוּווט זיך אַדורכרײַסן דעם דײַטשישן קאָרדאָן. אַ פּאָר צענדליק יידן זענען באַלד געפאַלן פון די נאָכיאָגנדיקע קוילן. די איבעריקע יידן האָט מען פאַרשפּאַרט אין אַ שטאַל. 8 אינדערפרי זענען געקומען דייטשן און אָפּגעקליבן צוואַנציק יונגע, געזונטע מענטשן אויף צו גראָבן גריבער.

אינמיטן גראָבן די גריבער האָט דער פערציק־יעריקער גאַרבער, משה־יוסף, אַ געשריי געטון: „יידן, סײַווי ווען מיר אין אַ שעה אַרום זײַן געהרגעטע, לאָמיר נעמען נקמה. פלעט די מערדערס קעפ מיט די רידלען!"

ער האָט דער ערשטער אַראָפּגעלאָזט די רידל איבערן קאָפּ פון באַברילטן דייטש, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער דייטשער וואַך. די איבעריקע האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף די אַנדערע זיבן דײַטשן, וואָס האָבן געעפנט אַ שיסעריי. עטלעכע דייטשן זענען באַלד געפאַלן. פון די יידן איז געלונגען זיך צו ראַטעווען בלויז פינף, וואָס זענען אַנטלאָפן אין דעם נאָענטן וואַלד."

(„פון אַ פונק צו אַ פלאַם" — פון כתב־יד).

ספאָראַדישע ווידערשטאַנדן פון איינצלנע מענטשן זענען געווען אין פיל ערטער.

אין נאָוואָגרודעק האָט אַ פריזירער בעתן אַרײַנזעצן אים אין דער מאַשין, וועלכע האָט געפירט די יידן צו די גריבער, מיט אַ ראַזיר־מעסער געפּרוּווט איבערשניידן דעם האַלדז פון אַ דייטשן זשאַנדאַרם. עס איז אים אָבער בלויז געלונגען צו פאַרווּנדן.

בעת דער „אַקציע" אין שטעטל ליובעשאָוואַ (קאַמין־קאָשירסקער געגנט), האָט אַ פריזירער, בעת דער „סאָרטיראָווקע" צו די גריבער, מיט אַ ראַזיר־מעסער איבערגעשניטן דעם האַלדז פון דייטשן געביטס־קאָמיסאַר, מיכאַעליס. דער קאָמיסאַר איז געבליבן מיט אַ דעפאָרמירטן פּנים.

אין ניי־מוש (לעבן באַראַנאָוויטש), האָט זיך בעת דער „אַקציע" אַ יידישער קצב געוואָרפן מיט אַ האַק אויף אַ ווײַסרוסישן פּאָליציאַנט און אים אָפּגעהאַקט אַ האַנט.

אין באַראַנאָוויטש האָט אַ ייִד בעת דער צווייטער שחיטה (אויף מאָרגן

נאָך יום־כּיפּור 1942) איבערגעשניטן דעם גאָרגל אַ ווייסרוסישן פּאָלי־ציאַנט, בשעת יענער האָט געזוכט יידן אין אַ „מאַלינע".

נאָך דער פולער ליקווידאַציע פון לידער געטאָ (סעפּטעמבער 1943) האָט מען געפונען אין אַ געטאָ־מאַלינע דריי „ווייסע געגנדז" (דאָס זענען געווען פּוילישע „יוגנטלעכע פּאָלקס־דייטשן", וועלכע פלעגן היטן די געטאָ און געטראָגן אַ ווייסע אוניפאָרם) מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ.

דאָדל אַבראַמאָוויטש דערציילט אין „פּנקס ביטען" וועגן „דעם בחור, וואָס וועגן אים דערציילט די קריסטלעכע באַפעלקערונג, אַז איינער אַ „זשידעק" האָט דערהרגעט אַ ווייסרוסישן פּאָליציאַנט".

„דער בחור וואַגמאַן איז דעם 29סטן יוני 1942, בעת דער שחיטה אין סלאָנים, אויפגעלאָדן געוואָרן אויף אַ משא־אויטאָ צוזאַמען מיט נאָך יידן און איז אונטער אַ שטאַרקער וואַך אָפּגעפירט געוואָרן צו די גרי־בער נעבן דאָרף טשעפּעלאָווע. דערזעענדיק די נאַקעטע יידן, וועלכע זענען שורותוויז צעשאָסן געוואָרן ביים גרוב, האָט ער זיך אָנגעטון אַ כּוח און מיט אַ ביר־פלאַש, וואָס איז געלעגן אין אויטאָ, אַ פּלעם געטון אין פּנים דעם פאַרטראַכטן פּאָליציאַנט, וועלכער איז אומגעפאַלן אַ צע־בלוטיקטער. איידער די אַנדערע דריי פּאָליציאַנטן האָבן תופס געווען וואָס עס האָט פּאַסירט, באַוויזט וואַגמאַן אַראָפּצושפּרינגען פון לויפנ־דיקן אויטאָ, און אַריינלויפנדיק אין אַ תבואה־פעלד אויסגעמיטן די נאָכיאָגנדיקע קוילן. ער איז אומגעקומען בעת דער שחיטה אין ביטען (25סטן יולי 1942) וווהין ער האָט זיך לכתחילה געראַטעוועט.

(דאָרט, ז"ז 387—388)

גד ראָזענבלאַט דערציילט אין בוך „פון אַ פונק צו אַ פלאַם" וועגן אַן אינדיווידועלן נקמה־אַקט:

„שמואל פישפיידער פון שטעטל טריסטינעץ ביי קיבערצע (וואָלין) האָט אָפּגעוואַרט מיט אַ האַק אין האַנט ביים אַריינגאַנג אין שטוב די דייטשן, וואָס זענען געקומען אַרויספירן די איינוווינער צו דער שחיטה. דער ערשטער דייטש, וואָס איז אַריבערגעטראָטן די שוועל, איז גלייך געפאַלן אַ טויטער. פישפיידער האָט צוגעגומען דעם געהרגעטנס רעוואָל־ווער און שיסנדיק אין אַלע זייטן איז ער געלאָפן דורך דער גאַס. די דייטשן האָבן אויף אים געעפנט אַ קרייץ־פייער און ער איז געווען גע־צוווּנגען זיך צוועקצולייגן אויף דער ערד. ער האָט ווידער אָנגעפילט דעם פּאַראַבעלום־מאַגאַזין מיט קוילן און אויפהויבנדיק זיך מיט אַ שיסעריי,

איז אים געלונגען אַרויסצוגיין פון דער פייער־זאָנע און דערלויפן צום נאָענטסטן וואַלד.

ער האָט געפּאַרטיזאַנעוועט אין די וועלדער ביזן איינשליסן זיך אין קאָוופּאַקס פּאַראייניקונג ווען זיי זיינען אַדורך די געגנט אין זייער מאַרש צו די קאַרפּאַטן. שפּעטער געווען ווירטשאַפטס־קאָמאַנדיר פון דער 7טער ראָטע. ער איז געווען באַקאַנט צוליב זיין אויבנדערמאָנטן העלדישן טאַט אונטערן פּסעוודאָנים „גערשי" (העלד)".

(דאָרט, פון כתב־יד).

אַ באַזונדערס העלדישן ווידערשטאַנד האָבן געשטעלט די ייִדן אין לאַכווע און ניעסוויזש.

דעם 1טן סעפּטעמבער 1942 ביינאַכט, האָבן די לאַכוועער ייִדן זיך דערוווּסט פון שמועסן מיט באַקאַנטע פּאָליציסטן, אַז עס גרייט זיך אַ שחיטה. די יוגנט האָט באַשלאָסן אויסצונוצן די נאַכט־פינצטערניש, די קליינע צאָל פּאָליציי און אַרויסרייסן זיך פון געטאָ אין די נאָענטע וועלדער און בלאָטעס.

לויטן פּלאַן האָט דוד פיינבערג געדאַרפט מיט אַ האַק שפּאַלטן דעם קאָפּ פון פּאָליציאַנט, מיט וועלכן אַהרן אָשמיאַן וועט פאַרפירן אַ שמועס, אָפּציִענדיק אַזוי אַרום זיין אויפמערקזאַמקייט. צוליב דער גרויסער דיס־טאַנץ צווישן די פּאַטרולירנדיקע פּאָליציאַנטן וואָלט זיך געשאַפן אַזוי אַרום אַ מעגלעכקייט אַרויסצורייסן זיך פון געטאָ אין דער נאָענט פון ישראל בראָדעצקיס שטוב.

די מיטגלידער פון ייִדן־ראַט און די רבנים האָבן דערצו נישט דערלאָזן, טענהנדיק, אַז עס איז אפשר נישט קיין שחיטה און מיט דעם וועט מען אַרויפפירן אַן אומגליק אויפן געטאָ.

דעם 2טן סעפּטעמבער 1942, 8 אַזייגער אינדערפרי, האָבן די דייטשן אַרויסגערופן דעם פּאָרזיצער פון ייִדן־ראַט, לאָפּאַטין, און געמאָלדן, אַז לויטן באַפעל מוזן אַלע ייִדן אומגעבראַכט ווערן, חוץ 30 ייִדן בעלי־מלאכות, פאַכמענער, וועלכע די דייטשן האָבן נייטיק, בתוכם אויך ער, לאָפּאַטין. ער האָט שטאָלץ געענטפערט די דייטשן: „איך בין נישט קיין באַלעבאָס איבערן לעבן און טויט פון מענטשן, און קיין ייִד, אויך נישט איך, ווילן זיין אין דעם פאַל פּריווילעגירט!".

ער איז גלייך געקומען צולויפן אין געטאָ, האָט דער ערשטער אונ־

טערגעצונדן זיין הויז און געהייסן אַלעמען צינדן די הייזער, דערנאָך האָט ער אַ געשריי געטון: „ייִדן לאָמיר רייסן דעם טויער!“.

דער ערשטער האָט מיט אַ האַק געשפּאָלטן דעם קאָפּ אַ דייטשן ושאַנדאַרם יצחק ראָטשטיין, און זיך גלייך געוואָרפן אין טייך סמיערדזש, וואָס פליסט אַדורך דעם געטאָ. ער איז תיכף דערשאָסן געוואָרן. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל צום ווידערשטאַנד. די גאַנצע געטאָ־באַפעלקערונג האָט זיך אַ לאָז געטון צום טויער.

אָשר חפץ האָט מיט אַ האַק דערהרגעט פון הינטן אַ צווייטן דייטש, אַרויס־געכאַפּט זיין ביקס און געעפנט אַ שיסעריי אויף די נאָענטסטע דייטשן און פּאָליציאַנטן. אַ חוץ יצחק ראָטשטיינען האָבן זיך געוואָרפן אויף די דייטשן מיט מעסערס און העק: אהרל אָשמיאַן, דוד פיינבערג און משה־לייב חפץ.

אָשר חפצן איז געלונגען צו דערהרגענען אַ דייטש. ער האָט אפילו נישט געמאַכט קיין באַמיִונגען צו אַנטלויפן, נאָר געזעצט זיך רייטן אויף אים און געהאַקט מיט אַ פענדל איבערן קאָפּ פון דייטש. לויט אַלע וואַרשיינ־לעכקייטן זאָל ער האָבן געוואָרן גערירט פון זינען. ער איז באַלד דער־שאָסן געוואָרן.

דער רויך און פייער פון ברענענדיקן געטאָ, דער מאַסן־אָנפאַל פון די ייִדן, די אומגעריכטע שיסערייען, פון וועלכע עס זענען שוין געלעגן אַ פּאָר פּגרים און פאַרוואונדעטע, אַ זאַך וואָס די דייטשן האָבן בכלל נישט דערוואַרט, האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינע פּאַניק און פאַרלוירנ־קייט. דעם מאָמענט האָבן אויסגענוצט די ייִדן און האָבן זיך אַ לאָז געטון פון געטאָ אין מאַרק אַריין. די וועלכע האָבן באַוויזן אַרויסצולויפן מחוץ דעם שטעטל, זענען געלאָפן צום טייך פּריפּעטש (8 קילאָמעטער פון לאַכ־ווע), בכדי צוצוקומען צו די גרעטשישנער בלאָטעס (פּאָלעסיע), ווו עס זענען שוין דאַן געווען פּאַרטיזאַנער.

די דייטשן זענען אָבער באַלד געקומען צו זיך און געעפנט אַ געדיכטע שיסעריי אויף די אַנטלויפנדיקע ייִדן אין מאַרק. אַ טייל פון די אַנטלאָפענע ייִדן זענען אויף מאָרגן אומגעקומען ביים טייך פּריפּעטש דורך די נאָכ־יאָגנדיקע דייטשן און פּאָליציי. בלויז 130־140 מאַן איז געלונגען אַריינ־

צוכאַפּן זיך אין די כאַכאָטשער וועלדער (לוביניעצער געגנט), ווו זיי זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אין די רוסישע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן.

דער פּאָרזיצער פון יידן־ראַט לאַפּאַטין איז בעתן אַנטלויפן פאַרוווּנדעט געוואָרן אין האַנט. עס איז אים אָבער געלונגען צו אַנטלויפן אין וואַלד און ער איז אויפגענומען געוואָרן אין סטאַלינסקן אָטריאַד, קיראָווער בריגאַדע. (אומגעקומען דעם 1טן אַפּריל 1944, שטייענדיק אויף דער וואַך לעבן אַן איינגעראָבענער מינע אויפן וועג, וואָס האָט געפירט צום אָטריאַד).

משה־לייב חפץ, וועמען עס איז געלונגען זיך דורכצורייסן און אָנקומען אין סטאַלינסקי אָטריאַד, איז געפאַלן דעם 30טן אַפּריל 1943, גייענדיק אויף אַ לויערונג אויפן שליאַך לאַכווע־מיקאַשעוויטש. חפץ איז געפאַלן העלדיש ביים קוילן־וואַרפער.

די אַלע איבעריקע א״ד בחורים, וועלכע האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין קאַמף, זענען אומגעקומען אין געטאָ.

דער העלדישער ווידערשטאַנד פון די לאַכוועער יידן, וועלכע האָבן זיך מיט לײדיקע הענט געוואָרפן אויף זייערע הענקערס באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס און געהרגעט אַזויפיל דייטשן, האָט אַרויסגערופן גרויס באַוווּנדערונג און אָנערקענונג אין דער גאַנצער געגנט, ווי אויך ביי די דייטשן אַליין.

אין ניעסוויזש האָט זיך דער צוגעגרייטער ווידערשטאַנד פאַרוואַנדלט אין אַ ספּאָנטאַנישן קאַמף. די ניעסווישער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע האָט באַקומען געווער אויף פאַרשיידענע אופנים. די צוויי יידישע מיידלעך, לאה דוקער און רחל קאַגאַן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דער קאָמענדאַנטור ביים רייניקן געווער, האָבן אַריבערגעטראָגן אין געטאָ גראַנאַטן, נאַגאַנען און טיילווייז אויך קוילן־וואַרפערס. משה דמשק האָט געבראַכט אַ קוילן־וואַרפער, צוויי פּיסטאָלעטן און אייניקע גראַנאַטן, וועלכע ער האָט באַהאַלטן בעתן אָפּטרעטן פון די סאָוועטן.

בכדי געגויער צו וויסן די דייטשע פּלענער, האָט זיך די יוגנט אייניקע וואָכן פאַר דער „אַקציע" אַנגאַזשירט אין יידן־ראַט. יעדערער האָט צוגעגרייט פלעשער מיט שוועבל־זויער, מעסערס, באַיאָנעטן, דישלעס מיט אָנגעקלאַפּטע טשוועקעס אד״גל.

עס איז געוואָרן אָפּגערעדט, אַז אין פאַל פון אַ געפאַר און ווי אַ סיגנאַל צום קאַמף זאָל דינען דאָס אונטערצינדן אַ סטאָג היי, וואָס האָט זיך געפונען אויפן שטח פון געטאָ. עס איז אויך געווען באַשטימט, אַז אין אַזאַ פאַל זאָל מען צינדן די הייזער.

דעם 18טן יולי 1942, איז ליקווידירט געוואָרן די יידישע באַפעל־קערונג אין שטעטל האָראָדזיי, (14 קילאָמעטער פון ניעסוויזש), וואָס עס איז גלייך באַוווסט געוואָרן אין ניעסוויזשער געטאָ. דער פרעזעס פון געטאָ,

די היסטאָרישע ניעסוויזשער שול

פון וועלכער די יידן האָבן אין שחיטה־טאָג געשטעלט אַ פאַרצווייפלטן ווידער־שטאַנד. זי איז דורך די דייטשן אויפגעריסן געוואָרן. די פאָטאָגראַפיע איז געמאַכט געוואָרן נאָך דער באַפרייאונג.

מאַגאַליף, האָט אויפגעפאָדערט די יידן צו זיין געהאָרכזאַם און גאָרנישט צו טון אויף אייגענער האַנט.

דעם 22טן יולי 1942 פאַרטאָג, זענען אין געטאָ געקומען דייטשן. די דייטשן האָבן געוואָלט איינריידן די יידן, אַז זיי ווילן אָפּקלייבן די יוגנט

פּאַר אַן אַרבעטס־לאַגער. ווינסדיק אָבער פון דער טרויעריקער דערפאַרונג, וואָס עס באַטייט דאָס צונויפזאַמלען יידן אויפן מאַרק־פּלאַץ, האָבן זיך פיל אויסבאַהאַלטן אין שוץ־קעלערן און „מאַלינעס״. דער פּרעזער מאָגאַ־ליף האָט זיך געזעגנט מיט זיין פאַמיליע אין דער ערשטער ריי און דערקלערט: „אין דער לעצטער מינוט בין איך מיט אייך און גיי מיט מיין פאַמיליע דער ערשטער צום טויט! איך פאַרראַט אייך נישט!״

אויפן בוידעם פון דער גרויסער ניעסוויזשער שול האָבן פאַרנומען אַ פּאָזיציע ביים קוילן־וואַרפער אַהרן גאַס, און ניאָמע דוקער (ברידער). ביי אַ צווייטן עק פון געטאָ איז געשטאַנען ביי אַ צווייטן קוילן־וואַרפער דאָס העלדישע מיידל לאה דוקער (שוועסטער פון די א״ד משה און ניאָמע).

פלוצלינג איז פון דער דייטשער זייט געפאַלן אַ שאָס. דער סטאַג היי איז אונטערגעצונדן געוואָרן. עס האָבן אָנגעהויבן צו פלאַקערן די אונטער־געצונדענע, מיט בענזין, הייזער. די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אין די רייען לעבן דער שול, זענען זיך צעלאָפן. עס האָט זיך גלייך פאַרבונדן אַ ספּאָנטאַנישער קאַמף מיט די דייטשן.

לאה דוקער האָט אָנגעהויבן שיסן פון איר קוילן־וואַרפער, אָבער איר מאַשין־געוועער האָט זיך באַלד פאַרהאַקט און אויפגעהערט צו אַרבעטן. די דייטשן האָבן דעם קוילן־וואַרפער גלייך פאַרכאַפּט און די העלדישע לאה איז אומגעקומען.

דאָס מאַשין־געוועער אויפן שול־בוידעם באַשיסט אָן אויפהער די דייטשן און לאָזט זיי נישט צו נאָענט צו זיך. אויף די ברענענדיקע געטאָ־גאַסן גייט אַ נישט־גלייכער קאַמף פון די יידן, באַוואָפנטע מיט מעסערס, שטעקנס, העק, שוועבל־זויער און דישלעס מיט דעם מעכטיק־באַוואָפנטן שונא.

די יידן יאַקאָוו און קלאַצקא האָבן געהרגעט די „וואַראָנע״ (פּוילישע און ווייסרוסישע פּאָליציי, וועמענס אוניפאָרם איז געווען אַ שוואַרצע און דערפאַר דורך די יידן גערופן געוואָרן „וואַראָנעס״), טשיזיק.

דער ניעסוויזשער דאָקטאָר קעסעל האָט אין פאַרלויף פון קאַמף אין מיטן פון ברענענדיקן געטאָ, געגעבן מעדיצינישע הילף די פאַרוווּנדעטע יידן.

דער העראָישער פאַרצווייפלונגס־קאַמף פון ניעסוויזשער יידן מיט די דייטשע און פּאָליציייאישע מערדערס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע שעה.

די דייטשן, וועלכע האָבן נישט געקענט צוקומען צו דער שול, האָבן זי באַוואָרפן מיט גראַנאַטן און אונטערגעצונדן. די גאַנצע העלדישע מאַנשאַפט ביים קוילן־וואַרפער איז פאַרברענט געוואָרן, אינאיינעם מיט דער אַלטער היסטאָרישער שול.

עס איז געווען אַ שרעקלעך בילד. די יידן זענען געשטאַנען אויף די הויפן פון די ברענענדיקע הייזער און דאָרט אומגעקומען, אין פייער.

די דייטשן האָבן נישט געהאַט אויף וועמען דורכצופירן די „אַקציע" — די גאַנצע געטאָ איז געווען פאַרזייט מיט מתים, ס'רוב פאַרברענטע און דערשטיקטע פון פייער און רויך. די דייטשן און פאָליציי האָבן טייער באַצאָלט פאַרן ניעסוויזשער געטאָ. פון קאַמפּס־פּלאַץ האָט מען אָפּגעפירט פיל געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע דייטשן און פאָליציאַנטן.

בלויז 25 יידן איז געלונגען אַרויסצוראַטעווען זיך פון ברענענדיקן געטאָ אין די וועלדער.

די אויסערגעוויינלעך־העלדישע האַלטונג פון דער שוועסטער און די ברידער דוקער, ביי די קוילן־וואַרפערס, איז נאָך לאַנג געווען אַ טעמע פון שמועסן צווישן די דייטשן און דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

***

עס זענען אָבער געווען אַרבעטס־לאַגערן פון ספּעציאַליסטן, אין וועל־כע עס זענען קאָנצענטרירט געוואָרן קליינע נישטיקע רעשטלעך פון די ליקווידירטע געטאָס. די אַרבעטס־לאַגערן זענען געווען זאָרגפול אָפּגעהיט דורך פאַרשטאַרקטע וואַכן פון דייטשן און פאָליציי, שפּיר־הינט, שטאַרקע רעפלעקטאָרן און אַרומצוימונגען, וואָס עס האָט פאַראוממעגלעכט יעדן פּרווו פון אַרויסבאַקומען זיך פון זיי, אַ זאַך, וואָס איז נאָך געווען מעגלעך אין די געטאָס.

אין די דאָזיקע אַרבעטס־לאַגערן האָט נישט עקזיסטירט קיין קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט און דערפאַר איז געווען פולשטענדיק אומ־מעגלעך יעדע איניציאַטיוו און פּרווו פון ווידערשטאַנד און רעטונג.

אַזעלכע געטאָ־טורמעס זענען געווען די אַרבעטס־לאַגערן: נאָוואָגרו־דעק, פּאָנאַר, קאָלדיטשעוואָ (17 קילאָמעטער פון באַראַנאָוויטש), האַנצע־וויטש און דער 9טער „פאָרט" אין קאָוונע.

פון דאָרט האָבן די געפאַנגענע ייִדן, וועלכע זענען געווען פאַר־משפּט אויף אַ זיכערן טויט, פּריִער אָדער שפּעטער, געקענט זיך ראַטעווען בלויז דורך אונטערגראָבונגען, וועלכע זאָלן עפענען פאַר זיי אַ וועג צו פרייהייט.

ביים פעלן פון מכשירים און די נייטיקע טעכנישע מיטלען צו אַזאַ מין קאָמפּליצירטער אַרבעט, ביי די אוממענטשלעכע אומשטענדן און די כסדר־דיקע קאָנטראָלן פון די וואַכן, האָט עס אויסגעזען צו זיין כמעט ווי נישט רעאַליזירבאַר. דער אומגעהייערער, נאַטירלעכער דראַנג צום לעבן האָט געשטויסן די פאַראורטיילטע צום טויט „אַרעסטאַנטן" צו דערטראַכטן זיך צו אַזעלכע איינפאַלן, ווי אויסגראָבן אונטערערדישע טונעלן (פּאָנאַר, נאָ־וואָגרודעק, דער 9טער „פאָרט" אין קאָוונע) אָדער אויסזעצן אַ וואַנט (קאָלדיטשעוואָ).

דער קאָלדיטשעווער „טויטן־לאַגער" איז געווען אַן אָרט נישט נאָר פאַר ייִדן. דאָרט האָבן זיך געפונען די יעניקע, וועלכע האָבן שוין נישט געדאַרפט מער אומקערן זיך צו די לעבעדיקע. דער שעף פון באַראַ־נאָוויטשער „ס. ד.", דער סאַדיסט, האַמעלונג, פלעגט זיך דורכשפּאַצירן איבערן לאַגער און אַלעמאָל פעסטשטעלן, אַז עס זענען נאָך אַליץ דאָ צופיל לעבעדיקע „אַרעסטאַנטן".

אין לאַגער זענען געבליבן 93 ייִדן, געבראַכטע פון די ליקווידירטע געטאָס באַראַנאָוויטש, האָראָדישטש, מייטשעט, נאָוואָיעלניע, סלאָנים און מינסק. זיי זענען דאָרט געווען באַשעפטיקט אין די וואַרשטאַטן אַלס ספּעציאַליסטן שלאָסערס, מעכאַניקערס, סטאָליאַרעס, שניידערס, זייגערמאַכערס אאַז"וו.

דאָס לעבן אין לאַגער איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג אומדערטרעגלע־כער. די צום טויט־פאַרמשפּטע ייִדן אָרגאַניזירן אַ רעטונגס־קאָמיטעט, מיט וועלכע עס פירן אָן: לייבל זיגער, פּנחס מאָרדקאָווסקי (באַראַנאָוויטש), בערל קאָרען (לידע), קושניר (דערעטשין).

דער סטאָליער קאָרען בויערט אויס מיט אַ קליינעם בויערל אַ לאָך אין דער וואַנט, וואָס גרענעצט זיך מיט דער גאַרבעריי, לעבן דער אָזיערע, ווו די שמירה איז אַ קלענערע און עס איז נישטאָ קיין וואַך־בונקער.

מיטאָג־צייט, ווען אַלע ייִדן פלעגן זיך אויפקלייבן אין באַראַק, פלעגט

מען מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט בויערן די קליינע לעכעלעך אויף אַ שטח פון אַ האַלבן מעטער אין קוואַדראַט. דריי מאָנאַטן האָט געדויערט די שווערע סכנותדיקע אַרבעט, ביז עס איז געוואָרן אויסגעבויערט די וואַנט. דאַן האָט מען אויסגעשפּרייט אויף דער אַנדערער זייט אַ קאָלדרע (אין דער נאַכט, ווען דער אַרויסגאַנג איז געווען באַשטימט), אַז ביים אַרויסזעצן די וואַנט, זאָל זי נישט מאַכן קיין גערויש מיט איר אַרויספאַלן.

זייענדיק פאַרטיק מיט דער וואַנט, איז דאָס ערגסטע געווען מיט די שפּיר־הינט, וועלכע האָבן זיך נישט געלאָזט אָפּנאַרן, און געהאַלטן אויג אויף יעדער קלענסטער באַוועגונג פון די „אַרעסטאַנטן".

פאַר דעם ענדגילטיקן טערמין, ווען מען האָט באַשלאָסן אַרויסצוקריכן זיך פון „טויטן־לאַגער", האָט איינער פון די יידן, וועלכער האָט געאַרבעט אין קיך, דעם זעלביקן אָוונט, אַריינגעטאָן סם (וועלכע ער האָט באַקומען ביי ד"ר נאָוויצקי, מכלומרשט פאַר זיך), אין דעם נאַכט־עסן פון די הינט, און עס האָט זיך איינגעגעבן אָפּסמען זיי. מען האָט אויך אָנגעגרייט בענזין אויף אונטערצוצינדן דעם בנין אין פאַל פון אַ דורכפאַל.

אין אַ שנייאיקער זאַווערוכע־נאַכט (דעם 25טן מערץ 1943), האָבן זיך אַלע 93 יידן אַרויסבאַקומען דורך דער לאָך, געלאָזט זיך לויפן אין דער ריכטונג פון דער פאַרפרוירענער אַזיערע און פון דאָרט האָבן זיי זיך געדאַרפט לאָזן אינאיינעם אין וואַלד·

די דייטשן האָבן זיך גלייך געכאַפּט און איינגעאָרדנט אויף די אַנטלאָ־פענע אַ געיעג.

דריי טעג זענען זיי געווען אַרומגערינגלט אין וואָראָנטשער וואַלד. 26 מאַן זענען געפאַלן און קושניר האָט זיך אַליין דערשאָסן. די איבערגעבלי־בענע האָבן זיך צעזייט איבער די וועלדער. דער גרעסטער טייל איז אָנגע־קומען צו ביעלסקין אין אָטריאַד.

***

אין מאַי 1943, האָבן די דייטשן קאָנצענטרירט אין אַרבעטס־לאַגער פון דעם שטעטל, האַנצעוויטש (ביי באַראַנאָוויטש), 350 יידן אין עלטער פון 14־60 יאָר, צווישן זיי 230 פון שטעטל לעניו און 120 פון שטעטל פּאָהאָסט־זאַגאָראָדסקי (פּינסקער געגנט).

דאָס שטעטעלע, האַנצעוויטש איז פאַר דער מלחמה געווען באַקאַנט מיט איר אינדוסטריע און האָלץ־האַנדל (וואַלד־האַקעריי אין די אַרומיקע גרויסע וועלדער, טאַרטאַקן אאַז״וו). אין דער אָקופּאַציע־צייט איז דאָ געווען אַן אַדמיניסטראַטיווער צענטער און דער זיץ־אָרט פון געביטס־קאָמיסאַר, מילער.

די ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין עק שטעטל, אין די פּאַריתוממטע, חרובע הייזער פון דער ייִדישער באַפעלקערונג (אַלע האַנצעוויטשער ייִדן זענען נאָך פריִער אומגעבראַכט געוואָרן. דאָס שטעטל איז שוין געווען אינגאַנצן „יודן־רייַן״). די אַרבעטן זענען בעיקר באַשטאַנען אין אַראָפּלאָזןביימער, אין די טאַרטאַקן, שאָסייען־בוי, אויסלאָדן און אָנלאָדן וואַגאָנעס אאַז״וו. די וואָס זענען אַרויס צו דרויסנדיקע אַרבעטן (פעלד, וואַלד), זענען באַגלייט געוואָרן פון אַ שטאַרקער פּאָליציי־וואַך. די הייזער ווו די ייִדן האָבן געוווינט (20־30 אין אַ צימער), זענען טאָג און נאַכט זאָרגפול באַוואַכט געוואָרן דורך פּאָליציי. ביי די שווערסטע אַרבעטן, פון זון־אויפגאַנג ביז נאַכט, האָבן זיי באַקומען 200 גראַם ברויט אַ טאָג און 20 גראַם גרויפּן.

אין מיטן דער נאַכט פלעגט מען זיי אַרויסטרייבן פון די שטיבער און זיי איבערציילן. מען האָט זיי פאַראַנטוואָרטלעך געמאַכט פאַרן לעבן פון יעדן דייטש און זיי געדראָט, אַז אין פאַל ווען עמעצער וועט אַנטלויפן, וועט מען אויסהרגענען זייערע פאַמיליעס אין לענין און פּאָהאָסט־זאַגאָראָדסקי. די ייִדן האָבן נישט געגלויבט די דייטשע הבטחות, אַז זיי די „ווערטפולע״ וועלן געשוינט ווערן. נישט איינמאָל האָבן די דייטשן, זייענדיק בגילופן, געזאָגט דעם אינזשיניער, מרדכי זייטשיק (לענין — היינט אין ישראל), וואָס האָט געאַרבעט אַלס אינסטילאַטאָר ביי ס״ס־אָפיצירן, אַז די טעג פון די לאַגער־ייִדן זענען געציילטע. אַלע סימנים און רמזים האָבן באַשטעטיקט, אַז דער טאָג פון ליקווידאַציע רוקט זיך אָן. צו די לאַגער־ייִדן זענען אויך דערגאַנגען קלאַנגען וועגן די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער און זייערע דיווערסיע־אַקציעס קעגן די דייטשן.

אין לאַגער האָט זיך אָרגאַניזירט אַ רעטונגס־קאָמיטעט, צו וועלכן עס האָבן געהערט: לאַגער־פירער גרינבוים (פּאָהאָסט־זאַגאָראָדסקי, געפאַלן אין די וועלדער), קירשנצווייג (איינער פון די אָנגעקלאָגטע אין פּשיטיק־פּראָצעס אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן — געפאַלן אין די וועלדער), פעלדמאַן,

ל. יאָסעלעווסקי און י. עפּשטיין (ביידע היינט אין ישראל). דער קאָמיטעט האָט אויסגעאַרבעט אַן אַנטלויף־פּלאַן. דאָס וואָס דער לאַגער האָט זיך געפונען אין עק שטעטל, אין דער נאָענט פון וועלדער, האָט זיי דערמוטיקט צום אַנטלויפן.

דער איינציקער אָפּהאַלט איז געווען, דער פּחד פאַר דער דייטשער נקמה פון זייערע משפחות, וואָס זענען געבליבן אין זייערע היים־שטעטלעך. דעם 11טן אויגוסט איז געקומען די ביטערע בשורה, אַז די דייטשע רוצחים האָבן אומגעבראַכט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון שטעטעלע לעניץ, איצט איז שוין מער נישט געווען וואָס צו פאַרלירן.

דעם 14טן אויגוסט 1942, פאַרנאַכט, ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן צו טונקלען און די דייטשע נאַכט־וואַך איז נאָך נישט געקומען, זענען 330 יידן אַנטלאָפן דורך די פעלדער צו די וועלדער,ביים שטעטל. צוואַנציק יידן האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיטצולויפן. אין עטלעכע חדשים אַרום זענען זיי דורך די דייטשן אויסגעהרגעט געוואָרן.

אַז די דייטשן האָבן זיך געכאַפּט, וואָס עס איז געשען (זיי האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז די יידן וועלן וואַגן צו אַנטלויפן), האָבן זיי צע־לייגט לויערונגען אויף די וועגן און אין די דערפער, ווייסנדיק, אַז די אַנטלאָפענע וועלן זיין געצוווּנגען צו קומען אין די דערפער נאָך שפּייז. מיט דער הילף פון פאַררעטערישע פויערים איז זיי געלונגען צו כאַפּן קליינע גרופּעס פון די געראַטעוועטע. די דייטשן האָבן זיי געצוווּנגען צו הענגען איינער דעם צווייטן.

די געראַטעוועטע זענען נאָך אַ סך מאַטערנישן און סכנות דערגאַנגען צו די סביבות פון די שטעט: גלוסק, סטאַראָוויץ, זשיטקאָוויטש, באָברויסק (מזרח־ווייסרוסלאַנד) און זענען אויפגענומען געוואָרן אין די פאַרשיידענע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן פון יענע געגנטן: („גולאַיעוו", „פּלאַשעווסקי", „שוואָיאַקאָוו", „זשאַרקאָ", „מאַזשיקאָוו", „מיכאַלאָווסקי").

***

פרילינג 1943 האָבן די דייטשן אַליין אָנגעהויבן ספק אין זייערע אויסזיכטן אויף אַ נצחון. לויט אַ פאַרזענלעכן באַפעל פון דעם אַרצי־תליך, הימלער, האָט מען געדאַרפט פאַרווישן, ווי ווייט מעגלעך, די שפּורן פון

די גרויזאַמקייטן און פאַרברעכנס. ספּעציעלע אַרבעטס־גרופּעס האָבן געדאַרפט עקסהומירן די טויטע קערפּערס פון די מאַסן־קברים, פאַרברענען זיי און צעשפּרייטן דעם אַש אויף אַלע זייטן, אַזוי אַז עס זאָלן נאָך דער מפּלה נישט בלייבן קיין שום ממשותדיקע באַווייזן וועגן זייערע שוידערלעכע פאַרברעכנס.

צו דעם צוועק האָבן זיי געבראַכט פון לוקישקער טורמע צום פּאָנאַר, דעם ריזיקן מאַסן־קבר פון ווילנער יידנטום, 60 יידן און 20 רוסישע געפאַנגענע.

די אַרבעטערס זענען געווען שטאַרק באַוואַכט פון ס. ס.־לייט. זייער גורל איז געווען אַ פאַראויס־באַשטימטער, ווייל די דייטשן וועלן דאָך נישט לאָזן קיין לעבעדיקע עדות פון זייערע פאַרברעכנס.

די אַרעסטירטע האָבן געלעבט אין אַן אויסגעגראָבענעם בונקער אין דער ערד, אַרומגעצאַמט פון אויבן מיט שטעכיקן דראָט. צו דער אַרבעט פלעגן זיי געפירט ווערן דורך אַ שמאָלער סטעזשקע, מינירט פוןביידע זייטן, באַגלייט דורך אַ שטאַרקער וואַך. נאָך דער אַרבעט פלעגט מען זיי שמידן די פיס און די דייטשן פלעגן יעדע נאַכט קאָנטראָלירן צי אַלע זענען דאָ. אַלץ, אַפילו זייערע באַדערפעניש, פלעגן זיי מוזן טון אין בונקער.

צי קען מען זיך פאָרשטעלן דעם צער און ווייטיק פון די אַרעסטירטע, וואָס האָבן זיך אָנגעטראָפן, טוענדיק זייער שוידערלעכע אַרבעט, מיט די קערפּערס פון זייערע אומגעבראַכטע פאַמיליעס און נאָך געווען געצוווּנגען מיט זייערע אייגענע הענט פאַרווישן די שפּורן פון די דייטשע פאַרברעכנס?!

צוליב דעם וואָס זיי זענען געווען אָפּגעשלאָסן פון יעדן קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט, האָט דער איינציקער וועג פון רעטונג געקענט זיין בלויז אַן אונטערגראָבונגס־טונעל. אַ מאַסקווער יידישער קריגס־געפאַנגענער, מיטן נאָמען אַרקאָ, האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון אַזאַ טונעל.

במשך פון מער ווי צוויי חדשים האָט מען גאַנצע נעכט געאַרבעט ביים גראָבן דעם טונעל, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ חורבה לעבן די באַראַקן, געהאַט אין דער לענג 70 מעטער און אַרויסגעפירט מחוץ די פאַרצוימונגען און דער דייטשער וואַך.

נאָכן אַדורכגיין פון דער ערשטער גרופּע (40 מאַן) דורכן טונעל, האָט

די דייטשע טורעם־וואַך באַמערקט די פאַרדעכטיקטע באַוועגונג אין דער נאַכט־שטילקייט (לויפנדיק האָבן זיי געטראָטן אויף טרוקענע צווייגן) און האָט אונטער רעפלעקטאָרן־ליכט געעפנט אַ שטאַרקע שיסעריי און אַ געיעג נאָך די אַנטלויפנדיקע.

עס האָבן זיך דאַן געראַטעוועט בלויז עלף מאַן, פון וועלכע אַ טייל איז אַוועק צום אָטריאַד „ניעוסקי" (בריגאַדע וואָראָשילאָוו), און די איבעריקע זענען אויפגענומען געוואָרן אין דער ליטווישער פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע פון יורגיס, אין די רודניצקער וועלדער.

די דייטשן האָבן אויסגעקליבן די פעסטונגען, וואָס די צאַרישע מאַכט האָט זיינערצייט אויסגעבויט אין קאָוונע, (נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה), אַלס פאַרטיליקונגס־אָרט פאַרן קאָוונער יידנטום. צענדליקער טויזנ־טער רוסישע געפאַנגענע האָבן אין איינע פון די פעסטונגען, וואָס האָט געהייסן דער „ניינטער פאָרט", געפונען זייער מאַסן־קבר. אויך פיל צענד־ליקער טויזנטער יידן פון די מערב־אייראָפּעיִשע לענדער (דייטשלאַנד, עסט־רייך א"אַ), וואָס זענען כלומרשט געבראַכט געוואָרן אויף „אַרבעט", זענען דאָ אומגעבראַכט געוואָרן.

אין נאָוועמבער 1943 האָט מען אין קאָוונער געטאָ דערזען פלאַמען, וואָס האָבן פאַררויטלט די הימלען איבערן ניינטן „פאָרט". דער ווינט פלעגט ברענגען אין געטאָ אַ ריח פון צוגעסמאַליעטע פלייש און ביינער... פאַר די קאָוונער איינוווינער און די רעשטלעך אין געטאָ, איז קיין „סוד" נישט געווען, אַז אין ניינטן „פאָרט" פאַרברענט מען די קערפּערס פון איבער 150 טויזנט קרבנות, וואָס זענען דאָרט דערמאָרדערט געוואָרן דורך די נאַצישע באַרבאַרן. אין גרעסטן טייל זענען עס געווען יידישע מענער, פרויען, קינ־דער און זקנים. אויך דאָ האָט מען אָנגעהויבן רעאַליזירן הימלערס באַשלוס וועגן פאַרטושן און פאַררוישן די שפּורן פון די נאַצישע פאַרברעכנס.

צו דעם צוועק איז געבראַכט געוואָרן אַן אַרבעטס־קאָמאַנדע פון 72 מאַן, יידן און רוסישע מלחמה־געפאַנגענע. צווישן די יידן זענען געווען אַ טייל פון דער גרופּע, וואָס איז זיינערצייט אַרויס פון קאָוונער געטאָ, זיך אַדורכצושלאָגן אַ וועג צו די אַווגוסטאָווער וועלדער, און געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן.

טראָץ דעם, וואָס די דייטשן האָבן זיך געאײַלט צו פאַרענדיקן וואָס

שנעלער די „אַרבעט", זענען זיי דאָך געווען אויף אַזויפיל „פּראַקטיש", אַז זיי פלעגן יעדן אַרויסגענומענעם קערפער פון די מאַסן־קברים, גרינטלעך קאָנטראָלירט, און אַרויסגענומען יעדע ווערט־זאַך, אַפילו גאָלד־ציינער זע־נען אַרויסגעריסן געוואָרן פון די הרוגימס מיילער. די דייטשן האָבן אָרגאַ־ניזירט די אַרבעט מיט די באַוווסטע דייטשע „גרינטלעכקייט" לויט אַ קאָנ־ווייער־סיסטעם, ווו יעדע גרופּע טוט נאָר אַ טייל פון דער אַרבעט... די אומגליקלעכע אַרבעטער ווייסן, אַז זייער טויט־אורטייל איז שוין אַ געחתמע־טער, און אַז ווי נאָר זיי וועלן פאַרענדיקן זייער אַרבעט וועט מען אויך זיי הרגענען און פאַרברענען.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ רעטונגס־קאָמיטעט אונטער דער אָנפירונג פון משה זימעלעוויטש און אַלטער פייטעלסאָן. וויאַזוי רייסט מען זיך אַרויס פון נײַנטן „פאָרט?"

אינדערפרי שמידט מען זיי פאָרוויַז די פיס אין קייטן און מען נעמט זיי אַראָפּ נאָר ביינאַכט ווען זיי קערן זיך צוריק פון דער אַרבעט אין די צעלעס פון די אונטערערדישע קעלערן. נאָך פיל זוכענישן האָבן זיי אַנט־דעקט אייזערנע טרעפּ, וואָס פירן צו אַן אונטערערדישן טונעל. אַן אייזערנע טיר האָט אָפּגעשלאָסן דעם וועג צום טונעל, וואָס איז געווען אָנגעלייגט מיט האָלץ צום הייצן. דער טונעל האָט געפירט צו דער צפונדיקער וואַנט פון „פאָרט". בכדי זיך צו ראַטעווען דאַרפן זיי פאַרלאָזן זייערע צעלעס, עפענען די אייזערנע טיר, וואָס פירט צו דעם אונטערערדישן טונעל, אויסראַמען די האָלץ און צוגרייטן אַ לייטער אויף אַריבערצוציִען די פעסטונג־מויער, וואָס איז זעקס מעטער די הייך.

די שלאָסערס פּנחס קאַרקינאָווסקי און אַלטער פייטעלסאָן נוצן אויס די פרייע טעג ווען די דייטשן לאָזן זיי איבער אין די צעלעס, כדי צו מאַכן פאַר זיי שלאָסעריי אַרבעט, און באַשעפטיקן זיך מיט צופּאַסן שליסלען צו די אַרעסטאַנטסקע צעלעס. מיט אַ קליינעם עקבער און זעגעלע בויערן זיי דורך אַ לאָך אין דער אייזערנער טיר, וואָס פירט צום טונעל. כדי אָפּצוווענדן די דייטשע אויפמערקזאַמקייט פון גערויש, וואָס איז געקומען פון בויערן דאָס לאָך, פלעגן זיי אינסצעניזירן קריגערייען און געשרייען. אונטערן אויס־רייד, אַז מען דאַרף האָבן טרוקענע הייץ־האָלץ צו די פלאַקערס אויף פאַר־

ברענען די קערפּערס, האָבן זיי אַרויסגענומען פון טונעל די האַלץ און דער סטאָליער יאָכעס האָט געמאַכט אַ זעקס־מעטערדיקן לייטער.

די אַרעסטירטע האָבן אויסגעקליבן די סילוועסטער־נאַכט (שבת, דעם 25טן דעצעמבער 1943), ווען די דייטשע וואַך איז אָנגעשיכורט, אַלס די דאַטע פון אַנטלויפן. כדי צו מאַסקירן פאַר דער וואַך די טונקעלע שאָטנס אויפן פאַן פון ווייסן שניי, וואָס האָט באַדעקט די ערד, זענען אַרויס פיר מאַן אין ווייסע גאַטקעס, האַלטנדיק אַ ווייסן לייוונט, אויפגעצייט פון צווי ליילעכער. אַזוי האָבן זיי אַדורכגעפירט גרופּעסווייז צו אַכט מאַן; זיי זענען אַריבער די פעסטונג־מויער אויף אַ לייטער און מיט אַ צוואַנג איבער־געשניטן דעם שטעכיקן דראָט אויבן. אויף יענער זייט מויער האָבן זיי זיך צעשאָטן גרופּעסווייז אין פאַרשיידענע ריכטונגען.

איין גרופּע, מיטן ייִדישן קאַפּיטאַן פון דער רויטער אַרמיי, י. וואַסי־לענקאָ, האָט זיך באַהאַלטן אין די סקלעפּעס פון קאָוונער געטאָ. דעם 6טן יאַנואַר 1944, האָט די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע אין קאָוונער געטאָ זיי אַריבערגעפירט מיט אַן אויטאָבוס אין די רודניצקער וועלדער און זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די פאַרשיידענע אָטריאַדן פון דער ליטווישער בריגאַדע. דער קאַפּיטאַן וואַסילענקאָ איז נאָמינירט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון ייִדישן אָטריאַד „באָרבאָ" (גערעאַנגל).

נאָך דער פערטער שחיטה אין נאָוואָגרודעק (5טער פעברואַר 1943), זענען די לעבנפאַרבליבענע ביסל ייִדן, בעלי־מלאכות, ספּעציאַליסטן, אין דער צאָל פון איבער 500 מאַן, באַזעצט געוואָרן אין בנין פון קרייז־געריכט.

די ייִדן פון דער „געטאָ־תפיסה" האָבן נישט געהאַט קיין שום באַווע־גונגס־פרייהייט און נישט געקענט קומען אין באַרירונג מיט דער אויסער־לעכער וועלט. זיי זענען געווען באַוואַכט מיט אַן אויסערגעוויינלעך־שטאַר־קער שמירה, מיט אַ טאָפּלטער דראָט־פאַרצוימונג און רעפלעקטאָרן־טורעמס.

דעם 7טן מאַי 1943, איז אין דער דאָזיקער „געטאָ־תפיסה" פאָרגע־קומען אַ ווייטערדיקע סעלעקציע פון די אַזוי גערופענע „אומנוצלעכע ייִדן". עס זענען איבערגעלאָזן געוואָרן ביים לעבן בלויז 233 ייִדן.

עס איז פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז עס איז שוין קיין שאַנס נישטאָ אויסצומיידן אַ „דייטשן־טויט", און די „אַרעסטאַנטן" האָבן אָנגע־

הויבן טראַכטן ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון דאָזיקן שענדלעכן צייטווייליקן לעבן.

עס איז אַנטשטאַנען אַ ווידערשטאַנדס־קאָמיטעט פון זיבן מאַן אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר קאַגאַן (מיטגליד פון צ״ק פון פּועלי־ציון פּאַראייניקט מיט צ. ס. אין פּאַרמלחמהדיקן פּוילן, וועלכער איז מגולגל געוואָרן פון באַראַנאָוויטש אין נאָוואָגרודקער געטאָ).

עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן פון אָנפאַלן אויף דער טויער־וואַך, איבערשניידן די דראָט־פּאַרצוימונגען און אַנטלויפן אין די וועלדער.

אין רשות פון די ייִדן זענען געווען אייניקע געציילטע ביקסן, וועלכע זיי האָבן געקויפט ביי אַ פּאָליציאַנט פון דער געטאָ־וואַך.

ד״ר קאַגאַן מיט אַן אַלטן רעוואָלווער, צו וועלכן ער האָט געהאַט נאָר איין קויל, איז געווען גרייט זיך צו וואַרפן דער ערשטער אויף די תליינים. דער פּלאַן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן מיט אַלע פּרטים, אָבער ער איז נישט רעאַליזירט געוואָרן צוליב דעם, ווייל נישט אַלע ייִדן זענען געווען גרייט און געהאַט דעם מוט צו מאַכן דעם דרייסטן אָנפאַל.

עס אַנטשטייט דאַן אַ פּלאַן פון מאַכן אַן אויסגראָבונג אונטערן בנין פון געריכט, וועלכער זאָל אַרויספירן מחוץ דעם געטאָ. עס געלינגט אויס־צוגראָבן אַ טונעל פון 208 מעטער די לענג, 70 סענטימעטער די הויך און 75 סענטימעטער די ברייט. די גרויסע מענגע אויסגעגראָבענע ערד פלעגט מען אַרויסטראָגן אין די קעשענעס און אין קליינע זעקלעך, צעשיטן עס אויפן בוידעם, אויפן הויף, אַרום די פּלויטן, אין די הויף־גריבער און צווישן די ווענט. עס איז אַלץ געמאַכט געוואָרן מיט דער גרעסטער פּאָר־זיכטיקייט, און יעדעס מאָל ביים אונטערגראָבן, אונטערגעשטעלט באַלקנס ביי די ווענט און סופיט, אַז דער טונעל זאָל נישט ווערן איינגעשאָטן.

דער לעבעדיקער גייסט פון דער אונטערנעמונג איז געווען בערל יאָסעלעוויטש.

עס האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט דורך דעם טונעל די גאַנצע 233 ייִדן (26טן סעפּטעמבער 1943). אָבער דערגיין צום וואַלד האָט זיך איינגעגעבן בלויז בערך 150 מאַן. די איבעריקע ייִדן זענען אויסגעהרגעט געוואָרן אין דעם געיעג, וואָס די דייטשן האָבן אויף זיי גלייך איינגעאָרדנט נאָך זייער

אַנטלויפן. (צווישן די געפאַלענע זענען אויך געווען ד״ר קאַגאַן און דער א״ד יאָסעל׳עוויטש).

די לעבנגעבליבענע זענען אויפגענומען געוואָרן אין די פאַרשיידענע רוסישע אָטריאַדן פון נאַליבאָקער פּושטשע, בעיקר אָבער דורך ביעלסקיס יידישן אָטריאַד.

ליידער איז אָבער בלויז אין געציילטע ערטער פון די טויזנטער שטעט און שטעטלעך פון ווייסרוסלאַנד און מערב־אוקראַינע געקומען צו אַקטיווע, צוגעגרייטע אָדער ספּאָנטאַנע ווידערשטאַנדן.

דאָס נישט פאַרויסזען קיין מעגלעכקייט צו קאָנטוניאירן אַ ווידער־שטאַנד אין די געטאָס האָט רייף געמאַכט דעם געדאַנק ביי פיל צו אַנטזאָגן זיך פון דעם און ריכטן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף די אַזוי נאָענט־ליגנדיקע ריזיקע וועלדער.

עס איז געווען קלאָר פאַר אַלעמען, אַז אין דער צייט, ווען געטאָס קען מען פאַרצאַמען, קען מען אָבער נישט וועלדער און פּושטשעס פאַרצאַמען און באַוואַכן; אַז בעת געציילטע דייטשן קענען אַרויספירן פון געטאָ טויזנ־טער יידן צום טויט, אָן קיין ווידערשטאַנד דאַרפן הונדערטער דייטשן זיך יאָגן נאָך איין מענטשן אין די געדיכטענישן פון די וועלדער און דערביי זיין אין סכנה פון ווערן אַליין געהרגעט...

קאַפּיטל צוועלף

יידן־אָרגאַניזאַטאָרן און קאָמאַנדירן אין די וועלדער

שטורמישע צייטן רופן אַרויס העלדן, וועלכע וואָלטן ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען דורכגעגאַנגען זייער לעבן אומבאַמערקט. געוויינלעך זענען עס מענטשן מיט טעמפּעראַמענט, ענערגיע, אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקייטן און איניציאַטיוו.

אין תקופות פון אויפברויז און צערודערונג זענען זיי די, וועלכע נעמען דעם רודער פון די געשעענישן אין זייער האַנט אַרייַן. אין לויף און אַנט־וויקלונג פון די געשעענישן וואַקסן זיי אויס און דערהייבן זיך איבערן גאַנצן אַרום.

די יידן זענען געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן און גרונטשטיין־לייגערס פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין די פאַרשיידענע פּושטשעס און ראַיאָנען און האָבן מיטגעמאַכט די פּאַרטיזאַנקע אין אַלע אירע פאַזעס און גלגולים. אָנגעהויבן פון דער צייט, ווען אומבאַדייטנדיקע גרופּעס מיט געציילטע פאַרזשאַווערטע ביקסן פלעגן זיך אין דער נאַכט־פינצטערניש וואַרפן מיט אַ „הוררא״־געשריי אויף קליינע גאַרניזאָנען און זייען צווישן זיי טויט און פּאַניק און געענדיקט אין דער צייט, ווען די פּאַרטיזאַנקע האָט זיך פאַנאַנדערגעוואָקסן אין אַ גראַנדיעזער פאָלקס־באַוועגונג, גוט־באַוואָפנט און אינסטרוקטירט דורך דער סאָוועטישער אַרמיי־לייטונג.

די גרויסע שחיטות אין ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע זענען פאָרגעקומען בעיקר אין דער ערשטער העלפט פון 1942, ווען אין די וועלדער האָבן זיך אַרומגעדרייט בלויז איינצלנע רוסן, איבערגעבליבענע פון דער אַרומרינגלונג.

ווען די ייִדן פון דערעטשין (סלאָנימער קרייז) זענען געקומען אין רודע־דאָבראָווטשיזנער וועלדער, נאָך דער גרויסער שחיטה (24טן יולי 1942), האָבן זיי דאָרט געטראָפן קליינע נישטיקע גרופּעס, האַלב באַוואָפנטע רוסן, בראש מיט בולאַק און בולאַט, וועלכע האָבן נאָך ביז דאַן נישט אויפגענומען קיין ערנסטע קאַמפּס־אָפּעראַציעס.

די הונדערטער אַנטלאָפענע ייִדן פון זשעטלער געטאָ האָבן אין ליפּיטשאַנער פּושטשע אַריינגעגאָסן פריש בלוט אין די שיטערע רייען פון די „נקמה־נעמערס" און געגעבן דעם אימפּולס צו פאַרשטאַרקטער אַרבעט און קאַמפּס־איניציאַטיוו.

ווען עטלעכע צענדליק ייִדן זענען אַנטלאָפן נאָכן ווידערשטאַנד ביים גראָבן די גריבער אין שחיטה־טאָג, אין שטעטל ראַדון (8טן מאַי 1942), האָבן זיי אין נאַטשער פּושטשע געטראָפן אייניקע בלאָנקענדיקע רוסן, און זיי האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער שפּעטער־אויסגעוואָקסענער בריגאַדע „לענינסקי קאָמסאָמאָל".

טוביה ביעלסקיס גרופּע האָט חדשים־לאַנג אַרומגעבלאָנקעט איבער די רחבותן פון די וועלדער אין נאָוואָגרודקער ראַיאָן, ביז זיי האָבן זיך געטראָפן מיט וויקטאָר פּאַנטשענקאָס רוסישער גרופּע און צוזאַמען אָנגעהויבן אונטערנעמען קאַמפּס־אָפּעראַציעס קעגן שונא.

יוסף צוויבל, דב לאָרבער, יוסף בליישטיין א"א ייִדן פון מאַניעוויטשער ראַיאָן (וואָלין) באַווירקן דעם סאָוועטישן אַקטיוויסט קאָנישטשוק מיקאָלאַי (באַקאַנט אין דער פּאַרטיזאַנקע אונטערן פּסעוודאָנים „קרוק"), וועלכער באַהאַלט זיך אויס ביי פּויערים, אַז ער זאָל צוזאַמען מיט זיי אַרויסגיין אין די וועלדער גרינדן אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד. זיי זענען דאָס טאַקע געווען די גרינדערס פון דעם אָטריאַד „קרוק", וועלכער איז אין דער ערשטער צייט געווען כמעט אַ ריין־ייִדישער.

די געקומענע אין די לובאַרקער וועלדער (וואָלין) ייִדישע גרופּע מיט מישע עדעלשטיין בראש, פון פּאָוואָרסקער געטאָ (וואָלין), אָרגאַניזירט צוזאַמען מיט רוסישע פּאַרטיזאַנער דעם אָטריאַד „קאַרטוכין" (בריג. פּאָלק. ברינסקי, „באַטיעס" פּאַראייניקונג).

שוין ענדע אַפּריל 1942 האָט דער אַנטיפאַשיסטישער סלאָנימער קאָמיטעט אַרויסגעשיקט די ערשטע גרופּע ייִדן אין די ראַפּאַלאָווקער וועלדער

אין וואָלטשע־נאָרע (30 קילאָמעטער פון סלאָנים) און געגרינדעט די 51טע יידישע גרופּעביים אָטריאַד „שטשאָרס״.

אין נאָוואָגרודקער געטאָ איז געבליבן שטעקן אַ רוסישער ייד, סלאָנים — אַ מאַיאָר פון דער רויטער אַרמיי. אין מערץ 1942 אָרגאַניזירט ער אַ גרופּע פון 15 מאַן און גייט אַוועק אין נאַליבאָקער פּושטשע.

באַלד נאָך דער גרויסער שחיטה אין איווייע (ביי לידע), דעם 29טן מאַי 1942, פאַרלאָזט אַ גרופּע פון פיר יוגנטלעכע (צווישן זיי אַ מיידל) די געטאָ און גייט אַוועק אין נאַליבאָקער פּושטשע.

וועגן דעם באַדייטנדיקן יידישן אָנטייל אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין ווייסרוסלאַנד און פּאָלעסיע, שוין אין דער ערשטער העלפט פון 1942, ווען די באַוועגונג איז נאָך געווען אין ערשטן אַנטוויקלונגס־סטאַדיום, זאָגן עדות אָפיציעלע דייטשע דאָקומענטן.

דעם 10טן יולי 1942 האָט דער גענעראַל־קאָמיסאַר פאַר ווייסרוסלאַנד, ווילהעלם קובע, געגעבן צו פאַרשטיין זיינע סוב־אָרדינירטע באַאַמטע:

> „אַז די עקאָנאָמישע ווערדע פון די יידישע קוואַליפיצירטע אַרבעטערס אין שייכות מיט זייער צאָל, שטייט נישט אין קיין שום פּראָפּאָרציע צו די שאָדנס, וואָס קומען אַרויס פון דער יידישער אונטערשטיצונג פאַר די פּאַרטיזאַנער״.
>
> (מאַקס ווײַנרייך „היטלערס פּראָפעסאָרן״ — ז׳ 204)

מיט דריי וואָכן שפּעטער, דעם 31טן יולי 1942, האָט קובע געשריבן צו זיין שעף לאָזע אין ריגע:

> „אין אַלע צוזאַמענשטויסן מיט פּאַרטיזאַנער אין ווייסרוסלאַנד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אי אין דעם פריערדיקן פּוילישן טייל פון גענעראַל־דיסטריקט, אי אין דעם פריערדיקן סאָוועטישן טייל, איז דאָס יידנטום, צוזאַמען מיט דער פּוילישער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג אין מערב און מיט די רויטאַרמייערס אין מזרח, דער הויפּט־טרעגער פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג. דעריבער איז די באַהאַנדלונג פון יידנטום אין ווייסרוסלאַנד אַ בולט פּאָליטישער ענין, וואָס דאַרף פאַרענטפערט ווערן, נישט פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, נאָר פון פּאָליטישן״.
>
> (מאַקס ווײַנרייך — „היטלערס פּראָפעסאָרן״ ז׳ 204)

אין אַזעלכע באַריכטן וועגן דער ליקווידאַציע פון די געטאָס אין ווייס־רוסלאַנד דריקט קובע אויס די האָפענונג, אַז נאָך די נאָענטע ליקווידאַציעס

„וועט נישט זיין מער די סכנה, אַז די פּאַרטיזאַנער זאָלן זיך אויף להבא נאָך קענען אין אַ גרעסערער מאָס אָנשפּאַרן אויפן יידנטום".

(דאָרט, ז' 205)

דעם 27טן אָקטאָבער 1942 האָט הימלער באַפוילן דעם ס. ס.־אָבער־גרופּנפירער, פּריצמאַן, וועלכער האָט קאָמאַנדירט איבער די ס. ס. און פּאָליציייאישע כוחות אין אוקראַינע, תיכף צו פאַרניכטן דעם פּינסקער געטאָ אַלס „צענטער פון דער „באַנדיטן־באַוועגונג" (געמיינט די פּאַרטי־זאַנער־באַוועגונג — מ. ק.). אין הסכם מיט דעם באַפעל איז אין די טעג 28־31 פולשטענדיק ליקווידירט געוואָרן דער פּינסקער געטאָ.

(לויט די דאָקומענטן פון „דאָקומענטאַציע־צענטער" אין פּאַריז).

אין באַריכט פון היידריך זענען דאָ ידיעות וועגן יידישן אָנטייל אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג (נירענבערגער פּראָצעס, נומער 9 פון אָלענ־דאָרף 3876 נ. ב.) אויך אין די באַריכטן פון די געביטס־קאָמיסאַרן פון לובלין, וואַרשע, ראַדאָם, א"אַ, זענען דאָ אַזוינע ידיעות (טאָג־בוך פון גענעראַל האַנס פראַנק).

אין באַריכט פון ס. ס.־בריגאַדע־פירער און גענעראַל־מאַיאָר פון דער פּאָליציי, דיסטריקט גאַליציע — קאַצמאַן צום העכערן ס. ס.־פּאָליציי־פירער פירער אין גענעראַל־גאָווערנאַמענט, קריגער, וועגן „דער לייזונג פון דער „יידנפראַגע אין דיסטריקט גאַליציע", געפינען מיר פיל שטעלן וועגן דער באַוואָפענונג פון די יידן און די קאַמפן מיט יידישע באַנדעס אין די וועלדער ביי בראָד, ראַווע־רוסקע, בוסק אאַז"וו.

(פון די מאַטעריאַלן פון נירענבערגער פּראָצעס, דאָקומענט 18 — ז"ז 42, 55, 57, 58, 60, 63).

אויך אין בריוו פון ווערמאַכט־קאָמיסאַר אין אָסטלאַנד (דייטשע באַ־צייכענונג פאַר ווייסרוסלאַנד), ברעמער, צום רייך־קאָמיסאַר לאָזע אין ריגע, ווערט אונטערגעשטראָכן

„אַז די יידישע באַפעלקערונג פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין פּראָפּאַגאַנדע, ווידערשטאַנד און סאַבאָטאַזש קעגן די דייטשן אין ווייסרוסלאַנד".

(מאַקס ווײַנרייך — „היטלערס פּראָפעסאָרן", ז' 161)

איינער פון די פּאָפּולערסטע ייִדישע קאָמאַנדירן און אָרגאַניזאַטאָרן פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער־איינהייטן איז געווען ד״ר יחיאל אַטלאַס.

ער איז געבוירן געוואָרן אין 1910 אין טשאַרנעצקי־גורע ביי לאָדזש. אין 1939 האָט ער געענדיקט מעדיצין אין באָלאָניע (איטאַליע און אין פּוילן נאָסטראַפיצירט זיין דיפּלאָם).

בעתן דייטשן אַריינמאַרש קיין פּוילן, אַנטלויפט ער קיין מערב־ווייס־רוסלאַנד און באַזעצט זיך אין שטעטעלע קאָזלאָווטשיזנע (ביי סלאָנים), ווו ער פּראַקטיצירט אַלס דאָקטאָר. בעת דער שחיטה אין קאָזלאָווטשיזנע אין מאַי 1942, איז אומגעקומען זיין גאַנצע פאַמיליע: פאָטער, מוטער און 17־יעריקע שוועסטער, צוזאַמען מיטן גאַנצן ייִדישן קיבוץ. אַלס דאָקטאָר האָט מען אים געלאָזט לעבן און אַוועקגעשיקט אין דאָרף גרויס־וואָליע (קאָזלאָווטשיזנער ראַיאָן, וואָס געפינט זיך נישט־ווייט פון רודע־דאָמבראָוו־שטשיזנער וועלדער). פון דאָרט האָט ער זיך פאַרבונדן מיט די ערשטע קליינע גרופּעס רוסישע פּאַרטיזאַנער, געהיילט זייערע פאַרוווּנדעטע און געהאָלפן זיי קריגן געווער ביי די אַרומיקע פּויערים, צווישן וועלכע ער איז געווען זייער פּאָפּולער אַלס דאָקטאָר.

ווען עס קומט אָן קיין גרויס־וואָליע אַ גרעסערע גרופּע יוגנטלעכע, אַנטלאָפענע פון דער דערעטשינער שחיטה, גייט ד״ר אַטלאַס מיט זיי אַוועק אין די וועלדער.

ד״ר אַטלאַס האָט צוליב מאָטיוון פון פּאַקטישן כאַראַקטער אָנטשיידן אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג צו ווערן קאָמאַנדיר פון דער ייִדישער ראָטע און אָנגענומען נאָר דעם פּאָסטן פון קאָמאַנדיר פון ערשטן וזוואָד. קאָמאַנ־דיר פון צווייטן וזוואָד איז געווען אליהו ליפּשאָוויטש (דערעטשין). קאָ־מאַנדיר פון דריטן וזוואָד — אַ רוס, שוכין. שפּעטער, אליהו קאָוואַנסקי (וואָלקאָוויסק).

ד״ר אַטלאַס איז געווען באַליבט און געשעצט נישט נאָר פון די ייִדישע פּאַרטיזאַנער־סאָלדאַטן, נאָר אויך פון דער העכערער סאָוועטישער קאָ־מאַנדשאַפט. ער איז געווען דער סטימול־געבער צו אַלע קאַמפּס־אַקציעס אין יענער געגנט און אַליין געגעבן אַ ביישפּיל פון דרייסטקייט, אומדער־שראָקנקייט און מוט. ער האָט דאָס געפאָדערט פון זיינע פּאַרטיזאַנער און נאָכמער פון זיך אַליין.

וועגן זיין העלדישקייט און קאַמפּס־געוואַגטקייט האָט מען גערעדט אין אַלע פּושטשעס און פּאַרטיזאַנישע ראַיאָנען. די מענטשן פון זיין ראָטע, ווו זיי זענען שפּעטער נישט מגולגל געוואָרן, האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפן. דאָס געהערן צו ד״ר אַטלאַסעס גרופּע איז געוואָרן אַ זאַך פון שטאָלץ און כבוד.

אין דער שפּיץ פון דער יידישער ראָטע ביי בולאַקס אָטריאַד איז געשטאַנען דער רוס קאָליע קאָנאָפּליאָוו. אָבער נישט קאָנאָפּליאָוו, נישט



ד״ר יחיאל אַטלאַס

באַרימטער און באַליבטער פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדיר פון דער יידישער ראָטע אין בולאַקס אָטריאַד. געפאַלן אין קאַמף בעת דער אַבלאַווע אין נאַוועמבער 1942. (אַרכיוו פון „בית לוחמי הגיטאות ע״ש יצחק קצנלסון״, ישראל. די פאָטאָגראַפיע ווערט פאַרעפנטלעכט צום ערשטן מאָל).

שובין, נישט אָטריאַד־קאָמאַנדיר, בולאַק און שטאַב־נאַטשאַלניק, בולאַט, האָבן נישט אונטערגענומען קיין שום קאַמפּס־אָפּעראַציע אָן דעם וויסן און באַראַטן זיך מיט דעם קליין־וווקסיקן יידישן דאָקטאָר.

ער האָט די יידישע ראָטע מוסטערהאַפט באַוואָפנט דורך די באַקומענע געווער פון די פּויערים. ער האָט די פּאַרטיזאַנער דערצויגן און באַאיינפלוסט אין גייסט פון אַן פשרהדיקן קאַמף און נקמה. ער האָט כסדר

אומדערמידלעך גערופן צו נעמען נקמה קעגן די דייטשע האָרדעס פאַרן אומשולדיק־פאַרגאָסענעם בלוט און אומאויפהערלעך איבערגעחזרט, אַז מען מוז רעהאַביליטירן דעם יידישן כבוד, וועלכער איז פאַרשוועכט געוואָרן צוליב דער פאַסיווער האַלטונג פון די יידן אין די געטאָס.

ש. באַרנשטיין, אַ פּאַרטיזאַן פון ד״ר אַטלאַסעס ראָטע, דערציילט אין זיין בוך „פּלוגת הד״ר אַטלס״:

„אַטלאַס האָט נישט געוווּסט פון קיין מידקייט. מען האָט נישט געוווּסט ווען ער רוט. שטענדיק אויף די פיס, שטענדיק געדענקט ער יעדן מענטש. פון דער ערשטער מינוט האָט ער איינגעפּירט אין זיין ראָטע אַן אייזערנע דיסציפּלין.

„מיר זענען סאָלדאַטן — פלעגט ער זאָגן — סאָלדאַטן נקמה־נעמער. אין דעם שחיטה־טאָג, 24טן יולי, האָט זיך אונדזער לעבן פאַרענדיקט. אויב מיר לעבן נאָך, איז עס בלויז כדי נקמה צו נעמען פון פיינט״.
(דאָרט, ז׳ 63)

אין אַ צווייטן אָרט דערציילט באַרנשטיין וועגן ד״ר אַטלאַסעס באַזוך אין פאַמיליע־לאַגער פון די דערעטשינער יידן:

„ער איז געווען אָנגעטון אין אַן אָרעמער מיליטערישער אוניפאָרם. הויכע שטיוול, גרעסערע ווי זיין מאָס און נישט זעלטן האָבן זיך די וויקלעך אַרויסגערוקט פון די שטיוול. אַנטקעגן דעם נישט־געהויבענעם אָנטועכץ איז ער אָבער געווען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס. אַן אַווטאָמאַט מיט 70 קוילן, אַ נאַגאַן־רעוואָלווער, אַ רעזערוו דיסק צום אַווטאָמאַט, אַ מיליטערישע לעדערנע טעקע און האַנט־גראַנאַטן האָבן אַרויסגעשטעקט פון די בלוזע־קעשענעס.

ער האָט געגעבן אַ צייכן צו די מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, אַז ער וויל זיי עפּעס זאָגן:

„יידן! האָט אַטלאַס אויסגערופן: איך קען נעמען צען מענטשן פון אייך אין מיין ראָטע. איך האָב פאַר זיי געווער. אונדזערע טויזנטער דערמאָרדעטע ברידער, האָבן אויף אונדז אַרויפגעלייגט אַ גרויסן חוב. די ראָטע מיט וועלכער איך קאָמאַנדיר איז אַ ראָטע פון ״פאַרייאושטע מענטשן״. מיר האַלטן זיך אַליין פאַר „פאַרפאַלענע״. מיינע קעמפער האָבן נישט קיין אַנדער געדאַנק ווי בלויז נקמה צו נעמען. ווער פון אייך וויל גיין צו מיר?״
(דאָרט, ז״ז 67, 68)

ער האָט געוואָלט דורך דער גאַנצער קאַמפּס־טעטיקייט פון דער

ייִדישער ראָטע צעשטרייען די לעגענדע, אַז ייִדן קענען נישט קעמפן, אַז ייִדן זענען פּחדנים. צוליב דעם האָט ער אין זיין אָטריאַד אָנגענומען בלויז מענטשן ערשט נאָך דעם, ווי יענע האָבן באַוויזן בעת אייניקע קאַמפּס־אויפגאַבעס, אַז זיי זענען גרייט יעדע מינוט צו שטאַרבן פאַר דער הייליקער זאַך.

יעדער קאַנדידאַט האָט אויף דער פראַגע פון ד״ר אַטלאַס, „וואָס זײַן דיין פאַרלאַנג?״ געדאַרפט ענטפערן: „מיין פאַרלאַנג איז צו שטאַרבן אין קאַמף מיטן שונא״.

ער האָט באַזאָרגט מיט געוועהר נישט נאָר זיין ייִדישע ראָטע, נאָר אויך געהאָלפן אויפן דאָזיקן געביט קאַפּלינסקיס ייִדישן אָטריאַד אין דער שכני־שער ליפּיטשאַנער פּושטשע, און אַ דאַנק אים האָבן אויך געקראָגן געוועהר די רוסישע פאַרטיזאַנער פון בולאַקס אָטריאַד.

ער איז געווען דער איניציאַטאָר פון אַלע אונטערגענומענע קאַמפּס־אָפּעראַציעס אין יענער געגנט און אַליין אַלס קעמפער אָנטייל גענומען אין די געלונגענע אָנפאַלן אויף די דייטשע גאַרניזאָנען אין דערעטשין (10טן אויגוסט 1942), קאָזלאָווטשיזנע (5טן סעפּטעמבער 1942), רודע־יאַוואָרס־קע (8טן אָקטאָבער 1942), אין דער אַקציע צו פאַרברענען אַ סטראַטעגיש־וויכטיקן בריק איבערן טייך ניעמאַן (15טן אויגוסט 1942), ביים פאַרכאַפּן אַ דייטשן עראָפּלאַן בעת אַ געצוווּנגענעם אַראָפּלאָזן זיך (28טן סעפּטעמבער 1942), ווי אויך אין קאַמף קעגן דער שטראָף־עקספּעדיציע פון די דייטשן (24טן אויגוסט 1942) און בעת דער גרויסער אָבלאַווע (נאָוועמבער 1942).

אַ העלד, אַ גלענצנדיקער אָרגאַניזאַטאָר, מיט איינגעבוירענע אייגנ־שאַפטן פון אַ קאָמאַנדיר, אַ האַרציקער ייִד, וועלכער האָט אינגאַנצן גע־אָטעמט מיט קאַמפּס־לוסט און נקמה־ווילן — האָט ער פאַרשאַפט כבוד דעם ייִדישן פאָלק, געהויבן די ווירדע פון ייִדן אין די אויגן פון די רוסישע פאַרטיזאַנער און געצוווּנגען זיי ענדערן זייער איינשטעלונג צו ייִדן אַלס קעמפערס.

ער האָט אויך גרויסע פאַרדינסטן אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון דער אַלגע־מיין־סאָוועטישער פאַרטיזאַנקע אין יענע ראַיאָנען. די סאָוועטישע רעגירונג האָט אָפּגעשאַצט זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג און האָט אים באַלוינט נאָך זיין העלדישן טויט מיט דער בכבודיקסטער

אויסצייכענונג „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד". (געפאַלן העלדיש אין קאַמף בעת דער גרויסער אָבלאַווע, דעם 21טן נאָוועמבער 1942).

ווי אַ לעגענדע איז דער נאָמען פון שעפער פון ערשטן ייִדישן קאַמפּס־אָטריאַד געבליבן אין די הערצער און מוחות פון די ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין מערב־ווייסרוסלאַנד.

די דערעטשינער ייִדן האָבן פיל מיטגעווירקט צו דער אָרגאַניזאַציע און פאַנאַנדערוווּקס פון דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע אין יענער געגנט. זיי האָבן אין בולאַקס אָטריאַד (שפּעטער בריגאַדע א"נ „פּאָביעדאַ"), זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפן און דיווערסיע־אַקטן קעגן שונא.

אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון דער ייִדישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג איז אויך געווען באַקאַנט און געהאַט גרויסע פאַרדינסטן, אַדוו' אַלתר דוואָרעצקי. ער איז געבוירן געוואָרן אין זשעטל (נאָוואָגרודקער קרייז) אין 1906, אין אַ הויז פון אַ באַלעבאַטישער פאַרמעגלעכער פאַמיליע. נאָכן ענדיקן די רעאַל־גימנאַזיע איז גראָדנע, פאָרט ער אין 1924 אַוועק קיין דייטשלאַנד, ווו ער קומט אָן אין בערלינער פּאָליטעכניקום. מאַטעריעלע שוועריקייטן צווינגען אים אָבער איבערצורייסן זיין שטודיום און זיך צוריקקערן קיין פּוילן.

נאָך פיל מי און מאַטערנישן קומט ער אָן אויף דעם יורידישן פאַקולטעט פון ווילנער אוניווערזיטעט. דאָרט הייבט ער אָן זיך צו פאַרנעמען מיט געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער טעטיקייט. ער טרעט אַריין אין די רייען פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד ביים ייִדישן סטודענטן־פאַראיין.

בעת די פעריען, קומענדיק צו זיינע עלטערן אין זשעטל, אַרבעט ער אומדערמידלעך אין די אָרגאַניזאַציעס „פּועלי ציון" (פאַראייניקט מיט צ. ס.) און „פרייהייט" און אָרדנט איין פאַרשיידענע אימפּרעזעס פאַר דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג, ווו ער טרעט אַרויס אַלס פרעלעגענט.

נאָכן ענדיקן דעם יורידישן פאַקולטעט, האָט ער אַ געוויסע צייט פּראַקטיצירט אַלס אַדוואָקאַט. ווען עס איז געקומען די שווערע, ביטערע צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, האָט ער געשאַפן דעם געהיימען פּאַרטיזאַנער־שטאַב, בראש פון וועלכן ער שטעלט זיך אַליין און גרייט צו די ייִדישע באַפעלקערונג אין זשעטל צו ווידערשטאַנד און אַרויסגיין אין פּאַרטיזאַנקע.

קומענדיק, אין אַפּריל 1942, אין ליפּיטשאַנער פּושטשע, האָט ער געוואָלט שאַפן אַ ברייט־פאַרצווייגטע יידישע פּאַרטיזאַנקע, וועמענס ציל האָט געזאָלט זיין ראַטעווען אין דער ערשטער ריי די צוקונפט פון פאָלק — די יוגנט, און מאָביליזירן זי צום אומברחמנותדיקן קאַמף, נקמה און פּאַרטיידיקונג פון יידישן פאָלקס־כבוד.

— „אויב שטאַרבן, זאָל עס זיין אַ ווירדיקער, מענלעכער און העל־דישער טויט, ווי עס פּאַסט פאַר זין פון „מכבייער־פאָלק״, — פלעגט ער אומצאָליק איבערחזרן אין זיינע שמועסן.

ליידער, איז אים נישט באַשערט געווען צו זען דעם גראַנדיעזן פּאַנאָ־דערוווּקס פון דער פּאַרטיזאַנקע און ווידערשטאַנד קעגן דעם פאַרהאַסטן, בלוטיקן דייטשן אָקופּאַנט. עס איז די איראָניע פון גורל, אַז דווקא ער, וועלכער האָט אַזוי פיל אויפגעטון פאַר דער זאַך פון אָרגאַניזירן אַלע אומצופרידענע מיט דעם דייטשן אָקופּאַציע־רעזשים, איז געפאַלן אַ קרבן פון די הענט פון אייגענע רוסישע פּאַרטיזאַנער (11טן מאַי 1942).

ווען די יידן פון זשעטל זענען באַלד נאָך דער צווייטער שחיטה (6טן אויגוסט 1942) געקומען צולויפן אין ליפּיטשאַנער פּושטשע און געשאַפן אַ יידישן אָטריאַד פון אָפּגעקליבענע קאַמפּס־פעיקע 180 יידישע בחורים, האָט דער רוסישער קאָמאַנדיר, קאָליע וואַכאָנין, זיך אָנגעהויבן רעכענען מיטן יידישן כוח און געהאָלפן זיי זיך אָרגאַניזירן.

ווען עס איז אויפגעקומען די פראַגע וועגן באַשטימען אַ קאָמאַנדיר פון אָטריאַד, האָבן אַלע אָנגעוויזן אויף דעם ענערגישן, אינטעליגענטן און איניציאַטיוו־פולן, הירש קאַפּלינסקי.

הירש קאַפּלינסקי איז געבוירן אין זשעטל אין 1931, אין אַ קליין־בירגערלעכער יידישער פאַמיליע. צוליב דעם עקאָנאָמישן קריזיס רייסט ער איבער די לימודים אין דער לידער „תרבות״־שול און קערט זיך אום צוריק אין זשעטל. ער ווערט מפקד פון „השומר הצעיר״ און וואַרפט זיך אַריין אין דער געזעלשאַפטלעך־ציוניסטישער אַרבעט. נישט געווען קיין איין אַקציע פון געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, אין וועלכער ער זאָל נישט נעמען קיין אָנטייל. די מלחמה האָט צונישט געמאַכט זיינע פּלענער וועגן עולה־זיין קיין ארץ־ישראל.

באַהאַלטנדיק זיך אין אַ „מאַלינע״ געלינגט אים, נאָכן פאַרלירן זיין

גאַנצע משפּחה, זיך צו ראַטעווען און אַנטלויפן אין וואַלד. זיין טעמפּעראַ־מענט און ענערגיע האָט ער אויסגעלאָדן אַלס קאָמאַנדיר פון יידישן אָטריאַד, ווו ער האָט ווידעראַמאָל באַוויזן זיינע גלענצנדיקע אָרגאַניזאַ־טאָרישע פעיִקייטן, דרייסטקייט און קאַמפּס־איניציאַטיוו.

ביסלעכווייז באַוואָפנט ער זיין אָטריאַד, און גייענדיק אַליין אַלעמאָל אין דער ערשטער ריי, נעמט ער אָנטייל צוזאַמען מיט די רוסישע פּאַרטי־זאַנער פון ליפּיטשאַנער פּושטשע אין אַלע קאַמפּס־אונטערנעמונגען מיט די דייטשן.

דער יידישער אָטריאַד ווירקט־מיט ביים צעקלאַפּן דעם ליטווישן גאַר־ניזאָן אין הויף מיראָוושטשיזנע (5 קילאָמעטער פון זשעטל); דעם דייטשן גאַרניזאָן אין הויף זאַקלישטשינע (8 קילאָמעטער פון זשעטל) און פירט אַ קאַמף מיט דייטשן און ליטווינער אין דאָרף פּאַצאַטאָווטשינע (זשעט־לער געגנט). זיי איילן צו הילף דעם דאָרף דובראָווקע, ווען די דייטשן קומען אויסמאָרדן די פּויערישע באַפעלקערונג, נעמען אָנטייל אין צע־קלאַפּן דעם גרויסן דייטשן גאַרניזאָן אין רודע־יאַוואָרסקע און דעם גאַר־ניזאָן אין מאָטשעוויטש (זשעטלער געגנט), פירט דורך אַ ריי נקמה־אַקטן איבער פּויערים, יידן־מערדערס, און די רוסישע פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג הייבט זיך אָן שטאַרק צו רעכענען מיט אים.

ווערנדיק פאַרוווּנדעט בעת דער גרויסער אָבלאַווע אין ליפּיטשאַנער פּושטשע, קען ער גלייכגילטיק נישט דורכגיין, דערזעענדיק אויפן וועג אַ קוילן־וואַרפער און שלעפּט אים אַ באַגאָסענער מיט בלוט מיט זיך. ער איז אומגעקומען ביי טראַגישע אומשטענדן דורך אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע ער רופט צו הילף (דעצעמבער 1942).

קאַפּלינסקי איז אָפּגעשאָצט געוואָרן דורך די רוסישע פּאַרטיזאַנער אַלס פעיִקער אָרגאַניזאַטאָר פון זיין אָטריאַד און מוסטער פון דעם, ווי מען דאַרף קעמפן מיטן שונא.

פיל מיטגעווירקט צו דער אָרגאַניזאַציע פון קאַפּלינסקיס אָטריאַד, האָבן די וווּאַד־קאָמאַנדירן: פּיניע גרין (זשעטל, געפאַלן), שלום גערלינג (וואַרשע), יוסף רודעלעוויטש א״אַ.

נאָך דער גרויסער אָבלאַווע אין ליפּיטשאַנער פּושטשע און טויט פון קאַפּלינסקין איז דער יידישער אָטריאַד געוואָרן אויפגעלייזט און איז

אַריינגעגאָסן געוואָרן אין רוסישן אָטריאַד „באָרבאַ" (פּאָפּולער א"נ „אָר־ליאַנסקער") אַלס דריטע יידישע ראָטע.

דער ראָטע־קאָמאַנדיר איז געווען אַן אוקראַינער, פּאַנטשענקאָ. אין די פאַרשיידענע צייטן זענען וווזאָד־ און אָפּטיילונגס־קאָמאַנדירן געווען:



טוביה ביעלסקי

קאָמאַנדיר פון יידישן גרויסן אָטריאַד א. נ. „קאַלינין" אין נאַליבאָקער פּושטשע)היינט — אין ישראל).

שלום גערלינג, יונה ברעסטאָוויצקי (מייטשעט, געפּאַלן). ראָטע־„פּאָליט־רוק" (פּאָליטישער דערציִער), בערל ניקאָלאַיעווסקי (זשעטל).

ביסלעכווייז האָט מען פאַרביטן די יידישע קאָמאַנדירן אויף רוסישע און ביים אויפלייזן די ראָטע זענען שוין געווען בלויז געציילטע יידישע אָפּטייל־קאָמאַנדירן.

ביי דער אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער פּאַרטיזאַנקע אין נאַליבאָקער

פּושטשע האָבן גאָר גרויסע פּאַרדינסטן טוביה ביעלסקי צוזאַמען מיט זיינע ברידער זוסיע און עשהאל (געפאַלן אין דער רויטער אַרמיי, ביי די קאַמפן פאַר קעניגסבערג).

די ברידער ביעלסקי זענען געבוירן געוואָרן אין דאָרף סטאַנקיעוויטש (נאָוואָגרודקער קרייז), ביי עלטערן ישובניקעס, מילנערס. זיי זענען דערצויגן געוואָרן אין יידישן גייסט און געפירט אַ נאָרמאַל יידיש פאַמיליע־לעבן אין די אַרומיקע שטעטלעך.

אַזאַ לאַגע האָט אָנגעהאַלטן ביזן אַריינמאַרש פון די דייטשע באַרבאַרן. אויך טוביה, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין לידע, האָט געהאַלטן פאַר געזינטער אַריבערצוקלייבן זיך מיט זיין משפחה אין זיין געבורטס־דאָרף צו די עלטערן.

די ברידער ביעלסקי זענען דערצויגן געוואָרן אויפן שויס פון דער נאַטור און פון די יינגסטע יאָרן געווען צוגעבונדן צו פעלד און וואַלד. זיי האָבן געקענט די אַרומיקע סביבה, יעדעס וועגעלע, סטעזשקעלע און טראָפּינקעלע.

טוביה ביעלסקי, אַ הויכער, ברייט פּלייציקער, רעפּרעזענטאַבלער יונגערמאַן אין די דרייסיקער יאָרן, האָט רייטנדיק אויף זיין שיינעם פערד מיטן אַריבערגעוואָרפענעם אויטאָמאַט און „נאַגאַן" איבערן לאַנגן לעדערנעם מאַנטל, געמאַכט אַן אימפּאָזאַנטן איינדרוק אויף אַלעמען.

ער האָט באַוויזן צו געווינען דעם צוטרוי פון דער העכערער פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדע אין נאַליבאָקער פּושטשע און אויסקעמפן פאַר זיין אָטריאַד עקזיסטענץ־רעכט. נישט איינמאָל איז אים געלונגען, דורך אינטערווענצן, אָפּצושרייען גזירות און אַפילו טויט־אורטיילן קעגן יידן פאַר פאַרזינדיקן זיך קעגן פּאַרטיזאַנישן קריגס־געזעץ.

טוביה ביעלסקי האָט אויף זיך גענומען די אומגעהייערע לאַסט און אומדאַנקבאַרע מיסיע פון אויפנעמען און ראַטעווען דעם נישט־קאַמפּסּפעיִקן עלעמענט. ביי די שווערסטע אַפּראָוויזאַציע־באַדינגונגען, אין צייטן פון אָבלאַוועס און בלאָקאַדעס, ביי אַ פיינטלעכן איינשטעל צו זיין אָטריאַד אויך מצד אַ טייל רוסישע פּאַרטיזאַנער, האָט ער נישט פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט און גלויבן אין זיין הייליקער שליחות צו ראַטעווען אומגליק־

לעכע ייִדן און דורכפירן זיי דורך אַלע שבעה מדורי גהינום ביז צו דער באַפרייאונג.

עס האָט זיך געפּאָדערט פיל געדולד, פּאַרשטענדעניש, רחמנות און גלויבן אין דער הייליקער אַרבעט וואָס ער טוט, בכדי צו באַזיגן אַלע אומגעהייערע שוועריקייטן, מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט טאָג־טעגלעך אַלס קאָמאַנדיר פון זיין אָטריאַד.

טוביה האָט נישט געוואָלט מוותר זיין אַפילו אויף אַ ייִדישער זקנה, אין דער זעלביקער צייט, ווען ייִדיש בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער און אַ מענטשנס, בפרט אַ ייִדנס, טויט האָט אויף קיינעם קיין איינדרוק נישט געמאַכט.

טוביה פלעגט זאָגן, „אַז בכדי צו ראַטעווען אַן אַלטן ייִדן, לוינט צו ריזיקירן מיטן לעבן!"

ווען אין זיין אָטריאַד האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען אַנטלאָפענע ייִדן פון לידער געטאָ און מענטשן פון זיין נאָענטסטער סביבה, (וועלכע איז באַשטאַנען ס'רוב פון נאָוואָגרודקער ייִדן), האָבן זיך קעגנגעשטעלט זייער אָנשלוס, טענהנדיק, אַז דאָס קען אַרויספירן אַן אומגליק אויף אַלעמען — האָט ער געזאָגט: „זאָלן נאָר קומען טויזנטער ייִדן, מיר וועלן באַקומען שפּייז פאַר אַלעמען!"

זיין אָטריאַד האָט אַרויפגעוואָרפן אַ שרעק אין נאָוואָגרודקער קרייז מיט די נקמה־אַקטן, קעגן פּאָליצייַ און פּויערים — דייטשע אַגענטן, וועל־כע פלעגן אַרויסגעבן אין די דייטשע הענט אָדער אַליין הרגענען ייִדן. די פּויערים האָבן געוווּסט, אַז עס איז דאָ אַ שטראָפנדיקע האַנט, וועלכע דערלאָזט נישט, אַז ייִדיש בלוט זאָל זיין הפקר.

טוביה האָט זיך געקענט אויסקלייבן אַ רומפולערן און לייכטערן וועג ביי די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער, ווען ער וואָלט געוואָרפן זיין „שווערן פעקל" און געבליבן אַלס קאָמאַנדיר פון אַ קעמפערישן אָטריאַד פון ייִדי־שער יוגנט.

ער האָט געקענט ווערן קאָמאַנדיר פון שפּעטער געשאַפענעם ייִדישן אָטריאַד א"נ „אָרדזשאָניקידזע", וועלכער איז באַשטאַנען פון זיינע יוגנטלעכע פּאַרטיזאַנער. ער האָט אָבער דווקא אויסגעקליבן דעם דערנער־וועג און אַוועק מיט אַן אָטריאַד, וועלכער איז באַשטאַנען אין זיין גרעסטן

טייל פון נישט קאַמפּס־פעיִקע אין נאַליבאָקער פּושטשע, ווייל ער האָט נישט געזען קיין אַנדערן, וועלכער זאָל וועלן און קענען נעמען אויף זיך די שווערע לאַסט.

די איבער 1.200 מענער, פרויען און קינדער, יונגע און זקנים, וועלכע ער האָט דורכגעפירט ביז דער באַפרייאונג, ווייסן ווי אָפּצושאַצן זייער רעטער און דערמאָנען זיין נאָמען מיט פאַרערונג און איבערגעגעבנקייט.

טוביה ביעלסקיס יינגערער ברודער, עשהאל ז״ל, איז געווען דער ליבלינג פון גאַנצן אָטריאַד. אַ גוטמוטיקער, אַלעמאָל מיט אַ שמייכל און טרייסט־וואָרט אויף די ליפּן, האָט ער זיך אויסגעצייכנט אַלס קאָמאַנדיר פון אַ קאַמפּס־גרופּע אין זעלביקן אָטריאַד און גלייכצייטיק געווען פאַר־טרעטער פון אָטריאַד־קאָמאַנדיר.

די רוסישע אָטריאַדן האָבן אָפּגעשאַצט עשהאלס פעיִקייטן ביי דער אויסשפּיר־אַרבעט און ער האָט אַ לענגערע צייט אויסגעפירט די פונקציע פון קאָמאַנדיר פון רייטער־אויסשפּיר־דינסט ביי דער קיראָוועד בריגאַדע.

צום שטאַב האָבן אויך געהערט: מאַלבין לאַזאַר — שטאַב נאַטשאַלניק (היינט צו טאָג אין ישראל), אַדוואָקאַט שלמה וואָלקאָוויסקי — נאַטשאַל־ניק פון „אָסאָבי אָטדעל״ (באַזונדערער אָפּטייל), פרידבערג פסח (נאָוואָג־רודעק) — וויִרטשאַפטס־לייטער, פערדמאַן לייב (לידע) — קאָמאַנדיר פון דער דיווערסיע־גרופּע, אַבראַמאָוויטש חיים (קארעליטש) און נאָוויצקי לייזער (נאָוואָיעלניע) — ראָטע־קאָמאַנדיר. בלויז דער קאָמיסאַר איז געווען אַ רוס, שמיאַטאָוויטש איוואַן.

די קאָמאַנדע פון ידישן אָטריאַד א״נ „אָרדזשאָניקידזע״, איז אין איר העכערן צוזאַמענשטעל באַשטאַנען פון נישט־יידן. בלויז טוביהס ברו־דער, זוסיע, איז געווען דער איינציקער ייד, וואָס האָט געהערט צום שטאַב פון אָטריאַד. ער איז געווען קאָמאַנדיר פון רייטער־אויסשפּיר־דינסט און אַלס אַזעלכער פיגורירט, ווי אַ פאַרטרעטער פון רוסישן אָטריאַד־קאָמאַנ־דיר. די ראָטע, ווזוואָד און אָפּטייל־קאָמאַנדירן זענען אַלע געווען יידן. ראָטע־קאָמאַנדיר — ניאַניע שעלובסקי (נאָוואָגרודעק), ווזוואָד־קאָמאַנדירן: זאַמקאָווי מיכאַל, (נאָוואָגרודעק, געפאַלן), קוטשינסקי שמואל, וואַרשאַווסקי (פּיעסק) און יעוונאָוויטש אלי (געפאַלן).

אויך דער מינסקער ייִד זאָרין האָט גרויסע פאַרדינסטן אַלס אָרגאַ־ ניזאַטאָר פון דער ייִדישער פּאַרטיזאַנקע אין נאַליבאָקער פּושטשע.

זאָרין, געבוירן אין מינסק אין 1902, פון פאַך אַ טשעסלער, איז שוין אין די יאָרן פון בירגער קריג (1917־1920) געווען אַ סאָוועטישער פּאַר־ טיזאַן. נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע פון מינסק געפינט זיך זאָרין אין געטאָ. ער באַקענט זיך דאָרט מיט אַ רוסישן פּולקאָווניק סעמיאָנאָוו, וועל־ כער איז געווען פאַרשפּאַרט אין געפאַנגען־לאַגער פאַר סאָוועטישע אָפיצירן, ווו זאָרין פלעגט קומען אַרבעטן.

ענדע 1941טן יאָר געלינגט זאָרינען מיט סעמיאָנאָוון צו אַנטלויפן אין סטאַראָסיעלסקן וואַלד (30 קילאָמעטער פון מינסק), ווו עס ווערט אָרגאַניזירט אַ פּאַרטיזאַנער אָטריאַד א״נ „פּאַרכאָמענקאָ״.

דער אָטריאַד „פּאַרכאָמענקאָ״ איז אין זיין איבערוויגנדיקער צאָל באַ־ שטאַנען פון ייִדן (לערך 150 פּערזאָן). די קאָמאַנדע איז געווען אַ קריסט־ לעכע. זאָרין איז געוואָרן ראָטע־קאָמאַנדיר. מיטן פאַרגרעסערן זיך פון דער צאָל ייִדן, האָבן זיך אויך געשטאַרקט די אַנטיסעמיטישע שטימונגען צווישן ביסל קריסטלעכע פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד.

ענדע 1942 און אין די ערשטע חדשים פון 1943 זענען פון די געטאָס פון מזרח־ווייסרוסלאַנד (בעיקר פון מינסק) אַנגעלאָפן פיל ייִדן. דער גרעס־ טער טייל פון זיי איז געווען אָן געווער און נישט קיין קאַמפס־פעיִקער עלעמענט. דער בריגאַדע־קאָמאַנדיר סעמיאָנאָוו האָט נאָך אַ ריי קאָנפליקטן צווישן ייִדן און נישט ייִדן און בעיקר נאָכן קאָנפליקט מיטן קאָמאַנדיר פּאַרכאָמענקאָ, וועלכער האָט אַנטוואָפנט און אַרעסטירט זאָרינען, געגעבן אַ באַפעל דעם לעצטן אויפצונעמען אַלע נישט קאַמפס־פעיִקע עלעמענטן, וועלכע אַנטלויפן פון די געטאָס און שאַפן פון זיי אַ פאַמיליע־אָטריאַד נומער „106״.

צוליב דעם, וואָס דער סטאַראָסיעלסקער וואַלד האָט זיך געפונען צו־נאָענט פון מינסק און פלעגט ווערן אָפט איבערגעפאַלן פון פּאָליציי, איז זאָרין מיט זיין מחנה אַוועק אין נאַליבאָקער פּושטשע, ווו אונטער דער שוץ פון דער גרויסער צאָל גוט־באַוואָפנטע רוסישע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן האָבן זיי זיך געקענט פילן זיכערער.

די באַוואָפענונג פון אָטריאַד איז געווען די גאַנצע צייט אַ זייער

מאַנגלהאַפטע, און בלויז אַ קליינע צאָל צוגעטיילטע יידישע קאַמפּס־פּעיקע יונגעלייט האָבן געדאַרפט אָפּראָוויזירן אַזאַ גרויסע צאָל יידן.

אָנגעהויבן האָט ער מיט 60 מאַן. נאָך דער באַפרייאונג האָט זאָרין אַרויסגעפירט פון די וועלדער איבער 700 יידן.

זאָרין, צוגלייך מיט ביעלסקין, איז געווען אַ פאָטער פאַר זיין פאַמיליע־אָטריאַד און האָט זיך באַצויגן זאָרגפול און מיט רחמנות צו די געליטענע ברידער.

אין יוני 1944, בעתן צוריקטריט פון די דייטשן, אָרדנט איין זאָרינס אָטריאַד אַ לויערונג אויף דייטשן, וועלכע טרעטן אָפּ אין פּאַניק דורך די וועלדער. ווען זאָרין פאַדערט אויף אַ גרופּע פון 300 דייטשן צו לייגן דאָס געווער, ווערט ער פאַרוווּנדעט אין אַ פוס, וועלכע ווערט אים שפּעטער אַמפּוטירט.

ביי דער אָרגאַניזאַציע און אויסבילדונג פון אָטריאַד האָבן מיטגעווירקט און פיל אויפגעטון אויך די איבעריקע מיטגלידער פון שטאַב: אַדוו' ווערטהיים (וואַרשע) — שטאַב־נאַטשאַלניק, פויגעלמאַן — קאָמיסאַר און מעלצער — לייטער פון דעם באַזונדערן אָפּטייל. אויך די נידעריקערע קאָמאַנדיר־פּאָסטנס זענען געווען באַזעצט דורך יידן.

אַ שם ביי די פּאַרטיזאַנער אין קאָפּולער ראַיאָן האָט געהאַט גילטשיק, דער קאָמאַנדיר פון יידישן אָטריאַד א״ב „זשוקאָוו״.

נאָך די שחיטות אין קאָפּוליע, ניעסוויזש, קלעצק, ליאַכאָוויטש, סטאָלפּץ קומען אין יענע וועלדער פיל יידן, צווישן זיי אויך נישט קיין קאַמפּס־פּעיקע.

גענעראַל־מאַיאָר קאָפּוסטין, באַאויפטראגט גילטשיקן צוזאַמענצוקלייבן די אַלע יידן און שאַפן פון זיי אַ באַזונדערן יידישן אָטריאַד.

די שאַרפסטע פּראָבלעם האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער מאַנגל אין געווער. באַזשענקאָ (דער אמתער נאָמען פון קאָפּוסטינען), האָט די יידן קיין געווער נישט צוגעטיילט און זיי האָבן עס געמוזט שאַפן אויף דער אייגענער האַנט. אויפן גאַנצן אָטריאַד, וועלכער האָט אין אָנהייב געציילט 60 יידן, זענען געווען צוויי ביקסן מיט פיר קוילן און איין „אָטרעז״.

אין אַ גאָר קורצער צייט ציילט דער אָטריאַד בערך 200 מאַן — 130 יידן און 70 קריסטן.

גילטשיק אַרבעט אומדערמידלעך צו באַוואָפּענען זיין אָטריאַד. אויף די פאַרשיידנסטע אופנים באַקומען זיי געווער, אַזוי, אַז אין יאַנואַר 1943, האָט שוין זיין אָטריאַד 11 קוילן־וואַרפערס, 23 אויטאָמאַטן און 130 ביקסן.

דער אָטריאַד „זשוקאָוו" האָט זייער פיל געליטן פון די אַבלאַוועס און בלאָקאַדעס, וועלכע זענען איינגעאָרדנט געוואָרן דורך די דייטשן אין יענער געגנט. גילטשיק, זייענדיק אַ תושב פון קאָפּולע, האָט דורכגעפירט זיין אָטריאַד דורך אַלע געפאַרן, ביי דער מינימאַלסטער צאָל קרבנות (לעבט היינט צו טאָג אין רוסלאַנד).

צו דער אָטריאַד־קאָמאַנדע האָבן געהערט, אַ חוץ דעם קאָמאַנדיר, גילטשיק, דער רוס מאַרטינאָוו — קאָמיסאַר; נאַטשאַלניק פאַר באַזונדערע ענינים — וויינער (קאָפּולע), שפּעטער פאָליטרוק פון דער צווייטער ראָטע; שטאַב־נאַטשאַלניק — אַ יידישער לערער פון שטעטל קאָפּולע; קאָמאַנדיר פון דער ערשטער ראָטע — משה פיש, אַ געוועזענער אונטעראָפיציר פון דער פוילישער אַרמיי, אָרגאַניזאַטאָר פון אויפשטאַנד אין קלעצקער געטאָ, שפּעטער גילטשיקס פאַרטרעטער פאַר ווירטשאַפטלעכע ענינים; ווירט־שאַפטס־לייטער — מאָזע עוזר; די וזוואָד־ און אָפּטיילונג־קאָמאַנדירן זע־נען כמעט אַלע געווען נישט־יידן. נאָכן קומען פון די באַפרייטע יידן פון שוויערזשנער אַרבעטס־לאַגער (30טער יאַנואַר 1943), איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ דריטע ראָטע, מיט עפּשטיינען אַלס קאָמאַנדיר.

פון די אַנטלאָפענע יידן פון פּאָהאָסט־זאַגאָראָדסקער געטאָ (פּינסקער קרייז) און פון האַנצעוויטשער אַרבעטס־לאַגער, האָט זיך געשאַפן דער יידישער אָטריאַד א"נ „קאַגאַנאָוויטש ל. מ." אין פּאָלעסיע. אַלס קאָמאַנדיר איז איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן דוד באַבראָוו ז"ל. אַלס שטאַב־נאַטשאַלניק — שלום פעלדמאַן; פאַרטרעטער — אַברהם פעלדמאַן; קאָמי־סאַר — העניעק סאָלאָווסקי און ראָטע־קאָמאַנדיר — לייב באַבראָוו (פּאָ־האָסט־זאַגאָראָדסקי).

דער אָטריאַד, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן פון איינצלנע, קליינע גרופּעס אין די פּינסקער בלאָטעס און וועלדער דעם 15טן יולי 1942, איז אַ שטיק צייט געווען פאַראייניקט אין דער געגנט. דער אָטריאַד האָט דורכ־געפירט אַ ריי געלונגענע דיווערסיע־אַקטן און אַרויסבאַקומען געווער ביי די פּויערים.

משה קאַגאַנאָוויטש

דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד, דוד באַבראָוו, איז געבוירן געוואָרן אין פּינסק אין 1911טן יאָר. זיין בילדונג האָט ער באַקומען אין דער תרבות־שול און אין דער פּינסקער פּוילישער גימנאַזיע. דערדינט זיך אין פּוילישן מיליטער דעם ראַנג פון אַרטילעריע־פּלוטאָנאָווי. אָנפירנדיק מיט זיין פאָטערס טאַרטאַק אין שטעטל פּאָהאָסט־זאַגאָראָדסקי, וואַרפט ער זיך אַריין אין געזעלשאַפטלעך־קולטורעלן לעבן פון זיין קליין שטעטעלע. ער איז פאָרזיצער פון דער גמילת־חסדים־קאַסע, נאַטשאַלניק פון דער פריוויליקער פייערלעשער־קאָמאַנדע און פאָרזיצער פון ביבליאָטעק ביי דער אַלגעמיין ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

פאַר די סאָוועטן ווערט ער, צוליב זיין סאָציאַלן אָפּשטאַם און אַלס



דוד באַבראָוו

(פּאָהאָסט־זאַגאָראָדסקי)

קאָמאַנדיר פון יידישן אָטריאַד א"נ „ל. מ. קאַגאַנאָוויטש" (פּאָלעסיע). געשטאָרבן אין וואַלד פון אַ טיפוס־קראַנקייט, מאַי 1944.

געוועזענער פּוילישער אונטער־אָפיציר, אַרעסטירט. די סאָוועטן באַווייזן אים אָבער נישט אַרויסצופירן פון תפיסה בעת זייער איילן אָפּטרעטן און די דייטשן באַפרייען אים. ער אָריענטירט זיך אָבער גלייך אין דער לאַגע און רופט די יידן צו לויפן אין די וועלדער. ער פּלעגט כסדר זאָגן „די וועלדער קען מען נישט פאַרצוימען מיט שטאַכל־דראָט און ביי אַלע שווערע באַדינגונגען וועט זיך כאָטש אַ טייל ראַטעווען".

באַבראָוו האָט פיל ביי געטראָגן צום אויסבוי פון אָטריאַד און צו דער

פּאַראייניקונג מיט דער „מאָלאָטאָוו בריגאַדע", קאָמאַראָווס פּאַראייניקונג (געשטאָרבן אין וואַלד פון אַ טיפוס־קראַנקייט, מאַי 1944).

פון די אַנטלאָפענע יידן פון די שטעטלעך דיסנע, מיאָר, גלובאָקי, שאַרקאָווטשיזנע, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט שוצלאָז אויף די מאָך־בלאָטעס, וואָס ציִען זיך איבער די מיאָרער־דיסנער־ראַיאָנען (ווילנער קרייז), האָט זיך אָרגאַניזירט דער יידישער אָטריאַד א"נ „קאַגאַנאָוויטש ל. מ.".

ביים באַזייטיקן די אומגעהייערע שוועריקייטן פון אָרגאַניזירן דעם אָטריאַד האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט: אָטריאַד־קאָמאַנדיר, דוד פינצאָוו; אָטריאַד־קאָמיסאַר, שלמה צימער (ביידע שאַרקאָווטשיזנע) און שלמה מוסין (דרויע, ווילנער קרייז).

די אָרגאַניזאַציע פון אָטריאַד איז פאָרגעקומען לויט דעם אויפטראַג פון קאָמאַנדיר פון בריגאַדע „ספּאַרטאַק", מאַיאָר כאָמשטשענקאָ נאָך דעם ווי די א"ד, וועלכע האָבן געהערט צו דער זעלביקער בריגאַדע, האָבן אים אויפגעקלערט די פאַרצווייפלטע לאַגע פון די יידן.

שלמה מוסין איז פאַר דער מלחמה געווען אַ לערער אין דער דרויער אָרטיקער יידישער שול. בעת דער שחיטה (יולי 1942) געלינגט אים צו אַנטלויפן מיט אַ גרופּע יידן פון 70־80 מאַן אין וואַלד. ער העלפט מיט צו דער אָרגאַניזאַציע פון א"ד אָטריאַד און ווייזט אַרויס גרויס העלדישקייט אין די קאַמפן (געפאַלן אין קאַמף).

דער אָטריאַד האָט פאַר זיין קורצער עקזיסטענץ דורכגעפירט עטלעכע געלונגענע אָנפאַלן אויף דייטשן און פּאָליציי און זיך אַזוי אַרום גוט באַוואָפנט.

קאָמאַנדיר פון דער 51טער יידישער גרופּע ביים אָטריאַד „טשטשאָרס" (וואָלטשע־נאָרע, ביי סלאָנים), איז געווען דער רוסישער ייד פון האָמעל, פּיאָדאָראָוויטש. שוין בעת דעם פיניש־סאָוועטישן קריג אין 1940, באַקומט ער אַלס אָפיציר דעם „לענין"־אָרדן פאַר אַדורכרייסן די באַרימטע מאַנער־היים־ליניע.

אין יוני 1942 אַנטלויפט ער פון ביאַליסטאָקער געפאַנגען־לאַגער און דערשלעפּט זיך ביז די וואָלדער אין וואָלטשע־נאָרע. ער האָט אַלס קאָמאַנדיר פון דער 51טער יידישער גרופּע ביים אָטריאַד „טשטשאָרס" אַרויסגע־

וויזן זייער פיל איניציאַטיוו, און צייכנט זיך אויס צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער גרופּע אין אַלע קאַמפן, וועלכע דער אָטריאַד „שטשאָרס״ האָט אונטערגענומען.

ער האָט דאָס אויפגעגעבן און אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן צו ראַטעווען די קאָסאָוער געטאָ און דעם פּלאַן פון צעקלאַפּן די ווייסרוסישע „סאַמאָ־כאָוועס־שול״ אין הויף האַווינאָוויטש (סלאָנימער געגנט).

פּיאָדראָוויטש האָט געהאַט אַ וואַרעם יידיש האַרץ, און יעדן אָוונט,ביים פּאַרטיזאַנישן פלאַקער, פלעגט ער בעטן דערציילן, ווי יידן לעבן אין ארץ־ישראל. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ געדאַנק פון אַריבערכאַפּן זיך, נאָך דער מלחמה, דורך בעסאַראַביע קיין ארץ־ישראל. (געפאַלן ביים מאַרש אויף מזרח, דעם 14טן אָקטאָבער 1943, אין דער אומגעגנט פון טייך שטשאַרע לעבן סלאָנים).

פאַרדינסטן פאַר דער 51טער יידישער גרופּע האָט אויך געהאַט זרח קרעמען (סלאָנים), וועלכער איז צוערשט געווען דער פאַרבינדונגס־מאַן צווישן סלאָנימער אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט און דעם אָטריאַד א״נ „שטשאָרס״. אין אָטריאַד איז ער געווען קאָמאַנדיר פון 1טן דיוויזיע־ווזוואָד און זיך אויסגעצייכנט אין אַלע קאַמפן און דיווערסיע־אַקטן פון אָטריאַד.

פאַר דער יידישער פּאַרטיזאַנקע אין פּאָלעסיע האָט אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע ראָל ד״ר בלומאָוויטש, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן הויפּט־דאָקטאָר ביי דער בריסקער פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונג. (היינט צו טאָג, אַלוף משנה אונטערן נאָמען ד״ר עצמון. ער איז דער לייטער פון מעדי־ציניש־סאַניטאַרן דינסט פון צבא הגנה לישראל).

דער הויפּט־דאָקטאָר פון דער פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונג פון גענע־ראַל־מאַיאָר ביעגמאַ, ד״ר ערליך, געהערט גלייכצייטיק צום שטאַב אַלס ראַט־געבער און נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין די קאַמפן. ווערט אויסגע־צייכנט דורך דער סאָוועטישער רעגירונג מיט פיל אָרדנס.

ביים אָרגאַניזירן דעם אָטריאַד א״נ „קרוק״ און שפּעטער דעם באַזונ־דערן יידישן ווזוואָד אין דעם א״ד אָטריאַד, האָבן מיטגעווירקט: בערל לאָרבער (פּסעוודאָנים, מאַלינקע פון מאַניעוויטש) — ווזוואָד־קאָמאַנדיר; יוסף בלווישטיין (קאַמען־קאָשירסק) — פּאָליטישער דערציער און די אָפּ־

טייל־קאָמאַנדירן: יצחק קופּערבערג, יעקב צווייבל, יוסף צווייבל און וולאַ־דימיר ווערבאַ.

אונטערן איינדרוק פון דערציילונגען פון פּויערים וועגן רוסישע פּאַר־טיזאַנער, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין די דערפער, האָבן זיך, לויט דער איניציאַטיוו פון גד ראָזנבלאַט, ברידער קימלבלאַט און חיים וואָטשין, אָרגאַניזירט אַ גרופּע יוגנטלעכע פון זאַפּיוווקע (אויף יידיש, טראָבעגבראָד, וואָלין) און אַרויס אין די וועלדער. אַלס קאָמאַנדיר איז אויסגעוויילט געוואָרן גד ראָזנבלאַט (גרישאַ); קאָמיסאַר — קוטשער (וואַרשע, אַ געוועזענער זשורנאַליסט), און חיים (פּעטיאַ) וואָטשין אַלס פּאָליטרוק.

די גרופּע האָט געאַרבעט אויף אייגענער האַנט, נישט האָבנדיק אַ לענגערע צייט קיין שום פאַרבינדונגען מיט רוסישע פּאַרטיזאַנער. זי האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט מיט ניי־אָנגעקומענע און געציילט 60־70 מאַן. זיי האָבן זיך באַוואָפנט אויפן חשבון פון די וואַלד־וועכטערס און דורכ־געפירט פיל נקמה־אַקטן קעגן פּויערים — יידן־מערדערס און רויבערס, ווי אויך אונטערגענומען אַ רייַ קאַמפן מיט די אַרומיקע גאַרניזאָנען. שפּעטער האָט זיך די גרופּע אַריינגעגאָסן אין קאָוופּאַקס אָטריאַד.

בעתן באַרימטן מאַרש פון קאָוופּאַקן צו די קאַרפּאַטן־בערג האָט ער אויפגענומען אין זיין אָטריאַד פיל אויסבאַהאַלטענע יידן אין די וועלדער און ביי די פּויערים.

נאָכן באַפרייען די יידן פון אַרבעטס־לאַגער סקאַלאַט (מזרח־גאַליציע) האָט קאָוופּאַק געשאַפן פון זיי אַ יידישע נאַציאָנאַלע (7טע) ראָטע, באַשטי־מענדיק אַ יידישע קאָמאַנדע פון דערפאַרענע פּאַרטיזאַנער פון די אַנדערע ראָטעס. די ראָטע האָט געציילט לערך 75 מאַן, צווישן זיי 10 מיידלעך.

אַלס קאָמאַנדיר פון דער 7טער נאַציאָנאַלער ראָטע איז אויסגעוויילט געוואָרן יואל שטשערבאַטע (וואַניאַ); פּאָליטרוק חיים (פּעטיאַ) וואָטשין; קאָמאַנדיר פון דער ערשטער אָפּטיילונג — גד ראָזנבלאַט (גרישאַ); קאָ־מאַנדיר פון דער צווייטער אָפּטיילונג קופּער אַדאַם; קאָמאַנדיר פון דער דריטער אָפּטיילונג — חאַיציק זיסיע; סטאַרשינאַ — אָשר פישפּיידער.

שפּעטער איז אַלס קאָמאַנדיר פון דער ראָטע נאָמינירט געוואָרן — גד ראָזנבלאַט.

צוליב די גרויסע פאַרלוסטן, וועלכע די יידישע ראָטע האָט געליטן

ביים אַרויסרייסן זיך פון אַרומרינגלונג אין די קאַרפּאַטן־בערג (ביי דער שטאָט דעליאַטין, ביים דניעסטער א״אַ), איז די ייִדישע ראָטע אויפגעלייזט געוואָרן און די פּאַרטיזאַנער זענען צוגעטיילט געוואָרן צו די געמישטע ראָטעס, ווו אויך פריִער זענען שוין געווען ייִדישע קעמפערס.

באַלד נאָך די גרויסע שחיטות אין לידער געביט (8טן — 12טן מאַי 1942), זענען אין נאַטשער פּושטשע געקומען ייִדן פון די נאָענט־ליגנדיקע שטעט און שטעטלעך (לידע, ראַדון, וואָראָנאָווע, איישישאָק, וואַסילישאָק, סאָבאַקינצע, זאַנעלאָטש א״אַ) און צוזאַמען מיט די ייִדן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אָדער געאַרבעט ביי די פּויערים אין אומגעגנט פון דער פּושטשע, נאָך פון פאַר דער שחיטה, אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

אַ רוסישע גרופּע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָט זיך אין צווישנצייט אָרגאַניזירט און זיך פאַרנומען בלויז מיט רויבעריי, האָט נאָך דעם, ווי די ייִדישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע איז פאַרגרעסערט געוואָרן מיט ניי־אָנגעקומענע מענטשן, דערוואָרבן געווער און גלענצנדיק דורכגעפירט קאַמפּס־אָפּעראַציעס אויף אייגענער האַנט (פאַרברענט די נאַטשער גמינע, צעשטערט צוויי מעלקערייען, דערמאָרדעט בעת אַ לויערונג דעם ראַדונער דייטשן אָבער־מייסטער פון דער זשאַנדאַרמעריע א״אַ), געמאַכט אַ פאָרשלאַג צו פאַר־אייניקן זיך און לסוף, אין ענדע פעברואַר 1943, געשאַפן אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד, א״נ „לענינסקי קאָמסאָמאָל״, (שפּעטער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ בריגאַדע אונטערן זעלבן נאָמען).

אַ גרויסע ראָל אין דער רוסישער פּאַרטיזאַנקע פון נאַטשער פּושטשע האָט געשפּילט הלל מאַרגאָליס (וואַרשע). לכתחילה איז ער אויסגענוצט געוואָרן אַלס ראַדיסט און גלייכצייטיק אַלס סאַניטאַר און פעלדשער אין אָטריאַד. דער בריגאַדע־שטאַב „לענינסקי קאָמסאָמאָל״ האָט אָפּגעשאַצט זיין הויכע אינטעליגענץ און שפּראַכן־קענטעניש, און אים באַשטימט אַלס שטאַב־נאַטשאַלניק פון אָטריאַד „קאָטאָווסקי״. אויפן דאָזיקן אַמט האָט ער אַרויסגעוויזן גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקייטן און איז שפּעטער אַריבערגעפירט געוואָרן אין בריגאַדע־שטאַב אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר. (געפאַלן נאָך דער באַפרייאונג דורך די הענט פון ווייס־פּוילישע מערדערס).

אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון רוסישן אָטריאַד „לע־

נינסקי קאָמסאָמאָל״ האָט געשפּילט איליאַ גרייס (גאָרקי, רוסלאַנד), וועל־כער איז געבליבן שטעקן אין באַטשער פּושטשע נאָך דער אַרומרינגלונג פון דער רויטער אַרמיי. אַלס „פּאָליטרוק״ פון אָטריאַד האָט ער באַוויזן אויספאָרמירן, פון אַן אויפגעלאָפּענער מאַסע, אַ דיסציפּלינירטן קעמ־פערישן אָטריאַד. (געפאַלן אין קאַמף ביים דאָרף פּאָדעמביע מיט דער ליטווישער אַנטי־פּאַרטיזאַנישער זעלבסטשוץ).

מישע מעדלינסקי (סוואַלק) האָט אָרגאַניזירט גרופּעס ייִדן פון מיי־טשעט, דוואָרעץ און אַרומיקע שטעטלעך אין די סוואָראָטעווער וועלדער (לעבן באַראַנאָוויטש) און שפּעטער צוזאַמען מיט זיי זיך אַריינגעגאָסן אין דעם געשאַפענעם אָטריאַד „גראָזני״, וועלכן ער העלפט אויך אָרגאַניזירן און ווי ער ווערט ראָטע־קאָמאַנדיר.

אין די זשיטאָמירער וועלדער (סאָוועטיש־אוקראַינע) איז געווען פּאָ־פּולער דער ייִדישער קאָמאַנדיר פון אַ רוסישן אָטריאַד, אינזשיניער מישאַ גילדענמאַן (פּסעוודאָנים „דיאַדיאַ מישאַ״ — דער פעטער מישאַ).

נאָך דער שחיטה אין קאָרעץ (וואָלין) דעם 21טן מאַי 1942, איז גיל־דענמאַן אַרויף אויפן בעלעמער אין בית־מדרש און אויסגעשריגן:

„הערט מיר אויס אומגליקלעכע, צום טויט פאַראורטיילטע ייִדן! פריִער מיט אַ שעה האָב איך קוקנדיק אויף דעם צופרידענעם פּנים פון געשטאַפּאָ־נאַטשאַלניק געטראַכט: „אויב דאָס איז אַ מענטש — שעם איך זיך פאַר דער מענטשהייט״. און איצט, ווען איך קוק אויף אייך, ווי אַזוי איר רעאַ־גירט אויף דער גרויסער עוולה, וואָס די דייטשן און אוקראַינער זענען קעגן אייך באַגאַנגען, טראַכט איך: אויב דאָס איז אַ פאָלק, שעם איך זיך פאַר אַזאַ פאָלק. ווייסט, אַז מיר אַלע זענען פאַראורטיילט צום טויט — ווער פריִער, ווער שפּעטער, נאָר איך וועל ווי אַ שעפּס נישט גיין צו דער שחיטה.

...עס שרעקט מיר נישט דער טויט, נאָר איידער איך וועל שטאַרבן, מוז איך כאָטש איין דייטש מיט מיינע הענט דערווערגן, איין דייטשע פרוי פאַר אַן אלמנה מאַכן און איין דייטשיש קינד פאַריתומען און דאַן וועל איך שטאַרבן מיט אַ רויִק געמיט. תמות נפשי עם פלשתים!״

(מ. גילדענמאַן —„חורבן קאָרעץ״, ז״ז 55, 56).

דעם 23טן סעפּטעמבער 1943, ווען אין דער לופט האָט זיך שוין

געפּילט די ליקווידאַציע־שחיטה איז גילדענמאַן צוזאַמען מיט זיין זון שמחה (פּסעוודאָנים ליאָנקאַ) און נאָך 16 יידן אַרויס פון געטאָ, האָבנדיק אין באַזיץ בלויז... איין רעוואָלווער מיט געציילטע קוילן.

כדי צו קריגן געווער זענען זיי אָנגעפאַלן אויף אַ וואַלד־וועכטער און געקראָגן אַ רוסישן ביקס און אַ יאַגד־ביקס. זיי האָבן איינגעאָרדנט אַ לויערונג אויף פּאָליציילייט, וואָס זענען געפאָרן מאָביליזירן אוקראַינישע יוגנט אויף אַרבעט אין דייטשלאַנד (לעבן דאָרף יעלגאַ, ראָקיטנער געגנט). זיי האָבן געהרגעט זעקס פּאָליציסטן און אין זייערע הענט זענען אַריינגע־פאַלן טראָפייען: זעקס ביקסן, צוויי רעוואָלווערן און דריי האַנט־גראַנאַטן. אָנפאַלן אויף קליינע פּאָליציי־סטאַנציעס אין אומגעגנט פון שטעטל וויסאָצק (וויזשיצע, סטאַראַיע סיעלאָ א״אַ), האָבן פאַרגרעסערט זייער געווער־רע־זערוו. אין געציילטע וואָכן האָבן זיי זיך שוין געקענט דערלויבן אָנצונעמען נייע מענטשן און פיל יידן, וואָס האָבן אַרומגעבלאָנקעט אין די וועלדער זענען אַריין אין אָטריאַד.

אַזוי ווי אין יענע וועלדער האָבן זיי זיך נישט אָנגעטראָפן מיט רוסישע פּאַרטיזאַנער און ״באַנדעראָווצעס״ האָבן פריי אַרומגעהוליעט, האָט די גרופּע אַריבערגעוואַנדערט קיין פּאָלעסיע. אויפן וועג, צווישן קלאָסאָווע און ראָקיטנע, זענען זיי געקומען געוואָרן אין קלעם דורך די דייטשן און בלויז געציילטע מענטשן איז געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען. אַ שטיקל צייט זענען זיי געווען טעטיק אין וויסאָצקער געגנט און שפּעטער אַריבער אין זשיטאָמירער ראַיאָן.

דאָרט איז געשאַפן געוואָרן די ״יעוו־גרופּאַ״ (יידישע גרופּע) אונטערן נאָמען פון איר קאָמאַנדיר ״דיאַדיאַ מישאַ״. נאָך זייער באַגעגעניש אין דאָרף ראָוודין מיט סאַבוראָווס פּאַרטיזאַנער גרופּע, זענען אַ סך יידישע פּאַרטיזאַנער אַריבערגעפירט געוואָרן פון סאַבוראָוון צו דיאַדיאַ מישעס ״יעוו־גרופּאַ״. אין יאָר 1943 האָט דיאַדיאַ מישאַ, לויט אַ באַפעל פון מאָסקווע, מאָביליזירט אין זיין אָטריאַד די אָרטיקע אוקראַינישע יוגנט. די נישט־יידן האָבן שוין געבילדעט אַ מערהייט און יידן זענען געווען בלויז 30־35 פּראָצענט.

דיאַדיאַ מישאַס אָטריאַד האָט געפירט פיל קאַמפן און צעטריבן די גאַרניזאָנען אין שטעטל ראַזוואַדאָוו און אין די דערפער: אַלעקסאַנדראָווקע,

מוכאַידע, נאָרינסק און ווילידניק. זיינע פּאַרטיזאַנער האָבן אויפגעריסן די בריק איפן טייך טיטאַראָוו לעבן שטעטל בוגסילאָוו (פעברואַר 1943); די קינאָ־געביידע אין שטעטל נאַראָווע, בעת אַ פייערלעכער פאַרשטעלונג פאַר דייטשע סאָלדאַטן (21טן יוני 1943); דערהרגעט דעם דייטשן געביטס־קאָמיסאַר אין טשאַפּעוויטש (אַפּריל 1943) און צוזאַמען מיט קאָוופּאַקס



אינזש. מישאַ גילדנמאַן
(„דיאַדיאַ מישאַ")

קאָמאַנדיר פון אַ רוסישן אָטריאַד אין געגנט פון זשיטאָמיר. באַאָרדנ־טער מיט הויכע סאָוועטישע און פּוילישע אָרדנס פאַר זיינע פאַר־דינסטן אין פּאַרטיזאַנקע, און שפּע־טער אין דער אַרמיי (היינט — אין ישראל).

אָטריאַד אויפגעריסן אַ בריק לעבן דער שטאָט אָלעווסק אויף דער אייזנבאַן־ליניע אָוורוטש־האָלינקאָוויטש־מינסק (מערץ 1943).

פאַר דער באַפרייאונג האָט ער אָנגעגריפן דעם דייטשן גאַרניזאָן אין שטעטל נאָוואָשיפּליצי. נאָך אַ 6־שעהדיקן פאַרביטערטן קאַמף, איז דאָס שטעטל באַפרייט געוואָרן. דער נצחון האָט דערמעגלעכט דער פאַרויס־

גייענדיקער רויטער אַרמיי צו פאַרסירן אין דעם אָרט דעם פּריפּעט און אַן שום שטערונגען זיך באַוועגן פאָרויס.

נאָך דער באַפרייאונג איז „דיאַדיאַ מישאַ" אויפגענומען געוואָרן אויף אַן אוידיענץ ביי וואָראָשילאָוו, וועלכער האָט אים פאַרגעלייגט צו בלייבן אין הינטערלאַנד אַלס אינזשיניער. „דיאַדיאַ מישאַ" האָט געענטפערט, אַז זיין שטרעבונג איז פאַרצוזעצן דעם נקמה־קאַמף ביזן זיגערישן אַריינמאַרש אין בערלין. „מיין לעצטן וועקסל וועל איך אויפמאָנען פון היטלערן אין בערלין גופא..." נאָכן אַדורכגיין אַן אָפיצירן־קורס אין פּאָוולאָווסק, האָט ער זיך פרייוויליק מאָבּיליזירט אין אַן אינזשיניערן־פאָרמאַציע. ער האָט געענדיקט די מלחמה אין בערלין, אין ראַנג פון קאַפּיטאַן, צוזאַמען מיט זיין זון שמחה (ליאָנקע), וועלכער האָט אויך געדינט אין דער רויטער אַרמיי.

זיין זון ליאָנקע איז געווען דער אויסשפּיר־נאַטשאַלניק פון אָטריאַד און טראָץ זיין יונגקייט האָט ער אַרויסגעוויזן מוטיקייט, אַקטיוויטעט און קאַמפּס־איניציאַטיוו.

דער פאָטער און זון זענען באַאָרדנט געוואָרן מיט הויכע סאָוועטישע און פּוילישע אָרדנס און מעדאַלן פאַר זייער טעטיקייט אין די וועלדער און, שפּעטער, אין דער אַרמיי. (ביידע לעבן היינט אין ישראל).

פון ביאַליסטאָקער געטאָ איז אין דער ערשטער ריי אַרויס אין די וועלדער די פּראָווינצער יוגנט, וועלכע האָט זיך נאָך די שחיטות אין זייערע שטעטלעך אַריינגעכאַפּט אין דעם „גליקלעכן" געטאָ, וועלכן מען האָט ביז דאַן נאָך נישט געריררט.

אַ גרופּע פון 16 מאַן, ס'רוב קרינקער, אונטער דער אָנפירונג פון סאַשע שליאַפּאַק („מאַקסים"), אַן אויסגעשולטער מיליטער־מאַן, האָט שוין אין נאָוועמבער 1942 פאַרלאָזן דאָס געטאָ און אַרויס אין די נאָענטע סופּ־ראַסלער וועלדער. ענדע יאַנואַר 1943 זענען די דייטשן פּלוצלינג אָנגע־פאַלן אויף זייער באַזיס און דערשאָסן דעם קאָמאַנדיר מיט נאָך זעקס פּאַרטיזאַנער. פיר מאַן, וועלכע עס איז געלונגען זיך צו ראַטעווען פון דער דייטשער אַרומרינגלונג, זענען, צוליב אַ מסירה פון אַ פּויער, אַריינגעפאַלן צו די דייטשן. פון דער ערשטער גרופּע זענען געבליבן לעבן בלויז גע־ציילטע.

טראָץ דעם דורכפאַל האָבן נישט אויפגעהערט אָנצוקומען אין די סופּראַסלער און איזאָוועער וועלדער גרופּעס אָרגאַניזירטע און אומאָרגאַניזירטע יידן פון ביאַליסטאָקער און אַנדערע שכנישע געטאָס. צום אָנהייב זענען זיי געווען טעטיק ווי באַזונדערע גרופּעס. זומער 1943, האָבן זיך אַלע גרופּעס פאַראייניקט און עס איז געשאַפן געוואָרן דער יידישער אָטריאַד „פּאָרוויס".

צו דער אָטריאַד־קאָמאַנדשאַפט האָבן געהערט: יונה סוכאַטשעווסקי (פּסעוודאָנים — סאַשאַ) — קאָמאַנדיר; רבקה וואָיסקאָווסקאַ — קאָמיסאַר; אליהו בוימאַטש, ח. לאַפּטשינסקי, ש. דאַטנער (טאַלק), ש. באַראָוויק, ב. קירזשנער און ח. חלץ — ראָטע־ און וזוואָד־קאָמאַנדירן.

עס זענען אויך געווען באַזונדערע „ווילדע" גרופּעס. די פּאָפּולערסטע צווישן זיי איז געווען די גרופּע א"נ „ביאַלע קאָזשוכי" (ווייסע פּעלצן), וועלכע האָט אַ שטיקל צייט אָפּערירט צוזאַמען מיט אַ גרופּע פּוילישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָט געהערט צו דער אַנטיסעמיטישער „אַ. ק." (אַרמיאַ קראַיאָוואַ).

ביז דער ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ, איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן אַן ענגער קאָנטאַקט מיט דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ און די פּאַרטיזאַנער האָבן באַקומען סיסטעמאַטישע הילף אין געווער, מעדיקאַמענטן, מלבושים און אפילו שפּייז־פּראָדוקטן. לויטן צוזאַמענרייד, האָבן די פּאַרטיזאַנער, אין פאַל פון אַן „אַקציע", געדאַרפט איילן צוהילף דעם געטאָ, אָבער די דייטשן האָבן צונישט געמאַכט דעם פּלאַן. די פּאַרטיזאַנער האָבן צעשטעלט וואַכן ביי די וואַלד־ראַנדן, כדי צו ריכטן די געראַטעוועטע פון געטאָ צו זייער באַזיס אין די וועלדער. די געציילטע יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון געטאָ, אָדער פון די צוגן, וואָס האָבן זיי געפירט קיין טרעבלינקע, האָבן געפונען אין די באַזיסן פון אָטריאַד ‚פּאָרוויס" אַ שוץ און אַ שאַנס פון נקמה.

די יידישע פּאַרטיזאַנער אין ביאַליסטאָקער אומגעגנט, האָבן אָפּערירט און געלעבט אין גאָר אַנדערע באַדינגונגען, ווי אין די אַנדערע פּאַרטיזאַנער־זאָנעס. זייער באַזיס איז געווען צו נאָענט פון אַ גרויסער שטאָט — אַ וויכטיקער אַדמיניסטראַטיווער צענטער און אַ קאָנצענטראַציע פון באַדייטנדיקע דייטשע מיליטערישע כוחות; די וועלדער זענען קליינע און „קול־

טורעלע״; די פוילישע באַפעלקערונג איז געווען פיינטלעך צו די גערא־טעוועטע יידן; און דער עיקר, עס איז דאָ נישט געווען קיין רוסישע פּאַר־טיזאַנער־באַוועגונג. צוליב דעם איז דאָ געווען זייער שווער זיך צו דערהאַלטן און דאָס האָט פאַראוממעגלעכט סאַבאָטאַזש און קאַמפּס־אָפּע־ראַציעס איז אַ גרויסן מאַסשטאַב.

אַ באַדייטנדיקער טייל פון די יידישע פּאַרטיזאַנער איז געפאַלן אין קאַמפן, בעת דייטשע אָבלאַוועס און בלאָקאַדעס און ביי די פאַרשיידנסטע אומשטענדן. צווישן אַנדערע איז בעת אַ דייטשן אָנפאַל אין איזאָוועד וואַלד (דעם 25טן סעפּטעמבער 1943) געפאַלן דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר, סוכאַ־טשעווסקי. אין דעם פאַרביטערטן קאַמף איז געפאַלן אַ גאַנצע יידישע ראָטע און דער קאָמאַנדיר, זעענדיק אַז עס באַשטייט אַ סכנה אַריינצופאַלן אַ לעבעדיקער צו די דייטשן, האָט זיך אַליין אַריינגעשאָסן אַ קויל אין שלייף. דער אָטריאַד „פאָרויס״ האָט אויך געהאַט דורכפאַלן צוליבן פאַרבינדן זיך מיט קליינע גרופּעס פון רוסישע מלחמה־געפאַנגענע, וואָס זענען נישט אַלעמאָל געווען פריי פון אַנטיסעמיטישע פאָראורטיילן און געפילן.

דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר די יידישע פּאַרטיזאַנער אין ביאַליסטאָ־קער אומגעגנט איז דאָס, וואָס זיי זענען געווען אָנגעוויזן אויף הילף אין געווער, קליידער און טייל וויז אפילו אין שפּייז, פון דער שטאָט. ביז דער ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ (16טן אויגוסט 1943), פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, און שפּעטער דורך דער גרופּע יידישע מיידלעך, וואָס האָבן זיך איינגעאָרדנט אויף דער „אַרישער״ זייט און זענען געווען די פאַרבינדלערינס צווישן אַנטיפאַשיסטישן שטאָטישן קאָמיטעט מיט די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער.

מיטן אָנקום פון דער פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע א״נ „קאַסטיוס קאַלי־נאָווסקי״ (אַפּריל 1944) אונטער דער אָנפירונג פון קאַמבריג, וואָיטשע־כאָווסקי (קאַפּוסטינס פאַראייניקונג) איז געקומען צו אַ באַדייטנדיקער פאַרלייכטערונג פאַר די יידישע פּאַרטיזאַנער. דער יידישער אָטריאַד „פאָרויס״ איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער א״ד בריגאַדע, שפּעטער — פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן און זיינע חברים זענען צעשאָטן געוואָרן צווישן די אַנדערע בריגאַדע־אָטריאַדן.

אין 1943טן יאָר איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון אַן עראָפּלאַן דורך אַ

פּאַראַשוט אין די רודניצקער וועלדער יורגיס (זימאַן הענעך), בכדי צו אָרגאַניזירן אַ סאָוועטישע פּאַרטיזאַנקע אין ליטע. שנעל בויט ער אויס אַ פאַרצווייגטע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין דרום ליטע אין וועלכער ייִדן זענען צאָלרייך פאַרטראָטן (בעיקר פון ווילנע, קאָוונע און אומגעגנט).

הענעך זימאַן (יורגיס) איז געבוירן געוואָרן אין 1910טן יאָר אין דער משפּחה פון אַ ישובניק. געלערנט זיך אין מאַריאַמפּאָלער און ווילקאָווישער גימנאַזיעס. אין 1925 איז ער אָנגעקומען אין קאָוונער אוניווערזיטעט אויפן ביאָלאָגישן פאַקולטעט, צוגלייך איז ער געווען לערער פאַר נאַטור־וויסנ־שאַפט אין דער ווילקאָמירער ייִדישער גימנאַזיע. נאָכדעם איז ער געוואָרן לערער אין דער קאָוונער האַנדלס־גימנאַזיע.

אין יאָר 1943 טרעט ער אַריין אין דער ליטווישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. פון יאָר 1933 אַרבעט ער אין דער „ייִדישער בילדונגס־געזעל־שאַפט“ און אין דער צייטונג „פאָלקס־בלאַט“.

פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן ביים אָרגאַניזירן די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין ליטע און העלדישן קאַמף קעגן די אָקופּאַנטן, איז זימאַן באַלוינט געוואָרן מיטן „לענין“־אָרדן און מיט דריי מעדאַלן. איצט פאַר־נעמט ער אַ פירנדיקן פּאָסטן אין דער ליטווישער סאָוועטישער רעפּובליק.

די געראַטעוועטע פון קאָוונער געטאָ, וואָס זענען אָנגעקומען אין די רודניצקער וועלדער, האָבן געבילדעט אַ מערהייט אין די „ליטווישע“ אָטריאַדן: „אַ טויט די אָקופּאַנטן“, „ווּלאַדאַס באַראַנעס“ און „פּאַרוועדטס“. די אָנפירונג איז געווען אַ ליטוויש־רוסישע. בלויז די קאָמיסאַרן פון די אָטריאַדן „ווּלאַדאַס באַראַנעס“ און „פּאַרוועדטס“ זענען געווען ייִדן פון קאָוונער געטאָ: מישאַ בעלקין און חיים־דוד ראַטנער.

די א״ד ייִדישע אָטריאַדן, וואָס האָבן זיך רעקרוטירט פון די געראַ־טעוועטע פון ווילנער און קאָוונער געטאָס, זענען געווען אַ באַשטאַנדטייל פון דער ליטווישער בריגאַדע, אונטערן אָנפיר פון ליטווישן ייִד יורגיס. דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „באָרבאַ“ איז געווען דער רוסישער ייִד, קאַ־פּיטאַן פון דער רויטער אַרמיי, וואַסילענקאָ, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין דערציילט, אַלס אַן אַנטלאָפענער פון 9טן „פאָרט“ אין קאָוונע. ביי יורגיסן אין שטאַב האָבן געאַרבעט אונטערן ליטווישן נאָמען, מאַלאַשינסקאַס דער

ווילנער ייִדישער בחור, ליאָווע סענדעראָוויטש, וועלכער איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון אַ פּאַראַשוט אין די רודניצקער וועלדער.

די אָנפירונג פון די צוויי ייִדישע אָטריאַדן „זאַ פּאָביעדו״ (פּאַרן נצחון) און „מסטיטעל״ (דער נקמה־נעמער), אין רודניצקער פּושטשע, ביי ווילנע, איז כמעט ביז דער לעצטער צייט געווען אַ ייִדישע.

די אָנפירערס פון אָטריאַד „פּאַרן נצחון״ זענען געווען: שמואל קאַפּל־ינסקי (ווילנע) — קאָמאַנדיר, שפּעטער אברהם שאַברינסקי (באַראַנאָ־וויטש); בערל שערעשניעווסקי — קאָמיסאַר; יצחק טשוזשאָי (ווילנע) — נאַטשאַלניק פון אויסשפּיר־דינסט; ד״ר לעאָ בערענשטיין (געב׳ דייטש־לאַנד) — סטאַרשינאַ — ווירטשאַפטס־לייטער. (היינט־צו־טאָג אין ישראל).

קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „דער נקמה־נעמער״ איז געווען אַבאַ קאָוונער (ווילנע, היינט אין ישראל); דריי חדשים פאַר דער באַפרייונג איז אויף זיין אָרט באַשטימט געוואָרן דער ליטווין פּעטראַיטיס; נאַטשאַלניק פון אויסשפּיר־דינסט — חנן מאַגיד (ביאַליסטאָק); שטאַב־נאַטשאַלניק פוןביידע א״ד אָטריאַדן איז געווען דער ליטווישער ייִד — גידאַליס, (זיין אמתער נאָמען — איסער שמידט); קאָמיסאַרין פון ביידע אָטריאַדן — כיענע באַ־ראָווסקאַ (ווילנע).

אַ געוויסע ראָל ביים אָרגאַניזירן די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין רוד־ניצקער פּושטשע האָט אויך אָפּגעשפּילט חיים לאַזאַר (ווילנע, היינט אין ישראל), וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפן (פּאַרלאָרן אַ האַנט ביים אונטערלייגן אַ מינע אונטער אייזנבאַן־רעלסן).

דאָס כאַראַקטעריסטישע פון דער ייִדישער פּאַרטיזאַנקע אין רודניצקער פּושטשע איז געווען דאָס, וואָס איר טרעגערס האָבן איר צוגעגעבן אַ ייִדישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער (אַלע געקומענע פון די אונטערערדישע פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציעס פפּ״א און גרופּע „איליאַ שיינבוים״ אין ווילנע) און דער לפי־ערך קורצער צייט פון קאַמף אין די וועלדער (אַרויס פון ווילנער געטאָ ענדע סעפּטעמבער 1943, לערך, ניין חדשים פאַר דער באַפרייונג).

פאַר די צייטן פון דער סאָוועטישער הערשאַפט אין וואָלין (1939—1941) האָט געאַרבעט אַלס מיליציאָנער אין סיערניק אפרים באַקאַלטשוק, צוזאַמען מיט אַן אוקראַינער פון דעם דאָרף וויטשעווקע מיטן נאָמען מאַקסים מיסיורא. ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט די געגנט, זענען זיי ביידע אַנטלאָפן

אויף מזרח. קומענדיק צו קיִעוו און נישט קענענדיק גיין ווייטער צוליב דעם, וואָס די געגנט איז באַזעצט געוואָרן דורך דייטשן, באַשליסן זיי צוריקקערן זיך צו זייערע היימען.

אַלס געוועזענער מיליציאָנער קען זיך אפרים נישט צוריקקערן קיין סיערניק און ער באַהאַלט זיך אויס צווישן די יִדן אין שטעטל דאָמבראָווע. מיסיורא באַהאַלט זיך אויס ביי באַקאַנטע פּויערים אין די אַרומיקע דערפער. די גאַנצע צייט האַלטן זיי אונטער צווישן זיך אַ קאָנטאַקט.



אַלעק אַבוגאָוו (אָדעס)

קאָמאַנדיר פון רייטער אויסשפּיר־דינסט („ראַזוויעדקע”) פון דער פּאַר־טיזאַנער־פאַראייניקונג פון גענ. ביעג־מאַ־פּיאָדאָראָוו און איינער פון די אָר־גאַניזאַטאָרן פון דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע אין וואָלין און פּאָלעסיע (היינט — אין ישראל)

זומער 1942 באַשליסן זיי ביידע אַוועקצוגיין אין וואַלד און אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע. צו זיי פּאַראייניקט זיך באַלד אין וואַלד אַ גרופּע יידן פון סיערניק, וועלכע זענען אַנטלאָפן נאָך פאַר דער גרויסער שחיטה (ענדע סעפּטעמבער 1942).

אַלס קאָמאַנדיר פון ניי־געשאַפענעם אָטריאַד ווערט נאָמינירט מאַקסים מיסיורא; קאָמיסאַר — פלוזשניקאָוו (אַ רוס); שטאַב־נאַטשאַלניק — יער־

מאָלענקאָ (אַן אוקראַינער); קאָמענדאַנט — אפרים באַקאַלטשוק; לייטער פון מעדיציניש־סאַניטאַרן דינסט — ד״ר ב. ערליך; קאָמאַנדיר פון אויס־שפיר — אַלעק אַבוגאָוו; קולטור־לייטער — מלך באַקאַלטשוק.

זומער 1943 ציילט שוין דער אָטריאַד, וועלכער באַקומט דעם נאָמען 'וואָראָשילאָוו״, איבער 200 מאַן, פון זיי 80 יידן. דער אָטריאַד גילט, ווי דער שטאַרקסטער און שלאַכט־פעיִקסטער אין דער גאַנצער ראָוונער־פּאַראייניקונג. די יידן פון דעם אָטריאַד צייכענען זיך אויס אין אַלע קאַמפן און זיי גיבן אויך די גרעסטע צאָל קרבנות אין די קאַמפן.

דער אָדעסער ייד אַלעק אַבוגאָוו, איז ביים אָנהויב פון קריג מאָבילי־זירט געוואָרן אַלס רעזערוו־אָפיציר און אָפּגעשיקט געוואָרן צום פראָנט. נאָך צוויי מאָנאַטן קאַמף פאַלט ער אַריין אין געפאַנגענשאַפט אין קאָוועל. עס גיט זיך אים איין איבערצוקויפן די דייטשע וואַך און, צוזאַמען מיט נאָך פיר חברים, צו אַנטלויפן אין די וועלדער. דאָרט טרעפן זיי אָן נאָך פופצן אַנטלאָפענע רוסישע זעלנערס. אַבוגאָוו שטעלט זיך אין דער שפּיץ פון דער גרופּע, באַקומט געווער און הייבט־אָן אָנפאַלן אויף קליינע דייטשע גרופּעס. אין אַ קורצער צייט האָט שוין זיין גרופּע געציילט איבער 65 מאַן רוסישע קריגס־געפאַנגענע. די דייטשן פירן דורך אין די וועלדער (הינטער בריסק) אַ גרויסע אָבלאַווע און אַלעק פירט אַוועק זיין גרופּע אין די פינסקער וועלדער.

האַרבסט 1942טן יאָר באַווייזט זיך אין דער געגנט אַ גרויסע פּאַרטי־זאַנער־פּאַראייניקונג אונטער דער אָנפירונג פון די גענעראַלן מאַיאָר ביעגמאַ און פיאָדאָראָוו (ראָוונער).

אַבוגאָוו טרעט־צו צו דער פּאַראייניקונג. ער ווערט נאָמינירט צוערשט אַלס קאָמאַנדיר פון רייט אויסשפּיר־דינסט פון אָטריאַד „וואָראָשילאָוו״, שפּעטער ווערט ער נאַטשאַלניק פון שטאַב פון א״ד אָטריאַד. שנעל צייכנט ער זיך אויס מיט זיינע העלדישע טאַטן און ווערט נאָמינירט דורך דעם גענעראַל ביעגמאַ אַלס קאָמאַנדיר פון אַלע אויסשפּיר־גרופּעס פון דער פּאַראייניקונג. דעם פּאָסטן פאַרנעמט ער ביז דער באַפרייונג.

אַלעק אַבוגאָוו איז געווען באַרימט אין דער גאַנצער געגנט מיט זיין העלדישקייט. דער נאָמען אַלעק האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די היטלע־ריסטישע העלדן. ביז היינט צו טאָג דערמאָנען אַלע לעבנגעבליבענע פּאַר־

טיזאַנער פון יענער געגנט מיט ערע דעם אויספירער־העלד, וועלכער האָט זיך שטענדיק באַוויזן דאָרט, ווו דער שונא האָט אים אַמווייניקסטן דערוואַרט און וועלכער האָט גענומען נקמה פאַר דאָס אומשולדיק־פאַרגאָסענע יידישע בלוט, נישט רעכענענדיק זיך מיט זיין אייגענעם לעבן.

אַ גרופּע קאָמאַנדירן פון מינסקער געטאָ אין נאַליבאָקער פּושטשע.

עס זיצן פון רעכטס צו לינקס (ערשטע שורה): הירש סמאָליאַר — אָטריאַד־קאָמיסאַר פון אָטריאַד „סערגיי לאַזאָ"; ש. זאָרין — קאָמאַנדיר פון אָטריאַד נומער 106; ב. כאַימאָוויטש — קאָמיסאַר פון ערשטן אָטריאַד פון דער 208טער בריגאַדע;

עס שטייען פון רעכטס צו לינקס: ג. פעלדמאַן — קאָמיסאַר פון אָטריאַד „25 יאָר ווייסרוסלאַנד"; י. קראַוטשינסקי — קאָמאַנדיר פון אַ דיווערסיע־ווזוואָד אין אָטריאַד א"נ „מאַרשאַל בודיאָני"; כ. פייגעלמאַן — קאָמיסאַר פון אָטריאַד נומער 106 (זאָרינס).

די סאָוועטישע רעגירונג האָט אים אויסגעצייכנט מיט די אָרדנס: „פּאָטערלענדישער קריג" און „רויטער שטערן" און מעדאַלן: „פאַר קאַמפּס־פאַרדינסטן", „זיג איבער דייטשלאַנד", „פּאַרטיזאַנער־מעדאַל" 1טע און 2טע מדרגות (היינט צו טאָג, אין ישראל).

די ייִדן פון מינסקער געטאָ זענען געווען מיטאָרגאַניזאַטאָרן פון זיבן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן:

דער אָטריאַד נומער 496, וואָס האָט זיך שפּעטער אַריינגעגאָסן אין „דיאַדיאַ וואַסיעס״־אָטריאַד. קאָמיסאַר ב. כאַימאָוויטש; דער 5טער אָטריאַד א״נ „קוטוזאָוו״ (2טע מינסקער בריגאַדע); דער אָטריאַד א״נ „בודיאָני״ (בריגאַדע „פּאָנאָמאַרענקאָ״), קאָמאַנדיר פון אַ דיווערסיע ווזוואָד, דער מינסקער ייִד — וו. קראַוטשינסקי; דער אָטריאַד א״נ „דזשערזשינסקי״ (בריגאַדע „פרונזע״); דער אָטריאַד א״נ „סערגיי לאַזאָ״, קאָמיסאַר הערשל סמאָליאַר; דער אָטריאַד א״נ „פּאַרכאָמענקאָ״ (בריגאַדע „טשאַפּאַיעוו״); אָטריאַד „נומער 106״ — קאָמאַנדיר, ש. זאָרין.

אחוץ דעם אָטריאַד „נומער 106״, ווו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט איבער 700 מינסקער ייִדן, מערסטנטייל קאָמפּס־אומפעיִקע און אָטריאַד „פּאַרכאָמענקאָ״, ווו די מינסקער ייִדן האָבן געבילדעט איבער 70 פּראָצענט, זענען אין די איבעריקע א״ד אָטריאַדן די ייִדן געווען אַ מינדערהייט. זייער פּאַרדינסט איז געווען, וואָס זיי זענען געווען די אָרגאַניזאַטאָרן און גרינ־דער פון די אָטריאַדן.

פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון דער פּויליש־סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע אין וואָלין האָט די גרעסטע פאַרדינסטן דער אַסימילירטער לאָדזשער ייִד, ראָבערט סאַטאַנאָווסקי. ביז דער מלחמה האָט ער געאַרבעט אַלס דירעקטאָר פון דער פאָלקס־שול אין דאָרף וויעלון (אַ זיבן קילאָמעטער פון שטעטל וויסאָצק, וואָלין). ווען מען האָט אָנגעהויבן קאָנצענטרירן די ייִדן פון דער גאַנצער געגנט אין וויסאָצקער געטאָ, איז ראָבערט סאַטאַנאָווסקי אַנטלאָפן אין די וועלדער. צו אים איז גלייך צוגעשטאַנען זיינס אַ חבר, אַ פּוילישער פּראָ־סאָוועטיש־געשטימטער לערער, ראָזשקאָווסקי, און זייביידע הייבן אָן אָרגאַניזירן אַ פּוילישע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

לכתחילה האָט דער אָטריאַד געציילט בלויז 15 מאַן און אַלס פּוילישער אָטריאַד א״נ „קאָשטשושקאָ״ געווען אָנגעשלאָסן אין סאַבוראָווס רוסישער פּאַרטיזאַנער־פּאַראייניקונג.

סאַטאַנאָווסקי ווערט דורך סאַבוראָוון אָפּגעשיקט מיט אַ סאָוועטישן עראָפּלאַן פון פּאַרטיזאַנישן עראָדראָם אין קאַרטעניטש (ביי יעלסק, ווייס־רוסלאַנד) קיין מאָסקווע. דאָרט מאַכט ער דורך אַ מיליטערישע שול, באַ־

קומט דעם ראַנג פון אונטער־פּולקאָווניק און קערט זיך צוריק מיט אַן עראָפּלאַן אין זיין טעטיקייטס־ראַיאָן.

צוליב דעם וואָס די אוקראַינישע „באַנדעראָווצעס" מאָרדן די פּוילישע מינדערהייט אויף וואָלין, לויפט די פּוילישע יוגנט צו סאַטאַנאָווסקין. אין האַרבסט 1943 ציילט שוין די באַזונדערע פּוילישע פּאַרטיזאַנער־פּאַראייניקונג א"נ „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ" (נאָך איז פּוילן נישט פאַרלאָרן). 7 אָטריאַדן מיט 2.500 מאַן.

די גאַנצע פּאַראייניקונג מיט סאַטאַנאָווסקין בראש איז שפּעטער אַוועק טיפער אין הינטערלאַנד, קיין פּוילן, אין ראַיאָן פון פּאַרטשעוו, ווו זי האָט אָפּעריערט ביז דער באַפרייונג. היינט צו טאָג איז ראָבערט סאַטאַנאָווסקי אַ גענעראַל פון דער פּוילישער אַרמיי.

די פונקציע פון קאָמיסאַר האָט אין דעם אויבן־דערמאָנטן אָטריאַד אויסגעפילט דער, ביי אַלעמען באַליבטער זשיטאָמירער ייד, מישאַ (געפאַלן בעת אַ לויערונג).

איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און קאָמאַנדירן פון דער פּוילישער פּאַרטיזאַנער־פּאַראייניקונג, איז געווען ד"ר פּרנס (פּאַרנעס), אַן אַסימילירטער פּוילישער ייד (נאָכן קריג, מעדיצין־פּראָפעסאָר אין לובלינער אוניווערסיטעט).

אין דער אַלגעמיינער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע, האָבן יידן פאַרנומען פאַראַנטוואָרטלעכע קאָמאַנדיר־אַמטן.

דער אָטריאַד־קאָמיסאַר פון „זאַ סאָוועטסקויו ביעלאָרוס" (נאַליבאָקער פּושטשע) איז געווען דער ייד פעלדמאַן נאָום, פון פּינסק.

אָטריאַד־קאָמיסאַר פון „סטאַלינסקי אָטריאַד" (נאַליבאָקער פּושטשע) איז געווען דער ייד לוריע. דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „איסטרעביטעל" (מאַרקאָווס בריגאַדע, נאַראָטשער פּושטשע), איז דער סאָוועטישער ייד — פאָדאָלני. קאָמיסאַר פון אָטריאַד „סיביראַק" איז דער דעסאַנטניק — יפה.

אין נאַליבאָקער פּושטשע איז געווען פּאָפּולער דער עלטערער־לייטענאַנט, קאָמאַנדיר פון דעם דיווערסיע־אָטריאַד „אָקטיאַבר" (פּאָפּולער אונטערן נאָמען „מאָסקוויטשי"), דער ייד גאָרעליק.

אין ליפּיטשאַנער פּושטשע (שפּעטער אין רוסקע) האָט אַרויסגעוויזן

אַ רירעוודיקע קאַמפּס־פעיקייט, די דיוועַרסיע־פּאַראַשוטיסטן־גרופּע, בראָש פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער ייִד — קאַפּיטאַן דאַווידאָוו.

זאַכאַר באַיקאַ, אַ ייִד פון סטאַלינאָ (אוקראַינע) איז געווען פון די ערשטע פּאַרטיזאַנער אין נאַליבאָקער פּושטשע, נאָכדעם, ווי זיין באַטאַליאָן איז אַריינגעפאַלן אין אַ דייטשער איינקרייזונג. ביז 1943 איז ער געווען אַ ראָטע־קאָמאַנדיר אין „טשאַפּאַיעוו״־אָטריאַד (בריגאַדע „סטאַלין״) און שפּעטער — קאָמיסאַר אין אָטריאַד „פּאָנאָמאַרענקאָ״.

אַדאַנק זיין קאַמפּס־איניציאַטיוו און אַרויסגעוויזענער העלדישקייט איז משה שולמאַן (לענין) דערגאַנגען פון אַ געוויינלעכן פּאַרטיזאַן צו קאָמאַנ־דיר פון אַ דיווערסיע־ווזוואָד און שפּעטער צו ראָטע־קאָמאַנדיר אין רוסישן אָטריאַד „שוויאַקאָוו״ (סטאַראָבינער, גלוסקער ראַיאָנען). ער האָט זיך באַ־זונדערס אויסגעצייכנט ביי דיווערסיע־אָפּעראַציעס אויף דער אייזנבאַן. נאָך דער באַפרייונג, באַאָרדנט געוואָרן מיטן אָרדן „רויטער שטערן״.

קאָמיסאַר פון אָטריאַד „25 יאָר סאָוועטיש ווייסרוסלאַנד״ איז געווען דער קאָמוניסטישער וועטעראַן פון מינסקער געטאָ, ג. פעלדמאַן. טראָץ זיין עלטער (58 יאָר) האָט ער אַריינגעלייגט פיל מי און פלייס ביים אָרגאַניזירן דעם „פּאָרכאָמענקאָ־אָטריאַד״.

דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „יאַקוב קאָלאַס״, דער פּאָליטרוק — כהן און דער נאַטשאַלניק פון דער „ספּעציעלער אָפּטיילונג״ (נ.ק.ג.ב.) אין אָטריאַד „אַלעקסאַנדער ניעווסקי״, זענען געווען ייִדן.

אַ ריי ייִדן האָבן זיך אויסגעצייכנט אַלס קאָמאַנדירן פון דיווערסיע־ווזוואָדן און ראָטעס און זענען אויסגעצייכנט געוואָרן פאַר זייער טעטיקייט: דוד פלאָטניק (פּינסק, אָטריאַד „קאַלינין״), יעקב גרינשטיין (פון פּאַביאַ־ניצע, אָטריאַד „פּאָנאָמאַרענקאָ״), דער 17יעריקער מישאַ מעלאַמעד (איוויע, אָטריאַד „25 יאָר קאָמסאָמאָל״, די לעצטע אין ישראל), לייזער ראַגאָווין (וואָלאָזשין, אָטריאַד „סטאַריצקי״, געפאַלן אין דער באַפרייונגס־מלחמה אין ישראל) און פיל, פיל אַנדערע האָבן אָנגעפירט מיט ספּעציעלע דיווערסיע־איינסן אין די רוסישע אָטריאַדן.

דער „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד״, פּאָלקאָווניק ג. לינקאָוו (באַטיאַ), ווידמעט אין זיין בוך „די מלחמה אין שונאס הינטערלאַנד״ פיל אָרט פאַר דוד קמח (קעמאַך), זיין ייִדישן קאָמיסאַר, וואָס האָט דעסאַנטירט אין די

בערעזינער בלאָטעס (באַריסאָווער געגנט). ליָנקאָוו שילדערט מיט גרויס פּאַרערונג די קאַמפּס־איניציאַטיוו און אָרגאַניזאַציאָנעלע פעיִקייטן פון קאָמיסאַר דוד קעמאַך און באַזונדערס זיין הילף ביים אָרגאַניזירן דעם געלונגענעם אַטענטאַט אויפן דייטשן גענעראַל־קאָמיסאַר אין ווייסרוסלאַנד, ווילהעלם קובאַ.

פּאָלקאָווניק ד. מ. מעדוועדיעוו דערמאַנט אין זיין באַרימטן בוך „גייסטיקע טיטאַנען" (באַקומען די סטאַלין־פּרעמיע) פיל יידישע נעמען, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפן, שפּיאָנאַזש און אין דיווערסיע־אָפּעראַציעס.

איינע פון די צענטראַלע פיגורן אין מעדוועדיעווס בוך איז דער יידישער דאָקטאָר פון זיין אָטריאַד, אַלבערט צעזערסקי (זון פון בנימין). ער האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן צו מעדוועדיעוון, בעת ער האָט אָרגאַניזירט אין מאָסקווע דעם קערן פון זיין אָטריאַד. צוזאַמען מיט דער גאַנצער גרופּע האָט ער דעסאַנטירט אין ראָוונער געגנט.

מעדוועדיעוו שילדערט צעזערסקין ווי אַן אומדערשראָקענעם קעמפער, וואָס יאָגט זיך צו זיין דער ערשטער אין די קאַמפן. מעדוועדיעוו איז געווען געצוווּנגען דורך אַ ספּעציעלן באַפעל צו צוימען זיין קאַמפּס־אינסטינקט און אויפפאָדערן אים זיך צו אָפּגעבן דעם מעדיציניש־סאַניטאַרן דינסט — זיין אייגנטלעכע אויפגאַבע אין אָטריאַד. ד"ר צעזערסקי איז געווען אַ שטאַב־מיטגליד און ראַטגעבער פון זיין קאָמאַנדיר, מעדוועדיעוו. נאָך דער מלחמה איז ער אויסגעצייכנט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער רעגירונג מיט אַ הויכן אָרדן און ער פּראַקטיצירט ווי אַ דאָקטאָר און אַרטיסט־אַמאַטאָר אין מאָסקווע.

מעדוועדיעוו דערמאַנט אין זיין א"ד בוך די יידן: גרישאַ שמולאָווסקי, אַ סטודענט פון מאָסקווער אוניווערסיטעט, וואָס האָט אַלס פרייוויליקער דעסאַנטירט אין הינטערלאַנד און געפאַלן פון אַ לויערונג פון „באַנדע־ראָווצעס"; קאַרן, קאָמאַנדיר־פאַרטרעטער פון אַ ראָטע, וואָס איז אויך געהרגעט געוואָרן גייענדיק אויספילן אַ קאַמפּס־אויפגאַבע, דורך אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן א"אַ.

מאַיאָר פאַרלאָוו, קאָמאַנדיר פון אַ דיווערסיע־ראָטע אין מעדוועדיעווס אָטריאַד, וואָס האָט אָפּעריִרט אין די צומאַנער און קאָוולער וועלדער, איז

געווען פּאָפּולער אונטער זיין פּסעוודאָנים „דיאַדיאַ וואָלאָדיאַ" (פעטער וואָלאָדיע). אָבער די יידן פון די פאַמיליע־לאַגערן אין די וועלדער האָבן אים פּשוט גערופן „וועלוועלע", ווייל פאַר זיי האָט ער נישט געלייקנט זיין יידישע אָפּשטאַמונג.

אין אָטריאַד־שטאַב האָט אויסגעפילט אַ וויכטיקע פונקציע אַ יידישע פרוי פון ראָסלאַנד, מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ. די יידן אין יענע וועלדער האָבן געגלויבט, אַז אויך קאָמאַנדיר מעדוועדיעוו און זיין פאַרטרעטער, באַלקאָוניק לוקין זענען פון יידישער אָפּשטאַמונג.

אין דער פאַרטיזאַנער־פאַראייניקונג פון פיאָדאָראָוו־טשערניגאָווסקי איז דער רוסישער ייד קורבאַן געווען דער קאָמיסאַר פון 7טן באַטאַליאָן ביים אָטריאַד „שטשאָרס". דער פּאָליטרוק איז געווען אַן אָדעסער ייד, מאַרגאָליס, (געפאַלן) און דער קאָמאַנדיר פון דעם קאָמענדאַנטן־וזוואָד — דער קיעווער ייד טאַדזשיקאָוו (געפאַלן).

דער מינסקער ייד, וואָרטקין, ראָטע־קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „קאָטאָווסקי" (בריגאַדע „נאַראָדני מסטיטעל", טעטיקייטס־ראַיאָן ווילייקע־פלעשטשעניץ), האָט פאַר זיין אַרויסגעוויזענע העלדישקייט באַקומען דעם אָרדן „רויטע פאָן".

קאָוופּאַקס פאַרטרעטער פאַר „ראַזוויעדקע" (אויסשפיר), גענעראַל־מאַיאָר פעטראָ ווערשיגאָראַ, שילדערט מיט גרויס סימפּאַטיע אין זיין בוך „מענטשן מיט אַ ריינעם געוויסן", מישאַ טאַרטאַקאָווסקין, וואָס איז געקומען צולויפן אין אָטריאַד מיט אַ פאַרברענטן פּנים. ער איז געווען דער דאָלמעטשער און ווערשיגאָרעס פאַרטרעטער פאַר שפּיאָנאַזש־ענינים (געפאַלן אין קאַמף ביי דעלאַטין).

ווערשיגאָראַ דערציילט אין זיין בוך וועגן דעם גרויסשטאָטישן ייד טאָלסטאָנאָגאָוו, וואָס האָט געלערנט די אויסשפּיר־תורה ביים קאָמאַנדיר פון דער ראַזוויעדקע, מיטיאַ טשערעמושקין; און שפּעטער אַזוי זיך פאַרפולקאָמט, ביז ער איז נאָמינירט געוואָרן אַלס טשערעמושקינס פאַרטרעטער.

ער דערציילט אויך וועגן סאַשע לענקין, אַ געוועזענעם בוכהאַלטער, וואָס איז געווען קאָמאַנדיר פון דער רייטער־אויסשפּיר־אָפּטיילונג.

צוליב טעמים פון פאַרשיידנאַרטיקן כאַראַקטער (טיילווייז אויך צוליב די אַנטיסעמיטישע שטימונגען פון אַ טייל רוסישע פאַרטיזאַנער), פלעגן

יידישע אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן (באַזונדערס די אָפּשטאַמיקע פון די מזרח־געביטן), פאַרבאַהאַלטן זייער יידישע אָפּשטאַמונג און דערפאַר איז שווער אָנצורופן אַלע נעמען פון דער באַדייטנדיקער צאָל יידן, וועלכע האָבן מיטגעווירקט צו דער אָרגאַניזאַציע און פאַנאַנדערוווקס פון דער סאָוועטי־שער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

אַ כאַראַקטעריסטישע אילוסטראַציע צו דער דערשיינונג פון פאַרבאַ־האַלטן, דורך יידן, זייער יידישע אָפּשטאַמונג אין די וועלדער, געפינען מיר ביי ווערשיגאָרען, ווען ער דערציילט וועגן דעם יידישן פּאַרטיזאַן „קאָלקע דער חכם":

„עס איז מיר נישט באַקאַנט זיין ביאָגראַפיע, איך געדענק אויך נישט זיין נאָמען. ערשט נאָכדעם ווי ער איז געפאַלן אין קאַמף ביי קאָדאָרע, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער דרייסטסטער פון דער דריטער ראָטע מיט וועמען מיר פלעגן שעהן־לאַנג פאַרברענגען בעת די אָפּרוען אין קאָוופּאַקס סטאַלינישן מאַרש — „קאָלקע דער חכם" — איז געווען א ייד"...

(„מענטשן מיט אַ ריינעם געוויסן", ז' 131)

קאַפּיטל דרייצן

דאָס פּראָבלעם פון ייִדישע נאַציאָנאַלע פּאַרטיזאַנער-איינהייטן

בדרך כּלל איז די העכערע אָנפירונג פון דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג געווען איינגעשטעלט קעגן דעם שאַפן באַזונדערע נאַציאָנאַל ייִדישע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן.

אין דער ערשטער ריי איז עס געווען אין הסכּם מיט די אַלגעמיינע ריכט־ליניעס פון דער סאָוועטישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. עס האָט געדאַרפט הייסן, אַז אין ווייסרוסלאַנד קעמפט קעגן דעם אוזורפּאַטאָרישן אָקופּאַנט דאָס ווייסרוסישע פּאָלק, אין ליטע — דאָס ליטווישע און אין אוקראַינע — דאָס אוקראַינישע פּאָלק. אין די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן האָבן זיך באַגעגנט זין פון כּמעט אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון גרויסן רוסלאַנד. נעבן ווייסרוסן, אוקראַינער, ליטווינער און פּאָליאַקן פון דער אָרטיקער באַפּעלקערונג, האָט מען דאָ געזען אַרמענער, אוזבעקן, רוסן, קאַזאַכן, ייִדן און אפילו ציגיינערס.

אָבער געקעמפט האָבן די זין פון אַלע פעלקער אונטער דער פאָן פון דער רעפּובליק, אויף וועמענס טעריטאָריע דער גורל האָט זיי פאַרוואָרפן אין פּאַרטיזאַנקע.

די רוסן, אַרמענער, ייִדן, אוקראַינער און אַנדערע, וועלכע זענען געווען אין דער פּאַרטיזאַנקע אויפן שטח פון ווייסרוסלאַנד, האָבן די טרייהייטס־שבועה אָפּגעגעבן אַלס ווייסרוסן, אָנהייבנדיק מיט די ווערטער: „איך, דער זון פון ווייסרוסישן פּאָלק...“

מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז די ייִדן אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן דאָך נישט קיין באַזונדערע רעפּובליק און שטעלן מיט זיך נישט פאָר, אויף אַ וועלכן עס איז שטח, קיין מערהייט פון דער באַפעלקערונג.

אחוץ דעם, שטעלן די ייִדן נישט פאָר מיט זיך, לויט סטאַלינס נאַציאָ־נאַליטעטן־טעאָריע, קיין פאָלק, ווייל עס פעלט זיי די דערקען־צייכנס, וואָס כאַראַקטעריזירן אַ פאָלק (טעריטאָריע, שפּראַך, ווירטשאַפט, און אַזוי ווייטער...).

אַלס כלל האָט די פאַרטיזאַנקע געדאַרפט זיין נאַציאָנאַל לויט איר געאָגראַפישער לאַגע און אינטערנאַציאָנאַל לויט איר מענטשן־מאַטעריאַל.

בעיקר האָבן די אָנפירערס פון דער סאָוועטישער פאַרטיזאַנקע מאָטי־ווירט זייער קעגנערשאַפט צו דעם שאַפן פון ייִדישע נאַציאָנאַלע אָטריאַדן מיט פאָלגנדיקע פיר מאָטיוון:

1. קעגנווירקן דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע האָט זיך אומ־אויפהערלעך באַמיט אין וואָרט און אין שריפט (צייטונגען, בראָשורן, פלוג־בלעטלעך אאַז״וו) פאָרצושטעלן די פאַרטיזאַנקע, ווי אַ ריין־ייִדישע און ייִדישן אויפטו (די דייטשן האָבן געשריבן, אַז די פאַרטיזאַנער זענען ייִדן און באַנדיטן...) — אַ זאַך, וואָס האָט געקענט מאַכן די פאַרטיזאַנקע אומ־פּאָפּולער ביי דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

2. וויסנדיק די שטאַרקע אַנטיסעמיטישע שטימונגען צווישן אַ טייל פּאַרטיזאַנער גופא, האָבן זיי געהאַלטן פאַר צוועקמעסיקער צו צעוואַרפן די ייִדן אין די רוסישע אָטריאַדן, בכדי זיי זאָלן זיך נישט וואַרפן אין די אויגן, און נישט געבן די אַנטיסעמיטן אין פאַרטיזאַנקע קיין געלעגנהייט פאַרצוּוואַרפן די ייִדן פּחדנות, אין פאַל ווען אַ באַזונדערער ייִדישער אָטריאַד וועט אין קאַמף ליידן אַ מפּלה אָדער זיין געצוווּנגען, צוליב דעם אָדער יענעם טעם, אָפּצוּטרעטן.

3. די רוסן פלעגן אויך זאָגן, אַז די ייִדן קענען נישט אויסטיילן פון זיך קיין געשולטע מיליטערישע אָנפירונג, ווייל זיי פאַרמאָגן נישט אַזעלכע.

4. צוליב דער אַנטיסעמיטישער איינשטעלונג פון דער אָרטיקער פּוי־ערישער באַפעלקערונג וואָלט אַ באַזונדערער ייִדישער אָטריאַד געווען אויסגעשטעלט אויף פאַרפאָלגונגען און מסירות. דאָס וואָלט אויך גורם געווען קאָנפליקטן ביים מאַכן די שפּייז־פאַרגרייטונגען און אויך קרבנות.

אין דערווירקלעכקייט האָט זיך באַקומען, אַז די יידן, צעוואָרפענע אין די רוסישע אָטריאַדן (ביים צעוואַרפן האָט מען זיך באַמיט, אַז די יידן זאָלן זיך נישט קאָנצענטרירן אין גרעסערע צאָלן אין איין אָטריאַד), האָבן אויף זיך סיי־ווי־סיי געצויגן די אויפמערקזאַמקייט און שנאה פון די אַנטיסעמיטן.

די יידן פלעגן געשיקט ווערן אויף די געפערלעכסטע קאַמפּס־אויפּ־גאַבעס. די יידן אין די רוסישע אָטריאַדן האָבן, צי זיי האָבן געוואָלט אָדער נישט, געמוזט אויספילן די געפערלעכסטע שליחותן, בכדי נישט צו באַ־קרעפטיקן די אַנטיסעמיטישע איינשטעלונג וועגן יידישער קאַמפס־אומפעי־קייט און פּחדנות.

פיל יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס ביים אויספילן די סכנותפולע קאַמפּס־אויפגאַבעס.

די סאָוועטישע קאָמאַנדירן פלעגן באַגרינדנדיק זייערע פאָדערונגען, אַז יידן זאָלן אויספירן די געפערלעכסטע אויפגאַבעס, אויך אויסנוצן דעם מאָמענט פון דער יידישער טראַגעדיע. אין דער אמתן איז דער יידישער חשבון מיט די נאַציס געווען אַ מער גורלדיקער און אַ גרעסערער ווי דער, פון די אַנדערע פעלקער. נאָך אַלעמען, נאָך די פילע ליידן און קענטיקער צאָל קרבנות, וואָס עס האָבן געגעבן די פעלקער פון מזרח־אייראָפּע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז דאָך נישט פּראָקלאַמירט געוואָרן קעגן זיי קיין ציל פון טאָטאַלער פאַרניכטונג, ווי עס איז געווען מיט דעם יידישן פאָלק.

בולאַט, דער שטאַב־נאַטשאַלניק פון אָטריאַד „פּאָביעדאַ", דערמאָנט די יידישע פּאַרטיזאַנער זייער גרויסן חשבון מיט די פּאַרטיליקער פון זייערע משפּחות און פאָלק, פאַרן אַרויסמאַרש צום אָנגריף אויפן גאַרניזאָן אין שטעטל דערעטשין: „היינט, חברה, וועט איך געגעבן די געלעגנהייט נקמה צו נעמען פון די היטלעריסטן!"

מאַרקאָוו, דער קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנישער בריגאַדע אין די נאַראָטשער וועלדער, איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ פלאַמיקער רעדע, בעתן מעלדן דאָס גרינדן פון אַ יידישן נאַציאָנאַלן אָטריאַד:

„ווער נאָך ווי איר יידן דאַרפט קעמפן מיט דעם נאַצישן שונא און נקמה נעמען פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון אייערע ברידער? באמית

זיך צו זיין מוטיקע, געטרייע און גוטע קעמפער. מיר וועלן אייך העלפן מיט אַלע מיטלען, וואָס שטייען צו אונדזער רשות: געווער, אינסטרוקטאָרן, אָנווייזונגען...״

מאַרקאָוו האָט פאַרגעלייגט, אַז דער יידישער אָטריאַד זאָל אָנגערופן ווערן מיטן סימבאָלישן נאָמען „מעסט״ (נקמה).

עס זענען געווען עמפינדלעכע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן אין דעם געזעץ אַ נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע. „אונדזער בלוטיקער חשבון מיט די נאַציס, — האָבן זיי געזאָגט, — איז אונדזערער אַן אייגענער און די רוסן טאָרן אים נישט אויסנוצן און פאַרפליכטן אונדז אויסצופילן אויפגאַבעס, וואָס זענען אוממעגלעך צו רעאַליזירן; און זייער רעאַליזירונג באַטייט אַ זיכערער טויט״. אָבער דער גרעסטער טייל פון די יידישע פּאַרטיזאַנער האָט נישט מסכים געווען צו דער איינשטעלונג. פונדעסטוועגן פלעגט מען נישט איינמאָל צושרייבן די מפּלות און אַדורכפאַלן פון רוסישע אָטריאַדן, ראָטעס און וזוואָדן ביי קאַמף־ און דיווערסיע־אויפגאַבעס, אויפן חשבון פון די יידן. דער ייד איז אויך דאָ געווען דער „שעיר לעזאזל...״

עס האָט זיך באַקומען, אַז די העלדישקייט פון די יידן פלעגן צוגע־שריבן ווערן צו נישט־יידן. דאַקעגן די מפּלות פון די נישט־יידן פלעגן אַרויפגעוואָרפן ווערן אויף די יידן!

צוליב דעם איז געווען שטאַרק ביי יידן די שטימונג אויסצוטיילן זיך אין באַזונדערע יידישע אָטריאַדן, אָדער אין באַזונדערע קלענערע פאַר־מאַציעס (ראָטעס, וזוואָדן) אין די ראַמען פון די רוסישע אָטריאַדן.

אין דער ערשטער העלפט פון 1943 איז די אַטמאָספער פאַר יידן אין אייניקע רוסישע אָטריאַדן געווען אַזאַ, אַז די יידן האָבן אָפּטמאָל מורא געהאַט אַרויסצוגיין מיט אַ טייל פון זייערע נישט־יידישע קאַמפס־חברים אויף אויפגאַבעס...

אַ וויכטיקע סיבה פאַר אויסטיילן זיך איז ביי די יידישע קעמפערס געווען דאָס פּראָבלעם פון משפחות.

אין די רוסישע אָטריאַדן האָט מען זייער נישט גערן אָנגענומען פרויען און באַזונדערס יידישע, שוין אָפּגערעדט פון די איבעריקע נישט קאַמפס־פעיקע עלעמענטן, ווי קינדער און זקנים. די אָנפירונג האָט גע־האַלטן, אַז די אָנוועזנהייט פון אַזעלכע עלעמענטן שוואַכט אָפּ די קאַמפס־

פעיִקייט און אין אַ פאַל פון אַן „אַבלאַווע“ באַשווערט עס די קאַמף־ און באַוועגונגס־פעיִקייט פון אָטריאַד. דאָס איז געווען בלי שום ספק אמת. דער ייִדישער פאַרטיזאַן האָט אָבער נישט געוואָלט פאַר קיין פאַל מוותר זיין אויף די איינציקע איבערגעבליבענע ביים לעבן, משפחה־מיטגלידער, וועלכע עס איז אַזוי שווער אָנגעקומען אַרויסצוראַטעווען פון די געטאָס.

פון מאָסקווע זענען געווען בפירושע דירעקטיוון און שטרענגע באַפעלן צו שיצן און זאָרגן אויך פאַר די נישט קאַמפס־פעיִקע עלעמענטן. ראַטעווען סאָוועטישע בירגערס, האָט עס געהייסן, איז אויך אַ וויכטיקע קאַמפס־אויפגאַבע פון דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

אין די פאַרשיידענע פושטשעס, וועלדער, וועלדלעך און בלאָטעס, אין די דערפער פון די פאַרטיזאַנער־זאָנעס האָבן זיך געוואַלגערט און אַרומגעשלעפּט אומגליקלעכע ייִדישע זקנים, קינדער און פרויען, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די דייטשע שחיטות.

זייער צאָל האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט מיט ניי־צוגעקומענע און געבילדעט אַ שווער פּראָבלעם פאַר דער העכערער סאָוועטישער פאַרטיזאַנער־אָנפירונג, וועלכע האָט פאַר קיין פאַל נישט געקענט דולדן די עקזיסטענץ פון קליינע צעשאָטענע גרופּעס ייִדן אין די וועלדער, צוליב טעמים פון פאַרטיזאַנישער סטראַטעגיע און געמוזט זיי איינאָרדענען, בכדי צו געבן זייערע זין און טעכטער אַ מעגלעכקייט אַריינצוטרעטן אין די קעמפער־רייען.

דאַן האָט מען אָנגעהויבן אויסטיילן די קאַמפס־פעיִקע ייִדן פון די אומפעיִקע. די ערשטע האָט מען איינגעשלאָסן אין די רוסישע קעמפערישע אָטריאַדן. די צווייטע האָבן געבילדעט אינערהאַלב די פאַרטיזאַנער־זאָנעס און אונטער זייער שוץ פאַמיליע־(ציווילע)לאַגערן, וועלכע האָבן טיילווייז באַדינט דורך אַרבעט די פאַרטיזאַנער־אָטריאַדן (אין אַנדערע געגענטן זענען פון די מענטשן אָן געווער געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע „אַרבעטס־באַטאַליאָנען“ צו דעם צוועק).

די סאָוועטישע פאַרטיזאַנער־אָנפירונג האָט געצילט אַרויסצונעמען די יונגטלעכע ייִדן פון די פאַמיליע־אָטריאַדן און פאַמיליע־לאַגערן און שאַפן פון זיי באַזונדערע קעמפערישע פאָרמאַציעס.

אַזוי האָט מען פון אָטריאַד „קאַלינין“ (פּאָפּולער אויפן נאָמען פון

קאָמאַנדיר, טוביה ביעלסקי), וועלכער איז געווען אַ געמישטער, אַרויס־געגומען כמעט די גאַנצע באַוואָפנטע, קאַמפּס־פעיקע יוגנט און געשאַפן אַ נייעם קעמפערישן אָטריאַד א״נ „אָרדזשעניקידזע״ (אויגוסט 1943).

די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג האָט געדולדעט נאָר די רייך־יידישע אָטריאַדן, ווו עס האָבן דעצידירט נישט קאַמפּס־פעיקע עלעמענטן.

דאַקעגן האָט זי אין הסכם מיט איר ליניע זיך באַמיט, אַז די עקזיס־טירנדיקע יידישע קעמפערישע אָטריאַדן, וועלכע זענען געווען מער אָדער ווייניקער גוט באַוואָפנט און זיך רעקרוטירט פון אַ יוגנטלעכן עלעמענט,

שלמה צימער

קאָמיסאַר פון יידישן אָטריאַד א״נ „ל. מ. קאַגאַנאָוויטש״ (ראַיאָן־טעטיקייט מיאָר־דיסנע).

זאָלן אויפגעלייזט ווערן, אָדער דורך צעוואַרפן די יידן אין די רוסישע אָטריאַדן, אָדער דורך אַריינפירן אין זיי, נישט־יידן.

אַזוי איז דער אָטריאַד א״נ „קאַגאַנאָוויטש ל. מ.״ (טעטיקייטס־ראַיאָן — פּאָלעסיע) פאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן (1944), און די יידן זענען צעשאָטן געוואָרן איבער די אָטריאַדן פון דער קויבישאָווער בריגאַדע.

דער אָטריאַד א״נ „פּאַרכאָמענקאָ״ (בריגאַדע „טשאַפּאַיעוו״, גענעראַל־מאַיאָר פּלאַטאָנאָס פּאַראייניקונג, טעטיקייטס־ראַיאָן — סטאַראָסיעלסקער וואַלד), אין וועלכן עס האָבן דעצידירט, לויט זייער צאָל, יידן (בעיקר פון מינסק), איז ענדע 1943 רעאָרגאַניזירט געוואָרן, און די יידן פון דעם

אָטריאַד זענען איבערגעשיקט געוואָרן אין די בריגאַדעס פון נאַליבאָקער פּושטשע.

דער אָטריאַד „אָרדזשעניקידזע" (קיראָווער בריגאַדע, טעטיקייטס־ראַיאָן, נאָוואָגרודעק) איז אַ חוץ דער אַריינגעשיקטער העכערער אָנפירונג, וועלכע איז געווען אַ נישט־ייִדישע, באַשטאַנען דורכויס פון ייִדן, און דער־האַלטן זיין כאַראַקטער כמעט ביזן סוף. דאָך זענען אין דער לעצטער צייט (1944) אַריינגעשיקט געוואָרן אַהין נישט־ייִדן (30־35 מאַן).

דער אָטריאַד א"ב „זשוקאָוו", אונטער גילטשיקס אָנפירונג, האָט ענדע 1943 אויפגעהערט עקזיסטירן ווי אַ ייִדישער אָטריאַד. די ייִדישע פּאַר־טיזאַנער זענען צעשאָטן געוואָרן אין די רוסישע אָטריאַדן און אָנשטאָט גילטשיקן איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר דער רוס, באַראַנאָוו. גילטשיק האָט דאַן אויפגעזוכט די ייִדן פון פאַמיליע־לאַגער, וועלכע זענען בעת אַן אָבלאַווע איבערגעלאָזט געוואָרן אויף הפקר אין מאָראָטשאַנקער וואַלד און אַלע אַנדערע ייִדן, וועלכע זענען פאַריאָגט געוואָרן זיינערצייט פון „זשוקאָוו"־אָטריאַד און האָט אָרגאַניזירט אַ פרישן אָטריאַד פון 130 פּערזאָן, וואָס איז פאַרהעלטנישמעסיק געווען נישט שלעכט באַוואָפנט און איז אין זיין קאַמפּס־אַקטיוויטעט נישט אָפּגעשטאַנען פון די איבעריקע אָטריאַדן פון שוסטאָפּאַוואָלאָוס בריגאַדע.

דער נייער ייִדישער אָטריאַד איז אויפגעלייזט געוואָרן צוליב דעם, וואָס אַ ייִדישער פּאַרטיזאַן האָט געוואָלט קויפן פאַר גאָלד־רובלס אַ רע־וואָלווער פאַר זיין געליבטע ביי אַ רוסישן פּאַרטיזאַן...

די ייִדישע פּאַרטיזאַנער זענען צעטיילט געוואָרן אין די אָטריאַדן פון דער בריגאַדע און גילטשיק איז נאָמינירט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון אַ רייטער־אָפּטיילונג אין שטשאָרס בריגאַדע.

די ייִדישע דריטע ראָטע אין „אָרליאַנסקי־אָטריאַד" (לענינסקע ברי־גאַדע, שטשוטשינער צווישן־ראַיאָנער צענטער, ליפּיטשאַנער פּושטשע) איז אין דער צווייטער העלפט פון 1943 געוואָרן אויס ייִדיש, דורכן כסדר־דיקן אַריינפירן נישט־ייִדן, דורך אַראָפּנעמען די ייִדישע אָנפירונג און לסוף דורך אַריבערפירן אַ גרויסן טייל ייִדן אין דעם ניי־געשאַפענעם „קראַסנאָגוואַרדייסקן אָטריאַד".

די ייִדישע „וואָזשדן" פון אַבראַמאָוו, לעבעדזיענקאָ און ד"ר אַטלאַסעס

ראָמע (בולאַקס אָטריאַד „פּאָביעדאַ“, טעטיקייטס־ראַיאָן, רודער־דאָמבראָוו־שטשיזנער וועלדער), וועלכע זענען געווען רייך־יידישע, אָדער מיט אַן איבערוויגנדיקער צאָל יידן אין דער ערשטער צייט און האָבן זיך אַזוי פּאָפּולער געמאַכט מיט זייער העלדישקייט, האָבן אויך ביסלעכווייז אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן אַלס יידישע און זענען שפּעטער (ספּעציעל נאָך דעם שאַפֿן אַ בריגאַדע פון בולאַקס אָטריאַד) אויסגעמישט געוואָרן.

סעפּטעמבער 1943, איז, צוליבן שטאַרקן אַנטיסעמיטיזם פון די שכנישע רוסישע אָטריאַדן, אויפגעלייזט געוואָרן דער אָטריאַד „קאַגאַנאָוויטש ל. מ.“

הירש קאַפּלינסקי

קאָמאַנדיר פון אַ יידישן אָטריאַד פון די זשעטלער געראַטעוועטע יידן אין ליפּי־טשאַנער פּושטשע. געפאַלן פון אַ פּאַרע־טערישער פּאַרטיזאַנער־קויל.

(מיאָרער־דיסנער ראַיאָן). די יידן זענען אַריינגעגאַנגען געוואָרן אין דער פערטער ווייסרוסישער בריגאַדע, וועלכע איז געשטאַנען אין יענעם ראַיאָן.

ענדע 1943 איז פאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן די 51טע יידישע גרופּע ביים אָטריאַד „שטשאָרס“ (וואָלטשע־נאָרע) און אַריינגעגאַנגען געוואָרן אין די רוסישע גרופּעס פון אָטריאַד.

אין רודניצקער פּושטשע (ביי ווילנע) האָבן עקזיסטירט צוויי יידישע

אָטריאַדן, כמעט ביז דער באַפרייאונג, אונטער אַ יידישער אָנפירונג: „מסטיטעל“ און „זאַ פּאָביעדו“.

אָבער אויך דאָ האָט מען אַראָפּגענומען די העכערע יידישע קאָמאַנד־שאַפט. אַן אויסרייד צום באַשלוס איז געווען אַ לגמרי צופעליקע געשעעניש: דער בריגאַדע־שטאַב האָט, בעתן סאָרטירן אַראָפּגעוואָרפענע געווער דורך סאָוועטישע עראָפּלאַנען, פעסטגעשטעלט, אַז אַ טייל פון די געווער איז צעגנבעט געוואָרן דורך יידישע פּאַרטיזאַנער, בעתן צונויפזאַמלען. די שטאַב־לייט פון די יידישע אָטריאַדן זענען גענומען געוואָרן אויף אַ שטרענגן פאַרהער און זענען באַשולדיקט געוואָרן, אין געבן אָנווייזונגען צו זייערע אונטערגעאָרדנטע, צו גנבענען פון אַראָפּגעוואָרפענעם געווער.

אַזוי ווי די באַשולדיקטע האָבן דאָס קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט און קיין ממשותדיקע באַווייזן קעגן זיי זענען נישט געווען, האָט זיך דער שטאַב־בריגאַדע באַגנוגנט מיט אַראָפּנעמען פון זייערע פּאָסטנס די קאָ־מאַנדירן און קאָמיסאַרן פון די צוויי אָטריאַדן: קאָוונער, דידיאַליס, קאַפּ־לינסקי און כיענאַ באָראָוויסקי. אָנשטאָט זיי, זענען נאָמינירט געוואָרן נישט־יידן. בלויז די מיטעלע און נידעריקע קאָמאַנדשאַפט איז געבליבן אַ יידישע.

צוויי אַנדערע אָטריאַדן, „באָרבאַ“ און „סמיערט פאַשיזמו“, האָבן אָנ־געהויבן זייער טעטיקייט אַלס ריין־יידישע און געענדיקט, ווי געמישטע אָטריאַדן, בלויז מיט אַ טיילווייזער יידישער אָנפירונג.

אין סעפּטעמבער 1943 האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן דער יידישער אָטריאַד „מיעסט“ (נקמה), אין די נאַראָטשער וועלדער.

נאָכן אָנקומען פון דער ערשטער גרויסער גרופּע יידן פון ווילנער געטאָ אין די נאַראָטשער וועלדער איז געלונגען יוסף גלאַזמאַנען צו איי־בערצייגן דעם קאָמבריג (קאָמאַנדיר־בריגאַדע), מאַרקאָוו און יורגיסן אין דער נויטווענדיקייט פון אַ יידישן נאַציאָנאַלן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד. אַלס קאָמאַנדיר איז דורך מאַרקאָוון נאָמינירט געוואָרן בויטענאָס, אַ יידיש־ליטווישער קאָמוניסט, וואָס איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אַלס פּאַראַשוטיסט פון אַן עראָפּלאַן. אַלס שטאַב־נאַטשאַלניק — יוסף גלאַזמאַן; קאָמאַנדיר פון דער ערשטער ראָטע — חיים לאַזאַר; קאָמאַנדיר פון דער צווייטער ראָטע — אַן אָרטיקער ייד. דער אָטריאַד איז ראַשיק אויסגעוואָקסן פון

זיבעציק מאַן צו איניקע הונדערט און זיך רעקרוטירט בעיקר פון אָנגעקומענע פון ווילנער געטאָ.

נאָך אַ קורצער צייט פון אויטאָנאָמער עקזיסטענץ, איז דערהאַלטן געוואָרן אַן אָפיציעלע מעלדונג פון מאַרקאָווס שטאַב, אַז לויט אַ באַפעל פון מאָסקווע, דאַרפן אויפגעלייזט ווערן אַלע נאַציאָנאַלע, באַזונדערע איינהייטן. דער נאָמען „מעסט״ איז געענדערט געוואָרן אויף „קאָמסאָמאָלסק״



חיים (פיעטיאַ) וואַטשין
(זאַפּיווקע, וואָלין)

„פּאָליטרוק״ פון דער יידישער ראָטע אין קאָווּפּאַקס אָטריאַד; איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער גרופּע, וואָס איז אַרויס אין די וועלדער פון זאַפּיווקע.

און די יידישע קאָמאַנדשאַפט אויף אַ גישט־יידישע. די יידישע פּאַרטיזאַנער זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין די רוסישע אַלגעמיינע איינהייטן.

אין גאַנץ ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע זענען געמאַכט געוואָרן פיל פּרוּוון דורך יידן צו אָרגאַניזירן באַזונדערע יידישע קאַמפּס־איינהייטן, אָבער די העכערע פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג האָט צוליב די אויבן אויסגערעכנטע מאָטיוון זיך קעגנגעשטעלט דער טענדענץ.

געווען אויך איינצלנע פאַלן, ווען מען פלעגט אין רוסישע אָטריאַדן שאַפן יידישע ווזוואָדן (קרוקס אָטריאַד, וואָלין, קאָמאַנדיר — דב לאָרבער; סוואָראָוו אָטריאַד, גענעראַל־מאַיאָר קאַפּוסטינס פּאַרטיינקונג, קאָמאַנדיר

— הערשל צוקערמאַן). דאָס איז געטון געוואָרן, בכדי צו סטימולירן אַ סאָציאַליסטישע פאַרמעסטונג אין קאַמף און אויפטוען. אַמאָל אויך, לויט דער פאָדערונג פון די ייִדן, וועלכע האָבן זיך געפילט זיכערער צו גיין מיט אייגענע אויף אַ קאַמפּס־אויפגאַבע, און געוואָלט, אַז די קאַמפּס־אויפטוען זאָלן פאַרשריבן ווערן אויף זייער קאָנטע.

די איינשטעלונג פון דער העכערער סאָוועטישער אָנפירונג קעגן שאַפן פון ריין־ייִדישע נאַציאָנאַלע אָטריאַדן, טאָר נישט באַטראַכט ווערן אַלס אַנטי־ייִדישע, נאָר גיכער ווי אַ פּרינציפּיעלע, וועלכע איז דיקטירט געוואָרן דורך פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע, צווישנפעלקערלעכע מאָטיוון און טעמים פון טאַקטישן כאַראַקטער.

זי איז זיכער דיקטירט געוואָרן דורך גוטע כוונות מצד דער העכערער פּאַרטיזאַנער אָנפירונג. אָבער אויך אין פּאַרטיזאַנקע, ווי אין אונדזער גאַנצער גלות־געשיכטע, זענען די העלדן־טאַטן און אויפטוען פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער און די גרויסע צאָל קרבנות, וועלכע זיי האָבן געגעבן אין די קאַמפן, נישט פאַרשריבן געוואָרן אויפן חשבון פון ייִדישן פאָלק, נאָר אויפן חשבון פון די ווייסרוסן, אוקראַינער און ליטווינער...

קאַפּיטל פערצן

ייִדישע פאַמיליע־לאַגערן אין די וועלדער

דער גרעסטער טייל פון די ייִדן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין ווייסרוסלאַנד, פּאָלעסיע און וואָלין, זענען אַדורך די מלחמה־יאָרן אין די פאַמיליע־לאַגערן („סעמעיניע לאַגעראַ״) אין די פושטשעס און וועלדער. לויט אַן אויבנאויפיקער אָפּשאַצונג האָבן זיך אין די „ציווילע״ לאַגערן געראַטעוועט לערך 13־15 טויזנט ייִדן.

די פאַמיליע־לאַגערן זענען באַשטאַנען פון קאַמפּס־אומפעיִקע עלע־מענטן — זקנים, פרויען און קינדער, זעלטן אויך איינציקע יוגנטלעכע, וועלכע מען האָט נישט צוגענומען אין די אָטריאַדן צוליב סיבות פון פאַר־שיידנאַרטיקן כאַראַקטער, בעיקר צוליב נישט באַזיצן קיין אייגן געווער.

די פאַמיליע־לאַגערן זענען אַלעמאָל געווען אין אַ פּליסיקן צושטאַנד. די, ווען עס איז אין צווישנצייט געלונגען אויף אַ וועלכן עס איז אופן זיך איינצושאַפן געווער, פלעגן זיך אָנשליסן אין די קעמפערישע פּאַרטי־זאַנער־אָטריאַדן. פון דאָרט ווידער פלעגן אָנקומען אַרויסגעשיקטע פאַר פאַרזינדיקן זיך קעגן דעם פּאַרטיזאַנישן קריגס־געזעץ, אָדער פאַר אַרויס־ווייזן אָפּגעלאָזנקייט, איניציאַטיוולאָזיקייט און שוואַכע קעמפערישקייט.

עס פלעגט אויך טרעפן, אַז ייִדישע פּאַרטיזאַנער פלעגן קומען זיך אויסבאַהאַלטן פון אַ שטראָף, וואָס האָט זיי געדראָאָט פאַר אַן אמתן אָדער כלומרשטן חטא קעגן דעם פּאַרטיזאַנישן שטראָף־קאָדעקס און דער ייִדישער פאַמיליע־לאַגער איז געווען פאַר זיי אַ „מקום מקלט״.

לכתחילה זענען פיל ייִדן צעלאָפן זיך פון די שחיטות איינציקווייז,

משה קאַגאַנאָוויטש



מאַפּע פון בלאָטע־לאַנד, פּאָלעסיע

און די זיך גרענעצנדיקע געגנטן (צפון־וואָלין און ווייסרוסלאַנד), געגנטן פון גרויסע, געדיכטע וועלדער, באַהערשטע דורך די פּאַרטיזאַנער (זאָנעס).

אָדער גרופּעסווייז אין די וועלדער. אַ טייל האָט זיך אויך אויסבאַהאַלטן אין „מאַלינעס" ביי באַקאַנטע פּויערים פאַר אַ געהעריקער מאַטעריעלער באַפרידיקונג.

וואָס ווייטער איז אָבער אַלץ מער געוואָרן אוממעגלעך דאָס לעבן ביי די פּויערים. פריער צי שפּעטער פלעגט עס זיך ענדיקן, נאָכן צונעמען זייער פאַרמעגן, מיטן טויט פון די זיך אויסבאַהאַלטנדיקע ייִדן.

אַמאָל פלעגט דער „גוטער פריינט" אַליין הרגענען זיינע אויסבאַהאַלטענע ייִדן, כדי זיך צו באַפרייען פון געשפּענסט פון דער האַרבער שטראָף (פאַרברענען דיווירטשאַפט, הרגענען די פאַמיליע). געווען אויך „ווייכהאַרציקע" פּויערים, וואָס פלעגן זיי אַרויסגעבן צו די דייטשן, ווייסע פּאָליאַקן און נאַציאָנאַליסטיש־אוקראַאינישע באַנדעס, וואָס האָבן געלויערט אויף יעדן לעבנגעבליבענעם ייִד. געווען אויך פאַלן ווען שכנים פלעגן מסרן אויס קנאה צום פּויער, צוליב זיין מעגלעכער באַרייכערונג... מיט דער צייט, איז דאָס לעבן פון די באַהאַלטענע ייִדן געוואָרן אויף אַזויפיל אומדערטרעגלעך און אוממעגלעך, אַז די געוויסנהאַפטע פּויערים האָבן געראָטן זייערע אויסבאַהאַלטענע ייִדן צו אַנטלויפן אין די וועלדער.

די ייִדן האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די וועלדער, בלאָטעס און קוסטאַרניקעס אין דער אומגעגנט פון די שטעט און שטעטלעך, פון וועלכע זיי זענען אַנטלאָפן — שוצלאָזע, אָן געווער, פאַרצווייפלטע, אָן האָפענונג און גלויבן, האָבן זיי אַרומגעבלאָנקעט איבער די וואַלד־רחבותן, צעציטערטע פון שורשען פון אַ בוים־בלעטל...

וועגן לעבן פון די אַנטלאָפענע ייִדן אין די וואָלינער וועלדער, אין דער ערשטער צייט, דערציילט מלך באַקאַלטשוק:

„נישט יעדע נאַכט האָבן מיר געקענט וואַגן אַרויסצוגיין פון וואַלד. אין געגנט האָבן גראַסירט פּויערים־באַנדעס, וועלכע פלעגן באַפאַלן די שוצלאָזע יידן. באַלד נאָך יעדער עקזעקוציע אין אַ געטאָ האָבן די דייטשן קאָמפּלעטירט פּויערים־באַנדעס, וואָס האָבן באַוואָפנטע מיט שאַרפע העק, דרענגער, קינזשאַלן, יאַגד־ביקסן און פּיסטאָלעטן. זיך געלאָזט אויפזוכן די צעלאָפענע יידן. זיי פלעגן לויערן אויף יידן ביי די ראַנדן פון דערפער, כוטאָרס און פלעגן אפילו קריכן אין די וועלדער. זיי האָבן פאַר זייער „אַרבעט" באַקומען פּרעמיעס פון די דייטשן. פאַר יעדן יידישן קאָפּ האָבן

משה קאַגאַנאָוויטש

זיי באַקומען: איין פוד זאַלץ, אַ ליטער קעראָסין און צוויי צענדליק פּוש־קעס שוועבעלעך..."

(„זכרונות פון אַ יידישן פּאַרטיזאַן", פון כתב־יד)

אין דער ערשטער צייט האָבן עקזיסטירט פאַמיליע־לאַגערן אויך דערווייטערטע פון די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס, אָבער מיטן אויפקום פון דער ווייס־פּוילישער און אוקראַיניש־פּאַשיסטישער פּאַרטיזאַנקע, וועלכע האָט באַדראָט, אין דער ערשטער ריי די שוצלאָזע, אומבאַוואָפנטע ייִדן פון די פאַמיליע־לאַגערן, האָבן זיך אַלע פאַמיליע־לאַגערן קאָנצענטרירט און געפונען שוץ אין די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס, ווו מען איז געווען זיכער פון אַ פּלוצלינגדיקן איבערפאַל פון דייטשן און פּאָליציי. דאָרט האָבן די דייטשן נישט געוואָגט צו קומען מיט אַ קליינעם כוח.

בשעת אַ גרויסער אָבלאָווע האָבן די דייטשע צוגרייטונגען און מיליטער־קאָנצענטראַציע נישט געקענט בלייבן קיין סוד פאַרן פּאַרטיזאַנישן אויסשפּיר־דינסט, און די ייִדן פון די פאַמיליע־לאַגערן האָבן געהאַט צייט זיך צו צוצוגרייטן צו דער אָנקומענדיקער געפאַר.

די פּאַרטיזאַנער האָבן פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט מסכים זיין צו לאָזן עקזיסטירן באַזונדערע קליינע, צעשאָטענע גרופּעס ייִדן אין די וועלדער. זייער מאָטיוו איז געווען, אַז נישט האַלטנדיק זיך ביי דער פּאַרטיזאַנישער טאַקטיק און סטראַטעגיע, קענען זיי דערמיט שאָדן די פּאַרטיזאַנער־אינטערעסן און אַרויספירן דייטשן אויף די שפּורן פון די פּאַרטיזאַנער־לאַגערן.

ביי די פאַמיליע־לאַגערן איז דאָס אַפּראָוויזאַציע־פּראָבלעם געווען באַזונדערס שאַרף. די פּאַרטיזאַנער האָבן געקוקט אויף זיי, ווי אויף „איבעריקע עסערס". אין וואַלד איז דאָס רעכט צום לעבן געווען ענג פאַרבונדן מיטן קאַמף קעגן די דייטשן. די פראַגע: „פאַרוואָס קעמפסטו נישט?", „איר זענט געקומען אַהער בלויז ראַטעווען אייער פעל" און דער „שאַרפזיניקער" ווערטל „איר עסט און טרינקט און פטרט די ריינע לופט" איז אין דער ערשטער ריי געווען געריכטעט צו די ייִדן אין די פאַמיליע־לאַגערן.

די רוסישע פּאַרטיזאַנער פלעגן אַליין קוקן אויף די דאָזיקע „איבעריקע", נישט קעמפערישע מענטשן, וועלכע פלאָנטערן זיך צווישן די פיס,

ווי אויף שפּיאָנען. אַזוינע קליינע גרופּעס פלעגן אויך באַשולדיקט ווערן אין „רויבן" די פּויערים, (די פּויערים פלעגן עס צוטראָגן די פאַרטיזאַנער), און דאָס איז געווען אַ פּרעטעקסט פאַר אַנטיסעמיטישע פאַרטיזאַנער אומצוברענגען זיי.

געווען וועלדער און געגנטן, ווו די ייִדן פון די פאַמיליע־לאַגערן זענען געווען אויסגעשטעלט אויף דער הפקרות פון גורל. געווען פיל פאַלן ווען מען פלעגט באַרויבן ייִדן, וואָס האָבן געבלאָנקעט אין די וועלדער אָדער



זוסיע ביעלסקי

קאָמאַנדיר פון רייטער אויסשפּיר־דינסט און פאַרטרעטער פון קאָמאַנדיר פון יידישן אָטריאַד „אָרדזשאָני־קידזע", ברודער פון טוביה ביעלסקי.

דערפער, זוכנדיק שפּייז צו דערהאַלטן די נשמה. אין דער ערשטער אומ־אָרגאַניזירטער תקופה פון דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג האָבן זיך אַזוינע רויבערייען נישט זעלטן פאַרענדיקט מיטן הרגענען די באַרויבטע.

בלויז דאָס געהערן צו אַ געזעצלעכן, אָנערקענטן פאַמיליע־אָטריאַד אָדער לאַגער האָט געגעבן די מעגלעכקייט נישט צו זיין אינגאַנצן הפקר.

אין נאַליבאָקער פּושטשע האָט זיך צוזאַמענגעקליבן פון אַלע שטעט און שטעטלעך פון ווייסרוסלאַנד (מזרחדיקע און מערבדיקע געביטן) אַ גרעסערע צאָל ייִדן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די שחיטות.

די אָטריאַדן פון טוביה ביעלסקי און זאָרין זענען געווען די, וועלכע האָבן אויפגענומען דעם נישט־קעמפערישן עלעמענט.

טוביה ביעלסקי און זיינע ברידער האָבן מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען יעדן געראַטעוועטן ייִדן אין אָטריאַד „קאַלינין". דאָ האָבן זיך קאָנצענטרירט די ייִדן פון די געטאָס אין מערב־ווייסרוסלאַנד. בעיקר האָבן דאָמינירט די אַנגעקומענע פון די געטאָס פון לידע, נאָוואָגרודעק, קאָרע־ליטש, איוויע א״אַ.

די ייִדן, אַנטלאָפענע פון די געטאָס אין מזרח־ווייסרוסלאַנד (בעיקר פון מינסק), זענען אויפגענומען געוואָרן אין זאָרינס פאַמיליע־אָטריאַד נר. 106. אויך די רוסישע אָטריאַדן פלעגן אָפּשיקן אַלע קאַמפּס־אומפעיִקע צו זאָרינען און ביעלסקין.

הגם דיביידע א״ד האָבן געהאַט דעם סטאַטוט פון פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן, זענען זיי אָבער לויט זייער מאַנגלהאַפטער באַוואָפענונג און קליינער צאָל קאַמפּס־פעיִקע, געווען ענלעך צו פאַמיליע־לאַגערן, טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן אויך, אין די ראַמען פון זייערע באַגרענעצטע מעגלעכ־קייטן ,געקעמפט.

זיי האָבן אַליין געדאַרפט זאָרגן פאַר זייער באַשפּייזונג אונטער איי־גענעם שוץ און אין ווייט־אָפּגעלעגענע ראַיאָנען. קליינע גרופּעס באַוואָפנטע יונגעלייט האָבן געדאַרפט אָפּראָוויזירן גרויסע מחנות מענטשן (ביעלסקיס אָטריאַד — איבער 200; זאָרינס — איבער 700 מאַן). פיל זענען דער־הרגעט געוואָרן, פאַרנדיק ברענגען עסנוואַרג, דורך דייטשע לויערונגען אויף די וועגן. עס זענען אויך געווען פאַלן, ווען די, מיט סכנה־נפשות באַקומענע פורן עסנוואַרג פלעגן קאָנפיסקירט ווערן דורך רוסישע פּאַר־טיזאַנער און ערשט נאָך אַן אינטערווענץ ביי דער פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג פלעגט מען עס אַרויסבאַקומען צוריק. אין צייטן פון דייטשע אָבלאַוועס און בלאָקאַדעס פלעגן די ייִדן פון די פאַמיליע־לאַגערן ליידן הונגער.

די פאַמיליע־לאַגערן אין ליפּיטשאַנער פּושטשע זענען ס׳רוב באַ־שטאַנען פון זשעטלער און דערעטשינער ייִדן. געווען אויך אַביסל נאָ־וואָגרודקער, לידער, זשאַלודקער א״אַ שכנישע שטעטלעך.

די פאַמיליע־לאַגערן אין דער ליפּיטשאַנער פּושטשע האָבן געליטן גרויסע פאַרלוסטן בעת דער ערשטער גרויסער אָבלאַווע (דעצעמבער 1942).

נישט זייענדיק אָריענטירט אין דער דייטשער אָבלאַווע־טאַקטיק און נישט קענענדיק נאָך גוט אַלע וועגן אין די וועלדער, פלעגן זיי ביים איבערלויפן פון איין אָרט צום צווייטן אַרויספאַלן אויף דייטשע לויערונגען. פיל הונ־דערטער יידן זענען דאַן געפאַלן קרבנות פון די דייטשע קוילן. די מענטשן, וועלכע זענען בעת דער אָבלאַווע פאַרקראָכן און אָפּגעזעסן פיל טעג אין די בלאָטעס און זומפּן, האָבן אָפּגעפרוירן די פיס, און נישט באַקומענדיק קיין מעדיצינישע הילף, זענען זיי אין משך פון אַ קורצער צייט אויסגע־שטאָרבן. אַנדערע, צו וועמען די מעדיצינישע הילף האָט דערגרייכט, זענען געבליבן אייביקע אינוואַלידן מיט אַמפּוטירטע פיס.

דער ערשטער ווינטער (1942־1943), איז געווען צו להכעיס אַ זייער שווערער. די פרעסט זענען דערגאַנגען ביז 40 גראַד. די שמוץ און ענג־שאַפט אין די ערד־שטיבלעך איז געווען אַ שרעקלעכע. די מענטשן האָבן געהונגערט במשך פון פיל וואָכן בעת און נאָך דער אָבלאַווע, ווען מען האָט מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון וואַלד נאָך שפּייז. די פּויערים זענען געווען אָנגעשראָקן פון דער דייטשער אויסראָט־אַקציע קעגן זיי בעת דער אָבלאַווע, און מורא געהאַט צו אונטערהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט יידן.

די אויסגעמאַטערטע און אויסגעהונגערטע קערפּערס זענען געווען אַ גוטער אָביעקט פאַר פלעק־טיפוס, וואָס האָט אָנגענומען אַ מאַסן־עפּידעמישן כאַראַקטער. דער מלאך־המות האָט דאָ געהאַט אַ גוטן שניט.

די דערעטשינער פאַמיליע־גרופּע (דובראָווטשיזנער וועלדער) האָט נאָך מער געליטן בעת דער גרויסער אָבלאַווע און באַזונדערס פיל אומגע־קומען פון קעלט און הונגער. נישט זעלטן זענען געווען פאַלן, ווען גאַנצע גרופּעס פלעגן אויסגיין אין די פּרימיטיווע ערד־שטיבלעך און גריבער, און אַזוי פלעגט מען זיי פאַרשיטן אין איין ברודער־קבר. פון אַ פּאָר הונדערט זענען זיי, נאָך יענעם טרויעריקן ווינטער, געבליבן בס״ה 30 מאַן.

אין ליפּיטשאַנער פּושטשע זענען די פאַמיליע־לאַגערן געוואָרן אַנ־געוויזן אויף זייער אייגענעם אויסהאַלט. די יידן, וועלכע האָבן נאָך לעבנדיק אין די געטאָס אָפּגעגעבן זייערע זאַכן צום באַהאַלטן ביי באַקאַנטע פּויערים, האָבן ביסלעכווייז אָפּגענומען דעם ווערט פון די זאַכן אין פּראָדוקטן. פיל האַנטווערקערס, שוסטערס, שניידערס, שמידן, סטאָליאַרעס האָבן געאַרבעט אין די דערפער פון די פאַרטיזאַנער־זאָנעס פאַר די פּויערים און דערפאַר

באַקומען באַשפּייזונג. די בעלי־מלאכות פֿלעגן אויך אַרבעטן פֿאַר די רו־סישע פּאַרטיזאַנער פֿון די אָטריאַדן און דערפֿאַר באַקומען שפּייז. איינצלנע בעלי־מלאכות פֿון די פֿאַמיליע־לאַגערן זענען צוגענומען געוואָרן אין די אָטריאַדן, ווו זיי האָבן געאַרבעט פֿאַר די באַדערפֿענישן פֿון די פּאַרטיזאַנער.

די ייִדישע פּאַרטיזאַנער האָבן געהאַלטן פֿאַר זייער הייליקסטע פֿליכט צו העלפֿן די ייִדישע פֿאַמיליע־לאַגערן מיט שפּייז און מלבושים, נישט געקוקט אויף די פֿאַרשיידענע געפֿאַרן מצד דער קאָמאַנדע פֿון זייערע אָטריאַדן פֿאַר אַזעלכע מעשים. צוריקקערנדיק זיך פֿון ווירטשאַפֿטלעכע אויפֿגאַבעס מיט די פּראָדוקטן פֿאַר זייערע אָטריאַדן, פֿלעגן זיי ספּעציעל קאָמבינירן דורכצופֿאָרן די נאָענטע פֿאַמיליע־לאַגערן און איבערלאָזן דאָרט עסנוואַרג און זאַכן.

ווי געזאָגט, האָבן זיך אין די פֿאַמיליע־לאַגערן קאָנצענטרירט די משפּחה־מיטגלידער פֿון די פּאַרטיזאַנער־קעמפֿער. אין פֿיל אָטריאַדן פֿלעגט מען אָפֿיציעל אויסטיילן וועכנטלעכע שפּייז־ראַציעס פֿאַר די פֿאַמיליעס פֿון די ייִדישע קעמפֿערס. אין אַנדערע ראַיאָנען פֿלעגט פֿון צייט צו צייט אַ באַוואָפֿנטע גרופּע פּאַרטיזאַנער אַרויספֿאָרן צוזאַמען מיט די מענטשן פֿון לאַגער אויף אַ ווירטשאַפֿטלעכע פֿאַרגרייט־אָפּעראַציע פֿאַר זיי.

די ייִדישע פֿאַמיליע־לאַגערן האָבן געדינט ווי אַן אָרט פֿאַר „פּראָוואַד־ניקעס" (וועגווייזערס) פֿאַר אַלע סאָוועטישע אָטריאַדן. זייענדיק אָרטיקע געבוירענע, וועלכע האָבן גוט געקענט די סביבה, יעדעס סטעזשקעלע און וועגעלע אין די וועלדער און די פֿאַרמעגלעכקייט פֿון דער באַפֿעלקערונג, פֿלעגן זיי פֿירן די ווירטשאַפֿטס־אָפּטיילן פֿון די אָטריאַדן אויף זייערע פֿאַר־גרייטונגס־אויפֿגאַבעס און דערפֿאַר באַקומען געהעריק באַלוינט.

עס איז כּדאַי צוצוגעבן, אַז אַלס וועגווייזערס האָבן בעיקר געדינט געוועזענע דאָרפֿס־הענדלערס, פֿערד־הענדלערס, האָלץ־בראַקערס און ישוב־ניקעס, וועלכע זענען פֿון די ייִנגסטע יאָרן געווען באַקאַנט מיט דער אומ־געגנט און באַפֿעלקערונג.

אַ זייער קליינע טייל האָט זיך אויסגעהאַלטן פֿון די אייגענע פֿאַר גראָשן, וועלכע עס איז זיי געלונגען אַרויסצוראַטעווען ביים אַנטלויפֿן פֿון דער געגנט. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט צושטעלן פֿאַר די פּאַרטיזאַנער שנאַפּס, סאַכאַרין, לעדער אאַז"וו, וואָס די ייִדן פֿלעגן

באַקומען דורך זייערע באַקאַנטע פּויערים אין די שטעטלעך ביי די פּושטשעס.

אין האַרבסט־צייט פלעגט מען אין די נעכט זיך צוגרייטן בגנבה מיט קאַרטאָפל, קרויט אד״גל אויף אַ לענגערע צייט. באַקאַנטע פּויערים פון די גוטע פאַרמלחמהדיקע צייטן פלעגן אויך געבן פּראָדוקטן אויף „קרעדיט״, אַ קאָנטאָ אויף נאָך־מלחמהדיקער אָפּרעכענונג אָדער אָפּגעשריבענע אומ־באַוועגלעכע גיטער אין די שטעט. געווען אויך פיל, וואָס האָבן פּשוט גע־בעטלט אַ שטיקל ברויט און אַ טעלער זופּ.

די פּאַרטיזאַנער האָבן פאַר קיין פאַל נישט געדולדעט, אַז די פאַמיליע־לאַגערן זאָלן באַזיצן געווער אָדער אַליין זיך פאַרשאַפן רעזערוון פון שפּייז אויפן פּאַרטיזאַנישן שטייגער. דאָך פלעגן איינציקע פאַמיליע־גרופּעס, בעיקר די, וועלכע האָבן זיך געפונען ווייטער פון די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן (ביעליצער, וועמענס זיך־אָרט איז געווען ביים דאָרף גרויס־זאַטשעפּיטש, ביעליצער קרייז), געוואָגט מיט געציילטע ביקסן דורכצופירן ווירטשאַפט־לעכע אָפּעראַציעס.

אין די פאַמיליע־לאַגערן אין נאַטשער פּושטשע האָבן זיך געפונען בעיקר יידן פון די שכנישע שטעטלעך: ראַדון, לידע, איישישאָק, זאַבע־לאָטש, סאָבאַקינצע, וואַסילישאָק א״אַ.

אין נאַטשער פּושטשע האָבן פיל פאַמיליע־לאַגערן און גרופּעס זיך פאַרזאָרגט מיט שפּייז מיטן אייגן־באַזיצטן געווער — אַ זאַך, וואָס פלעגט אַרויסרופן פיל קאָנפליקטן מיט דער בריגאַדע „לענינסקי קאָמסאָמאָל״, וועלכע איז דאָרט געשטאַנען און האָט אַזאַ לאַגע נישט געוואָלט דולדן.

די פּאַרטיזאַנער האָבן פאַרגוואַרפן די פאַמיליע־פּאַרטיזאַנער אין דער א״ד פּושטשע רויבערייען, ווייל, לויט דער פּאַרטיזאַנישער עטיק, האָט נאָר דער, וואָס קעמפט, דאָס רעכט צו נעמען שפּייז מיט דער ביקס.

אַ באַרעכטיקונג אָפּצונעמען דאָס געווער ביי די פאַמיליע־לאַגערן איז אויך געווען דער מאָטיוו, אַז געווער איז נויטיק פאַר די פּאַרטיזאַנער צום קאַמף קעגן אָקופּאַנט.

אין פיל פּאַרטיזאַנישע ראַיאָנען האָט מען אויסגעטיילט אַ פּאָר ביקסן פאַר יעדן פאַמיליע־לאַגער, כדי זיי זאָלן קענען האַלטן וואַך אַרום דעם לאַגער. די פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג האָט גאָמינירט פון צווישן די לאַגער־

איינוווינער קאָמענדאַנטן, וואָס זענען געווען די פאָרשטייער און פאַרבינד־לער כלפּי דער פאַרטיזאַנישער איינהייט.

אויף וואָלין און פּאָלעסיע זענען די פאַמיליע־לאַגערן געווען אונטער דער פולער שוץ און אויסהאַלטונג פון די קעמפערישע סאָוועטישע אָטריאַדן.

ביים אָטריאַד א״נ „קרוק״ האָט עקזיסטירט אַ פאַמיליע־לאַגער, וועל־כער האָט געציילט 170 מאַן (צווישן זיי אויך פיל קליינע קינדער) פון די שטעטלעך מאַניעוויטש, טיאַנאָווקע, ראַזשיטשע, טאַרטשין און אַנדערע.

ביים אָטריאַד א״נ „מאַקס״, וועלכער איז געשטאַנען אין וואָלטשע־דוב, האָט זיך געפונען אַ פאַמיליע־לאַגער פון 80 ייִדן פון אַלע אַרומיקע שטעט און שטעטלעך — בעיקר פון פּאָוואָרסק, מאַניעוויטש א״אַ.

אַדאַנק דעם קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „וואָראָשילאָוו״ — מיסיוראַ און זיין ייִדישן פאַרטרעטער, אפרים באַקאַלטשוק — ווערט אָרגאַניזירט ביי דעם אָטריאַד אַ גרויסער פאַמיליע־לאַגער פון איבער 350 נישט קאַמפּס־פעיִקע ייִדן פון די אַרומיקע שטעטלעך: סיערניק, וויסאָצקי, האָראָדניע, קאָסטאָפּאָל, דאָמבראָוויץ, ראָוונע (וואָלין) א״אַ. דער פאַמיליע־לאַגער איז געשטיצט און אויסגעהאַלטן געוואָרן דורכן אָטריאַד. מער ווי 250 ייִדן האָבן אין דעם לאַגער איבערגעלעבט די מלחמה.

די ייִדן פון די פאַמיליע־לאַגערן אין וואָלין האָבן אין יאָר 1943 גע־זייט די פעלדער אין דער נאָענט פון די וועלדער, ווו פאַר די פויערים איז געווען פאַרבאָטן, לויטן פאַרטיזאַנישן געזעץ, דער צוטריט, און די פרויען, זקנים און קינדער האָבן געפּאַשעט סטאַדעס פאַרטיזאַנישע בהמות און שעפּסן אויף די פּעטע לאַנקעס פון וואָלין.

די גערעטענישן פלעגן געהערן צו די אָטריאַדן און אַ טייל פלעגט אָפּגעגעבן ווערן פאַר דער באַשפּייזונג פון די פאַמיליע־לאַגערן.

די נישט קאַמפּס־פעיִקע ייִדן האָבן אַלץ געטון לויט אייגענער איני־ציאַטיוו, בכדי זיך צו מאַכן נוצלעך דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג. די ייִדישע פאַמיליע־לאַגערן אויף וואָלין האָבן געטריקנט די געקליבענע וואַלד־פּראָ־דוקטן (יאַגדעס, מאַלינעס, שוואָמען אאַז״וו), וועלכע מען פלעגט פאַנאַנדער־טיילן צווישן די קעמפערישע פאַרטיזאַנער־אָטריאַדן.

די פאַמיליע־לאַגערן אויף וואָלין האָבן באַקומען פון די סאָוועטישע אָטריאַדן געציילטע ביקסן, בכדי צו האַלטן וואַך, און פון צייט צו צייט,

פלעגן די אָטריאַדן דורכפירן ווירטשאַפטס־אויפגאַבעס מיט גרופּעס פון די פאַמיליע־לאַגערן, ספּעציעל פאַר די לעצטע.

אין דעם לעצטן פעריאָד פאַר דער באַפרייונג זענען צו די פאַמיליע־לאַגערן פון „קרוק" און „מאַקס"־אָטריאַדן צוגעטיילט געוואָרן קליינע באַוואָפנטע גרופּעס פון די א"ד אָטריאַדן, מיט דער איינציקער אויפגאַבע זיי צו שפּייזן.

אויף וואָלין זענען אויך געווען קליינע יידישע גרופּעס, וועלכע פלעגן לעבן פון אויסבייטן זייער ביסל זאַכן און פון אַרבעט אַלס פאַכמענער אין די דערפער פון די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס און דורך קויפן פאַר מזומנים.

עס זענען געווען גוטהאַרציקע פּויערים, וועלכע האָבן נישט אָפּגעזאָגט אומגליקלעכע אָרעמע יידן געבן אָפּעסן, אַ קויש קאַרטאָפל און אַ שטיקל ברויט.

אויך אויף פּאָלעסיע זענען געווען פאַמיליע־לאַגערן. נעבן דער פּינסקער בריגאַדע (קאָמאַנדאָוס פּאַראַיינעקונג), בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער מאַיאָר שובעקידזע, (אַ גרוזין), האָבן זיך געפונען צוויי יידישע ציוויל־לאַגערן, אין פּערעסלאַוועך וואַלד און אויף די ניזאָוויטשער כוטאָרעס. עס האָבן דאָרט געלעבט איבער 300 יידן פון די שטעטלעך: יאַנאָוו, ליובעשאָוו, דראָהיטשין, קאַמיען־קאָשירסק, פּינסק, וולאַדימירעץ (פּאָלעסיע) און אַנדערע.

אין פרילינג פון יאָר 1944, ווען די בריגאַדע האָט געמוזט אָפּטרעטן אונטערן דרוק פון די דייטשע אויף דרום, האָט זי מיטגענומען מיט זיך די יידן פון די א"ד לאַגערן און אַדאַנק דעם האָבן זיי אויסגעמיטן אַ זיכערן טויט פון די דייטשן און באַנדעראָווצעס, וועלכע האָבן ספּעציעל אָפּגעוואַרט דעם מאָמענט, ווען די פאַמיליע־לאַגערן וועלן בלייבן אָן פּאַרטיזאַנישן שוץ.

דער פּוילישער קאָמאַנדיר פון רוסישן אָטריאַד „לאַזאָ", גאָרבאַטשעווסקי, (אַ פּאָליאַק פון סאָוועט־רוסלאַנד), האָט אָרגאַניזירט פאַמיליע־לאַגערן פון די נישט קאָמפּס־פעיקע אָנגעלאָפענע יידן פון די אַרומיקע פּאָלעסיער שטעטלעך און פון ציגיינערס (ווי באַוווּסט, האָבן די דייטשן אויסגעראָט אויך די ציגיינערס) און זיי געשיצט.

אין דאָרף וויטין האָבן די יידן פון פאַמיליע־לאַגער איינגעאָרדנט אַ

גאַרבעריי־פאַבריק און אויסגעאַרבעט פון די מאַסן פעלן פון די געשאָכ־טענע בהמות, שוכוואַרג פאַר די פאַרטיזאַנער.

אַדאַנק דער שוץ פון א״ד אָטריאַד, האָבן כמעט אַלע ייִדן אין די לאַגערן איבערגעלעבט די גיהנום־צייט און דערלעבט די באַפרייונג.

אַלע ייִדישע אָטריאַדן, אָדער געמישטע, אין וועלכע דער פּראָצענט ייִדן איז געווען אַ קענטיקער, האָבן אויסגעהאַלטן נעבן זיך פאַמיליע־לאַגערן. אין דער ערשטער ריי האָבן זיי אַרומגענומען די אומקאַמפּס־פעיִקע משפּחה־מיטגלידער פון די קעמפערס אין די אָטריאַדן.

זומער 1943, נאָך דער דייטשער אָבלאַווע אויף די נאַראָטשער וועלדער, האָט זיך אָרגאַניזירט אַ פאַמיליע־לאַגער פון די ייִדן פון ווילנע, ווילייקע, קורעניץ, דיסנע אאַז״וו. נאָך דעם ווי די רוסישע פּאַרטיזאַנער האָבן, נאָך דער אָבלאַווע, אָפּגענומען ביי אַ טייל ייִדן זייער געווער און בשום אופן זיי נישט געוואָלט צוריק אויפנעמען אין די קעמפערישע פאָרמאַציעס, איז פאַר זיי געבליבן בלויז איין ברירה. זיי האָבן זיך געווענדט צום קאָמאַנדיר מאַר־קאָוו, מיט אַ פאָרשלאַג אויסצופירן אַלע פּראָדוקציע־פונקציעס פאַר די פאַרטיזאַנער. מאַרקאָוו האָט דעם פאָרשלאַג אָנגענומען. די א״ד ייִדן האָבן אין די נאַראָטשער וועלדער אָרגאַניזירט אַ בעקעריי, שוסטעריי, שלאָסעריי, אַ וורשט־פאַבריק אאַז״וו. מאַרקאָווס פאַרטיזאַנער־פאַראייניקונג (ווילייקער געגנט) און אַנדערע קעמפערישע איינהייטן, פלעגן ביי זיי באַשטעלן אַלדאָס נויטיקע.

אויף אַזאַ מין אופן, האָט דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר, פוגאַטשאָוו, אָרגאַ־ניזירט אַ ציווילן לאַגער פון אַ טייל ייִדישע קאַמפּס־פעיִקע פאַרטיזאַנער פון זיין אָטריאַד (פּאָלעסיע). פריִער האָט ער ביי זיי אָפּגענומען זייערע ביקסן, וואָס זיי האָבן מיט אַזויפיל סכנות נפשות געבראַכט מיט זיך פון די געטאָס, און אָפּגעגעבן צו נישט־ייִדן, וואָס זענען געקומען אין די וועלדער. איבערן ציווילן לאַגער האָט ער נאָמינירט אַלס קאָמענדאַנט, זיין געוועזע־נעם שטאַב־נאַטשאַלניק, אַ שיכור און אַן אַנטיסעמיט מיטן נאָמען מישקע, וואָס פלעגט זיך איזדעקעווען איבער זיינע „אונטערטאַנען״. זיי איז פאַר־באָטן געוואָרן אַנטיילצונעמען אין קאַמפּס־אָפּעראַציעס קעגן שונא און די פאַר צעבראָכענע ביקסן מיט די געציילטע קוילן, וואָס מען האָט זיי אי־

בערגעלאָזט, איז געווען באַשטימט בלויז אויף דורכצופירן ווירטשאַפט־לעכע פּאַרגרייט־אָפּעראַציעס.

דאָס אַנטוואָפּענען ייִדישע יונגעלייט, אונטער פאַרשיידענע פּרע־טעקסטן און אַריבערפירן זיי אין פאַמיליע־לאַגערן, האָט אַרויסגערופן אַ פאַרביטערונג ביי ייִדן. די בחורים זענען דאָך געקומען אין די וועלדער, כדי צו קעמפן און נקמה־נעמען פון די פּאַרטיליקער פון זייערע משפּחות, און פּלוצלינג זענען זיי אויסגעשטעלט געוואָרן אויף דער הפקרות פון גורל, אויף הונגער און שוצלאָזיקייט אין די פאַמיליע־לאַגערן. זיי האָבן זיך גע־דאַרפט באַגניגענען מיט באַדינען די פּאַרטיזאַנער־קעמפער...

דער ייִדישער אָטריאַד א״נ „קאַגאַנאָוויטש ל. מ.״ האָט געהאַט ביים אָטריאַד אַ פאַמיליע־לאַגער פון 60 פּערזאָן פון די שטעטלעך מיאָר, קאַזאַן, דיסנע א״אַ שטעטלעך, אין שכנות פון טעטיקייטס־ראַיאָן פון אָטריאַד.

אויך אַ צווייטער ייִדישער אָטריאַד אונטערן זעלביקן נאָמען אויף פּאָ־לעסיע (פּאָהאָסט־זאַגאָראָדסקער ראַיאָן), האָט געשטיצט און אויסגעהאַלטן מיט אַלעם נויטיקן די אומקאַמפּס־פעיִקע ייִדן.

אין אַ זייער שווערן מצב האָבן זיך געפונען די פאַמיליע־לאַגערן בעת אַ דייטשער אָבלאַווע אָדער בלאָקאַדע.

אין מערסטן טייל פּושטשעס און ראַיאָנען פלעגן די אָטריאַדן, בעת אַן אָבלאַווע נישט דערלויבן די פאַמיליע־לאַגערן נאָכצוגיין זיי, בעת יענע פלעגן מיט זייטיקע וועגן אָפּטרעטן אויף אַ שטיקל צייט אין אַן אַנדער ראַ־יאָן, צוליב דעם שווערן משפּחה־עלעמענט, וועלכער האָט געקענט באַ־שווערן דאָס פּאָרזיכטיקע דורכרייסן זיך דורך דעם דייטשן רינג. עס איז טאַקע פאַר קינדער, פרויען און זקנים געווען שווער נאָכצוהאַלטן די פּאַר־טיזאַנער אין זייער שנעלן מאַרש.

די פאַמיליע־לאַגערן פלעגן בלייבן אויף די ערטער און זיך באַהאַלטן אין די — פון פריִער זאָרגפעליק־צוגעגרייטע — „סכראָנעס״ (אונטער־ערדישע באַהעלטענישן). זיי זענען געווען אַזוי גלענצנדיק פּאַרמאַסקירט, אַז נישט זעלטן פלעגן די דייטשן „דורכקאָמענדיק״ דורכגיין דעם וואַלד, אַרויפגיין אויף די באַהעלטענישן און זיי נישט באַמערקן.

אַ „סכראָן״ — דאָס איז געווען אַן אונטערגראָבונג אונטער דער ערד. דער אַריינגאַנג איז געווען דורך אַן אויסגעהוילטן בוים, אָדער דורך אַ

טירל, וואָס האָט זיך געפונען ביי אַ בוים אָדער קוסט. אויפן „סכראָן" פלעגט מען פאַרזעצן ביימלעך, וועלכע פלעגן עס אויפגיסן אין איין גאַנצעס מיט דער אַרומיקער סביבה. געווען אויך אַריינגאַנגען דורך אַ ספּעציעל־געבויט ווענטל פון אַ ברונעם, וועלכע פלעגט זיך לייכט אַרויסנעמען און צוריק אַריינשטעלן. אַזאַ אַריינגאַנג האָט געהאַט אַ באַזונדערן ווערט ווינטער־צייט, ווייל דאָס האָט נישט געמסרט די שפּורן אין שניי. די לופט פלעגט זיך אין אַזאַ „סכראָן" באַקומען דורך אויסגעהוילטע, אינעווייניק אויסגעברענטע ביימער, אָדער דורך ספּעציעל געמאַכטע לעכער אונטער די ביימער.

אין דער גרויסער בלאָקאַדע אין דער ליפּיטשאַנער פּושטשע פאַר דער באַפרייונג (מאַי־יולי 1944), זענען אומגעקומען פיל ייִדן, ווייל זיי זענען געווען געצוווּנגען אַרויסצוגיין פון די אונטערערדישע באַהעלטענישן צוליב דעם, וואָס עס האָבן זיך געהאַלטן ביים פאַרענדיקן די שפּייז־רעזערוון און צוליב דער לאַנג־אָנהאַלטנדיקער בלאָקאַדע (מער ווי זעקס וואָכן).

די פאַמיליע־לאַגערן האָבן, בדרך כלל, אין צייט פון אָבלאַוועס פיל מער געליטן, ווי די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן, וועלכע פלעגן, ס׳רוב אָן גרויסע פאַרלוסטן, באַווייזן זיך אַרויסצוקריגן שטילערהייט אָדער מיט אַ קאַמף פון דער באַדראָטער זאָנע.

די אומבאַוואָפנטע פאַמיליע־לאַגערן האָבן אויך געהאַט פיל קרבנות אין ווייסרוסלאַנד פון די ווייס־פּוילישע פּאַרטיזאַנער, און אויף וואָלין — פון די אוקראַיִנישע גרינע פּאַרטיזאַנער.

בעת דער אָבלאַווע פון גרויסע כוחות פון דייטשן און ליטווינער אויף דער נאַטשער פּושטשע (ביי די שטעטלעך נאַטשע, ראַדון, זאַבעלאָטש), דעם 16טן און 17טן יולי 1943, איז דורך אַן עראָפּלאַן באָמבאַרדירט געוואָרן — און פון אונטן גלייכצייטיק אָנגעגריפן געוואָרן — אַ ייִדישער פאַמיליע־לאַגער.

עס איז דאַן אומגעקומען כמעט דער גאַנצער לאַגער (96 מאַן), אין גרעסטן טייל לידער ייִדן. דאַקעגן דער פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד „לענינסקי קאָמסאָמאָל" איז אָן פאַרלוסטן אָפּגעטראָטן אין דער ריכטונג פון דער רוסקיע פּושטשע.

אין וואָלטשע־נאָרע (ביי סלאָנים) זענען געווען פאַמיליע־לאַגערן פון

ביטענער ייִדן, וועלכער האָט געציילט 365 פּערזאָן און פון קאָסאָוער ייִדן, וועלכער האָט געציילט 180 פּערזאָן. דעם 24טן מערץ 1943 זענען, פון אַ פּלוצלינגדיקן איבערפאַל פון דער פּאָליציי, געפאַלן 27 ייִדן — בעיקר פרויען און קינדער — וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן. דעם 20טן יאַנואַר 1943 זענען, בעת אַן אָנפאַל פון דייטשן און פּאָליציי אויפן ביטע־נער פאַמיליע־לאַגער, אומגעקומען 56 ייִדן.

די פאַמיליע־לאַגערן פון „וואָלטשע נאָרע" האָבן געליטן אויך פון קאָמאַנדיר פון דער 53טער גרופּע ביים אָטריאַד „שטשאָרס", באַבקאָוו, וועלכער איז געווען אַ מיאוסער אַנטיסעמיט. נאָך דער אָבלאַווע (אָקטאָבער 1942), האָט ער אונטערגעהאַלטן די זינלאָזע קלאַנגען, אַז די ייִדן האָבן אַרויסגעגעבן די דייטשן דאָס אָרט פון אָטריאַד. אויף אייגענער האַנט האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע ייִדן מוזן פאַרלאָזן וואָלטשע־נאָרע. אַ קליינער טייל פון די ייִדן האָט, ליידער, זיך צוריקגעקערט אין די געטאָס (וועלכע האָבן נאָך דאַן עקזיסטירט) און זיי זענען שפּעטער דאָרט אומגע־קומען. די איבעריקע זענען אַוועק אין די פאַמיליע־לאַגערן פון דער שכנישער פּאָלעסיע.

די פּויערים פלעגן אַרויפשיקן פּאָליציי אויף די פאַמיליע־לאַגערן און זיי פאַרניכטן. אַזוי איז דורך אַ פּלוצלינגדיקן אָנפאַל אויף אַ פאַמיליע־גרופּע ביים „מאַיאַק" (זשעטלער ראַיאָן, אַפּריל 1943), אומגעקומען זעכצן ייִדן. אין דער זעלביקער צייט, זענען אויך געווען אָנפאַלן אויף גרופּעס אין די פּאַדוואָרקער וועלדער און ביים דאָרף לוזשיץ (זשעטלער ראַיאָן). אויך דער אָנפאַל אויפן ייִדישן פאַמיליע־לאַגער אין נאַטשער פּושטשע איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ מסירה מצד די ליטווישע פּויערים, וועלכע האָבן געגנוי געוווּסט דאָס אָרט פון לאַגער. די מסירות האָבן געצווונגען אָפט צו בייטן דאָס זיץ־אָרט פון לאַגער (איבעריקנס פלעגן אויך פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן, צוליב פאָרזיכטיקייט, בייטן זייער זיץ־אָרט).

מלך באַקאַלטשוק דערציילט וועגן אַריבערפיר פון פאַמיליע־לאַגער פון וואָלין קיין פּאָלעסיע, נאָכדעם ווי דער „וואָראָשילאָוו"־אָטריאַד, אונטער וועמענס שוץ זיי האָבן זיך געפונען, האָט באַקומען אַ באַפעל פון מאָסקווע, צו פאַרלאָזן די לאַסיצקאָער וועלדער און אַריבערגיין אין די דובניצקער

משה קאַגאַנאָוויטש

וועלדער (אין דער אומגעגנט פון אָלעווסק, מאָזיר) — אַ מרחק פון לערך 300 קילאָמעטער.

„עס איז דאַן אַנטשטאַנען די פּראָבלעם, וואָס טוט מען מיטן יידישן פאַמיליע־לאַגער, וואָס האָט געציילט העכער 100 פּערזאָן, וואָס אממערסטן זענען זיי געווען עלטערע מענער און פרויען, אויך אייניקע קינדער. די מענטשן פון פאַמיליע־לאַגער זענען נישט געווען באַוואָפנט. מיטגיין מיט אונדז אין דאָזיקן מאַרש קיין דובניצק האָבן זיי נישט געקענט. בלייבן אַליין אויפן אָרט, אַן פּאַרטיזאַנישן שוץ, איז געווען פאַר זיי אַ טויט־אורטייל. די אוקראַינישע „באַנדעראָווצעס" וואָלטן זיי תיכף באַפאַלן נאָך אונדזער אַוועקגיין.

דער שטאַב האָט אַוועקגעשיקט רייטערס צו דער „מאָלאָטאָוו"־בריגאַדע, דערוויסן זיך אויב זיי זענען גרייט צו געבן שפּייז און שוץ דעם פאַמיליע־לאַגער. די רייטער האָבן זיך צוריקגעקערט מיט אַ פּאָזיטיוון ענטפער.

אַ שטאַרקע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג האָט באַגלייט די פאמיליע־לאַגערן (אויך פּוילישע און אוקראַינישע) צו דער „מאָלאָטאָוו"־בריגאַדע, וואָס האָט געהאַט איר באַזע אין די בלאָטעס און וועלדער ארום פּינסק. די בריגאַדע האָט אויסגעפּילט איר פאַרפליכטונג און די פאַמיליע־לאַגערן האָבן דער־לעבט די באַפרייונג.

(„זכרונות פון אַ פּאַרטיזאַן", פון כתב־יד)

לויט דער עדות פון שרה ביליאַנקאָ און יוכבד פּיווען, האָט אויך מעד־ווערדיעוו אָפּגעשיקט די אומקאַמפּס־פעיקע יידן קיין ווייסרוסלאַנד.

„...לערך 150 יידן זענען אָנגעקומען צו מעדוועדיעווס אָטריאַד — פון זיי מער ווי אַ דריטל אָפּשטאַמיקע פון שטעטעלע בערעזנע (וואָלין). צום גליק איז מעדוועדיעוו געווען אַ גוטער מענטש און ער האָט זיי איינגע־שלאָסן אין אָטריאַד.

שפּעטער, ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן פאַרפאָלגן שטאַרק די פּאַרטיזאַנער (אויף וואָלין האָבן אויך געבושעוועט די אוקראַיניש־פאַשיס־טישע באַנדעראַ און בולבאַ־באַנדעס — (דער מחבר), האָט מעדוועדיעוו באַפוילן איבערצופירן די יידן קיין ווייסרוסלאַנד, ווו דער מצב איז געווען אַ פיל לייכטערער. מעדוועדיעוו האָט צוגעטיילט עטלעכע רוסן צו דער עסקאָרטע און געגעבן די אַרויסגעשיקטע 15 ביקסן, אויף צו פאַרטיידיקן זיך אין וועג".

(„מיין שטעטעלע בערעזנע", ז' 161)

פּאַמיליע־לאַגערן, וואָס האָבן נישט געלעבט אין די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס, פלעגן אין דער שטרענגסטער געהיימעניש האַלטן דאָס לאַגער־אָרט, און נאָר געציילטע פויערים, אין וועלכע מען איז געווען פולשטענדיק זי־כער און וואָס זענען גוט באַלוינט געוואָרן, האָבן געוווסט דאָס אָרט פון לאַגער. אַזוינע פויערים האָבן אויך געדינט ווי אינפאָרמאַנטן, און נישט זעלטן אויך ווי צושטעלערס פון שפּייז.

אין פאַרהעלטנמעסיק „רויִקע" טעג, האָבן די פאַמיליע־לאַגערן אין די וועלדער פאָרגעזעצט דעם טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער פון זייערע חרובע היימען אין די שטעטלעך. יידישע פּאַרטיזאַנער פלעגן אויסזוכן אַלערליי געלעגנהייטן, בכדי צו באַזוכן די פאַמיליע־לאַגערן און אָנוואַרעמען זיך אין אַ יידישער אַטמאָספער.

אין דער רוסישער פּאַרטיזאַנער־ליטעראַטור געפינען מיר שפּורן פון יידישע פאַמיליע־לאַגערן און גרופּעס, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און אַרומגעוואָגלט אין די וועלדער. די מחברים, קאָמאַנדירן פון גרויסע פּאַר־טיזאַנישע פאַראייניקונגען, שרייבן וועגן זיי מיט סימפּאַטיע און פאַר־שטענדעניש.

וועגן אַזאַ פאַמיליע־לאַגער אין אַ וואַלד, אין געגנט פון די בערעזינער בלאָטעס (באָריסאָווער קאַנט), דערציילט דער פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדיר, ג. לינקאָוו („באַטיאַ"):

„די אויסשפּירער האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז אין וואַלד געפינען זיך יידן, אַרויסגעראַטעוועטע פון די שחיטות פון די שכנישע שטעטלעך. אַז זיי האָבן געהערט, אַז אין דער געגנט איז אָנגעקומען אַ שטאַרקער פּאַר־טיזאַנער־אָטריאַד, האָבן זיי באַשלאָסן איינאָרדענען זייער לאַגער אין שכנות. ביים דורכזוכן דעם וואַלד, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרויסער מחנה יידישע פאַמיליעס. די מענטשן האָבן זיך צונויפגעדריקט אין גע־צעלטן און ערד־שטיבלעך, הונגעריקע, דערפרוירענע און אָפּגעריסענע. געווען צווישן זיי שוואַנגערע פרויען, זקנים, זקנות און קינדער. אַלע זענען מיר אַנטקעגנגעלאָפן און געקוקט אויף מיר מיט האָפענונג און דערוואַר־טונג. זיי האָבן נישט געוווסט, אַז איך וועל זיי נישט קענען ראַטעווען — און געהאָפט אויף עפעס אַ נס פון מיר. ווי שווער מיר איז געווען, האָב איך דאָך זיי געמוזט זאָגן דעם אמת: מיין אָטריאַד איז אַ קליינער און אַ וואַנדערנדיקער און פאַמיליעס וועלן נישט קענען מאַרשירן מיט אונדז.

איך האָב זיי צוגעזאָגט צו שיקן ברויט און פלייש פאַרן הונגעריקן לאַגער און זיי געעצהט, אַז זיי זאָלן אַריין טיפער אין די וועלדער, אפשר וועלן זיך צו אונדז קענען אַנשליסן די מער־קאָמפּעטענט מענטשן, וואָס זענען גרייט זיך מקריב צו זיין אין קאַמף קעגן שונא. עטלעכע מענער האָבן זיך טאַקע אַנגעשלאָסן אין אונדזער אָטריאַד. „— חבר קאָמאַנדיר — האָט זיך צו מיר געווענדט אַ יונגע פרוי, הערנדיק אונדזערע געשפרעכן — אין דער סביבה געפינט זיך אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד וואָס ציילט דרייסיק מאַן. זייער קאָמאַנדיר איז דער אַבערלויטנאַנט באַסמאַנאָוו. אַלע זענען זיי מוטיקע בחורים. זיי וואָלטן אייך געקענט ברענגען נוצן".

— אויב דו ווייסט אים זען — האָב איך איר געענטפערט — זאָג אים, אַז איך וויל זיך מיט אים טרעפן.

— איך וועל צו אים ספּעציעל גיין — האָט די פרוי געזאָגט — אָבער מיט דעם באַדינג, אַז דו זאָלסט אויך מיך אויפנעמען און מיר געבן אַ געלעגנהייט נקמה צו נעמען אינעם שונא. איך האָב באַזונדערע חשבונות מיט די דייטשן... וועסטו מיך אויפנעמען?

— כ'וועל דיך אויפנעמען — האָב איך פאַרשפּראָכן, און בשעת מעשה זיך דערמאָנט מיין שמועס מיט סאַדאָווסקין: „נישט אַלע זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער כדי זיך צו ראַטעווען דאָס לעבן. געווען אַזעלכע, וואָס זענען גרייט געווען צו קעמפן קעגן שונא".

(ג. לינקאָוו — די מלחמה אין שונאס הינטערלאַנד", ז"ז 128־129).

אין דעם א"ד בוך פון ג. לינקאָוו ווערט ווידער דערמאָנט דאָס פאַמיליע־לאַגער פון די בערעזינער זומפּן. בשעת אַ דייטשן אַנגריף אויפן אָטריאַד, ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן אין זייערע פּאָזיציעס צוגעגרייט האַנטגראַנאַטן, האָט זיך דערהערט אַ געוויש פון צווישן די קשאַקעס און פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קינדער־קול רופנדיק „מאַמע" און מען האָט געזען לויפן פרויען און קינדער. אַן אַלטער ייִד, פרימאַס, האָט די אַנטלויפנדיקע געריכטעט צו די פּאַרטיזאַנישע ערד־שטיבלעך.

(דאָרט, ז"ז 143־144).

פּאָלקאָווניק מעדוועדיעוו דערציילט וועגן אַ ייִדישן פאַמיליע־לאַגער אין די האַנאָוויצער וועלדער ביי בראָד (מזרח־גאַליציע):

„אַ סך יידן האָבן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער פאַר די דייטשן און, אַז זיי האָבן זיך געטראָפן מיט פּאַרטיזאַנער, האָבן זיי זיך איינגעשלאָסן אין זייערע רייען. אין די צומאַנער (וואָלין) און אָרנער (פּאָלעסיע) וועלדער

האָבן זיך צו אונדז אַנגעשלאָסן אַ סך יידן פון די פּאַמיליע־לאַגערן. אַז מיינע פּאַרטיזאַנער האָבן געפרעגט די יידן פון די פאַמיליע־לאַגערן אין האַנאָוויצי: — „פּאַרוואָס שליסט איר זיך נישט אָן אין דעם פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד וואָס לאַגערט לעבן אייך?" — האָבן זיי געענטפערט: — „מיר גרייטן זיך אַריבערצוגיין די פראָנט־ליניעס". (דער פראָנט האָט זיך דאַן דערנענטערט צו גאַליציע).

(מעדוועדיעוו, „גייסטיקע טיטאַנען", ז' 471).

אַ טייל פון קאָוופּאַקס פּאַראייניקונג האָט, נאָך אַ העפטיקן קאַמף ביי דעלאַטין, באַגעגנט אין די טיפענישן פון „שוואַרצן וואַלד" (ביי סטאַניס־לאַוו, מזרח־גאַליציע), אַ פּאַמיליע־לאַגער פון הונדערט יידן — רעשט־לעך פון די 85 טויזנט יידן, וואָס די דייטשן האָבן קאָנצענטרירט אין סטאַניסלאַוואָווער געטאָ.

דער קאָמאַנדיר־פּאַרטרעטער — פּ. ווערשיגאָרא, שילדערט זיין באַ־געגעניש מיטן פּאַרטרעטער פון יידישן לאַגער, ד"ר צימער:

— ווער איז דאָרט? — האָט סערדיוק אַריבערגעשריגן אין דער ריכ־טונג פון די קשאַקעס.

— מענטשן — איז פון דאָרטן געקומען אַן ענטפער.

— איך זע דאָך, אַז איר זענט מענטשן.

פון הינטער די קשאַקעס איז אַרויסגעקומען אַ מענטש און זיך צו אונדז דערנענטערט מיט פאַרזיכטיקע טריט.

— נו, ווער זענט איר? זייט זיך מודה!

ד"ר צימער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אויסשטרעקנדיק זיין האַנט. זיין אַנצוג איז געווען געלאַטעט ביי די עלנבויגנס און די קני. לויט זיין רוסיש רעדן האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ פּוילישער אָדער טשעכישער ייד. דאָס איז געווען אַ ייד וואָס האָט פאַרענדיקט די מעדיצינישע פאַקול־טעט אין פּראָג און איז געווען טעטיק אין זיין פאַך אַלס ציין־דאָקטער און גינעקאָלאָג אין מערב־אוקראַינע.

ד"ר צימער האָט זיך באַקלאָגט, אַז אונטערוועגס צום וואַלד האָבן מיינע סאָלדאַטן רעקווירירט פון יידישן פאַמיליע־לאַגער אַ וואָגן מיט שפּייז־פּראָדוקטן און מעדיצינישן מאַטעריאַל. ער האָט מיר געבעטן מען זאָל די זאַכן צוריקגעבן. איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל אים צוריקגעבן דאָס מעדיצינישע מאַטעריאַל, ווייל איך האָב געצווייפלט אויב פון די שפּייז־פּראָדוקטן איז נאָך עפּעס געבליבן.

— איך האָב געהייסן מיינע מענטשן זיך דערווייטערן פון אייך, כאָטש

עס איז אונדז געווען אַ שאָד צו פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. מיר האָבן אויפגע־שטעלט געצעלטן אין די קשאַקעס. פאַר זיי וועט דאָס זיין בעסער. איר מאַכט אָן אַ צו־גרויסן רעש — האָט ד״ר צימער פאַרענדיקט זיין שמועס״.

(מ. ווערשיגאָראַ „מענטשן מיט אַ ריינעם געוויסן״, ז״ז 570־572).

פערלין מאַטוויי גריגאָריעוויטש, אַ ייִדישער סאָלדאַט אין קעגן־אויסשפּיר־דינסט פון דער רויטער אַרמיי, דערציילט וועגן אַ ייִדישן פאַ־מיליע־לאַגער אין די וועלדער פון פּיאַניצע (לעמבערגער געגנט):

„צופעליק האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף צוויי באַראַקן, ווו ס׳האָבן געוווינט אַכציק יידן. כ׳האָב צווישן זיי געטראָפן 75־יעריקע זקנות, בחורים, מיידלעך און אויך קינדער. דער יינגסטער איז אַלט געווען 3 יאָר. די מענטשן האָבן געלעבט אין די וואַלד־באַראַקן 16 חדשים. זייער צאָל איז געווען אַ פּיל גרעסערע. פון די 40 טויזנט יידן פון די שטעט בראָד, זלאָטשאָוו און סביבה, זיינען לעבנגעבליבן בלויז ביי 200 נפשות, און פון זיי האָבן זיך 80 באַזעצט אויף אָט דעם אָרט.

ווי אַזוי איז זיי געלונגען צו בלייבן לעבן? עס האָבן זיי דערצו גע־האָלפן די איינוווינער פון די אַרומיקע דערפער. אָבער קיינער פון די פּויערים האָט נישט געוווסט דעם אָרט פון זייער באַהעלטעניש. פאַרלאָזנ־דיק דעם וואַלד און צוריקגייענדיק „אַהיים״, פלעגן זיי ווינטער פאַרווישן די שפּורן אין שניי. זיי האָבן אויך פאַרמאָגט געווער — איינציקע ביקסן און רעוואָלווערן, מיט וועלכע זיי פלעגן דורכפירן נקמה־אַקטן אויף די פאַשיסטישע חיות.

אין משך פון גאַנצע דריי יאָר האָבן זיי צווישן זיך גערעדט נאָר אין דער שטיל. עס איז געווען פאַרבאָטן צו ריידן הויך. נאָר ווען איך האָב זיי באַזוכט, האָבן זיי אָנגעהויבן ריידן מיט אַ נאַטירלעך קול, זינגען און לאַכן...״

(איליאַ ערענבורג, „פעלקער־מערדער״, צווייטע זאַמלונג, ז״ז 114־115).

אין 1943 זענען אין אַ ריי פּושטשעס אַנטשטאַנען פאַמיליע־לאַגערן אויך פון נישט־יידן. דאָס זענען געווען פאַמיליעס פון קינדער, וואָס זענען אַוועק אין פאַרטיזאַנקע און וועמען די דייטשן פלעגן, אַלס רעפּרעסיע, אויסהרגענען; פּויערים־פאַמיליעס, וועמענסווירטשאַפטן עס זענען חרוב געוואָרן דורך די דייטשן בעת די אָבלאַוועס און בלאָקאַדעס, ווי בכלל אַלע, וועלכע זענען געקומען אין סתירה מיטן דייטשן שטראָף־קאָדעקס און האָבן קיין אָרט נישט געהאַט אין זייערע היימען.

די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך נישט געקענט נישט וויסנדיק מאַכן פון די פאַמיליע־מיטגלידער, וועמענס זין און טעכטער האָבן געקעמפט אין די אָטריאַדן.

אַ דאַנק דעם באַפעל פון דער סאָוועט־רעגירונג צו די פּאַרטיזאַנער צו נעמען אונטער זייער פולער שוץ אַלע פאַרפאָלגטע פון דעם היטלעריס־טישן רעזשים, האָבן, טראָץ די אַלע געפאַרן, וועלכע האָבן געלויערט פון אַלע זייטן אויף די אומבאַוואָפנטע, נישט קאַמפס־פעיקע, הילפסלאָזע יידן, דערלעבט דעם טאָג פון באַפרייאונג פיל טויזנטער פרויען, זקנים און קינדער.

קאַפּיטל פופצן

די רוסישע אונטערגרונט־באַוועגונג און די פאַרניכטונג פון די רוסישע יידן

א. דאָס רעטעניש מיט די ייִדן אין די אָקופּירטע רוסישע געביטן.

אין אַלע אָקופּירטע שטעט און שטעטלעך און אַפילו אין די דערפער זענען אין די מלחמה־יאָרן געווען טעטיק אַנטיפאַשיסטישע אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציעס. עס האַנדלט זיך וועגן די מזרח־געביטן פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע, ר.ס.פ.ס.ר. קרים און קאַווקאַז. די מייסטע אונטערגרונט־לער זענען געווען געוועזענע מיטגלידער פון דער קאָמפּאַרטיי און „קאָמסאָמאָל", וואָס זענען ספּעציעל פאַר דעם צוועק איבערגעלאָזט געוואָרן אין היגטערלאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז צווישן די סאָוועטישע אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציעס אין די שטעט און די פאַרטיזאַנער וואָס זענען געווען טעטיק אין די וועלדער פון דער אומגעגנט, זענען באַשטאַנען ענגע פאַרבינדונגען בנוגע אינפאָרמאַציע, אויסשפּירונג און דיווערסיע.

צי האָט די רוסישע אונטערגרונט־באַוועגונג, וועמענס חברים זענען געווען לעבעדיקע עדות פון דער פאַרניכטונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, געהאָלפן ראַטעווען ייִדן? צי האָט די נישט־ייִדישע באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע סאָוועטישע געביטן, געהאָלפן אירע ייִדישע שכנים אין די קאַטאַסטראָפאַלע טעג פון ייִדישער אויסראָטונג?

עס איז אַן אומבאַגרייפלעכער און ווייטיקלעכער פאַקט, אַז דווקא אין די סאָוועט־רוסישע געביטן ווו אין די שטעט און שטעטלעך איז געווען טעטיק אַז אויסגעצייכנטער און פאַרצווייגטער אונטערגרונט; ווו די באַ־

פעלקערונג איז אין משך פון 24 יאָר דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון „פעלקער־פריינטשאַפט״ און פולע גלייכהייט אין רעכט און פליכט פאַר אַלע פעלקער פון דער סאָוועטישער פעדעראַציע, האָבן זיך זייער ווייניק יידן געראַטעוועט פון די, וואָס האָבן זיך נישט עוואַקויִרט. פּראָפּאָרציאָנעל איז די צאָל פון די געראַטעוועטע געווען אַ פּיל קלענערע, ווי אין די מערבדיקע זאָנעס פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע, וואָס האָבן זיך געפונען אונטערן סאָוועטישן רעזשים בלויז אין די יאָרן 1939־1941, און אַפּילו ווייניקער ווי אין דעם אַנטיסעמיטישן פּוילן.

לויט נישט גענויע סטאַטיסטישע ציפערן זענען אין רוסלאַנד אומ־געקומען 1,4 מיליאָן יידן, פון די 3 מיליאָן, וואָס האָבן געלעבט אין די פריערדיקע גרענעצן (אויסער די לענדער וואָס זענען אין 1939־1940 אַנעקסירט געוואָרן), ד״ה, קרוב 50 פּראָצענט. מען רעכנט, אַז פאַרן אַריינמאַרש פון די דייטשן האָבן זיך העכער איין מיליאָן יידן עוואַקויִרט פון די מערבדיקע זאָנעס אין די טיף־אָפּגעלעגענע רעפּובליקן. העכער אַ האַלבער מיליאָן יידן האָבן לכתחילה געלעבט אין די נישט־אָקופּירטע רוסישע געביטן.

מיר ברענגען דאָ עטלעכע שורות פון וואַסילי גראָסמאַנס רייזע־איינדרוקן פון דער באַפרייטער אוקראַינע, סוף 1943:

„...איך האָב באַרייזט אַלע שטחים, אַנגעהויבן פונעם צפונדיקן דור־נאַיעץ ביזן דניעפּער, פון וואָראָשילאָווגראַד אין דאָנבאַס ביז טשערניגאָוו, אויפן דיעסנע. איך האָב אָפּגעטראָטן ביים דניעפּער און געכאַפּט אַ בליק אויף קיעוו און אין משך פון דער גאַנצער צייט האָב איך געטראָפן בלויז איין יידן. דאָס איז געווען דער לייטנאַנט קופּערשטיין, וואָס איז אין 1941 געבליבן אין דייטשער אַרומרינגלונג אין יאַגאָטינער געגנט. אַן אוקראַי־נישע פויערין (וואָס האָט מיט אים חתונה געהאַט) האָט אים גאַנצע צוויי יאָר אויסבאַהאַלטן, פאַרשטעלנדיק אים אַלס מאָלדאָוואַנער.

דער שרייבער ערענבורג האָט מיר דערציילט, אַז אין צפון־אוקראַינע האָט ער געטראָפן איין יידיש מיידל, אַ פּאַרטיזאַנקע — און דאָס איז אַלץ!

ווו זענען אַהינגעקומען די הונדערטער טויזנטער יידן, כמעט אַ מיליאָן נפשות, וואָס האָבן ערשט מיט דריי יאָר צוריק געלעבט און געאַרבעט אויף דער אוקראַינישער ערד, צוזאַמען מיטן אוקראַינישן פאָלק?..״

(„אוקראַינע אָן יידן״, „איניקייט״ פון 2טן דעצעמבער 1943).

אין דעם זעלבן נומער פונעם 2טן דעצעמבער 1943, שרייבט דער

לייטנאַנט שליומיק, אַז אין האָמעל און אין די אַרומיקע שטעטלעך האָט ער נאָך דער באַפרייאונג נישט געטראָפן קיין איינציקן ייִדן!

פון די 30 טויזנט בערדיטשעווער ייִדן זענען בלויז געבליבן די צוויי ברידער פּעקילים, מיכאל און וואָלף!

אין דער „איינקייט" פונעם 27טן יולי 1943 האָט רבקה רובין פאַר־עפנטלעכט אַ קאָרעספּאָנדענץ אונטערן נאָמען „איינע אין קראַסנאָדאַר", וועגן דער פרוי דבורה עדלין, די איינציקע לעבנגעבליבענע פון אַלע קראַסנאָדאַרער (קאַווקאַז) ייִדן!

אַברהם גראַנאָווסקי, סאָלדאַט פון דער רויטער אַרמיי, וואָס האָט נאָך דער באַפרייאונג (9טן מאַי 1944) באַזוכט זיין געבוירן־שטאָט יעקאַ־טערינאָפּאָל, האָט בלויז געטראָפן אַ לעבעדיקע, די 15־יעריקע, סאָניאַ דיאַמאַנד, וואָס האָט אים געשילדערט די גרויסע טראַגעדיע פון די ייִדן אין יעקאַטערינאָפּאָל, שפּאָלע און זוועניגאָראָצק.

(איליאַ ערנבורג — מערדער פון פעלקער", ז"ז 138־140).

אין קראַסנאָפּאָליאַ (מאָהילאָווער קאַנט) אַ קהילה, וואָס האָט געציילט 1.800 נפשות, איז געבליבן בלויז איין ייִדישע פרוי מיטן נאָמען לידאַ וויסאָצקי.

בלויז 6 ייִדן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די מאַסן־גריבער זענען געבליבן פון די 9 טויזנט מאַריאַפּאָלער ייִדן (אוקראַינע).

(איליאַ ערנבורג — „מערדער פון פעלקער", ז' 24).

אַז די עוואַקויִרטע ייִדן און די באַפרייטע ייִדישע זעלנער האָבן זיך אומגעקערט אין זייערע היימען, זענען זיי געווען געצוווּנגען צו דערוויסן זיך פּרטים וועגן זייערע אומגעקומענע משפחות, פון נישט־ייִדן, ווייל אין הונדערטער קהילות איז נישט געבליבן לעבן אַפילו איינאיינציקער ייִד!

נישט געקוקט דערויף, וואָס אין די מזרח־זאָנעס פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד איז אַנטשטאַנען אַ פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג באַלד נאָכן אַריינמאַרש, אין דער צווייטער העלפט פון 1941 (אין קעגנזאַץ פון די מערבדיקע זאָנעס ווו די באַוועגונג אַנטשטייט ערשט אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1942) — האָבן זיך אַפילו אין די וועלדער נישט געראַ־טעוועט קיין סך ייִדן.

זייטשיק, אַ פּאַרטיזאַן פונעם אָטריאַד „גולאַיעוו", האָט צווישן די

גערעטעטעוועטע געטראָפן בלויז די פאַמיליע פון שניידער ווישנעווסקי, אַ גאַרבער־פאַמיליע און אַ מיידל מיטן נאָמען געניע. (אַלע פון שטעטל גלוסק) און אַ בחור מיטן נאָמען נחומטשיק פון שטעטל אוזדע. זיי זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער נאָך פאַרן אַריינמאַרש פון די דייטשן און זענען געווען די מיטגלידער פון עם א״ד אָטריאַד.

כמעט אַלע יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך געפונען אין די צענדליקער אָטריאַדן, וואָס האָבן זיך געבאַזירט אין דער געגנט פון גלוסק און סטאַראָבין, זענען געווען יידן פון די שטעטלעך לענין און פּאָהאָסט־זאַגאָראָדסקי (מערב־ווייסרוסלאַנד), וואָס זענען אַהין אַנטלאָפן פון אַרבעטס־לאַגער אין האַנצעוויטש.

אין דער יידישער גרופּע פון „דיאַדיאַ מישאַ״, וואָס האָט געלאַגערט אין זשיטאָמירער געגנט האָבן זיך געפונען עטלעכע צענדליק סאָוועטישע יידן. דאָס זענען מייניסטנס געווען סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי, וואָס זענען געבליבן שטעקן אין הינטערלאַנד נאָך אַ דייטשער אַרומרינגלונג. אויך די יידן אין די פּאַרטיזאַנישע פאַראייניקונגען פון קאָווּפּאַק, סאַבוראָוו און פיאָדאָראָוו, זענען געווען רויט־אַרמייער, וואָס זענען געבליבן שטעקן אין הינטערלאַנד.

נאָר איינצלנע פון זיי זענען געווען געראַטעוועטע פון די שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע, דער עיקר פון מערב־אוקראַינע. די א״ד פאַראייניקונגען האָבן זייער טעטיקייט אָנגעהויבן אין די אוקראַינישע וועלדער.

ווי זאָל מען דאָס דערקלערן, וואָס דווקא אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט די באַפעלקערונג נישט אויסגעשטרעקט אַ רעטנדיקע האַנט און די צאָל פון די געראַטעוועטע איז אַזאַ נישטיקע, אַפילו אין פאַרגלייך מיטן אַנטי־סעמיטישן פּוילן?

פאַרוואָס זענען די יידן נישט אַנטלאָפן אין די וועלדער, ווו שוין אין יאָר 1941 זענען געווען טעטיק שטאַרקע פּאַרטיזאַנישע פאַראייניקונגען? פאַרוואָס האָבן זיך די יידן נישט אויסבאַהאַלטן ביי די נישט־יידישע באַקאַנטע, מיט וועלכע זיי האָבן צענדליקער יאָרן געלעבט און געאַרבעט אין פריינטשאַפט ווי גלייכבאַרעכטיקטע אין די פאַרשיידענע מלוכה־אונ־טערנעמונגען?

ווו איז דער באַשייד פון דעם רעטעניש?

ב. דער ייִדישער גורל

דער צוגאַנג פֿון די נאַציס לגבי דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, איז פֿאַר די אַנדערע פֿעלקער פֿון די אָקופּירטע געביטן געווען אַ דער־שיטערנדיקע אַנטפּלעקונג. ווי עס זאָל נישט זײַן, האָבן זיי זיך דאָך במשך פֿון די 24 יאָר סאָוועטישע הערשאַפֿט צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז די ייִדן זענען גלײַכבאַרעכטיקטע בירגערס, וואָס האָבן על פּי רוב זיי אַריבערגעשטיגן אין דער ווירטשאַפֿטלעכער העראַרכיע פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד.

די נאַציס האָבן, בײַ זייער אַרײַנמאַרש, באַלד פּראָקלאַמירט די פֿאַר־ניכטונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. דער ספּעציפֿיש „ייִדישער גורל" איז אויך דאָ אויפֿגעשוווּמען. די דײַטשן האָבן זיך אין די אָקופּירטע געביטן באַלד „באַרימט"־געמאַכט. זיי האָבן געהאָנגען, געהרגעט און געמאָרדעט אויך רוסן, ווײַסרוסן און אוקראַינער, פֿאַר דער קלענסטער עבֿירה. אָבער אין די אַנדערע פֿעלקער האָבן די דײַטשן געזען מענטשן, וואָס זענען באַשטימט צום לעבן און זיי האָבן זיך באַמיט צו געווינען זייער סימפּאַטיע און אַרײַנצוציִען זיי אין דער אַדמיניסטראַציע — אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן מיט זיך נישט פֿאָרגעשטעלט קיין סכּנה פֿאַר זייער זיכערקייט, (קאָמוניסטן, פּאַרטיזאַנער, אונטערערדלער אאַז"וו), האָבן זיי די ייִדן תּיכּף אויסגע־שלאָסן פֿון כּלל, באַשטימטע צום לעבן.

אין זײַן רעפּאָרטאַזש „אוקראַינע אָן ייִדן", שרײַבט וואַסילי גראָסמאַן („אייניקייט" פֿון 2טן דעצעמבער 1943):

> „אין די אָקופּירטע געביטן האָבן די דײַטשן באַשטראָפֿט און געמאָרדעט פֿאַר יעדע קלענסטע זינד. פֿאַר יעדן נישט־געוווּנטשענעם וואָרט האָבן זיי געהאָנגען. אָבער ייִדן האָבן די פֿאַשיסטן אומגעבראַכט אָן שום פּרעטעקסט, אויסשליסלעך און בלויז דערפֿאַר ווײַל זיי זענען ייִדן..."

די רוסישע טאַטיאַנאַ לוגאַנאָוואַ, די שרײַבערין פֿון בוך „אין די סמאָלענסקער וועלדער" — האָט אַ סך אַרומגעוואַנדערט איבער ווײַסרוסישע שטעט און דערפֿער. זי האָט זיך קודם געשראָקן צו באַזוכן די ישובֿים ווו עס האָבן סטאַציאָנירט דײַטשע גאַרניזאָנען. נאָר באַלד האָט זי זיך איבער־צײַגט, אַז אַ רוסיש מיידל דראַט נישט קיין שום סכּנה, אויב זי איז נאָר נישט פֿאַרדעכטיקט אין אָנגעהערן צו דער אונטערגרונט און איז נישט

קיין אַקטיווע קאָמוניסטין. די באַפעלקערונג האָט גוט געוווּסט, אַז דעם בירגער דראָט נישט קיין סכנה וויבאַלד ער מישט זיך נישט אין פּאָליטיק. די סכנה ווי צו אַ קאָלעקטיוו, אַ פאָלק, האָט בלויז באַדראָט יידן.

אַן אַלטע פויערטע האָט אויסגעלערנט טאַטיאַנען די גאַנצע תורה. זי איז קורץ און שאַרף:

„שרעק זיך נישט, מיין קינד. זיי (די דייטשן) טשעפּען נישט קיין קריסטן. אָט וועל איך דיר געבן אַ קליין צלמל. זינט די דייטשן זענען אַריין, אַרבעט זיי אויס איינער פון די אונדזעריקע...״

(טאַטיאַנאַ לוגאַנאָוואַ — דאָרט, ז׳ 32).

אַ צלם אויפן האַלדז האָט אַלזאָ געדינט ווי אַ קמיע קעגן אַלע דייטשע פורעניותן... לוגאַנאָוואַ דערציילט אין דערמאָנטן בוך וועגן שווידערלעכע פּייניקונגען פון די יידן, רוסישע קריגס־געפאַנגענע אָדער אונטערערדלער, אָבער זי דערמאָנט נישט קיין שום אַכזריותן כלפּי די רויִקע נישט־יידישע בירגער...

דבורה עדלין, די איינציקע פרוי וואָס איז לעבנגעבליבן נאָך דער יידישער שחיטה אין קראַסנאָדאַר, האָט זיך געווענדט צו איר אַלטן באַקאַנטן, דעם רוסישן אַקטיאָר דראַזדאָוו און אים געבעטן ער זאָל עדות זאָגן ביי דער געסטאַפּאָ, וואָס האָט געצווייפלט אין איר געפעלשטן דאָקומענט — אַז זי איז אַ רוסין.

— „מיין לעבן ליגט אין דיינע הענט, אַרקאַדי פּעטראָוויטש, באַשטעטיק אַז איך בין אַ רוסין און מען וועט מיר לאָזן לעבן. דראַזדאָוו און אַ פּראַוואָסלאַוונער גלח האָבן ביי דער געסטאַפּאָ באַשטעטיקט אַז זי איז אַ פּראַוואָסלאַווישע רוסין און אַדאַנק דעם האָט מען זי באַפרייט״.

(„איינע פון קראַסנאָדאַר״ — „אייניקייט״, 27טן יולי 1943).

איוואַן קאָזלאָוו, דער אָרגאַניזאַטאָר פון קרימער אונטערגרונט, איז באַשטאַנען, אַז זיין פרוי צילאַ זאָל זיך עוואַקוירן און נישט בלייבן מיט אים. ער האָט געוווּסט, אַז איר גורל אַלס יידישע איז אינגאַנצן אַן אַנדערער פון זיינעם אַלס רוס.

— „אַלס יידישע קענסטו מיט מיר נישט בלייבן״.

צוליב דער זעלבער סיבה האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אויפצונעמען אין אונטערגרונט די יידישע קאָמסאָמאָלקע פּאָליאַ גאָוואַרדאָווסקי. קאָזלאָוו

דערציילט, אַז זי איז ווי געפּלעפּט געוואָרן הערנדיק די סיבה פון זײַן אָפּזאָג:

— „איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן אונטער דער סאָוועטישער הערשאַפט — האָט פּאַליאַ געזאָגט — און איך האָב קיינמאָל נישט געפילט קיין דיסקרימינאַציע צווישן ייִד און רוס. און איצט, ווען מען דאַרף פאַר־טיידיקן דאָס פאָטערלאַנד, דערמאָנסטו מיר מײַן אָפּשטאַם...

איך האָב איר געזאָגט: „די דײַטשן ברענגען אום די ייִדן מיט דער שווידערלעכסטער אכזריות".

אָבער זי האָט זיך געהאַלטן בײַ אירן:

— „און איך מיין, אַז די דײַטשן וועלן זיך פּונקט אַזוי אָפּרעכענען מיט אַלע סאָוועטישע מענטשן..."

לויט איר אויסערלעכן אויסזען איז זי ענלעך געווען צו אַן אַרמענערין און איך האָב באַשלאָסן צו דערפילן איר פאַרלאַנג און זי אויפנעמען אין אונטערגרונט מיטן דאָקומענט פון אַן אַרמענערין. איר מוטער און שוועס־טער האָבן געדאַרפט זיך עוואַקוירן אין הינטערלאַנד".

(„אין קרימער אונטערגרונט", — דאָרט, ז"ז 31־32).

אויך א. פּיאָדאָראָוו דער פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדיר ווייסט דעם באַזונ־דערן טראַגישן גורל פון די ייִדן אונטער דער נאַצישער הערשאַפט. דעם רויט־אַרמייער יעקב זוסערמאַן, וואָס איז צוליב אַן אַרומרינגלונג געבליבן שטעקן אין הינטערלאַנד, האָט ער שטאַרק אָפּגערעדט פון אומקערן זיך קיין נעזשין צו זײַן פאַמיליע און געראַטן אים צו פאַרבלײַבן אין די וועלדער:

— „גיי נישט קיין נעזשין, לויט דײַן אויסזען וועלן זיי באַלד דער־קענען, אַז דו ביזט אַ ייִד... דײַן פאַמיליע וועט אומקומען, וועסט כאָטש קענען נקמה נעמען..."

(„געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין אונטערגרונט" — ז"ז 46־48).

ג. די אונטערגרונט־ליטעראַטור וועגן חורבן.

די פּאַרטיזאַנישע ליטעראַטור, וואָס איז דערשינען אין רוסלאַנד, האָט דערציילט נישט קיין סך וועגן ייִדישן חורבן, צוליב טעמים וואָס זענען נאָר באַקאַנט די מחברים, די קאָמאַנדירן פון די פּאַרטיזאַנישע פאַראייני־קונגען אין די אָקופּירטע געביטן און די אונטערערדלער־אַקטיוויסטן פון די אָקופּירטע שטעט.

פּעטראָ ווערשיגאָראַ, קאָוופּאַקס שטעלפאַרטרעטער, שילדערט אין זיין בוך „מענטשן מיט אַ ריינעם געוויסן" באַריכות און דראַמאַטיש דעם גורל פון אַ קליין פּויליש דערפל אין וואָלין, וואָס איז פאַרניכטעט געוואָרן פון אוקראַינישע פאַשיסטן. אין דער זעלבער צייט דערמאָנט ער אַפילו נישט מיט קיין איינציק וואָרט די טראַגעדיע פון יידישן פאָלק. עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז ער זאָל גאָרנישט האָבן געוווּסט וועגן דער פאַרניכטונג פון הונדערטער טויזנטער יידן אין די שטעט און שטעטלעך פון פּאָלעסיע, אוקראַינע און גאַליציע — געגנטן, וועלכע קאָוופּאַקס אָט־ריאַד איז דורכגעגאַנגען בעת זיינע באַרימטע מאַרשן אין יאָר 1943 (דאָס יאָר פון יידישע מאַסן־שחיטות). אַ חוץ דעם האָבן זיך אויך געפונען אין א"ד אָטריאַד אַ נישט קליינע צאָל יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די שחיטות און זיי האָבן דאָך זיכער דערציילט וועגן זייער בלוטיקן וועג צו די וועלדער...

אויך אין סידאָר קאָוופּאַקס בוך „פון פּוטיוואָל ביז צו די קאַרפּאַטן" איז נישטאָ קיין שום עכאָ פון יידישן חורבן אין די געגנטן וועלכע זיינע חיילות האָבן דורכגעמאַרשירט.

נישט געקוקט דערויף, וואָס אין די רייען פון זיינע קעמפערס האָבן זיך געפונען צענדליקער יידן, וואָס נאָך דער באַפרייאונג פון די סקאַלאַטער יידן איז אין זיין אָטריאַד אַפילו אויפגעשטעלט געוואָרן אַ באַזונדערע יידיש־נאַציאָנאַלע ראָטע (נומער 7), איז אין זיין בוך דאָך נישטאָ קיין שום זכר פון אַ יידישן נאָמען. און אָט א נאָך מער כאַראַקטעריסטישער פּרט: דער־ציילנדיק וועגן דעם אָנשלוס פון דעם אָפיציר דוד באַקראַדזאַ אָן זיין אָטריאַד, שרייבט ער:

> „מיר זענען אַלע געווען צופרידן, וואָס צו אונדז — די נקמה־נעמער אוקראַינער, ווייסרוסן און רוסן — איז צוגעקומען אַ דרייסטער מענטש פון גרוזינישן אַפּשטאַם".

און נאָך מער משונהדיק איז דאָס וואָס אַפילו זיין אויפטו ביי דער באַפרייונג פון סקאַלאַטער יידן, וועלכע זיין שטעלפאַרטרעטער, ווערשיגאָראַ באַשרייבט אַזוי אויספירלעך און דראַמאַטיש (זע קאַפּיטל: „די סאָוועטישע רעגירונג און פּאַרטיזאַנקע אַלס יידן־רעטערס"), פאַרשווייגט קאָוופּאַק אינ־

גאַנצן... און מען דאַרף דאָך קאָופּאַקן נישט חושד זיין אין אַנטיסעמיטישע נטיגונגען...

און דאָך קענען מיר פון די קנאַפּע שילדערונגען פון דער פּאַרטיזאַנער־ליטעראַטור וועגן דער יידישער טראַגעדיע, זיך שאַפן אַ שטיקל באַגריף וועגן יידישן חורבן, וועגן דער הילף פונעם אונטערגרונט און באַציִונג פון דער באַפעלקערונג צו די אומגליקלעכע יידן.

ד. מעדוועדיעוו, דער קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנער פאַראייניקונג, וואָס האָט איר טעטיקייט אָנגעהויבן אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1942 אין וואָלין, אַ געגנט וואָס איז געווען געדיכט באַפעלקערט פון יידן, — ווידמעט אין זיין בוך וויניק פּלאַץ דער יידישער טראַגעדיע. אין דעם קאַפּיטל וועגן דער דייטשער „נייער אָרדנונג" שרייבט ער:

„אַז די היטלעריסטישע רוצחים האָבן אָקופּירט די שטעט און דערפער פון מערב־אוקראַינע, האָבן זיי פּראָקלאַמירט אַ רעגיסטראַציע־פליכט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. זיי האָבן קאָנפיסקירט דאָס גאַנצע יידישע פאַרמעגן און די יידן געשיקט צו צוואַנגס־אַרבעט.

סוף אויגוסט האָבן די דייטשן, לויט אַ פון־פריער צוגעגרייטן פּלאַן, דורכגעפירט די ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג פון ראָוונע און די אַרומיקע ישובים. די היטלעריסטן האָבן אַרויסגעפירט הינטער דער שטאָט גרופּעס יידן, באַפוילן צו גראָבן גריבער און זיי דאַן דערשאָסן. נישט לייגנדיק קיין אַכט צי עמעץ פון די יידן לעבט נאָך, האָבן זיי אַלעמען אַריינגעוואָרפן אין די גריבער און זיי פאַרשאָטן.

די „מענטשן־פרעסער" האָבן קיינעם נישט געשוינט, אפילו נישט זקנים און קינדער. נאָר זייער וויניק איז געלונגען צו אַנטלויפן. אָבער אויך זיי האָבן אין ערגעץ נישט געפונען קיין מקום מקלט. די היטלעריסטן האָבן געדראָט דער באַפעלקערונג מיט טויט־שטראָף, אויב זיי וועלן קומען צו הילף די יידן, און די קאָמוניקאַטן האָבן געמאָלדן פרעמיעס פאַר פאַררעטער און קאָלאַבאָראַציאָניסטן: „פאַר יעדן ייד, וואָס וועט אויסגעליפערט ווערן אין דייטשע הענט — אַ קילאָ זאַלץ".

אויך דאָס האָט געהערט צו דער „נייער אָרדענונג" פון דייטשלאַנד...

אַז איך האָב געזען דעם פילם „דער משפט פון די פעלקער" — דער משפט אויף די הויפּט קריגס־פאַרברעכער, ווו עס איז אויך געוויזן געוואָרן זייערע בלוטיקע מעשים, האָב איך אין זיי נישט געפונען קיין גרעסערע און שווידערלעכע פאַרברעכנס ווי די, וואָס איך האָב געזען מיט די אייגענע

אויגן אין יאָר 1942 אין די געגנטן פון קאָסטאָפּאָל, לודוויפּאָל, ראָקיטנאָ, סאַרני און אין די אַנדערע ראַיאָנען, שטעט און שטעטלעך פון מערב־אוקראַינע".

(„דאָס איז געווען הינטער ראָוונע" — ז"ז 53־52)

מעדוועדיעוו האָט אונדז געשילדערט די טראַגעדיע פון די וואָלינער יידן. אַ. פּיאָדאָראָוו דערציילט וועגן דער שחיטה אין אַ שטעטל פון מזרח־אוקראַינע, און דער הילף פון דער באַפעלקערונג ביים ראַטעווען דעם יידישן פאַרטיזאַן, יעקב זוסערמאַן:

„אין די ערשטע טעג פון אַרומבלאָנקען אין די וועלדער, האָט זיך פּיאָדאָראָוו אָנגעשטויסן אויף דריי רויט־אַרמייער, וואָס זענען דורך דער דייטשער אַרומרינגלונג אָפּגעשניטן געוואָרן פון זייער מיליטערישער איינהייט. איינער פון זיי איז לויט זיין אויסערלעכן אויסזען געווען אַ טיפּישער ייד. אַז עס איז קלאָר געוואָרן, אַז איינע פון די דריי גרייטן זיך צו פאַרראַטן און איבערגעבן פּיאָדאָראָוון אין די דייטשע הענט, זענען אים באַפאַלן דער ייד זוסערמאַן און דער דריטער סאָלדאַט און אים דערוואָרגן. אין אַ צייט אַרום האָט זיך פּיאָדאָראָוו דערוווּסט, אַז אין דאָרף אַלעקסייעווקאַ ליגט אין אַ פּויערישן הויז אַ יידישער פאַרטיזאַן טיפוס־קראַנק. תיכף איז אים איינגעפאַלן אַז דאָס דאַרף זיין זיין פריינט יעקב זוסערמאַן. וואָס איז נאָך פריער פאַרשוווּנדן פונעם אָטריאַד און וועלכן אַלע האָבן שוין געהאַלטן פאַר טויט. פּיאָדאָראָוו איז אים געגאַנגען באַזוכן. אויף זיין פראַגע, וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט, האָט זוסערמאַן דערציילט:

„אַוועקגייענדיק פונעם אָטריאַד „איטשניאַנסקי", האָב איך זיך דערמאָנט צז אין דערבייאיקן שטעטל קרוקאָווקע וווינט מיין פרויס אַ פעטער, ישראל פיינשטיין, וואָס אַרבעט אין אַ צוקער־פאַבריק. עס איז מיר איינגעפאַלן אַ נאַרישער געדאַנק. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיין פרוי איז אַריבער פון נעזשין קיין קרוקאָווקע. איך האָב זיך געלאָזט אַהין גיין. די פּויערים האָבן מיר דערציילט, אַז די אייגנטלעכע הערשער פון דער שטאָט און דער סביבה זענען איצט די פאַרטיזאַנער. דאָס האָט מיך דערמוטיקט. אָבער דאָס רעדל האָט זיך באַלד איבערגעדרייט. אונטערן דרוק פון די דייטשע כוחות זענען די פאַרטיזאַנער געצוווּנגען געוואָרן זיך צוריקצוציען. אויף די גאַסן פון שטאָט האָב איך נישט באַגעגנט קיין לעבעדיקן נפש. אפילו נישט קיין דייטשן. איך בין געגאַנגען צו דער אַפּטייק, רעכענענדיק, אַז אויב ישראל זאָל זיך נאָך געפינען אין שטאָט, וועט דערפון וויסן דער אַפּטייקער, וואָס איז געווען זיין פריינט. די הויז־וועכטערין האָט מיר געזאָגט: „דער אַפּטייקער איז נישטאָ. באַהאַלט זיך שנעל. די יידן באַהאַלטן זיך אין

זייערע הייזער צוליב מורא פאַר אַ שחיטה״. לויט אירע רייד, איז פיינ־שטיין מיט זיין פאַמיליע אַוועק קיין נעזשין.

איך האָב דעמאָלט נאָך נישט געהאַט פאַרלאָזט קיין באַרד. לויט די וואָנסן און אויסזען, בין איך ענלעך געווען צו אַן אוקראַינער. איך האָב מיר געמאַכט קוראַזש און בין אַרויס אין דרויסן. וווהין גייט מען? איך בין אַריין אין פיינשטיינס הויז.

צו מאָרגנס האָבן די דייטשן אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל: „אַלע יידן דאַרפן זיך פאַרזאַמלען אויפן שטאָטישן מאַרק־פּלאַץ און מיטנעמען זייערע ווערט־פולע זאַכן״. וועגן אַנטלויפן פון שטאָט איז נישט געווען קיין רייד. די שטאָט איז געווען אַרומגערינגלט פון אַ סך דייטשן און פּאָליציסטן.

די שוועסטער פון דער אַפּטייק־באַדינערין, וואָס האָט געאַרבעט אין שפּיטאָל, האָט זיך באַראַטן מיטן דאָקטאָר בעזראָדני און זיי האָבן באַ־שלאָסן מיך אַריינצולייגן אין בעט ווי אַ חולה. אָבער ביינאַכט זענען די דייטשן געקומען אין שפּיטאָל און געמאָלדן, אַז זיי פאַרוואַנדלען דעם שפּי־טאָל אין אַ מיליטער־שפּיטאָל. איך האָב געהערט ווי זיי האָבן אויסגעפאָרשט די קראַנקע:

— פון וואַנען? וואָס פאַר אַ נאַציאָנאַליטעט?

עס איז נישט געווען וווהין צו אַנטלויפן. די גאַס און דער קאָרידאָר איז געווען פול מיט דייטשע זעלנער. כ׳האָב מיך שוין אָפּגעזעגנט מיטן לעבן, וויסנדיק מיט וואָס דאָס צונויפטרייבן פון די יידן שמעקט. אין דעם זענען צוגעקומען צוויי שוועסטער מיט אַ טראַג־בעטל. איינע האָט מיר אַריינגעשעפּטשעט אין אויער אַריין: „שווייג, ווייל איצט ביזטו טויט״. זיי האָבן מיר איבערגעדעקט מיט אַ ליילעך. איך האָב געהערט אַ דייטשן קול: „ווער איז דאָס?״ די שוועסטער האָט שטיל געענטפערט: „געשטאָרבן פון טיפוס...״ איין פּאָליציסט האָט אַראָפּגעריסן דעם ליילעך און, ווי עס ווייזט אויס, האָט אים מיין בלייך, אויסגעצערט פּנים איבערצייגט, אַז דאָס איז טאַקע אַ בר־מינן. ער האָט גלייכגילטיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט: „האַ!״ די שוועסטערס האָבן דאָס טראַג־בעטל אַריינגעטראָגן אין דער טויטן־קאַמער און עס אַוועקגעשטעלט צווישן דריי מתים... 9 מעת־לעת בין איך געווען געצוווּנגען צו פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט פון מתים... אָפּט איז מיר אין די נעכט געלונגען זיך צו דערנענטערן צו די שטאַכל־דראָטן, ווו די יידן זענען געווען קאָנצענטרירט און אַגיטירט, אַז זיי זאָלן אַנטלויפן.

איינמאָל האָט מען מיר דערציילט, אַז מאָריסיאַ צוכנאַ, אַ רוסישע מיידל, אַ פּאַרטיזאַנישע פאַרבינדלערין, איז דורך די דייטשן דערהרגעט געוואָרן צוזאַמען מיט די דרייהונדערט שטעטלשע יידן.

נאָך דער דאָזיקער שחיטה איז פון מיר אַוועק יעדער שרעק־געפיל. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין שטעטל, האַלטנדיק דעם פינגער אויפן רעוואָל־

וועד־ציגל און אין דער צווייטער קעשענע — גראַנאַטן. אין עק שטאָט האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף צוויי רייטער־פּאָליציאַנטן. אַז זיי האָבן זיך צו מיר דערנענטערט, האָב איך אויף איינעם געשאָסן. דער צווייטער פּאַ־ליציאַנט האָט אויף מיר געשאָסן. איך האָב זיך צוריקגעצויגן און אויף אים געוואָרפן אַ האַנט־גראַנאַט. באַלד האָב איך געזען דאָס הירזשענדיקע פערד אָן דעם רייטער און איך בין אַנטלאָפן. אָן אַ ציל האָב איך אַרומ־געבלאָנקעט איבער פעלדער און וועלדער, ביז די כוחות זענען מיר אויס־געגאַנגען און איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ קאַנאַל. פאַרבייגייענדיקע פויע־רים האָבן מיר געבראַכט צו דער אַלטער און איר קינד, וואָס האָט מיר געפלעגט ווי אַ מאַמע...״

(אַ. פיאַדאַראָוו — „געגנט־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי אין אונטערגרונט״ — ז״ז 336־341).

וועגן יידישן חורבן אין מזרח־ווייסרוסלאַנד האָבן מיר דריי שילדע־רונגען.

ליוועַנצעוו שילדערט אין זיין בוך „דאָס פאַרטיזאַנער־לאַנד״ די יידישע שחיטה אין דער שטאָט באָברויסק (מזרח־ווייסרוסלאַנד), דעם 7טן נאָוועמ־בער 1941. לויט זיינע רייד האָט דער קאָמוניסטישער אונטערגרונט פון שטאָט געוווּסט פון די דייטשע צוגרייטונגען צו דער שחיטה און ער האָט די יידן געוואָרנט, זיי געהייסן אַנטלויפן אין די וועלדער און געפינען אַ מקלט אונטערן שוץ פון די פאַרטיזאַנער.

און אָט איז די באַשרייבונג וועגן דער יידישער שחיטה אין באָברויסק:

„די אַרעסטן און דערשיסונגען ביים דייטשן אַריינמאַרש זענען בלויז געווען אַ פאָרשפּיל צו די ווילדע מאַסן־פאַרניכטונגען פון פרידלעכע מענטשן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ערב דעם 7טן נאָוועמבער 1941. אַלס ערשטער קרבן איז געפאַלן די יידישע באַפעלקערונג.

די אָקופּאַנטן האָבן די קוואַרטאַלן לעבן פלי־פּלאַץ, וואָס האָט זיך גע־פונען אין דרום־מזרחדיקן שטאָט־טייל פון באָברויסק, פאַרוואַנדלט אין אַ געטאָ.

דעם 5טן נאָוועמבער אינדערפרי האָבן זיי אָנגעהויבן אַהין צונויפ־טרייבן די יידן פון שטאָט. פון אַלע עקן שטאָט האָבן זיך געשלעפּט אין געטאָ אַריין מאַסן פרויען, קינדער און זקנים, האַלב־נאַקעטע, דערשלאָגענע, געטריבן דורך דייטשע סאָלדאַטן.

— „שנעל, שנעל!״ — האָבן די געסטאַפּאָ־לייט געברילט. די מענטשן האָבן מיט זיך געשלעפּט פעקלעך. אַנדערע זענען געגאַנגען מיט ליידיקע

הענט, באָרוועסע, אָנגעטאָן אין זומער־קליידער. פרויען און קינדער האָבן געוויינט, ווי זיי וואָלטן פאַרגעפילט, אַז יעדער טריט דערנענטערט זיי צום טויט דורך פייניקונגען. אַ לייכטער שניי איז געפאַלן, אַ ווינטל האָט גע־גלעט די פנימער. דער שוידערלעכער צוג האָט זיך געצויגן ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהן. אין די פאַרלאָזטע יידישע הייזער און הויפן האָבן די היטלעריסטן געווילדעוועט. דורך די צעבראָכענע טירן און פענצטער זענען אַרויסגעפלויגן די שטוב־זאַכן. זיי האָבן גערויבט וואָס ס'איז זיי נאָר גע־קומען אין די הענט.

צומאָרגנס האָט מען זיך דערוווסט, אַז מען טרייבט די יידן פון געטאָ אין וואַלד אַריין און דאָרט וועט מען זיי אויסשיסן, ביי די קאַנאַלן וואָס מען האָט ספּעציעל צוגעגרייט. די ידיעות וועגן דער פאַרניכטונג פון די יידן זענען אויך באַשטעטיקט געוואָרן דורך דעם פאַקט, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרקויפן קליידער, וואָס זיי האָבן אַראָפּגענומען פון די טויטע. די פאַשיסטן האָבן אָנגעפולט די מאַגאַזינען און זיך „אויסגעקליבן" „מתנות" פאַר זייערע פאַמיליעס אין דייטשלאַנד. (אויף וויפל אונדז איז באַקאַנט, האָבן זיך צווישן די „קונים" אויך געפונען מענטשן פון דער אָרטי־קער באַפעלקערונג — דער מחבר).

דאָס קאָמוניסטישע אונטערגרונט אין באָברויסק האָט נאָך פריער גע־וווּסט וועגן דעם דייטשן פאַרניכטונגס־פּלאַן. דער אונטערגרונט־קאָמיטעט האָט דאַן תיכף געגעבן אינסטרוקציעס צו וואָרענען די יידן און זיי אינסטרוי־ירן צו פאַרלאָזן די שטאָט און אַריין אין די וועלדער אונטער פאַרטיזאַנישן שוץ. צוזאַמען מיט דער יידישער באַפעלקערונג, זענען אויך אַוועק אַ סך פון די אונטערגרונטלער, וועמען ס'האָט געדראָעט אַ סכנה צו פאַרבלייבן אין שטאָט. דער אונטערגרונט־קאָמיטעט האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו דער באַפעלקערונג, אַז זי זאָל אַוועקגיין אין די וועלדער און אויפנעמען אַ קאַמף מיט די אָקופּאַנטן".

(ב. ליווענצעוו — „דאָס פאַרטיזאַנער־לאַנד", ז"ז 62־64).

וועגן דעם ביטערן גורל פון ווייסרוסישן יידנטום דערציילט אונדז מיט אַ סך מיטגעפיל טאַטיאַנאַ לוגאַנאָוואַ, אַ יונגע פאַרטיזאַנקע פונעם אָטריאַד נומער 11.

לויטן באַפעל פון דער פאַרטיזאַנישער קאָמאַנדשאַפט פון די סמאָ־לענסקער וועלדער, האָט זיך לוגאַנאָוואַ געדאַרפט פאַרבינדן מיטן אָטריאַד פון ג. לינקאָוו („באַטיאַ"), וואָס איז דעמאָלט (1941) געווען טעטיק אין די וויטעבסקער וועלדער. אויף איר וועג איז זי פאַרבייגעגאַנגען הונדערטער ווייסרוסישע שטעט, שטעטלעך און דערפער. אַ קאַפּיטל פון איר בוך, אין

וועלכן זי שילדערט די איינדרוקן פון דעמדאָזיקן וועג, רופט זי אָן: „דער וועג פון שוידער". מיר גיבן דאָ איר שילדערונג פון דער שחיטה אין ווע־ליזש:

„...מיט אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויף זון־אויפגאַנג. איך בין אַרויס אין דרויסן. די דייטשן האָבן געטריבן מאַסן יידן, זקנים, זקנות, פרויען און קינדער. די יידן האָבן געוויינט, געשריגן, געקרעכצט. אויף זייערע אַקסלען — לאָפּאַטעס אויף צו גראָבן גריבער, קברים פאַר זיך. פון אַ גע־וויסער דיסטאַנץ האָב איך באַגלייט די וואַנדערנדיקע צו זייער מאַרטירער־טויט.

איך האָב געזען, ווי אַזוי די דייטשן האָבן זיי געהרגעט אויפן וועג. כ'האָב זיי געזען גראָבנדיק די איינגעפּראַרענע ערד, פאַרחלשטע, פאַלנדיק פון די כוחות. כ'האָב געזען ווי אַזוי מען האָט קינדער און זקנים, וואָס זענען דורכן שיסן נאָר פאַרוווּנדעט געוואָרן — לעבעדיקערהייט אַריינגע־וואָרפן אין אַן אויסגעגראָבענעם קאַנאַל... איך בין נישט אימשטאַנד דאָס אַלץ צו באַשרייבן. זיך אָן דעם צו דערמאַנען, הייסט אויפפרישן אין זיכרון שוידער און גרויזאַמקייט. אויך האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בין בלינד און זע גאָרנישט פאַר זיך. איך האָב זיך געטוליעט צו די ווענט פון די הייזער און בין אַנטלאָפן פון דעם שוידערלעכן אָרט... מיין האַרץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן..."

(טאַטיאַנאַ לוגאַנאָוואַ — „אין די סמאָלענסקער וועלדער", ז"ז 98־110).

מיט טיפער שנאה און אַנטריסטונג צו די רוצחים שילדערט זי די פּיין פון אַן אַלטן ייִדן, ווען די דייטשן האָבן אָנגעטאָן אויפן האַלדז אַ גרויסן האַלץ־צלם און אַריינגעשטופּט אַ נאַקעטן אין דעם איינגעפרוירענעם טייך דווינאַ. דער ייִד האָט זיך געצאַפּלט און די דייטשן האָבן געקוויטשעט: „קאַפּוט". אין דער רגע האָט טאַטיאַנאַ אַרויסגעצויגן אַ רעוואָלווער און גע־וואָלט שיסן אויף די דייטשע נבלות, אָבער אַ רוסישע פרוי האָט זי צוריק־געהאַלטן: — „וואָס, איז דיר טאַקע שוין נמאס געוואָרן צו לעבן?..."

אויך ג. לינקאָוו („באַטיאַ"), דער פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדיר פון אַ פאַר־איייניקונג, וואָס איז געווען טעטיק אין וויטעבסקער ראַיאָן, דערציילט וועגן דעם שוידערלעכן ייִדישן גורל. אין דעם קאַפּיטל וועגן דיליידן פון דער ווייסרוסישער באַפעלקערונג אונטערן אָקופּאַנטן־יאָך, שרייבט ער:

„באַזונדערס האָבן די דייטשן אומברחמנותדיק אומגעבראַכט די יידן. די יידן זענען באַטראַכט געוואָרן ווי רויב־חיות אויף וועמען דאָס גע־יעג

איז דערלויבט אַ גאַנץ יאָר. די געסטאַפּאָ האָט באַפוילן אירע מענטשן נישט אומצוברענגען די יידן מיט איינמאָל, נאָר ביסלעכווייז, כדי אויסצוניצן די „טעטיקייטן" פאַר אַנטיסעמיטישע העצערייען.

די געסטאַפּאָ האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו דער פּאָליציי אין די שטעט, דערפער און שטעטלעך פון וויטעבסקער געגנט, צוצוגרייטן גריבער, מאַסן־קברים פאַר די יידן. (די גרויס פון די גריבער איז צוגעפּאַסט געוואָרן צו דער צאָל יידישע איינוווינער). די דאָזיקע מאַסן־קברים האָבן די יידן אַליין געמוזט גראָבן אונטער באַוואַכונג פון דער אָרטיקער פּאָליציי און היטלער־ריסטישע אויפזעער. אין שטעטל מעסטיזש (וויטעבסקער געגנט) האָבן די פאַשיסטן אויסגעשאָסן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג סוף אויגוסט 1941; אין שטעטל לוקאָמל — אין חודש סעפּטעמבער 1941; אין טשאַשניק און אין אַנדערע ישובים פעברואַר, מערץ 1942.

(„דער קריג אין שונאס הינטערלאַנד" — ז' 72).

אַ מער אויספירלעכע שילדערונג וועגן דעם יידישן חורבן אין קערטש האָט אונדז געגעבן איוואַן קאָזלאָוו. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז ער איז מער עמפּינדלעך צום יידישן אומגליק, ווייל זיין פרוי איז געווען אַ יידישע.

דער זעכציק־יעריקער איוואַן קאָזלאָוו, פון די וועטעראַנען פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, האָט זיך נישט עוואַקוירט אין הינטערלאַנד, נאָר איז געבליבן אַרבעטן אין דער אונטערגרונט־באַוועגונג פון דעם האַלב־אינדזל קרים. אין זיין בוך „אין קרימער אונטערגרונט" גיט ער איבער־פּרטים וועגן דעם גורל פון די יידן אויף דעם האַלב־אינדזל בכלל, און בעיקר אין קערטש:

„דעם 16טן נאָוועמבער זענען די דייטשן אַריין קיין קערטש. נאָך אַ כוואַליע פון טעראָר, אַרעסטן, הרגענען און הענגען מענטשן, וואָס זענען פאַרמסרט געוואָרן אַלס קאָמוניסטן, האָט קאָזלאָוו באַשלאָסן צו באַזוכן די אונטערגרונטלער און צווישן אַנדערן — אויך דאָס יידישע מיידל פּאָליאַ גאָוואַרדאָווסקי.

קאָזלאָוו האָט זיך איבערצייגט אַז זיין מורא איז געווען אַ באַרעכטיקטע איר מיטער און שוועסטער האָבן זיך נישט עוואַקוירט. נאָכדעם ווי מען האָט זיך דערוווסט, אַז די דייטשן האָבן דערטרונקען אַ שיף מיט אַרבעטער, האָט זיך די מוטער אָפּגעזאָגט צו פאָרן און איז מיט דער טאָכטער געקומען פון דאָרף צו פּאָליען. אַזוי אַרום האָבן זיך די שכנים פונעם הויז דערוווסט אַז זי איז אַ יידישע... אַז די דייטשן האָבן פאַראָרדנט אַ רעגיס־טראַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז זי צוזאַמען מיט דער מוטער

און שוועסטער, זיך געגאַנגען מעלדן און גלייך מיט די אַנדערע זיך צו־געשפּיליעט אַ ווייסן מגן־דוד.

קאָזלאָוו האָט באַשלאָסן צו ראַטעווען דאָס מיידל און איר פאָרגעשלאָגן, אַז זי זאָל פאַרלאָזן די מוטער און שוועסטער און אַריבערגיין אין אַ נייער דירה, בייטן דעם פאַמיליע־נאָמען און חתונה האָבן פיקטיוו מיט איינעם פון די אונטערגרונטלער. אָבער פאַליע האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט:

— די מאַמע וועט נישט מסכים זיין — האָט זי געזאָגט — און ווען איך וועל דאָס טון און פון איר אַנטלויפן, וועט זי מיך זוכן, און, אַז זי וועט מיך געפינען ביי אייך, וועט זי אויף אייך אַלעמען ברענגען אַן אומגליק".

(דאָרט, ז"ז 51־52).

קאָזלאָוו דערציילט וועגן די קלאַנגען וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט, אַז מען וועט די יידישע באַפעלקערונג פון קערטש אַוועקפירן אין אַן אַנדער ראַיאָן אין קרים:

„דעם 28טן נאָוועמבער 1942 האָט די געסטאַפּאָ פאַרעפנטלעכט אַ באַ־פעל, אַז אַלע יידישע איינוווינער פון קערטש און סביבה זענען פאַרפליכ־טעט, מאָרגן, דעם 29טן ביז 12 מיטיק־צייט זיך צו פאַרזאַמלען אויפן שטאָט־פּלאַץ, און מיטברענגען שפּייז אויף דריי טעג. די שטראָף פאַר נישט אויס־פילן דעם באַפעל — עפנטלעכע תליה".

קאָזלאָוו איז ווידער אַוועק צו פאַליען. איר שוועסטער האָט אים באַ־רויקט:

„עס וועט אונדז דאָך קיין שלעכטס נישט געשען. מען עוואַקוירט אונדז בלויז. מיר דאַרפן אפילו מיטברענגען שפּייז אויף דריי טעג..."

קאָזלאָוו האָט זיי צוגערעדט, אַז זיי זאָלן זיך באַהאַלטן. ער האָט צו־געזאָגט צו פאַרזאָרגן זיי מיט געפעלשטע דאָקומענטן פון נישט־יידן. אָבער די מוטער איז נישט איינגעגאַנגען אויף דעם פאָרשלאָג:

— „דו ווילסט אַז מען זאָל אונדז הענגען? צוליב וואָס זאָלן מיר זיך באַהאַלטן? מיר האָבן דאָך גאָרנישט געזינדיקט. מיר זענען נישט קיין יחידים. עס האַנדלט זיך וועגן טויזנטער יידן. וואָס עס וועט זיין מיט אַלע־מען, וועט זיין מיט אונדז. אָבער זיך באַהאַלטן ווי פאַרברעכער וויל איך נישט".

פון די פרימאָרגן־שעהן ביז 12 מיטאָג־צייט האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן פּלאַץ סענאַראַ פון קערטש עטלעכע טויזנט יידן. זיי זענען גרופּנווייז אָפּ־געפירט געוואָרן אין תפיסה אַריין. אַ זקן וואָס איז געקומען צו לויפן מיט די פּעקלעך און זיך אַנטשולדיקט וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט — איז אויפן אָרט, פאַר אַלעמענס אויגן, דערשאָסן געוואָרן. פון געפענקעניש

האָט מען די יידן געפירט צום דאָרף באָגאַראָוואַ, צו די אַנטי־טאַנקישע ראָוון און דאָ זענען זיי אויסגעשאָסן געוואָרן. פון די שפּיטעלער האָט מען אַרויסגענומען די קראַנקע אין די תחתונים און זיי געשלעפּט איבער די בלאָטעס צום דאָרף באָגאַראָוואַ.

קאָזלאָוו שילדערט אויספירלעך די פאַרניכטונגס־סצענעס, וועלכע ער האָט ביי־געוווינט. איין מאָל האָט ער זיך באַגעגנט מיט די בליקן פון אַ 14 יעריק יינגל, וואָס איז געפירט געוואָרן אין אַ לאַסט־אויטאָ, פול מיט מיט יידן. די עלטערע זענען געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ ווי פאַרשטיינטע. נאָר דאָס יינגל האָט געקוקט אויף די פאַרבייגייער ווי ער וואָלט דערוואַרט פון זיי הילף:

— „איך ווייס נישט צי וועל איך נאָך אין מיין לעבן זען אַ שרעקלעכערע סצענע, ווי די בעטנדיקע אויגן פונעם קינד. צוויי פּאָליציאַנטן האָבן באַוואַכט דעם אויטאָ. פּלוצלונג איז פון אויטאָ אַראָפּגעשפּרונגען א פרוי און אָנכאַפּנדיק זיך אין אַ טעלעגראַפן־סלופּ, האָט זי געשריגן צום פּאָליציאַנט, וואָס האָט זי געשלאָגן מיט דער קאָלבע פון דער ביקס:

„הרגעט מיך אויפן אָרט! כ׳וועל פון דאַנען זיך נישט רירן!״

די מענטשן וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן, האָבן מיט צאָרן געקוקט אויפן פאַרעטער־פּאָליציסט אוןביידע פונאַנדערגעטיילט. אין דער שטילקייט וואָס האָט געהערשט האָט מען געהערט די היסטערישע שטימע פון דער אַרעסטאַנטין:

דערבאַרעמדיקע מענטשן! זיי פירן אונדז צום טויט! פאַרוואָס?

אַן אַלטע רוסישע פרוי האָט זיך אַריינגעשטופּט צווישן דער אַרעסטאַנטין און דעם פּאָליציאַנט. מענטשן זענען איר געקומען צו הילף. אויסנוצנדיק די מהומה, איז אויך דאָס יינגל אַראָפּגעשפּרונגען פון אויטאָ און איז פאַרשוווּנדן. אַ צווייטע רוסישע פרוי האָט די יידישע פרוי פאַרדעקט מיט איר מאַנטל און איז מיט איר אַנטלאָפן.״

(דאָרט, ז״ז 56־58)

אין אָט די אַלע באַשרייבונגען זענען פאַראַן גאָר ווייניק פאַלן פון הילף מצד דער באַפעלקערונג פאַר ייִדן. בלי ספק זענען געווען איינצלנע פאַלן פון העלפן ייִדן, אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרם. אָבער אַפילו די סאָוועטישע מקורות, וואָס האָבן זיך באַמיט צונויפצוזאַמלען וואָס מער פּרטים וועגן הילף־פאַלן לגבי ייִדן, איז נישט געלונגען אויפצווייזן, אַז דאָס האָט אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער.

איליאַ ערענבורג, וואָס האָט געזאַמלט מאַטעריאַל פון אַזאַ כאַראַקטער פאַר זיין זאַמלונג „פעלקער־מערדער״ (מאָסקווע 1945), כדי צו איבערצייגן

אַז די תורה פון „פעלקער־פריינטשאַפט" האָט נישט אַנטוישט, — איז דער־גאַנגען צו אַ געװוּנג־באַשײדענעם רעזולטאַט: צען פאַלן מיט 21 געראַטע־װעטע ייִדן!

ד"ר מאַרק דװאָרזשעצקי דערציילט אין זיין בוך „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום", װעגן איינצלנע פאַלן פון ראַטעװען ייִדן דורך פּאָ־ליאַקן און ליטװינער אין װילנע. ער רופט אָן נעמען פון עטלעכע פּראָפע־סאָרן, קאַטוילישע גלחים און נאָנעס, װאָס האָבן אויסבאַהאַלטן ייִדן. ער רעזומירט די דאָזיקע פּרשה מיט די װערטער:

„אין דער געזעלשאַפט פון אַקטיװע מערדער, נאַצי־שותּפים, פּען־מער־דער, גלייכגילטיקע און פּחדנים, דאַרף מען אויסטיילן די װייניקע, װאָס זענען נישט מיטגעשלעפּט געװאָרן מיטן רשעות־שטראָם. זיי זענען געװען עטלעכע צענדליקער צװישן די הונדערטער, טויזנטער פּאָליאַקן און ליט־װינער, עטלעכע הונדערט צװישן די עטלעכע מיליאָן ליטװינער".
(דאָרט ז' 313)

הערשל סמאָליאַר אין זיין בוך „פון מינסקער געטאָ"; יעלין און האַל־פּערן אין זייער בוך „פּאַרטיזאַנער פון קאָװנער געטאָ", פאַרציייכענען אַ צאָל פאַלן פון ראַטעװען דורך נישט־ייִדן, אָבער אויך דאָ איז דער סך־הכל פון אַזוינע פאַקטן זייער אַ נישטיקער. און אויך דאָ באַשטעטיקט זיך דאָס װערטל: „דער יוצא מן הכלל באַשטעטיקט דעם כּלל". און דער כּלל איז, צום באַדויערן, אַז אויך די נישט־יידישע באַפעלקערונג אין סאָװעט־רוסלאַנד, װאָס איז אין משך פון 24 יאָר דערצויגן געװאָרן אויף דער תּורה פון „פעל־קער־פריינטשאַפט", האָט אפילו אין אַ מינימאַלן מאַסשטאַב נישט געהאָלפן ראַטעװען ייִדן!

אין איליאַ ערענבורגס בוך „דער שטורעם" װערט אָנגעװיזן אויף פאַר־שידענערליי אַנטפּלעקונגען פון דער באַציִונג פון דער סאָװעטישער באַפעל־קערונג צו ייִדן, און ערנבורג פאַרבאַהאַלט נישט אויך די גאַר־טרויעריקע אַנטפּלעקונגען אין דעם פּרט:

„שוין אין אָנהויב פון דעם קריג בעתן גרויסן ריקצוג, זענען געװען אַזוינע װאָס האָבן געטענהט, אַז מען דאַרף נישט אַנטלויפן: „װאָס־זשע, זיי זענען דען װעלף? מיר זענען נישט קיין קאָמוניסטן. ביסטו אָבער אַ ייד — איז דאָס שוין אַ גאַנץ אַנדערער ענין..."

דער גוטער שכן פון דער יידישער פאַמיליע אַלפער, אַן אוקראַיִנישער לערער, וואָס האָט זיך אָן שוועריקייטן באַלד צוגעפּאַסט צו דער דייטשער הערשאַפט, האָט מיט שנאה באַגעגנט אלפערס מוטער, וואָס איז געקומען בעטן הילף ביי אים: „מענטשן ווי דיין זון זענען אונדז געלעגן אויפן קאַרק, ס'איז קלאָר פאַרוואָס די יידן שרעקן זיך אַזוי...״

...„און די אַלטע פרוי האָט פאַרשטאַנען — „קיינער וועט איצט נישט ראַטעווען, מען דאַרף זיך אונטערוואַרפן דעם גורל״...

ערענבורג שילדערט דעם טויטן־מאַרש פון די קיִעווער יידן קיין באַבי־יאַר און ווידער זעען מיר די גלייכגילטיקייט פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג וואָס קוקט זיך צו צו דער שוידערלעכער פּראָצעסיע:

אַ באַמערקונג פון אַ צושויער: „ווי שרעקלעך דאָס איז!״ ווערט דער־טרונקען אין אַנדערע באַמערקונגען פון אָפענער שנאה אָדער גלייכגילטיקייט לגבי דעם יידישן אומגליק:

„גאָט מיינער, ווי צאָלרייך זיי זענען דאָ!״
„סאַשאַ, זאָלסט נישט פאַרשפּעטיקן צו מיטאָג!״

און ערענבורג, דער עכטער קאָמוניסט, רעזומירט אומעטיק מיט די ווערטער: „ערגעץ ווו, הינטער דער דייטשער קייט, גייט זיך דאָס לעבן מיט זיין געוויינטלעכן גאַנג...״

אויך וואַסילי גראָסמאַן שילדערט אין זיין בוך „דער אַלטער לערער״ אַן אָבלאַווע אויף אויסבאַהאַלטענע יידן, רויב פון יידיש פאַרמעגן, אַ דאָקטאָר, וואָס נעמט פאַר זיך צו די פּיאַנאָ פון אַן אומגעקומענעם יידישן חבר אאַ״וו. מיט איין וואָרט — די זעלבע דערשיינונגען פון שנאה און גלייכגילטיקייט צו דער יידישער טראַגעדיע, גענוי ווי אין די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער...

אויך איוואַן קאָזלאָוו שטעלט פעסט אין זיין בוך „אין קרימער אונטערגרונט״, אַז גרויסע טיילן פון דער באַפעלקערונג האָבן פאַרראַטן און אַז: „מען קען נישט האָבן קיין צוטרוי צו די קרימער טאַטאַרן״ (ווי באַוווסט, זענען די טאַטאַרן תיכף נאָך דער באַפרייונג דעפּאָרטירט געוואָרן, אַלס שטראָף פאַר זייער מיטאַרבעט מיט די דייטשן).

דיאַדיאַ מישאַ, וואָס האָט איבערגעלעבט די יידישע שחיטה אין קאָרעץ (וואָלין) און געווען צוויי יאָר טעטיק אַלס קאָמאַנדיר פון אַ פּאַרטיזאַ־

נער־אָטריאַד אין דער סביבה פון זשיטאָמיר (מזרח־אוקראַינע) — זאָגט וועגן דער נישטיקער צאָל געראַטעוועטע יידן דורך אוקראַינער:

„די אוקראַינער האָבן געראַטעוועט אַזאַ נישטיקע צאָל יידן, אַז עס איז גאָרנישט כדאי צו רעדן וועגן דעם. דער גרעסטער טייל האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פאַרניכטונג פון די יידן. נאָך יעדער דייטשער „אַקציע" פלעגן זיי, לויט אייגענער איניציאַטיוו, לויפן אויסזוכן פאַרבאַ־האַלטענע יידן, אויסרויבן און דערמאָרדן זיי. אין פיל פאַלן פלעגן זיי די אומגליקלעכע יידן אויסליפערן צו דער געסטאַפּאָ און באַקומען א „פּרע־מיע" פון צוויי קילאָ זאַלץ (אַ זעלטענער פּראָדוקט אין די מלחמה־יאָרן) פאַר יעדן אויסגעליפערטן יידישן קאָפּ"...

אַפילו די געשיכטע־שרייבער פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג און פּאַרטיזאַנקע, קענען נישט פאַרבאַהאַלטן די גרויסע צאָל פאַררעטער און קאָלאַבאָראַנטן פון דער סאָוועטישער באַפעלקערונג, וואָס האָבן זיך באַלד מאָביליזירט אין דער דייטשער פּאָליציי און אַדמיניסטראַציע און געדינט אי־בערגעגעבן די נייע „באַלעבאַטים" מיט גאַנצן האַרצן. זייער שנאה צום סאָוועטישן רעזשים האָבן זיי אין דער ערשטער ריי אויסגעלאָזט אויף די „יידישע קאָמיסאַרן" און אין די טעג פון יידישע שחיטות האָבן זיי איבער־געשטיגן די דייטשן אין זייער אכזריות.

די דייטשן האָבן געוווּסט וועגן די אַנטי־יידישע שטימונגען פון אַ באַשטימטן טייל פון דער באַפעלקערונג און פלעגן דעריבער זייערע פאַר־ברעכנס לגבי קאָמוניסטן און רוסישע אונטערגרונטלער פאַרטושן, דורך פאַרשטעלן די באַשולדיקטע אַלס יידן...

דאָס באַשטעטיקט אַ פראַגמענט פונעם טאָג־בוך פון פּ. איגנאַטאָוו, קאָמאַנדיר פון אַ פּאַרטיזאַנער אָטריאַד אין די קאַווקאַזער בערג:

„9טער פעברואַר 1943. די יוגנט אין קראַסנאָדאַר אַרבעט ווי געהעריק. די חברה שניידט איבער טעלעפאָן־דראָטן, ציגדט אונטער ברענשטאָף־מאַ־גאַזינען און ראַמען אָפּ פון וועג די דייטשע וואַך־פּאָסטנס. נעכטן פאַרנאַכט איז די דייטשן געלונגען צו דערטאַפּן אַ גרופּע סטודענטן־דיווערסאַנטן, צווישן זיי איז אויך געווען ניקאָלאַיעוו. צומאָרגנס האָט מען זיי אַלע אויפ־געהאָנגען אין מיטן שטאָט אויף טעלעגראַף־סלופּעס מיט אַן אויפשריפט, אַז די געהאָנגענע זענען יידן..."

(„נאָטיצן פון אַ פּאַרטיזאַן", ז' 293).

מער פון אַלץ איבערראַשט דאָס אָפּהאַלטן זיך מצד די אונטערגרונטס־אָרגאַניזאַציעס פון יעדער רעאַקציע כלפּי דער דייטשער פּאָליטיק פון ייִדן־פאַרניכטונג. אַ חוץ דאָס עדות־זאָגן פון ב. ליוועַנצעוו, אַז די אונטערגרונט האָט געוואָרנט די באָברויסקער ייִדן וועגן דער געפּלאַנטער שחיטה, זענען נישטאָ קיין אַנדערע באַווייזן וועגן ענלעכע פאַקטן.

דער היסטאָריקער, ד״ר שוואַרץ, וואָס האָט געפאָרשט די ייִוואָ־זאַמלונג פון דייטשע דאָקומענטן און די פילע אונטערגרונט־אויפרופן, קאָמוניקאַטן און פלוג־בלעטלעך, וואָס זענען דורך דער רוסישער אונטערגרונט און פאַרטיזאַנקע פאַרשפּרייט געוואָרן אין ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע און אין די באַלטישע לענדער בעת דער דייטשער אָקופּאַציע — האָט פעסטגעשטעלט, אַז אַ חוץ אין אויפרוף פון דעם „פאַרבאַנד צו באַפרייען ליטע״, ווערט אין ערגעץ נישט דערמאָנט די ייִדן־פאַרניכטונג.

סוף זומער 1942 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי אין ווייסרוסלאַנד אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו דער באַפעלקערונג אונטערן טיטל: „היטלער, דער אויסלייזער פונעם לעבן״. דער אינהאַלט פונעם אויפרוף — די היטלעריסטישע גרוילטאַטן און רציחות אין ווייסרוסלאַנד. דערדאָזיקער אויפרוף דערמאָנט נישט אפילו מיט קיין איינציק וואָרט וועגן דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג.

ערב דעם 1טן מאַי 1943 איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַן אויפרוף אונטערגעשריבן פון פּאָנאָמאַרענקאָ, סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי און נאַטאַלעוויטש, פאָרזיצער פון דעם סאָוועטישן ראַט אין ווייסרוסלאַנד, געווענדט „צו די פעלקער פון ווייסרוסלאַנד״ וועגן „דער פאַרניכטונג פון אונדזערע מענטשן דורך די היטלעריסטן״. אין דעם אויפרוף ווערט דערציילט, אַז בלויז אין איין געגנט, וויטעבסק, זענען אין דער לעצטער צייט געהרגעט, פאַרברענט און פאַרסמט געוואָרן העכער 40 טויזנט מענטשן, אַלטע און קינדער. אָבער עס ווערט דאָרט מיט קיין וואָרט אַפילו נישט דערמאָנט, אַז די דאָזיקע געהרגעטע, פאַרברענטע און אָפּגעסמטע זענען אין דער מערהייט געווען ייִדן...

די פּאָליטיק פון סאָוועטישן אונטערגרונט צו פאַרשווייגן די פאַרניכטונג פון די ייִדן, איז נישט געווען קיין צופעליקע דערשיינונג, נאָר אַ דורכגע־

טראַכטער און אויסגערעכנטער פּלאַן פון אויבן, אין הסכם מיט דער ליניע פון מאָסקווע.

אין די נאָטעס, וואָס די סאָוועטישע רעגירונג האָט צעשיקט אַלע באַ־פריינדעטע רעגירונגען (6טן יאַנואַר 1942; 27טן אַפּריל 1942) געחתמעט דורך מאָלאָטאָוו „וועגן די שווידערלעכע מעשים פון די דייטשן, די אכזריותן פון די רויב־חיות און די געוואַלט־טאַטן פון די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן אין די אָקופּירטע סאָוועטישע געביטן" — ווערט די פאַרניכטונג פון די יידן, אויך די שחיטה פון די קיִעווער יידן אין באַבי־יאַר פאָרגעשטעלט ווי אַ טייל פון דער שטראָף־פּאָליטיק קעגן אוקראַינער, רוסן און יידן".

אין די דאָזיקע נאָטעס איז פאַראַן אַ טענדענץ אַריבערצוגיין שווייגנ־דיק איבער דער יידישער אויסראָטונג און נישט פאָרשטעלן זי ווי אַ באַ־זונדערע און ערשטע אויפגאַבע פון דער היטלעריסטישער פּאָליטיק:

> „די היטלעריסטישע נקמה פון דער פרידלעכער סאָוועטישער באַפעל־קערונג אַנטפּלעקט אינגאַנצן די פאַרברעכערישע בלוטיקע פּלענער פון די דייטשן אומצוברענגען דאָס רוסישע, אוקראַינישע, ווייסרוסישע און די אַנ־בעריקע פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד. די באַפעלן און אינסטרוקציעס פון דער דייטשער קאָמאַנדשאַפט צו פאַרניכטן פרידלעכע סאָוועטישע איינוווי־נער, ווערן דיקטירט פון אָט די פאַשיסטישע גרויל־פּלענער".
>
> (נאָטע פון דער סאָוועטישער רעגירונג פונעם 27סטן אַפּריל 1942)

די מחברים פון די נאָטעס האָבן גוט געוווּסט, אַז די דייטשע פּאָליטיק מיט איר גאַנצער גרויזאַמקייט כלפּי די רוסן, אוקראַינער, ווייסרוסן אאַ"וו, צילט נישט צו פאַרניכטן פיזיש די דאָזיקע פעלקער, און אַז נאָר לגבי יידן האָבן זיי זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרניכטן דאָס גאַנצן פאָלק.

די דאָזיקע ליניע איז, פאַרשטייט זיך, נישט דיקטירט געוואָרן פון סימפּאַטיע צו דער היטלעריסטישער פאַרניכטונגס־פּאָליטיק לגבי יידן. נישטאָ קיין גרונט חושד צו זיין די סאָוועטישע פירער אין אַזוינע סימפּאַטיע־געפילן. די סאָוועטישע רעגירונג האָט מורא געהאַט, אַז אַן אָפענער און אַקטיווער קאַמף קעגן דעם היטלעריסטישן אַנטיסעמיטיזם וועט זיין וואַסער אויף די רעדער פון דער היטלעריסטישער פּראָפּאַגאַנדע און פאַרלייכטערן די העץ־אַגיטאַציע קעגן דעם „יודעאָ־באָלשעוויזם", לויט וועלכער די מאָסקווער רעגירונג איז פאָרגעשטעלט געוואָרן ווי אַ יידישע רעגירונג. די סאָוועטישע

רעגירונג האָט אויך געוווּסט, אַז ווען זי וואָלט אין איר פּראָפּאַגאַנדע באַזונדערס באַטאָנט די ייִדישע פאַרניכטונג, וואָלטן די גרוילטאַטן ביי אַ טייל פון דער באַפעלקערונג נישט אַרויסגערופן קיין שום פיינטלעכע געפילן צו די אָקופּאַנטן...

אויך דער אונטערגרונט און די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג האָט עס צוליב טאַקטישע טעמים געהאַלטן פאַר ריכטיק נישט צופיל אונטערצושטרייכן דעם ייִדישן מאָמענט, קענענדיק די אַנטיסעמיטישע שטימונגען, וואָס זענען פאַרוואָרצלט ביי אַ טייל פון דער באַפעלקערונג. זיי האָבן נישט געוואָלט מיט אַ באַזונדער פּראָפּאַגאַנדע לטובת די ייִדן, באַשטעטיקן די דייטשע פּראָפּאַגאַנדע, אַז די רויטע פּאַרטיזאַנקע איז אַ „ווערק״ פון די ייִדן...

ד. — די פאַקטאָרן ביי דער פאַרניכטונג פון די רוסישע ייִדן

כדי צו פאַרשטיין די מערקווירדיקע דערשיינונג, וואָס פון מיליאָנען ייִדן אין ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע האָבן זיך נאָר געראַטעוועט איינצלנע, דאַרפן מיר נעמען אין אַכט אייניקע מאָמענטן און פאַקטאָרן, וואָס זענען דאָ געווען אינגאַנצן אַנדערש ווי אין די אַנדערע אָקופּירטע לענדער, באַזונדערס אין מערב־אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און די באַלטישע לענדער, וואָס זענען אָנגעשלאָסן געוואָרן צום ראַטנפאַרבאַנד ערשט אין יאָר 1939.

1. אין קעגנזאַץ צו די ייִדן פון די דעמאָקראַטישע לענדער, האָט דאָס רוסישע ייִדנטום נישט געהאַט קיין שום באַגריף פון דער רוצחישער ראַסן־פּאָליטיק פונעם נאַציזם לגבי ייִדן. די סאָוועטישע פּרעסע האָט גאָרנישט געשריבן וועגן דעם נירענבערגער אַנטי־ייִדישן געזעץ און די פּאָגראָמען, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אויפן דייטשן ייִדנטום, כדי נישט צו פאַרשאַרפן די באַציִונגען צווישן איר און דעם היטלעריסטישן דייטשלאַנד. נאָכן שליסן דעם פּאַקט ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו, אין אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז אין דער סאָוועטישער פּרעסע נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן קיין אייניציקע ידיעה וועגן די רציחות און הריגות פון פּוילישן ייִדנטום און די ייִדן אין די אַנדערע אייראָפּעיִשע אָקופּירטע לענדער.

פון דעם געשפּרעך וואָס קאָזלאָוו, פון די אונטערגרונט־אַקטיוויסטן אין קערטש, האָט געהאַט מיט דער פאַמיליע פון פּאָליאַ גאָוואַרדאָווסקי, זעט מען,

אַז די רוסישע ייִדן האָבן גאָרנישט געוווּסט וועגן היטלערן און זיין ראַסן־טעאָריע. זיי האָבן נישט געגלויבט קאָזלאָוון, אַז עס דערוואַרט זיי אַ פיזישע פאַרניכטונג און אין זייער באַיוּוקייט געטענהט: „מיר זענען דאָך ערלעכע מענטשן... מיר האָבן זיך נישט פאַרזינדיקט, איז פאַרוואָס דאַרפן מיר זיך באַהאַלטן ווי פאַרברעכער?" צוליב אָט דער זעלבער סיבה זענען פיל ייִדן נישט אַנטלאָפן און געבליבן אויף די ערטער.

דער דאָקטאָר וויינטרויב טרייסט זיך:

— „לויט מיין מיינונג איז די זאַך נישט אַזוי שרעקלעך. מענטשן מיט אינטעלעקטועלע פּראָפעסיעס וועלן מעגן זיך נישט אויף די גאַסן... אַ סך פון מיינע פּאַציענטן ראַטן מיך, אַז איך זאָל בלייבן. מיר וועלן שוין ווי ס'איז איבערליידן ביז דער שטורעם וועט פאַרביי".

(וואַסילי גראָסמאַן — „דער אַלטער לערער").

ייִדן פון אַנדערע לענדער, וואָס האָבן געקענט די היטלעריסטישע ראַסן־פּאָליטיק, זענען נישט געווען אַזוי נאַיוו.

צוליב דער דאָזיקער אומוויסנהייט זענען אַלע ייִדן פון די סאָוועטישע אָקופּירטע געביטן געגאַנגען זיך רעגיסטרירן צו דער געסטאַפּאָ און זיך געמאָלדן צו דער „איבערזידלונג", נישט קלערנדיק וועגן דעם אומגליק, וואָס עס דערוואַרט זיי...

מעגלעך אויך, אַז דער חוש פאַר דיסציפּלין לגבי מאַכט־באַפעלן — אַן אייגנשאַפט וואָס האָט זיך אין זיי פאַרוואָרצלט אַ דאַנק דער דערציִונג במשך פון צענדליקער יאָרן סאָוועטישן רעזשים — האָט אויך מיטגעווירקט, אַז זיי זאָלן פּינקטלעך אויספילן די דייטשע באַפעלן...

2. די ייִדישע יוגנט פון די דאָזיקע געביטן איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי. די אַקטיוויסטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג (יוגנט, מיטגלידער פון „קאָמסאָמאָל" און פּאַרטיי, די אַקטיוויסטן פון דער סאָוועטישער אַדמיניסטראַציע, ווירטשאַפט אא"וו) האָבן זיך עוואַקוירט בעתן צוריקציִען פון דער רויטער אַרמיי. געבליבן זענען עלטערע און זקנים. מיט זיי זענען טיילווייז אויך געבליבן אביסל יונגע מענטשן און פון מיטעלן עלטער — בקיצור, מייסטנס נישט קיין פּאַסיקע פאַר פאַרטיידיקונג, אויפשטאַנד־ און אונטערגרונט־טעטיקייט.

אין אַ סך ערטער האָבן הונדערטער טויזנטער יידן נישט באַוויזן זיך צו עוואַקויִרן, ווייל די דייטשן האָבן זיי אַנגעיאָגט. אין די ערשטע חדשים פון דער מלחמה זענען אין שטורעם איינגענומען געוואָרן אַ סך שטעט אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, געדיכט באַפעלקערטע מיט יידן. קיינעם איז נישט איינגעפאלן, אַז די הויפטשטאָט פון אוקראַינע קיִעוו, וועט פאַלן שוין נאָך צוויי חדשים (18טן סעפטעמבער 1941) מינסק — נאָך 8 טעג, אַז גאַנץ אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד וועלן פאַרנומען ווערן אין געציילטע 2־3 חדשים!

ווען נישט דער דייטשער בליץ־מאַרש אין די ערשטע חדשים נאָכן מלחמה־אויסברוך וואָלטן היינט געבליבן לעבן הונדערטער טויזנטער יידן, וואָס האָבן זיך געגרייט צו עוואַקויִרן און נישט באַוויזן.

3. אין די ערשטע חדשים נאָכן דייטשן אַריינמאַרש, איז דער רוב פון דער סאָוועטיש־פריינטלעכער באַפעלקערונג געווען זייער דערשלאָגן און דערדריקט. די דייטשן זענען געשטאַנען ביי די טויערן פון מאָסקווע און לענינגראַד און עס איז זיי געלונגען איינצונעמען גאַנץ אוקראַינע. די דייטשן האָבן פאַרשפּרייט ידיעות, אַז די הויפטשטעט מאָסקווע און לענינ־גראַד זענען שוין אין זייערע הענט.

די שונאים פון קאָמוניסטישן רעזשים צווישן דער באַפעלקערונג האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן און מיט זיי מיטגעזונגען אין כאָר: „קאַפּוט באָלשעוויזם!" זיי האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן און זיך גע־גרייט צו ווערן באַלעבאַטים פון לאַנד אונטערן דייטשן שוץ. זיי האָבן אָנ־געהויבן אומברחמנותדיק פאַרניכטן אַלע אַקטיוויסטן און סימפּאַטיקער פון סאָוועטישן רעזשים. אין זייערע רציחות און גרוילטאַטן איבער דער ייִדי־שער באַפעלקערונג, קאָמיסאַרן און פּאָליטרוקן — וואָס האָבן לויט זייער אַגיטאַציע געבראַכט אויף רוסלאַנד דעם „אומגליק" פון סאָוועטישן רעזשים — האָבן זיי אַריבערגעשטיגן די דייטשן. די צאָל פון די דייטשע קאָלאַבאָראַ־טאָרן איז לגמרי נישט געווען קיין קליינע.

די באַפעלקערונג, וואָס האָט געלעבט אין פחד פאַר גרויל־טאַטן פון די דייטשן און זייערע מיטהעלפער פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג האָבן מורא געהאַט צו העלפן די פאַרפייניקטע און צום טויט פאַראורטיילטע יידן. די מיינסטע האָבן גלייכגילטיק זיך צוגעקוקט צו די שחיטות פון זייערע

יידישע שכנים. האָט דאָך אין יענע חדשים געהערשט די מיינונג, אַז אַלץ איז שוין פאַרלאָרן, אַז די דייטשן וועלן פאַרבלייבן די הערשער פונעם אָקופּירטן לאַנד...

אמת, עס זענען אויך געווען פיל, וואָס האָבן מיטגעפילט דעם יידישן צער, אָבער צו קיין ממשותדיקע רעטונגס־מעשים מיט דער געפאַר איינ־צושטעלן דערביי דעם אייגענעם לעבן — איז עס נישט געקומען. אַזוינע פאַלן זענען געווען זעלטענע.

4. פּאַקטיש האָט דער סאָוועטישער אונטערגרונט אין די שטעט נישט געקאָנט אויך אַ סך העלפן די יידן. די אַקטיווע טוער פון דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי זענען נאָך צו זיך נישט געקומען פון דער ערשטער מיליטערי־שער מפּלה און פון דער דעפּרימירטער שטימונג וואָס האָט באַהערשט אויך זיי. זייער אייגנטלעכע טעטיקייט הייבט זיך ערשט אָן מיט די ערשטע נצחונות פון דער רויטער אַרמיי ביי מאָסקווע, ד״ה, אין סוף פון יאָר 1941, ווען אין ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע זענען שוין כמעט נישט געבליבן קיין יידן.

אין דעם ערשטן האַלבן יאָר פון דער מלחמה (1941) האָט די פּאַרטי־זאַנקע געשטעלט אירע ערשטע טריט, געווען אין דער ערשטער פאַזע פון איר אָרגאַניזאַציע און די שטאָטישע איינווינער האָבן בכלל נאָך נישט גע־ווּסט פון איר עקזיסטענץ. אַז די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער איז געוואָרן אַן ערנסטער פאַקטאָר (1942) זענען שוין אין די רוסישע אָקופּירטע געביטן קיין יידן נישט געווען.

5. אין די סאָוועטישע אָקופּירטע געביטן האָבן די דייטשן אָנגעווענדעט אַ גאַנץ אַנדערע מעטאָדע אין דער יידן־פאַרניכטונגס „פּאָליטיק" ווי אין די אַנדערע לענדער. דאָ האָבן זיי די יידן נישט קאָנצענטרירט אין געטאָס און אפילו נישט אין אַרבעטס־לאַגערן (אַ חוץ אין מינסק און זשיטאָמיר), נישט געשאַפן קיין יידן־ראַטן, נישט איינגעפירט קיין דיסקרימינאַציע און באַגרע־ניצונג־געזעצן פאַר יידן, נישט אַדורכגעפירט קיין שחיטות אין ראַטעס, נישט געשאַפן קיין אילוזיעס און נישט געגעבן קיין הבטחות. תיכף נאָך זייער פאַרנעמען אַ שטאָט האָבן זיי מיט איין מאָל פאַרניכטעט אַלע אָרטיקע יידן.

די דייטשן האָבן אין אַלע ייִדן פון די סאָוועטיש־אָקופּירטע געביטן געזען באָלשעוויסטישע שונאים, וואָס בילדן אַ געפאַר פאַר זייער אַרמיי און זיך געאײַלט באַלד זיי אומצוברענגען. דאָ האָט די רעגולערע אַרמיי דורכגעפירט די שחיטות אויף ייִדן אַלס „זיכערהייטס אַקציע".

לויט די דאָקומענטן פון נירעמבערגער פּראָצעס, זענען מיט דער פאַראויסמאַרשירנדיקער אַרמיי אין רוסלאַנד מיטגעגאַנגען ספּעציעלע ס. ס. פאָרמאַציעס אונטערן נאָמען „איינזאַץ־גרופּן". זייער אויפגאַבע איז געווען דורכצופירן ביים אַריינקומען אין אַ ישוב, די טאָטאַלע ליקווידאַציע פון די ייִדן.

דעם 18־טן סעפּטעמבער 1941 זענען די דייטשן אַריין קיין קיעוו. סוף סעפּטעמבער איז פאַרעפנטלעך געוואָרן אַ באַפעל, אַז די ייִדן מוזן זיך קאָנצענטרירן אין לוקיאַנאָווקע. אין משך פון דריי טעג, זענען אויסגעהרגעט געוואָרן די 56 טויזנט קיעווער ייִדן!

אין גאַנץ ווייסרוסלאַנד (אויסער מינסק) זענען אַלע ייִדן אומגעבראַכט געוואָרן אין די חדשים אויגוסט־נאָוועמבער 1941 (וויטעבסק און וועליזש דעם 7־טן נאָוועמבער 1941; סמאָלענסק דעם 1־טן יאַנואַר 1942, גאָרי — 10־טן אָקטאָבער 1941, קראַסנאָפּאָליע 20־טן אָקטאָבער 1941 א א"וו).

אויך אין די איבעריקע שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע זענען די שחיטות דורכגעפירט געוואָרן באַלד אין דעם ערשטן און צווייטן חודש נאָכן דייטשן אַריינמאַרש (האָדיעץ — אויגוסט 1941; זלאָטאָנאָשע — 22־טן נאָוועמבער 1941; דניעפּראָפּעטראָווסק — 12־טן אָקטאָבער 1941; מאַריופּאָל 20־טן אָקטאָבער 1941 א א"וו).

אין אַ סך ערטער האָבן די דייטשן דורכגעפירט די ייִדן־אַקציעס שוין אין דעם ערשטן חודש נאָך זייער אַריינמאַרש (ליאָזנאָ — 22־טן יולי 1941; קיין קערטש זענען זיי אַריין דעם 16־טן נאָוועמבער 1941; די שחיטה איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 28־טן נאָוועמבער; יאַלטע, קרים האָבן זיי באַזעצט דעם 8־טן נאָוועמבער, די שחיטה איז פאָרגעקומען דעם 18־טן דעצעמבער 1941 א א"וו).

די ייִדן איז אפילו נישט געבליבן קיין צייט צוצוגרייטן זיך צו פּאַרטיי־דיקן, צו אַנטלויפן אין די וועלדער אָדער אויסצוזוכן באַהעלטענישן און מלינות, ווי דאָס האָבן געטאָן אַ סך ייִדן פון די מערבדיקע געגנטן, וווּ עס נאָך עקזיסטירט קליינע רעשטלעך פון ייִדן אין די געטאָס און אַרבעט־לאַגערן ביזן סוף 1943.

דער חורבן, די קאַטאַסטראָפע אויף די רוסישע ייִדן איז געקומען אַזוי אומגעריכט און שנעל, אַז עס איז זיי נישט געבליבן קיין צייט אפילו צו זוכן און טראַכטן וועגן פּאַרטיידיקונג, אַנטלויפן און רעטונג.

קאַפּיטל זעכצן

אַנטיסעמיטיזם אין פּאַרטיזאַנקע

א. דער מענטשן־מאַטעריאַל אין פּאַרטיזאַנקע און דער אַנטיסעמיטיזם.

ביז איצט איז נאָך נישטאָ קיין פולע איינשטימיקייט אין דער אָפּשאַצונג פון די באַציונגען צווישן די ייִדן און נישט־ייִדן אין דער פּאַרטיזאַנקע און וועגן די פאַרהעלטענישן, אין וועלכע עס איז אַרויסגעקומען צו לעבן און קעמפן די ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער.

אַ טייל ייִדישע פּאַרטיזאַנער ווייזן אָן אויף די ליכטיקע, העלע מאָמענטן, וועלכע זענען געווען נישט ווייניק אין דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע און פּרווון טיילווייז באַרעכטיקן, אָדער בעסער געזאָגט, אויפקלערן זיך אַליין, וועלכע אָביעקטיווע סיבות האָבן מיטגעווירקט צום אַנטיסעמיטיזם אין די וועלדער. אַ טייל, ווידער, האָבן נישט קיין מילדערונגס־ווערטער פאַר די פאַרברעכערישע האַנדלונגען פון אַ טייל נישט־ייִדישע פּאַרטיזאַנער און פאַראַלגעמיינערנדיק די איינצעלנע אַנטיסעמיטישע אויסברוכן און דערשייבונגען, קומען זיי צו פאַלשע אויספירן.

מיר וועלן דאָ זיך באַמיִען וואַרפן אַ ביסל ליכט אויף דער דאָזיקן טונקעלן און שוואַכן מאָמענט פון דער העראָישער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע און אָביעקטיוו אויפקלערן די סיבות און פאַרהעלטענישן, וועלכע האָבן מיטגעווירקט צו דעם אַנטיסעמיטיזם אין אירע רייען.

דער מענטש־מאַטעריאַל, פון וועלכן עס האָבן זיך רעקרוטירט די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער, איז באַשטאַנען צווישן אַנדערע פון מענטשן, וועלכע זענען שוין קומענדיק אין די וועלדער געווען רייפע, באַוווּסטזיניקע אַנטי־

סעמיטן, באַהערשט פון אַלע אַנטי־ייִדישע פאַראורטיילן און שקרים. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אין יאָר 1943 זענען אין די וועלדער אָנגעקומען זייער פיל סאָוועטישע בירגערס פון די דייטשע גאַרניזאָנען, וועלכע זענען באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער סיסטעמאַטישער דייטשישער אַנטיסעמי־טישער פראָפּאַגאַנדע און זענען געווען פאַרגיפטעט און אַדורכגעפּרעסן מיטן נאַציש־אַנטיסעמיטישן גייסט.

אַ טייל פון זיי האָבן דינענדיק ביי דעם דייטש אַנטיילגענומען אין די מאַסן־שחיטות איבער דער ייִדישער באַפעלקערונג. זיי האָבן זיך אויסגעלע־רנט צו קוקן אויף ייִדן דורך נאַצישע ברילן. פאַרשטענדלעך, אַז זייער איינ־שטעל צו ייִדן האָט פאַרשטאַרקט דעם אַנטיסעמיטיזם אויך צווישן די סאָווע־טישע פאַרטיזאַנער, וועלכע זענען געווען פריי פון אַנטי־ייִדישע פאַראורטיילן.

די פאַרטיזאַנער, וועלכע זענען געקומען פון די דערפער, פון דער אָרטיקער ווייסרוסישער, פּוילישער און אוקראַינישער באַפעלקערונג, זענען שוין געווען אָנגעשטעקט מיט די באַצילן פון אַנטיסעמיטיזם נאָך פון די צייטן פון דער פּוילישער זעלבסטשטענדיקייט. דער כסדרדיקער מגע־ומשא פון די „וואָסטאָטשנע" („מזרח'דיקע", אַלגעמיינע באַצייכענונג פאַר די אָפּ־שטאַמיקע פון סאָוועט־רוסלאַנד) פאַרטיזאַנער מיט דער אָרטיקער ציווילער באַפעלקערונג אין די דערפער האָט מיטגעווירקט, אַז אויך אַ טייל פון זיי, וועלכע זענען 25 יאָר דערצויגן געוואָרן אין גייסט און פּראַקטיק פון גלייכ־באַרעכטיקונג פון אַלע פעלקער און געווען פריי פון אַנטיסעמיטישע געפילן זאָלן זיך איבערנעמען מיט די פאַראורטיילן, שקרים און טענות קעגן די ייִדן.

מיר האָבן זיך דאָ אָנגעשטויסן אין דעם פּרינציפּ, אַז דערציִונג קען איבער־בויען דעם מענטשן. עס זענען געווען גענוג אייניקע יאָר היטלער־הערשאַפט, אַז ביי אַ טייל זאָל ווערן פאַרגעסן די 25 יאָר קאָמוניסטישע טאָג־טעגלעכע דערציִונג.

מענטשן מיט פּאַרטיי־ביכלעך, לאַנגיאָריקע מיטגלידער פון דער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי און „קאָמסאָמאָל", אויך העכערע פאַרטיזאַנער קאָמאַנ־דירן, זענען נישט אַלע מאָל בייגעשטאַנען דעם נסיון פון אַנטיסעמיטיזם.

בדרך־כלל, זענען די גרויס־רוסן געווען טאָלעראַנטער און פרייער פון אַנטיסעמיטיזם, ווי אָנגעהעריקע פון די איבעריקע נאַציאָנאַליטעטן. די

אוקראַינער זענען אויך אין די וועלדער געווען די ערשטע אין אַנטיסעמי־טישן פראָנט.

ב. פאָראורטיילן און טענות צו ייִדן.

דער פּאָפּולערסטער און געפּערלעכסטער פאָראורטייל קעגן ייִדן איז געווען, אַז זיי זענען „טרוסן" (פּחדנים), ווילן נישט קעמפן און קלאַמערן זיך ביים לעבן. אַלס באַשטעטיקונג פאַר דער ריכטיקייט פון דעם דאָזיקן קלאַנג איז אָנגעגעבן געוואָרן די האַלטונג פון די ייִדן אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע און די קליינע צאָל ייִדן אין דער רויטער אַרמיי. בעיקר זענען געווען פּאָפּולער פאָלגנדיקע טענות:

1) די ייִדן האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן, און זיי אָפּגעגעבן זייער גאָלד און ווערטפולע זאַכן.

2) די ייִדן האָבן נישט געשטעלט קיין פאַרצווייפל־ווידערשטאַנד בעת די שחיטות און זיך געלאָזט אויסקוילען, ווי שאָף.

3) די ייִדן זענען נישט געקומען אין פאַרטיזאַנקע קעמפן קעגן דעם דייטש, נאָר ראַטעווען די אייגענע „פעל". זיי זענען געקומען אין דער לעצ־טער מינוט.

4) די ייִדישע פאַרטיזאַנער רויבן די פויערישע באַפעלקערונג, בעתן דורכפירן די ווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציעס.

5) די ייִדישע פאַמיליע־לאַגערן קעמפן נישט.

די דעסאַנט־גרופּעס, וועלכע זענען געקומען פון יענער־זייט פראָנט־ליניע אין די פאַרשיידענע ראַיאָנען, האָבן מיט זיך געבראַכט פרישע פאָר־ווורפן קעגן די ייִדן.

לויט זייערע רייד, זענען די מאָסקווער ייִדן די ערשטע זיך צעלאָפן פון שטאָט, באַלד ווי די דייטשן זענען צוגעגאַנגען האַרט צו איר, טראָץ דעם שטרענגן פאַרבאָט זיך צו עוואַקואירן. זיי האָבן אויך פאָרגעוואָרפן, אַז די ייִדן מיידן אויס די מאָביליזאַציעס און די פאָדערשטע פּאָזיציעס און קאָנ־צענטרירן זיך בעיקר אין הינטערלאַנד־באַהילפס און ווירטשאַפטלעכע פונקציעס (אינטענדאַנטור, מעד.־פּערסאָנאַל אא"וו).

זיי האָבן אויך פאַרשפּרייט גיפטיקע ווערטלעך, וועלכע זענען אין די מלחמה־יאָרן געווען פּאָפּולער אין די נישט אָקופּירטע געביטן פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן געדאַרפט באַשטעטיקן די כלומרשטע „אמתן“. באַזונדערס פּאָפּולער איז געווען דאָס ווערטל „יעוורעי זאַניאַלי בעז באָיאַ גאָראָד טאַשקענט“ (די ייִדן האָבן אָן אַ קאַמף פאַרנומען די שטאָט טאַשקענט). ווי באַקאַנט, האָבן זיך אין מלחמה־צייט פיל טויזנטער ייִדן קאָנצענטרירט אין אוזבעקיסטאַן, און באַזונדערס אין איר הויפּט־שטאָט, טאַשקענט. דאָס זענען געווען אַרויסגעשיקטע פּוילישע פּליטים, וועלכע זענען צוליב מאַנגל פון צוטרוי נישט גענומען געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי (שפּעטער זענען פיל פון זיי אַריינגעטראָטן פרייוויליק אין די געשאַפענע פּוילישע אַרמייען פון גענעראַל אַנדערס און גענעראַל בערלינג) און אויסגעפּילט אין הינטערלאַנד זייער וויכטיקע פונקציעס פאַר דער געווער און אַמוניציע פאַרזאָרגונג פון פראָנט, ווי בכלל אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד, אין וועלכן עס האָט זיך געשפּירט אַ גוואַלדיקער מאַנגל אין אַרבעטס־קרעפטן.

די שנאה צו ייִדן האָט זיך אויך אויסגעדריקט אין אימיטירן, ווי די ייִדן ריידן שלעכט רוסיש, קענען נישט אַרויסברענגען ווי געהעריק דעם קלאַנג „ר“, און איינצלנע פאַרביסענע אַנטיסעמיטן פלעגן זיך נישט שאַקירן רופן יעדן ייִדן מיט אַן אַלגעמיינעם שפּאַס־נאָמען „אבראם“, וועלכער פלעגט אַרויסגערעדט ווערן באַוווּסטזיניק קאָמיש „אבכאם“.

ייִדישע פרויען זענען באַצייכנט געוואָרן מיטן אַלגעמיינעם שפּאַס־נאָמען „שרה“ (סאַראַ) אויסגעשפּראָכן קאָמיש „סאַכאַ“...

עס האָט נאָך אויך געלעבט די פאַר־מלחמה׳דיקע אַנטיסעמיטישע טענה, אַז ייִדן פאַרנעמען אין ראַטן־פאַרבאַנד די העכסטע און בעסטע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס, גייען נישט אין די „קאָלכאָזן“, זענען שוואַך פאַרטראָטן אין דער שווערער און מעטאַלורגישער אינדוסטריע און רוקן זיך אומעטום אַרויס אויף די „שפּיצן“ פון דער ווירטשאַפט און אַדמיניסטראַציע, וווּ מען קען לעבן באַקוועמער און לייכטער (דירעקטאָרן, מאַגאַזינירן, ווירטשאַפטס־לייטערס, בוכהאַלטאָרן אאַ״וו).

אין די דיסקוסיעס פלעגן די ייִדישע פּאַרטיזאַנער אָנווייזן אויף דער גרויסער צאָל באַאָרדנטע און אויסגעצייכנטע ייִדן אין פּראָפּאָרץ צו זייער באַפעלקערונגס־פּראָצענט אין רוסלאַנד, אַז די ייִדן זענען אַ שטאָטישער

משה קאַגאַנאָוויטש

עלעמענט, צוגעפּאַסט לויט זייערע פעיקייטן און אינטעליגענץ צו די אויפ־גאַבעס, וועלכע זענען זיי אָנפאַרטרויט געוואָרן.

מיר האָבן אָנגערופן פיל יידישע נעמען פון גרונטשטיין־לייגערס פון דער פאַרטיזאַנקע אין די פאַרשידענע ראַיאָנען, נעמען פון יידן, וועלכע האָבן אַראָפּגעלאָזט פון די רעלסן 25־10 עשאַלאָנען מיטן שונא׳ס טעכניק און מיליטער, יידן פאַרטיזאַנער, וועלכע זענען אויסגעצייכנט געוואָרן מיט די העכסטע אָרדנס פאַר זייערע העלדישע, דרייסטע טאַטן און אויפטוען.

אויף דעם פלעגט ס׳רוב קומען אַ סאַרקאַסטישער ענטפער, אַז דאָס זענען נאָר אויסנאַמען, וועלכע באַשטעטיקן דעם כלל. יעדער סאָוועטישער אָטריאַד האָט תמיד געפונען אַ פּאָר בראַוווּר־ווערטער פאַר אַ טייל פון זיינע יידישע סאָלדאַטן, איבער וועמענס העלדישע מעשים מען האָט דאָך נישט געקענט איבערגיין צום סדר־היום און אינגאַנצן זיי פאַרשווייגן, אָבער דאָך האָט עס נישט געשטערט, אַז מען זאָל יידן אַלס כלל פאַרצייכענען, ווי פּחדנים.

בלי שום ספק, האָבן נישט ריכטיקע און אומגעזעצלעכע האַנדלונגען פון איינצלנע יידן מיטגעהאָלפן צו פאַרשטאַרקן דעם אַנטיסעמיטיזם. געוויינלעך פלעגן אַזעלכע מעשים פון יידן־יחידים פאַראַלגעמיינערט ווערן און אַרויסרופן אַ העץ־קאַמפּאַניע קעגן אַלע יידן. געווען יידן (אמת, איינצלנע), וועלכע האָבן אַפילו אין וואַלד געטראַכט וועגן פאַרדינען געלט, בכדי צו עסן אַ בעסערן ביסן. ביי נישט־יידן איז עס געווען אַ פאַרשפּרייטע דערשיינונג. אַ ייד האָט אָבער געמוזט זיין אָפּגעהיטער אין דעם פאַל.

אמת, די יידישע פאַרטיזאַנער פלעגן זיין געצוווּנגען צו נעמען אַמאָל ביי די פּויערים אויף פּרויען־קליידער, ווייל זיי האָבן דאָך געמוזט באַקליידן זייערע פרויען, קינדער און שוועסטער, וועלכע פלעגן זיך סרוב געפינען אין די דערבייִיקע פאַמיליע־לאַגערן, פאַר וועמען די פאַרזאָרגונג איז אָנגעקומען באַזונדערס שווער. פאַר די רוסישע פאַרטיזאַנער דאַקעגן האָט די פּראָבלעם פון פאַמיליעס, כמעט בכלל נישט עקזיסטירט.

די טענה, אַז די ריין יידישע אָטריאַדן קעמפן נישט, אָדער, ווי די רוסן פלעגן עס פאָלקסטימלעך באַצייכענען „טאַלקאַ זשרוט, דאַ וואָזדוך פאָרטיאַט״ (זיי פרעסן בלויז און פּטרן די לופט), איז געווען אַ פולשטענדיקע בייזוויליקייט.

די רוסישע פּאַרטיזאַנער פון נאַליבאָקער פּושטשע האָבן אַליין גוט געוווסט, אַז פון די איבער 1.200 ייִדן פון ביעלסקיס אָטריאַד, זענען מער ווי זיבעציק פּראָצענט פּרויען, קינדער, זקנים, קראַנקע און בכלל אומפּעיִקע צום קאַמף. אפילו, פאַר דער קליינער צאָל קאַמפּס־פעיִקע האָט אויך געפעלט געווער אין אַ גענוגנדיקער מאָס. (ערשט פאַר דער באַפרייונג האָט די צאָל באַוואָפנטע דערגרייכט 230־240 מאַן).

זשוקאָווסקי אליהו

אויף פּאָסט נעבן שטאַב אין וואַלד לעס־ניקי. פאָטאָגראַפירט דורך „טאַסס״־עקס־פּעדיציע אין 1943. לעבט אין ישראל.



עשהאל ביעלסקי

ברודער פון טוביה, זיין פאַרטרעטער און קאָמאַנדיר פון דער קאַמף־גרופּע אין אָטריאַד. געפאַלן אין די קאַמפן ביי קעניגסבערג.

ביעלסקיס אָטריאַד האָט זיין פאַרזאָרגונגס־ראַיאָן געהאַט אין סיעלו־בער און נאָוואָגרודקער ראַיאָנען (100־120 קילאָמעטער פון דער אָזיערע קראַמאַן, ווו ס׳האָט געלאַגערט דער אָטראַד), און דאָס באַקומען פּראָדוקטן פאַרן הונגעריקן, גרויסן אָטריאַד איז אַלע מאָל געווען פאַרבונדן מיט קרבנות.

פון די 120 קרבנות, וועלכע עס האָט געגעבן ביעלסקיס אָטריאַד, זענען כמעט 80 פּראָצענט געווען געפאַלענע בעת די ווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציעס, דורך דייטש־פּאָליציייאישע לויערונגען.

אין זאָרינס אָטריאַד זענען פון איבער 700 ייִדן געווען בלויז 20 פּראָצענט קאַמפּספּעיִקע. דאָ איז דער סכום געווער געווען אַ לגמרי נישטיקער

אַ ווזוואָד פון אָטריאַד „קאַלינין" (ביעלסקי) אַלס וואַך אויפן פּאַרטיזאַנער אַעראָדראָם אין נאַליבאָקער פּושטשע.

(50־60 באַוואָפנטע). אויך די קרבנות פון זיין אָטריאַד זענען כמעט אַלע געפאַלן בעתן פאָרן אויף ווירטשאַפטלעכע אויפגאַבעס.

די גאַנצע צייט האָבן עס די ביסל באַוואָפנטע יונגעלייט געדאַרפט אויסהאַלטן, ביי די אומגעהויערע שוועריקייטן פון אָפּראָוויזאַציע אַזאַ גרויסע צאָל מענטשן.

פאַרן שטיקל ברויט האָט מען זייער אָפט באַצאָלט מיטן קאָפּ.

אין יאָר 1943 איז אַ ווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציע פון אַ ייִדישן אָטריאַד געווען פאַרבונדן מיט מער סכנות און קרבנות, ווי די שווערסטע קאַמפּס־אויפגאַבעס, ווו מען האָט זיך געקענט באַוועגן צו פוס און אין קלענערע גרופּעס, פאַרזיכטיק און זיך דערהאַלטן ביי די כללים פון פּאַרטיזאַנישער קאָנספּיראַציע און טאַקטיק.

דאָס פאַרזאָרגן דוד'ן אַ קלענער צאָל באַוואָפנטע, מיט שפּייז און מיט אַלע איבעריקע נויטווענדיקע זאַכן, אַזוינע גרויסע צאָלן יידן, האָט געמאַכט אוממעגלעך אַ רירעוודיקע, כסדרדיקע קאַמפּס־טעטיקייט. און דאָך, טראָץ אַלעמען, האָבן די א. ד. אָטריאַדן, אין די ראַמען פון זייערע באַגרענעצטע מעגלעכקייטן, געקעמפט און בייגעשטייערט צום זיג איבערן דייטש.

עס איז אויך נישט אמת, אַז די יידן זענען געלאָפן אין די וועלדער בלויז צו ראַטעווען זייער אייגענע פעל, הגם דער גוואַלדיקער דראַנג צום לעבן, דער נאַטירלעכער שטאַרקער לעבנס־אינסטינקט האָט דאָ בלי שום ספק געשפּילט אַ גרויסע ראָל (איבעריקנס, ווי ביי די נישט־יידן).

אין די בראשית־פאַרהעלטענישן פון דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג (1942) האָט זיך קיינער פון אונדז נישט געשאַפן די מינדסטע אילוזיעס וועגן דער מעגלעכקייט איבערצולעבן די מלחמה אין די וועלדער. קיינער האָט דאַן נישט געגלויבט, אַז די נישטיקע, צעשטויבטע גרופּעס מיט דעם שוואַכן געווער וועלן לאַנג קענען אויסהאַלטן אין קאַמף מיט דער מאַכט, וועלכע האָט באַזיגט לענדער און גרויסמאַכטן. (דער אויפקום פון דער פּאַרטיזאַנקע פאַלט זיך צונויף מיט דעם גלאַנץ־פעריאָד פון דייטשן געווער, זומער 1942).

מען האָט נישט געוואָלט שטאַרבן ווי שעפּסן, גיין ווי שאָף צו דער שחיטה און אַדורכמאַכן די גאַנצע שענדלעכע פּראָצעדור, וועלכע עס האָבן צוגעגרייט פאַר אונדז די דייטשן.

מיר האָבן געוואָלט שטאַרבן ווי מענטשן, ווי פרייע מענטשן, כאַפּן די קויל אין קאָפּ, דערהרגענען, און אויב מען וועט דאַרפן דערהרגעט ווערן.

און עס זענען טאַקע געווען ערלעכע רוסישע פאַרטיזאַנער, וועלכע פלעגן מודה זיין, אַז נישט אַלע יידן זענען פּחדנים און נישט אַלע רוסן זענען העלדן.

ג. דער דערנער־וועג פון יידישן פּאַרטיזאַן

די יידן, וואָס זענען זיך צעלאָפן פון די שטעט און שטעטלעך אין די פּושטשעס, וועלדער און בלאָטעס נאָך די אוממענטשלעכע איבערלעבונגען, ליידן און יסורים, נאָכן פאַרלירן זייערע משפּחות, צעבראָכענע, אַנטוישטע און פאַרצווייפלטע האָבן נאָך אַדורכרייסן זיך די געטאָ־דראָטן, נאָך נישט געפונען די פולע אויסגעבענקטע פרייהייט.

אין די דערפער און וועלדער האָט מען זיך אָנגעטראָפן מיט אַ פיינ־טלעכער אַטמאָספער, אין דער ערשטער ריי מצד די פויערים, ווי אויך מצד אַ געוויסן טייל פאַרטיזאַנער.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער דערנער־וועג פון יידישן פאַרטיזאַן.

אָנקומען אין אַ סאָוועטישן קאַמפס־אָטריאַד איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. געווען איינצלנע רוסישע אָטריאַדן, וועלכע האָבן פרינציפּיעל נישט אָנגענומען קיין יידן. זיי האָבן עס מאָטיווירט מיט דעם „לידל", אַז יידן קענען נישט און ווילן נישט קעמפן.

דער ערשטער פאַרבאַדינג פאַר אַ יידן אַריינגענומען צו ווערן אין אַ רוסישן אָטריאַד איז געווען — באַזיצן געווער. פיל יוגנטלעכע, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך צו פאַרזאָרגן מיט געווער, האָבן געמוזט אַוועקגיין אין די פאַמיליע־לאַגערן אָדער פאַמיליע־אָטריאַדן, וועלכע האָבן אויפגענומען יעדן געראַטעוועטן יידן.

די אָנגעקומענע נישט־יידן פלעגן גלייך באַוואָפנט ווערן דורך די פאַרטיזאַנער. נישט זעלטן פלעגט אויך טרעפן, אַז מען פלעגט צו דעם דאָזיקן צוועק אָפּנעמען ביי יידישע פאַרטיזאַנער זייער געווער, מיט וועלכן זיי זענען געקומען אין אָטריאַד, און עס אָפּגעבן די נאַר־וואָס אָנגעקומענע נישט־יידן, אָדער פאַרבייטן זייער געווער אויף אַן ערגערן סאָרט.

ש. קאַטשערגינסקי דערציילט וואָס פאַר אַן אַנטוישונג עס האָבן איבער־געלעבט די אָנגעקומענע פאַרטיזאַנער פון ווילנער געטאָ, אין די נאַראָטשער וועלדער. ער שילדערט די באַגעגעניש פון דער יוגנט, וואָס האָט געגליט מיט אַ שטאַרקן באַגער צו נקמה, מיטן בריגאַדע־קאָמאַנדיר פון „וואָראָשי־לאָוו", פיאָדאָר גריגאָראָוויטש מאַרקאָוו. נאָכן אַדורכגיין פאַרביי די רייען פון די אויסגעשטעלטע יידן, איז געגעבן געוואָרן דער באַפעל:

„די וועלכע האָבן געווער, שטעלן זיך ארויס רעכטס! פרויען גייען אַרויס פון די רייען און שטעלן זיך אויס לינקס! שוסטערס און שניי־דערס שטעלן זיך אויס אין פראָנט! די אַנדערע אויף די ערטער, ווו זיי שטייען!

נאָך דעם ווי די פרויען און די בעלי־מלאכות האָבן אויסגעדריקט פאַר „קאָמבריג" זייער ווילן צו קעמפן און נקמה נעמען האָט ער גע־זאָגט:

— אַזאַ גרויסער אָטריאַד איז אַ באַלאַסט (משא) פאַר מיין בריגאַדע. איך דאַרף האָבן יונגע מענטשן, וועלכע קענען טראָגן געווער.

— זענען מיר דאָך אַלע יונגע! — רופט זיך ווער אָפּ.

— אָבער קיין געווער האָט איר נישט — האָט דער קאָמבריג אַ בייזער אָפּגעענטפערט — אויך די פרויען דאַרף איך נישט האָבן.

— טאָ ווו זאָלן מיר גיין?

— דער וואַלד איז אַ גרויסער און... פירט נישט מיט מיר איצט קיין דיסקוסיעס.

(„איך בין געווען אַ פּאַרטיזאַן״ (די גרינע לעגענדע) ז״ז 153־155).

גענעראַל מאַיאָר קלימאָוו, וואָס איז געקומען צופליען פון מאָסקווע אינספּעקציאָנירן די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג אין די נאַראָטשער וועלדער, האָט זיך נישט באַצויגן מיט איבעריקער פריינטשאַפט צו די יידישע פּאַר־טיזאַנער. צו קאָטשערגינסקין האָט ער זיך געווענדט מיט רוגזה:

— אַז מען האָט נישט קיין געווער, טאָ צו וואָס זענט איר געקומען אין וואַלד?

(„איך בין געווען אַ פּאַרטיזאַן״, ז׳ 158).

דער פּאַרטיזאַן יוסף רייך דערציילט אין זיין בוך „וואַלד אין פלאַמען״ (ז׳ 202) ווי דער קאָמיסאַר מאַראָזאָוו האָט אָוועקגעשיקט 18 יידן, וואָס זענען אַנגעקומען פון שווירזשנער אַרבעטס־לאַגער אין אָטריאַד „זשוקאָוו״, צו שאַפן געווער פאַרן אָטריאַד. בלויז די אָנפירער פון די 2 גרופּן: הערשל פּאָסעסאָרסקי און עוזר מאַזע האָבן געהאַט מיט זיך געווער. די איבעריקע זענען געשיקט געוואָרן אומבאַוואָפנט. אויב פּאָסעסאָרסקי מיט זיין גרופּע איז געגאַנגען פּרייווויליק און לויט אַ באַשטימטן אַדרעס (צום טייך ניעמאַן, נעבן שווירזשנע, וווּ אָפּטרעטנדיקע רוסן האָבן דערטרונקען פיל גע־ווער), איז מאַזעס גרופּע נישט באַזאָרגט געוואָרן מיט קיין שום פּלאַן און אַדרעס ווו צו גיין. דער עיקר־ציל איז געווען פּטור צו ווערן פון אַ ביסל נישט־באַוואָפנטע יידן.

אין דער זעלבער צייט, איז קיינער פון דער פערטער ראָטע (מאָביליזירטע פון דער אָרטיקער דאָרפישער באַפעלקערונג), וועלכע זענען אויך נישט געווען באַוואָפנט, נישט געשיקט געוואָרן זיך באַזאָרגן אַליין מיט געווער...

משה פּיטקאָווסקי (ביטען, היינט אין ישראל), וואָס איז אַנטלאָפן מיט אַ גרופּע ייִדן פון ביטען אין די וועלדער פון „וואָלטשע גאָרע״, דערציילט:

„... שפּעטער קומט צו אונדז אַריין אַ פּאַרטיזאַן און האַלט פאַר אונדז אַ רעדע. ער רעדט אַ געמישטן ווייסרוסיש־אוקראַיניש. דאָס איז געווען פּאַשקע כאָכאָל (אַן אוקראַינער). ער זאָגט אונדז אָט־וואָס: „איר זענט געקומען אַהער אין וואַלד. אויב איר זענט אַנטלאָפן פון געטאָ נאָר כדי זיך צו ראַטעווען — דאַן איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אייך. נאָר אויב איר זענט אַהערגעקומען מיטן צוועק צו קעמפן קעגן שונא און נקמה נעמען פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט — דאַן איז דאָ דאָס אָרט פאַר אייך. איין זאַך דאַרפט איר אָבער געדענקען: איר מוזט האָבן געווער! וואָס וועט איר דאָ אויפטון אָן געווער? און פאַרוואָס האָט איר אָן געווער פאַרלאָזט דאָס שטעטל? מיר האָבן פאַר אייך גאָרנישט. איר מוזט באַקומען געווער דורך וואָס פאַראַ מיטלען עס זאָל נישט זיין. דערוויסט זיך ביי די וועמען פון די פּויערים עס איז פאַרשטעקט געווער און מיר וועלן עס שוין פון אים אַרויסבאַקומען. ווי עס זאָל נישט זיין — געווער מוזט איר האָבן!״

(פנקס ביטען״, ז׳ 245).

דער דאָזיקער בולטער פאַקט פון נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע איז דורך דער אָנפירערשאַפט און פּאָליטישע דערציִערס, קאָמיסאַרן און פּאָליט־רוקעס דערקלערט געוואָרן מיט אַ העכערער פּאָליטישער כוונה.

די ייִדן, האָבן זיי געזאָגט, האָבן דאָך ממילא קיין אַנדער אויסוועג נישט. זיי האָבן דאָך נישט קיין וועג צוריק. דער ווייסרוס, פּאָליאַק און אוקראַינער האָבן פיל ברירות. זיי קענען גיין אין דער פּאָליציי, אין דער וולאַסאָוו־אַרמיי, אויף פּאָסטנס צו די דייטשן, ווו זיי ווערן גוט באַצאָלט און באַקומען פרייע הענט צו רויבן די באַפעלקערונג און געניסן אין דער פולער מאָס פון ייִדישן הפקר־פאַרמעגן, און דעריבער מוז מען זיי פאַר יעדן פּרייז אַריינציִען אַלס קעמפער קעגן דייטשישן אָקופּאַנט.

למען האמת דאַרף מען באַמערקן, אַז מיטן צופלוס פון סאָוועטישן געווער פלעגט מען שוין קאָמפּס־פּעיִקע ייִדישע יוגנטלעכע אויפנעמען אין די רוסישע אָטריאַדן אויך אָן געווער. אָבער, בדרך כלל, זענען די ייִדן געווען אין אַ פאַרכישופטן קרייז. צו די קאָמפּס־אומפּעיִקע פלעגט מען טענהן: „צו וואָס זייט איר אַהער געקומען, פאַרוואָס קעמפט איר נישט?״ און צו די קאָמפּס־פּעיִקע, וועלכע האָבן געוואָלט אָנקומען אין אָטריאַד, פלעגט מען

זאָגן: „אייער גאָלד האָט איר אָפּגעגעבן דעם דייטש און איצט קומט איר צו אונדז ראַטעווען אייער 'פּעל'?". צו די, וועלכע זענען געקומען שפּעטער, האָט מען געשריגן: „ווו זייט איר געווען ביז איצט, געאַרבעט פאַרן דייטש, געשלאָפן אונטער די פּערענעס אין די געטאָס?.."

חיים לאַזאַר דערציילט וועגן דער ערשטער באַגעגעניש מיט די רוסישע פּאַרטיזאַנער אין די רודניצקער וועלדער:

„דעם 131טן סעפּטעמבער 1943, איז אַ גרופּע פון צוויי און צוואַנציק יידן פון ווילנער געטאָ אָנגעקומען אין די רודניצקער וועלדער. זייער וועגווייזער („פּראָוואָדניק") איז געווען חיים סאָלץ, פון שטעטל אָלקעניק, וועלכער האָט גוט געקענט אַלע וואַלד־שטעגלעך און וועגן. די גרופּע האָט זיך באַגעגנט מיט צוויי פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן באַלד געמאָלדן אין שטאַב וועגן אָנקום פון ווילנער יידן. באַלד זענען אַרויס אַנטקעגן דער גרופּע דריי גויישע פּאַרטיזאַנער און באַגעגנט זיי מיט זידלערייען:

„פּאַרוואָס זענט איר ביז איצט נישט געקומען? כל־זמן די דייטשן האָבן אייך נישט געטשעפּעט האָט איר זיי געטריי געדינט; ערשט איצט, אַז זיי האָבן אייך אָנגעהויבן צו פאַרניכטן, קומט איר זיך באַהאַלטן ביי אונדז?"

זיי האָבן באַפוילן, אַז די גרופּע זאָל זיך אומקערן צוריק אַהין פונוואַנען זי איז געקומען, אַנדערש וועלן זיי דערפילן דעם פּאַרטיזאַנישן קולאַק...

די יידישע קעמפער, וועלכע האָבן געהאָפט צו טרעפן אין וואַלד, ברידער צום קאַמף, זענען, פאַרשטענדלעך, געווען שטאַרק פאַרוואונדערט און אַנטוישט פון אַזאַ „קבלת פנים". דאָס מיינט דאָך, אַז אויך אין די וועלדער איז נישטאָ קיין אָרט פאַר יידן?!... אָבער חיים סאָלץ האָט זיך נישט פאַרלוירן און געזאָגט: „מיר זענען אַהער געקומען געוואָרן דורך „באַטיאַ" און נאָר מיט אים וועלן מיר ריידן". דער נאָמען „באַטיאַ" — אַ לעגענדאַרע פיגור צווישן די פּאַרטיזאַנער אין רודניצקער פּושטשע — האָט געווירקט און די גויישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיי אָפּגעלאָזן און זענען אַוועק".

(„חורבן ומרד", ז"ז 235־236).

יוסף רייך דערציילט וועגן ערשטן „קבלת פנים", וואָס אַ גרופּע פון פּערזאָן, אַנטלאָפענע פון סטויפּצער (סטאָלפּצער) געטאָ, האָט געהאַט 22

באַלד נאָכן אָנקומען אין שטאַב פון דער פאַראייניקונג פון גענעראַל קאַפּוס־טין (ראַיאָנקער וואַלד, קאַפּוילער ראַיאָן):

„עס איז געקומען דער „נאַטשאַלניק" מיטן „אַדיוטאַנט" און האָבן אונדז באַטראַכט. „אַ גוטער מענטשן „מאַטעריאַל" — האָט געזאָגט דער נאַטשאַלניק. מיר זענען זייער צופרידן. אָט, נעמט מען אונדז צו אין פּאַרטיזאַנער. — נאָר דער נאַטשאַלניק האָט אונדז דערקלערט, אַז ער איז גרייט אונדז צונעמען צו זיך אין אָטריאַד, נאָר מיר מוזן ברענגען געווער. אָן געווער וועט אייך קיינער נישט צונעמען — האָט ער צו־געגעבן, אַזאַ פאַראָרדענונג איז פאַראַן פון דער העכערער מאַכט...

דערנאָך זענען זיי אַרויף אויפן יידישן פערדל. זיי זענען אַרויס מיט טענות און פאַרווורפן פאַרוואָס יידן ווילן נישט אַרבעטן און שטופּן זיך אין די ביוראָען און אין די האַנדלס־באַזעס, אין די מאַגאַזינען, און אַז די יידן זענען אַ פאָלק פון „בלייפּעדערשטשיקעס". דער הינטערטאָן פון די דאָזיקע רייד, האָט אונדז געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די שטראָף, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די דייטשן איז אַ פאַרדינטע, אַ באַרעכ־טיקטע. דער „נאַטשאַלניק" האָט גערעדט רויק „אַקאַדעמיש" — דער אַדיוטאַנט אויפגעברויזט, מיט טעמפּעראַמענט. „אין באַראַנאָוויטש האָבן די יידן אין געטאָ געגעסן ווייס ברויט — האָט ער געזאָגט — און מיר סאָוועטישע געפאַנגענע — האָבן געהונגערט. און די מינסקער געסטאַפּאָ האָט געשיקט אַ „יידישקע" אין וואַלד אַריין, כדי צו שפּיאָנירן די פּאַר־טיזאַנער, נאָר די פּאַרטיזאַנער האָבן זי אַנטדעקט און דערשאָסן. דאָס „לידל" וועגן דער יידישער שפּיאָנקע איז מיר אויסגעקומען צו הערן די גאַנצע צייט פון מיין זיין אין פּאַרטיזאַנקע און אין אַלע טיילן פון די ווייסרוסישע וועלדער אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן..."

(וואַלד אין פלאַמען", ז"ז 130, 131).

ביי אַזאַ מין איינשטעלונג צום יידישן פּאַרטיזאַן איז קיין וווּנדער נישט, אַז אַ טייל פון די יידן, (ספּעציעל די רוסישע פון די מזרח־דיקע געביטן), וועלכע האָבן לויט זייער אויסערלעכן אויסזען און רוסישע שפּראַך־קענטע־ניש געקענט זיך מאַסקירן, האָבן געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק צו פאַר־באַהאַלטן זייער יידישן אָפּשטאַם און אָנגעגעבן זיך אַלס רוסן, טאַטאַרן, אַרמענער, אאַ"וו.

באַזונדערס האָבן פון די אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער געליטן די יידישע פאַמיליע־לאַגערן.

בעת די ייִדן זענען נאָך דער ליקווידאַציע פון די געטאָס געלאָפן אין די פּאַרטיזאַנער־ראַיאָנען, זענען זיי אָפּגעוואַרט געוואָרן דורך לויערונגען פון רוסישע פּאַרטיזאַנער און פולשטענדיק באַרויבט געוואָרן.

אַזוי זענען די לידער ייִדן, אַנטלויפנדיק פון די צוגן, וואָס האָבן זיי געפירט קיין מאַידאַנעק, באַרויבט געוואָרן דורך פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „איסקראַ" (נאָוואָגרודקער ראַיאָן).

בעת דער ביעליצער פאַמיליע־לאַגער איז געווען געצוווּנגען, אין ענדע 1943, זיך איבערצוטראָגן צום פאַמיליע־לאַגער ביים דאָרף דעמיאַנאָווצע, זענען זיי אויפן וועג באַפאַלן, באַרויבט און איינציקע אפילו צעשלאָגן געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער פון אַנטיסעמיטישן אָטריאַד „וואָראָשילאָוו", (פּאָפּולער א״נ „לידער").

עס זענען אויך געווען פאַלן, אַז די רוסישע אָטריאַדן פלעגן מאַכן לויערונגען אויף די זיך אומקערנדיקע ייִדן פון ווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציעס און צונעמען ביי זיי די, מיט לעבנס־ריזיקע באַקומענע, פּראָדוקטן. נישט איינמאָל זענען ביעלסקיס און זאָרינס אָטריאַדן באַרויבט געוואָרן פון זייערע פּראָדוקטן און נישט אַלע מאָל פלעגט עס געלינגען די קאָמאַנדירן פון די א״ד אָטריאַדן, דורך אינטערווענצן ביי דער העכערער פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג, עס אָפּצונעמען צוריק. נישט זעלטן פלעגט דאָס אויך ברענגען צו קרבנות אין מענטשן.

אַכט ייִדן פון סטאַריצקיס אָטריאַד, (מירער ראַיאָן), זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער פון די ספּעצ־דיווערסיע־גרופּעס דאַנילאָוו און באָזשענקאָ (יאַנואַר 1944), בעת זיי זענען געפאָרן פון אַ ווירטשאַפטלעכער אויפגאַבע, און די פּראָדוקטן זענען צוגענומען געוואָרן.

פיר ייִדן, ווען עס איז געלונגען צו אַנטלויפן, האָבן וועגן דעם פאַל גלייך געמאָלדן די געהעריקע אינסטאַנצן. אַלס שטראָף האָט גענעראַל־מאַיאָר פּלאַטאָן דעגראַדירט די א״ד קאָמאַנדירן. די דירעקט־שולדיקע האָבן אָבער קיין שטראָף נישט באַקומען, ווייל דאָס וואָלט אָנגערירט נישט ווייניקער ווי פופציק פּאַרטיזאַנער.

אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן אין אַ רוסישן אָטריאַד פלעגט מען פאַרן קלענסטן חטא אַנטוואָפענען און אָפּשיקן אין אַ פאַמיליע־לאַגער, וווּ עס זענען געווען פיל ערגערע לעבנס און זיכערקייטס־באַדינגונגען. די צאָל פּרעטעקסטן, פאַר

וועלכע מען פלעגט אַנטוואָפּענען און אַרויסשיקן פון אָטריאַד, איז געווען א געווען גרויסע:

1) פאַר פאַרלירן אָדער וואַרפן בעתן אַנטלויפן נאָך אַ קאַמף, דאָס געווער.

2) פאַר פירן שפּייז אין די פאַמיליע־לאַגערן פון אָטריאַד־פּראָדוקטן.

3) פאַר נעמען פאַרבאָטענע, נישט־וויכטיקע זאַכן, ביי פּויערים בעת א „באָמביאָזשקע", באַזונדערס ביי אַ פאַרבינדונגס־מענטשן. געווען פאַלן, ווען פאַר אַזאַ חטא פלעגט מען שיסן.

4) פאַר נישט אויסצייכענען זיך אין די קאַמפן, פאַר „טרוסעווען" (אַרויסווייזן פּחדנות) בעתן אויספילן די קאַמפס־אָפּעראַציעס, פאַר סתם וואַרפן אַן אומחן אויף איינעם אד"גל.

געווען אָטריאַדן, וואָס פלעגן זיך האַרבער באַציִען צו די א"ד עבירות און מען פלעגט דערפאַר שיסן, באַזונדערס — אויב די באַשולדיקטע זענען געווען יידישע פּאַרטיזאַנער.

חיים לאַזאַר דערציילט:

„אַ ראָטע פון קאַפּיטאַן מישקעס אָטריאַד (רודניצקער וועלדער) איז אַרויס אויף אַן אָפּעראַציע און אַרויפגעפאַלן אויף אַ דייטשער לויע־רונג. בשעתן אָפּטרעטן האָט אַ דייטשע קויל געטראָפן אין דער ביקס פון אַ יידישן בחור, משה עפּשטיין און ער האָט דעם ביקס אַרויסגע־לאָזט פון האַנט. אין דער אַנטשטאַנענער פּאַניק איז ער אַנטלאָפן צוזאַ־מען מיט אַלעמען. ערשט שפּעטער האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז עס פעלט אים זיין געווער. אומקערן זיך זוכן זיין ביקס האָט ער שוין נישט געקענט, ווייל דער שטח איז שוין געווען איינגענומען דורך דייטשן, און בלית ברירה האָט ער זיך אומגעקערט מיט אַלעמען צום באַזיס.

דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר, קאַפּיטאַן מישקע, האָט אים געגעבן איין ברירה: באַקומען ערגעץ ווו אַ ביקס אָדער דערשאָסן ווערן. עפּשטיין איז געלאָפן צו די קאָמאַנדירן פון די יידישע אָטריאַדן, וועלכע האָבן סטאַציאָנירט אין שכנות און געבעטן, אַז מען זאָל אים אַנטלייען אַ ביקס, ווייל זיין לעבן איז אין סכנה. אָבער קיין ביקס האָט ער נישט באַקומען און מישקע קאַפּיטאַן, — כאָטש ער האָט געהאַט גענוג געווער, — האָט נישט געוווסט פון קיין רחמנות; ער האָט באַפוילן עפּשטיינען צו דערשיסן..."

(„חורבן ומרד", ז' 115).

דער שטאַב־נאַטשאַלניק פון דער „פּאָביעדא״־בריגאַדע בולאַט (פּסעוודאָנים „בעזרוקי״ — אָן־הענטיקער) האָט, בעת דער אָבלאַווע אין ליפּיטשאַנער פּושטשע (דעצעמבער 1941), אייגנהענטיק דערשאָסן די צוויי דערעטשינער מיידלעך פייגעלע שעלובסקי אוןביילע בעקער. ער האָט ביי זיי געפרעגט: „ווו זענען אייערע ביקסן?״ — זיי האָבן געענטפערט, אַז זיי האָבן עס פאַרבאַהאַלטן, ווייל זיי זענען געווען אין געפאַר פון אַרומרינגלונג, אָבער זיי קענען דאָס געווער גלייך ברענגען. ער האָט בליץ־שנעל אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און זיי דערשאָסן.

פאַר נעמען אַ שיסל ביי אַ פּויער, אַ פאַרבינדונגס־מאַן, האָט מען אַרעסטירט צוויי יידישע פּאַרטיזאַנער פון אָרלאַנסקי־אָטריאַד: אברהם בליאַכמאַן (וואַרשע) און אברהם מאַגיד (ביעליצע — היינט ישראל). אויפן וועג צום בריגאַדע־שטאַב האָט מען בליאַכמאַנען דערשאָסן. מאַגידן איז געלונגען צו אַנטלויפן און גליקלעך אויסצומיידן די נאָכיאָגנדיקע קוילן. ער איז אַנטלאָפן אין נאָוואָגרודקער ראַיאָן און אַריינגעטראָטן אין יידישן אָטריאַד „אָרדזשעניקידזע״ (קיראָווער בריגאַדע).

יוסף ראַפּאַפּאָרט (וואָלאָזשין) פון אָטריאַד נר. 20 (טשקאַלאָווער בריגאַדע, וואָלאָזשינער פּושטשע), איז דערשאָסן געוואָרן אויפן באַפעל פון קאָמיסאַר, קאָזאַק איוואַן, פאַר נעמען אין דאָרף נאָוואַסאַד, ביי דעם פּויער באָלטון, קליידער פאַר זיין פרוי.

יוסף רייך דערציילט וועגן אַן ענלעכן פאַל אין די פּאָלעסיער וועלדער:

„לויטן באַפעל פון קאָמאַנדיר פון דער ספּעץ־גרופּע פאַר דיווערסיע אין די שוויעטיטשער וועלדער זענען דערשאָסן געוואָרן צוויי יידישע פּאַרטיזאַנער (1טן נאָוועמבער 1943): פּרץ פּלאַצקי און יצחק לאַבזאָווסקי. ביידע פון באַראַנאָוויטש. זיי זענען באַשולדיקט געוואָרן אין צונעמען אַ ניי־מאַשין ביי אַ פּויער. דעם דריטן באַשולדיקטן, נח רויטמאַן, איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו אויסקויפן זיין חטא דורך אויספירן אַ געפערלעכע קאַמפּס־אויפגאַבע. ער האָט געדאַרפט איינער אַליין אויפרייסן אין באַראַנאָוויטש אַן אָביעקט, ווו מען האָט אויסגעאַרבעט האָלץ־טיילן צו דייטשע עראָפּלאַנען. אים איז געלונגען די אויפגאַבע אויסצופירן מיט דערפאָלג און אַרויסגיין אַ לעבעדיקער. שפּעטער געווען אַן אויסגעצייכנטער פּאַרטיזאַן און נאָך דער באַפרייאונג זיך דערדינט צו הויכע אויסצייכענונגען אין דער רויטער אַרמיי״.

(„וואַלד אין פלאַמען״).

אַ יוגנטלעכע גרופּע פון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין איוויער געטאָ, האָט אין די „בראשית״־טעג פון אויפקום פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, אויסגעבויט אַן ערד־שטיבל אין מאָרינער וואַלד (נעבן איוויע). מיט זייערע עטלעכע געציילטע ביקסן זיי נקמה גענומען פון די גויים — יידן־מערדערס, רויבערס און מיטאַרבעטערס מיט די דייטשן. זיי האָבן אויפגעזוכט און אָפּגענומען ביי זיי דאָס אָנגערויבטע יידישע גוטס אין די שחיטה־טעג אין שטעטל איוויע.

די פויערים האָבן פאַרמסרט פאַר אַ רוסישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע מיטן נאָמען „אַנטאָנאָווצעס״, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט רויבן און מאַכן אַ „גוטן לעבן״, אַז זיי ווערן באַרויבט פון אַ יידישער באַוואָפנטער באַנדע. די „אַנטאָנאָווצעס״ האָבן זיי אָפּגעוואַרט און אַנטוואָפנט. ווען די אַנטוואָפנטע פיר יוגנטלעכע: שעפּסל שעפּטעל, סענדער ביעלאַווסקי (איוויע), לייב קאַל־מאַנאָוויטש און הירשע לעווקאָוויטש (טראַב) האָבן אָנגעהויבן בעטן, און נישט נאָכגעלאָזן, אַז מען זאָל זיי צוריקגעבן די ביקסן — זייער איינציקער אָנשפּאַר אין לעבן — האָט מען זיי אויסגעטון נאַקעטע און צעשאָסן (פעברואַר 1943).

אין אַ קורצער צייט אַרום איז די גאַנצע גרופּע „אַנטאָנאָווצעס״ דער־שאָסן געוואָרן אַלס באַנדיטן, ווייל זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אונטערצוואַרפן די צענטראַלע פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג, נאָכן דורכפירן די צענטראַליזאַציע (בריגאַדעס און פאַראייניקונגען אין נאַליבאָקער פּושטשע).

יחיאל גראַנאַטשטיין (היינט אין ישראל) דערציילט אין זיין בוך „איך האָבן געוואָלט לעבן״, וועגן אַן ענלעכן פאַל:

„סאָניע אַ יידישע מיידל פון שטעטל איוואַצעוויטש (פּאָלעסיע), פּאַר־טיזאַנקע פון אָטריאַד א״נ „ראָקאָסאָווסקי״ (וואָלטשע־נאָרע־וועלדער), וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט ביי דיווערסיע־אויפגאַבן, איניצירט און זיך אַקטיוו באַטייליקט ביים אַדורכפירן וויכטיקע קאַמפּס־אָפּעראַציעס (פאַרברענען די צעמענט־פאַבריק ביי דעם שטעטל איוואַצעוויטש, אָנפאַל אויפן אַעראָ־דראָם ביי סלאָנים אאַז״וו) איז עפנטלעך דערשאָסן געוואָרן אין דאָרף גלאַווישעוויטש אונטער דער באַשולדיקונג פון רויבן די באַפעלקערונג.

סאָניע איז געקומען צו דער אָטריאַד־קאָמאַנדשאַפט מיט אַ פאָרשלאַג אָנצופאַלן אויף חתונה־אָנטיילנעמער אין דאָרף גלאַווישעוויטש, ווו עס וועלן אויך זיין, לויט באַקומענע אינפאָרמאַציעס, פּאָליציסטן און דייטשן

די קאָמאַנדשאַפט האָט דעם פּלאַן באַשטעטיקט און אַ ראָטע פאַרטיזאַנער איז אַוועק אַדורכצופירן די אויפגאַבע. די פאַרטיזאַנער האָבן אַרומגערינגלט דעם דאָרף פון אַלע זייטן. אָבער צו זייער אַנטוישונג זענען צווישן די חתונה־געסט נישט געווען קיין פּאָליציסטן און דייטשן. דער ראָטע־קאָמאַנדיר האָט דערלויבט די פאַרטיזאַנער זיך „איבערצוטאָן" און אומבייטן זייערע צעריסענע שטיוול און בגדים אויף די יומטובדיקע בגדים פון די מחותנים און חתונה־געסט. סאָניע האָט אַראָפּגענומען פון דער כלהס שוועסטער אירע נייע זאָקן און די איבעריקע פאַרטיזאַנער האָבן אויסגעטאָן די שטיוול און אָנצוגער פון די מחותנים און זיי איבערגעלאָזט אין די אונטערוועש. דער ראָטע־קאָמאַנדיר האָט אַראָפּגעצויגן די נייע שטיוול פון התנס ברודער און צוגענומען ביי סאָניען די פּאָר זאָקן, וואָס זי האָט צוגענומען ביי דער כלהס שוועסטער, כדי עס ברענגען אַ מתנה פאַר זיין געליבטע...

אין אַ פּאָר טעג, נאָך דעם, האָט מען גערופן אַלע פאַרטיזאַנער וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער א"ד אָפּעראַציע און פאַר זיי פאָרגעלייענט אַ פּראָטעסט־בריוו פון די גלאָוושעוויטשער פּויערים קעגן דעם רויב־אָנפאַל אויף דער חתונה אין זייער דאָרף. נאָך דער אויספאָרשונג האָט מען אַלעמען באַפרייט. אין אייניקע טעג אַרום איז געווען אַ באַפעל, אַז די אַלע, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דעם אָנפאַל אויף דער חתונה, זאָלן אַרויספאָרן אין גלאָוושעוויטש אויף אַ צווייטער אויפגאַבע.

אַלע זענען געווען זיכער, אַז מען וועט מאַכן אַן אָפּרעכענונג מיטן דאָרף, ווייל נאָך דעם א"ד פאַל, זענען געפאַלן עטלעכע פאַרטיזאַנער פון דייטשע און אוקראַאינישע לויערונגען. די מיינונג איז פאַרשטאַרקט געוואָרן צוליב דער געגעבענער אָנווייזונג, אויפצורופן אַ פּויערים־פאַרזאַמלונג אויפן הויף פון דער פאָלקס־שול. ווען אַלע דאָרף־איינוווינער זענען געווען אויפן פּלאַץ, האָט דער קאָמאַנדיר געלייענט פאָלגענדיקן באַפעל „לויטן שטאַב־באַפעל פון פאַרטיזאַנער־אָטריאַד א"נ „ראָקאָסאָווסקי" איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט די פאַרטיזאַנערין סאָניע, פאַר רויבן די ציווילע באַפעלקערונג פון דאָרף גלאָוושעוויטש". אַז די איבערגעגעבענע קעמפערין, וואָס איז געווען באַקאַנט אין אָטריאַד מיטן נאָמען „גראָיסקאַיאַ באַבאַ" (העלדישע פרוי) האָט דערהערט דעם אורטייל, האָט זי געכאַפּט אַ משוגעת־אַטאַק און זי האָט אָנגעהויבן צו יאָמערן און וויינען, אָבער אַ קויל אין פּלייצע האָט איר גיך איינגעשטילט".

(דאָרט, ז"ז 189־19).

דאָס העלדישע יידישע מיידל, סאָניע, איז געווען אַ „שעיר לעזאָזל" פאַר די רוסישע פאַרטיזאַנער, וואָס האָבן גערויבט מיט דער פולער האַנט

און מיטן קאָמאַנדירס דערלויבעניש, — דער זעלבער קאָמאַנדיר, וואָס האָט ביי סאָניען צוגענומען די פּאָר זאָקן...

אַמאָל פלעגט געלינגען אָפּשרייען אַ טויט־אורטייל איבער אַ ייִדן פאַר „רויב", דורך געבן אים אַ שאַנס אויסצוקויסן זיין חטא, דורך אויספירן געפערלעכע קאַמפּס־אויפגאַבעס.

ביעלאַק, (לאָדזש — היינט אין ישראל), אַ פּאַרטיזאַן פון אָטריאַד „אַלעקסאַנדער ניעווסקי", וואָס האָט געהאַט פאַרשריבן אויף זיין קאָנטע אַראָפּגעלאָזטע באַנען און אַנטייל אין קאַמפן, איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט פאַר גנבענען אין אָטריאַד אַ... ליילעך, וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן אַ מתנה אַ ייִדישע פּאַרטיזאַנערין פון אָטריאַד „סיביריאַק"... בלאַכער, אַ פּאַרטיזאַן פון ביעלסקיס אָטריאַד, האָט אים געהאָלפן אַנטלויפן פון טורמע און ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין שפּיטאָל פון ביעלסקיס אָטריאַד.

באַיקאָוו, דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „אַלעקסאַנדער ניעווסקי", האָט פאַרגעלייגט ביעלסקין אויסצוטוישן ביעלאַקן אויף אַ... קלאַטשע, וואָס זיינע פּאַרטיזאַנער האָבן אַמאָל צוגענבעט פון ביעלסקיס לאַגער... איינמאָל, ווען צו ביעלסקין זענען געקומען שליחים פון באַיקאָוון, אים איבערצורעדן, אַז ער זאָל אַרויסגעבן דעם פאַראורטיילטן דעזערטיר, איז ביעלאַק אַנטלאָפן אין וואַלד. דאָרט איז ער אַרעסטירט געוואָרן דורך דער וואַך פון „זאָרינס" אָטריאַד און צוגעשטעלט געוואָרן צוריק אין שטאַב פון ביעלסקיס אָטריאַד. צום שלימזל זענען פּונקט דאַן געווען אין ביעלסקיס שטאַב צוויי קאָמאַנדירן פון אָטריאַד „אַלעקסאַנדער ניעווסקי".

ביעלסקי האָט נישט אַרויסגעגעבן ביעלאַקן, נאָר ער איז באַלד אַוועקגעפאָרן צו פּלאַטאָנען און סאָקאָלאָוון, די אָנפירער מיט דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין נאַליבאָקער פּושטשע. ער האָט זיי געבעטן, אַז מען זאָל פאַרבייטן דעם טויט־אורטייל איבער ביעלאַקן אויף אַ באַפעל, אַז ער זאָל אויספירן עטלעכע דרייסטע דיווערסיע־אויפגאַבעס. זיי האָבן דערצו איינגעשטימט. ביעלאַק איז געשיקט געוואָרן דריי מאָל נאָכאַנאַנד, אָן געווער, צו מינירן אייזנבאַנען. ער האָט מצליח געווען אַרויסציִיען בשלום פון די געפערלעכע אויפגאַבעס און אַזוי אַרום זיך אויסגעקויפט זיין לעבן.

באַזונדערס פלעגן זיך פאַרשטאַרקן די אַנטיסעמיטישע כוואַליעס בעת

און נאָך אָבלאַוועס און בלאָקאַדעס פון די דייטשן אויף די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס.

אָפט פלעגט דאַן אויסקומען די אָטריאַדן זיך צו צעשיטן אויף קלענערע גרופּעס, בכדי אַדורכצורייסן זיך דורך דער דייטשישער אַרומרינגלונג. די דיסציפּלין און די מורא פאַר דער אָנפירונג פלעגט געוויינטלעך ווערן שוואַכער. די פאַרברעכערישע אינסטינקטן פלעגן דאַן נישט זעלטן קומען צום אויסדרוק דורך ראַבירן און אפילו מאָרדן איינציקע יידן. אַלע אָפּרע־כענונגען פלעגן דאַן געמאַכט ווערן. עס זענען געווען שאַנסן, אַז אין אַלגע־מיינעם כאַאָס און טומל זאָל דער באַגאַנגענער פאַרברעכן בלייבן אַן אייביקער סוד און דער פאַרברעכער זאָל אויסמיידן די האַנט פון דער גערעכטיקייט.

נאָך אַן אָבלאַווע פלעגט מען אין פיל פאַלן אַנטוואָפּענען און אַרויסשיקן יידן פון די אָטריאַדן. אַזוי האָט מען נאָך דער אָבלאַווע אויפן פּאַרטיזאַנישן טאַנק אין ליפּיטשאַנער פּושטשע (סעפּטעמבער 1943), געוואָלט אַרויסשיקן פון אָרליאַנסקן אָטריאַד אין אַ פאַמיליע־לאַגער 40 יידן, בעיקר פרויען און אַ״ג „שאַכמאַניעס״ (נישט־קעמפערישע און איניציאַטיוולאָזע פּאַרטיזאַנער), אָבער די ענערגישע אינטערווענץ פון יידישן קאָמאַנדיר פון אַ ספּעץ־דיווערסיע־גרופּע, קאַפּיטאַן דאַווידאָוו, האָט אָפּגעשריגן די גזירה.

נאָך אַן אָבלאַווע אין נאַטשער פּושטשע, זענען 35 יידן, צווישן זיי אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן מיטגעווירקט ביים אָרגאַניזירן די פּאַרטיזאַנקע אין דער א״ד פּושטשע און זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפן — אָפּגעשיקט גע־וואָרן אין ליפּיטשאַנער פּושטשע, ווו אַ טייל פון זיי איז אויפגענומען געוואָרן אין די אָרטיקע רוסישע אָטריאַדן (אויגוסט 1943).

דער פּאַרטיזאַן האָט זיך נישט גענויטיקט אין קיין געלט. ווי געזאָגט, האָט ער זיך אויסגעהאַלטן אויפן חשבון פון דער פויערישער באַפעלקערונג. פון צייט צו צייט פלעגט מען אַרויסגיין אויף ספּעציעלע „באָמביאָזשקעס״, כדי צו קריגן מלבושים. הונדערטער טויזנטער פּאַרטיזאַנער זענען אַדורך די מלחמה־יאָרן אין די וועלדער, אָן אַ פּרוטה אין די קעשענעס. לויטן פּאַרטיזאַנישן געזעץ, האָט אַ קעמפער נישט געטאָרט קויפן פאַר געלט אַלדאָס נויטיקע.

אין אַ גאַנץ אַנדער לאַגע איז געווען דער יידישער פּאַרטיזאַן. אַנטלויפנ־

דיק פון געטאָ, האָט ער מיטגענומען דאָס ביסל מזומנים וואָס ער האָט פאַר־מאָגט. ראשית־כל האָט ער, פאַרן אַרויסגיין, זיך פאַרזאָרגט מיט וואַרימע מלבושים און נייע שטיוול — אַן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט ביי די לעבנס־באַדינגונגען אין די בלאָטיקע וועלדער. די יידן פון די פאַמיליע־לאַגערן זענען אָפט געווען געצווונגען צו באַצאָלן די פויערים פאַר שפייז־פּראָדוקטן, ווייל זיי איז דאָך געווען פאַרבאָטן צו נעמען דאָס נויטיקע מיט געווער. די לעגענדע וועגן „יידישן גאָלד" איז געווען פאַרשפּרייט אויך אין די וועלדער. עס פלעגט טרעפן, אַז מען פלעגט זיך צוטשעפּען צו די יידן און פאָדערן געלט אויף צו קויפן געווער, אויף דעם „פּאַרטיידיקונגס־פאָנד", אויף צו קויפן אַ טאַנק אָדער אַן עראָפּלאַן — אַ מתנה פאַר דער רויטער אַרמיי או״וו.

אָט דערציילט אונדז חיים לאַזאַר (ליטאַי), וועגן דער קאָנפיסקאַציע פון „יידישן פאַרמעגן" אין די נאַראָטשער וועלדער:

„אין אַ העלן פרימאָרגן האָט מען צעשטעלט די יידן אין שורות און זיי אַוועקגעפירט צו מאַרקאָווס שטאַב. עס האָט זיי דאָרט באַגעגנט אַ שטאַרקע וואַך. איינציקווייז האָט מען זיי אַריינגעפירט אין דעם ערד־שטיבל („זיעמלאַנקע") פון שטאַב. דאָרט זענען געזעסן אַלע שטאַב־אָפיצירן און אייניקע אָטריאַד־קאָמאַנדירן. פאַר יעדן אַריינגעקומענעם האָט מען געמאָלדן דעם זעלבן נוסח: היות ווי די לאַגע ווערט שווערער פון טאָג צו טאָג און עס פעלט געווער פאַר די אַלטע קעמפּערס דאַרפן די יידן אָפּגעבן זייער געווער, געלט און ווערטפולע חפצים, כדי מען זאָל קענען קויפן געווער. נאָך דער מעלדונג האָט מען אָדורכגעפירט אַ רע־וויזיע אין די קעשענעס, אויסגעטאָן די שטיוול, אַראָפּגענומען די גוטע מלבושים און צוגענומען די ווערט־זאַכן.

שפּעטער האָבן די יידן געזען, די געליבטע פון די קאָמאַנדירן און קאָמיסאַרן אָנגעטאָן אין די בגדים, גערויבטע פון די יידישע פּאַרטיזאַנערינס און אויסגעפּוצטע מיט זייגערלעך, וואָס זענען צוגענומען געוואָרן פון די יידן, כלומרשט, אויף „געווער־איינקויף".

(„חורבן ומרד", ז״ז 216־217).

אויך ש. קאַטשערגינסקי, וואָס שילדערט דעם א״ד פיינלעכן פאַל, דערציילט, אַז ווען מען האָט זיך קוים דערשלאָגן צו מאַרקאָוון און אים דערציילט, וואָס ס'איז געשען, האָט ער עס אַראָפּגעפּטרט מיט אַ באַמערקונג:

„— ווען איך וואָלט ביי אייך געוואוינט, וואָלט איר געקענט ריידן, אָבער איך ווייס פון דעם גאָרנישט... (דאָס שטיקל אַרבעט איז אַדורכגעפירט געוואָרן דורכן שטאַב־נאַטשאַלניק, וואָלאָדקע שאולעוויטש.

(„איך בין געווען אַ פּאַרטיזאַן", ז' 158).

וועגן דעם זעלביקן ענין דערציילט אונדז משה פּיטקאָווסקי, וואָס איז געווען אַ פּאַרטיזאַן אין די וועלדער פון „וואָלטשע נאָרע":

„... איין מאָל אין אַ פרימאָרגן האָט מען אונדז אַלעמען צונויפגעזאַמלט און אַרויסגעפירט אויף דער טריבע. מען האָט אַדורכגעפירט רעוויזיעס אין אַלע ביידלעך און צוגענומען יעדע בעסערע זאַך, ווי שוכוואַרג, עסן, סאַכאַרין, געלט. נאָכן אָפּהאַלטן אַלעמען עטלעכע שעה אויף דער טריבע האָט מען אונדז צוריקגעפירט אין לאַגער, ווו מען האָט יעדערן געטאָדלט פאַר נישט וועלן גוטוויליק אַריינטראָגן די זאַכן און געלט. עס ווערט צונויפגעזאַמלט פיל געלט, וואָס איז געבליבן ביים פּאָליטרוק. פיל זאַכן פוילן אונטערן רעגן".

(פּנקס ביטען", ז' 253).

אַנדערש דערציילט וועגן דער קאָנפיסקאַציע פון די ווערטפולע זאַכן, אין יידישן „זשוקאָוו"־אָטריאַד (קאָפּולער ראַיאָן), דער פּאַרטיזאַן יוסף רייך:

„דער נאַטשאַלניק פאַר באַזונדערע ענינים, וויינער האָט אונדז צוזאַמענגעקליבן אין אַן אָפּגעזונדערט אָרט אין וואַלד און האָט פאַר אונדז געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געזאָגט — אַז די סאָוועטן פירן אַ שווערע מלחמה מיט די דייטשן, פאַר דער פרייהייט פון אַלע פעלקער און דערונטער פאַרן יידישן פאָלק. און אויף צו פירן מלחמה דאַרף מען געלט. פאָדערט ער אויף די אַלע, וואָס האָבן ביי זיך קאָסטבאַרע זאַכן ווי: צירונג, גאָלדענע מטבעות, בריליאַנטן אָדער אויסלענדישע וואַלוטע — עס אָוועקצוגעבן. די דאָזיקע ווערט־זאַכן, וועלן ווערן אָפּגעשיקט קיין מאָסקווע אויף איינצוקויפן עראָפּלאַנען פאַר דער רויטער אַרמיי. צום סוף האָט ער צוגעגעבן „...אַז ווער עס וועט נישט אויספירן די דאָזיקע פאַראָרדענונג און מען וועט ביי אים דערנאָך געפינען גאָלד — וועט דערשאָסן ווערן". איך ווייס נישט, וואָס עס האָט מער געווירקט אויף די פאַרזאַמלטע — די איבערצייגנדיקע רייד זיינע, אָדער די דראָאונג, וואָס ער האָט צוגעגעבן צום סוף, נאָר אַ פאַקט איז, אַז אַ טייל פון די אַנוועזנדיקע זענען אַוועק אין אַ זייט און האָבן אַרויסבאַקומען פון די באַהעלטענישן אין די מלבושים קאָסטבאַרקייטן און דאָס אַוועקגעגעבן, וויינערן. דער רעזולטאַט איז געווען: אייניקע הונדערט גאָלדרובל, אייניקע גאָלדענע זייגערלעך און פאַרשיידענע רינגעלעך".

(„וואַלד אין פלאַמען", ז' 138).

און אָט איז אַן עדות אברהם לידאָווסקי, פון אַן אַנדער ראַיאָן, פון די פּאָלעסיער וועלדער:

„אין איינעם פון די טעג איז געקומען צו אונדז דער קאָמאַנדיר, איוואַן איוואַנאָוויטש מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער. ער פאָדערט פון אונדז צוואַנציק טויזנט רובל „פאַר דעם פאַטערלאַנד". פונוואַנען זאָלן מיר יידן, געטאָ־פּליטים, וואָס זענען אַנטלאָפן פון שרעקלעכע שחיטות, נעמען אַזאַ סכום? אָבער מיר ווייסן גוט, אַז מיט איוואַן איוואַנאָוויטשן שפּילט מען זיך נישט. זיין טאָן איז דערביי אַ האַרבער; דרך אַגב זאָגט ער: „איך ווייס, אַז די יידן האָבן געלט". אויב מיר וועלן נישט דערפילן זיין פאַרלאַנג, וועט ער זען אין דעם פאַרראַט און וועט אונדז אַרויסשיקן פון וואַלד...

מיר האָבן גוט געוווסט, אַז פאַר דעם געלט וועט מען סיי־ווי גאָרנישט קויפן, ווייל אַלעס נויטיקע נעמען מיר דאָך אומזיסט; מיר האָבן אויפגעקליבן די לעצטע רובל, וואָס ביי יעדן פון אונדז איז נאָך איבערגעבליבן און געגעבן אים 6.000 רובל. ער האָט עס צוגענומען און איז אַוועק. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער ווידער געקומען צו אונדז מיט דער זעלבער פאָדערונג. מיר האָבן אים געגעבן נאָך צוויי טויזנט רובל דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דער ענין".

(ביערות", ז"ז 102־103).

אין דער ליפּיטשאַנער פּושטשע אין דערשאָסן געוואָרן פאַר נישט־באַטייליקן זיך אין „פּאַרטיידיקונגס־פאָנד", דער פּאַרטיזאַן יצחק קראַוועץ (זשעטל). קראַוועץ איז געווען קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטיילונג וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען: געווער און אַמוניציע־פאַרזאָרגונג („באָיע־פּיטאַניע") פאַרן „אָרליאַנסקן" אָטריאַד. ער האָט מצליח געווען אַרויסצובאַקומען פון די פּויערים דאָס, דורך זיי באַהאַלטענע, געווער, וואָס די סאָוועטן האָבן אַוועקגעוואָרפן בעת זייער ראַשיקן אָפּטרעט אין 1941. קראַוועץ פלעגט אַרומגיין אַלעמאָל אַן אויסגעפּוצטער אין שיינע אַנצוגער און שטיוול און די פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדשאַפט האָט אים חושד געווען, אַז ער האָט פיל געלט און זאַכן פאַרבאַהאַלטענע ביי די פּויערים.

אַז מען האָט פּראָקלאַמירט, אין דער צווייטער העלפט פון 1943, אַן אַקציע אין הינטערלאַנד לטובת דעם „פּאַרטיידיקונגס־פאָנד" פון סאָוועט־רוסלאַנד, האָט מען ביי קראַוועצן געפאָדערט זיין גאָלדענעם זייגער, געלט און מלבושים. קראַוועץ האָט געטענהט, אַז דער זייגער איז אַן אָנדענק פון

זיינע אומגעקומענע קרובים און דערפאַר קען ער אים נישט אָפּגעבן. איינמאָל האָט אים דער אָטריאַד־שטאַב געשיקט אין שליחות מיט אַ בריוו צום בריגאַדע־שטאַב א״ב „לעניך״. צומאַרגנס האָט מען אים געפונען אין וואַלד אַ געהרגעטן, אָן מלבושים, שטיוול און זייגער... קיין טאָג־באַפעל אָדער דערקלערונג איז נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן דעם פאַל...

דער ייִד אין פּאַרטיזאַנקע איז אויך געווען באַדראָט מיט זיין לעבן דורך דעם טייל פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען געווען באַהערשט פון זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם, און איז אָפטמאָל אויך געווען אַ קרבן פון אַנווענדן לגבי אים דאָס פּאַרטיזאַנישע קריגס־געזעץ מיט דער פולער האַרבקייט, בכדי צו ווירקן אָפּשרעקנדיק אויף די נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער (למשל: פאַר שלאָפן אויף דער וואַך, פאַר נעמען ביי אַ פויער נישט־נויטיקע זאַכן אד״גל).

די ייִדן האָבן אויך אין פּאַרטיזאַנקע זיך געפילט אַלס ייִדן און זייער ייִדישקייט האָבן זיי געשפּירט אויף טריט און שריט.

ד. אומקום פון ייִדן אין די וועלדער

וויל מען זיך קלאָר מאַכן די באַציִונגען צווישן ייִדן און נישט־ייִדן אין פּאַרטיזאַנקע און קומען צו אָביעקטיווע אויספירן וועגן אַנטיסעמיטיזם אין די וועלדער, דאַרף מען אויך אין דעם פּרט איינטיילן די פּאַרטיזאַנקע אין צוויי תקופות.

דער גרעסטער טייל פאַרברעכנס און מאָרדן אין די וועלדער פאַלט אויס אין דעם פעריאָד פון דער ערשטער תקופה פון פּאַרטיזאַנקע, ווען זי איז נאָך נישט געווען צענטראַליזירט, אָן פאַרבינדונגען און אָן באַפעל־מעכטיקע פון מאָסקווע. עס איז דאַן געווען אַ הפקר־שטימונג און פאַר־ברעכערישע אינסטינקטן האָט מען געקענט אויסלאָדן אָן מורא פאַר אויס־ווירקונגען, אויספאָרשונגען און באַשטראָפונגען.

אַדוו׳ אלתר דוואָרעצקי און פּאַזולסקי משה (ישראל) — די אָרגאַני־זאַטאָרן פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין זשעטלער געטאָ, וועלכע זענען אַרויס אין ליפּיטשאַנער פושטשע צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון זעקס מאַן, ווערן דערמאָרדעט אין אייניקע וואָכן אַרום נאָך זייער קומען אין וואַלד, דורך אַ לויערונג פון רוסישע פּאַרטיזאַנער פון קאָליע וואַכאָנינס גרופּע, ביי פּאָד־וואַווערקע (זשעטלער ראַיאָן), דעם 11טן מאַי 1942.

קאָליע וואַכאָנין, דער דאַמאָלטדיקער קאָמאַנדיר פון די קליינע רוסישע גרופּעס אין ליפּיטשאַנער פּושטשע, האָט אין ענערגישן, אינטעליגענטן אלתר דוואָרעצקי געזען אַן ערנסטן קאָנקורענט צום קאָמאַנדיר־בענקל און ער האָט באַשלאָסן אויף אַזאַ מיאוסן אופן פון אים און פון די איבעריקע ייִדן פּטור צו ווערן. (די איבעריקע פון זיין גרופּע זענען באַלד נאָך דעם פאַל אַנטלאָפן אין נאַליבאָקער פּושטשע).

די דייטשן האָבן נאָך דוואָרעצקיס אַנטלויפן פון געטאָ אָנגעמאָלדן אַ פּרעמיע פון 2.500 מאַרק פאַר ברענגען דוואָרעצקין, אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן. די דייטשן האָבן געוווּסט, וואָס פאַר אַ געפאַר עס שטעלט מיט זיך פאַר אַדוואָקאַט אלתר דוואָרעצקי, אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון דער פאַרטיזאַנקע. די אַנטיסעמיטישע פאַרטיזאַנער האָבן מיט זייער דערמאָרדונג, געטון אַ וויכטיקע לייסטונג פאַר דער דייטשישער זאַך.

בעת דער גרויסער אָבלאַווע אין ליפּיטשאַנער פּושטשע, איז דורך אַ דייטשישער לויערונג פאַרוווּנדעט געוואָרן דער קאָמאַנדיר פון ייִדישן אָטריאַד, הירש קאַפּלינסקי. ער דערשלעפּט זיך (זיין חבר, ביטענסקי, פאַלט אַ טויטער אויפן אָרט) מיט אַ געפונענעם קוילנוואַרפער צו אַ באַקאַנטן פויער, יוזעף בודילאָוויטש, וועלכער העלפט אים דערגיין ביז אַן „אַנדרינקע" און באַהאַלט אים דאָרט. ער בעט דעם פויער ברענגען פאַרטיזאַנער, בכדי ער זאָל קענען פאַרבינדן זיין גרופּע, וועלכע איז געלעגן אויף אַ לויערונג, מיטן בריגאַדע־שטאַב.

דעם זעלביקן טאָג ברענגט דער פויער אייניקע רוסישע פאַרטיזאַנער, וועלכע פירן אַרויס קאַפּלינסקין אין דרויסן, פאַרזיכערנדיק אים, אַז זיי וועלן גלייך מיטטיילן וועגן דעם אין שטאַב; אָבער אָפּגייענדיק אַ פּאָר טריט, דערשיסן זיי אים. ער באַווייזט בלויז אַרויסצושרייען — „פאַרוואָס?". זיי שיסן אַ צווייטן מאָל און ער פאַלט טויט (12טן דעצעמבער 1942).

ד"ר אַבראַשאַ אַבראַמאָווסקי (באַראַנאָוויטש) האָט, אַנטלויפנדיק פון געטאָ, אָנגעטראָפן אויף דעם וואַך־פּאָסטן פון איוואַן איוואַנאָוויטשעס אָטריאַד (פּאָלעסיע). זיי האָבן אים באַרויבט, אַראָפּגעצויגן די שטיוול און דערשאָסן.

אין דאָרף ראָמאַנאָוויטשי (זשעטלער קרייז), האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן אַ גרופּע ייִדישע פאַרטיזאַנער פון אָרליאַנסקן אָטריאַד, מיט די פאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „וואָראָשילאָוו". די ייִדישע פאַרטיזאַנער זענען אויפגעפאָדערט

געוואָרן אָפּצוגעבן דאָס געווער און אַרויסצוגיין אויף דער גאַס. דאָרט האָט מען אויף זיי געעפנט אַ פייער, פון וועלכן מיירים דוואָרעצקי איז גלייך געפאַלן אַ טויטער. שרה אַלפּערט (זשעטל) איז דורך זיי פאַרגוואַלטיקט געוואָרן און זיי האָבן זי נאָכדעם אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַרטאָפל־גרוב (מערץ 1943). פון דער טראַגעדיע איז געבליבן אַ לעבעדיקער עדות, משה מאַנקעוויטש (זשעטל), וועלכער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין האַנט און אונטער אַ קוילן־האָגל אַנטלאָפן אין אָטריאַד (היינט אין ישראל). די פאַרטיזאַנער־אָנפירונג האָט געוווּסט, ווער די מערדערס זענען („קאָליע באַנדיט" און „וואַנקע באַנדיט") און קעגן זיי קיין מאָסמיטלען נישט אָנגענומען.

דער רוסישער לייטענאַנט, אָטריאַד־קאָמאַנדיר נאָסיעקין, האָט צוגעגרייט אַ פאַרניכטונג פון קרוקס אָטריאַד (וואָלין), וועלכער האָט געציילט איבער 100 יידן. ער האָט פאָרגעלייגט דעם אָטריאַד־קאָמאַנדיר, קרוק, אַ פלאַן פון מינירן די יידישע ערד־שטיבלעך און אויפרייסן זיי. קרוק, וועלכער איז געווען פריינטלעך־געשטימט צו יידן, האָט עס אַנטשיידן אָפּגעוואָרפן (נאָוועמבער 1942).

דערוווּסט זיך וועגן דעם האָט מען אַ פּאָר טעג פריער דורך נאָסיעקינס אַדיוטאַנט, וועלכער האָט עס דערציילט דעם פאַרטרעטער פון אָטריאַד־קאָמאַנדיר, דב לאָרבער („מאַהינקע").

נאָכן קומען פון פאַראייניקונגס־קאָמיסאַר פּאָלק. ברינסקי (פּסעוודאָנים: דיאַדיאַ פעטיע") איז ער אינפאָרמירט געוואָרן וועגן דעם טייוולאַנישן פלאַן פון נאסיעקינען. אין צווישן זענען אויפגעשוווּמען נייע בלוטיקע חטאים קעגן אים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז במשך פון אַ קורצער צייט האָט ער אויפגענומען אין זיין אָטריאַד זיבן יידן, אויסגענוצט זיי (געשיקט שאַפן געווער א״וו) און שפּעטער זיי דערשאָסן.

דער א. ד. נאָסיעקין האָט שוין געהאַט פאַרן קומען קיין וואָלין אַ היפּשן צעטל פון מאָרדן און פאַרברעכנס, וועלכע ער איז באַגאַנגען אין זיין פריערדיקן טעטיקייטס־ראַיאָן (לענינסקי, פּאָלעסיע), ווען זיין אָטריאַד איז נאָך געווען פאַראייניקט מיט די „זשאָרקינצעס".

אין יענער צייט (אויגוסט—אָקטאָבער 1942) זענען פאָרגעקומען די

שחיטות אין פּאָלעסיע און פיל הונדערטער ייִדן זענען זיך צעלאָפן אין די וועלדער און פינסקער בלאָטעס.

די „זשאַרקינצעס" פלעגן אָנפאַלן אויף די אומגליקלעכע ייִדן, זיי באַ־רויבן און צעשיסן.

אויך יוסף רייך דערציילט אין זיין בוך „וואַלד אין פלאַמען" וועגן אַ טייוואָלאָנישן פּלאַן פון אַ גרופּע „זשאַרקינצעס" אויסצוהרגענען די ייִדישע פּאַרטיזאַנער פון „זשוקאָוו"־אָטריאַד אין די מישיקער וועלדער:

„צוויי רוסישע פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד: אַסטראַוכאָוו און פּאָליטער האָבן זיך פאַרבונדן שטילערהייט מיט זשאַרקינצעס און אַ גרופּקעלע ציי־גיינער, וואָס האָט געלעבט אין די א"ד וועלדער און עס איז באַשטימט געוואָרן די נאַכט, אין וועלכער דאָס פאַרברעכן האָט געזאָלט אויסגע־פירט ווערן. לויט דעם פּלאַן האָבן אַסטראַוכאָוו און פּאָליטער געדאַרפט דערשיסן די וואַכן. דאָס האָט באַדאַרפט דינען ווי אַ סיגנאַל פאַר די ציגיינער און די פיר באַוואָפנטע זשאַרקינצעס אָנצופאַלן אויף די שלאָפנ־דיקע יידישע פּאַרטיזאַנער און אויסמאָרדן זיי...

אָבער דער פאַרברעכערישער פּלאַן איז מיט דער הילף פון פאַר־בינדלער באַצייטנס אויפגעדעקט געוואָרן און אין דעם זעלבן אָוונט, ווען דער פּלאַן האָט געזאָלט אויסגעפירט ווערן, זענען די פאַררעטערישע פּאַרטיזאַנער: אַסטראַוכאָוו און פּאָליטער דערשאָסן געוואָרן דורך מענדל רויזנגאַמען און איזאַקן (שפּעטער געפאַלן פון אַ דייטשער לויערונג ביים דאָרף נאָוואָסיאָלעק")."

(דאָרט, ז"ז 262, 263).

נאָך אַ גענויערע אויספאָרשונג און פעסטשטעלונג פון זיינע באַגאַנ־גענע מאָרדן און פאַרברעכנס פון קרימינעלן כאַראַקטער איז ער לויט אַ באַפעל פון פּאָלקאָווניק ברינסקי דערשאָסן געוואָרן.

אין דעצעמבער 1942 זענען געקומען אין קרוקס אָטריאַד די צוויי פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „אַניטשענקאָ": אַסטראָווסקי און באַזיקין. דער פּאַרטיזאַן באַזיקין האָט זיך פאַרגעשטעלט אַלס קאָמיסאַר, וועלכער איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון דער פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונג צו קאָנטראָלירן די בריגאַדע־אָטריאַדן.

ווי נאָר זיי זענען אַריין אין קרוקס אָטריאַד, האָט באַזיקין אָנגעהויבן פאַרוואַרפן, אַז אין אָטריאַד איז נישט אין אָרדענונג און ער האָט אָנגעהויבן

וואַרפן אַנטיסעמיטישע לאָזונגען. דער קאָמאַנדיר קרוק האָט אים באַפוילן תיכף צו פאַרלאָזן זיין אָטריאַד. זיי זענען געווען געצוווּנגען אויסצופילן זיין באַפעל און אַוועק אין דערבייאיקן יידישן פאַמיליע־לאַגער.

אויף וואָך איז דאַן געשטאַנען פּיוול זאַפּראַן. זיי זענען צוגעגאַנגען צו אים און געפאָדערט, אַז ער זאָל זיי באַווייזן זיין ביקס צו קאָנטראָלירן. זאַפּראַן, קענענדיק זיי, האָט קיין איין מינוט נישט געטראַכט און געגעבן זיי די ביקס. אין דעם מאָמענט האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אים, מערדער־לעך צעשלאָגן, הרגענענדיק אים ביז טויט. זיי זענען אַריין אין פּאַ־מיליע־לאַגער, אָנגעהויבן מערדערלעך צו שלאָגן אַלעמען, וועמען זיי האָבן אָנגעטראָפן, וואַרפנדיק אַנטיסעמיטישע לאָזונגען. באַזונדערס שטאַרק זע־נען צעשלאָגן געוואָרן די ייִדן: אשר פלאַש און יצחק חזן.

נאָך אַן אויספאָרשונג פון בריגאַדע־שטאַב האָט מען זיי דעגראַדירט פון „סטאַרשינאַ״ און וזוואָד־קאָמאַנדיר אויף געוויינטלעכע סאָלדאַטן.

אַ באַזונדער טראַגיש קאַפּיטל שטעלט מיט זיך פאָר די געשיכטע פון די ייִדן פון קאַמען־קאָשירסקער געטאָ (וואָלין), וועלכע זענען אַנטלאָפן אייניקע טעג פאַר דער לעצטער שחיטה (2טן סעפּטעמבער 1942) אין די וועלדער.

דער דייטשישער געביטס־קאָמיסאַר, מיכאַעליס, האָט צוגעזאָגט, אַז אויב ער וועט, לויט אַ באַפעל פון אויבן, זיין געצוווּנגען צו ליקווידירן דעם קאַמען־קאָשירסקער געטאָ, וועט ער אין דער לעצטער מינוט מודיע זיין וועגן דעם און דאָס וועט דינען פאַר אַ ווונק צו צעלויפן זיך. ער האָט זיין וואָרט געהאַלטן (אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, איז דאָס דער איינציקער פאַל פון אַרויסזאָגן די שחיטה־דאַטע דורך אַ דייטשן געביטס־קאָמיסאַר).

ער האָט איבערגעלאָזט בלויז 80 מאַן, קוואַליפיצירטע אַרבעטערס, לויט אַ פריער צונויפגעשטעלטער רשימה און פאַרזיכערט, אַז די דראָעט נישט קיין געפאַר. די רעשט ייִדן (לפי ערך 500־700) זענען זיך צעלאָפן אין די וועלדער פון אומגעגנט.

די גרויסע צאָל געראַטעוועטע ייִדן זענען געלאָפן אין די זשווירער וועלדער (40 ק״מ פון קאַמען־קאָשירסק). אויף די וועגן און אין די דערפער זענען פיל ייִדן אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך די אוקראַינישע פויערים און פּאָליציי. אין די וועלדער האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ באַנדע פון 25

כלומרשטע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך גערופן „סוואָראָווצעס" (שפּע־טער איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער מאָלאָטאָוו־בריגאַדע). דאָס איז געווען א געוויינטלעכע רויבער־באַנדע, וועלכע פלעגט אָנפאַלן אויף יידן, איבער־לאָזן זיי באָרוועס און נאַקעט, באַרויבן פון דעם, וואָס זיי האָבן באַוויזן מיטצונעמען פון געטאָ און צעשיסן.

אויף אַ כוטאָר, אָדרעזשעב, האָבן זיי מיט באַגנעטן דערשטאָכן 13 יידישע בחורים.

יאַנואַר 1943 איז אָנגעקומען אַלס קאָמיסאַר אין א. ד. אָטריאַד פון יענער זייט פּראַנט־ליניע, באַריס ניקאָלאַיעוויטש. מיט זיין קומען האָט זיך די לאַגע אין קאַמען־קאָשירסקער ראַיאָן געענדערט צום בעסערן.

יולי 1943 איז אָנגעקומען אין זעלביקן ראַיאָן די פינסקער פּאַרטיזאַ־נער־פּאַראייניקונג און עס איז אַריינגעטראָטן אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער באַציִונג צו די יידן. ביז דאַן זענען אָבער דורך די כסדרדיקע איבער־פאַלן פון אוקראַינישע, פאַשיסטישע באַנדעס, פּויערים און אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער אומגעבראַכט געוואָרן כמעט אַלע יידן, וועלכע האָבן זיך אין אַזאַ לפי ערך גרויסער צאָל געראַטעוועט פון קאַמען־קאָשירסקער געטאָ.

אַ וולאַדאַווער פּאַרטיזאַן, מלך קאַץ, צוזאַמען מיט נאָך געציילטע לעבן־געבליבענע עדות האָבן נאָך דער באַפרייונג געפּאָדערט אויפצוהויבן דעם פּאָרהאַנג איבער דער שרעקלעכער טראַגעדיע פון די קאַמען־קאָשירסקער יידן אין די וועלדער. עס זענען אַרעסטירט געוואָרן און באַקומען זייער געהעריקע שטראָף פיל רוסישע פּאַרטיזאַנער־אַנטיסעמיטן, וועלכע זענען געווען פּאַרמישט אין די דאָזיקע מאָרדן.

געווען אָטריאַדן, ווו דער אַנטיסעמיטיזם האָט אָנגענומען אַזאַ דראַ־ענדיקן כאַראַקטער, אַז די יידן זענען געווען געצוואונגען צו אנטלויפן מיטן געווער אין אַן אַנדער ראַיאָן אָדער אָטריאַד, הגם דאָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן און מען האָט געקענט דערפאַר באַצאָלן מיטן קאָפּ. (לויטן פּאַר־טיזאַנישן געזעץ איז געווען שטרענג פאַרבאָטן, אָן אַ ספּעציעלער דערלויב־בעניש, אַוועקצוגיין אין אַן אַנדער ראַיאָן אָדער אָטריאַד).

אין דער ערשטער העלפט פון 1943 האָט זיך געשאַפן פאַר די יידישע פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „באַרבאַ" (פּאָפּולער א"נ „אָרליאַנסקי") אין ליפּי־טשאַנער פּושטשע, אַן אומדערטרעגלעכע אַטמאָספער. עס האָבן אָנגעהויבן

שטייגן די אַנטיסעמיטישע טענדענצן אין א״ד אָטריאַד. מען האָט געזוכט אַלע מיטלען און וועגן צו באַשולדיקן די יידישע פּאַרטיזאַנער. עס איז דאַן אויך געשען דער פּאַל פון פּאַראורטיילן צום טויט די יידישע פּאַרטיזאַנער: אברהם מאַגיד און אברהם בליאַכמאַן, פּאַרן מכלומרשטן ראַבירן. ספּעציעל האָט זיך די לאַגע פאַרשאַרפט נאָכן אויפרייס פון דעם פּאַנצער־אויטאָ. דער פּאַנצער־אויטאָ איז צוגעגרייט געוואָרן נאָך דער נישט־איינגעגעבענער צווייטער אַטאַקע אויף דעם דייטשישן גאַרניזאָן אין נאַקרישקי (זשעטלער ראַיאָן, מאַי 1943). לויטן פּלאַן, האָט מען געדאַרפט מאַכן אַ נייעם, דריטן פּרווו צו צעקלאַפּן נאַקרישקי, וואָס האָט זיך געפונען אין האַרץ פון דער פּושטשע און באַשווערט די באַוועגונגס־פרייהייט פון די פּאַרטיזאַנער. צוליב פאַרשידענע סיבות איז מען אָנגעקומען אויפן פּלאַץ אין נאַקרישקי ערשט 11 אַזייגער פאַר מיטאָג (יוני 1943). מען האָט אויסגעשאָסן אַלע 14 סנאַריאַדן און עס איז נישט געלונגען אַרויסצוטרייבן די דייטשן פון די גוט־באַפעסטיקטע בונקערס („דזאָטן״). מען איז געווען געצווונגען אָפּצוטרעטן. עס איז געווען אַ געפאַר, אַז דער פּאַנצער־אויטאָ זאָל פאַרכאַפּט ווערן פון די דייטשן, און בעיקר, אַז די רעדער־שפּורן אין זאַמד וועלן אָנווייזן די דייטשן דעם וועג צום פּאַרטיזאַנער־לאַגער. דער פּאַנצער אויטאָ איז דערפאַר איבערגעלאָזט און פאַרמינירט געוואָרן, פאַרן אַריינפאַר אין וואַלד.

אויפן פּאַנצער־אויטאָ זענען דורך די אָפּטרעטנדיקע פּאַרטיזאַנער אַרויפגעלייגט געוואָרן פּולעמיאָטן און קוילן־דיסקן, בכדי זיך צו פאַרלייכטערן דעם צוריקמאַרש אין אָטריאַד.

די מיידלעך פון דער יידישער דריטער ראָטע פון א״ד אָטריאַד: הדסה שעלעוויצקאַ און ליבע פינקלשטיין, זענען באַשטימט געוואָרן צו היטן דעם אויטאָ. אַזוי ווי די מיידלעך זענען יענעם טאָג געווען באַשעפטיקט ביים וואַשן וועש, זענען זיי פאַרביטן געוואָרן דורך מענער, וועלכע מען האָט נישט מיטגעטיילט, אַז דער פּאַנצער־אויטאָ איז פאַרמינירט. נישט וויסנדיק פון דער געפאַר, האָט זיך איינער פון דער וואַך אַריינגעזעצט אין קאַבינע. דער פּאַנצער־אויטאָ האָט אויפגעריסן און עס זענען אומגעקומען: יוסף יודעלעוויטש, איסר ליכטער (זשעטל) און אַ רוסישער פּאַרטיזאַן. דוד אַלפּערט איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן.

עס האָט זיך געשאַפן אַ געשפּאַנטע שטימונג. די אַנטיסעמיטישע העצע

האָט דערגרייכט איר קולמינאַציע־פּונקט. מען האָט גערעדט, אַז מען וועט דערשיסן די מיידלעך, וועלכע זענען נישט געגאַנגען אויף דער וואַך, — און אָפּנעמען דאָס געווער ביי די יידישע פּאַרטיזאַנער. דאַן איז אַ גלענצנדיק־באַוואָפנטע יידישע גרופּע פון 22 מאַן, לויט דער איניציאַטיוו פון צוקער־קאָפּ, שעלובסקי און זאַמקאָווי, אַנטלאָפן צו ביעלסקין (נאַליבאָקער פּושטשע). זיי האָבן מיט זיך געבראַכט דריי קוילנוואַרפערס, פיר „צענטלעך״ (אויטאָ־מאַטישע ביקסן) און אַלע איבעריקע זענען געווען באַוואָפנט מיט ביקסן. זיי האָבן איבערגעשיקט אַ בריוו צו דער קאָמאַנדע, אַדרעסירט צום באַפעל־מעכטיקטן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, שופּיעני, אין ליפּיטשאַנער פּושטשע, ווו זיי האָבן אויפגעקלערט די סיבות, וועלכע צווינגען זיי צו מאַכן דעם געוואַגטן שריט.

טוביה ביעלסקי האָט געמאַכט אַן אינטערווענץ ביים גענעראַל־מאַיאָר פּלאַטאָן וועגן דעם פאַל און עס איז באַקומען געוואָרן די דערלויבעניש אָנצושליסן זיי צו זיין אָטריאַד. שפּעטער האָבן זיי, די א״ג „פּושטשאַנער״, געבילדעט דעם קערן פון ניי־געשאַפענעם יידישן קעמפערישן אָטריאַד א״נ „אָרדזשעניקידזע״.

אַן ענלעכער פאַל, וואָס האָט זיך געענדיקט טראַגיש, איז געשען אין די „וואָלטשע־נאָרע״־וועלדער.

משה פּיטקאָווסקי דערציילט וועגן דעם אין „פּנקס ביטען״:

„... נאָך דער אָבלאַווע האָט מען באַפוילן אונדזער גרופּע צו באַ־שטימען 12 מאַן אויף האַלטן וואַך. דוד ברעסקין איז באַשטימט געוואָרן אַלס „נאַטשאַלניק קאַראַאולאַ״ (קאָמענדאַנט פון וואַך־פּאָסטן)... ביי דעםביידל פון דער פּאָסט־גרופּע האָט זיך געפונען נאָך אַ ביידל, וואָס האָט געדינט ווי אַן אַרעסט־אָרט פאַר באַשטראָפטע אָדער פאַרדעכטיקטע פּאַר־טיזאַנער. איינער פון די אַרעסטירטע איז געווען אַ געוויסער ראָמאַנאָוו, אַ קאָמאַנדיר פון אַ ראָטע. אָט דער ראָמאַנאָוו האָט נישט געלעבט בשלום מיט באַבקאָוון (אָטריאַד־קאָמאַנדיר — מ. ק.) פילנדיק אין ראָמאַנאָוון אַ פּערזענלעכן שונא, האָט אים באַבקאָוו געלאָזט אַרעסטירן. די רעזול־טאַטן פון אַזעלכע אַרעסטן זענען געווען גוט־באַקאַנט. קיין באַפרייאונג פלעגט שוין גישט זיין, נאָר אַ זיכערער אומקום.

אויף צו מאָרגנס, ווען איך בין געווען אויף פּאָסט 400 מעטער פון דעם קאַראַאולנעם ביידל, האָב איך דערהערט אייניקע שאָסן פון דער ריכטונג פון ביידל.

... עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ווען אונדזערער אַ חבר, גרינשפּאַן, (אַ פּליט פון מאַקאָוו ,פּוילן), האָט געהיט די 2 אַרעסטירטע, האָט ראַמאַנאָוו ביי אים געבעטן, ער זאָל אים אַרויספירן אויף צו טון זיין באַדערפעניש. גרינשפּאַן האָט אַרויסגעפירט ראָמאַנאָוון אייניקע מעטער פון ביידל אין די קוסטעס. ראָמאַנאָוו האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט און איז אַנטלאָפן. גרינשפּאַן האָט אים נאָכגעשאָסן און נישט געטראָפן. ביי די שיסערייען זענען אַלע אַרויסגעלאָפן פון שטאַב. ווי נאָר באַבקאָוו. האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן ווילד ווי אַ חיה. ער האָט אָנגעכאַפּט גרינשפּאַנען, האָט אים אַריינגעשטופּט אין די קוסטעס און האָט אים באַלד דערשאָסן.

נאָך דעם איז ער געלאָפן צו דעם קאַראַאול־ביידל מיטן אויטאָמאַט און האָט געשריען: „אויב די דייטשן האָבן מיט אייך נישט פאַרענדיקט, וועל איך באַלד פאַרענדיקן...” און אַזוי ריידנדיק האָט ער געדראָט מיטן אָנגעלאָדענעם אויטאָמאַט־געווער

„— ווער איז דאָ נאַטשאַלניק קאַראַאולאַ?” דוד שטעלט זיך אויף:

— „יאָ” (איך). — „דו האָסט ספּעציעל אַרויסגעלאָזט דעם אַרעסטירטן!”.

— שרייט באַבקאָוו און ער גיט מיט זיינע מעכטיקע הענט אַ כאַפּ דודן, שטויסט אים אַרויס פון ביידל און פירט אים צו, צו די קוסטעס, וווּ גרינשפּאַן ליגט אַ דערשאָסענער, און ער דערשיסט אויך דודן אויפן אָרט. פון לאַגער ברענגט מען ראָמאַנאָווס פרוי, וועלכע איז געווען אין שוואַנגערשאַפט און מען דערשיסט זי לעבן די קערפּערס פון גרינשפּאַן און דוד ברעסקין.

(דאָרט, ז”ז 306־308).

אין יעדער פּושטשע, אין יעדער פּאַרטיזאַנער־זאָנע, זענען געווען אָטריאַדן, וועלכע האָבן זיך טרויעריק פּאָפּולער געמאַכט מיט זייערע אַנטי־סעמיטישע האַנדלונגען לגבי יידן.

אין ליפּיטשאַנער פּושטשע איז געווען אַ שם־דבר, דער שוין דערמאָנטער אָטריאַד, „וואָראָשילאָוו”. אין נאַליבאָקער פּושטשע — די אָטריאַדן פון דאַנילאָוו, קורבאַנאָוו און „באָלשעוויק”. אויף פּאָלעסיע — די „זשאָרקינצעס”, אין די וואָלינער וועלדער — נאַסיעקינס אָטריאַד.

אָפטמאָל איז עס געווען צוליב דעם ספּעציפישן מענטשן־עלעמענט, פון וועלכן עס האָט זיך רעקרוטירט דער אָטריאַד. דער וואָראָשילאָווער און סטרעלקאָווס אָטריאַדן, למשל, זענען באַשטאַנען, בעיקר, פון „פּרינודיטעלניקעס”, ד”ה מענטשן, וועלכע זענען פאַרן קריג געווען פאַרמשפּט פאַר

פאַרשידענע פאַרברעכנס און אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף צוואַנגס־אַרבעט אויף די עראָדראָמען, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין די יאָרן 1939—1941 אין מערב־ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע.

געוועזן אויך אָטריאַדן, וועמענס איבערוויגנדיקער טייל האָט זיך רעקרוטירט פון אַזעלכע, וואָס זענען פריִער געווען אין דייטשישער דינסט — אין דער פּאָליציי, קריגס־געפאַנגענע אוקראַינער, וואָס האָבן זיך מיטבאַטייליקט אין דער ייִדן־אויסראָטונג, וולאַסאָווצעס, „דאָבראָוואָלצעס" (פרייוויליקע) א״אַ עלעמענטן, וואָס האָבן נישט איבערגעריסן מיט זייער ייִדן־שנאה אויך נאָך זייער אַריינגיין אין די וועלדער.

דאָס רוב האָט באַשטימט דעם כאַראַקטער פון אָטריאַד — די אָנפירונג. אויב באַבקאָוו, למשל, איינער פון די פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדירן אין וואָלטשע־נאָרע, איז געווען איינגעשטעלט אָפן־אַנטיסעמיטיש און האָט פון דעם קיין סוד נישט געמאַכט, איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז זיינע סאָלדאַטן זענען באַווירקט געוואָרן אין דער דאָזיקער ריכטונג און פלייסיק זיך געהאַלטן ביי דער „תורה" פון זייער קאָמאַנדיר.

ווען באַבקאָווס אָטריאַד האָט זיך געקליבן צו פאַרלאָזן זיין באַזיס אין די וואָלטשע־נאָרער וועלדער, האָט דער שטאַב באַאויפטראַגט עטלעכע פּאַרטיזאַנער אויפצוזוכן דעם ד״ר צוקער פון שטעטל איוואַצעוויטש און איבערגעבן אים דעם באַפעל, אַז ער זאָל מיטגיין מיט די אָפּטרעטנדיקע פּאַרטיזאַנער אין די רוזשינאָיער וועלדער, כדי צו דערטיילן דעם אָטריאַד מעדיצינישע הילף. ד״ר צוקער האָט איינגעפּאַקט זיינע מעדיקאַמענטן און אינסטרומענטן און גענומען זיין פרוי און קינד, גרייט צו גיין. די שליחים האָבן אים געזאָגט, אַז לויטן באַפעל האָט בלויז ער אַליין דאָס רעכט צו גיין מיטן אָטריאַד. ד״ר צוקער האָט צוגעטוליעט דאָס פּיצל קינד, איינגעוויקלט אין שמאַטעס, און מיט אַ ביטערן שמייכל געזאָגט:

„— ניין! איך גיי נישט אָן מיין פרוי און קינד! די דייטשן אין געטאָ האָבן מיר אויך געגעבן די זעלביקע מעגלעכקייט און איך האָב זי אָפּגע־וואָרפן. מיך לאָזן לעבן און מיין שוועלבעלע און מיין פרוי זאָלן דאָ אומקומען? ניין! איך גיי נישט!". די שליחים פון שטאַב האָבן זיי אַלע דריי דערהרגעט.

לויטן באַפעל פון דעם זעלבן אָטריאַד־שטאַב איז דערשאָסן געוואָרן אַניע, די יונגע פרוי פון אַ לעמבערגער ייִדישן אַדוואָקאַט. די באַשולדיקונג איז

געווען אַ לעכערלעכע. די קאָמאַנדירשע פון דער פּרויען־אָפּטיילונג האָט זי פאַרקלאָגט, אַז זי האָט נישט אויסגעפילט אירן אַ באַפעל וועגן אַוועקרוימען אומריינקייט, וואָס איז געלעגן נעבן איר ביידל. צוליב אָט דער נאַרישקייט איז אַנטשטאַנען אַ קריגעריי און אַניע איז אָפּגעפירט געוואָרן אין שטאַב. אין שטאַב האָט אַניע זיך פאַרענטפערט און צוגעזאָגט, אַז מער וועט אַזעלכעס נישט פּאַסירן. דער שטאַב האָט בלויז אייניקע מינוט באַטראַכט דעם ענין און באַלד איז זי דערשאָסן געוואָרן נעבן שטאַב־ביידל".

(לויטן בוך פון יחיאל גראַנאַטשטיין „איך האָב געוואָלט לעבן", ז"ז 97־98).

מען דאַרף צוגעבן, אַז דאָרט, ווו עס איז געווען אַ באַדייטנדיקע צאָל פון אמתע, איבערצייגטע קאָמוניסטן, איז די איינשטעלונג צו יידן געווען אַ גוטע, און יידן האָבן זיך דאָרט געפילט, ווי גלייכע און פולבאַרעכטיקטע חברים און מיטקעמפערס. אָבער פון דער צווייטער זייט איז דאָך אויך באַבקאָוו געווען אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי...

ווי געזאָגט, האָט אויך אין די וועלדער דעצידירט אין לעצטן סך־הכל די באַציִונג פון יחיד צו די יידן. צוזאַמען מיט אַנטיסעמיטישע אויסברוכן פון איינציקע פּאַרטיזאַנער, שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ האַרציקער מענטש־לעכער באַציִונג און הילפס־גרייטקייט מצד אַנדערע.

נאָך דער ערשטער גרויסער אָבלאַווע פון די דייטשן אויף די „וואָל־טשע־נאָרער" וועלדער (סעפּטעמבער 1942), האָט דער פּאַרטיזאַנער־שטאַב באַשלאָסן, אַז די יידן מוזן פאַרלאָזן דעם וואַלד, ווייל די אָבלאַווע האָבן גורם געווען די יידן, מחמת זיי האָבן זיך גרופּירט אין וואַלד, אין אַ גרע־סערער צאָל.

משה פּיטקאָווסקי דערציילט אין „פּנקס ביטען" וועגן דער פאַרשידנ־אַרטיקער באַציִונג צו יידן מצד נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער:

„... פּאַשקע פּאַוולאָווסקי האָלט פאַר די צונויפגעזאַמלטע יידן די ווייטערדיקע רעדע: „איר יידן זענט שולדיק אין איצטיקן אומגליק. צוליב אייך איז פאָרגעקומען די אָבלאַווע. מיר האָבן אייך אַריינגעלאָזט אין וואַלד, מיינענדיק, אַז איר וועט אַנדערש זיין... אייערע יידן האָבן זיך איבערגעגעבן צו די דייטשן בעת דער אָבלאַווע, געפירט זיי אין די דערפער און אָנגעוויזן אויף די פּויערים, וואָס האָבן געשטיצט די פּאַר־טיזאַנער. די פּויערים און זייערע פאַמיליעס זענען דורך די דייטשן דערשאָסן אָדער פאַרברענט געוואָרן. אַלזאָ, מיר אַלע, די פּאַרטיזאַנער

צוזאַמען מיטן שטאַב, האָבן באַשלאָסן, אַז איר יידן מוזט פאַרלאָזן דעם וואַלד. גייט אייך צוריק אין אייערע שטעט און שטעטלעך — קיין קאָסאָווע, ביטען אָדער גאָר קיין רוזשינאָי, וווּ עס לעבן נאָך אַלע יידן (אין די שטעטלעך זענען שוין קיין יידן נישט געווען — מ. ק.). דעם וואַלד מוזט איר פאַרלאָזן, כּל־זמן עס איז נאָך נישט שפּעט. מיר מוזן דעם וואַלד האָבן פאַר אונדז, פּאַרטיזאַנער און נישט פאַר אייערע פרויען און קינדער. איר זאָלט וויסן וואָס איר האָט צו טון".

פּאַשקע ענדיקט זיין רעדע און גייט אַוועק אין וואַלד אַריין צוזאַמען מיט זיינע חברים. עס פאַרבלייבט מיט אונדז דער פּאָליטרוק סעריאָזשאַ טאַקאַריקאָוו, וועלכער רעדט ווידער:

„חברים! איר האָט געהערט די רייד פון פּאַרטיזאַן. דאָס איז אַ באַשלוס. זיי זענען פאַרביטערט. זיי זענען געליטענע פון דער אָבלאַווע און דערפאַר ווילן זיי אייך באַשולדיקן. איר זענט איצט אין אַ זייער שלעכטער לאַגע. פאַרבלייבן אין וואַלד קענט איר נישט, זיי וועלן אייך צעטרייבן אָדער דערשיסן. זאָל איך אייך צוריק אַרויסשיקן פון וואַלד אין אייערע שטעט און שטעטלעך? — דאָס וועל איך נישט טון. ווו וועל איך אייך שיקן „נאַ מיאַסאָרובקי ק'ניעמצאַם?" (צו דער פליישיאַטקע פון די דייטשן?). ניין, איך קען דאָס נישט טון. פון מיין זייט האָב איך די גאַנצע צייט געהיט און אַלץ געטון פאַר אייך. זאָל איך אייך איצט אָפּשיקן צום אומקום? ניין! איך באַשליס צו אָרגאַניזירן אייך אין גרופּעס. איר זאָלט זיין דיסציפּלינירט, נישט וואַרפן זיך די פּאַרטיזאַנער אין די אויגן. גיין איבערן וואַלד נאָר לויט אַ באַפעל און יעדע גרופּע מוז זיך האַלטן באַזונדער, אין אָנגעוויזענע פּונקטן".

(דאָרט, ז"ז 264־265).

לויט דער עדות פון דאָדל אַבראַמאָוויטש, איז „סעריאָזשאַ געווען איינער פון די פיינסטע געשטאַלטן, וואָס מיר האָבן באַגעגנט אין משך פון אונדזער וואַלד־לעבן." (דאָרט, ז' 356). סעריאָזשאַ טאַקאַריקאָוו איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך זיינע אייגענע רוסישע חברים אויף אַ פאַרברעכערישן אופן (אָקטאָבער 1942).

געווען מאָמענטן, איבערהויפּט אין צייט פון אָבלאַוועס, ווען פאַר יידישע פּאַרטיזאַנער אין אַ טייל ראַיאָנען איז געווען אַ לעבנס־געפאַר צו טראָגן בעסערע געווער (אַ „צענטל", אויטאָמאַט, רעוואָלווער) און בעסערע מלבושים (שיינע שטיוול, אַ לעדערנעם מאַנטל), צוליב קנאה־געפילן אד"גל. נאָך דער אָבלאַווע אין נאַליבאָקער פּושטשע (אויגוסט 1943), האָט אַ

גרעסערע גרופּע פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „באָלשעוויק״ (ערשטע מאַי־בריגאַדע), דערשאָסן די יידישע פּאַרטיזאַנער: וועלוול קרופּסקי (לידע, געהערט צו דער ספּעץ־דיווערסיע־גרופּע „מאָסקוויטשי״), זיין פרוי,ביילע גאָלובאָווסקאַ (לידע) און גרישקע (אָטריאַד „גראָזני״, ערשטע מאַי־בריגאַדע).

די מערדערס האָבן געפּאָדערט פון קרופּסקין זיין פּיסטאָלעט און לעדערנעם מאַנטל. ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט דאָס צו געבן (איבעריקנס, ווען ער וואָלט זיי אָפּגעגעבן, וואָלטן זיי ממילא אים דערשאָסן, בכדי צו פאַרווישן די שפּורן). דאַן האָט מען זיי צעשאָסן און די קערפּערס פאַרבאַהאַלטן אונטער אַ קופּע שטיינער.

דער יידישער קאָמאַנדיר פון דעם דיווערסיע־אָטריאַד „מאָסקוויטשי״, קאַפּיטאַן גאָרעליק, האָט געפּאָדערט נקמה פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון זיין העלדישן פּאַרטיזאַן וועלוול קרופּסקי, וועלכער האָט אין אַ קורצער צייט באַוויזן אַזויפיל אויפצוטון (געהאַט אויף זיין חשבון 6־7 אויפגעריסענע עשאַלאָנען און אַנדערע דיווערסיע־אַקטן פון וויכטיקן כאַראַקטער). עס איז פאַרפירט געוואָרן אַ שטרענגע אויספאָרשונג, וועלכע האָט אָבער צו דער אויפדעקונג פון די מערדערס נישט געבראַכט...

הערשל פּאָסעסאָרסקי (וואַרשע), וועלכער האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל ביים אַרויסראַטעווען יידן פון די געטאָס און זיך ספּעציעל באַרימט געמאַכט מיט זיין אַרויספירן 170 יידן פון סוויערזשנער אַרבעטס־לאַגער, איז דערשאָסן געוואָרן דורך דעם קאָמאַנדיר פון אָטריאַד אַנאַנטשענקאָ דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָפּצוגעבן זיין רעוואָלווער, וועלכן ער האָט געבראַכט פון געטאָ...

אויך בערל, אַ יידישער פּאַרטיזאַן פון באַבקאָווס אָטריאַד, האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם באַשלוס פון אָטריאַד־שטאַב, אָפּצונעמען ביי אים זיין ביקס און דערפאַר דערשאָסן געוואָרן. דערזעלבער בערל, האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין קאַמף מיטן קאָסאָווער גאַרניזאָן. פּויזענדיק איז ער צוגעקראָכן צו אַ דייטשן בונקער, אַריינגעוואָרפן דאָרט עטלעכע האַנטגראַנאַטן און איינגעשטילט אים. אַדאַנק בערלס ריזיקאַלישן שריט, איז דערמעגלעכט געוואָרן דאָס שנעלע איינעמען קאָסאָווע. באַבקאָוו אַליין האָט אים דאַן אין טאָג־באַפעל עפנטלעך געלויבט און פאָרגעשטעלט זיין נאָמען אין מאָסקווע צו באַקומען אַ מלוכה־אָרדן. עס איז גענוג געווען אייניקע

וואָכן, אַז מען זאָל דאָס אינגאַנצן פאַרגעסן און גאָר וועלן ביי אים אָפּנעמען זיין ביקס. בערל האָט אין שטאָב דערקלערט:

— „איך וועל נישט געבן די ביקס! איך האָב זי צוגעגנבעט אין געטאָ ביי די, וועלכע האָבן מיט איר פאַרגאָסן ייִדיש בלוט... ווען איר ווילט, קענט איר מיט מיר אויך טון דאָס זעלבע... דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב אייך צו זאָגן...“

צוליב דער זעלביקער סיבה פלעגט מען אָפט אַרויסשיקן ייִדן פון די אָטריאַדן, אַנטוואָפענען זיי פון זייער אייגענעם איינגעשאַפטן געווער און אָפּשיקן זיי אין פאַמיליע־לאַגערן. צוליב דעם זעלביקן מאָטיוו פלעגן אויך אַנטיסעמיטישע פאַרטיזאַנער אויף אייגענער האַנט דערשיסן ייִדן, בכדי צו פאַרגרעסערן דעם געווער־באַזיץ פון אָטריאַד.

אַ גרופּע געווערזטע געפאַנגענע, פאַר וועלכע עס זענען קיין ביקסן נישט געווען אין אַנישטשענקאָס בריגאַדע (וואָלין), זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף אַ ספּעציעלער אויפגאַבע צו באַוואָפענען זיך. אין אַ שטוב אין דאָרף סטוביכאָוועקע האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף באַוואָפנטע ייִדן פון אַ ציווילער גרופּע, וועלכע האָט געהאַט איר זיך־אָרט אין אַ נאָענטן וואַלד. זיי האָבן די דריי ייִדן אַנטוואָפנט און דערשאָסן. דער פּרעטעקסט איז געווען, אַז די ייִדן זענען נישט געבליבן שטיין אויפן געגעבענעם באַפעל „סטאָי!“ (שטיין!).

אַן אַנדערש מאָל, ווידער, האָט מען ביי ייִדן אָפּגענומען דאָס געווער אונטער דעם פּרעטעקסט פון רויבן די פּויערים.

סאַפּאָזשניקאָוו, (סענקע), אַ ייִדישער לייטענאַנט פון דער רויטער אַרמיי, איינער פון די ערשטע פאַרטיזאַנער אין ליפּיטשאַנער פּושטשע, דער 17־יעריקער ייִדישער פּולעמיאָטשיקל, קיווע ברעסלין און לייבע נאַכמאַנאָוויטש, זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די פאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „אָקטיאַבר“ (פעברואַר 1943), ווייל די א״ד ייִדן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו לייגן זייער געווער און זיך געמאַכט גרייט אויפצונעמען אַ קאַמף. דער מאָטיוו איז געווען, אַז די ייִדישע פאַרטיזאַנער־גרופּע רויבט פּויערים.

פיל ייִדן זענען דערשאָסן געוואָרן לויט אורטיילן פון „ספּעציעלן אָפּטייל“ (נ.ק.ג.ב.) אין די אָטריאַדן, פאַר עובר זיין אויפן פאַרטיזאַנישן קריגס־געזעץ. אין גרעסטן טייל איז עס געווען נוגע שלאָפנדיקע אויף דער

וואַך (פּאָסט), מיסברויכנדיקע מיטן געגעבענעם רעכט צו נעמען ביי דער באַפעלקערונג אַלדאָס נויטיקע פאַרן זעלבסט־געברויך, וואַרפן אָדער פאַר־לירן דאָס געווער, אַרויסווייזן פּחדנות אין קאַמף אד״גל.

דאָס איז, פאַרשטענדלעך, געווען נוגע אַלע פּאַרטיזאַנער אָן אונטער־שייד; און פאַר די דאָזיקע חטאים זענען, לויט אורטיילן, דערשאָסן געוואָרן אויך נישט־ייִדן.

עס דאַרף באַמערקט ווערן, אַז ביי די פאַרהעלטענישן אין פּאַרטיזאַנקע, אין טיפן הינטערלאַנד, אַרומגערינגלט מיטן גאַרניזאָנען פון שונא, איז דאָס שלאָפן אויף וואַך באמת געווען אַ גרויסער פאַרברעכן, ווייל ביינאַכט, ווען אַלע שלאָפן רויק, פאַרלאָזנדיק זיך אויף די אַרויסגעשטעלטע וואַכן, האָבן געקענט אונטערקומען אומבאַמערקט דייטשע שפּיאָנען און באַוואַרפן דעם לאַגער מיט גראַנאַטן.

בנוגע ייִדן האָט מען אָבער אָנגעווענדט דאָס געזעץ אין דער שטרענגסטער מאָס. פּראָפּאָרציאָנעל זענען ייִדן מער ווי אַנדערע דערשאָסן געוואָרן פאַר שלאָפן אויף דער וואַך. לגבי זיי זענען נישט אָנגעווענדט געוואָרן קיין מילדערנדיקע אומשטענדן.

נישט־ייִדן, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן שלאָפנדיק אויף פּאָסט, זענען אָפּגעקומען מיט לייכטע סימבאָלישע שטראָפן. אין פיל פאַלן האָט מען בכלל אַוועקגעקוקט און זיך געמאַכט נישט וויסנדיק. געווען אַפילו פאַלן פון אויסגעשפּראָכענער דיסקרימינאַציע: פאַר דער זעלבער זינד, ביי די זעלבע אומשטענדן, איז דער ייִד דערשאָסן געוואָרן און דער נישט־ייִד האָט באַקומען בלויז אַ סימבאָלישע שטראָף.

דער קאָמאַנדיר וואַלענטין (לענינסקער אָטריאַד, ליפּיטשאַנער פּושטשע) האָט דער־שאָסן, פאַר שלאָפן אויף דער וואַך, דעם 15יעריקן ייִדישן ייִנגל יוסף אַלפּערט (זשעטל), נישט רעכענענדיק זיך מיט זיין מינדעריעריקייט.

זלמן טאָקער, אַ פּאַרטיזאַן פון מישקע קאַפּיטאַנס אָטריאַד אין די רוד־ניצקער וועלדער, איז געכאַפּט געוואָרן אַ דרעמלענדיקער אויף פּאָסט. אַזעלכע פאַלן האָבן געטראָפן פיל אין די רודניצקער וועלדער, און אויב דער באַשולדיקטער איז געווען אַ נישט־ייִד, פלעגט מען כמעט אין אַלע פאַלן מילדערן די באַשולדיקונג און שטראָף. אָבער דאָסמאָל איז דער באַ־שולדיקטער אַ ייִד און דער קאַפּיטאַן באַפעלט אים צו דערשיסן. דער

קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „באַלטייעץ" (פסעוודאָנים: „ציגיינער") האָט געכאַפּט, בעת אַ קאָנטראָל פון די וואַך־פּאָסטנס אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן דרעמלענדיק. ער האָט אים באַלד אַריינגעשאָסן אַ קויל אין שלייף, נישט אויפוועקנדיק אים אפילו...

דער ייִדישער פּאַרטיזאַן לייבע יאָסעלעוויטש (זשעטל) פון אָטריאַד „סוואָראָוו", (בריגאַדע „ביעווסקי"), איז באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער האָט נישט אָפּגעשטעלט אויף אַ מרחק פון 30 מעטער דעם זיך דערנענטערנדיקן וואַך־נאַטשאַלניק מיטן אויסרוף: „סטאָי! קטאָ אידיאָט?! (שטיי, ווער גייט?!), און געפאָדערט דעם פּאַראָל ערשט דאַן, ווען ער איז צוגעגאַנגען צו אים, זייענדיק „דניעוואַלנער" (וואַך אין לאַגער), האָט ער אויף אַ סעקונדע פאַר־שפּעטיקט אָפּרופן צו זיך דער וואַך־קאָנטראָל. נאָך אַן אויספאָרשונג און צוליב אַ ריי מילדערנדיקע אומשטענדן, איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַן אורטייל, אַז ער ווערט אַרויסגעשיקט אין אַ פאַמיליע־לאַגער. ער איז שוין אַריבער די אָטריאַד־וואַך ביים ראַנד פון וואַלד. פּלוצים האָט מען אים נאָכגעיאָגט און געבראַכט צו אַ צווייטן פאַרהער און דאָס מאָל האָט מען אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל איבער אים. אין טאָג־באַפעל פון דער אָנפירונג איז געווען, צ"אַ, געזאָגט: „זאָל דער אורטייל איבער יאָסעלעוויטשן זיין אַ וואָרענונג פאַר אַלע פּאַרטיזאַנער, אַז קעגן די שלאָפנדיקע אויף וואַך וועט מען האַנדלען אומברחמנותדיק".

דער 19יעריקער ייִדישער בחור האָט באַצאָלט מיטן לעבן נישט צוליבן שלאָפן אויפן פּאָסטן, נאָר ער איז געווען אַ שעיר לעזאזל, בכדי אָנצוואַרפן אַ מורא אויף די נישט־ייִדן.

און נאָך אַ פאַקט פון בולטער אַנטיסעמיטישער דיסקרימינאַציע: פאַר דער זעלבער זינד — שלאָפן אויף פּאָסט — ווערט דער ייִד דערשאָסן און דער נישט־ייִדישער פּאַרטיזאַן באַקומט אַ חודש אַרעסט.

עס דערציילט וועגן דעם גראַנאַטשטיין:

„אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון אָטריאַד „ראָקאָסאָווסקי" איז אַוועק אויס־פילן אַ קאַמפּס־אויפגאַבע. אויף זייער צוריקוועג צו דער באַזע האָבן זיי באַשלאָסן זיך אָפּצורוען אין דאָרף אָקאָניגאָוואַ. צוליב זיכערקייטס־טעמים האָט מען צעשטעלט וואַכן ביי די אַריינפאָרן אין דאָרף. אויסגעמאַטערטע פון שלאָפלאָזע נעכט זענען אַנטדרימלט געוואָרן אויף פּאָסט די צווי־

פּאַרטיזאַנער: מיכאַיל, אַ סאָוועטישער ייד פון שעפּעטאָווקע (אוקראַינע) און גריגאָרי, אַ ווייסרוס. אַ דיווערסיע גרופּע, וואָס האָט זיך צוריק־געצויגן פון אַן אָפּעראַציע האָט זיי געטראָפן ביידן שלאָפנדיק און זיי באַלד אַרעסטירט. אין צוויי טעג אַרום איז פאַרגעלייענט געוואָרן פאַר די, אין די רייען אויסגעשטעלטע פּאַרטיזאַנער, דער אורטייל פון דער „באַזונדערער אָפּטיילונג:"

„דער שטאַב פון דער 67טער גרופּע האָט באַשלאָסן צו באַשטראָפן מיכאַילן מיט טויט־שטראָף דורך דערשיסן, גריגאָרין צו אַ חודש אַרעסט".

(„איך האָב געוואָלט לעבן", ז"ז 31־33).

יידן זענען דערשאָסן געוואָרן אין די וועלדער אויף פאַר שפּיאָנאַזש־באַשולדיקונג. עס קלינגט משונהדיק — יידן, וועלכע זענען געווען פאַרמשפּט אַלס פאָלק טאָטאַל צום טויט דורכן דייטש און זענען כמעט אַלע אומגע־בראַכט געוואָרן, זאָלן באַשולדיקט ווערן אין שפּיאָנאַזש לטובת זייערע שוחטים — די מערדערס פון זייערע טאַטעס און מאַמעס, פרויען און קינדער, ברידער און שוועסטערס!

עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז אַזעלכע חשדים זענען אונטערגעהאַלטן געוואָרן אַפילו דורך אַ טייל פון דער אַנפירונג. — „געגנט אַזוי ווי ביי אונדז זענען דאָ בולבאָווצעס, פאַרעטערישע אוקראַינער און ווייסרוסן, אַזוי זענען אויך דאָ פאַרעטער צווישן יידן".

„ווי אַזוי זענען נאָך געבליבן לעבן אין 1943טן יאָר יידן אין לידער געטאָ? — פאַרוואָס האָבן די יידן געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן פאַר די דייטשן און לטובת זייערע קריגס־צילן? צי איז דאָס נישט דער בעסטער באַווייז, אַז די יידן האָבן קאָלאַבאָרירט מיטן דייטש?.. — אפשר זענען טאַקע די לעצטע רעשטלעך פון לידער געטאָ דאַנקבאַר זייער גוטן געביטס־קאָמיסאַר און זיי קומען אין די וועלדער צוליב שפּיאָנאַזש־צוועקן?.. — אפשר זענען זיי עס געצוווּנגען צו טון, ווייל דער דייטש האַלט אין ערבות זייערע משפּחות אין געטאָ? — ווי אַזוי קען מען זיך אַרויסבאַקומען פון נאָוואָגרודקער געטאָ, וועלכע ווערט אַזוי שטאַרק באַוואַכט?.. — ווי אַזוי קען מען זיך אַרויסרייסן פון קאָלדיטשעווער קאָנצענטראַציע־לאַגער, אויב נישט מיט דער הסכמה פון די דייטשן צוליב שפּיאָנאַזש־צוועקן?..

עס איז נאָך דאַן אונטערגעקומען דער פאַל מיט די מינסקער יידישע פרויען, וועלכע זאָלן, לויט די כלומרשטע אויטענטישע ידיעות פון דער

העכסטער פּאַרטיזאַנער־מאַכט, האָבן אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך די דייטשן פון מינסקער געטאָ מיט סם, בכדי צו שיטן עס אין די קיכן פון די פּאַרטיזאַנער־לאַגערן, און עס האָט זיך געשאַפן ביי די פּאַרטיזאַנער אַן איינשטעלונג, אַז אויך ייִדן קענען זיין שפּיאָנען לטובת דייטשלאַנד; בפרט — אַז די דאָזיקע באַשולדיקונג איז געקומען פון „אויבן" און איז פאָרגעלייענט געוואָרן אין אַ טאָג־באַפעל (סעפּטעמבער 1943).

די אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער האָט עס צוגעשפּילט אויף דער האַנט. אונטערן אויסרייד פון שפּיאָנאַזש האָט מען געהרגעט קליינע ייִדישע גרופּעס, וועלכע האָבן אַרומגעבלאָנקעט איבער די וועלדער (איבערהויפּט פאַמיליע־גרופּעס), אַנטלויפנדיק פון די שחיטות מיט געציילטע ביקסן, וועלכע זיי האָבן זיך איינגעשאַפט אין די געטאָס מיט אומבאַשרייבלעכער מסירות־נפש.

אין אָנהויב 1943, ווען די ייִדן זענען געלאָפן פון די געטאָס, איז געמאָלדן געוואָרן דורך פּויערים צו די פּאַרטיזאַנער פון „סטרעלקאָוו"־אָטריאַד (נאַליבאָקער פּושטשע), אַז אַ גרעסערע גרופּע ייִדן זענען אָנגעקומען אין שכנותדיקן וואַלד מיט געווער. די פּאַרטיזאַנער האָבן אָפּגעוואַרט די ייִדן און זיי אויפגעפּאָדערט אָפּצוגעבן זייער געווער. די ייִדן האָבן שוין געוווּסט פון פריִערדיקע גרופּעס, אַז אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער נעמען צו דאָס געווער און שטיוול און דערנאָך דערשיסן זיי, בכדי צו פאַרווישן די שפּורן פון רויב. די ייִדן האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און אויפגענומען דעם נישט־גלייכן קאַמף. פּופצן ייִדן זענען געפֿאַנגען געוואָרן אין „געפאַנגענשאַפט" און זענען דערשאָסן געוואָרן אין דאָרף קרעסיעוויטשי (האָראָדישטשער ראַיאָן).

דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל (ריטאַ לובראַניעצקאַ, איר מאַן ד״ר לובראַניעצקי — באַראַנאָוויטש און די קראַנקן־שוועסטער, אַניע), די איינציקע ייִדן פון אָטריאַד, האָבן אינטערווענירט לטובת די אומגליקלעכע. מען האָט זיי פאַרזיכערט, אַז די ייִדן וועט קיין שלעכטס נישט געשען; אָבער אין אַ שעה אַרום האָבן זיי דערהערט שיסערייען פון נאָענטן וועלדל און אין אָטריאַד זענען געבראַכט געוואָרן די ייִדישע טראָפּייען: געווער, שטיוול און בגדים...

אונטערן חשד פון שפּיאָנאַזש זענען דערשאָסן געוואָרן צוויי פרויען פון מינסקער געטאָ, אין דער בריגאַדע „קאָמסאָמאָליעץ" (סטויפּצער־מירער

ראַיאָנען). נאָך אַן אויספאָרשונג, בעת וועלכער די מיידלעך זאָלן זיך האָבן מודה געווען, אַז די מינסקער ס. ד. האָט זיי געגעבן פאַרסמטע סטרעפּטאָציד־טאַבלעטן אויף צו געבן די פּאַרטיזאַנער. דער פעלדשער פון קורבאַנאָוו־אָטריאַד, וואַסיע (אַ קריסט), האָט שפּעטער אַליין צוגעגעבן, אַז ער פּער־זענלעך האָט די טאַבלעטן איינגענומען אָן קיין שום סכנה.

סעפּטעמבער 1943 איז ליקווידירט געוואָרן דער לידער געטאָ (פון די געציילטע געטאָס אין מערב־ווייסרוסלאַנד, ווו עס זענען נאָך ביז דאַן גע־ווען יידן) און די יידן זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין מאַידאַנעק. גע־ציילטע יידן, וואָס האָבן מצליח געווען צו אַנטלויפן, זענען געקומען אין די וועלדער פון דער אומגעגנט. פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „איסקראַ" האָבן פאַרהאַלטן אַ מאַן און אַ פרוי און בעת דער רעוויזיע אַנטדעקט ביי זיי סם־טאַבלעטן. די באַשולדיקונג איז געווען אַ קלאָרע: די פרוי איז געשיקט געוואָרן דורך די דייטשן צו פאַרסמען די פּאַרטיזאַנער קעסלען. עס איז נויטיק געווען אַן אינטערווענץ פון זייערע באַקאַנטע, כדי צו איבערצייגן די קאָמאַנדשאַפט, אַז די פרוי האַלט דעם סם שוין אַ לענגערע צייט, כדי אין פאַל פון אַ דייטשער אַקציע צו באַגיין זעלבסטמאָרד און אויסמיידן די דייטשע ענויים און איזדעק פאַרן שיסן...

די יידישע פּאַרטיזאַנער פון קאָוופּאַקס פאַראייניקונג האָבן זיך אָנ־געשטויסן אין „שוואַרצן וואַלד" (ביי סטאַניסלאַוואָוו, מזרח־גאַליציע) אויף אַ גרופּע אַנטלויפנדיקע מענטשן. נאָכן פאַרהאַלטן זיי האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פיר בחורים און מיידלעך זענען יידן, פון סטאַניסלאַוואָווער געטאָ, וואָס זענען אַנטלאָפן אין וואַלד, נאָך דעם ווי ס'איז צו זיי דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז די דייטשן פּלאַנען צו פאַרניכטן די רעשט ביסל יידן, פאַכמענער, וואָס זיי האָבן ביז דאַן איבערגעלאָזט ביים לעבן.

די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן באַרויִקט די צום טויט איבערגעשראָ־קענע יידן (קאָוופּאַקס פּאַרטיזאַנער זענען געווען געקליידט אין דייטשישע אוניפאָרמען, וואָס זיי האָבן דערוואָרבן בעתן אָנפאַל אויף דעם שטעטל סקאַלאַט) און פאַרזיכערט זיי אין יידיש: „מיר זענען יידישע פּאַרטיזאַנער. שרעקט זיך נישט. מיר וועלן אייך אָנשליסן צו אונדז".

ראָזענבלאַט דערציילט וועגן דעם פאַרלויף פון דער אויספאָרשונג:

„מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל פון שטאַב צו ברענגען די סטאַניס־לאַוואָוער צו אַן אויספאָרשונג. ווערשיגאָראַ האָט זיי אַוועקגענומען אָן אַ זייט. איך און פּעטיע האָבן זיי אָפּגעוואַרט. אין אַ פערטל שעה אַרום איז געקומען ווערשיגאָראַ און מיט אַן ערנסטער מינע געפרעגט:

— „איר ווייסט אויף זיכער, אַז דאָס זענען יידן?"

— קלאָר, אָן שום ספק! — האָט געענטפערט פּעטיע.

— ווי קענסטו עס פעסטשטעלן?

— פּשוט, לויט דער שפּראַך!

— און ווי אַזוי וועסטו דערקלערן דעם פאַקט, אַז איך האָב געפונען ביי דער בלאָנדער פריילין סם?

— חבר פאָלקאָווניק, — האָט פּעטיע אויפגעקלערט, — די יידן גרייטן צו סם, כדי צו פאַרשפּאָרן די יסורים און פּיין, אין פאַל פון אַ סכנה אַריינצופאַלן צו די דייטשן. דאָס איז טראַגיש, אָבער אַזאַ איז דער יידישער גורל...

— און איך האָב געגלויבט, אַז דאָס האָבן די דייטשן אַריינגעשיקט צו אונדז שפּיאָנען פאַרמאַסקירטע אַלס יידן, מיטן ציל צו פאַרסמען די שטאַב־קעסלען. פונדעסטוועגן, פּעטיע, גיב גוט אַכטונג אויף די נייע מענטשן. פאָרזיכטיקייט שאַדט קיינמאָל נישט.

די יונגעלייט זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אין אונדזער אָטריאַד".

(„פון אַ פונק צו אַ פלאַם", פון כתב־יד).

די דייטשן זענען אָנגעפאַלן אויפן יידישן פאַמיליע־לאַגער אין די וואָל־טשע נאָרער וועלדער און אויסגעהרגעט 60 יידן — מענער, פרויען און קינ־דער. דער אָטריאַד „ראָקאָסאָווסקי" האָט זיי אָפּגעוואַרט אויפן וועג פון זייער צוריק־פאָר און פון אַ לויערונג זיי צעהרגעט און גענומען געפאַנגענע: דייטשן און אוקראַינער. אויף איינער פון די דייטשישע שליטנס האָבן זיי געפונען אַ יידישע פרוי, געשמידט אין קייטן. די געפאַנגענע אוקראַינער האָבן עדות געזאָגט, אַז זי איז געקומען צוזאַמען מיט זיי, אויסגעגעבן דאָס אָרט פון יידישן פאַמיליע־לאַגער און געזאָלט זיי פירן צום פאַרטיזאַנישן באַזיס. די פרוי איז אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט די דייטשן און די אוקראַינער.

בעת דער אויספאָרשונג האָט די יידישע פרוי דערציילט, אַז עס איז איר צוזאַמען מיט נאָך איניקע פרויען געלונגען צו אַנטלויפן פון בונקער נאָך איידער ער איז אַנטדעקט געוואָרן דורך די דייטשן און פאַרוואָרפן גע־וואָרן מיט האַנט־גראַנאַטן. אַז עס זענען איר אויסגעגאַנגען די כוחות לויפּנ־

דיק, איז זי געפאַלן אויפן שניי און זיך געמאַכט ווי אַ טויטע. די דייטשן האָבן געטראָטן אויף איר קערפּער אַזוי, אַז נישט ווילנדיק האָט זי געגעבן אַ קרעכץ און דערמיט האָט זי זיך אַליין אַרויסגעגעבן. אַלע יידישע עדות פון דער פאַמיליע־גרופּע, וואָס זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורכן שטאַב, האָבן פעסטגעשטעלט, אַז זיי קענען גוט דאָס מיידל, שאַלעק, אַ טאָכטער פון אַ יידישער פּליטה פון לאָדזש, וואָס לעבט שוין איבער אַ יאָר מיט זיי צוזאַמען אין וואַלד. בעתן אָנפאַל איז דאָס מיידל שאַלעק געשטאַנען אויף דער וואַך נעבן פאַמיליע־לאַגער מיט... אַ הילצערנעם שטעקן (די איינציקע, געציילטע ביקסן האָבן די פּאַרטיזאַנער ביי זיי צוגענומען)... אָבער עס האָט קיין זאַך נישט געהאָלפן. צווי מעת־לעת האָט מען זי געפּאַרשט און געפּייניקט צוזאַמען מיט די געפאַנגענע אוקראַינער און דייטשן און צום סוף זי פאַרמשפּט צום טויט אַלס שפּיאָנין... זי איז פאַרפּייניקט גע־וואָרן מיט שטעקנס און אייזנס...

אונטערן חשד פון שפּיאָנאַזש זענען דערשאָסן געוואָרן אינזש. יוסף וועגמייסטער, (אַ פּליט פון וואַרשע, געקומען אין פּאַרטיזאַנקע פון סלאָני־מער געטאָ), זיין פרוי און מישע סאָלאָמיאַנסקי. אינזש. וועגמייסטער, ליגנ־דיק קראַנק אויף טיפוס אין צענטראַלן פּאַרטיזאַנער־שפּיטאָל פון ליפּי־טשאַנער פּושטשע, האָט כלומרשט געפּלאַפּלט פון היץ, אַז ער איז אַ שפּיאָן, שפּעטער, ווען ער איז געקומען אין אַ קאָנפליקט מיט דער אָנפירונג און געהאַט דעם מוט זיי פאָרצוּוואַרפן זייער אַנטיסעמיטיזם, האָבן זיי זיך דער־מאָנט זיינע פּלאַפּלערייען און אים פאַראורטיילט פאַר שפּיאָנאַזש צום טויט. זיין פרוי האָט דאַן געבעטן מען זאָל זי אויך דערשיסן און אויך מישע סאָלאָמיאַנסקי, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן מיט זיי צוזאַמען, האָט געוואָלט טיילן זייער גורל. אַלע דריי זענען טאַקע דערשאָסן געוואָרן (דעצעמבער 1942).

דאָדל אַבראַמאָוויטש דערציילט ווי אַזוי עס איז לויטן באַפעל פון קאָמאַנדיר פון „טשאַפּאַיעוו"־אָטריאַד דערשאָסן געוואָרן אונטער דער זעל־בער באַשולדיקונג דער דרייסיק־יעריקער יידישער ד"ר מרדכי בריסקין און זיין פרוי:

„...בעת איינע פון די שחיטות אין סלאָנים איז דעם ד"ר מרדכי בריסקין געלונגען זיך אַרויסצובאַקומען פון דער שטאָט מיט דער הילף פון אַ פּאָר

פּאָליציאַנטן, סלאָנימער איינוווינער. אויס דאַנקבאַרקייט פאַר ראַטעווען זיי אָדער זייערע פאַמיליעס גישט איינמאָל פון מחלות, האָבן זיי אים מיט זיין פרוי אויף זייערן אַן אויטאָ אַרויסגעפירט פון שטאָט, נאָענט פון די וועלדער, ווו עס האָבן זיך געפונען פּאַרטיזאַנער.

דאָס האָט באַמערקט אַ פויער, אַ געהיימער פאַרבינדלער פון די „טשאַפּאַיעווער". ער האָט איבערגעגעבן אין שטאַב, אַז דעם ד"ר בריסקין האָבן צוגעברענגט אין דער נאָענט פון וואַלד סלאָנימער פּאָליציאַנטן מיט אַן אויטאָ, און אַז ער איז אַריינגעשיקט געוואָרן דורך די דייטשן מיטן צוועק צו... פאַרסמען די פּאַרטיזאַנער, בפרט, אַז אין זיין וואַליזקע, וואָס ער האָט גענומען מיט זיך, האָט מען ביי אַן אונטערזוכונג, געפונען פאַרשיידענע מעדיקאַמענטן...

דאָס איז געווען דאָס איינציקע וואָס האָט געדינט ווי אַ באַווייז קעגן אים. דער פּסק־דין איז געפאַלן. מ'האָט בריסקינען געהייסן פאַרלאָזן דעם לאַגער.

דאָס פאַרפאָלק האָט, נאָכן פאַרטרייבן זיי, אַרומגעדרייט זיך אין וואַלד. געזעסן פאַרשטעקטע אונטער קוסטעס, געהונגערט און געוואַרט...

אַ קריסטלעכער פּאַרטיזאַן, וועלכער האָט געוווסט פון זייער זיך־אָרט, האָט אויף זיי רחמנות געהאַט און פון צייט צו צייט פלעגט ער ברענגען פאַר זיי וואָס צו עסן. — ביז מען האָט זיך דערוווּסט אין שטאַב, אַז בריסקין געפינט זיך נאָענט פון לאַגער... און לויט דעם באַפעל פון קאָמאַנדיר האָט מען דעם יונגן ד"ר מרדכי (מאָטיע) בריסקין און זיין פרוי דערשאָסן".

(פנקס ביטען", ז"ז, 355, 356).

אַ כאַראַקטעריסטישע באַשולדיקונג איז געוואָרפן געוואָרן אויפן אַדוואָקאַט מאַזורעק פון לאָדזש (שפּעטער אין באַראַנאָוויטש). אין אַרבעטסלאַגער סטראַנגע (ווילייקער ראַיאָן) איז ער געוואָרן „אָבער־יודע". פון דאָרט איז ער אַנטלאָפן אין פּאַרטיזאַנקע. ער האָט געמאַכט אַ בליץ־שנעלע קאַריערע. אַ מענטש מיט אַ הויכן וויסן און אינטעליגענץ (אַ געוועזענער מיטאַרבעטער פון דער וואַרשעווער יידיש־פּוילישער צייטונג „נאַש פּשעגלאָנד") איז ער גלייך נאָמינירט געוואָרן אַלס פאַרטרעטער פון שטאַבנאַטשאַלניק פון בריגאַדע „זשוקאָוו" און שפּעטער געאַרבעט אַלס סעקרעטאַר פון צווישן־ראַיאָנעם צענטער, סטויפּץ־מיר, געשריבן פּרעכטיקע פּעליעטאָנען און אַרטיקלען אין דער געדרוקטער פּאַרטיזאַנער־צייטונג „סציאַג סוואָבאָדי" (פרייהייטס־פאָן) וועלכע האָבן צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט.

אַ טאָג פאַר דער באַפרייאונג (14 יולי 1944) איז מאַזורעק דערשאָסן געוואָרן לויט אַ געהיימען באַפעל פון סטעפּטשענקאָ, נאַטשאַלניק פון דער „באַזונדערער אָפּטיילונג" אין דער „זשוקאָוו"־בריגאַדע. יענעם טאָג האָט סטעפּטשענקאָ געזאָגט צו מאַזורעקן: „אין דער בריגאַדע איז צוגעגרייט פאַר דיר אַ נייע פאַר שטיוול, פאַר באַלד אַהין אין דער באַגלייטונג פון אַ פּאַרטיזאַן". דעם פּאַרטיזאַן, וואָס האָט אים באַגלייט, איז געגעבן געוואָרן אַ מינדלעכער באַפעל „אָפּצוראַמען" מאַזורעקן. דער פּאַרטיזאַן האָט דעם זעלבן טאָג זיך צוריקגעקערט און געמאָלדן, אַז מאַזורעק איז געפאַלן פון אַ דייטשישער קויל פון אַ לויערונג. שוין נאָך דער באַפרייונג זענען געווען קלאַנגען, אַז עס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ פּראָטאָקאָל לויט וועלכן מאַזורעק איז באַשולדיקט געוואָרן אין שפּיאָנאַזש לטובת... ענגלאַנד...

אַדוו. מאַזורעק, זייענדיק אַן אינעוויניקסטער מיטאַרבעטער אין פּאַר־טיזאַנישן שטאַב פון ראַיאָן, האָט געוווּסט זייער פיל סודות, וועלכע האָבן געקענט זיין אומאַנגענעם פאַר דער אָנפירונג נאָך דער באַפרייונג, און זיי האָבן באַשלאָסן פּטור צו ווערן פון אַ לעבעדיקן עדות פאַרן אַרויסגיין פון די וועלדער...

דער אַנטיסעמיטיזם איז געווען געגנוג שטאַרק אויך אין דער צווייטער תקופה פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, אָבער דאָך האָט ער שוין זייער זעלטן זיך אויסגעדריקט אין מאָרדן יידן און האָט נישט געטראָגן אַזאַ מאַסן־כאַראַקטער, ווי אין דער ערשטער תקופה. עס זענען שוין דאָ די באַפולמעכטיקטע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דער צענטראַלער אָנפירונג פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין יעדער פּושטשע און ראַיאָן. ביי יעדן אָטריאַד און בריגאַדע זענען דאָ „פּאָליטרוקעס" און „קאָמיסאַרן" און די „באַזונדערע אָפּטיילונגען" פירן דורך אין יעדן פאַל אויספאָרשונגען. עס איז שוין דאָ צו וועמען זיך צו ווענדן און פאָדערן גערעכטיקייט און שטראָף פאַר באַגאַנגענע פאַרברעכנס.

נחום־אלי קאַגאַן (מיר), אַ פּאַרטיזאַן פון דער בריגאַדע „פּרונזע", ווערט דערשאָסן דורכן וויוואָד־קאָמאַנדיר, זייענדיק אין אַ שיכורן־צו־שטאַנד אין שטעטל רוביזשעוויטש. דער מערדער ווערט לויט אַ באַפעל דערשאָסן.

פאַר דער אָבלאַווע אין נאַליבאָקער פּושטשע (יולי—אויגוסט 1943) איז אַ גרופּע פון אָטריאַד „אַלעקסאַנדער ניעווסקי" אַוועק אויף אַ קאַמפּס־אויפגאַבע אין אַן אַנדער ראַיאָן, ווו זיי האָבן איבערגעוואַרט די אָבלאַווע, וועלכע איז דאָן פאָרגעקומען אין זייער טעטיקייטס־ראַיאָן. צוריקקערנדיק זיך אין אייגענעם ראַיאָן האָבן די אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער פון הינטן דערשאָסן זייער יידישן פּאָליטישן דערציִער קאַהאַן (ער פלעגט נישט לאָזן שיכורן, רויבן אד"גל) און געוואָלט דאָס פאַרשטעלן, ווי אַ קרבן פון אַ דייטשער לויערונג. די זאַך איז אָבער אויפגעקלערט געוואָרן און איי־ניקע פאַרטיזאַנער זענען דערשאָסן געוואָרן פאַר די רייען פון אויסגע־שטעלטן אָטריאַד.

אַ געוויסער אָרטיקער ווייס־רוס, באָריס, האָט אין אומגעגנט פון שטעטל יאַנאָווע (פּאָלעסיע) אָרגאַניזירט אַ פאַרטיזאַנער־אָטריאַד און זיך בעיקר פאַרנומען מיט באַפאַלן די גערעטעוועטע יידן פון די אַרומיקע שטעט־לעך, באַרויבן און אויסמאָרדן זיי. אויף זיין בלוטיקער קאָנטע איז אויך פאַרשריבן דאָס דערמאָרדן איבער זיבעציק יידן פון יאַנאָווע און אַנדערע שטעטלעך, וועלכע זענען געקומען אין די וואָכושטשער וועלדער. פרילינג 1943, ווען די פאַרטיזאַנער־באַוועגונג אויף פּאָלעסיע האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוואַקסן און עס זענען געקומען דעסאַנט־גרופּעס פון מאָסקווע, איז פאַרפירט געוואָרן אַן אויספאָרשונג און דער א"ד באָריס האָט באַקו־מען זיין פאַרדינטע באַלוינונג — אַ קויל.

אַ גרויסע אַנטשפּאַנונג אין דער באַציִונג צו יידן אין די וועלדער און אַ באַדייטנדיקע ענדערונג אין דער איינשטעלונג צו זיי — איז אַנטשטאַנען מיטן קומען פון די „ספּעץ־דיוועסיע"־גרופּעס פון יענער זייט פראָנט־ליניע, וועלכע זענען אין דער צווייטער העלפט פון 1943 געוואָרפן געוואָרן אין אַלע ראַיאָנען און פּושטשעס. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך דעם גייסט פון סאָוועטישער גלייכבאַרעכטיקונג. עס זענען געווען צווישן זיי נישט ווייניק יידן, נישט זעלטן אויך צווישן דער אָנפירונג. די יידן, וועלכע זענען אויפגענומען געוואָרן דורך זיי אין זייערע גרופּעס און אָטריאַדן, האָבן זיך געטראָפן מיט לגמרי אַן אַנדער אַטמאָספער און באַציִונג. אין פאַל פון אַנטיסעמיטישע דיסקרימינאַציעס פלעגן זיי אינטערווענירן ביי די מאָס־גיביקע פאַקטאָרן און אָנווייזן אויפן ?עגנזאַץ צווישן דער אַנטיסעמיטישער

פּראַקטיק פאַר די וועלדער, מיט דער ליניע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער סאָוועטן־רעגירונג אין דער נאַציאָנאַליטעטן־פּראַגע.

אין די לעצטע חדשים פאַר דער באַפרייונג, האָבן זיך פאַרשטאַרקט די אַנטיסעמיטישע שטימונגען אין גרוזאָדובאָווס בריגאַדע (פּאָלעסיע). דעם 3טן יוני 1944 איז געמאַכט געוואָרן אַ „פּאָסטראָיעניע" פון אַלע אָטריאַדן פון דער בריגאַדע און דער בריגאַדע־קאָמיסאַר רומיענצאָוו האָט געהאַלטן אַ ו'עדע קעגן אַנטיסעמיטיזם.

אין פאַרבינדונג מיט די האָפנונגספולע באַריכטן פון די פראָנטן האָט ער געזאָגט:

„די דייטשן האָבן שוין פאַרלוירן די האָפענונג צו קענען אונדז באַזיגן אין אָפענעם קאַמף, דערפאַר ווענדן זיי קעגן אונדז אָן דיווערסיע. איינע פון די גרעסטע דיווערסיע־מיטלען ביי זיי איז דער אַנטיסעמיטיזם. דער־פאַר געדענקט גוט, אַז ווער עס פאַרנעמט זיך מיט פאַרשפּרייטן אַנטיסע־מיטיזם אין אונדזערע רייען, פירט דערמיט אויס דיווערסיע־אַרבעט פאַר די דייטשן און ער איז אַ פאַררעטער פון אונדזער פאָטערלאַנד".

(יוסף רייך — „וואַלד אין פלאַמען", ז' 292).

פיל יידישע קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן מאַסקירט זייער יידישקייט, זענען נישט אַרויסגעטראָטן קעגן די אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער, בכדי נישט צו ציען אויף זיך קיין אויפמערקזאַמקייט און נישט הערן דעם פאָר־וורף וועגן „פאַוואָריזירן אייגענע".

אַזעלכע יידישע קאָמאַנדירן האָבן נישט רעאַגירט אויף די מעשים פון די אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער. פאַרקערט, געווען אַזעלכע, וואָס זייענדיק געטראָפענע פון „יידישן מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס" און פון חשבונות „וואָס וועלן זאָגן די גויים", פלעגן זיי אַלע שווערע פאָדערונגען דווקא ריכטן צו די יידישע פּאַרטיזאַנער... עס זענען אָבער אויך געווען יידישע קאָמאַנ־דירן, וואָס האָבן געוואַגט צו באַשיצן זייערע ברידער און פלעגן אינטערווע־נירן אין פאַלן פון דיסקרימינאַציע.

ווען די רוסיש־יידישע דעסאַנטין, מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, ווערט אַריבערגעפירט פון מעדוועדיעווס פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונג אין אָטריאַד „סקאָפּקאַ", האַלט זי פאַר איר חוב צו מעלדן דעם פּאָלקאָווניק מעדוועדיעוו וועגן דעם אַנטיסעמיטישן אויפפיר פון מאַיאָר פּאַשין און קאַפּיטאַן בערעזני. אויך

משה קאַגאַנאָוויטש

קאַפּיטאַן דאַווידאָוו האָט אינטערוועניִרט לטובת די ייִדן ביי דער אָנפירונג פון דער באַוועגונג אין דער ליפּיטשאַנער פּושטשע, פאַר דעם ווי ער איז אַריבער מיט זיין אָטריאַד אין רוסקע פּושטשע.

דעם ייִדישן פּאַרטיזאַן איז אויסגעקומען אין די וועלדער צו פירן אַ קאַמף קעגן די טייל פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען געווען אַנטיסעמיטיש געשטימט. ער האָט זיך נישט געקענט באַפרייען אויף קיין מינוט פון דעם באַוווּסטזיין, אַז ער איז אַ ייִד. מען האָט עס אים כסדר דערמאָנט.

טראָץ דער גרייטקייט יעדע מינוט צו שטאַרבן אין קאַמף, האָט דער ייִדישער פּאַרטיזאַן געדאַרפט זיין גרייט אויף אַן אָפּרעכענונג פון אַן אַנטי־סעמיטישן חבר, פון אַ שטרענג־אָנגעווענדטן געזעץ פאַר יעדער קלייניקייט. אויך אין וואַלד האָט ער געדאַרפט אויסהערן טענות, פאָראורטיילן, וועלכע האָבן געצילט אים צו באַליידיקן און פאַרביטערן זיין לעבן.

זעלטן איז דאָס נאַציאָנאַלע לעבנס־באַוווּסטזיין געווען אַזוי שטאַרק ביי די ייִדן, ווי ביי די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד און נישט אומזיסט זענען די פּאַרטיזאַנער געווען די ערשטע זיך צו רעפּאַטריִירן, בכדי אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל — בויען אַ היים פאַר זיך און אויב קעמפן און אָפּגעבן דאָס לעבן, זאָל עס אויך זיין פאַר זיך, פאַרן אייגענעם פאָלק.

קאַפּיטל זיבעצן

די סאָוועטישע רעגירונג און פּאַרטיזאַנקע אַלס ייִדן־רעטערס

ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן אין פאָריקן קאַפּיטל, האָט די פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג אין דער צווייטער תקופה פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג 1943—1944, נאָך דעם ווי זי האָט באַוויזן צו צענטראַליזירן און דיסציפּלינירן די פּאַרטיזאַנקע, אָנגעהויבן ענערגיש צו רעאַגירן אויף די פאַרברעכערישע מעשים פון די אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער.

דער אַנטיסעמיטיזם און ייִדן־האַס איז אָבער געווען אַזאַ פאַרוואָרצלטער, האָט צייטנווייז אַרומגעכאַפּט ברייטע קרייזן פון די פּאַרטיזאַנער און באַ־הערשט אפילו אַ טייל פון דער אָנפירונג פון די אָטריאַדן אין אַזאַ מאָס, אַז עס איז בכלל נישט געווען לייכט אָנצונעמען ערנסטע רעפּרעסיעס קעגן די אַנטיסעמיטן.

נישט זעלטן האָט דער אַנטיסעמיטישער פּאַרטיזאַן, וועלכער האָט געדאַרפט געמשפּט ווערן פאַר אַ פאַרברעכן, געהאַט באַזונדערע פאַרדינסטן, זיך אויסגעצייכנט אין קאַמף קעגן אָקופּאַנט און געהאַט אויף זיין קאָנטאָ פאַרשריבן פיל אַראָפּגעלאָזענע עשאַלאָנען, געהרגעטע דייטשן און האָט געגאָלטן ווי אַן אומדערשראָקענער העלד. די קאָמאַנדירן פון די אָטריאַדן האָבן, אין מערסטנטייל פאַלן, פאַרטיידיקט זייערע אַנטיסעמיטישע פּאַרטי־זאַנער און באַרעכטיקט זייערע מעשים מיט מאָטיוון פון אַלגעמיינעם טאַקטישן כאַראַקטער, קריגס־נויטווענדיקייט און מלחמה־באַדינגונגען. נישט

קיין וווּנדער דעריבער, וואָס פיל אָנגעהויבענע אויספאָרשונגען בנוגע באַגאַנגענע פאַרברעכנס, פלעגן זיך ענדיקן מיט פעסטשטעלונגען, אַז די פאַרברעכערס זענען נישט אַנטדעקט געוואָרן.

אַן אַלגעמיינע דערקלערונג פון די פּאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטיזאַנער־פירערס און די פּאַרטיי־באַפולמעכטיקטע צו דעם אַלעמען איז געווען: „עס איז קריג, עס לאָזט זיך גאָרנישט טון. שווער צו פאַרשטאָפּן די קוואַלן, פון וועלכע עס נערט זיך דער אַנטיסעמיטיזם. עס איז איצט נישט קיין צייט אויף אָפּצורעכענען. זיי קעמפן בראַוו קעגן אָקופּאַנט, לאָמיר זיי נישט שטערן אין דעם. עס איז שווער צו באַהערשן אַזאַ ריזיקע מענטשן־מאַסע ביי די וואַלד־באַדינגונגען. עס וועט קומען אַ טאָג, ווען זיי וועלן באַצאָלן פאַר דעם".

צו דעם פלעגט מען איבערחזרן טענות קעגן יידן, וועלכע האָבן אויס־געזען צו זיין אויבנאויפיק געראַכטע און וועלכע האָבן געדאַרפט געבן אַ פסיכאָלאָגישע באַגרינדונג צו דער יידן־שנאה און מאַכן זי פאַרשטענדלעך.

גד ראָזענבלאַט דערציילט וועגן אַ געשפּרעך מיטן פּאָליטרוק פון דער פּטיצר ראָטע אין קאָוופּאַקס אַטריאַד. גד האָט אויסגעדריקט זיין פאַרוווּנדע־רונג, וואָס מען נעמט צו אין די אָטריאַדן אַלע פאַררעטער, וולאַסאָווצעס און פּאָליציי־לייט, וואָס האָבן דעזערטירט פון די רייען פון דער רויטער אַרמיי, זיך איבערגעגעבן מיט אַ לייכטן געמיט אין דייטשער געפאַנגענשאַפט, גע־דינט זיי געטריי און מיטגעמאַכט אַלע פאַרברעכנס:

„— ביסט גערעכט — האָט געענטפערט דער פּאָליטרוק — די פּאַרטיי און רעגירונג האָבן באַשלאָסן, נאָך אַ לענגערער באַטראַכטונג, צו אויפ־נעמען יעדן איינעם, וואָס וויל און איז גרייט צו קעמפן, נישט רעכענענדיק זיך מיט זיין עבר. אויב די קאָזאַקן (וולאַסאָווצעס) און שוצמאַנען (אוקראַי־נישע פּאָליציי) לויפן אַריבער צו אונדז מיט זייער געווער, דאַרפן מיט זיי אויפנעמען. מיר ווייסן זייערע פאַרברעכנס קעגן די יידן, קריגס־געפאַנ־גענע און קאָמוניסטן. אָבער דעם לעצטן חשבון וועלן מיר מיט זיי מאַכן נאָך דער באַפרייאונג. זיי וועלן דאַרפן אָפּגעבן אַ חשבון פאַר אַלע זייערע פאַרברעכנס, אָבער איצט איז נישט די צייט פאַר אַזוינע חשבונות..."

(„פון אַ פונק צו אַ פלאַם", פון כתב־יד).

די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך באַמיט צו באַגעגענען די פּאַראַנט־וואָרטלעכע פּאַרטיזאַנער־פירער, באַזונדערס מיט פאַראַשוטירטע פון יענער

זייט פראָנט־ליניע, און זיך באַקלאָגן אויף דער ליבעראַלער באַציִונג פון דער קאָמאַנדשאַפט צום אַנטיסעמיטיזם. אַזוי האָבן זיך די יידישע פּאַרטי־זאַנער פונעם אָטריאַד „פוגאַטשאָוו" (פּאָלעסיע), געטראָפן מיטן ראַיאָן־סעקרעטאַר פון „קאָמסאָמאָל" און האָבן אים דערציילט וועגן די רוצחישע מעשים פון פּאַרטיזאַנער קעגן יידן און געפאָדערט צו באַשטראָפן די מערדער. אַ פּאָליטרוק, וואָס איז געקומען פון מאָסקווע אין די נאַראָטשער וועלדער, האָט פאַרזאַמלט אַלע יידן און זיי איבערגעגעבן, אַז לויט אַ באַפעל פון מאָסקווע וועלן להבא די יידן אויפגענומען ווערן אין די קאָמפּס־אָטריאַדן אָן שום באַגרענעצונגען און דיסקרימינאַציעס.

די שטימונג ביי די יידן איז באַלד געוואָרן אַ בעסערע. אַ פּאַרטיי־באַפולמעכטיקטער אונטערן פּסעוודאָנים „מאַקסים", וואָס האָט פאַראַשוטירט אין די וואָלטשע נאָרער וועלדער, האָט פאַרבעטן אויף אַ שמועס דעם יידישן פּאַרטיזאַן יחיאל גראַנאַטשטיין (אַ שרייבער פון דער שארית הפליטה) און אים אויסגעפרעגט וועגן די מאָרד־טאַטן פון די רוסן קעגן יידישע פּאַרטי־זאַנער און יידן פון די פאַמיליע־לאַגערן.

אויך משה פיטקאָווסקי דערציילט וועגן דעם זעלבן פּאַרטיי־פאָרשטייער,

„8טן דעצעמבער 1942, אינדערפרי. פלוצלינג פאַרפאָרט אין לאַגער אַ שליטן און עס שטייגן אַרויס 3 פּאַרטיזאַנער: באַבקאָוו, אַ געוועזענער לייטענאַנט פון דער רויטער אַרמיי, באַקאַנט ביי אונדז אונטערן נאָמען וואָלאָדימיר איוואַנאָוויטש, און אַ דריטער אַן אומבאַקאַנטער. זיי זעצן זיך אויס ביים פייער און הייסן גלייך אַלעמען זיך צונויפקלייבן. מיר האָבן אַ פאָרגעפיל, אַז די סיטואַציע האָט זיך געענדערט (געמיינט, צום בעסערן — מ. ק.). מען הייסט אונדז זיך אויסשטעלן אין אַ ריי. מיר זענען 72 מענער און 63 פרויען. דער ערשטער רעדט צו אונדז באַבקאָוו, אָבער גאָר מיט אַן אַנדער לשון: „איר זענט אַ גרופּע פעיקע מענטשן, מיט וועלכע מען קען גיין אין דער גרעסטער געפאַר. איר זיצט און עסט די ביים פויער צוגענומענע פּראָדוקטן. „פאַרוואָס זיצט איר אַזוי און טוט גאָרנישט?"

איינער פון אונדז ענטפערט, אַז מען לאָזט אונדז נישט צו צו קיין שום אַרבעט, אַז די פּאַרטיזאַנער אַליין האָבן אונדז פאַרמשפט אין אַ געטאָ און אונטער טויט־דראָונגען פאַרטרייבט מען אונדז פון וואַלד.

וואָלאָדימיר איוואַנאָוויטש לאָזט אונדז נישט ריידן און זאָגט: „איר האָט זיך אַליין פאַרדינט דערצו. איר זענט געווען דייטשע שפּיאָנען און צוליב אייך איז דאָך געווען די אָבלאַווע, אין וועלכער עס זענען אומגעקומען

אונגדזערע משפחות". מיר פּרובירן ענטפערן, אַז דאָס איז נישט אמת, אַז דאָס איז נאָר אויסגעטראַכט געוואָרן אויף אונדז אָן אַנטיסעמיטישער בלבול. די דיסקוסיע רייסט איבער דער אומבאַקאַנטער פּאַרטיזאַן:

„וואָס געווען איז געווען. איך האָב פיל געהערט וועגן אייך. אַ סך זאַכן זענען נישט ריכטיק אין דער באַציונג צו אייך. איך ווייס, אַז אייערע ברידער אין ראַטנפאַרבאַנד אַרבעטן איצט אין די פאַבריקן פאַרן פראָנט. זיי אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט. עס איז אויך אמת, אַז ווען דער דייטש איז געווען נאָענט פון אונדזער הויפּטשטאָט, האָבן זיי אויף שנעל פאַר־לאָזט די שטאָט, אַנטלויפנדיק אין אַ פּאַנישער שטימונג. נאָר אַ דאַנק דער ניכטערקייט פון דער מאַכט איז די פּאַניק אָפּגעשטעלט געוואָרן. איך זע אין אייך אַ גרופּע פעיקע מענטשן, איבערגעגעבענע פּאַרטיזאַנער, וואָס קענען פיל נוצן ברענגען. איר מוזט זיין אָרגאַניזירט אין אַן איינהייט און ווערן טעטיק".

(„פּנקס ביטען", ז"ז, 278, 279).

פּאַקטיש האָט זיך די לאַגע פון די יידן ווייניק־וואָס געביטן. „**עס איז** נישט מעגלעך אויסצוואָרצלען מיט איין מאָל די שנאה צו יידן, און ביי די לעבנס־באַדינגונגען אין די וועלדער איז דאָס אוודאי שווער" — דאָס איז געווען דער אַלגעמיינער ענטפער אויף די יידישע אָנקלאָגעס.

עס איז כדאי צוצוגעבן, אַז אויך אויף דעם נישט־אָקופּירטן שטח פון סאָוועט־רוסלאַנד, איז אין די מלחמה־יאָרן אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אין אַ באַדייטנדיקער מאָס, דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און זיינע פאַרשפּריי־טער. דער סם פון דער היטלעריסטישער פּראָפּאַגאַנדע האָט דערגרייכט אויך אַהער און די אַנטיסעמיטן האָבן צוריק אויפגעהויבן די קעפּ. מען האָט שוין ווידער געהערט די פאַרבאָטענע באַצייכענונג „זשיד" (ייד — אין רוסלאַנד אַ באַליידיקונגס־וואָרט, אַנשטאָט דער אָנגענומענער באַצייכענונג „יעוורײ"). פאַרשידענע בלבולים, באַשולדיקונגען און טענות קעגן יידן, זענען פאַר־שפּרייט געוואָרן דורך באַשטימטע עלעמענטן און די מאַכט האָט נישט אָנגענומען קיין מיטלען קעגן דעם פאַרשפּרייטן ראַסן־האַס. טראָץ דעם וואָס די סאָוועטן־רעגירונג האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ דעק־מאַנטל און אַ פּאָפּולערע פאָרם פאַר אַנטי־סאָוועטישע שטימונגען, האָט זי דאָך, צוליב טעמים פון פּסיכאָלאָגישן און טאַקטישן כאַראַקטער, זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק פון שטייגנדיקן אַנטיסעמיטיזם מיט אַלע זיינע באַגלייט־דערשיינונגען.

מעגלעך, אַז דאָס איז פשוט געווען אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס די מלחמה־אָנשטרענגונגען האָבן אַבסאָרבירט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון די מלוכה־אָרגאַנען. מעגלעך, אַז אַ מאָטיוו פאַר אַזאַ איינשטעלונג איז געווען דאָס נישט וועלן באַשטעטיקן די דייטשישע פּראָפּאַגאַנדע, אַז די סאָוועטן־רעגירונג איז אַ יידישע און געבן די שונאים פון קאָמוניסטישן רעזשים אין לאַנד גופא אַרגומענטן פאַר זייער פּראָפּאַגאַנדע. עס איז קלאָר, אַז אין די סאָוועטישע העכערע קרייזן האָט מען געטראַכט, אַז אַן אָפענער און ענערגי־שער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, איז עלול צו פאַרלייכטערן היטלערן זיין אַגיטאַציע קעגן „יודעאָ־באָלשעוויזם".

די זעלבע מאָטיוון האָט מען אויך געהערט פון די אָנפירנדיקע קרייזן, פון דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

אַן אַקטיווער, אָן־פשרהדיקער, קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט זיך געמוזט אויסדריקן אין מאַסן־דערשיסונגען און דעגראַדאַציעס, וואָלט געווען אַ קוואַל פאַר אַ דייטשער פּראָפּאַגאַנדע קעגן די פאַרטיזאַנער און וואָלט דערשיטערט זייערע רייען. דאָס האָט די פאַרטיזאַנער־אָנפירונג געהאַלטן פאַר טאַקטיש נישט קלוג אין געגעבענעם מאָמענט.

דאָך זענען אָנגענומען געוואָרן געוויסע שריט, בכדי צו האַמעווען די אַנטיסעמיטישע מגפה. עס זענען געווען פאַלן (איינצלנע) פון דערשיסונגען פאַר מאָרדן יידן; עס זענען געווען דעגראַדאַציעס, אויסריידן, וואָרענונגען און איבערפירונגען פון איין אָטריאַד אין אַן אַנדערן און פון איין ראַיאָן אין אַ צווייטן.

קוקן מיר אָבער אַוועק פון די פיינלעכע פאַלן, דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז די סאָוועטישע רעגירונג און די סאָוועטישע פאַרטיזאַנקע זענען געווען, אין דער שווערסטער און בלוטיקסטער תקופה פאַרן יידישן פאָלק, די איינציקע וועלכע האָבן געראַטעוועט יידן און דערמעגלעכט צענדליקער טויזנטער יידן, בעיקר אין מערב ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע, איבערצולעבן די מלחמה.

די סאָוועטישע רעגירונג איז געווען די איינציקע, וועלכע האָט אויס־געפירט די באַשלוסן פון דער טרויעריק־באַרימטער בערמודער קאָנפערענץ פון די גרויסמאַכטן (קאָנפערענץ וועגן יידן־פּראָבלעם, אין צוזאַמענהאַנג מיט אויסראָט פון די יידן), וועגן ראַטעווען יידן מיט אָרטיקע מיטלען.

לויט עדות פון יידן, וואָס האָבן ביים מלחמה־אָנפאַנג געלעבט אין



משה קאַגאַנאָוויטש

רוסלאַנד, איז שוין ענדע 1941 פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ דעקרעט פון העכסטן סאָוועטישן ראַט, וועגן עוואַקוירן אין דער ערשטער ריי די בירגער פון יידישער נאַציאָנאַליטעט, פון די געביטן וועלכע זענען באַדראָט פון שונא. לויט די א״ד עדות, זענען די לאָקאַלע מאַכט־אָרגאַנען פאַרפליכטעט געוואָרן צו שטעלן אַלע טראַנספּאָרטן און לאָקאָמאָציע־מיטלען אין רשות פון די יידן, צו דעם צוועק. כדאי צוצוגעבן, אַז עס איז נישט געפונען געוואָרן קיין אָפיציעלער דאָקומענט, וואָס זאָל באַשטעטיקן דאָס א״ד עדות־זאָגן. דער אמת איז, אַז די סאָוועטישע רעגירונג האָט באַפוילן צו עוואַקוירן די גאַנצע ציווילע באַפעלקערונג, צוזאַמען מיט די אונטערנעמונגען, כדי איבערצולאָזן פאַר די דייטשן „אַ פאַרברענט לאַנד״.

וואָלטן יידן געווען מער אויפמערקזאַם און ערנסטער צו די וואָרענונגען, און וואָלטן די דייטשן נישט באַזעצט ראַשיק־שנעל די קאָמפּאַקטע יידישע קיבוצים (מינסק, קיעוו, אָדעס אאַ״וו), וואָלטן פיל הונדערטער טויזנטער רוסישע יידן געווען היינט צו טאָג צווישן די לעבעדיקע...

אין אַ טאָג־באַפעל פון דער רוסישער רעגירונג, איז געווען אַ ווענדונג צו די פאַרטיזאַנער צו שיצן די ציווילע סאָוועטישע בירגערס, די פאַמיליע־לאַגערן, באַשפּייזן און העלפן זיי מיט אַלע מיטלען, וועלכע שטייען אין רשות פון דער פאַרטיזאַנער באַוועגונג. „ראַטעווען סאָוועטישע בירגערס אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט, גלויבן און ראַסע, איז אַ וויכטיקע קריגס־אויפגאַבע פון דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג״ — איז געווען דעפינירט אין א״ד באַפעל.

אויב יידן האָבן זיך געקענט פריי באַוועגן אין די דערפער פון די פאַרטיזאַנער־זאָנעס, באַקומען שפּייז ביי די פויערים, לעבן אין די פאַמיליע־לאַגערן, אַרומגערינגלטע פון אַ פיינטלעכער, בלוטדורשטיקער סביבה, און דער גרעסטער טייל פון זיי זאָל איבערלעבן די מלחמה, איז עס נאָר בלויז אַדאַנק דער סאָוועטישער פאַרטיזאַנקע, אַדאַנק איר אויפמערקזאַמקייט און שוץ.

לויט די דירעקטיוון פון אויבן, זענען די פאַרטיזאַנער געווען מחויב צו שפּייזן די פאַמיליע־לאַגערן און באַשיצן זיי מיט זייער געווער. אָבער אויך אין יענע ראַיאָנען, ווו די פאַרטיזאַנער־אָטריאַדן האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן מיטן באַשפּייזן די פאַמיליע־לאַגערן, איז זייער עצם־עקזיסטענץ געווען

מעגלעך נאָר אַדאַנק דעם, וואָס זיי האָבן געלעבט אין אַ פּאַרטיזאַנער־זאָנע, אַרומגערינגלט מיט צענדליקער און הונדערטער פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן און אַדאַנק דער אינפאָרמאַציע פון זייער רירעוודיקן אויסשפּיר־דינסט און שפּיאָנאַזש איבער די באַוועגונגען פון די דייטשע כוחות.

די אָטריאַדן פון זאָרין און ביעלסקי, מיט זייער „שווערן געפּעק", האָבן זייערע באַזיסן אויפגעשטעלט אינדערמיט פון דער נאַליבאָקער פּושטשע אַרומגערינגלט פון הונדערטער קאַמפּס־אײנהייטן.

נאָך אַ גרויסער אָבלאַווע אין נאַליבאָקער פּושטשע, ווען איבער 100 דערפער אין דער פּאַרטיזאַנער־זאָנע זענען דורך די דייטשן פֿאַרברענט געוואָרן און די פּויערישע באַפעלקערונג איז אויסגעמאָרדעט אָדער אַרויס־געפירט געוואָרן אויף אַרבעט אין דייטשלאַנד, איז געקומען אַ באַפעל פון פּאַרטיזאַנער־שטאַב, אַז די גערעטעניש פון די פעלדער זאָלן אַראָפּגענומען ווערן און גיין פאַרן באַשפּייז פון די פאַמיליע־אָטריאַדן (ביעלסקי, זאָרין און אַנדערע).

די רוסישע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג האָט געהאָלפן די געטאָ־פּליטים אַריבערגיין די פראָנט־ליניע און אָנקומען קיין סאָוועט־רוסלאַנד. די ברי־גאַדעס פון סטאַרק, דאָמבראָווסקי, ראָמאַנאָוו, זשעלעזניאַק, דיאַטקאָוו און מיעלניק, וואָס זענען געווען טעטיק האַרט הינטער דער דייטשישער פראָנט־ליניע, האָבן אַריבערגעפירט פיל הונדערטער יידן, וועלכע זענען זיך צעלאָפן אין די וועלדער, נאָך די מאַסן־שחיטות אין מזרח־ווייסרוסלאַנד אויף דער צווייטער זייט פראָנט־ליניע, קיין רוסלאַנד. פיל צענדליקער פון די געראַ־טעוועטע לעבן היינט אין ישראל.

פּאָטער און זון, יצחק און אברהם קלאָרין, היינט צו־טאָג אין רעננה, ישראל, דערציילן וועגן אַריבערפיר פון יידן דורך דער פראָנט־ליניע:

„אין דריי שחיטות, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין אַ גאָר קורצן צייט־אָפּשניט (פסח, ל"ג־בעומר און שבועות 1942), איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג (2.600 נפשות) פון שטעטל דאָל־הינאָוו (ווילנער קרייז). בלויז פערציק יידן זענען אַריבערגעפירט געוואָרן קיין קניאַהיניא, אַן אײזנבאַן־סטאַנציע, לעבן שטעטל, וווּ עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אַרבעטס־לאַגער. מיר זענען געווען צווישן די אַרויסגעשיקטע אין לאַגער. מיט דער הילף פון אַ יידישן בחור פון רוסלאַנד, וועלכער איז אַנטלאָפן פון דייטשער געפאַנגענשאַפט און געקומען צו אונדז אייניקע

מאָל איבעררײדן, אַז מיר זאָלן אַנטלויפֿן, זענען מיר, סך־הכּל 30 מענער, פֿרויען און אײניקע ייִנגלעך, אַנטלאָפֿן (22סטן יוני 1942) און אָנגעקומען צו אַ פֿאַמיליע־לאַגער, וואָס איז געווען אונטערן שוץ פֿון אָטריאַד „מסטי־טעל" (דער נקמה־נעמער).

דער אָטריאַד האָט געהאַט זײַן טעטיקײטס־זאָנע אין אומגעגנט פֿון די שטעטלעך: דאָלהינאָוו, קראַיסק, פּלעשטשעניץ (מינסקער געגנט) און דער קאָמאַנדיר האָט געהייסן, טעמטשוק. דער פֿאַמיליע־לאַגער איז געשטאַנען 5 קילאָמעטער פֿון אָטריאַד־באַזיס און אַ נאָמינירטער קאָמאַנדאַנט, אַ רוס, קיסעלאָוו, צוזאַמען מיט 40 באַוואָפֿנטע פּאַרטיזאַנער, האָבן געזאָרגט פֿאַר דער באַשפּײַזונג און באַשיצונג פֿון פֿאַמיליע־לאַגער, וואָס האָט געציילט 300 ייִדן.

ענדע סעפּטעמבער 1942, האָט אונדז קיסעלאָוו געמאָלדן, אַז דער פֿאַמיליע־לאַגער ווערט אַריבערגעפֿירט קיין רוסלאַנד. ער און 40 פּאַר־טיזאַנער צוזאַמען מיט אַ פּאַראַשוטיסט, וועלכער קען גוט די וועגן, וועט אונדז באַגלייטן.

ענדע אָקטאָבער 1942, האָבן מיר זיך געלאָזט אין דעם גורלדיקן מאַרש פֿון לערך 900 קילאָמעטער, באַזעצטע דורך די דייטשן. מיר פֿלעגן דורכ־גיין 30 קילאָמעטער אַ נאַכט. די טעג פֿלעגן מיר זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער. עסן פֿלעגן מיר זיך אַרייַנכאַפּן אין די דערפֿער ביי די וועל־דער. נאָך זעקס וואָכן זענען מיר אָנגעקומען בשלום קיין וועלעש, אַדורך ביי דער פֿראָנט־ליניע, וואָס איז געווען באַזעצט דורך רוסישע פּאַרטיזאַ־נער. צפֿונדיק פֿון שטעטל האָבן זיך געפֿונען די רוסישע אָקאָפּעס, דרום־דיק — די דייטשע. די רוסישע געהיימפּאָליציי האָט אונדז אויסגעפֿרעגט ווער און וואָס מיר זענען. דערווייל זענען די דייטשן ביינאַכט אָנגעפֿאַלן און פֿאַרנומען דעם דאָרף.

די ייִדן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין צפֿונדיקן טייל פֿון דאָרף, האָבן זיך געלאָזט לויפֿן צו די רוסישע אָקאָפּעס. די, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין דרומדיקן טייל, האָבן זיך געלאָזט לויפֿן צוריק. קיסעלאָוו, צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנער, האָבן גלייך דורכגעריסן דעם פֿראָנט און אונטערן דעקמאַנטל פֿון דער נאַכט־פֿינצטערניש אַריבערגעלאָפֿן אויף דער צווייטער זייט. ביי וועלעש איז געווען אַ גרויסער „שפּאַלט" צווישן די דייטשע פֿאַרפֿעסטיקונגען און די רוסן האָבן דורך דעם „שפּאַלט" כּסדר אַדורכ־געשמוגלט אין די נעכט פֿאַמיליע־לאַגערן און רוסישע מאָביליזירטע יוגנט אין דייטשן הינטערלאַנד.

מיר האָבן אויסגעמיטן אַ דייטשן פֿאַרפֿעסטיקטן בונקער און מיט אַ ווייסע פֿאָן זיך דערנענטערט צו די רוסישע אָקאָפּעס. מיט אַ וואָך זענען מיר אָפּגעשיקט געוואָרן אין דער שטאָט טאָראָפּעץ און פֿון דאָרט אויף

אַרבעט אין טיף רוסלאַנד. ביי וועלעש האָבן מיר פאַרלוירן 10 מאַן — דער איינציקער פאַרלוסט במשך פון דעם לאַנגן, געפאַרפולן וועג. די אַלע געראַטעוועטע דורכן אַריבערפירן די פראָנט־ליניע לעבן היינט אין רוס־לאַנד, ישראל און אַמעריקע״.

מיר גיבן דאָ איבער אַ צייטונגס־ידיעה וועגן פאַרטיזאַנער־הילף ביים אַריבערפירן די פליטים דורך דער פראָנט־ליניע.

אין „דבר״ פונעם 27טן יאַנואַר 1943 (כ״א בשבט תש״ג) איז דערשינעז די ווייטערדיקע ידיעה:

פּאַרטיזאַנער ראַטעווען יידן

מאָסקווע, 26. (ספּעציעלע טעלעגראַם פאַרן „דבר״).

„אַ פאַרטיזאַנישע ראַטע אונטער דער אָנפירונג פון טימאָפּיי ק. האָט די טעג באַקומען אַ סאָוועטישן רעגירונגס־אָרדן פאַר ראַטעווען טויזנט און פינף הונדערט יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער און דער־פער פון אָקופּירטן ווייסרוסלאַנד. לויט אַ פון פריער אויסגעאַרבעטן פּלאַן, האָבן די פאַרטיזאַנער געפירט די יידן הונדערטער קילאָמעטערס, ביז זיי זענען אָנגעקומען צו אַן אָרט, וווּ מען האָט זיי געהאָלפן אַריבערצוגיין אויפן סאָוועטישן שטח. צווישן די געראַטעוועטע — אַ סך קראַנקע, פרויען און קינדער. זיי האָבן נישט געהאַט קיין וואַרעמע קליידער און די פּאַר־טיזאַנער האָבן זיי פאַרזאָרגט מיט קליידער און שפּייז, גענומענע פון די אָקופּירטע דערפער און ווירטשאַפטן. אַ סך פּויערים האָבן פאַרגעלייגט די פאַרטיזאַנער זייער הילף ביים אַריבערפירן די יידן אויפן סאָוועטישן שטח. אהרן ליפשיץ, 60 יאָר אַלט, פון פּראָפעסיע אַ שניידער, האָט דער־ציילט, וויאַזוי די נאַציס האָבן דערהרגעט זיין 50־יעריקע שוועסטער און פאַרפייניקט צום טויט זיין אייציקן זון. אים אַליין איז געלונגען צו אַנטלויפן און ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין די וועלדער, ביז די פאַרטי־זאַנער האָבן אים אַריבערגעפירט דורך די פראָנט־ליניעס״.

די פאַראייניקונג פון געב. מאַיאָר פּיאָדאָראָוו־טשערניגאָווסקי האָט אויפגענומען פון די יידישע פאַמיליע־לאַגערן אין די וועלדער איבער פינף הונדערט יידישע קינדער, זיי באַשיצט און אויסגעהאַלטן זאָרגפול מיט אַלעם נויטיקן. ווען די רויטע אַרמיי האָט פאַרנומען סאַרנע (וואָלין), האָבן אייניקע אָטריאַדן דורכגעריסן די פראָנט־ליניע און אָפּגעפירט די יידישע קינדער קיין מאָסקווע.

אויך אין דער פאַראייניקונג פון פּאָלקאָווניק מעדוועדיעוו האָבן זיך געפונען פאַריתומטע ייִדישע קינדער, וואָס האָבן אַרומגעבלאָנקעט אין די וועלדער, אָדער געאַרבעט אַלס פּאַסטעכער ביי די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער.

אין זיין בוך „דאָס איז געווען הינטער ראָוונע", דערציילט מעדוועדיעוו וועגן דעם קליינעם צען־יעריקן קאָליאַ, וואָס איז געקומען צו דעם באַזיס צוזאַמען מיטן פּאַרטיזאַן קאָזאַקאָוו, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט און נישט געוווסט דעם וועג צום אָטריאַד. אין קלעסאָוואַ האָבן די דייטשן דערהרגעט זיינע עלטערן און די גאַנצע פאַמיליע. ער איז אַנטלאָפן און געאַרבעט אין אַ דאָרף אַלס פּאַסטעך, פאַר אַ שטיקל ברויט און אַ געלעגער. דער אָטריאַד האָט אים אויסגענוצט אין שליחותן קיין ראָוונע פאַר אויסשפּיר און שפּיאָנאַזש. צוועקן און אויך איבערגעשיקט דורך אים דאָקומענטן און געלט צו פאַר־בינדלערס אין שטאָט.

(דאָרט, ז"ז 93־89).

ווייטער דערציילט ער וועגן וואָלאָדיען, אַ ייִנגל, וואָס איז אין משך פון 15 טעג אָן איבעררייס דורכגעגאַנגען הונדערטער קילאָמעטערס פון דער וויניצער געגנט ביז צו די וואָלינער וועלדער, כּדי איבערצוגעבן אַ בריוו פונעם „לענין"־אָטריאַד. אין דעמדאָזיקן בריוו בעט מען דעם „מעד־וועדיעוו"־אָטריאַד, אַז זיי זאָלן טראַנסמיטירן דורך זייער ראַדיאָ־סטאַנציע קיין מאָסקווע, וועגן דעם קיום און טעטיקייט פון „לענין"־אָטריאַד. דער קאָמאַנדיר בעט אויך מעדוועדיעוון, אַז ער זאָל דאָס צוועלף־יעריקע ייִנגל אַריבערפירן מיטן עראָפּלאַן קיין מאָסקווע.

מעדוועדיעוו שילדערט אין זיין בוך „די גייסטיק־שטאַרקע", ביי וואָס פאַר אַן אומשטענדן זיי האָבן געפונען דעם זעקס־יעריקן ייִדישן ייִנגל, פּיניע:

„אונדזער געשפּרעך איז געוואָרן איבערגעריסן. מיר האָבן געפילט, אַז אין די קוסטעס באַוועגט זיך אַ וועלכע עס איז לעבעדיקע באַשעפעניש. נעמענדיק דאָס געווער אין קריגס־גרייטקייט, האָבן מיר פאָרזיכטיק זיך דערנענטערט צו די קוסטעס.

מיר האָבן דערזען פאַר זיך אַ קליין זעקס־זיבן־יעריקן ייִנגעלע. ער האָט אויסגעזען שרעקלעך. אַן אויסגעדאַרטער, ביינערדיקער קערפּער באַ־צויגן מיט אַ בלויער הויט און דינינקע פיסעלעך... אָנגעטאָן אין שמאַטעס.

די פּיס האָבן געאײַיטערט פון װונדן. ער האָט אויף אונדז געקוקט מיט שרעק, מיט אומעטיקע, אויסגעלאָשענע אויגן. פון די געציילטע ווערטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מען רופט אים פּיניע, אַז ער איז אַנטלאָפן פון געטאָ זוכן זײַן מאַמען, וועלכע די פאַשיסטן האָבן אַרויסגעפירט מיט אַ גרופּע יידן הינטערן שטאָט און אַזוי אַרום פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד. אין די קוסטעס ליגט ער שוין צוויי אָדער דריי מעת־לעת.

„ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש איז געשטאַנען אַ בלאַסער, מיט פאַרדריקטע ליפּן. נישט ריידנדיק קיין וואָרט האָט ער אויסגעטאָן זײַן „טעלעגרייקע" (ווינטער־קורטקע), פאַרזיכטיק אויפגעהויבן דאָס יינגעלע, אײַנגעוויקלט אים אין מלבוש און מיט גיכע טריט אים אַוועקגעטראָגן אין פאַרטיזאַנער־לאַגער".

סוף חודש פעברואַר 1944 איז מעדוועדיעוו געפלויגן קיין מאָסקווע און מיטגענומען מיט זיך דעם קליינעם פּיניע, כדי אַרײַנצוגעבן אים אין אַ דערציִונגס־אַנשטאַלט. און אָט־וואָס מעדוועדיעוו דערציילט וועגן דעם ווייטערדיקן גורל פון יידישן קינד, פּיניע:

„אין מאַי 1946, האָב איך באַקומען אַ בריוו פון צענטראַל־קאָמיטעט פונעם „פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן". אין דעם בריוו בעט אַ געוויסער גרינשפּאַן, מען זאָל אים אָנווייזן דעם אָרט וווּ עס געפינט זיך זײַן קינד פּיניע, וואָס האָט זיך גליקלעכערווייזע געראַטעוועט פון די יידישע שחיטות און לויט קלאַנגען, זאָל ער זיך האָבן געפונען אינעם אָטריאַד פון פּאָלקאָווניק מעדוועדיעוו, און שפּעטער איבערגעפירט געוואָרן מיט אַן עראָפּלאַן קיין מאָסקווע.

„מיר האָבן פּיניען נישט געדאַרפט זוכן. מיר האָבן געוווּסט, אַז ער געפינט זיך אין איינעם פון די קינדער־אַנשטאַלטן הינטער מאָסקווע. איך האָב באַלד וועגן דעם פאַרשטענדיקט זײַן פאָטער, וועלכער האָט געפונען זײַן קינד, וועמען ער האָט שוין געהאַלטן פאַר אַ טויטן".

(„דאָס איז געווען הינטער ראָוונע", ז"ז 279־280).

אין דער צײַטונג פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט „איינִיקייט", פונעם 1טן מאַי 1943, ווערט דערציילט וועגן צוויי יידישע קינדער, די צוועלף־יעריקע אַניאַ און דער צען־יעריקער מישאַ, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן מיט אַן עראָפּלאַן קיין מאָסקווע. די קינדער זענען אַנטלאָפן פון מינסקער געטאָ און אין משך פון אַ יאָר האָבן זיי געלעבט מיט די פאַרטיזאַנער אין די ווײַסרוסישע וועלדער.

אין תל־אָביבער פאַרלאַג „ספרית־פועלים“ איז דערשינען אין יאָר 1947 דאָס בוך „אחד מעיר ושניים ממשפחה“. דאָס איז אַן אָפּקלייב פון ביאָגראַפיעס פון קליינע קינדער, וואָס זענען אַדורך דעם נאַצי־גהינום. און אָט־וואָס עס דערציילן יידישע קינדער, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די מלחמה אַדאַנק די פאַרטיזאַנער:

משה טעמקין, 15 יאָר אַלט, (8 יאָר אַלט בעתן מלחמה־אויסברוך), פון סטאַניסלאַוואָוו, דערציילט:

„...ווי נאָר דער פויער אין דאָרף דובנאָוו האָט זיך דערוווסט, אַז מיין טאַטע איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך אוקראַינער, האָט ער מיר אַראָפּגע־רופן פון מיין באַהעלטעניש אויפן בוידעם און געזאָגט: „גיי ווו דו ווילסט. איך האָב מורא דיר צו האַלטן ביי מיר!“

„יענע נאַכט זענען געקומען פאַרטיזאַנער אין דאָרף נעמען שפּייז. זעענדיק מיר אַן איינגעוויקלטן אין אַ צעריסענעם מאַנטל, האָט איינער פון זיי אַ געשריי געטון צו מיר „די הענט הויך“, מיר רעווידירט און מיטגענומען מיט זיך. הינטערן דאָרף האָט ער מיר געפרעגט ווער איך בין. איך האָב געענטפערט, אַז איך בין אַ ייד און אים געבעטן מיר מיטנעמען. ער האָט געענטפערט: „מיר'ן זען“.

„מיר זענען געקומען אין אַ געדיכטן וואַלד און מען האָט מיר אויפ־גענומען אין קאָלפּאַקס (קאָוופּאַקס) אָטריאַד, וואָס האָט געציילט איבער 2.500 פאַרטיזאַנער. איך בין געווען אין דער ראָטע, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען לייטענאַנט־מאַיאָר וואַסילי. אין אונדזער ראָטע זענען געווען 17 יידן“.

(בנימין טענענבוים, דאָרטן, ז' רכ"ב).

חנניה קוטאָן, 16 יאָר אַלט, (9 יאָר בעתן מלחמה־אויסברוך), פון שטעטל ביטען, באַראַנאָוויטשער געגנט, דערציילט:

„נאָך דריי טעג פאַרבאַהאַלטן זיך אין אַ בונקער בעת דער שחיטה, בין איך ביינאַכט אַנטלאָפן צו די פאַרטיזאַנער.

„אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געגאַנגען דורך פעלדער און וועלדער. דער וועג איז געווען זייער אַ שווערער. רועענדיק אין אַ וואַלד איז אָנגעפאָרן אַ וואָגן און רייטערס. מיר האָבן זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן אַנטלויפן, זיי האָבן אונדז נאָכגעיאָגט און גענומען אין געפאַנגענשאַפט. דאָס זענען געווען פאַרטיזאַנער. אונדזער פרייד איז געווען אין לשער. זיי האָבן אונדז פיין אויפגענומען; זייער קאָמאַנדיר האָט באַפוילן זיינע מענטשן

אַראָפּגייען פון וואָגן און מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט. שפּעט ביינאַכט זע־
נען מיר אָנגעקומען אויף דער באַזע. מען האָט אונדז געגעבן עסן, טרינ־
קען און אַן אָרט צום שלאָפן".

(„אָרט", ז' רכ"ה).

דער 13־יעריקער יעקב אייזן פון שטעטל סלוסט, די 13־יעריקע סאָניע עלבוים פון זאַמאָשטש, דער 15יעריקער אברהם שטיגליץ פון יעזשאָוו, די 16־יעריקע חוה סלאַווין פון שטעטל דונילאָוויטש און פיל אַנדערע קליינע ייִדישע קינדער דערציילן אין א"ד בוך, מיט פּשוטע ווערטער, אין אַ קינדערישער שפּראַך, ווי וואו־ים זיי זענען אויפגענומען געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיי גענומען אונטער זייער שוץ, צי אין די אָטריאַדן, אין די דערנעבנדיקע פאַמיליע־לאַגערן, אָדער ביי פּויערים אין די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס. (היינט צו טאָג געפינען זיי זיך אַלע אין ישראל).

גענעראַל מאַיאָר פּיאָדאָראָוו דערציילט אין זיין בוך „דער אונטער־ערדישער ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי איז טעטיק" (זייט 209), ווי אַזוי פּויערים האָבן געבראַכט אין אָטריאַד אַ פּורל קאַרטשעס (בוים־וואָרצלען) און אונטער די קאַרטשעס, אַרומגענומענערהייט, זענען געלעגן אַ דאַרער ייִדישער בחורל און אַ שוואַרצע 16יעריקע מיידעלע. ביידע האָבן געשוויגן און געציטערט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ סחורה? דערציילט!

און די פּויערים האָבן דערציילט, אַז זיי, אַ ברודער מיט אַ שוועסטער, זענען געקומען צולויפן צו זיי אין דאָרף פון שטעטל מעני, ווו די עסעסאָווצעס שיסן, הענגען און פאַרגוואַלטיקן.

משה פּיטקאָווסקי דערציילט אין בוך „פּנקס ביטען" וועגן דער רירנדיקער איבערגעגעבנקייט פון רוסישן פּאָליטרוק סעריאָזשאַ טאַקאַריי־אָוו צו די קליינע קינדער, וואָס האָבן זיך געפונען אין די פאַמיליע־לאַגערן פון די ביטענער, קאָסאָווער ייִדן אין וואָלטשע נאָרע":

„...פאַר דער גאַנצער צייט זיין אין וואַלד מיט אונדז, האָט דער פּאָליט־רוק געלייגט די גרעסטע אַכט אויף די קינדער: זיי באַזאָרגט מיט מילך און מיט וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען. אין קיין שום פאַל האָט ער נישט געלאָזט אָנרירן די קינדער.

„און אַזאַ זאָרגפולע באַציונג צום יידישן קינד מצד אַ רוס אין אַזאַ משוגענער צייט, ווען עס זענען געווען פאַלן ווען מאַמעס האָבן מיט די אייגענע הענט, אין אַ צייט פון אַ דייטשער אַבלאַווע, דערשטיקט זייערע קליינע קינדער, כדי זיי זאָלן נישט אַרויסגעבן מיט זייערע געוויינערייען די באַהעלטענישן..."

(דאָרט, ז' 258)

עס זענען נישט באַקאַנט אַלע פאַקטן וועגן ראַטעווען יידן דורך שנעלע, פּלוצימדיקע אָנפאַלן פון די פּאַרטיזאַנער אויף אַרבעטס־לאַגערן, שטעטלעך און געטאָס.

דער יידישער אָטריאַד „זשוקאָוו" (קאַפּוליער ראַיאָן), האָט אָרגאַניזירט דאָס אַנטלויפן פון 170 מאַן פון סוויערזשנער אַרבעטס־לאַגער אין די אַרליקער וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער (פּרטים זע אין קאַפּיטל „יידישע פּאַרטיזאַנער פאַר דער רעטונג פון יידן").

אַדאַנק וואָראָניאַנסקיס אָטריאַד, (פּסעוודאָנים „דיאַדיאַ וואַסיאַ" — דער פעטער וואַסיאַ), זענען געראַטעוועט געוואָרן די רעשטלעך פון געטאָ מיאַדעל (אַ שטעטל אין ווילייקער געגנט). אין דעמדאָזיקן אָטריאַד האָט זיך אָנגעשלאָסן אַ יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון מינסקער געטאָ, אונטער דער אָנפירונג פון חיים אַלעקסאַנדראָוויטש און בינאָן (אָטריאַד־קאָמיסאַר), וואָס האָט פריער עקזיסטירט ווי אַ באַזונדערע איינהייט א"נ „אָטריאַד נומ. 496".

אָט איז אַ שילדערונג פון הערשל סמאָליאַר, וועגן דעם אָנגריף פון אָטריאַד „דיאַדיאַ וואַסיאַ" אויפן שטעטל מיאַדעל:

„אַז אונדזער אָטריאַד, איז אַרויס אַנצוגרייפן דעם דייטשן גאַרניזאָן אין שטעטל מיאַדעל, האָבן אונדזערע יידישע חברים געוווסט, אַז מיר האָבן נאָך איין ציל אין דעם דאָזיקן קאַמף — באַפרייען די געטאָ־יידן. די שלאַכט האָט געדויערט פינף שעה. פאַראַן קרבנות אויך אויף דער זייט פון די פּאַרטיזאַנער: 5 טויטע, צווישן זיי אויך דער פאַרטרעטער פון אָטריאַד־קאָמאַנדיר. דער שונא האָט געשיקט אַ שליח נאָך הילף פון דעם גאַרניזאָן אין דער נאָענט־ליגנדיקער שטאָט. חיים אַלעקסאַנדראָוויטש האָט מיט זיין קוילנוואַרפער אָפּגעהאַלטן דעם דייטשן פאַרבינדלער צו דערפילן זיין אויפגאַבע. דער צאָרן און עקשנות פון די „נקמה־נעמער" איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. די פייַנטלעכע אָקאָפּעס אַרום די בנינים, ווו זיי האָבן זיך פאַרשאַנצט — זענען שוין פאַרכאַפּט געוואָרן. די פּאַרטיזאַנער האָבן מיט שטורעם זיך אַריינגעריסן אין שטעטל און בעת זיי זענען נאָך געווען

פאַרנומען מיטן פאַרניכטן די לעצטע רוצחים פון דייטשן גאַרניזאָן, זענען שוין די יידישע פאַרטיזאַנער געשטאַנען לעבן געטאָ און גערופן: „יידן, אַרויס פונעם געטאָ!" די יונגע און קאַמפּס־פעיקע זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אינעם אָטריאַד. די אַלטע, פרויען און קינדער האָט מען געבראַכט אין וואַלד אַריין אין אַ פאַמיליען־לאַגער".

(ה. סמאָליאַר — „פון מינסקער געטאָ", ז"ז 137־138).

וועגן דער רעטונג פון די רעשטלעך יידן פון געטאָ סקאַלאַט (מזרח־גאַליציע) דורך דער פאַראייניקונג פון לעגענדאַרן העלד, דעם פאַרטיזאַנער־קאָמאַנדיר, גענעראַל מאַיאָר קאָוופּאַק, האָבן מיר דריי אויטענטישע קוועלן: אַ רוסישע און צוויי יידישע. מיר וועלן צוערשט ציטירן לויטן רוסישן מקור:

„— סקאַלאַט איז געבליבן איינגעקריצט אין אונדזער זכרון צוליב נאָך אַ צופאַל:

„בדרך נס האָט נאָך אין פרילינג 1943, עקזיסטירט אין דעם ישוב אַ יידישער געטאָ, אָדער ריכטיקער — בלויז רעשטלעך פון אים. הינטער די שטעכל־דראָטן האָבן געלעבט יידישע בעלי־מלאכות: שניידערס, שוס־טערס, רימערס. די דייטשן האָבן אָפּגעלייגט דעם טאָג פון זייער ליקווי־דאַציע. זיי געהאַלטן ביים לעבן אויף הונגער־פּאַרציעס און געצוווּנגען צו אַרבעטן פאַר זייערע באַדערפעניש. העכער דרייהונדערט מאַן, צווישן זיי פרויען, קינדער און זקנים, זענען באַפרייט געוואָרן פון שקלאַפעריי, דורך די סאָלדאַטן פון קאַרפּענקאָס ראָטע. אַ מאַסע אָפּגעריסענע, באָרוועסע און פאַרפייניקטע מענטשן זענען נאָכגעלאָפן נאָך דער דריטער ראָטע און נישט אָפּגעטראָטן פון איר. זייער דערשיינען אין אונדזער לאַגער האָט אונדז זייער צעטומלט. מיר האָבן געוווּסט, אַז אויב זיי וועלן בלייבן אין שטאָט, וועלן זיי באַלד צו מאָרגנס אומגעבראַכט ווערן דורך די פאַשיסטן. אָבער טראָץ אַלעמען האָבן מיר נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט מיטצור־נעמען די אומגליקלעכע מיט אונדז. זענען מיר דאָך אַ מיליטערישע פאַר־מאַציע, וואָס מאַכט אַדורך אַ שווערן און קאָמפּליצירטן מאַרש. צי וועלן די אַלטע און שוואַכע קענען אויסהאַלטן און נאָכהאַלטן אונדזער געפאַר־פולן קריגס־מאַרש. אָבער קיין אַנדערן אויסוועג האָבן מיר נישט געזען. במשך פון דער נאַכט וועלן מיר נאָך אַ טראַכט טון וועגן זייער ווייטער־דיקן גורל. קאָוופּאַק האָט באַויפטראַגט פּאַוולאָווסקין (דער ממונה אויף דער ווירטשאַפט), אויפצושטעלן אַ צאָל וועגענער פאַר די שוואַכע. די געזונטע האָבן געמוזט נאָכגיין צופוס. די נייע זאָרגן האָבן, דער קאָמאַנדיר און קאָמיסאַר, איבערגעלאָזט פאַרן קומענדיקן פרי־פאַרטאָג".

(פּעטראָ ווערשיגאָראַ — „מענטשן מיט אַ ריינעם געוויסן", ז"ז 427־428).

לויט קאָופּאַקס פּאַרטרעטער, פּעטראָ ווערשיגאָראַ, האָבן די סקאַלאַטער ייִדן באַזונדערס געליטן פון דער דייטשער באָמבאַרדירונג אויף דעם לאַגערונגס־וואַלד, באַלד צוזאַמערגנס נאָך זייער באַפרייאונג. די ייִדישע פרויען האָבן געמסרט מיט זייערע העלע מלבושים די דייטשישע באָמבאַרדירערס דעם זיץ־אָרט פון די פּאַרטיזאַנער. מיר ברענגען דאָ ווערשיגאָראַס אַ דראַמאַטישע שילדערונג וועגן דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן, אין פאַרבינדונג מיט די געראַטעוועטע סקאַלאַטער ייִדן:

„— צום זיץ־אָרט פון די פּליטים איז אָנגעקומען קאָופּאַק. די אומגליקלעכע האָבן זיך נאָך געפונען אונטערן איינדרוק פון דער באָמבאַרדירונג. אין עטלעכע מינוט אַרום האָב איך געהערט זיין באַפעל: „אויפשטיין, אויסשטעלן זיך אין רייען!" אין צוויי שורות זענען געשטאַנען משונהדיקע סאָלדאַטן. אין רעכטן פליגל האָבן זיך געשטעלט פרומע זקנים אין לאַנגע קאַפּאָטעס. אין דער צווייטער שורה הינטער זיי — פרויען. אייניקע פון זיי האַלטנדיק ביי דער האַנט גרעסערע קינדער און אין לינקן פליגל — מיידלעך. לענג אויס דער שורה האָט דורכגעשפּאַצירט דער אַלטער קאָמאַנדיר פאַר וועמענס קאָפּ די פאַשיסטן האָבן צוגעזאָגט אַ פּרעמיע פון 50 טויזנט גאָלד־רובל. פאָכענדיק מיט זיין שטעקן האָט ער די מענטשן אויפגעקלערט, וויאַזוי זיך צו פאַרהיטן פון פייַנטלעכע באָמבאַרדירונגען.

„— הערט וואָס איך וועל אייך זאָגן, קוקט אייך צו..." ער האָט אויסגעטאָן זיין היטל און די זון־שטראַלן, וואָס האָבן אַדורכגעדרונגען דורך די צווייגן, האָבן באַלויכטן זיין פליך.

„— איך בין אַלט און פליכעוואַטע געוואָרן אין מלחמות. איך האָב שוין עפּעס געזען. אויך דעם טויט האָב איך אין מיין לעבן נישט איין מאָל געזען. אַזוי אַרום, אַז איר קענט זיך רויק פאַרלאָזן אויף מיר. דאָס וויכטיקסטע געזעץ אין קריג איז — קיינמאָל נישט פּרווון אים אויסצומיידן. גיי אים דרייסט אַנטקעגן. דער קריג אַליין איז אויך אַ פּחדן. די מוטיקע טרעפט ער נישט. אַן עראָפּלאַן איז נישט קיין מלחמה זאַך. נאָך וואָס אַנטלויפן פאַר אים? ליג זיך רויק. העלע קאָפּטיכלעך און קליידער דאַרף מען פאַרמאַסקירן. וויאַזוי מאַסקירן? גאַנץ פּשוט. ברעך אָפּ אַ צווייגל און פאַרדעק זיך מיט אים".

קאָופּאַק האָט פון אַ בוים אָפּגעבראָכן אַ צווייגל. אַרויסגענומען פון דער שורה אַ מיידעלע, אָנגענומען פאַרן הענטל, אַוועקגעשטעלט פאַר דער שורה און איר געגעבן דאָס צווייגל...

„— און איצט קוקט און זעט!"

„דאָס קינד האָט זיך פּאַרדעקט מיטן צווייגל. די מענטשן, וואָס ערשט נעכטן בעת דער באָמבאַרדירונג זענען געווען באַהערשט פון גרויס פּחד און פּאַניק האָבן איצט מיט התפּעלותדיקן מורמלען צוגעשטימט צו די רייד. אין די רייען פון דער יוגנט האָט זיך געהערט אַ געלעכטער. די זקנים האָבן צוגעשאָקלט מיט די באַבערדעטע קעפּ אַלס צייכן פון הסכּמה, ווי בשעת קריאת התורה.

„איבערקוקענדיק זיינע נייע אונטערגעאָרדנטע האָט ער זיך געווענדט צו זיי מיט זיין באַליבטן ווערטל:

„— פּאַרשטאַנען? אַטוואָס!"

„אומצופרידן מיט זיינע נייע סאָלדאַטן, האָט ער אַ ווײַלע נאָכגעקלערט און געזאָגט:

— „איצט וועל איך מיט אייך פירן אַן ערנסטן געשפּרעך. מיר זענען קאַמפּס־מענטשן. מיר גייען אַנטקעגן וויכטיקע ענינים. הגם איך האָב אויף אייך רחמנות, וועל איך דאָך נישט קענען אויפנעמען אַלעמען אין מיין אָטריאַד. זאָל יעדער פּאַר זיך אָפּשאַצן זיינע כּוחות. צי איז ער פעיק פּאַר אַ מלחמה־לעבן? צי איז דאָס נישט איבער זיינע כּוחות? באַשליסט אַליין, איך גיב אייך די ברירה. יעדער וואָס קען און וויל טראָגן אַ ביקס זאָל בלייבן! אַ שונא פון די פאַשיסטן זאָל בלייבן! ווער עס שרעקט זיך נישט פאַרן טויט און איז גרייט מקריב צו זיין דאָס לעבן פאַרן פאַטערלאַנד — זאָל בלייבן! אָבער די, וואָס דאָס אַלץ איז איבער זייערע כּוחות און נישט לויט זייער גייסט, זאָלן מיט אונדז נישט מיטגיין! איך זאָג עס אייך אָפן — זאָלן נישט מיטגיין! מיר וועלן העלפן די אַלע, וואָס וועלן בלייבן. מיר וועלן אייך פאַרטיילן אין די דערפער, פאַרבאַהאַלטן צווישן די מאַסן און איבערלאָזן פאַר אייך שפּייז. די פון אייך, וואָס וועלן אַריינטרעטן אין אונדזערע רייען, וועלן דאַרפן אָפּגעבן אַ געטריישאַפטס־שבועה. און אויב איר וועט ברעכן די שבועה און באַשטראָפט ווערן, זאָלט איר אייך נישט פילן באַליידיקט. ווייל איין משפּט איז דאָ ביי אונדז פאַר אַלעמען: רוסן און אוקראַינער, טאַטאַרן און יידן. באַקלערט זיך ביזן אָוונט. באַראַט זיך מיט אייערע זקנים. פאַרנאַכט וועל איך צו אייך שיקן מיינע קאָמאַנדירן און דערווייל צעגייט זיך!"

(פּעטראָ ווערשיגאָראַ — „מענטשן מיט אַ ריינעם געוויסן", ז"ז 430־432).

און אָט איז אַ יידישע עדות וועגן סקאַלאַט:

„אַריינקומענדיק אין שטאָט אַריין האָבן קאָוופּאַקס פּאַרטיזאַנער פאַר־כאַפּט די דייטשע מאַגאַזינען, האָבן צעשטערט די בנינים פון די דייטשע אינסטיטוציעס, אויפגעריסן די בריקן און דאָס אַלץ איז געטון געוואָרן מיט דער הילף פון די אָרטיקע יידן. אַז די פּאַרטיזאַנער האָבן אָנגעהויבן

פֿאַרלאָזן די שטאָט, האָבן כמעט אַלע יידן געבעטן, אַז מען זאָל זיי מיט־נעמען. אָבער די פּאַרטיזאַנער האָבן נישט מסכים געווען, דערקלערנדיק, אַז זיי דאַרפֿן סאָלדאַטן, געזונטע מענטשן און נישט קיין לאַגער־יידן, וואָס שלעפּן קוים די פֿיס. נישט געקוקט דעריף זענען מיטגעלאָפֿן מיט די פּאַרטיזאַנער אַן ערך דרייסיק לאַגער־יידן, די פֿיזיש־געזונטערע, וואָס האָבן בשום אופן נישט געוואָלט בלייבן אויפֿן אָרט, ווו עס דערוואַרט זיי אַ זיכערער טויט. די סאָלדאַטן האָבן זיי אָוועקגעטריבן מיט שטעקנס. אָבער זיי זענען אַלץ נאָכגעלאָפֿן. נאָך אַ סך שווערע נסיונות האָבן זיי באַקומען געווער און אין עטלעכע טעג אַרום זענען זיי איינגעשלאָסן גע־וואָרן אין דעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. די מערהייט פֿון דער סקאַלאַטער יוגנט איז אומגעקומען אין אַ גרויסן קאַמף אין די קאַרפּאַטן־בערג".

(אַברהם ווייסבאַרד, „עס שטאַרבט אַ שטעטל" — מגילת סקאַלאַט. ז"ז 133־135).

דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, וואָס בעת קאָוופּאַקס שטעלפֿאַר־טרעטער — גענעראַל־מאַיאָר פּ. ווערשיגאָראַ שילדערט באריכות אַלע איינצלהייטן, פֿאַרבונדענע מיט די געראַטעוועטע פֿון סקאַלאַטער געטאָ, פֿאַרשווייגט קאָוופּאַק אינגאַנצן אין זיין בוך „פֿון פּוטיוואַל ביז צו די קאַרפּאַטן", דעם פֿאַקט, אַז זיין אָטריאַד האָט געראַטעוועט יידן. כאָטש ער דערציילט אויספֿירלעך וועגן דער דעראָבערונג פֿון דער שטאָט און די טראָפּייען, וואָס זענען אים דאָרט אַריינגעפֿאַלן אין זיינע הענט. (ז' 126).

מיר האָבן אַ דריטן עדות — ראָזנבלאַט גד (גרישע), אַ פּאַרטיזאַן פֿון קאָוופּאַקס איינהייט, דער קאָמאַנדיר פֿון דער 7טער יידישער ראָטע, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן נאָכן באַפֿרייען די יידן פֿון סקאַלאַט. זיין עדות־זאָגן אַלס דירעקטער אַנטיילנעמער און ייד, איז פֿאַר אונדז וויכטיק.

אין זיין בוך „פֿון אַ פֿונק צו אַ פֿלאַם", שילדערט ער די אַנטוויקלונג פֿון די געשעענישן אַרום די געראַטעוועטע יידן פֿון סקאַלאַט:

„די דריטע ראָטע, לענקינס רייטער־אָפּטיילונג און אַנדערע פֿאָרמאַ־ציעס האָבן דעם 4טן יולי 1943, אין גיכן נאָך די צעקלאַפּטע דייטשן, אַריינגעריסן זיך אין שטעטל און אַריין אין אַ קאַמף מיט די רעשטלעך פֿון צעקלאַפּטן גאַרניזאָן און דער ציווילער דייטש־אוקראַינישער אַדמי־ניסטראַציע. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אין אַ יידישן לאַגער אַרומגעצאַמט מיט שטעכלדראָט. זיי האָבן באַפֿרייט די יידן, וועלכע האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו די פֿיס פֿון די פּאַרטיזאַנער און אָנגעהויבן זיי צו קושן...

„...איך און פּעטיאַ זענען געגאַנגען זען די סקאַלאַטער יידן. לעבן שטאַב האָבן מיר געזען אַ פּאָר הונדערט יידן, פרויען, קינדער, יונגע און אַלטע, זיצן אונטער די ביימער און עסן, וואַרפנדיק בליקן אין אַלע זייטן. פון זייערע רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז נאָך איינִיקע „סאָרטירּאָווקעס" האָט מען דאָס ביסל יידן איבערגעלאָזט אין אַרבעטס־לאַגער, ווו זיי האָבן געאַרבעט ביי צוואַנגס־אַרבעט. די געראַטעוועטע האָבן נישט געוווּסט צי פרייען זיך אויף דעם נס פון דער רעטונג אָדער וויינען, וואָס זיי זענען

ראָזענבלאַט גד (גרישאַ)

קאָמאַנדיר פון דער 7טער יידישער ראָטע אין קאָוופּאַקס אָטריאַד, אָרגאַניזאַטאָר און אַנפירער פון דער יידישער פּאַרטיזאַנער גרופּע פון זאָפּיוווקע אין די צומאַנער וועלדער (וואָלין).

געבליבן אַזוי ווינציק. פּעטיאַ האָט פון די געשפּרעכן זיך דערוווּסט פיל פּרטים וועגן אַלץ, וואָס זיי זענען אַדורך און אַדורכגעמאַכט. פאַר אונדז איז געווען קלאָר, אַז בלויז די יונגע פון זיי וועלן זיך קענען אָנשליסן צו אונדז. איך האָב זיך נישט געקענט דערטראַכטן, וואָס וועט זיין מיט די אַלטע לייט און די קינדער. פּעטיאַ מיינט, אַז זיי וועלן זיך קענען אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער און ביי פּויערים".

(דאָרט, פון כתב־יד).

אין איינִיקע טעג אַרום, דעם 10טן יולי 1943, איז דער פּאַרטיזאַנער־באַזיס באָמבאַרדירט געוואָרן. ראָזענבלאַט דערציילט:

„איך האָב געאײַלט אין וואַלד צו אונדזער לאַגער. איך האָב געהאַט אַ שלעכטן פאָרגעפיל. איך בין צוגעקומען צום באַזיס פון אונדזער ראָטע און מיר איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. דער אָרט איז געווען פול מיט גריבער, פון וועלכע עס האָבן זיך דערטראָגן קרעכצן און געוויינען. צווישן די פאַרוווּנדעטע זענען געווען כמעט די גאַנצע קאָמאַנדשאַפט פון אונדזער 7טער יידישער ראָטע (שטשערבאַטע וואַניע, אַדאַם קופער, הייטשיק זיסיע א״אַ). צוזאַמען האָבן מיר אויפגעציילט מער ווי צען שווער־ און לייכט־פאַרוווּנדעטע. מיר האָבן זיי אַרויפגעלייגט אויף וועגענער און אָפּגעשיקט צו דער מעדיצינישער אָפּטיילונג ביים שטאַב.

אין די רייען האָבן זיך אויסגעשטעלט, אויף מיין באַפעל, בלויז 45 מאַן. פון דער קאָמאַנדשאַפט זענען אַרויס גאַנץ בלויז איך, דער פּאָליטרוק וואָטשין חיים און צוויי ווזוואָד־קאָמאַנדירן.

„ריידנדיק מיט די איבערגעשראָקענע פּאַרטיזאַנער איז אינצווישן געקומען צולויפן דער פאַרבינדלער און געמאָלדן, אַז דער קאָמאַנדיר־גענעראַל קאָוופּאַק ,און פּאָלקאָווניק ווערשיגאָראַ גייען צו אונדז. איך בין געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט — פונקט דאַרפן זיי אונדז זען אין אַזאַ נעבעכדיקן, חרובן מצב, נאָך אַ באָמבאַרדירונג...

„עס האָט זיך צו אונדז דערנענטערט קאָוופּאַק, אָנגעשפּאַרט אויף זיין פּאַסטוך־שטעקן צוזאַמען מיט ווערשיגאָראַ און באַזימאַ (שטאַב־נאַטשאַלניק). נאָכן אָפּנעמען דעם ראַפּאָרט איז קאָוופּאַק איבערגעגאַנגען זיך צווישן די רייען, באַטראַכטנדיק אויפמערקזאַם די מענטשן. נאָך דעם האָט ער געזאָגט:

„איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז מיר זענען סאָלדאַטן, ווען עס שטייט פאָר אַ לאַנגער קאַמפּס־וועג. איך ווייס און פאַרשטיי אייער באַזונדערע לאַגע. מיינע שטאַב־מענטשן האָבן פאַר אייך פאַרשטענדעניש. אָבער פאַרשטייט, אַז איר קענט נישט זיין קיין אויסנאַם פון אַלעמען. איר מוזט אויספירן באַפעלן, גענוי ווי אַלע. די, פון אייך, וואָס ווילן באַשליסן צו פאַרבלייבן דאָ, וועלן מיר זיי מיטהעלפן מיט אַלעמען. מיר האָבן שוין אַ סך פון אייערע מענטשן איינגעאָרדנט אין דער סביבה ביי פויערים מעגלעך, אַז אויך צווישן אייך זענען דאָ שוואַכע מענטשן. זאָלן זיי אַרויסגיין פון די שורות. אָבער ווייסט אייגס, אַז די, וואָס ווילן פאַרבלייבן, וועלן מוזן אויספירן באַפעלן גענוי ווי אַלע אַנדערע זעלנער. מיר האָבן נאָ מינירט איבער אייך אַ גוטע אָנפירונג, פּאַרטיזאַנער מיט אַ קאַמפּס־עבר. איך האָב געהערט, אַז אַ סך פון אייך זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. פון היינט וועט אייער קאָמאַנדיר זיין, גריגאָרי לייבאָוויטש ראָזענבלאַט און דער פּאָליטרוק וועט פאַרבלייבן דער זעלבער, פעטיאַ וואָטשין. ווידער. איר האָט זיך נישט געטאָרט באַוועגן בעת דער באָמבאַרדירונג. דער עראָפּ־

לאַן אין דער הויך קען גאָרנישט באַמערקן, אויב אוגטן איז נישטאָ קיין באַוועגונג. די נאַטור האָט געשאַפֿן ביימער און בלעטער, כדי צו קענען זיך מאַסקירן. אין אַ נויט־פֿאַל נעמט בלעטער, צווייגן און פֿאַרדעקט מיט דעם אייערע קערפּערס. געדענקט דאָס גוט!"

(„פֿון אַ פּונק צו אַ פֿלאַם" פֿון כתב־יד, דערשיינט אין גיכן אין פֿאַרלאַג „עם־עובד", תל־אָביב).

פֿון אַ געשפּרעך צווישן מחבר פֿון א"ד בוך מיט שטשערבאַטן דערוויסן מיר זיך, אַז די אַלטע, שוואַכע און קינדער האָבן זיך באַוועגט צוזאַמען מיטן אָבאָז (פֿורן). ביי יעדן פּונקט ווו מען בלייבט אָפּרוען, באַמיט זיך דער סטאַרשינאַ פּאַוולאָווסקי איינצואָרדענען זיי ביי די פּויערים. לויט קאָווּפּאַקס באַפֿעל, לאָזט מען איבער פּאַר אַזעלכע פּויערים שפּייז און סחורות און מען טוט עס געהיימנישטפֿול, אַז שכנים זאָלן פֿון דעם נישט וויסן.

(דאָרט, פֿון כתב־יד).

קאָוופּאַק און ווערשיגאָראַ דערמאָנען נישט מיט קיין וואָרט דעם פֿאַקט, אַז זייער פֿאַראייניקונג האָט בעתן אָנפֿאַל אויף דעם שטעטל לעלטשיצי (מזרח־אוקראַינע) באַפֿרייט די לעצטע אַכט יידן.

ראָזענבלאַט גד, דער קאָמאַנדיר פֿון דער צומאַנער יידישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וואָס האָט זיך שפּעטער אלס גאַנצע אַריינגעגאָסן אין קאָוו־פּאַקס פֿאַראייניקונג (דעצעמבער 1942), דערציילט וועגן אַ געשפּרעך מיט די באַפֿרייטע לעלטשיצער יידן:

„איך האָב זיך דערוווסט, אַז בעתן אָנפֿאַל פֿון אונדזערע קאָוופּאַקאָווצעס אויפֿן גאַרניזאָן פֿון דעם שטעטל לעלטשיצי, האָבן זיך געראַטעוועט אייניקע יידן. מיין האַרץ איז אויסגעגאַנגען צו זען און ריידן מיט אַ געראַטעוועטן יידן פֿון מזרח (סאָוועטישע)־אוקראַינע.

„ענדלעך האָב איך זיי הייבט אויפֿגעזוכט אין איינעם פֿון די דאָרפֿישע הייזער. בלאַסע, דאַרע מיט אומעטיקע פּנימער זענען זיי געזעסן יעדער אין זיין ווינקל און געשוויגן. אַז איך בין אַריין, זענען זיי אויפֿגעשטאַנען פֿון זייערע ערטער, מיינענדיק, אַז איך בין אַ רוס. ערשט ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז איך בין אַ ייד, האָבן זיי אָנגעהויבן אַראָפּריידן זיך פֿון האַרץ און דערציילן אַלץ, וואָס זיי האָבן אַדורכגעמאַכט.

„זיי זענען געווען די לעצטע יידן פֿון שטעטל. די דייטשן האָבן זיי איבערגעלאָזט אַלס פֿאַכמענער צו זייער באַקוועמלעכקייט. זיי האָבן גע־

נייט אָנצוגער און שיך, אַכצן שעה אין מעת־לעת און דערפֿאַר באַקומען אַ האַלבן קילאָ ברויט און אומגעשיילטע קאַרטאָפֿל. זיי האָבן געלעבט אין אַ קליין שטיבל לעבן בנין פון געביטס־קאָמיטאַר, אַרומגעצאַמטע מיט שטעכל־דראָט. יעדן וואָך פלעגן די דייטשן אַרויסנעמען דריי מענטשן פון אונדז, כלומרשט צו אַן אַנדער אַרבעט. מער האָבן מיר זיי שוין נישט געזען. ביז אייער אָטריאַד האָט אונדז באַפרייט בעת זייער אָנפאַל אויפן שטעטל, זענען מיר געבליבן אַכט פון זעכציק לכתחילה״.

(ראָזענבלאַט גד — „פון אַ פונק צו אַ פלאַם״, פון כתב־יד).

דעם 18טן מאי 1943 האָבן די פאַרטיזאַנער געמאַכט אַ „חשבון״ מיטן שטעטל נאַליבאָקי, וואָס ליגט אין האַרץ פון דער פושטשע. דאָ האָט סטאַציאָנירט א דייטשער גאַרניזאָן פון ווייסרוסישער פאָליציי. די ווייסרוסישע באַפעלקערונג אין נאַליבאָקי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַ ווייסרוסישע אַנטי־פאַרטיזאַנער זעלבסט־שוץ. זיי האָבן געהאָלפן די דייטשן אויסהרגענען די ייִדן, צערויבט זייער פאַרמעגן און צוגענומען זייערע הייזער. די ייִדישע פּאַרטיזאַנער פון די רוסישע אָטריאַדן האָבן פאַרברענט די ייִדישע הייזער און געהרגעט אַ סך פון די „סאַמאָכאָוואַ״־לייט. דער רוב פון די ייִדישע רעשטלעך זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער און זיך איינגעשלאָסן אין די פאַרטיזאַנער רייען. די נישט קאַמפּס־פעיִקע זענען אויפגענומען געוואָרן אין ביעלסקיס אָטריאַד.

די פינסקער פאַרטיזאַנער פאַראייניקונג (קאָמאַנדיר קאָמאַראָוו) האָט אין חודש סעפטעמבער 1942 אָנגעגריפן דעם דייטשן גאַרניזאָן פון דעם שטעטל לענין (פאָלעסיע). בערל גינזבורג, א תושב פון שטעטל, האָט מיט די אייגענע הענט דערוואָרגן דעם זשאַנדאַרמעריע־„הויפטמאַן״ גראָסמאַן. דער אָנגריף איז געקומען אַ חודש נאָך דער ליקווידאַציע פון די לענינער ייִדן (14טן אויגוסט 1942). אַכט און צוואַנציק לעצטע ייִדן, וואָס די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט אַלס בעלי־מלאכות, זענען אָפּגעטראָטן מיט די פאַרטיזאַנער נאָכן פאַרניכטן די געביידעס פון דער פאָליציי און זשאַנדאַרמעריע.

לויטן פלאַן פון ייִדישן קאָמאַנדיר פון דער 51טער ייִדישער גרופּע ביים אָטריאַד „שטשאָרס״, פיאָדאָראָוויטש (האָמעל) איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אָנפאַל אויפן דייטשן גאַרניזאָן אין שטעטל קאָסאָווע (בריסקער קרייז).

דער אָנפאַל האָט געצילט:

1) באַפרייען די יידן פון קאָסאָווער געטאָ.

2) צונעמען דאָס געווער פון די אַרסענאַלן, וועלכע זענען דאָרט פאַר־בליבן נאָכן אָפּטרעטן פון דער רויטער אַרמיי.

דעם 2טן אויגוסט 1942 איז דער גאַנצער אָטריאַד „שטשאָרס״ אין אַ צאָל פון 500 מאַן אַוועק אין דער ריכטונג פון קאָסאָווע. גלייכצייטיק זענען

אַ יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין פּאָלעסיע (1943)
אַרכיוו „יד ושם״ אין ירושלים, נומער 1074

פון מערב (פון מיכאַלינער וועלדער, רוזשאַנער פּושטשע) אַרויס די אָט־ריאַדן „וואָראָשילאָוו״ און „דמיטריעוו״ אין אַ צאָל פון 200 מאַן.

אויף פּאַרטאָג האָט דער פּאַרטיזאַנער 45 מ״מ האַרמאַט אָנגעהויבן די אָפּענסיווע. די פּאַרטיזאַנער זענען מיט אַ „הוראַ״־געשריי גלייך אַוועק אין שטורעם אויפן גאַרניזאָן, וועלכער איז באַשטאַנען פון 32 גרענעץ־וועכטערס (קאָסאָווע איז געווען די גרענעץ צווישן ווייסרוסלאַנד און „דריטן רייך״), עטלעכע פערציק פּאָליציי־לייט און אַרום 75 ס״ס־לייט, אָנגעקו־

מענע פון איוואַצעוויטש, אויף דער ענדגילטיקער „ליקווידאַציע" פון די ייִדן אין קאָסאָווע.

אין קאָסאָווער געטאָ האָבן זיך דאַן געפונען לערך 500 ייִדן, פאַר־בליבענע פון די פריִערדיקע שחיטות. ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטעטל, האָט אַ טייל ייִדן געכאַפּט ביקסן פון די גע־הרגעטע דייטשן און געוואָרפן זיך צו הילף די אָנגרייפנדיקע פּאַרטיזאַנער. מער ווי דריי הונדערט ייִדן זענען דאַן אַנטלאָפן מיט די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער און אויפגענומען געוואָרן אין די אָטריאַדן.

וועגן דער רעטונג פון די קאָסאָווער געטאָ־ייִדן איז אויך פאַראַן אַ דאָקומענט פון איינעם פון די געראַטעוועטע ייִדן:

„— נאָכדעם ווי די פּאַרטיזאַנער, אַ דרייהונדערט מאַן, האָבן נאָך אַ פיר שעהדיקן קאַמף פאַרטריבן די דייטשן פון שטעטל, זענען זיי ווידער פאַרשווונדן אין די וועלדער. זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך בלויז די ייִנגערע. די עלטערע און שוואַכע ייִדן האָבן זיי נישט געוואָלט מיטנעמען און זיי איבערגעלאָזט אין שטאָט. איך און מיין ברודער זענען מיטגעגאַנ־גען מיט די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד אַריין. מאַנטיק אינדערפרי (3טן אוי־גוסט) זענען געקומען דייטשן פון דער נאָענטער סביבה און האָבן אויס־געשאָסן אַלע ייִדן".

(דוד לייבאָוויטש — „ביי קאָסאָוו אין פּאָלעסיע", „פון לעצטן חורבן", מינכען, אויגוסט 1947, נומער 6, ז' 50)

דער פּאַרטיזאַנער קאַמף קעגן די דייטשן און דאָס אויסראָטן צענדלי־קער טויזנטער היטלעריסטישע מערדערס און זייערע מיטהעלפערס איז אומדירעקט געווען אַ נקמה פאַר אונדזער בלוט.

אין די לעצטע טעג פון חודש מאי 1944 האָבן די אָטריאַדן פון „לע־ניִנסקי קאָמסאָמאָל", „סוואָראָוו" און ספּעץ־גרופּע „דאַווידאָוו" — פון גענ. מאַיאָר קאַפּוסטינס פּאַראייניקונג (טעטיקייטס־ראַיאָן רוסקע פּושטשע ביי נאָוויגראַד, סקידל) אונטערגענומען אַ שטראָף־עקספּעדיציע קעגן ליטווישן דאָרף מוסטייקאַ, ביי דעם שטעטל מאַרציקאַנץ.

איידער די שטראָף־עקספּעדיציע איז אַרויס אין וועג האָט דער שטאַב־נאַטשאַלניק פון „לענינסקי־קאָמסאָמאָל" געהאַלטן פאַר די פּאַרטיזאַנער אַ רעדע:

ייִדישע פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „לעניִנסקי קאָמסאָמאָל״
אין נאַטשער פּושטשע

פון לינקס צו רעכטס: חיים בערקאָוויטש (ראַדון), חיים־יצחק (איטשקע) בערקאָוויטש (ראדון), בנימין ראָגאָווסקי (ראַדון) און שלום בערנשטיין (אָראַן). אַרכיוו פון „יד ושם״ אין ירושלים, נומער 584).

משה קאַגאַנאָוויטש

„— סאָלדאַטן, קאָמאַנדירן און פּאָליטרוקעס! נישט ווייט פון דאַנען געפינט זיך אַ דאָרף פון ליטווישע באַנדיטן, מוסטייקע. איר אַלע האָט גע־פילט אויף דער אייגענער הויט די רוצחישע מעשים פון דער דאָזיקער פאַשיסטן־נעסט. מיט דער הילף פון די דייטשן האָבן זיי אָרגאַניזירט אַ באַנדע און פון לויערונגען באַפאַלן די פּאַרטיזאַנער, איבערגעגעבן די דייטשן אונדזערע פלענער און באַדראָט אונדזערע סאָלדאַטן, ביים אַריינ־גיין אין דאָרף.

„אָט דערנענטערט זיך צו אונדז די רויטע אַרמיי. אין די דאָזיקע מינוטן טאָר מען נישט פאַרגעסן די פאַרברעכנס פון דאָרף מוסטייקע קעגן דער רויטער אַרמיי אין אָנהייב פון דער מלחמה, יולי 1941. זיי האָבן געכאַפּט רויטאַרמייער גרופּעס און איינצלנע, זיי פאַרפּייניקט און געמאָרדעט אויף די גרויזאַמסטע אופנים. די גאַנצע געגנט רעדט וועגן פאַרפּייניקן אַ סאָוועטישן קאַפּיטאַן, זיין פרוי און קינד, ווען ער האָט געבעטן אין דעם באַנדיטישן דאָרף אַ שטיקל ברויט. זיי האָבן אויפגע־שניטן דעם בויך פון דער פרוי און אים אָנגעפילט מיט מיסט און דעם קאַפּיטאַן מיט זיין קינד האָבן זיי געלינטשט. ערשט נעכטן איז געפאַלן אַ קרבן פון דידאָזיקע פאַרברעכערישע פאַשיסטן, דער פּאַרטיזאַן לאַמפּערט (אַ ייד פון גראָדנער געטאָ), בעת ער איז מיט זיין גרופּע געקומען אין דאָרף קאַבילי דערפילן אַן אויפגאַבע פון שפּייז־פאַרזאָרגונג. צי וועלן מיר דען נישט נעמען קיין נקמה פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון אונדזערע ברידער און שוועסטער? היינט וועלן זיי געמשפּט ווערן! דאָס גאַנצע דאָרפס־פאַרמעגן וועט קאָנפיסקירט ווערן! דאָס דאָרף וועט פאַרברענט ווערן, אַז עס זאָל נישט איבערבלייבן קיין זכר פון דעם באַנדיטן־נעסט, און די מיטגלידער פון דער „זעלבסטשוץ" וועלן דערשאָסן ווערן! איך האָף, אַז איר וועט וויסן ווי זיך נוקם צו זיין! האַנדלט אָן רחמנות!"

מיר, די ווייניקע יידישע פּאַרטיזאַנער, האָבן אויך געוווּסט וועגן דעם שוידערלעכן מאַסן־מאָרד פון די מוסטייקער פּאָגראָמטשיקעס איבער די געראַטעוועטע יידן פון שטעטל מאַרציקאַנץ — זייערע פריִערדיקע שכנים און באַקאַנטע. מיר האָבן דאָס נישט איין מאָל געהערט פון די געציילטע לעבנגעבליבענע יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די דאָזיקע געגנטן, ווען מיר פלעגן זיך טרעפן אין די נעכט ביי אַ שייטער. מיר זענען אויפ־געציטערט געוואָרן הערנדיק די שוידערלעכע געשיכטע, ווי אַזוי העכער צוויי הונדערט יידן פון שטעטל מאַרציקאַנץ — מענער, פרויען און קינ־דער, וואָס זענען אַנטלאָפן אין שחיטה־טאָג זענען דורך זייערע „פריינט" אויסגעליפערט געוואָרן צו די דייטשן (2טן נאָוועמבער 1942).

דריי ייִדן פון דער געגנט: יצחק קאַבראָווסקי, יהושע בערעזאָווסקי און אפרים פּילעווסקי (די לעצטע צוויי היינט אין ישראל) זענען מיטגעגאַנגען אַלס וועגווייזערס.

24 מיטגלידער פון דער דאָרפישער „זעלבסטשוץ" זענען דערשאָסן געוואָרן. זייער גאַנץ פאַרמעגן איז אַרויסגעפירט געוואָרן. דאָס דאָרף האָט מען אונטערגעצונדן. די דאָרף־איינוווינער האָט מען צוגעזעצט אויף די קני און יהושע בערעזאָווסקי האָט אין אַ רעדע זיי דערמאָנט ווי אַזוי זיי האָבן איבערגעגעבן צו די דייטשן די געראַטעוועטע מאַרציקאַנצער ייִדן. דער שרייבער פון די שורות צוזאַמען מיט נאָך צענדליקער ייִדישע פּאַר־טיזאַנער האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער שטראָף־עקספּעדיציע און עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז מיר זענען געווען די אַקטיווסטע. דאָס איז פאַר אונדז געווען אַ טאָג פון זיסער נקמה־באַפרידיקונג!

די פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציעס אין די געטאָס האָבן ערשט דאַן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען, ווען עס איז באַוווסט געוואָרן, אַז אין די וועלדער און פּושטשעס זענען דאָ רוסישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע נעמען אויף אַלע אומצופרידענע מיט דער הערשאַפט פון בלוטיקן אָקופּאַנט און וועלכע זע־נען גרייט צום אומברחמנותדיקן קאַמף מיט אים. צוליב דעם פיינטלעכן איינשטעל פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג וואָלט אַ ייִדישע פּאַרטיזאַנקע לאַנג נישט געקענט אויסהאַלטן אָן דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. ערשט מיטן אויפקום פון דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע האָט זיך פאַר דער ייִדישער יוגנט געעפנט אַ וועג פון קאַמף און נקמה, אַ שאַנס איבערצולעבן די מלחמה.

זייענדיק אין דער פּאַרטיזאַנקע, האָבן ייִדישע פּאַרטיזאַנער גענומען אַ בלוטיקע נקמה פון פּויערים, וועלכע האָבן מיטגעווירקט ביים דערמאָרדן ייִדן, ווי אויך פון פּאָליציי־לייט, וועלכע האָבן געהאָלפן די דייטשן אין זייער בלוטיקער אַרבעט און זיך באַרייכערט אויפן חשבון פון די אומ־געבראַכטע ייִדן.

ייִדישע פּאַרטיזאַנער האָבן יעדער אין זיין געגנט דורכגעפירט נקמה־אַקטן און כמעט אין אַלע פאַלן האָבן דערביי מיטגעהאָלפן אויך די סאָ־וועטישע פּאַרטיזאַנער.

די ייִדן האָבן געהאַט זייער פולע באַפרידיקונג, ווען עס איז לויט

אַ באַפעל פון מאָסקווע (יולי 1943) אָנגעהויבן געוואָרן אַן אַקציע צו פאַר־ניכטן פיזיש אַלע פאַמיליעס פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וועלכע אַרבעטן מיט מיטן דייטש (פאָליציי, בירגערמייסטערס, באַאַמטע אאַ״וו) ד״ה די אַלע, וועלכע האָבן איינגעטונקט זייערע הענט אין יידיש בלוט... די יידישע פאַרטיזאַנער האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם קרייץ־צוג קעגן די אַלע מערדערס, רויבערס און פאָגראָמטשיקעס.

אַ גרויסע פרייד האָט באַהערשט די געטאָס פון ווייס־רוסלאַנד, ווען עס זענען באַוווסט געוואָרן די פּרטים פון דער געלונגענער לויערונג, וועלכע עס האָט איינגעאָרדנט דער אָטריאַד „סטאַלין״ נעבן שטעטל נאַ־ליבאָק אויף אַ ס. ס.־שטראַף־עקספעדיציע, וועלכע איז געפאָרן פון דער שחיטה אין שטעטל איוויעניעץ צו ליובטש (נאָוואָגרודקער געגנט), ווו זיי האָבן געזאָלט דורכפירן אַ שחיטה.

ניינצן תלינים־אויסוורפן זענען געבליבן ליגן טויט. צווישן די גע־הרגטע איז אויך געווען דער שעף פון באַראַנאָוויטשער ס. ד. (אויגוסט 1942.)

דאָס איז געווען די ערשטע גרעסטע לויערונג, וועלכע עס האָבן דורכ־געפירט פאַרטיזאַנער אין דער געגנט פון נאַליבאָקער פושטשע.

ווי גוט עס איז געווען אויפן האַרצן, ווען מיר האָבן, שוין זייענדיק אין פאַרטיזאַנקע, געלייענט אין דער ווייסרוסישער פרעסע, אַז דער גענע־ראַל־קאָמיסאַר פאַר ווייסרוסלאַנד, דער אומברענגער פון ווייסרוסישן יידנטום, קובע איז צעריסן געוואָרן פון אַן אונטערגעלייגטער מינע אונ־טער זיין בעט (יוני 1943)...

דער אָטריאַד „ראָקאָסאָווסקי״ האָט אויסגעהרגעט אַ סך דייטשן און אוקראַינער, וואָס זענען באַפאַלן אַ יידישן פאַמיליען־לאַגער אין „וואָלטשע־נאָרע״ און אומגעבראַכט העכער 60 יידן. די פאַרטיזאַנער האָבן זיי אָפּגע־וואַרט ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט פון זייער איבערפאַל. די יידן פלעגן מיט פאַרגעניגן דורכפירן טויט־אורטיילן אויף דייטשן און זייערע מיט־העלפערס. נישט איינמאָל האָבן יידן צווישן די געפאַנגענע דערקענט די מערדערס פון זייערע פאַמיליעס אין די אַרומיקע שטעטלעך.

מיר האָבן דורך דעם פאַרטיזאַנער־קאַמף דערלעבט אַ בלוטיקע נקמה פון אונדזערע שונאים!

וואָס פּאַראַ פּײַנלעכע דערפאַרונג מיר זאָלן נישט האָבן געהאַט אין פּאַרטיזאַנקע מיט אַ טייל אַנטיסעמיטן־פּאַרטיזאַנער, דאַרפן מיר אָבער פעסטשטעלן, אַז אין דער צייט ווען אַ ייִד און זיין לעבן איז געווען הפקר פאַר יעדן קליינעם שגצל, ווען מיר זענען געווען פאַרכראַקעט און באַשפּיגן, דערנידעריקט און אויסגעשטעלט צו שאַנד און צו שפּאָט, איז די רוסישע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג געווען די איינציקע וואָס האָט אונדז צוגעטוליעט.

אין זיין ענטפער אויף דער פראַגע פון מיטגליד פון אַנטיפאַשיסטישן־אונטערערד אין ביאַליסטאָק און פּאַרטיזאַנישער פאַרבינדלערין, חייקע גראָסמאַן, בנוגע שיקן מענטשן פון ביאַליסטאָק אין די וועלדער, זאָגט דער „קאָמבריג" (בקיצור: קאָמאַנדיר־בריגאַדע) וואָיטשעכאָווסקי:

> „עס מאַכט נישט אויס. שיקט, שיקט, מיר וועלן איינאָרדענען. איך פאַרלאָז זיך אויף אייך. די אַלע, וואָס איר וועט שיקן, וועלן מיר אויפנעמען. טיילט איין די מענטשן אין קעמערלעך און שיקט די בעסערע און די מער באַדראָטע, וואָס האָבן נישט מער קיין אָרט זיך אויסצובאַהאַלטן. יידן, יידן זאָלט איר שיקן. שיקט ווען עס לאָזט זיך. איך האָב באַקומען אויספירלעכע אינסטרוקציעס נישט אָפּצוואַרפן קיין יידישן קאַנדידאַט צוליב זיין אָפּשטאַמונג".
>
> (חייקע גראָסמאַן — „מענטשן פון אונטערגרונט", ז' 423).

איינמאָל איז די ביאַליסטאָקער אונטערגרונט־באַוועגונג נכשל געוואָרן צוליב אַ ייִדישן בחור מיטן נאָמען ראָמאַן, וואָס איז לויט איר רעקאָמענדאַציע אויפגענומען געוואָרן אין דער פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע פון וואָיטשעכאָווסקי, און צום סוף צוריק אַנטלאָפן אין שטאָט אַריין. ער איז אַריינגעפאַלן צו די דייטשן, און נישט קענענדיק איבערטראָגן די פּייניקונגען, האָט ער פאַראַטן דאָס אָרט פון דער באַזע און גורם געווען צו אַ דייטשישן איבערפאַל. די ייִדישע מיידלעך, וואָס האָבן דעם בחור געשיקט אין וואַלד אַריין, האָבן זיך געפילט שולדיק אין דעם גאַנצן סקאַנדאַל און אַליין געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי שטעלן צום משפט פון דער „באַזונדערער אָפּטיילונג" ביי דער בריגאַדע. דער „קאָמבריג" וואָיטשעכאָווסקי האָט געזאָגט:

„ריכטיק. וואָלט דער מענטש נישט געווען קיין ייד, ווען נישט דער פאַקט וואָס איר האָט אים געשיקט צוליבן ווילן צו ראַטעווען די ווינציקע שארית הפליטה — וואָלט איר זיכער געדאַרפט געמשפט ווערן. געוויס זענט איר פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן, וואָס קומט לויט אייער רעקאָמענ־דאַציע און פאַרלאַנגט אויפגענומען צו ווערן אין אָטריאַד. אין דעם פאַל, וואָלט איר געדאַרפט געמשפט ווערן, ווען נישט — איך ווידערהאָל עס נאָכאַמאָל — ווען נישט דער יידישער מאָמענט".

(דאָרט, ז' 429).

דער פאַרטיזאַנער־קאַמף איז געווען פאַר אונדז אַ חוץ אַ וועג פון קאַמף אין נקמה מיטן בלוטיקן אָקופּאַנט — אויך אַ וועג פון לעבן.

דאָס טאָרן מיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן, מען דאַרף אָוועקקוקן פון דעם עפּיזאָדישן און זען דאָס גרויסע. און דאָס גרויסע איז, אַז אַ דאַנק דער סאָוועטישער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג און סאָוועטישער רעגירונג, זענען פיל צענדליקער טויזנטער יידן געבליבן לעבן אין די פאַמיליען־לאַגערן און אין די יידישע און געמישטע פאַרטיזאַנער־אָטריאַדן.

קאַפּיטל אַכצן

דער יידישער מעדיצינישער אַרבעטער אין דער פּאַרטיזאַנקע

א. די וויכטיקע ראָל פון מעדיצין־אַרבעטער

די וויכטיקע ראָל, וועלכע עס האָט אָפּגעשפּילט דער יידישער מעדי־צינישער אַרבעטער (דאָקטאָר, שוועסטער, סאַניטאַר) אין דער פּאַרטיזאַנקע, איז אַן אומגעהייערע.

צוגלייך מיטן אויפקום פון דער פּאַרטיזאַנקע איז אַנטשטאַנען אין איר גאַנצער שאַרפקייט די סאַניטאַר־מעדיצינישע פּראָבלעם.

ווי באַקאַנט, זענען אין פאַרמלחמהדיקן רוסלאַנד און פּוילן דער גרעס־טער טייל מעדיקער געווען יידן. יידן האָבן צוליב טעמים פון פאַרשיידנאַר־טיקן כאַראַקטער געגעבן פאָרצוג די מעדיצינישע פאַכן, ביים אויסוויילן זיך אַ געביט פון שטודיום.

די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך גענויטיקט אין דאָקטוירים, נישט נאָר אין פאַל פון קראַנקייטן, נאָר אויך און בעיקר אין פאַל פון פאַרוווּנדונגען. יעדער קאַמף מיט אַ גאַרניזאָן, יעדע קאַמפּס־אויפגאַבע אויף אַן אייזנבאַן, מינירונג און דיווערסיע, ביי אַ לויערונג און אַפילו ביי ווירטשאַפטס־אָפּע־ראַציעס — איז געווען עלול צו ברענגען מיט זיך טויטע און פאַרוווּנדעטע פּאַרטיזאַנער. דאָקטוירים זענען פאַר די פּאַרטיזאַנער געווען אַ לעבנס־פראַגע אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט.

די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג האָט גלייך פון אירע ערשטע טריט אָפּגעשאַצט דעם גרויסן באַטייט פון מעדיקער און אַלץ געטון, בכדי זיי צו

ברענגען אין די וועלדער. אַזוי ווי צווישן די רוסישע געפאַנגענע און געבליבענע אין אַרומרינגלונג, וועלכע האָבן געבילדעט די עיקר־קאַדרען פון די פאַרטיזאַנער, זענען קיין דאָקטוירים כמעט ווי נישט געווען (די פוילישע, ווייסרוסישע און אוקראַאינישע דאָקטוירים האָבן געאַרבעט אין די שטאָטישע צענטערן פאַרן דייטש), האָבן נאָר די יידישע דאָקטוירים גע־קענט אויספילן דעם בלויז.

די פאַרטיזאַנער־אָנפירונג האָט געשיקט ספּעציעלע מענטשן אין די געטאָס, בכדי צו ברענגען דאָקטוירים. אין דער זעלביקער צייט, ווען פאַר סתם יידן, איז דאָס אָנקומען אין אַ רוסישן אָטריאַד די ערשטע צייט געווען פאַרבונדן מיט שוועריקייטן, זענען די דאָקטוירים אויסגעכאַפּט געוואָרן דורך די אָטריאַדן, און עס זענען פאַר זיי, ביי די וואַלד־באַדינגונגען, גע־שאַפן געוואָרן די באַקוועמסטע לעבנס־באַדינגונגען. אַ באַזונדער אויפמערק־זאַמקייט איז פאַרשטענדלעך געלייגט געוואָרן אויף ספּעציאַליסטן־כירורגן, וועלכע זענען געווען אַמנויטיקסטן ביי די פאַרטיזאַנישע פאַרהעלטענישן.

אַזוי איז, לויט אַ ספּעציעלער שליחות פון ליפּיטשאַנער פּושטשע אַוועק אַ גרופּע יידישע פאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „באַרבאַ" (אָרליאַנסקי) אין לי־דער געטאָ און געבראַכט דעם פּאָפּולערן כירורג ד"ר חיים מיאַסניק, וועל־כער האָט שפּעטער אָנגעפירט מיטן מוסטערהאַפטן אונטערערדישן צענט־ראַלן שפּיטאָל, וועלכער האָט באַדינט נישט נאָר די פאַרטיזאַנער פון דער ליפּיטשאַנער פּושטשע, נאָר אויך (ספּעציעל אין דער ערשטער צייט) ערנסט־פאַרוווּנדעטע פאַרטיזאַנער פון אַנדערע פּושטשעס (נאַליבאָקער, נאַטשער און אַנדערע).

קאַפּיטאַן סיעניטשקין האָט אין יולי 1943 געשיקט יידישע פאַרטי־זאַנער פון רוסישן אָטריאַד „איסקראַ" אין לידער געטאָ, בכדי צו ברענגען די יידישע דאָקטוירים, וועלכע האָבן נאָך דאַן געלעבט. אַזוי ווי אין געטאָ זענען דערגאַנגען ידיעות וועגן אַן אָנפאַל אויף ביעלסקיס אָטריאַד און הכנות צו אַ גרויסער אַבלאַווע, האָבן זיי געצעגערט מיטן אַרויסגיין, ביז עס איז אונטערגעקומען די ליקווידאַציע פון לידער געטאָ.

זשוקאָווסקי אליהו איז געשיקט געוואָרן דורך זיין קאָמאַנדיר, קראַס־ניאָנאָק (מאַי, 1943), אין שטעטל ראַדאָשקאָוויטש (ביי מינסק), מיט דער

אויפגאַבע צו ברענגען אין וואַלד די צוויי יידישע דאָקטוירים, פאַר די אָטריאַדן פון דער בריגאַדע „נאַראָדני מסטיטעל״.

זשוקאָווסקין איז געלונגען זיך צו טרעפן מיט ד״ר אַברהם שוסטער און ד״ר נתן ווייסבאַרד און ער האָט זיך באַמיט איבערצורײדן, אַז זיי זאָלן מיטגיין מיט אים. זיי האָבן זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט דאָס צו טון. מיט אַ חודש שפּעטער (יוני, 1943), זענען זיי איבערגעפּירט געוואָרן קיין ווילייקע און דאָרט אומגעקומען מיט דער איבעריקער יידישער עדה.

אויך יידישע דאָקטוירים, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די דערפער, האָבן געגעבן מעדיצינישע הילף צו די פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן אַזאַ באַגלויבטן עדות ווי דער קאָמאַנדיר מעדוועדיעוו, וועלכער שרייבט:

„...יידישע דאָקטוירים, אויסבאַהאַלטענע ביי פּויערים, האָבן אין נויטפאַלן געגעבן מעדיצינישע הילף פאַר פאַרוווּנדעטע פּאַרטיזאַנער. איינמאָל ווען עטלעכע פּאַרטיזאַנער פון מיין אָטריאַד זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן אין אַ קאַמף מיט באַנדעראָווצעס האָט אַ יידישער דאָקטאָר, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי פּויערים, זיי געגעבן הילף אין די הייזער, ביי די פּויערים פון דאָרף הוטאַ״.

ה. מ. מעדוועדיעוו — „די גייסטיק־שטאַרקע״, ז׳ 447).

ד״ר צימער פון פאַמיליע־לאַגער אין 'שוואַרצן וואַלד״, וואָס האָט זיך רעקרוטירט פון געראַטעוועטע פון סטאַניסלאַוואָווער געטאָ (מזרח־גאַליציע), האָט געגעבן מעדיצינישע הילף די פּאַרטיזאַנער פון קאָוופּאַקס אָטריאַד, ווען זיי זענען צוריקוועגס אָנגעקומען נאָכן קאַמף ביי דעליאַטין. שפּעטער האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אַלס דאָקטאָר צו קאָוופּאַקס איינהייט. אויך פּ. ווערשיגאָראַ באַשטעטיקט עס אין זיין בוך:

„דער דאָקטאָר איז מיר אויף אַן אמת געפעלן געוואָרן. די וויכטיקסטע אייגנשאַפטן פון ד״ר צימער זענען נישט געווען זיינע מעדיצינישע קענטענישן און דאָס ריידן אַ פּערפעקטע דייטשע שפּראַך. ער האָט באַלד אָנגעהויבן זיך צו באַשעפטיקן: קורירט פּאַרטיזאַנער פון אַ לויזן מאָגן, וואָס זיי האָבן באַקומען פון צוכאַפּן זיך צום פרעסן, נאָכן הונגער אין די קאַרפּאַטן־בערג, באַנדאַזשירט די פאַרוווּנדעטע און אינסטרוקטירט די „באַרעמהאַרציקע שוועסטער״, ווי דאָס אַליין צו מאַכן. אָבער דאָס וויכטיקסטע פאַר אונדז איז געווען די „אַגענטור״ פון די אַרומיקע דערפער, וואָס זענען אַריבער צו אונדז, צוזאַמען מיטן ד״ר צימער. צום אָנהייב האָבן די פּויערים זיך געשראָקן צו האָבן צו טון מיט „פּאָליטיק״.

אָבער נאָכדעם ווי ד״ר צימער האָט גאַראַנטירט פאַר אונדז, האָבן זיי אַפילו מסכים געווען צו גיין אין שליחותן פאַר אונדז קיין סטאַניסלאַוואָוו. מיר האָבן זיי געגעבן דייטשע מאַרקן, וואָס מיר האָבן געקראָגן בעת די אָנפאַלן אויף די גאַרניזאָנען אין זיעלאַני און ראַפּאַלאָווקע און ד״ר צימערס אַגענטן האָבן אונדז געבראַכט דערפאַר בראָנפן, וורשט און צייטונגען. נאָכדעם האָבן זיי אָנגעהויבן ברענגען רפואות און ידיעות וועגן דער באַוועגונג פון די דייטשע כוחות אין שטאָט און אומגעגנט. און שפּעטער האָבן זיי זיך פאַרנומען ווי פאַכמענער מיט שפּיאָנאַזש און אויסשפּיר. ווען עס וואָלט געלעבט „דער קלוגער קאָלקע", וואָלט ער זיכער אויף ד״ר צימערן געזאָגט: „איצט האָבן מיר אונדזער באַזיס אין אונדזערע אייגענע קעשענעס..."

(פּ. וואַרשיגאָראַ — „מענטשן מיט אַ ריינעם געוויסן", ז״ז, 572־573).

נאָכמער, אַפילו די אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטיש־רוצחישע באַנדעס, די פּויליש־פאַשיסטישע „א. ק." און אוקראַינישע „באַנדעראַ" האָבן געהאַט יידישע דאָקטוירים. אמת, זיי פלעגן דאָרט באַהאַלטן זייער יידישע אָפּשטאַמונג. אַ טייל איז דורך די מערדערס שפּעטער אומגעבראַכט געוואָרן, אָבער דאָך זענען דאָ וויניקע יידישע דאָקטוירים, וואָס זענען אַדורך די מלחמה מיט די מערדערס פון „אַ. ק." און „באַנדעראַ".

אַברהם אָקס באַשטעטיקט אויך דעם פאַקט. ער שרייבט:

„פיל יידישע דאָקטוירים, וואָס האָבן געאַרבעט אין די שפּיטעלער האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו דער אוקראַינישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אונטערן נאָמען „באַנדעראָווצי". נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אַנטוישט אין די דייטשן. זיי זענען געווען אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטן; אָבער זיי האָבן זיך גענייטיקט אין יידישע דאָקטוירים און געווען געצוווּנגען, זיך ווענדן צו זיי נאָך מעדיצינישע הילף. אָבער ווי נאָר זיי האָבן געהאַלטן, אַז זיי קענען אויסקומען אָן די יידישע דאָקטוירים, פלעגט מען זיי פאַרניכטן אָן שום רחמנות.

(„טרנופול", כרך ג׳ — „אנציקלופדיה של גלויות", ז׳ 400).

אויך יאַנאַס טורקאָוו באַשטעטיקט עס אין באַצוג צו דער „אַ. ק.":

„אַ יידישער דאָקטאָר פון טשענסטאָכאָוו — סטאַניסלאַוו וויטשיק — איז געווען הויפּט־דאָקטאָר פון אַן אַנטיסעמיטישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, פון דער א. ק. קיינער האָט נישט געוווּסט, אַז ד״ר וויטשיק איז אַ ייד, (אַגב, האָט ער אויסגעזען ווי אַ הונדערט־פּראָצענטיקער גוי), און אַזוי אַרום איבערגעלעבט די מלחמה ביי די יידן־פיינטלעכע פּאַרטיזאַנער".

(„אין קאַמף פאַרן לעבן", ז״ז 322־323).)

יאַנאַס טורקאָוו שטעלט פעסט אין זיין א״ד בוך, אַז „כמעט אַלע דאָק־טוירים אין די פאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען פון דער א. ל. זענען געווען יידן: דער 70־יעריקער ד״ר הירש (וואַרשע); ד״ר וויטעק מאַרגוליעס („פעלעק״, וואַרשע); ד״ר יעזשי קיריאַסעפער (וואַרשע); ד״ר יעזשי ראַט („כענטני״, קאַליש); ד״ר יאַנעק בעקער (וואַרשע) א״אַ״.

(דאָרט, ז״ז 321, 322).

יידישע מיידלעך האָבן זיך זייער גיך אויסגעלערנט צו זיין געשולטע ספּעציאַליסטינס־שוועסטערס און סאַניטאַרינס, וועלכע האָבן האַנט ביי האַנט מיט די דאָקטוירים געהיילט, דיזשורירט, באַדינט און געטראָגן פאַרלייכ־טערונג, טרייסט און גענעזונג פאַר די פאַרוואונדעטע און קראַנקע פאַרטי־זאַנער.

ב. די אָרגאַניזאַציע פון מעדיצינישן דינסט אין די וועלדער

אָרגאַניזירן ביי די וואַלד־פאַרהעלטענישן די מעדיצינישע דינסט איז געווען נישט פון די לייכטסטע אויפגאַבן. עס זענען נישט געווען קיין מעדי־קאַמענטן, אַפילו נישט קיין געהעריקע איבערבונד־שטאָף; אָפט פלעגט דעם דאָקטאָר אויף צו מאַכן די סאַמע קאָמפּליצירטסטע אָפּעראַציעס (בויך, לונ־גען, פוס־שאָסן, אאַז״וו) פעלן די אינסטרומענטן און פּרעציזע מכשירים, אָן וועלכע מען קען זיך נישט באַגיין. נישט איינמאָל פלעגט מען די סאַמע ערנסטע אָפּעראַציעס מאַכן אָן אַ שלאָף־טרונק.

אין דעם שוין דערמאָנטן בוך פון מעדוועדיעוו „די גייסטיק־שטאַרקע״ (ז״ז 164־166) געפינען מיר אַ רירנדיקע שילדערונג פון אַן אָפּעראַציע אַדורכגעפירט דורכן יידישן אָטריאַד־דאָקטאָר, אַלבערט צעזערסקי איבער אַ פאַרוואונדעטן פאַרטיזאַן אָן אַ שלאָף־טרונק, מיט אַ געוויינטלעכער קרוי־מער האַק.

חיים לאַזאַר דערציילט אין זיין בוך „חורבן ומרד״ (ז״ז 332־333) וועגן די פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען, וואָס עס האָט געמאַכט דער יונגער דאָקטאָר פון די יידישע אָטריאַדן אין רודניצקער פּושטשע, ש. גאָרפינקעל, צו ראַטעווען זיין פאַרוואונדעטע האַנט, אַלס רעזולטאַט פון אַ פּריציי־טיקן אויפרייס ביים מינירן די אייזנבאַן־ליניעס. ד״ר גאָרפינקל באַשליסט,

אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדער ברירה ווי צו אַמפּוטירן די האַנט. אַ קליינע, פאַרזשאַווערטע זעגעלע פון די וואַרשטאַטן צו פאַרריכטן געווער, וועלכע איז סטעליזירט געוואָרן האָט פאַרביטן דעם אָפּעראַציע־מעסער.

די צענטראַלע שפּיטעלער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין יעדער פּוש־טשע, זענען געווען אונטערערדישע און גלענצנדיק פאַרמאַסקירט. ס׳רוב פלעגט עס זיין אין אַן אָפּגעלעגן ווינקל, ווייט פון די אָטריאַדן. דער צו־טריט צו זיי האָט געפירט דורך גרויסע בלאָטעס, וועלכע מען האָט געקענט אַדורכגיין נאָר איבער ספּעציעל אויסגעלייגטע שמאָלע ברעטלעך, וועלכע פלעגן אין פאַל פון אַן אַבלאַווע אַוועקגענומען ווערן, בכדי צו מאַסקירן דעם צוגאַנג. נאָר די העכערע אָנפירער פון די פאַרטיזאַנער פון דער באַ־טרעפנדיקער פּושטשע, דער מעדיצינישער אוןווירטשאַפטלעכער פּערסאָ־נאַל און די פאַרבינדונגס־מענטשן פון די אָטריאַדן האָבן געוווסט דעם צו־טריט צום צענטראַלן שפּיטאָל.

די אַלע אויסעראָרדנטלעכע פאַרזיכטיקייטס־מיטלען זענען אָנגענומען געוואָרן דערפאַר, ווייל דער שפּיטאָל מיט זיינע צענדליקער פאַרוווּנדעטע און קראַנקע, צוזאַמען מיטן מעדיצינישן פּערסאָנאַל, פלעגן אין פאַל פון אַן אַבלאַווע מוזן בלייבן אויף די ערטער.

די דייטשן האָבן געוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזוינע שפּיטעלער אין די וועלדער און זיי ספּעציעל געזוכט. פאַר דער ערשטער גרויסער אַב־לאַווע אין ליפּיטשאַנער פּושטשע האָט מען געכאַפּט אַ קריסטין, וועלכע איז אויסמיידנדיק אַלע פאַטרולן דערגאַנגען צום צענטראַלן שפּיטאָל. נאָך אַן אויספאָרשונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז אַ געשולטע שפּיאָנין און באַקומען אַן אויפטראָג פון די דייטשן זיך צו דערוויסן דאָס אָרט פון שפּיטאָל.

און נישט בלויז פאַר פויערים־שפּיאָנען האָט מען זיך געדאַרפט היטן. עס האָבן אויך געטראָפן פאַלן (אמת, איינצלנע), אַז פאַרטיזאַנער (באַזונ־דערס, בעת און נאָך אַבלאַוועס) פלעגן דעזערטירן און אַנטלויפן צו די דייטשן. דאָס זענען געווען דייטשע שפּיאָנען, וואָס האָבן אויסגענוצט דעם כאַאָס פון די אַבלאַווע־טעג, כדי צו אַנטלויפן און איבערגעבן ידיעות צו די וואָס האָבן זיי געשיקט פאַר דעם צוועק. צוליב טעמים פון דיסקרעציע פלעגט מען קראַנקע פאַרטיזאַנער, צו וועלכע מען האָט נישט געהאַט דעם

פולן צוטרוי, ברענגען צופירן אין שפּיטאָל מיט פאַרבונדענע אויגן און זיי אַזוי אַרויספירן פון דאָרט.

די שפּיטעלער פלעגן באַזאָרגט ווערן מיט אַ בעסערער פאַרפלעגונג דורך אַ ספּעציעלע ווירטשאַפטס־אָפּטיילונג. אין די צענטראַלע שפּיטעלער זענען געבראַכט געוואָרן בלויז די סאַמע ערנסטע קראַנקע און פאַרוווּנדעטע, וועלכע האָבן געדאַרפט דורכמאַכן אָפּעראַציעס אָדער קראַנקע אויף אַנ־

ד״ר שלמה (סולקע) גאָרפינקל

דער דאָקטאָר פון די יידישע אָטריאַדן אין די רודניצקער וועלדער. געפאַלן פון אַן אַראַ־בישער קויל, בעת דער באַלאַגע־רונג פון ירושלים.

(די פאָטאָגראַפיע באַקומען פון חיים לאַזאַר)

שטעקנדיקע קראַנקייטן, וועלכע האָבן געדאַרפט סעפּאַרירט ווערן (טיפוס און אַזוי ווייטער).

לייכט פאַרוווּנדעטע און קראַנקע פלעגן געהיילט ווערן אין די אָט־ריאַדן דורך די אָטריאַד־ אָדער בריגאַדע־דאָקטוירים. אין יעדן אָטריאַד איז געווען אַ „פּאַלאַטקע״־אַמבולאַטאָריע זומער און אַן ערד־שטיבל ווינטער, ווו דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל פלעגט דערטיילן הילף.

אין וואָלין און פּאָלעסיע האָט מען אַריבערגעפירט גאַנצע הייזער פון די דערפער צוזאַמען מיט זייער מעבלירונג (שפּיגלען, ראַדיאָ אאַז״וו), פאַר די שפּיטעלער אין די וועלדער.

די אָטריאַדן, וועלכע האָבן געלעבט אויף כוטאָרס און אין דערפער, פלעגן זייערע קראַנקע, אין פאַל פון אַן אָנפאַל, איבערלאָזן אונטער דער אויפזיכט פון די פויערים, מאַכנדיק זיי פערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די לעבנס פון די קראַנקע פּאַרטיזאַנער.

שפּעטער, אין דער צווייטער העלפט פון 1943, ווען עס זענען געשאַפן געוואָרן די געהיימע עראָדראָמען אין די פּושטשעס, פלעגט מען ערנסט־פאַרווונדעטע אַריבערפירן מיט עראָפּלאַנען אין די שפּיטעלער פון יענער זייט פראָנט־ליניע, ווו זיי פלעגן אָפּערירט און געהיילט ווערן דורך ספּע־ציאַליסטן אין נאָרמאַלע באַדינגונגען.

ג. מעדיקאַמענטן און מעדיצינישע אינסטרומענטן

דאָס פּראָבלעם פון מעדיקאַמענטן און רפואות איז לכתחילה געווען זייער אַ קאָמפּליצירטע. יעדער ייִדישער דאָקטאָר האָט אַרויסגייענדיק פון געטאָ אין די וועלדער מיטגענומען מיט זיך זיינע אינסטרומענטן און מכשי־רים. אין די ראַמען פון די מעגלעכקייטן האָט ער אויך מיטגעשלעפּט אַ ביסל פון די נויטווענדיקסטע רפואות, מעדיקאַמענטן און באַנדאַזשן.

ביים אַדורכפירן די ווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציעס פלעגט מען צונעמען ביי די פויערים אַלץ, וואָס עס האָט געקענט ברענגען נוצן און פאַרלייכטערן די אַרבעט פון דאָקטאָר (טערמאָמעטערס, דינעם לייוונט, באַנדאַזשן, רפו־אות אאַז״וו). דאָס האָט אָבער אויף קיין פאַל נישט געקענט קאָמפּענסירן דעם גוואַלדיקן מאַנגל אין מעדיקאַמענטן, באַזונדערס נאָך דער ריזיקער פאַרמערונג פון די צאָל פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער, און די פאַרמערונג פון פאַרווונדעטע צוליב די כסדרדיקע קאַמפן, וועלכע מען האָט אָנגעהויבן צו פירן מיט די דייטשן און זייערע פאַרבינדעטע. דאָס פעלן פון אַ רעצעפּט האָט אָפטמאָל דעצידירט וועגן לעבן און טויט פון אַ פאַרווונדעטן פּאַר־טיזאַן.

אַ גרעסערן רעזערוו פון ווערטפולע מעדיקאַמענטן, רפואות, באַנדאַזש־

מאַטעריאַלן אין גרויסן מאַסשטאַב איז באַקומען געוואָרן דורך די פּאַרטי־זאַנער־אָנפאַלן אויף די שטעטלעך און גאַרניזאָנען, בעת וועלכע גאַנצע אַפּטייקן זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין די וועלדער.

אַ פּערמאַנענטער מקור פון מעדיצין און מעדיציניש מכשירים האָבן געבילדעט די אַפּטייקן פון די נאָענט ליגנדיקע שטעט און שטעטלעך.

בעת עס האָבן נאָך עקזיסטירט געטאָס פלעגן יידישע פּאַרטיזאַנער געשיקט ווערן אַהין מיט אַ ספּעציעלער מיסיע איינצוקויפן מעדיקאַמענטן.

נאָך דער פולער ליקווידאַציע פון די געטאָס, פלעגן די פויערים גיין מיט רעצעפּטן פון די אָטריאַד־דאָקטוירים אין די שטעט און שטעטלעך און ברענגען רפואות.

אָפּטמאָל איז געווען אַ פאַרבינדונג מיט די אַפּטייקערס און דאָקטוירים פון די שטעט, און זיי האָבן רעגולער דורך פויערים־שליחים געליפערט אַלע באַשטעלונגען. אַזוי האָט דער הויפּט־דאָקטאָר פון לוצק, דורך פאַר־טרוילעכע שליחים, איבערגעשיקט צו אַלע אָטריאַדן אין וואָלין די סאַמע ווערטפולסטע מעדיקאַמענטן. אין באַראַנאָוויטש איז דערשאָסן געוואָרן דער הויפּט־דאָקטאָר פון געביטס־קאָמיסאַריאַט — ד״ר וולאַדימיר לוקאַשעניאַ (אַ ווייסרוס), פאַרן רעגולער פאַרזאָרגן מיט מעדיקאַמענטן די „1טע מאַי״־בריגאַדע אין נאַליבאָקער פּושטשע. ד״ר ז. לעווינבוק פלעגט, ביז זיין אַרויסגאַנג אין פּאַרטיזאַנקע איבערשיקן פון קאָלדיטשעווער אַרבעטס־לאַגער מעדיקאַמענטן צום אָטריאַד א״נ „מאָלאָטאָוו״.

די דייטשן האָבן זיך גאָר קיין רעכענונג נישט אָפּגעגעבן אויף וויפל די אַפּטייקן, וועלכע זענען אין קריגס־צייט געווען אונטערגעוואָרפן זייער פולער קאָנטראָל, האָבן געהאָלפן די פּאַרטיזאַנער אין זייער קאַמף און מיט־געווירקט צו ראַטעווען פיל טויזנטער פאַרוווּנדעטע פּאַרטיזאַנער.

אין דרינגענדיקע נויט־פאַלן, פלעגט מען אויך באַנוצן הייל־גראָזן און היימישע פּרימיטיווע מיטלען. אין פיל פאַלן פלעגן יידישע דאָקטוירים אַליין שאַפן סוראָגאַטן (קרעץ פלעגט מען, למשל, היילן מיט אַ געמיש פון אויפּרייס־מאַטעריאַלן (טאָל־פּראָשעק), חזיר־שמאַלץ און דזעגעכץ).

אויך די דיווערסיע־גרופּעס פון יענער זייט פראָנט־ליניע האָבן מיט זיך געבראַכט פיל ווערטפולע פּרעפּאַראַטן און באַנדאַזש־מאַטעריאַלן.

אָנגעהויבן פון דער צווייטער העלפט 1943, האָט מען שוין באַקומען, געוואָרפענע פון סאָוועטישע עראָפּלאַנען, ווערטפולע מעדיקאַמענטן און כי־רורגישע אינסטרומענטן אין אַ גרויסער מאָס. די פּאַראַשוטן־שטאָף איז באַנוצט געוואָרן ווי באַנדאַזש־מאַטעריאַלן אין וואָס עס האָט זיך דאַן גע־פילט אַ מאַנגל.

ד. קראַנקייטן און דער סאַניטאַר־היגיענישער מצב.

בדרך־כלל איז דער סאַניטאַר־היגיענישער מצב פון די פּאַרטיזאַנער געווען אַ באַפרידיקנדיקער. אַמבעסטן זאָגט וועגן דעם עדות דער קלייִנער פּראָצענט קראַנקייטן און זעלטענע פאַלן פון טויט (טויט־פאַלן זע־נען ס׳רוב געווען אַ רעזולטאַט פון פאַרוווּנדונגען).

מיטגעווירקט דערביי האָבן זיכער פאָלגנדיקע פאַקטאָרן:

1) דער פּאַרטיזאַנער האָט נישט געאַרבעט שווער, אָדער בכלל נישט געאַרבעט.

4) דאָס כסדרדיקע באַוועגן זיך אויף אויפגאַבעס.

3) די גוטע און זעטיקע דערנערונג.

2) דאָס אָטעמען 24 שעה אין מעת־לעת מיט וואַלד־לופט.

פון דער צווייטער זייט האָט דאָס נישט נאָרמאַלע לעבן אין די וואַלד־באַדינגונגען, וועלכע דערמעגלעכט נישט אָפּצוהיטן די עלעמענטאַרע סאַני־טאַר־היגיענישע כללים, אַרויסגערופן ספּעציפיש־פּאַרטיזאַנישע קראַנקייטן, וועלכע האָט נישט זעלטן אָנגענומען אַן עפּידעמישן כאַראַקטער און אַרומ־געכאַפּט גאַנצע אָטריאַדן און ראַיאָנען.

די כאַראַקטעריסטיש־פּאַרטיזאַנישע קראַנקייטן זענען געווען:

1) קרעץ (טשעסאָטקאַ, סקאַביעז), פלעגט אַלס רעזולטאַט פון זעל־טענעם וואַשן זיך, נישט היטן די ריינקייט פון קערפּער, מאַנגל פון ריינע וועש, שלאָפן כסדר אין די זאַכן אאַז״וו. די קרעץ פלעגט אויך פאַרשלעפּט ווערן פון די דערפער, ווו די דאָזיקע קראַנקהייט איז געווען פאַרשפּרייט צוליב דער אַלגעמיינער שמוץ און אָפּגעלאָזנקייט פון אָרעמען דאָרף.

2) הויט־קראַנקייטן (פּיאָדערמיע און דערמאַטיטיס), הויט־אָנטצינדונ־גען, געשווירן, טשיראַקס, פאָרונקלען, זענען בעיקר געווען פאַרשפּרייט אויף

די פּיס און אויך אויף די הענט. דאָס לעבן אין בלאָטיקע, זומפּיקע געגנטן, דאָס גיין אויף קאַמפּס־אויסגאַבעס דורך טראָפּינקעס, בלאָטעס, זומפּן — האָבן נישט ווייניק מיטגעווירקט צו דער פאַרשפּרייטונג פון די הויט־קראַנקייטן. די מאַסן קאָמאַרעס און אַנדערע אינזעקטן פלעגן צעבייסן די הויט און אַרויסרופן אַ קראַצעניש, פון וואָס עס פלעגט זיך באַקומען אַן אינפעקציע. אַ וויכטיקע סיבה איז געווען — דאָס נישט אויסטאָן די שטיוול, און נישט אַדורכלופטערן די פוס־הויט (פּאַרטיזאַנער איז געווען פאַרבאָטן צו שלאָפן אויסגעטאָנענע, בכדי אַלעמאָל צו זיין גרייט אויף יעדער עווענ־טואַליטעט פון אַ דייטשן אָנפאַל).

3) סטאָמאַטיטיס באַצייכנט דורך די פּאַרטיזאַנער מיטן נאָמען צינגאַ, איז געווען אַ קראַנקייט פון די יאַסלעס. די סימפּטאָמען זענען געווען, דאָס פוילן און בלוטיקן פון די יאַסלעס. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון איינזייטיקער דערנערונג אין די וועלדער (פלייש, פעטס) און דאָס אַבסאָלו־טע פעלן פון וויטאַמין „צ״ (פרוכטן און גרינסן). מיטגעווירקט האָט אויך דאָס מיסברויכן מיטן ׳סאַמאָגאָן״־בראָנפן, רויכערן אין צייטונגס־פּאַפּיר, נישט פלעגן די ציינער אאַז״וו.

אַ חוץ די א״ד ספּעציפישע פּאַרטיזאַנישע קראַנקייטן, איז אויך געווען נישט קיין זעלטענע דערשיינונג גריפּע, ווענערישע קראַנקייטן אאַז״וו. וועלכע האָבן אָבער נישט אָנגענומען קיין מאַסן־כאַראַקטער.

פלעק־טיפוס איז געווען פאַרשפּרייט אין פּאַרטיזאַנקע די גאַנצע צייט אין צום סוף 1943, האָט זי אין אַ טייל ראַיאָנען אָנגענומען אַ דראָענדיקן מאַסן־כאַראַקטער, וואָס האָט פּאַראַליזירט די קאַמפּס־אַקטיוויטעט.

בכדי נישט צו דערלאָזן, ביי די געגעבענע פּרימיטיווע וואַלד־באַדינ־גונגען דאָס פאַרשפּרייטן זיך פון קראַנקייטן, זענען דורך דער פּאַרטיזאַנער אָנפירונג, לויט די אָנווייזונגען פון מעדיציניש פּערסאָנאַל, אַרויסגעגעבן געוואָרן באַפעלן, וועלכע האָבן געטראָגן אַ פּראָפילאַקטישן כאַראַקטער און רעגולירט די סאַניטאַר־היגיענישע פאַרהעלטענישן אין די וועלדער. עס איז איינגעפירט געוואָרן די פליכט פון די אָטריאַדן צו באַזאָרגן מיט ריינע וועש. מען האָט אָנגעהויבן לייגן מער אַכט אויף דער ריינקייט אין די ערד־שטיבלעך, קיך, מלבושים, און מען האָט אָנגעהויבן פלעגן מער דאָס געפיל פאַר קערפּער־קולטור. לויט אַ באַזונדער דירעקטיוו האָט מען בייטאָג

אויף אַ שטיקל צייט געמוזט זיך אויסטאָן די זאַכן און אַדורכלופטערן דאָס לייב (בייטאָג איז די מורא פאַר אַ פּלוצעמדיקן אָנפאַל געווען אַ נישט וואַרשיינלעכע).

יעדן פּאַרטיזאַן פלעגט דערלויבט ווערן גיין צו אַ באַקאַנטן פויער אין די שכנותדיקע דערפער, בכדי זיך צו באָדן.

די אָטריאַדן, וועלכע האָבן געלעבט אין די דערפער און אויף כוטאָרס, פלעגן אויסנוצן די דאָרפישע, פּרימיטיווע פּאַרע־בעדער.

עס איז געפירט געוואָרן אַ קאַמף קעגן לייז — די פאַרשפּרייטערס פון טיפוס. שפּעטער זענען אויך אין די וועלדער אויסגעבויט געוואָרן פּאַרע־בעדער (אַ מין אַנטלויזונג־אַנשטאַלט). יעדער דיסציפּלינירטער פּאַרטיזאַן פלעגט האַלטן פאַר זיין חוב זיך טעגלעך גרינטלעך אויסצולויזן... (אַ פּראָפּאָ, די דייטשן פלעגן אין זייער אַגיטאַציע קעגן די פּאַרטיזאַנער פאַרשפּרייטן פאָטאָגראַפיעס, וועלכע פלעגן באַווייזן, זיך לויזנדיקע פּאַרטיזאַנער... דאָס איז געווען אַן אַגיטאַציע קעגן אָנשליסן זיך צו זיי).

עס פלעגט דורכגעפירט ווערן איינמאָל אין וואָך אַ מעדיצינישע קאָנטראָל, סיי אין די דערפער, סיי אין די וועלדער, כדי צו פאַרהיטן אַ פאַרמערונג פון אינפעקציע־קראַנקייטן.

נאָך אָבלאַוועס און בלאָקאַדעס פלעגן זיך די קראַנקייטן פאַרמערן, אַלס רעזולטאַט פון די פאַרערגערטע לעבנס־באַדינגונגען (הונגער, שלאָפלאָזיקייט, קעלט, נעכטיקן אויף שניי אאַז״וו).

אַ שילדערונג וועגן קאַמף פון אַ יידישן דאָקטאָר קעגן אומריינקייט און מגיפות, געפינען מיר ביי מעדוועדיעוון:

„אַלבערט צעזערסקי, דער יידישער דאָקטאָר פון מיין אָטריאַד, האָט פאַרעפנטלעכט אין אָטריאַד־אָרגאַן „מיר וועלן זיגן״ פיל אַרטיקלען אויף מעדיציניש־סאַניטאַרע טעמעס אונטער די קעפּלעך: „לאָמיר אַרויסגיין אין קאַמף קעגן די עפּידעמיעס״, „ריינקייט — אונדזער געווער״, „שמוץ אין אונדזערע רייען — פאַרראַט״. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ ריי צייכענונגען באַגלייט מיט דערקלערונגען און פערזן וועגן די שעדלעכע געוווינהייטן, וואָס זענען פאַרשפּרייט צווישן די פּאַרטיזאַנער (שיכורן, טרינקען פון די בלאָטע־וואַסערן ווי „חזירים״ אאַז״וו). יעדן טאָג פלעגט צעזערסקי קאָנטראָלירן די סאָלדאַטן. ביי וועמען מען האָט נאָר געפונען אַ לויז, האָט באַלד געמוזט זיך אויסוואַשן. זומער האָט

מען זיך געוואַשן לעבן ברונעם. ווינטער מיט וואַרעמע וואַסער ביים פּלאַקער. אַלע פּאַרטיזאַנער האָבן געמוזט אויספּירן זייערע באַפעלן. טאָג־טעגלעך פלעגט ער אויך באַזוכן און דערטיילן מעדיצינישע הילף צו די פויערים אין די אַרומיקע דערפער און צוליב דעם געווען ביי זיי אָנגענומען און באַליבט".

(ד. מ. מעדוועדיעוו — „די גייסטיק־שטאַרקע", ז' 160).

און אָט וואָס עס דערציילט א. פּיאַדאַראָוו וועגן אַ יידישן אַפּטייקער פון זיין אָטריאַד:

„דער ווינטער 1941־1942 איז געווען אַ באַזונדערס שווערער. די דערפער אין אומגעגנט פון די יעלינסקער וועלדער (טשערניגאָווער קרייז, אוקראַינע), האָבן זיך געפונען אין אַ באַזונדערס שווערן מצב, נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן אויסגערויבט די גערעטעניש. די אַפּראָוויזאַציע־לאַגע פון אונדזער אָטריאַד, וואָס האָט שוין דאַן געהאַט איבער ניין הונדערט מאַן, איז געווען אַ זייער שווערע. וועגן פּוטער, מילך, פלייש האָט מען אַפילו נישט געקענט חלומען. אַזוי ווי עס איז נישט געווען קיין קאָרמע פאַר די פערד האָט מען אָנגעהויבן עסן פערדן־פלייש. מען האָט פּשוט געהונגערט נאָך אַ שטיקל ברויט.

„דאַן האָט אונדזער אַפּטייקער, זעליק אַבראַמאָוויטש (זון פון אברהם) יאַסעלעוויטש, פּרעפּאַרירט אַ ספּעציעלן געטראַנק פון וואַלד־געוויקסן. לויט מיין באַפעל, האָבן אַלע פּאַרטיזאַנער געמוזט עס טרינקען און אַ דאַנק דעם האָבן אונדזערע מענטשן נישט געליטן פון דער צינגאַ־קראַנקהייט. דאָס איז געווען די איינציקע רפואה, וועמענס רעזערוו האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעענדיקט. ווי נאָר עס איז צעגאַנגען דער שניי, האָט זעליק אַבראַמאָוויטש אָנגעהויבן אויפקלייבן גראָזן און קאָכן עס אין ספּירט.

„בדרך כלל, האָבן מיר זעלטן געקרענקט. אַפילו די וואָס האָבן ביזן אַריינגיין אין די וועלדער געליטן פון מאָגן־קראַנקייט, האָבן אין די וועלדער פאַרגעסן פון דעם אינגאַנצן. אַזוי פאַרשפּרייטע קראַנקייטן, ווי גריפּע, מאַלאַריע, אַנגינע האָבן בכלל נישט געהאַט קיין אָרט אין די וועלדער. איך אַליין האָב ביז דער מלחמה געליטן פון כסדרדיקע אַנגינעס. אויך נאָך דער מלחמה האָט מיר די קראַנקייט כסדר געמאַטערט. אָבער אין די וועלדער בין איך קיינמאָל נישט קראַנק געווען אויף אַן אַנגינע. מיר האָבן יאָ געליטן פון צינגאַ, פּעלעגראַ, פאַרונקלען, ציין־קראַנקייטן און רעוומאַטיזם־קראַנקייטן, וועלכע טרעפן די באַזוכערס פון צפונדיקן פּאָליוס".

(א. פּיאָדאָראָוו — „געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין אונטער־גרונט", ז"ז 367־368).

בדרך־כלל האָט זיך אין דער צווייטער העלפט פון 1943, דער סאַני־טאַר־היגיעניִשער מצב פיל פאַרבעסערט און נאָרמאַליזירט. די גוטע פאַר־פלעגונג און די סאָסנע־לופט האָבן געטון זייערס, און די קראַנקייטן און טויט־פאַלן זענען דערפירט געוואָרן ביז צו אַ מינימום.

ה. דער יידישער מעדיצינער אַלס קעמפער און לעבנס־רעטער

ווי געזאָגט זענען כמעט אַלע פּאַרטיזאַנער, אָטריאַדן, בריגאַדעס און פּאַראייניקונגען, מיט קליינע אויסנאַמען, אין גאַנץ ווייסרוסלאַנד און אוק־ראַינע באַדינט געוואָרן דורך יידישע דאָקטוירים, שוועסטערס און סאַניטאַרן.

דער יידישער דאָקטאָר און שוועסטער האָבן געאַרבעט נישט בלויז אַלס מעדיציניִשע אַרבעטערס, נאָר אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין קאַמף. דער דאָקטאָר און די שוועסטער פלעגן מיטגיין און אָנטיילנעמען אין אַלע קאַמפּס־אָפּעראַציעס פון די אָטריאַדן און דיווערסיע־גרופּעס. מיט דער 'סומקע" אויף די פּלייצעס פלעגט דעם יידישן מעדיציניִשן־אַרבעטער אויסקומען, אונטער אַ געדיכטן פייער, אַרויסצושלעפּן די פאַרוווּנדעטע פון קאַמפּס־פּלאַץ און גלייך געבן גיכע הילף.

ד"ר יחזקאל אַטלאַס, קאָמאַנדיר פון אַ יידישער ראָטע פון בולאַקס אָטריאַד, האָט בשום אופן נישט געוואָלט אויסאיבן זיין פאַך אַלס דאָקטאָר, און געפאָדערט אים צו שיקן אין אַלע קאַמפן, ווו ער איז שטענדיק געווען אין דער ערשטער ריי, אויף די געפערלעכסטע פּאָזיציעס.

ווען ער האָט באַגעגנט ד"ר ראָזנצווייגן, גייענדיק צום אָנפאַל אויפן דערעטשינער גאַרניזאָן (10טן אויגוסט, 1942). האָט ער די ערשטע זאַך ביי אים געפרעגט: „גייסטו אַלס דאָקטאָר, אָדער אַלס קעמפער?" — און ווען ד"ר ראָזנצווייג האָט אים געענטפערט, אַז ער גייט אַלס קעמפער־פּאַרטיזאַן, האָט ד"ר אַטלאַס אַ צופרידענער מיט אים זיך צעקושט.

אויף וויפל ער האָט געאַרבעט אַלס דאָקטאָר צווישן די פּויערים, איז עס געווען נאָר בכדי צו באַקומען געווער פאַר די פּאַרטיזאַנער.

ד״ר מאַרקוס (וואָלקאָוויסק), איינער פון די ערשטע אין פּאַרטיזאַנקע פון דער ליפּיטשאַנער פּושטשע שיסט זיך אָפּ, ווען ער ווערט אַרומגערינגלט דורך די דייטשן אין דאָרף נאַקרישקי (זשעטלער ראַיאָן) און מיט דער לעצ־טער קויל דערשיסט ער זיך, בכדי נישט אַריינצופאַלן אַ לעבעדיקער צו די דייטשן (סעפּטעמבער 1942).

דער דאָקטאָר פון אָטריאַד „קוטוזאָוו״ (פּינסקער בריגאַדע), מאָטל וואָלאָדאַווסקי (יאַנאָוו, פּאָלעסיע), האָט בעת אַ שלאַכט מיט דייטשן ביים דאָרף אַדריזשין דערקענט דעם „זאָנדער־פירער״ פון יאַנאָווע, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער שחיטה אין שטעטל. ד״ר וואָלאָדאַווסקי וואַרפט זיך מיט זיין ביקס און דערהרגעט אים (שפּעטער געפאַלן בעת אַ שלאַכט ביים טייך האָדין).

מיט אַ העלדישן טויט איז אויך געפאַלן די שוועסטער סימאַ שעליובס־קאַ (דערעטשין). בעת דער גרויסער בלאָקאַדע אין דער ליפּיטשאַנער פּוש־טשע פון די קאַזאַקן (וולאַסאָווצעס), האָט בולאַקס בריגאַדע, זייענדיק פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט, געמאַכט אַ פּאַרצווייפלטן פּרווו זיך דורכצורייסן דעם דייטשן קאָרדאָן ביים א״ג ווילנער טראַקט. סימאַ שעליובסקאַ האָט נישט געוואָלט אַליין איבערלאָזן אַ סאָוועטישן פּאַרווונדעטן מאַיאָר און צוזאַמען מיט אים אומגעקומען, איניקע טעג פאַר דער באַפרייאונג.

די קראַנקנשוועסטער שעוואַכאָוויטש מאַשע (לידע), בלייבט אין פּרוי אויף אַן אָפּגעלעגענעם „כוטאָר״ אין אומגעגנט פון שטעטל וואָראָנאָווע, מיט פינף פּאַרווונדעטע פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „איסקראַ״, בכדי צו באַ־דינען זיי און קומט אום צוזאַמען מיט די פּאַרווונדעטע דורך ליטווישע פּאָליציי (אויגוסט 1943).

די קראַנקנשוועסטער פון אָטריאַד „סטרעלקאָוו״, אַסנע פּערלשטיין (אַניע), אַ באַראַנאָוויטשער יידישע מיידל פון 22 יאָר, האָט באַוויזן דורך איר אַרבעט אין א״ד אָטריאַד, אַז זי קען נישט נאָר אַרבעטן מיט מסירת־נפש, נאָר אַז זי קען אויך אַרויסנעמען אונטער אַ געדיכטן קוילן־האָגל פון קאַמפּ־פּלאַץ 12 פּאַרווונדעטע פּאַרטיזאַנער און געבן זיי הילף (בעת אַ 12־שעהדיקן קאַמף ביים דאָרף זאַסטאַדינע, (האָראָדישטשער ראַיאָן, 2טן מאַי, 1943), און אַז זי קען אויך באַוואָסטזיניק אָפּגעבן איר יונג לעבן, בכדי

צו מאַכן אַ פּרווו פון ראַטעווען דעם אָטריאַד־קאָמאַנדיר סטרעלקאָוו. זי האָט געהאַט אַלע מעגלעכקייטן אַפּצוגיין פון דער דורכגעפאַלענער לויערונג צוזאַמען מיט אַלע פּאַרטיזאַנער. זי קען אָבער נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, צו לאָזן אויפן שלאַכט־פעלד דעם שווער־פאַרווונדעטן קאָמאַנדיר. זי מאַכט אים אַ באַנדאַזש און באַוויזט נאָך צו פאַרוואַרפן אין קאַרן־פעלד זיין סומקע מיט וויכטיקע דאָקומענטן. זי ווערט פאַרווונדעט. די דייטשן נעמען זי אַ לעבעדיקע און פאַרפייניקן זי (יוני, 1943).

דאָס איוויער יידישע מיידל, פרומע טאַנפּעל, אַ קראַנקן־שוועסטער אין אָטריאַד „סוואָראָוו" (סטאַלינסקע בריגאַדע, נאַליבאָקער פּושטשע) איז דורך אַלע רוסישע פּאַרטיזאַנער באַוווּנדערט געוואָרן פאַר איר העלדישקייט און דרייסטקייט און איז געווען דער ליבלינג פון אָטריאַד. זי האָט געלעבט און געאָטעמט מיט נקמה־געפיל.

אַפּריל 1944 איז ביים דאָרף נאָוואָסיאָלקי (דאַדאָשקאָוויטשער ראַיאָן) געקומען צו אַ קאַמף צווישן דעם א"ד אָטריאַד מיט 150 דייטשן (נישט ווייניקער ווי 86 דייטשן זענען דאָרטן אומגעבראַכט געוואָרן). די קראַנקן־שוועסטער פרומע טאַנפּעל האָט דערזען אַ פאַרווונדעטן פּאַרטיזאַן אויף אַן אַרויסגערוקטער פּאָזיציע. זי איילט זיך אים צו געבן הילף, און דאַן ווערט איר יונג לעבן אין בליענדיקן עלטער איבערגעשניטן מיט אַ קוילן־סעריע אין בויך. זי שטאַרבט גלייך (אַפּריל 1944). דער קאָמיסאַר פון דעם אָטריאַד האָט אָנגעשריבן אַ ליד געווידמעט דער מסירת־נפשדיקער שוועסטער און מוטיקער דרייסטער קעמפערין, פון וועלכן דער לעצטער פערז לייענט זיך אין איבערזעצונג פון רוסיש:

זי איז נישטאָ זי איז פאַר אונדז אַ שטומע.
נאָר פאַר איר וועלן מיר נקמה נעמען און דעם פיינט פּלאָגן.
דעם נאָמען פון דער העלדישער קראַנקנשוועסטער — פרומע,
וועלן מיר דורך שלאַכטן צום זיג טראָגן.

אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטישע באַנדעס האָבן אין מאַי 1943 אָנגעגריפן די פּאָליעסער וועלדער, ווו עס האָבן געהאַט זייערע באַזעס דער אָטריאַד וואָראָשילאָוו" און צוויי יידישע פאַמיליע־לאַגערן „כוטאָר ווערבי" און „סאָסנאָווקע" נעבן דאָרף וויטשעווקא. נאָך אַ גענויער אויסשפּיאָנירונג פון פּלאַץ, האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אונטערן מאַנטל פון דער נאַכט־פינצ־

טערניש און דערמאָרדעט פינף און זיבעציק יידן פון די פאַמיליע־לאַגערן. דער קאַמף האָט זיך פאַרצויגן אַ גאַנצע נאַכט און ערשט פאַרטאָג, נאָך קענ־טיקע פאַרלוסטן אויך מצד די „וואָראָשילאָווצעס" איז געלונגען צו באַזיגן און פארטרייבן די „באַנדעראָווצעס" און „בולבאָווצעס".

ד"ר טשערניאַק פון פאַרטיזאַנער־אָטריאַד „קיראָוו"
מיט זיינע געהילפן

אין צענטער ד"ר טשערניאַק, לינקס — זיין פרוי, הינטער אים זיין געהילף (אַ רוס) און צוויי סאַניטאַרינס. פאָטאָ־גראַפירט אין דאָרף דראָבנאָטשאַרי, אַנטאָפּאָלער געגנט, (פּאָלעסיע). — (אַרכיוו פון „בית לוחמי הגיטאות" ע"ש י. קצנלסון, ישראל)

צווישן די פיל געפאַלענע איז אויך געווען די פאַרטיזאַנערין, מאַ־טילדאַ כאַיניאַ פון פולטוסק (ביי ווארשע). זי איז געווען אַ פעלדשערין און לייטערין פון פאַרטיזאנישן אַמבולאַטאָריום. זי איז געבליבן ביז דער לעצ־

טער מינוט מיט די קראַנקע און פאַרוווּנדעטע פּאַרטיזאַנער און נישט געמאַכט קיין פּרוּוו צו אַנטלויפן. די מערדער האָבן זי געכאַפּט אַ לעבעדיקע, צעשניטן אויף שטיקער און אויף איר קערפּער אויסגעמאָלט אַ „מגן־דוד“.

עלף ייִדישע דאָקטוירים און סטאָמאַטאָלאָגן פון וואָלקאָווישקער געטאָ זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן, צוליבן צוטיילן מעדיצינישע הילף אַ פאַרוווּנדעטן רוסישן פּאַרטיזאַן אין זאַמקאָוון וואַלד (ביי וואָלקאָוויסק). כתריאל לאַשאָוויטש דערציילט אין „וואָלקאָווישקער יזכור־בוך“ וועגן דעם פאַל:

„אייניקע יוגנטלעכע האָבן זיך, זומער 1942, פאַרבונדן מיט אַ גרעסערער רוסישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אין זאַמקאָוון וואַלד, לעבן וואָלקאָוויסק. צווישן זיי זענען געווען אויך אייניקע ייִדן. די ערשטע וואָס האָבן זיך פאַרבונדן מיט דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע זענען געווען: שרה רובין און איר שוואָגער, וועלכע האָבן מיט אַלץ מיטגעהאָלפן די פּאַרטיזאַנער. זיי פלעגן צושטעלן פאַר זיי אַלע נייטיקע מאַטעריאַלן פון שטאָט, אָנגעהויבן פון מעדיקאַמענטן און געענדיקט מיט אויפרייס־מאַטעריאַלן.

„אין אַ פינצטערער נאַכט איז צום עלעקטראָ־מעכאַניקער, צבי רויטמאַן, געקומען אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן און אים געזאָגט, אַז ער קומט אַלס שליח פון די פּאַרטיזאַנער און בעט אים מיטצוגיין אין נאָענטן זאַמקאָוון וואַלד צום פּאַרטיזאַנער־באַזיס, כדי צו פאַרריכטן זייער ראַדיאָ־אַפּאַראַט, דורך וועלכן זיי האַלטן אויף זייערע פאַרבינדונגען מיט מאָסקווע.

„נישט געקוקט אויף דער גרויסער סכנה, איז צבי רויטמאַן מיטגעגאַנגען מיט דעם שליח, ווייל ער האָט שוין פון לאַנג געוואָלט קומען אין קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנער. נאָך עטלעכע שעה אַרבעט איז אים געלונגען צו פאַרריכטן דעם ראַדיאָ. ער האָט געוואָלט בלייבן מיט זיי. אָבער זיי האָבן אים געראַטן צוריקצוגיין אין וואָלקאָוויסק און מיטאַרבעטן דערווייל מיט דער עקזיסטירנדיקער פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין שטאָט. אַן אונטערגעשיקטער שפּיאָן, מיטן נאָמען ראָשער, וועמען עס איז געלונגען זיך אַריינצושמוגלען אין די פּאַרטיזאַנער־רייען האָט באַלד געמאָלדן די דייטשן וועגן אַ ייִדישן טעכניקער, וואָס איז געקומען פון שטאָט צו די פּאַרטיזאַנער, פאַרריכטן זייער ראַדיאָ־אַפּאַראַט. אינצווישן איז געשען דער פאַל מיטן דערטיילן מעדיצינישע הילף אַ פאַרוווּנדעטן רוסישן פּאַרטיזאַן.

„אין איינעם פון די טעראָריסטישע אַקטן פון דער א. ד. פּאַרטיזאַנער־גרופּע לעבן וואָלקאָוויסק (אויפרייס פון אַ דייטשער טאַקסי) איז

פאַרוווּנדעט געוואָרן אַ פאַרטיזאַן. די פאַרטיזאַנער האָבן מיר געשיקט אין שטאָט צו ברענגען אַ דאָקטאָר. איך האָב געבעטן ד״ר בערל וועלוועלסקי, אַז ער זאָל באַהאַנדלען דעם פאַרוווּנדעטן פאַרטיזאַן. ד״ר וועלוועלסקי האָט געענטפערט, אַז אויב דער פאָרזיצער פון יידן־ראַט, ד״ר ווייַנבערג, וועט אים דערלויבן, וועט ער עס טון. ווען איך בין געקומען צו ד״ר ווייַנבערג, האָט ער מסכים געווען אַליין צו גיין אין וואַלד דערטיילן הילף דעם פאַרוווּנדעטן פאַרטיזאַן.

„די דייטשן האָבן בעת אַן אָנפאַל אויף די פאַרטיזאַנער־געכאַפּט דעם פאַרבאַנדאַזשירטן פאַרוווּנדעטן פאַרטיזאַן און באַלד פעסטגעשטעלט, אַז דאָס האָט אַ דאָקטאָר אים דערטיילט מעדיצינישע הילף. טראָץ אַלע פייניקונגען איז די דייטשן נישט געלונגען אַרויסצובאַקומען פון אים ווער איז געווען דער דאָקטאָר, וואָס האָט אים פאַרבאַנדאַזשירט די ווונדן און זיי האָבן אים דערשאָסן. די דייטשן האָבן גלייך געוואָרפן אַ חשד אויף די וואָלקאָווישקער יידישע דאָקטוירים. די דייטשן האָבן אַרויסגעשיקט אין זאַמקאָוון וואַלד צוויי אוקראַינער, וועלכע האָבן זיך אָנגעגעבן אַלס געוועזענע רוסישע סאָלדאַטן, וואָס ווילן זיך אָנשליסן צו די פאַרטיזאַנער. איינמאָל האָבן זיי אָנגעשיכורט די וואַך און אַרויסגעקראָגן פון זיי די בייס, אַז אַ יידישער טעכניקער און דאָקטאָר פון וואָלקאָוויסק זענען עס געווען די, וואָס האָבן פאַרריכט דעם ראַדיאָ און דערטיילט הילף דעם פאַרוווּנדעטן פאַרטיזאַן.

„באַלד זענען אַרעסטירט געוואָרן אַלע יידישע דאָקטוירים, דענטיסטן, אינזשעניערן און טעכניקער פון וואָלקאָוויסק. נאָך אַן אויספאָרשונג זענען באַפרייט געוואָרן אַלע אינזשעניערן און טעכניקער (אויך דער א״ד צבי רויטמאַן), נאָכדעם ווי זיי האָבן אויפגעוויזן זייער אַליבי, — מיט דער אַרגומענטאַציע, אַז זייערע אַרבעטס־באַדינגונגען האַלטן זיי צוגעבונדן צום אַרבעטס־פּלאַץ און די אינטערוועניץ פון זייערע דייטשע אַרבעטס־געבער.

די דייטשן האָבן געפאָדערט, אַז די דאָקטוירים זאָלן אַרויסגעבן דעם נאָמען פון דאָקטאָר, וואָס האָט דערטיילט הילף דעם פאַרוווּנדעטן פאַרטיזאַן. אַלע דאָקטוירים (און אויך ד״ר ווייַנבערג) האָבן עקשנותדיק דערקלערט, אַז זיי ווייסן גאָרנישט וועגן הילף פאַר פאַרטיזאַנער. נאָך פיל טעג פון שרעקלעכע עינויים זענען אַלע עלף דאָקטוירים דערשאָסן געוואָרן (13טן אָקטאָבער, 1942). זייערע נעמען: אייזיק ווייַנבערג, יעקב סעדלעצקי, ד. קאַנטאָר, בערל וועלוועלסקי, דוד קויפמאַן, יצחק האָניגשטיין, פרוי האָניגשטיין, פרוי גאָלאַנד, דוד טראָפּ, א. מאַנט און שמעון פרעס (צאָן־טעכניקער).

(לויט — „וואָלקאָווישקער יזכור־בוך״, צווייטער באַנד, ז״ז 686—702)

וויפל האָבן מיר געהאַט אַזעלכע העלדישע שוועסטערס און דאָקטוי־רים, וועלכע האָבן זייער לעבן אָפּגעגעבן פאַר דער זאַך פון קאַמף קעגן די דייטשע מערדערס, און פאַר ראַטעווען פאַרווונדעטע פּאַרטיזאַנער?

ייִדישע דאָקטוירים גיבן מעדיצינישע הילף די פאַמיליע־לאַגערן אין די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס, ווו צוליב דער נאַקעטקייט און קעלט, ענגשאַפט און שמוץ, פאַרשפּרייט זיך די טיפוס־עפּידעמיע און זייט טויט און אומ־קום. נישט אַלע מאָל האָט די פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג געקוקט גוט אויף דער מסירת־נפשדיקער אַרבעט פון ייִדישע דאָקטוירים פאַר זייערע אומ־גליקלעכע ברידער. דער ייִדישער דאָקטאָר, די ייִדישע שוועסטער האָבן אָבער זייער חוב געטון און ביי אוממענטשלעך־שווערע באַדינגונגען געראַ־טעוועט פיל ייִדן פון די פאַמיליע־לאַגערן פון אַ זיכערן טויט.

די ייִדישע פּאַרטיזאַנער־דאָקטוירים גיבן אויך הילף דער פויערישער באַפעלקערונג פון די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס. דאָס האָט בלי שום ספק מיטגע־ווירקט צום שאַפן אַן ענגן קאָנטאַקט צווישן די פּאַרטיזאַנער מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

דער איינפלוס פון ייִדישן דאָקטאָר אויף דער העכערער פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג

דער ייִדישער דאָקטאָר האָט אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער העכערער פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג פון דער פאַראייניקונג, בריגאַדע און אָטריאַד. ער ווערט דורך דער אָנפירונג, אַלס אַ מענטש מיט העכערער בילדונג, און אַלס אַזאַ, וואָס טוט אַ נוצלעכע אַרבעט פאַר די פּאַרטיזאַנער, געאַכטעט און מען רעכנט זיך מיט זיין מיינונג און עצה.

ד״ר בליומאָוויטש, (היינט ד״ר עלמאַן) אַלס הויפּט־דאָקטאָר פון דער בריסקער פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונג, קען ביי דער געלעגנהייט פּאַרטיידיקן די ייִדן קעגן די אַנטיסעמיטישע טענדענצן, וועלכע איניקע פּרוּוון דורכ־צושמוגלען אונטער פאַרשידענע אומשולדיקע מאַסקעס פון קריגס־בויט־ווענדיקייט אא״וו.

ד״ר ערליך, דער הויפּט־דאָקטאָר פון דער פּאַרטיזאַנער פאַראייניקונג פון גענעראַל ביעגמאַ, איז אויך אַ מיטגליד פון שטאַב, אַ ראַטגעבער, אַן וועלכן ביעגמאַ באַשליסט גאָרנישט.

ד״ר טייץ (מינסק) איז דער הויפּט־דאָקטאָרביים צענטראַלן שטאַב פון באַראַנאָוויטשער פּאַרטיזאַנער־פּאַראייניקונג און אַלס אַזעלכער האָט ער געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף גענעראַל מאַיאָר פּלאַטאָן.

ד״ר מיאַסניק (לידע) איז שפּעטער דער דירעקטאָר פון צענטראַלן שפּיטאָל אין ליפּיטשאַנער פּושטשע (דער שפּיטאָל איז פריִער אָרגאַניזירט און געלייטעט געוואָרן דורך ד״ר ראַקאָווער און ד״ר ראָזענצווייג) און ראַ־



אַ גרופּע יידישע דאָקטוירים אין ליפּיטשאַנער פּושטשע

פון רעכטס צו לינקס: ד״ר ח. מיאַסניק (לידע), כירורג פון צענטראַלן פּאַרטיזאַנישן שפּיטאָל; ד״ר א. רובינשטיין (פּיאָטרקאָוו), ד״ר פון אָטריאַד „פּראָקאָפּ״ און ד״ר ל. ראָזענצווייג (קעלץ), בריגאַדע־דאָק־טאָר פון „וואָראָשילאָוו״.

טעוועט הונדערטער פּאַרטיזאַנער פון אַ זיכערן טויט. ער היילט אויס דעם בריגאַדע־קאָמאַנדיר, בולאַק פון אַן ערנסטער פאַרוווּנדונג און אַדאַנק דעם האָט ער אַ געוויסע השפּעה אויף שופּיענין און אויף בולאַקן.

ד״ר ראָזנצווייג (קיעלץ) איז בריגאַדע־קאָמאַנדיר פון דער אַנטיסע־מיטישער בריגאַדע „וואָראָשילאָוו״ און ווירקט אין אַ געוויסער מאָס אויף דעם בריגאַדע־קאָמאַנדיר קאָמאַראָוו־פּעטיע.

ד״ר פישל גורוויטש (וואַרשע — היינט אין ישראל) איז געווים נישט לייכט קעגנצווווירקן דעם אַנטיסעמיטיזם אין אָטריאַד ״באַלשעוויק״ (נאַ־ליבאָקער (פושטשע), אָבער דאָך מילדערט ער אַ ביסל די אַנטיסעמיטישע שטימונגען.

דער יידישער דאָקטאָר באַשיצט זיין ברודער, דעם יידישן פאַרטיזאַן, שרייט אָפּ אַ גזירה, וואָגט צו מאַכן אַ טומל קעגן אַנטיסעמיטישע אַרויס־פאַלן, אינטערווענירט ביי די מאַסגיביקע פאַקטאָרן אָנצונעמען יידן און מבטל צו מאַכן אַ פאַראָרדענונג, וואָס קען טרעפן יידן.

בעת מען האָט נאָך דער אַבלאָווע אויפן טאַנק אין ליפּיטשאַנער פּושטשע אַרויסגעשיקט 40 יידן פון אָרליאַנסקי אָטריאַד אין פאַמיליע־לאַ־גער, האָט אַן אינטערווענץ פון ד״ר אַלפערט (זשעטל) ביים קאַפּיטאַן דאַ־ווידאָוו און אַן אינטערווענץ פון ד״ר מיאַסניק ביים באַפולמעכטיקטן שו־פיעני געווירקט, אַז די פאַראָרדענונג זאָל אָפּגעשאַפט ווערן.

טיילמאָל געלינגט דעם יידישן דאָקטאָר, אַדאַנק זיין השפעה אויף דער אָנפירונג, צו ראַטעווען יידן פון טויט.

דעם 22טן מאַרץ 1943 זענען אָנגעקומען אין ראַיאָן פון נאַליבאָקער פּושטשע 75 יידן, אַנטלאָפענע פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאָלדי־טשעווא. אין סטויפּצער ראַיאָן־צענטער האָט מען געקוקט אויף זיי ווי אויף צוגעשיקטע שפּיאָנען. עס איז געווען די געפאַר, אַז מען זאָל זיי אומברענ־גען. ד״ר זעליק לעווינבוק, וועלכער איז אַליין מיט אַ האַלב יאָר צוריק אַנטלאָפן פון א״ד לאַגער און האָט געאַרבעט אַלס הויפּט־כירורג פון דער בריגאַדע „קאָמסאָמאָליעץ״, ווי אויך זיין פרוי, וועלכע האָט געאַרבעט אַלס שוועסטער, האָבן ענערגיש אָפּגעוואָרפן די בלבולים און אָפּגעשריגן די גזירה ביים באַפולמעכטיקטן צאַרוק וולאַדימיר. די 75 יידן האָבן זיך איינ־געאָרדנט אין די אָטריאַדן פון נאַליבאָקער פושטשע.

ד״ר אייזיק מעלאַמעד (איוויע) איז געווען דער דאָקטאָר פון „זשוקאָוו״־בריגאַדע. ווי אַלע יידישע דאָקטוירים האָט ער אויך צוגעטיילט מעדיצינישע הילף די דאָרפישע באַפעלקערונג פון דער אומגעגנט. די קאָמאַנדשאַפט באַצייכנט אין זיין קאַמפּס־כאַראַקטעריסטיק: „אַדאַנק די פּראָפילאַקטישע מיטלען, וואָס ד״ר מעלאַמעד האָט אָנגענומען, איז נישט געווען קיין איין פאַל, אַז אַ פאַרטיזאַן זאָל קראַנק ווערן אויך אַן אָנשטעקנדיקער קראַנקייט״.

ער האָט געוואַגט אַרויסצוטרעטן קעגן אַנטיסעמיטישע טענדענצן, דיסקוטירן מיט אַנטיסעמיטן און דערפאַר זיך איינגעקויפט שונאים. דער אַנטיסעמיטישער בריגאַדע־קאָמאַנדיר, קלאַטשקאָ, האָט אין אַנוועזנהייט פון יידישע פאַרטיזאַנער געדראָט איינעם פון זיי, וואָס האָט געצעגערט אויסצופילן אַ סכנותפולע קאַמפּס־אויפגאַבע מיט אַ צעבראָכענער ביקס: „איך וועל דיך דערשיסן, זשידאָווסקאַ מאָרדאַ" (יידישער פּרצוף), אויב דו וועסט באַלד נישט דערפילן מיין באַפעל". אינצווישן איז געשען אַ באַ־דויערנסווערטער פאַל, אַז אַ ייד, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך האָט דערשאָסן אַ רוסישן פאַרטיזאַן. דער יידישער וואַכמאַן האָט דאָ אויסגעפילט דעם באַפעל צו שיסן אין יעדן, וואָס דערנענטערט זיך און וויסט נישט דעם טאָג־פּאַראָל. עס האָבן זיך באַלד געפונען אַזעלכע וואָס האָבן דאָס אויסגענוצט פאַר אַ גרויל־פּראָפּאַגאַנדע, אַז יידן הרגענען רו־סישע פאַרטיזאַנער. דער יידישער וואַכמאַן איז דערשאָסן געוואָרן; די פינף יידישע פאַרטיזאַנער פון דעם א"ד אָטריאַד זענען נאָכן אַנטוואָפענען אַרעסטירט געוואָרן און עס האָט געדראָט, אַז זיי זאָלן צעשאָסן ווערן. ד"ר מעלאַמעד האָט אינטערווענירט ביי דער העכערער אָנפירונג. די אַרעסטירטע זענען באַפרייט געוואָרן און צוריק איינגעגלידערט געוואָרן אין אָטריאַד.

די סאָוועטן־רעגירונג און די העכערע פאַרטיזאַנער־אָנפירונג האָבן אָפּגעשאַצט די מסירות־נפשדיקע אַרבעט פון יידישן מעדיצינישן אַרבע־טער און געבראַכט עס צום אויסדרוק אין אָפיציעלע דערקלערונגען, אַרטיקלען אין דער פאַרטיזאַנישער פרעסע און אין דער צענטראַלער פרעסע אין רוסלאַנד. אַלס אויסדרוק פון דאַנק מצד דער סאָוועטן רעגירונג צו דעם ד"ר מיאַסניק פאַר זיין אַרבעט אין צענטראַלן שפּיטאָל, איז ענדע 1943 אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פאַר אים פון אַן עראָפּלאַן — אַן אויטאָמאַט און אַ פּיסטאָלעט מיט אַ דעדיקאַציע פון קאַלינין.

פיל צענדליקער יידישע דאָקטוירים און שוועסטערס זענען באַלוינט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער רעגירונג מיט אָרדנס און מעדאַלן.

גאָלדע קאַגאַן־גאַלעצקי, פון פּינסק, אַ שוועסטער אין גענעראַל ביעגמאַנס פאַראייניקונג, איז אויסגעצייכנט געוואָרן דערפאַר, וואָס אונטערן האָגל פון שונאס קוילן האָט זי פאַרבאַנדאַזשירט אַ פאַרוווּנדעטן פאַרטיזאַן

און אַרויסגעשלעפּט אים פון קאַמפּס־פּלאַץ. ווערשיגאָראַ לויבט אין זיין בוך „מענטשן מיט אַ ריינעם געוויסן" (ז' 174) די דאָקטאָרין דינה מאַיעווסקי, פון קאָוופּאַקס איינהייט.

דער ייִדיש־מעדיציניַשער אַרבעטער האָט פיל ביי געטראָגן צום זיג איבערן היטלעריסטישן דייטשלאַנד און מיטגעווירקט צו דער ראַשיקער אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג און איר קאַמפּס־פעיִקייט.

(סוף פון ערשטן באַנד)

דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)

2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)

3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)

4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)

5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)

6) זרובבל — באַוו ג חורבן (אויספאַרקויפט)

7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)

8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)

9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)

10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)

11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די יידן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)

12) ישראל אפרת — היימלאָזע יידן (אויספאַרקויפט)

13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)

14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)

15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)

16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)

17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)

18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)

19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)

20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק

21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)

22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)

23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף

24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן

25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)

26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)

27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)

28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ יידן שפּאַלטן ימען

29) יעקב פּאַט — הענעך

30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פאַליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט
33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים **(אויספאַרקויפט)**
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פרצן...
36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פאַוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פערזענלעכקייט
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט **(לידער)**
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פשיסכע און קאָצק **(אויספאַרקויפט)**
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער **(אויספאַרקויפט)**
44) **ז. זעיאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב **(אויספאַרקויפט)**
45) **ד״ר ה. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... **(אויספאַרקויפט)**
46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער **(לידער)**
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ **(אויספאַרקויפט)**
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגעניש **(זכרונות)**
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען **(אויספאַרקויפט)**
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן **(אויספאַרקויפט)**
54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" **(ראָמאַן)**
55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) **שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע**
59) **ד״ר פיליפ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61־62) **דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)**
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64־65) **מרדכי שטריגלער — „ווערק צע"**
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן **(זכרונות)**
69) **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה **(אויספאַרקויפט)**
71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... **(אויספאַרקויפט)**
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע **(אויספאַרקויפט)**
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען (אויספארקויפט)
(פּרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאַנד אין סאַן־פּאולאָ, בראַזיל, 1951)
74) **ד"ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פּולער יואָך
82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)
84) **יוסף אַקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85־86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד"ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג (זכרונות)
89) **משה דוד גיסער** — דאָס גוזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)
90) **ז. י. אנכי** — ר' אבא און אַנדערע כתבים
91־92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע
93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען (ראָמאַן)
94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות (קראָקע)
95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן (זכרונות)
(פּרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאַנד, מעקסיקע 1954).
97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)
99) **פּועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין
100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור
101) **י. הירשהויט** — יידישע נאָפט־מאַגנאַטן
(פּרעמירט דורכן מרדכי סטאַליאַר ליטעראַטור־פאַנד, ביי „די אידישע צייטונג"
בוענאָס־איירעס, 1955).
102) **משה זאַנשיין** — יידיש וואַרשע
103) **פּ. מינץ** (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) — **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)
105־106־107) — **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פּאַפּירן
108־109) **מרדכי שטריגלער** — געאָרעמט מיטן ווינט (ראָמאַן)
110־111) **ד"ר א. מוקדוני** — וואַרשע און לאָדזש.
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאַנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס,
ניו־יאָרק, 1956).
112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות
(פּרעמירט דורכן מרדכי סטאַליאַר ליטעראַטור־פאַנד ביי „די אידישע צייטונג",
בוענאָס־איירעס, 1956).
113) **ב. שעפנער** — נאָוואָליפּיע 7 (זכרונות)

114) **פנחס שטיינוואַקס** — ייִדן צום געדענקען
115) **ק. צעטניק** — דאָס הויז פון די ליאַלקעס
116) **מאַקס ווײַנרײַך** — פון ביידע זײַטן פּלויט (**וועגן אורי קאָוונער**)
117) **אליעזר וויזל** — און די וועלט האָט געשוויגן
118) **ש. בערלינסקי** — ירושה
119) **ד״ר יוסף טענענבוים** — צווישן מלחמה און שלום
120) **יוסף אָקרוטני** — סוף קאַפּיטל
121) **זיגמונט טורקאָוו** — טעאַטער זכרונות פון אַ שטורמישער צײַט
122) **בער . ראָזען** — פּאָרטרעטן
123) **אברהם טענענבוים־ארזי** — לאָדז און אירע ייִדן
124—125) **משה קאַגאַנאָוויטש**— די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען

עס גרייט זיך צום דרוק:

דוד פלינקער — יאַנקל באַלעגאָלעס צײַטן
שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
מלך באַקאַלטשוק־פעלין — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
פנחס וועלנער — דערציילונגען

פרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

✶

י. כּאַרלאַש שרייבט וועגן מרדכי שטריגלערס ביכער־ציקל „אויסגע־ברענטע ליכט" („די צוקונפט", ניו־יאָרק, מאַי־יוני 1955):

מיט די צוויי ביכער „גורלות" האָט מרדכי שטריגלער אָפּגעשלאָסן זיין פיר־בענדיקן ציקל „אויסגעברענטע ליכט".

אַכט און האַלב יאָר זענען שוין פאַרביי זינט שטריגלער האָט זיין פורעניות־באַשרייבונג אָנגעהויבן מי־טן העליש־פייערדיקן ווערק „מאַי־דאַנעק". פאַר דער צייט איז דער ברי. וואָס פלעגט אונדז אין יענע יאָרן אַ סמאַליע־טון גלייך ביים ערשטן באַ־ריר מיט די דערציילונגען פון „דאָר־טן", — היפּש אָפּגעקילט געוואָרן. אַפילו ביים שרייבער אַליין איז אין די „גורלות" — פונקט ווי אין „ווערק צע" — שוין נישטאָ מער אַזאַ שאַרפער ריח פון אוממיטלבאַרקייט. ווי אין מאַידאַנעק", יעדנפאַלס נישט אין יענע טיילן פון די לעצטע צוויי בענד, ווו דער מחבר מיט זיך, צוליב ליטעראַרישע טעמים, זיך אָפּצורוקן פון די געשילדערטע פּערסאָנאַזשן, כדי אַזוי־אַרום זיי קאָנען בעסער אָב־סערווירן און אַנאַליזירן.

זאָל אונדז דעריבער אויך דער־לויבט זיין זיך אַ ביסל אָפּצורוקן פון די זאַכן, כדי זיי צו קאָנען אַלזייטי־קער באַנעמען, און אינעם שיין פון אַ געוויסער פּערספּעקטיוו פּרווון אָפּ־שאַצן מ. שטריגלערס ליטעראַרישן פאַרמעסט.

**
*

פון די פיר בענד (זעקס ביכער),

וואָס גייען אַריין אין שטריגלערס ציקל „אויסגעברענטע ליכט", פאַלט דאָס ערשטע בוך, „מיידאַנעק", אַרויס ווי אַ ווערק פאַר זיך, און די איבע־ריקע דריי בענד: „אין די פאַבריקן

פון טויט״, „ווערק צע״ (צוויי ביכער) און „גורלות״, איבער 1600 זייטן צוזאַמען, בילדן איין לאַנגע דערציילונג, וואָס איז געבונדן דורך אָרט, צייט און געשטאַלטן. דאָס איז די עפּאָפּייע פון ייִדישן פאַרגיין אינעם לאַגער פון „ווערק צע״ אויף דער „האָסאַג״ ־ אַמוניציע ־ פאַבריק אין סקאַרזשיסקאָ, ביי ראַדאָם. פון מאַידאַנעק האָט מען שטריגלערן, צוזאַמען מיט אַנדערע ייִדישע יונגעלייט, אין יוני 1943, אַדיבערגעפירט אַהין, אין דער טויט־פאַבריק, און דאָרט איז ער פאַרבליבן ביזן געדענקפולן תשעה־באב אין 1944, ווען די דייטשן האָבן צעשטערט דעם „ווערק צע״ און די טויזנטער נאָך געבליבענע ייִדן, אויסער אַ גרופּע פון אַ פּאָר הונדערט, האָבן זיי אומגעבראַכט.

פאַרוואָס האָט שטריגלער גראָד דעם לאַגער פון „ווערק צע״ אין סקאַרזשיסקאָ אָפּגעגעבן אַזויפיל פלאַץ און אויפמערקזאַמקייט? אין זיין „באַכוואָרט״ צו די „גורלות״ דערקלערט עס דער מחבר אַזוי:

„...די געשיכטע פונעם „חורבן ייִדישע וועלט״ מוז נאָר געשריבן ווערן פון אינעווייניק אַרויס... דער דאָזיקער קאַטאַקליזם האָט זיך נישט נאָר אָפּגעשפּיגלט אינעם הוילן גאַסןמאָרד. ער האָט זיך נאָך מער געקראַמפּט אין די אינטימע האַרץווענט און אין די מוחות. דאָס רוחניותדיקע שטייגן און פאַלן איז געווען מער רעאַליטעט ווי דאָס מאָרדן און דערמאָרדעט ווערן. דאָס לעבן איז געווען מער טראַגעדיע ווי דער טויט און דער ברויט־געשריי איז נישט איינמאָל שטאַרקער געווען ווי דער געשריי איבער בלוט. די געשיכטע פון טויטדיקן קאָשמאַר מוז בעסער פירן דורך די קאַנאַלן פון לעבעדיקן שימער, איידער דורך די וועגן פון הריגהדיקן יאָמער. דאָס האָב איך געזען און דאָס האָט געמוזט ווערן דער גורל פון מיין שרייבערישן זין ביים איבערוויקן די פעדער נאָך אַמאָל אין די יסורים פון אונדזער ייִדישן דור. ביים ארויספּלאַנירן די קאָנצעפּציע פון דער אַרבעט האָב איך דערפאַר גראָד אויסגעוויילט אַ לאַגער, וואָס האָט געווימלט מיט לעבן, — כדי דורך אים צו סימבאָליזירן דעם גאַנצן קאַטאַסטראָפאַלן אומוועג פון אונדזער גורל אין דער גאַנצער טיף״... אויב אַ פאָלק איז אונטערגעגאַנגען — און אַזוי אונטערגעגאַנגען, — מוז מען זען דאָס בילד פון פאָלק סיי אינערלעך און סיי אויסערלעך, בכדי מען זאָל קאָנען באַגרייפן דעם אומקום גופא״. ...„איך האָב זיך דערביי באַמיט אַרויסצוציִען פון תהום עטלעכע צענדליגנג געשטאַלטן, וואָס יעדער איינער פאַר זיך האָט סימבאָליזירט אַ געוויסן קרייז און לעבנסשטייגער. די אַלע האָבן געדאַרפט דורך זייער גאַנג אין דער קאַטאַסטראָפע אַריין באַווייזן, ווי אַזוי די דאָזיקע גאַנצע וועלט האָט אויסגעזען״.

מיר זענען נישט אין גאַנצן זיכער, אַז אָט דער באַוווּסטזיניקער אויסוואַל צוליב אַ באַשטימטן צוועק איז געווען די איינציקע סיבה, וואָס האָט באַוויגן דעם שרייבער צו מאַכן „ווערק צע״ פאַר דעם צענטער פון זיין שטרעבונג. אונדז שיינט, אַז עס

זענען געווען אויך אַנדערע סיבות דערצו, — סיבות וואָס האָבן גע־שטעקט טיף אין דעם שרייבער, ער־גען אויסער די ראַמען פון זיין „פרייען אויסוואַל". מיר זענען אויך מסופק, צי עס איז דעם שרייבער טאַקע געלונגען מיט דער הילף פון דער „ווערק צע"־עפּאָפּייע צו „סימ־באָליזירן דעם גאַנצן קאַטאַסטראָפאַלן אומוועג פון אונדזער גורל אין דער גאַנצער טיף". אָבער וועגן דעם — שפּעטער. דערווייל לאָמיר כאָטש איין בליק וואַרפן אויף דעם בילד, וואָס שווימט צו אונדז אַרויס פון דעם „ווימלענדיקן לעבן" אין סקאַר־זשיסקאָ — אַזוי ווי שטריגלער האָט עס געזען און געמאָלן פאַר אונדז.

**
*

מאַידאַנעק איז פאַר שטריגלערן געווען „נאָר דער קאָרידאָר צו נאָך טיפערע תהומות פון גאַז און אומ־קום". דאָס וואַרטן אויפן טויט האָט אויסגעפילט גאָר דאָס זיין. די איראַ־ציאָנאַלישקייט פון דער טאָג־טעגלע־כער עקזיסטענץ האָט נאָך ווי ס'איז געקאָנט ראַציאָנאַליזירט ווערן מיט דעם באַוווסטזיין, אַז די עקזיסטענץ גופא איז אַן עפעמערישע. עס האָט געקאָנט הייסן: דאָס אַלץ איז נאָר פאַרביילויפנדיק, נאָרמאַל קאָן אַזאַ צושטאַנד קיינמאָל נישט ווערן. און מיטאַמאָל איז דער שרייבער פון דעם־אָ ווילד פאַרטראָגענעם, צעיו־שעטן שגעון פון מאַידאַנעק אַריינגע־פאַלן אין דעם „מיושבדיקן" לעבן פון סקאַרזשיסקאָ, וווּ דער טויט איז איינגעגלידערט געוואָרן אין דעם טאָג־טעגלעכן זיין און דאָס איראַ־ציאָנאַלע איז נאָרמאַליזירט געוואָ־רן — — —

אַ לאַגער — רעגירט פון אַ דע־מאָנישער אומבאַלאַנסירטער פרוי. אַ יידישע פּאָליציי, וואָס הרגעט און ממיתט אומדערבאַרעמדיק און פירט יידן צום טויט. רעגולער און סיסטע־

מרדכי שטריגלער

מאַטיש. פּיקרינער און פּיקרינערינס, געל פונעם גיפט, וואָס זיי זאַפּן אין זיך אַריין ביי דער אַרבעט אויף דער טויט־פאַבריק, פוילנדיק און שטינ־קענדיקע, פאַרמשפטע צום שטאַרבן אין געציילטע וואָכן, דרייען זיך דאָ אַרום צווישן די לעבעדיקע און גע־זונטע, און מיטן איבעריקן שטיקל ברויט, וואָס זיי קריגן פאַר זייער אָפּ־סמנדיקער אַרבעט, קויפן זיי זיך נאָך ליבע ביי די געזונטע, וואָס ווילן ניט שטאַרבן פון הונגער. די דייטשישע ראַפינירט־סאַדיסטישע פאַבריק־אָנ־פירערס, מיט די פּוילישע און אוק־ראַינישע ברוטאַל־מערדערישע אויפ־זעערס, זענען דאָ אַוועקגעשטעלט

פנים־אל־פנים מיט זייערע אומבאַ־
האָלפענע און פאַרלאָרענע קרבנות
— פולשטענדיק אָפּגעשלאָסן פון דער
אַרומיקער וועלט, אַזוי אַז קיין פונק
פון קיין מחשבה וועגן עפּעס אַ קאָנ־
טראָל פון דער זייט קאָן דאָ גאָר־
נישט אַרויסשווימען ביי קיינעם. אומ־
דורכדרינגלעכע רעזיגנאַציע האַלט
אין אירע קלאַמערן אַלעמען; יעדער
איינער ווייסט, אַז „ווערק צע״ מיינט
זיכערער טויט פאַר איטלעכן. אָבער
דערווייל לעבט מען נאָך. און אפשר
וועט מען נאָך לעבן חדשים לאַנגע.
גייט דערווייל אָן, אין מיטן פון דער
בלינדער און טעמפּער אָפּהענטיקייט,
אַ לעבן — מיט שנאה און פריינד־
שאַפט, קנאה און גרויסמוטיקייט,
זשעדנעקייט און פאַרראַט, הונגער
און פרעסעריי. איינצלנע פאַרבענקטע
לויפן פון לאַגער אין די נעכט און
ווערן דערשאָסן. מען זינגט אַפילו
לידער צוזאַמען, און מען מאַכט פאָר־
שטעלונגען, און מ׳זאַמלט זיך, און
מען דיסקוטירט. און איבער דעם
אַלעמען — ליבע, שמוציקע, פאַר־
קויפלעכע, פאַר אַ שטיקל ברויט,
פאַר אַ קליידל. און הפקרות אָן אַ
ברעג, מען וויל אויסלעבן דאָס, וואָס
מ׳האָט נישט געלעבט, און וואָס גי־
כער און וואָס אינטענסיווער אויס־
לעבן; און וואָס נעענטער דער טויט,
אַלץ מער און אַלץ גיכער וויל מען
אַריינכאַפּן, אַלץ הפקרדיקער דער
ברען פון דער ליידנשאַפט, אַלץ אומ־
געצאַמטער און צעלאָזענער די באַצי־
אונגען. מ׳טוט אַלץ בפרהסיא, מ׳ווייס
נישט מער פון קיין שאַנדע — אַזוי
ווי הינט און חזירים. און אַזוי־אָ
טאַנצט מען אַריין מיט דער הפקרות
און אויסגעלאַסנקייט אין סאַמע טויט
אַריין.

אַזוי האָט דאָס בילד געשילדערט
שטריגלער, און מיר גלייבן, אַז דאָס
איז לעבנסגעטריי. פונדעסטוועגן
לאָזט זיך נישט אָננעמען, אַז דאָס
בילד „סימבאָליזירט דעם גאַנצן קאַ־
טאַסטראָפאַלן אומוועג פון אונדזער
גורל״, ווייל מיר ווייסן גלייכצייטיק
אויך פון אַנדערע בילדער. אמת,
נישט אין „ווערק צע״, נאָר אַנדערש־
וו. מיר ווייסן פון די געטאָ־אויפ־
שטאַנדן אין וואַרשע, ביאַליסטאָק,
טשענסטאָכאָוו; מיר ווייסן פון צענד־
ליקער און הונדערטער, גרעסערע און
קלענע, אויך אומצאָליקע פאַראיינצל־
טע, אַקטן פון פּראָטעסט און ווידער־
שטאַנד; מיר ווייסן אויך פון פאַר־
צווייגטער קולטור־אַרבעט אין וויל־
נער און אַנדערע געטאָס אין די אומ־
מענטשלעכסטע באַדינגונגען פון ליי־
דן און פּיין; מיר ווייסן פון העלדישן
פּאַרטיזאַנישן קאַמף און גייסטרייכן
פּאַרטיזאַנישן שאַפן. און דאָס זענען
אויך געווען פאָרמען פון „גאַנג אין
דער קאַטאַסטראָפע אַריין״.

נאָך מער: אַפילו אין „ווערק צע״
איז נאָך אויך געווען גענוג מאַטער־
יאַל פון טיף־מענטשלעכער קוואַלי־
טעט, און שטריגלערס פעדער, וואָס
קאָן נישט נאַרן, דערציילט אויך וועגן
שטילער פּערזענלעכער פריינד־
שאַפט און געטרייער קרבנותפולער
איבערגעגעבנקייט צווישן חברים
(מאַנטפעלד, מענדל) אין סקאַרזשיס־
קאָ. זי דערציילט וועגן מענטשן, וואָס
קאָנען הערן דעם ספּעציפישן רוף פון
דער ווייט און לאָזן זיך שטיל און
איינזאַם גיין נאָכן רוף. שטריגלער

ווייס אויך צו דערציילן אזוי וועגן דער געשיכטע מיטן פּופּצניאַריקן מיידעלע, וואָס האָט זיך קעגן אַלע באַצווינגער געריסן צו דער מאַמען ביי דער לעצטער סעלעקציע אין לאַגער:

„...דער גאַנצער פּלאַץ מיט מענטשן האָט שוין איצט פאַרגעסן אין זיך. אַלע האָבן דאָ שוין פון פריער אַלץ אויפגעגעבן אין זיך... און אַז דאָס איינע מיידעלע האָט זיך געוואָרפן, אַקטיוו געקעמפט פאַר עפּעס אַזעלכעס, וואָס זי וויל דערגרייכן קעגן דעם אַנגעוואָרפענעם ווילן, — האָבן אַלע הערצער מיט איר מיט־געצאַפּלט"...

„...אין דער מאַסע האָט זיך אַ באַ־וועג־געטון עפּעס אַזוינס, וואָס איז טאַקע געשטאַנען אויף איין אָרט, — אָבער די מחנה וועט זי אַ כאַפּ־טון ווי אַ הייליקע פאַן און זיך אָנהענגען אין דעם צאַפּלדיקן גוף פונעם ווי־דערשפּעניקן מיידעלע און זי וועט נעמען גיין, אַדורכשפּרייזן די מויער פון שוואַרצע ביקסן"...

עס הייסט, אַז ביי דער פּאַסיקער געלעגנהייט וואָלט נאָך אויך „ווערק צע" געקאָנט באַווייזן מענטשלעכע וווּנדער, און די עטלעכע צענדליגג געשטאַלטן, וואָס דער מחבר האָט געשילדערט, האָבן „דורך זייער גאַנג אין דער קאַטאַסטראָפע אַריין", קאָן זיין, נאָך נישט באַוויזן, ווי אַזוי די דאָזיקע גאַנצע וועלט האָט אויסגעזען". דער גאַנג פון די איינצלנע געשטאַלטן פאַלט נישט אַלע מאָל צו־נויף מיט דעם „עפּעס אַזוינס", וואָס קאָן זיך אַ באַוועג־טון אין דער מאַסע, ווען דער שעת־הכושר איז דער־צו פאַראַן. און אָט דאָס „עפּעס אַזוינס", שיינט אונדז, דאַרף מען שטענדיק זוכן אין דעם מענטשן, מען דאַרף עס דערקענען, פאַרשטיין און דערויף בויען, פונקט ווי מען דאַרף „אַריינדרינגען אינעם קאָמפּלעקס פון

מענטשלעכן נשמה־פּלאָנטער", כדי צו פאַרהיטן די וועלט פון דורכמאַכן נאָך אַזאַ קאַטאַקליזם", ווי זי האָט לעצטנס דורכגעמאַכט.

**
*

אָבער אויסער דער אוטיליטאַריס־טישער סיבה פון שטריגלערס אויס־ווילן „ווערק צע" פאַר דעם הויפּט־שטאָף פון זיין שילדערונג איז קענ־טיק געווען דערצו נאָך אַן אַנדער סיבה, — אַ פּסיכאָלאָגיש־קינסטלע־רישע. דער מחבר האָט נאָך אין „מאַידאַנעק" געוויזן, אַז ער האָט אַ שטאַרקן חוש פאַר גראָטעסק און אַ טיפן אינטערעס צום פּסיכאָ־פּאַטאָ־

לאָגישן. און אַז ער איז אַרונטערגע־
קומען אין לאַגער פון סקאַרזשיסקאָ,
האָט זיך מסתמא וואָס איבעראַשנ־
דיקס אָפּגעשפּילט אין זיין נשמה.
איין געשטאַלט מיסטעריעזער פון
דער אַנדערער, איין פּרעגצייכן גרע־
סער פאַרן אַנדערן, רעטענישן איבער
רעטענישן, און אַלץ אַזוינע צודרינ־
גענדיקע, אַזוי שפּאַנענדיקע. ווער
איז עס — אָט די ייִדישע קאָמענדאַנ־
טין, וואָס די דייטשן האָבן איר אָנ־
פאַרטרויט די מאַכט איבערן לאַגער
און וואָס באַווייזט צו האַלטן אין דער
מורא אַ כאָפּטע מענער־באַנדיטן און
גאָרגל־שניידערס פון דער פּאָליציי
אירער? וואָס פאַר אַ פּלענער באַהאַל־
טן זיך אין מוח פון דעם ראַפינירטן
סאַדיסט, ד״ר ראָסט? און וואָס איז
עס פאַר אַ טיפּ דער פּינאָוו, וואָס
רעדט אַזוי פּליסיק ייִדיש און קאָן
זיך אַזוי קונציק פאַרשטעלן? און ווי
באַוועגן זיך די שטימונגען אין דעם
רעטענישפולן רוצח שולצע? און וואָס
טוט זיך דאָרטן אין די שמוציקע
נשמות פון אַזוינע וואַלד־גזלנים ווי
קאָפּערניק, ביירא און קאָטלינגאָ? און
ווי פילט זיך אַ געוועזענער בונדיסט
אויפן פּאָסטן פון אַ וויצע־קאָמענדאַנט
אין דער פּאָליציי פון ייִדן־לאַגער אין
„ווערק צע״? און אַ געוועזענע פּרומע
לערערין פון אַ „בית־יעקב״־שול —
ווי גייט עס איר אין אָט־דער אַט־
מאָספערע פון אומגעצאַמטער צעלאָ־
זנקייט? הײַנט די פּיקרינער, וואָס
באַוועגן זיך איבערן לאַגער ווי גע־
שפּענסטער און קאָנען שוין אַפילו פון
זיך קיין קלאַנג נישט אַרויסברענגען;
און די פאַרליבטע און איפּערזיכטי־
קע, וואָס זענען געווען אַזוי רייך אין
צאָל אין לאַגער; און די פאַרשידענע
טיפּן אין לאַגער בכלל. אַזאַ נייע
וועלט האָט זיך דאָרט צעשפּרייט
פאַרן דאָרשטיקן אָבסערוואַטאָר, אַזאַ
מיטרייסנדיקע וועלט פאַרן פּסיכאָ־
לאָגישן פאָרשער.

און דער שרייבער איז שוין דאָרטן
פאַרבליבן אויף אַ היפּשער ווײַלע.
צענדליקער געשטאַלטן געשילדערט.
גרויזאַמע מאַסן־שחיטות פון דאָס ניי
אַרויסגעבראַכט פון דער פאַרגאַנגענ־
הייט און מיטן בלוט פונעם האַרצן
באַלעבט, אין די פאַרבאָרגנסטע קע־
מערלעך פון דעם מענטשנס פּסיכיק
אַריינגעקוקט, איבער די געדרייטע
און געשלענגלטע סטעזשקעלעך פון
די צעריסענע און צעוויטיקטע
נשמות געוואַנדערט און אין מיטן פון
דעם אַלעמען — די לעבנסגעשיכטע
און דער ראָמאַן פון פרעדזשען און
העניעך גלאָז. מיט דעם לעצטן איז
עס שטריגלערן גאָרנישט לייכט גע־
גאַנגען, וואָרעם מעכעלע, שטריג־
לערס אָפּבילדונג אין דער „ווערק
צע״־שילדערונג, איז אַליין געווען
פאַרטשעפּעט אין פרעדזשעס נשמה־
לעבן מיט אַ ווינקל — און אפשר
מער ווי מיט אַ ווינקל — פון זיין
האַרצן. נישט אומזיסט, קענטיק, האָט
דער מחבר געהאַט צו שרייבן אַזויפיל
התנצלותן פאַר און נאָך די באַזונ־
דערע ביכער פון דער סעריע, געהאַט
אַפילו אַ ספּעציעלן „שמועס פון
מחבר מיט איינער פון זיינע העל־
דינס״; — יאָ, שטריגלער האָט גע־
האַט גרויסע שוועריקייטן מיט דער
פרעדזשע־באַשרייבונג.

און דאָ קומען מיר צו שטריגלערס
פּרווו צו שילדערן געשעענישן פון

דער ווירקלעכקייט אין מענטשן פון דער וואָר — מיט בעלעטריסטישע מיטלען. אין אַ היסטאָרישן ראָמאַן מעג מען ווי געטריי זיין צו די געשיכטלעכע פאַקטן און דאָך לאָזן פולע פרייהייט פאַר דער פאַנטאַזיע ביים שילדערן און באַלעבן די פערסאָנאַזשן פון דער פאַרגאַנגענהייט. דאָ האָט שטריגלער געהאַט אַ שווערע אויפגאַבן; די ווירקלעכקייט האָט כסדר געדראָט צו קומען אין קאָנפליקט מיט דער פרייהייט פון שרייבערס פאַנטאַזיע ביים פסיכאָלאָגישן אויסטייטשן די האַנדלונגען פון די מענטשן אָדער ביים אַנאַליזירן דעם פסיכאָלאָגישן הינטערגרונט צו די האַנדלונגען. ווער ווייס, צי דעם מחברס באַהאַלטענע אומצופרידנקייט, אָדער כעס און פאַרביטערטקייט, וואָס לאָזן זיך צייטנווייז פילן דאָ און דאָרטן אין דער „ווערק צע“־עפּאָפּייע, קומען נישט פון זיין נישט קאָנען פערזענלעך זיך אַן עצה געבן מיט דער פרעדזשע־שילדערונג?

עפּעס פונעם פערזענלעכן לאָזט זיך דאָ פילן אויך אין דעם קינסטלערישן מיטל פון אַנאַליז, און זעלבסט־אַנאַליז, מיט וועלכן שטריגלער באַנוצט זיך אַזוי אָפט און אַזוי אויספירלעך. קינסטלעריש אַנאַליזירן מענטשן, אַנאַטאָמירן זייער פּסיכיק קאָן האָבן צוויי באַדייטן: עס קאָן מיינען אַן אופן פון נקמה נעמען אין דעם מענטשן, זיך אָפּרעכענען מיט אים; עס קאָן, אָבער, אויך הייסן: אויפדעקן, צענעמען און דערקלערן די אינערלעכע סיבות פון דעם מענטשנס האַנדלונגען און דערמיט זיי טיילווייז רעכטפאַרטיקן. דער אונטערשייד אין באַדייט איז, נאַטירלעך, אָפּהענגיק פון דעם קינסטלערס פערזענלעכער באַציִונג צום אַנאַליזירטן, און אויך פון דעם קינסטלערס אינערלעכער באַציִונג צום מענטשלעכן מין בכלל. אין דער „ווערק צע“־עפּאָפּייע קעמפן ערטערווייז די ביידע באַדייטן צווישנאַנאַנדער, בעת דער שרייבער אַנאַליזירט געוויסע העלדן זיינע.

* * *

און איבער אַלעם, דוכט זיך בלייבט נאָך אַלץ „מאַידאַנעק“ דאָס געלונגסטע און שטאַרקסטע ווערק פון דעם ציקל „אויסגעברענטע ליכט“. אָביעקטיווקייט אין שילדערונג, צמצום אין אויסדרוק־פאָרעם מענטשן־ליבע הינטער דעם אַנאַליז דרייסטקייט אין דעם זעלבסט־אַנאַליז, קיין מורא אַרונטערצולאָזן זיך אין די טיפסטע באַהעלטענישן פון דעם מענטשנס נשמה, דאָס זוכן דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע אין יעדער דערשיינונג און דאָס געפינען דעם מענטשן אַפילו אין דער אומהיימלעך־נאַקעטער, ברוטאַל־סאַדיסטישער, איראַציאָנאַלער וועלט פון טויטלעכן שגעון, — די אַלע מעלות שטעלן אַוועק דאָס בוך „מאַידאַנעק“ אין שטריגלערס סעריע אויף אַ באַזונדערן פּלאַץ אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 124

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA
Hecho el Depósito que marca la ley

Copyright by:
MOSHE KAHANOVICH, Tel Aviv (Israel)

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material claims against Germany.

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 25 DE JULIO DE 1956 EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON Nº 1231, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.

MOSHE KAHANOVICH

LA LUCHA DE LOS GUERRILLEROS JUDIOS EN LA EUROPA ORIENTAL

Tomo I

★

Editado por la
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA
Buenos Aires, 1956